STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06734

IN TOKH GENUMEN

Jacob Glatstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גלאַטשטיין

אין תוך גענומען

קיום

21

שה פייגענבלום.

אין תוך גענומען

עסייען 1949-1959

פון

יעקב גלאַטשטיין

בוך צווייִ

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס, ה׳תש״ך — 1960

אין דעם געזאַמלטן באַנד „אין ווּך געוּמען״ זענען נישט אַריין קיין עסייען פון די פריערדיקע צוויי ביכער, וואָס זענען דערשינען אין די יאָרן 1947, אַרויס־געגעבן דורך דעם פאַרלאַג „מתנות״, ניו־יאָרק, און 1956, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק.

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון די פריינט פון לובלינער פאַרבאַנד: מיטעלמאַן לעאָן, טעמפּעלדי־נער ישראל, גראַדעל יעקב, פעלד צדוק, לאַקסענבורג משה, ברידער בעכער, קיר־שענבוים יוסף, בורשטין אברהם, זילבערג לעאָן, גיטמאַן שמעון און קליגער משה.

I

ליטעראַטור און עקאָנאָמישע געזעצן / די נייע יידישע פּערזענלעכקייט / ליב זענען מיר יידישע שרייבער / אַ מאָנאָלאָג פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל / די ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדישע האַנט־ביכער / די יידישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור / די יידישע ענציקלאָפּעדיע / מיין באַרעכטיקטע מורא / קאָמינגס און פעלדמאַן / טאָינביס נייע יידישע אָריענטאַציע / באַמערקונגען / דער טראָפּ איז אויף מענטש / אַ ווערק וועגן קאַרל מאַרקס / ווען פאַרגעבונג איז נישט קיין צדקות / באַוווּנדערונג און ביטול / פּאַבלאָ פּיקאַסאָס וועלט / מוזיק, וואָרט און מעשים „יידן צום געדענקען" פון פּנחס שטיינוואַקס / לעאָ קעניגס לעסטערונגען / קריטיק / גערעדטע און אויסגעשריגענע ווערטער.

ליטעראַטור און עקאָנאָמישע געזעצן

דער 85־יאָריקער ענגלישער דערציילער סאָמערסעט מאָהעם גיט שוין ווידער אַרויס, ווי ער האָט שוין עטלעכע מאָל פריִער פאַרזיכערט, זיין לעצט בוך. ער האָט אַזויערנאָך אַרויסגעגעבן עטלעכע לעצטע ביכער, אָבער דאָסמאָל, ווייזט אויס, מעג מען אים אפשר גלייבן, ווייל נאָכאַלעמען איז ער שוין פאַרט אין די יאָרן, ווען אַ שרייבער רוט זיך געוויינלעך אָפּ, ספּעציעל אַ שרייבער ווי מאָהעם, וואָס איז אַ בעל מטופל מיט אַן עטלעכע און זעכציק בענד דערציילונגען, נאָוועלן און דראַמען. דער 85־יאָריקער סאָמערסעט מאָהעם וועט פאַרברענגען זיין אָפּרו אויף אַ רייזע אַרום דער וועלט; און ווידעראַמאָל קען מען נישט זיין צו־זיכער אַז פון דער וואַקאַציע זיינער זאָל נישט אַרויסוואַקסן אַ שפּאָגל־נייַ לעצט בוך, ווייל מאָהעם האָט תמיד געשעפּט ־יינע שרייבערישע דערפאַרונגען פון רייזעס, פון באַגעגענישן, זעענישן און הערענישן.

דאָס לעצטע, לאָמיר עס רופן דאָס בייס.טע בוך זיינס, וועט זיין אַ בוך עסייען, און נישט לאַנג צוריק איז אין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל דערשינען אַן עסיי, וואָס איז אַן אַדערויף אויף דעם בוך. אין דער דאָזיקער עסיי גיט אונדז דער פּראָדוקטיווער אויסטראַכטער פון קורצע דערציילונגען און נאָוועלן זיין אני־מאמין, גיכער די שטויס־קראַפט וואָס האָט אים באַוויגן צו שרייבן זיינע דערציילונגען. מאָהעם חזרט איבער, וואָס ער האָט שוין שיינע עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז אַ דערציילונג אָדער אַ נאָוועלע דאַרף אונטערהאַלטן, פאַרוויילן דעם לייענער, פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן, אָנציִען און אַריינציִען דעם לייענער, אַז ער זאָל הנאה האָבן פון דעם שרייבערס דערצייל־קונסט.

קיין אַנדער מיסיע האָט נישט דער קינסטלער פון דער לענגערער אָדער גרעסערער דערציילונג, זאָגט אונדז מאָהעם, ער איז נישט קיין פּרעדיקער, קיין מאָראַליסט, קיין שטראָפער, און אַ דאַנק אים דערפאַר, ווייל דער קינסטלער־דערציילער איז אַ מענטש מיט אייגענע פאָראורטיילן, וואָס וואָלטן דיקטירט זיין בליק אויף מאָראַל, אָדער טענדענציעזע אמתן. אָבער נישט־ווילנדיק, ווייל דער קינסטלער שילדערט דעם אמת ווי ער זעט אים, און נישט ווי ער פּרעדיקט אים, באַקומט זיך סיי־ווי אַן אמתדיקע שילדערונג פון דער צייט און פון איר מאָראַלישן קלימאַט. מאָהעם גיט אונדז צוויי ביישפּילן;

קיפּלינגען און טשעכאָוון. אַז מען לייענט קיפּלינגס מעשות היינט, זיינע ענג־ליש־קאָלאָניאַלע שילדערונגען, פאַרשטייט מען פאַרוואָס ענגלאַנד האָט גע־מוזט פאַרלירן אירע קאָלאָניעס. ווען מען לייענט טשעכאָווס מעשות, באַ־גרייפט מען פאַרוואָס ס'האָט אין רוסלאַנד געמוזט קומען צו אַ בלוטיקער רעוואָלוציע.

ווען מ'זאָל אָננעמען מאַהעמס מיינונגען וואָלט מען געמוזט קומען צום אויספיר, אַז דער פּובליציסט, דער וואָרענער מיט דער פּען איז אַ סך אַ נוצ־לעכערער מענטש ווי דער קינסטלער, ווייל ער זעט דעם אמת, וואָרנט און שרייט־אויס באַצייטנס, בעת דער קינסטלער־דערציילער איז אַ מין נייטראַ־לער געשיכטע־שרייבער — אין רעטראָספּעקט. אַז מען לייענט דעם קינסט־לער פאַרשטייט מען די סיבות, וואָס האָבן געמוזט פירן צו בלוט־פאַרגיסונג, אויפשטאַנדן און בירגער־קריג, אָבער דער ערנסטער פּובליציסט, וואָס שטייט אויף דער וואַך, קען דאָך אפשר העלפן אויסמיידן בלוט־פאַרגיסונג. אין אונ־דזער אייגענער צייט קען זיין אַז דער פּובליציסט העלפט טאַקע דירעקט אויסמיידן אַ דריטע וועלט־מלחמה און ער וואָרט נישט, ווי דער קינסטלער־דערציילער, אַז מען זאָל ערשט אין אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרום זיך כאַפּן — אויב ס'וועט זיין עמעצער וואָס זאָל לייענען און זיך כאַפּן — פאַרוואָס די וועלט האָט געמוזט פאַרוויסט ווערן.

אָבער אויף נאָך אַ מדרגה הינקט־אונטער מאַהעמס קרעדאָ וועגן דער דערציילונג — אַז איר ציל איז נישט מער ווי אונטערהאַלטונג און קיין אַנ־דערע שליחות האָט זי נישט. אונטערהאַלטונג איז דאָך שוין אַ געשמאַק־זאַך. מאָצאַרט — מאַהעם דערמאָנט זיין נאָמען ווי אַ משל, וועלן מיר אים אויך דערמאָנען — האָט טאַקע אויך געוואָלט פאַרוויילן דעם מוזיק־הערער, אָבער עלוויס פּרעסלי פון „ראָק ענד ראָל"־מוזיק איז דאָך אויך אַן אונטערהאַלטער. די פראַגע איז, אויף ווי ווייט מעג דער לייענער געטרויען דעם שרייבער־אונ־טערהאַלטער אין זיין פּערזענלעכן געשמאַק פון פאַרוויילונג.

און דערביי מעג מען נאָך צוגעבן, אַז וויבאַלד אַ שרייבער איז אויסן בלויז אונטערהאַלטונג, וועט ער אַפילו אומדירעקט נישט ברענגען דעם אמת, אַפילו נישט אין שפּיגל פון דער צוקונפט — אויף דער פאַרגאַנגענהייט. ער וועט זיך אַזוי יאָגן נאָך פאַרוויילונג־עפעקטן, אַז דער אמת וועט צעטראָטן ווערן.

מער פון אַלץ האָט מיך אינטערעסירט דער פּראַקטישער בליק פון סאָ־מערסעט מאָהמען אויף ליטעראַטור און שרייבער. די קורצע דערציילונג איז אויפגעקומען אין אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט, ווייל דער לייענער האָט עס

גענומען פֿאַדערן, דערקלערט מאַהעם. דער פֿאַרלעגער האָט ריזיקירט מיט דער קורצער דערציילונג און אַרויסגעגעבן זאַמלונגען און דער שרייבער האָט געשריבן, ווייל ער האָט אין דעם געזען אַ קוואַל פֿון פּרנסה. ווי אַ מענטש וואָס האָט געמאַכט הונדערטער טויזנטער דאָלער פֿון זיין שרייבן, איז מאַ־העם באַרעכטיקט צו ריידן וועגן דער עקאָנאָמיק פֿון ליטעראַטור, פֿאָדערונג־און־צושטעל, און אַזוי ווייטער, אָבער מיט דער דאָזיקער מאָס וויאַזוי זאָל מען מעסטן די וועלט־פּאָעזיע? אָנגענומען אַז ס׳איז ווען־עס־איז געווען אַ שטיקל נאָכפֿרעג אויף פּאָעזיע, אָבער איז טאַקע דאָס דאָזיקע אַרטיקל גע־ווען עובר לסוחר? האָט עס געגעבן חיונה? און האָט טאַקע שעלי, ווערלען אָדער רילקע צוגעשטעלט פּאָעזיע, ווייל ס׳האָט געשפּייזט דעם פּאָעט?

און ווען מען זעצט־איבער אַלע הנחות מאַהעמס, אויף אונדזערע איי־גענע יידישע באַגריפֿן, וועלן מיר פּשוט ווערן נשתומם, ווי אַ גאַנצע ליטע־ראַטור איז אַנטשטאַנען בעל־כּרחה, אָן עקאָנאָמיק, אָן צושטעל אויף דירעק־טער פֿאָדערונג און אָן פּרנסה. פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז דער יידישער שריי־בער געווען אַ פּאָעט, אַפֿילו דער פּראָזאַישסטער פּראָזע־שרייבער. אַוודאי האָט שלום־עליכם געהאַט לייענערס, און אַש האָט געהאַט לייענערס, אָבער די יידישע ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע האָט דאָך אַפֿילו אין פּרצעס צייטן געמוזט רעדוצירט ווערן צו פֿאַקענטערגעריי. דוד פּינסקי האָט אַמאָל דערציילט ווי ער האָט געקלאַפּט אין יידישע טירן און צעטראָגן פּרצס „יום־טוב־בלעטער״ און זיי ממש אַרויפֿגעצוווּנגען אויף יידישע לייענערס. די גליקן וואָס יידישע שרייבערס מאַכן היינט־צו־טאָג פֿון זייערע ראָמאַנען אָדער דערציילונגען, מעגן דאָך אַוודאי פֿאַלן אויף אַלע וויסטע פּעלדער.

אמת, מען קען אַרגומענטירן אויף צוריק און זאָגן, אַז געוויסע אומנאָר־מאַלקייטן אין דער יידישער ליטעראַטור קומען גראָד דערפֿון, וואָס די ליטע־ראַטור איז נישט געבונדן פֿון די אייזערנע עקאָנאָמישע פֿאָדערונג־ און צו־שטעל־געזעצן. וואָלט געווען אַ לייענער וואָס פֿאָדערט, וואָלט דער שרייבער געזען פֿאַר זיך אַ לייענער און ער וואָלט אים באַדינט און נישט נאָר געשריבן, ווי און וואָס אים אַליין געפֿעלט און פֿאַלט איין.

קען מען אָבער צוריקשמועסן און דאַנקען און לויבן וואָס די עקאָנאָמיק האָט נישט באַהערשט דאָס ביסל וואָס מיר פֿאַרמאָגן, ווייל אונדזער ליטע־ראַטור וואָלט ביים היינטיקן טאָג געהאַט אַן ערגער פּנים, ווען דער שרייבער וואָלט אינזינען געהאַט פּרנסה, לייענער אָדער פֿאַרלעגער. זי וואָלט פּשוט — נישט עקזיסטירט. די יידישע ליטעראַטור, אויב מ׳זאָל זי מעסטן מיט די

מאָסן פון אַ סאָמערסעט מאָהעם, איז אַ נס, ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן, ווי דאָס יידישע לשון וואָס איז שוין באַלד נישטאָ אין דער „עקאָנאָמיק" פון אונדזער אַמעריקאַנער לעבן. דער „אף על פי כן" באַהערשט גיכער אונדזער דראַנג צו זיין און צו שאַפן, ווי די גאַנגבאַרסטע טעאָריעס.

.1959

די נייע יידישע פּערזענלעכקייט

יעדער חדר־יינגל ווייסט וועגן די אַלטע היסטאָרישע יידישע פּערזענ־לעכקייטן. מיר האָבן מיט זיי געלעבט טאָג־טעגלעך. מיר קענען אויך דעם היסטאָרישן ייד, ווי ער איז דורכגעגאַנגען דורך דער אַלטער יידישער גע־שיכטע, דורך אירע אינקוויזיציעס, ווי ער האָט מיט שמחה אויסגעשריגן דעם שמע ישראל. אָבער אַזוי גיך ווי דער ייד איז אַריין אין קליינעם שטעטל, איז ער געשיכטלעך פאַר אונדז פאַרפאַלן געוואָרן. מיר האָבן אים נישט נאָכגע־פאָלגט און נישט געזען וואָס פאַראַ וווּנדערלעכן אָפּקלייב ער מאַכט, ווי ער געשטאַלטיקט זיך אַליין אין געשטאַלט פון דער יידישער מאַרטירער־געשיכ־טע, ווי ער בויט זיך אויף, ווי ער באַשיצט זיין מאָראַל, איך מיין אויך מאָ־ראַל אין ענגלישן זין פון וואָרט, — אויסהאַלטעוודיקייט. ער איז דער אַל־טער ייד נאָר אַ געשניצטער און געפורעמטער דורך נייע געשעענישן. מיר זעען אים ווי ער איז פּחדנותדיק־העלדיש, ווי ער שעצט און שיצט דאָס לעבן און דאָס וואָרט, ווי ער גייט דורך מיט דבקות און התלהבות, דורך דער גאַנצער חסידישער פּעריאָדע, מיט בילדונג־דאָרשט דורך דער השכלה־פּע־ריאָדע, דורך אַלע אירע גייסטיקע באַוועגונגען. ער ווערט קלוג, טרויעריק, אויסדויערעוודיק, פעלדזנפעסט, געדולדיק, אָפּוואַרטנדיק, וועלטלעך, מאָראַ־ליש־דערהויבן. מיר ווייסן וועגן די אַלטע יידישע מאַרטירער, אָבער האָבן מיר דען אַן אַנונג געהאַט, אַז אַזויפיל מאַרטירערטום איז אָנגעזאַמלט אין דעם בייעם יידישן מענטשן, אַזויפיל גייסטיקע גבורה, אַזויפיל פרומקייט, אַזויפיל צערטלעכקייט?

פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס זוכן רק אונדזערע פאַררעטער אין דעם גיהנום פון געשעענישן, אָבער מען דאַרף דאָך נישט זיין קיין גרויסער לוי יצחק אויסצושרייען, אַז די לומפּיקע צאָל פאַררעטער איז נישט קיין באַווייז, ווי שטאַרק און ווידערשטאַנדפעיק אונדזער פאָלק איז געווען, אין זיינע פינצ־טערסטע מאָמענטן, ביז דער שווערער רייטוואָגן פון היטלערן איז איבער אים דורכגעפאָרן און צעשטויסן און צעשטויבט זיינע ביינער.

דער נייער, גרויסער, ליכטיקער, יידישער מענטש — וואָס איז ער אַזוינס געווען? אַ קלוגער סקעפּטיקער, אַ באַזיצער פון אַ יידישקייט, וואָס האָט זיך קוים געלאָזט דעפינירן, און פון דעסטוועגן האָט ער אָפּגעקליבן אַ הויכע מאָראַל פון יאָרן אין גלות, אַ מאָראַל וואָס איז געוואָרן אַ הוספה צו די

נביאים, אַ לייטערונג־מאָראַל, אפשר דאָס וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט באַדאַרפט צוקריגן צום אַלטן „טעסטאַמענט". נישט אַ נייעם פּאַרוואַסערטן און פּאַראַדיסטישן, נאָר אַ נייערן טעסטאַמענט פון יסורים, אַ פיל געפּרווטן, אַ גרויסן לעבעדיקן פּירוש אויף אונדזער אַלט חומשל, אַ פּירוש פון שווערער עקזיסטענץ, וואָס האָט געהאַלטן פאַר אונדז ליכטיק די גליִענדע ווערטער פון אַלטן ספר.

דאָס איז דער פּירוש וואָס האָט דערפירט צום זאָג פון דעם מיסט־טרעגער אין דער געטאָ, צו זלמן קאַלמאַנאָוויטש וואָס האָט אויסגערופן אַז ער קושט דאָס מיסט פון ייִדישן פאָלק! צו אהבת ישראל, צו דער ליבשאַפט פון דאָזיקן ווונדערלעכן און מאָראַלישן אויסדויער, וואָס איז פאַר דעם ייִד געוואָרן דאָס אייביק־אָפּטימיסטישע געזאַנג פון לעבן.

אָט די גרויסע נייע ייִדישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אויך דערלעבט די טריט פון גאולה, קומט אין נייעם לאַנד מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, נישט ווי אַ טעמפּער טרעגער פון יסורים, ווי אַ דור המדבר פון די פלייש־טעפּ, נאָר ווי אַ פאַרגייסטיקטער מענטש, וואָס האָט ביי די שווידערלעכסטע אומשטענדן קיינמאָל נישט אויפגעגעבן דעם חלום פון דערלייזונג, און אַפילו איינמאָל אַ יאָר געשפּילט דעם בן־חורין און אויך אויסגערופן לשנה הבאה בירושלים.

דאָס איז אַ מענטש וואָס קומט עפּעס געבן דעם לאַנד און נישט נאָר נעמען; געבן עפּעס אַזוינס וואָס געהערט צום קדשי קדשים פון דעם לאַנד — דעם סוד פון אונדזער גרויסן אויסדויער, פון דער מאָראַלישער דיזיבּעקציע, וואָס אונדזער נייע ייִדישע פּערזענלעכקייט האָט געקראָגן, דורך הונדערטער יאָרן אין גלות, און איז אַרויסגעקומען געלייטערט, דערהויבן, המשכדיק. דאָס איז אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס וואַרט סיי אויף דעם פּראָזע־קינסטלער און סיי אויף דעם פּאָעט. מיר אַלע שטייען געפּלעפּט פאַר דער אַנטפּלעקונג פון אַזאַ גרויסן ייִדישן רעזערוואואַר פון כוחות. מיר ווייסן ווי דער ייִד האָט געלאַכט, ווי ער האָט געטראַכט, אַפילו ווי ער האָט געזונגען און ווי ער האָט געקלאָגט. איצט זענען מיר שולדיק דער מאָדערנער ייִדישער פּערזענלעכקייט, דעם נאָמען ייִד, אַ גרויסן חוב, צו ווייזן ווי אַזוי ער האָט געלעבט און דערלעבט.

די חשיבות פון דער ייִדישער פּאָעזיע

אַ ייִדישער קינסטלער היינט־צו־טאָג מוז אויף זיינע פּלייצעס טראָגן אַלע ייִדישע געשיכטלעכע פּראָבלעמען פון גאַנצן פאָלק, כדי זיי צו קענען באַלייכטן, אָפּשפּיגלען און קינסטלעריש סיסטעמאַטיזירן.

וואָס איז דען קונסט? פּובליציסטיק איז מיינונג־פאַרשידנהייט — לאָמיר אָננעמען: ערלעכע מיינונג־פאַרשידנהייט און אַ קריגעריי לשם שמים, אַ געוואַלדיק לאַנגזאַמער און ווייטיקדיקער פּראָצעס, אויסצוגלייכן די וועלט פון איר קרומקייט. קומט אַ קינסטלער מיט אַ ליכטיק אויג און לייגט עס אַוועק קלאָר און טייטשט אויס אַלץ אַזוי, אַז עס איז נישטאָ קיין חילוקי דעות. אמת, קונסט האָט אויך די וועלט נישט געראַטעוועט פון איר פאַרזומפּיקן צושטאַנד, אָבער הויכע קונסט פאַרמאָגט אין אירע אייגענע גרענעצן עלעמענטן פון גרויסער איבערצייגונג. אַ קינסטלער באַלייכט אַלץ דורך פאַרשטיין און קינסטלעריש מסביר זיין.

מיר נייטיקן זיך איצט, מער ווי אַלעמאָל, אין אַזעלכע ייִדישע קינסטלער, פּונקט ווי די ייִדישע קינסטלער נייטיקן זיך אין אַזאַ צוגאַנג צום ייִדישן לעבן. מיר וואַרטן אויף די דאָזיקע זעערס, אויף די דאָזיקע פאַרשטייערס, באַזינגערס און באַלייכטערס.

מיר דאַרפן געבן דאָס געשטאַלט פון דער היינטצייטיקער ייִדישער פאַרזענלעכקייט, זיין מאַרטירערטום, זיין גאַנג צו דער צוקונפט דורך אַלע וועגן און אומוועגן, זיין גלויבן, זיין טיפע מאָראַל. מיר דאַרפן וויסן, אַז אויך אין אונדזער צייט האָבן געלעבט און לעבן תנאים און אמוראים. מיר מוזן זיך איינגלידערן אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק און דערפאַר איז נייטיק צו זען דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין קאַמף פאַר אַ גאַנצער, שטאָלצער און געזיכערטער גייסטיקער און פיזישער עקזיסטענץ.

נאָך עפּעס: אונדזערע גרויסע קלאַסיקער האָבן פּאַקטיש אַלע אָנגעהויבן מיטן שטעטל. עס דאַרף איצט קומען דער גרויסער ייִדישער קינסטלער, וואָס זאָל פאַר אונדז מאַכן דעם חתימת הספר און קינסטלעריש שליסן די עפּאָכע פון ייִדישן שטעטל. דאָס דאַרף זיין אַן עפּאָפּייע, אַ גרויס געזאַנג, דאָס מוז זיין אַ מאָנומענט און אַן אייביק יאָרצייטליכט, וואָס דאַרף ברענען פאַר דער וועלט און זיך איינברענען אין איר אויף דור דורות.

נאָר מיט אַזאַ ברייטן צוגאַנג און מיט אַזאַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר דער אויפטרייסלונג פון גאַנצן ייִדישן לעבן, קען דער ייִדישער און העברעיִשער שרייבער קומען און ממשיך זיין די ייִדישע ליטעראַטור ביים היינטיקן טאָג.

עס איז אַ ריזיקע אויפגאַבע און דערהויפּט פאַר ייִדישע שרייבערס, וואָס זענען אַנטשלאָסן, אַז ייִדיש מוז בלייבן לעבן. ייִדישע שרייבערס נייטיקן זיך אין דעם גלויבן פון וואַרעמע ייִדן, וואָס זאָלן אונדז געבן מוט אָנצוגיין מיט דעם קאַמף פאַר אַ לשון און אַ ליטעראַטור, וואָס זענען די שאַפונג פון דער מאָדערנער ייִדישער פּערזענלעכקייט.

אָבער דערפאַר וועט נייטיק זיין אַ גרויסע רעאָריענטאַציע. ייִדישע שרייבערס וועלן זיך מוזן אָפּגעבן אַ טיפן דין־וחשבון און דער דין־וחשבון וועט בשום אופן נישט קענען זיין קיין אויבנאויפיקער, נאָר אַזעלכער וואָס זאָל וואַרפן אַ ברייטן היסטאָרישן בליק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור, אויף דער ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט און אויף דער ראָלע וואָס זי דאַרף און וואָס איז איר נאָך באַשערט צו שפּילן אין לעבן פון ייִדישן פאָלק.

לאָמיר אויפהערן ריידן פון ייִדיש אין טערמינען פון אייביקייט. לאָמיר, אונדזער דור, בעסער אַריינלייגן די גאַנצע אייביקייט אין דער איצטיקייט.

די ייִדישע פּאָעזיע האָט דורכגעפירט איר דערהויבענע שליחות און אַנט־וויקלט, ראַפינירט דאָס ייִדישע וואָרט, אָפט אין עלנטער התבודדות. דאָס ייִדישע דיכטערישע וואָרט האָט טייער געהאַלטן אונדזער לשון, אַפילו ווען ייִדישע מיילער זענען אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון לעבעדיקן ייִדיש און דער־ווייטערט געוואָרן פון קוואַל.

די ייִדישע פּאָעזיע האָט אָפט געאַרבעט אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט פון אויסגעטראַכטע לעבעדיקע מיילער. זי איז געשטאַנען אויף דער וואַך און ביז צום מאָמענט ווען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק איז געווען געהילט אין טרויער און געוויין, האָט די ייִדישע פּאָעזיע, דורך אירע אַנטוויקלונגען, דורך אַלע אירע באַרג־אַרויפן און אַראָפּן און אָפּטער אָפּזונדערונג פון פאָלק, מיט־געקלאָגט און אָפט געוואָרן די פּירזאָגערין. אונדזער פּאָעזיע האָט געראַטע־וועט די ווערדע פון מענטש. אין קיין איין ליטעראַטור זענען נישט פאַראַן אַזויפיל קינות און לאַמענטאַציעס, ווי אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווייל קלאָגן מיינט שטיין איבער דעם אומשולדיק־דערמאָרדעטן צלם־אלקים און באַוויינען זיין פאַרשניטן לעבן. ס'איז נישט בלויז אַן אויסדרוק פון הילפלאָ־זיקייט און פּאַסיוויטעט, נאָר ס'איז אַזוי צו זאָגן דער שטאַרקער פּראָטעסט פון הילפלאָזיקייט.

איינע פון די אומגעלומפּערטסטע כאַראַקטעריסטיקס פון אונדזער גאַנ־צער ציוויליזאַציע איז, וואָס די אַלע, וועמענס נעמען דאַרפן טאַקע אויף אַן אמת אָפּגעמעקט ווערן, לעבן אין אַ נעגאַטיווער געדענקעניש. דער ימח שמו איז דאָך אייגנטלעך אַ היסטאָרישע פיגור, און די קרבנות זיינע זענען אָפּ־

געמעקט פון אונטער די הימלען. דעם טיראַנס שלעכטס גיט אים צו אַ דער־הויבנדיקן פּרעסטיזש, ער ווערט נישט אויסגעמעקט פון די געשיכטע־ביכער, נאָר זיין נאָמען ווערט אָפּגעהיט. אונדזערע קינות און אונדזערע לאַמענטאַ־ציעס זענען אַ זוכעניש פון אַ קליין ביסל יושר, פאַר די נאָמענלאָזע קרבנות. זוכט אומזיסט קלאָג־לידער אין דער רוסישער ליטעראַטור, אויף די קרבנות פון איוואַן גראָזני. פאַרקערט, איוואַן גראָזני אַליין איז שוין אַ סך מאָל רייב־געוואַשן געוואָרן דורך אַ כלומרשט ברייטן היסטאָרישן צוגאַנג, איבער די קעפּ און די טויטע גופים פון זיינע קרבנות. דאָס איז אַ צוגאַנג, וואָס קען אַליין שטיין איבערן בלוט פון קרבן און שרייבן פּאַסיווע געשיכטע.

מיר קענען נישט מסכים זיין מיט אַ בלוטיקן צוגאַנג, אַז דער קרבן דאַרף איגנאָרירט ווערן אָפּגעווישט. אונדזערע געוויינען וואָס דענערווירן אַזוי די וועלט זענען אייגנטלעך געוועזן מאָראַלישע לעקציעס, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו וואַרפן אין פּנים דער גלייכגילטיקער וועלט, ביי וועמען טראַגישקייט און דעספּאָטיזם זענען נישט מער ווי פּאַראַגראַפן, אין גלייכגילטיק־פאַרשריבענע כראָניקעס פון וועלט־אַנטוויקלונג. מיר ייִדן באַוויינען דעם באַזונדערן מענטש. מיר הייבן אויף יעקבס קול און מיר קע־נען נישט שלום מאַכן מיט דעם פאַרשניטענעם געוויין פון קרבנות, וואָס זע־נען נישט מער ווי ציגל פאַר דער רשעותדיקער וועלט־געשיכטע. דאָס איז געוועזן דער זין פון אונדזערע אַלע קינות, אין אַלע צייטן. די ייִדישע פּאָעזיע איז אָנגעצונדן מיט דעם פייער פון אירע גרויסע שעלטערס, שטראָפערס און מאָנערס. די ייִדישע פּאָעזיע האָט דורך דעם פאַרשריבן אַ גרויס קאַפּיטל פון יאָמער־ליד וואָס וועט אייביק שטיין ווי אַ מאָנומענט נאָך די מיליאָנען וואָס זענען אַוועק אומבאַוויינטע פון אונדזער גלייכגילטיקער וועלט.

.1959

ליב זענען מיר יידישע שרייבערס

שרייבט מיר מלך ראַוויטש, נישט לאַנג צוריק, אין אַ בריוו: „איך האָב ליב אַלע ייִדישע שרייבערס אומעטום ווו זיי זאָלן נישט זיין“, און איך גלייב אים בפירוש און בוכשטעבלעך, ווייל כ׳ווייס אַז אויך מיר זענען ליבער פון אַלץ, אין דער טרויעריקער וועלט אונדזערער — ייִדישע שרייבערס. און ווען כ׳זאָג — ייִדישע שרייבערס, שליסט עס איין גאָר אַ סך, אַ גרויסע צאָל פנימער, ווערק און נעמען, און אַפילו געדענקטע ציטאַטן און באַזונדערע שורות. ס׳שליסט איין די אַלע וואָס באַדינען און זענען גרייט צו באַדינען דעם ייִדישן לייענער טאָג־טעגלעך, אין דער ייִדישער פרעסע, אָדער דעם איינמאָל־אַ־יאָר־לייענער, וואָס פאַרבענקט זיך נאָך אַ ייִדיש בוך, אָדער זשורנאַל איינמאָל אַ יאָר — ווי אַ ימים־נוראימדיקער ייִד נאָך אַ מקום קדוש.

דער אָפּטימיזם פון שרייבן ייִדיש איז דאָס ליכטיקסטע וואָס מיר פאַרמאָגן, ווייל די מייסטע ייִדישע שרייבערס באַשיינען אונדזער לשון, הגם מען האַלט זיי אין איין דערגיין די יאָרן, אַז אָט־אָט און ס׳איז אויס מיט ייִדיש, אָדער אַז ס׳וואָלט געווען אַ יושר ס׳זאָל זיין אויס. אָט קעגן דעם פאַרמיידלעכן ליגן און קאָזאַצקן יושר קעמפט דער ייִדישער שרייבער און ראַנגלט זיך, נישט נאָר ווען ער ציט אַביסל בצימצומדיקע פרנסה און חלילה נישט דערפאַר, נאָר פשוט — אַזוי גיך ווי ער דערזעט זיך פנים אל פנים מיט דעם טרייסטנדיקן ייִדישן וואָרט, מיינט עס, אַז אַפילו ביי די ייִדישע שרייבערס וואָס מאַכן וואַסער אויף קאַשע, אָדער וואָס זייער חיונה קומט פון אַנדערע קוואַלן, איז ייִדיש שרייבן אַלץ דער פרישסטער קוואַל אין זייער הרחבההדיקן אָפּרו.

אָבער פונקט ווי ס׳שליסט איין גאָר אַ סך צו זאָגן, אַז ייִדישע שרייבערס האָבן ליב איינע די אַנדערע, שליסט עס אויך אויס גאָר אַ סך. ס׳שליסט אויס דערפאַר, ווייל אַחוץ שרייבערס זענען מיר אויך מענטשן און מענטשלעך און מיר חברן זיך צווישן זיך דעמאָלט, ווען די חברשאַפט וואַקסט אָן אָדער וואַקסט אויס דורך אַ צאָל יאָרן, און אויך מחמת און לויט באַשטימטע אומשטענדן און טעמפּעראַמענטן. ס׳האָט אויך צו טאָן, ווי אין אַנדערע צעכן, מיט אָפטן אָדער זעלטענעם באַגעגענען, מיט נאַטירלעכן צוצי און אָפּשטויס, וואָס איז דאָס אומפאַרשטענדלעכסטע אין דער וועלט. ליבשאַפט צום שרייבער, ווי צו יעדן אַנדערן שאַפער פון קונסט, האָט נאָך די מעלה, וואָס מ׳קען

אָפּטיילן דאָס ווערק פון מענטשן, און אַ דאַנק גאָט, וואָס מ׳קען עס טאָן, ווייל אַ סך שרייבערס געווינען פון דעם אַ סך מער ווי זיי פאַרלירן.

מיינט עס אויך אַז אַ שרייבער מעג אַפילו, אין אונדזער ענג וועלטל, ווו דער לייענער איז דערווייטערט פון אונדז און אַ סך מאָל טאַקע ממש אָפּוועזנדיק, זיך אויסקלייבן און צוקלייבן חברים־שרייבערס. ניין, כ׳גיב זיך נישט די עפּנטלעכע פּריווילעגיע אַרויסצוּוואַרפן פון דער שרייבערישער בראַנזשע קיין איין ייִדן, וואָס „ציט״ מיט אַ ייִדישער פּען, אָדער מיט אַ שרייבמאַשין, אָבער יעדער שרייבער מעג פּריוואַט צוקלייבן זיינע שריי־בערס, מיט וועמען ס׳ווערט אים היימישער, פּונקט ווי אַנדערע גיבן אים אַ געפיל פון אומהיימלעכקייט.

די משפחה ווערט אָבער דערפון נישט קלענער, און דאָס משפחה־געֿ־פיל אויך נישט. ייִדישע שרייבערס זענען אַן אינטימע משפחה און, ווי אין יעדער משפחה, זענען זיי שטאָלץ מיט געוויסע קרובים און נעמען אָן די קרובהשאַפט פון אַנדערע ווי אַ פאַקט. די נאָענטשאַפט און ליבשאַפט צווישן ייִדישע שרייבערס, נעמט נישט אויס און טאָר נישט אויסשליסן קיין קרי־טיק. ס׳איז נישט קיין מוז פאַר שרייבערס אויפצוגעבן זייערע אייגענע און באַזונדערע קריטעריעס, אין קרייז פון דער וואַרעמער שרייבערישער משפחה־שאַפט. די ליבשאַפט מעג זיך אונטערשיידן פון ביאַלאַגישער אָדער עראָ־טישער דערמיט, וואָס זי מעג נישט זיין בלינד און זי מעג אויך האַלטן פון געוויסע שרייבערס אַביסל ווייניקער, ווי יענע שרייבערס האַלטן פון זיך.

און דערביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ביי אונדז קריגן שרייבערס בכלל געַנוג אַנערקענונג. הלוואַי וואָלטן זיי געהאַט אַזויפיל לייענערס, ווי זיי האָבן אַנערקענונג. נישטאָ דער שרייבער וואָס געווינט זיך נישט ערגעץ אַ ווינקל, ווו מ׳קען אים און מ׳טראָגט אים אַנטקעגן דעם שיינעם גוט־מאָרגן. נישטאָ דער אומפּאָפּולערער שרייבער, וואָס זאָל זיך נישט האָבן דעראָבערט אַן אייגענע פּאָפּולאַריטעט, אין אַן אייגענעם קרייז. אָפטמאָל ווערט ער אין זיין קרייז אַזוי דערהויבן און געגרויסט, אַז קיין אַנדער שרייבער קען זיך דאָרט נישט אַריינרייסן.

ליב האָבנדיק ייִדישע שרייבערס שליסט בפירוש אויך נישט אויס, ביי דער גאַנצער ליבשאַפט, פיינט צו האָבן פערזענלעך געוויסע שרייבערס, ווייל זייערע דרכים זענען נישט צום האַרצן, אָבער די דאָזיקע פיינטשאַפט איז אויך נישט קיין בלינדע, ווייל זי שליסט נישט אויס די אַנערקענונג פאַר די פּאָזיטיווע פאַרדינסטן און בלייבעוודיקע אויפטוען פון דעם שרייבער, צו וועמען מען האָט גאָר אַ סך טענות.

געדענקט זיך מיר די וואַרעמע מסיבות אַרום אברהם רייזענס ליטע־ראַרישן טיש, מ. ל. האַלפּערנס, מאַני לייבס, און די רייד וואָס מ׳האָט גע־רעדט, סיי די רכילות און סיי די שיחת חולין, ווייל די וואַרעמקייט איז גע־קומען פון צוזאַמענגעהאַלטענער ליבשאַפט. און די דאָזיקע צוזאַמענגעהאַל־טענע ליבשאַפט פעלט אויך נישט ביים היינטיקן טאָג, ווען יידישע שריי־בערס באַגעגענען זיך, ביי אַ יום־טובדיקער פאַרזאַמלונג. די אויגן זענען וואַ־רעמע, די געשטרעקטע הענט זענען פריינטלעכע און אויפריכטיקע, און מ׳איז צופרידן, וואָס מען זעט זיך און מ׳קומט צוזאַמען אויף לעבעדיקע שמחות. ס׳איז בפירוש בייזע רכילות צו זאָגן, אַז יידישע שרייבערס האָבן זיך חלילה פיינט. דער יידישער שרייבער טראָגט אין קאָפּ און געדענקט צען מאָל אַזוי־פיל נאָענטע חברים און ווייטערע קאָלעגן ווי דער נישט־יידישער שרייבער, וואָס באַגייט זיך און באַנוגנט זיך מיט אַ צענדליק נעמען. די אַנדערע, ווייסט ער, וועלן שוין אַליין שווימען און דערשווימען און ער איז זיי נישט מחויב צו פאַרזאָרגן אַפילו אין זכרון. ביי אונדז טראָגט יעדער איינער פּאַקטיש די גאַנצע ליטעראַטור און די גאַנצע זשורנאַליסטיק אויפן קאָפּ, און טאָמער פאַלט ביי עמעצן אַרויס אַ נאָמען, אָדער צוויי, איז עס נישט קיין מאַלער. די פּראָפּאָרציע פון פאַרגעסעניש איז אַ סך אַ קלענערע, ווי די פּראָפּאָרציע פון געדענקען. אַ יידישער שרייבער איז אַן עילוי, ער פאַרמאָגט אַ געזונטן זכרון, ער טראָגט אַ גאַנצן יידישן לעקסיקאָן אויפן קאָפּ.

מעג מען צוגעבן אַז אַמאָל קומט אויס צו באַגעגענען אַ שרייבער, וואָס מען וויל אים אויסמיידן, געדענקענדיק פון דעסטוועגן בעת־מעשה די שענס־טע שורות זיינע. דער שרייבער איז זייער אָפּט אַן אַנדער מענטש, ווי זיינע בעסטע שורות, וואָס לאָזן זיך פּשוט ליבער האָבן, ווי דער מענטש וואָס האָט זיי געשריבן, אין זיינע דערהויבנסטע און באַשערטסטע מאָמענטן. דו באַ־געגנסט אַ דערציילער און דו שמייכלסט, ווייל דו האָסט מיט גרויס הנאה אַ טראַכט געטאָן פון יענעמס אַ געראָטענער דערציילונג, וואָס דו האָסט אָקאָרשט נעכטן געלייענט, אָבער הגם ער איז דיין נישט־ביאָלאָגישער קוזין, אַ נאָענ־טער קרוב פון דער יידישער שרייבער־משפחה, גייסטו אַריבער אויף דעם אַנדערן טראָטואַר, ווייל דעם דערציילער אַליין האָסטו קיין חשק נישט צו באַגעגענען. פאַרוואָס? איז עס מחמת פיינשאַפט? חלילה, אָט האָסטו דאָך באַוווּנדערט זיינס אַ דערציילונג, אָדער אַ סך זייטלעך פון זיינס אַ נאָוועלע? ווייל אַחוץ אַ שרייבער, ביסטו אויך אַ מענטש מיט באַשטימטע, אַפילו אומ־פאַרשטענדלעכע און אומדערקלערלעכע נייגונגען און טבעס. ער מעג זיך זיין דיין שרייבער, אָבער ער איז נישט דיין מענטש. און דאָס שטערט נישט די האַרמאָניע פון דער משפּחהדיקער יידיש־שרייבערישער נאָענטשאַפט.

ווען מ׳נעמט דאָס אַלץ וואָס איז ביז אַהער געזאָגט געוואָרן, דאַרף מען קומען צום אויספיר, אַז די ליבשאַפט צווישן יידישע שרייבערס איז נאָך אַ גרעסערע און אַ בינדנדיקערע ווי אין אַנדערע בראַנזשעס, ווייל אונדז בינדט צוזאַמען אַ גרויסע ירושה, וואָס מיר ווילן אַז זי זאָל בלייבן אייביק — אַ נישט־צעריסענע און נישט־צעטיילטע. ווען איך האָב נישט ליב מיין שוועס־טערקינד און קען אים נישט סובל זיין, איז עס אַ ביטערער עסק, ווייל די נישט־ליבשאַפט ווערט מיט גאַרנישט אויסגעקויפט, אָבער צווישן יידישע שרייבערס איז כמעט אַן אוממעגלעכקייט זיך נישט ליב צו האָבן, ווייל מיר אַלע ברענגען אונדזערע פּראָדוקטן אויף דעם טרויעריקן יאַריד, און מיר אַלע זענען, אין תוך, מבינים אויף גוטער סחורה, אָדער אויף סחורה בכלל.

און ווי פאַרביטערט מען זאָל נישט זיין, טאָר מען נישט לויפן אויפן רשות־הרבים און באַריידן זיך אַליין, און מאַכן אַ בלבול אויף זיך, אַז מיר זענען חלילה רשעים. איך קען עטלעכע יידישע שרייבערס, וואָס באַגריסן מיך קוים, אָבער כ׳שאַץ זייער וואָרט און כ׳בין באמת גליקלעך, וואָס זיי לעבן און באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור, און כ׳בין זיכער, אַז זיי האָבן צו מיר די זעלביקע באַציִונג. אַפילו ווען אונדזערע טריט ווענדן תמיד זיין באַזונדערע, וועלן אונדזערע רייד זיך באַגעגענען.

איז דאָס נישט קיין צוקערדיקע ליבע־דערקלערונג, ווייל נישט געקוקט אויף דעם געפּיל פון משפּחהשאַפט, מעגן מיר און דאַרפן אַנהאַלטן די שטרענג־שאַפט פון ערלעכן מעסטן און וועגן. ס׳טאָר אין דער קריטיק — און כ׳ניץ דאָ קריטיק אַפילו אין דעם אומפּראָפעסיאָנעלן זין — זיך נישט אַריינגנבענען דער באַנקעט אָדער הספּד־טאָן פון כולנו חכמים אָדער נבונים. ס׳זענען פאַ־ראַן צווישן אונדז אַ צאָל נישט אַזעלכע געוואַלדיקע חכמים און נישט קיין גרויסע נבונים.

די צרה איז וואָס לעצטנס ווערט אַרויפגעטריבן אויפן רשות הרבים אַ סך ביטערקייט, נישט זעלטן פּערזענלעכע ביטערקייט, וואָס קאָנטראָלירט זיך נישט און לויפט גלייך פאַרקלאָגן דעם שרייבער פאַרן לייענער. די בי־טערקייט גיט אָבער נישט קיין אמת בילד פון די גרונטאָוונע באַציִונגען צווישן יידישע שרייבערס. ס׳איז בכלל ביטער צו זיין אַ שרייבער מיט אַ נאָמען, ווייל איז ער צו־גוט, באַשולדיקט מען אים אין פניות; איז ער צו־שטרענג, פאַרשאַפט ער זיך שונאים; און די אמתע מיינונג, די צווישן צו־גוט און צו־שלעכט באַפרידיקט נישט דעם שרייבער, וואָס וויל ס׳טעלערל פון הימל. אמת, ס׳זענען אויך דאָ פאַלשע ליטעראַרישע מיינונגען, וואָס זענען בפירוש פניותדיקע, רשעותדיקע און אָפּרעכענערישע, אָבער די דאָזיקע לי־

טעראַרישע מבינותן באַשטראָפן גיכער דעם אומערלעכן אָפּשאַצער אָדער באַריידער, ער קריגט זיין עונש, ווייל די פאַלשע שטעך שטעקן אַרויס און מסרן — נישט דעם אָפּגעשאַצטן און דעם אומפּאַרדינט־געקריוודעטן, נאָר דעם פניותדיקן שאַצער, דעם וואָס גיט אַ פאַלשע וואָג און מאָס.

וואָס איך האָב אָבער מורא, איז גיכער פאַר גראָבן אומדרך־ארץ. מיר האָבן זיך געגונג ליב, אָבער אונדז פעלט אַביסל דרך־ארץ אי איינער פאַר דעם אַנדערן, אי פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. די קלאַסיקערס אין דער יידישער ליטעראַטור זענען געוואָרן קלאַסיקערס, ווייל ס׳איז דעמאָלט געווען אַזאַ טיף געפיל ווי דרך־ארץ, נישט נאָר פון לייענער צו שרייבער, נאָר פון שרייבערס — צו שרייבערישע פערזענלעכקייטן. די גאַנצע גרויסע שריי־בער־גאַלעריע, וואָס זייערע נעמען קענען מיר אויף אויסנווייניק, איז אַנט־שטאַנען מחמת אַן אויפריכטיקן און אָפּשאַצערישן דרך־ארץ, וואָס איז הע־כער פון ליבשאַפט.

די שרייבער־משפחה איז ביי אונדז קיין עין־הרע אַ גרויסע און ליב האָט מען זיך דווקא גענוג, אַמאָל איבערגענוג, אָבער ס׳פעלט ביי אונדז, ווי געזאָגט, אַפילו מינימאַלער דרך־ארץ. און ווייל ס׳פעלט דער דאָזיקער דרך־ארץ, לויפן מיר צו־אָפּט אויפן ברייטן מאַרק און מיר באַרעדן דאָס איינציקע ביסל פרייד וואָס איז אונדז געבליבן — די יידישע ליטעראַטור.

כ׳האַלט זיך נישט צוריק און זאָג, אַז דער גאַנצער מאמר איז ביי מיר אַרויסגערופן געוואָרן, ווייל לעצטנס האָבן זיך באַוויזן ביטערע און פאַרבי־טערטע אַרטיקלען און לידער קעגן יידישע שרייבערס. לידער זענען געווייג־לעך פריי, אין זייער אייגענער מלוכה, זיי זענען נישט זעלטן פּראָדוקטן פון גוט־אויסגעזוכטע און גוט־אויסגעפונענע גראַמען, און גלאַט גוטע שורות; און אַרטיקלען זענען אויך אַמאָל רעזולטאַטן פון אייגענע שמאָלע אינטע־רעסן און אַ ווילן זיך אָפּרעכענען. באַקומט זיך נישט זעלטן אַ נישט־העלדי־שער תמות נפשי עם פלשתים. מיר איז נישט גוט, לאָמיר אַלע אונטערגיין.

אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, פרייטיק, דעם עלפטן אָקטאָבער, איז גע־דרוקט געוואָרן אַ ליד פון אַ פּאָעט, וואָס באַווייזט זיך ביי אונדז זייער זעלטן. אָבער ווען ער קומט איז ער תמיד אָנגעלייגט, ווייל ער פאַרמאָגט גוט לשון און חנעוודיקן פערז־בייג און פערז־בוי. זיין באַמען איז העניך אַקעדמאַן. די קליינע צאָל לידער וואָס ער האָט געשריבן, זענען שטענדיק גוט אויפגענומען געוואָרן און זיי האָבן אַפילו געפונען אָרט אין פאַרשיידענע אַנטאָלאָגיעס. אָט איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אַ העברעישע אַנטאָלאָגיע פון יידישער

פּאָעזיע, האָט מען דאָרט דעם פּאָעט אַקערמאַן נישט פאַרגעסן. פּאַרוואָס אַקערמאַן באַווייזט זיך אַזוי זעלטן, איז מסתמא זיין אייגענער ביטערער סוד, אָבער פאַרוואָס ער זאָל אין זיך זאַמלען אַזויפיל אומבאַרעכטיקטע ביטערקייט און סם קעגן ייִדישע שרייבערס, וואָס האָבן אים אָנערקענט און שיין אויפגענומען, איז שוין אַביסל אונדזער עסק.

זיין ליד „מיר באַגעגענען זיך״, וואָס ער האָט אויסגעזונגען מיט עטלעכע טעג צוריק, איז אויך מאַקאַבריש־חנעוודיק אָנגעשריבן, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, אָבער דווקא דערפאַר וואָס ער איז אַזאַ בריה, מוז מען זאָגן אַז ס'איז אַ ביטערער און מיאוסער בלבול אויף ייִדישע שרייבערס. אַקערמאַן וויל אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז ייִדישע שרייבערס באַגעגענען זיך בלויז ביי לויות, אָבער צווישן זיך זענען זיי צעריסן, רייסן זיך ביי אים אַרויס גאַליקע רייד (צוליבן גראַם?). מיר פאַרגינען זיך נישט ס'חיות — גראַמט זיך מיט לויות, „מיר פאַרצוקן זיך ווי אין אַ דזשאַנגל חיות״, מיר וואָלטן איינס דעם אַנדערן דערוואָרגן, חיות גראַמט זיך ווידער, חיות מיט לויות.

מיר זענען צווישן זיך, זינגט ער, צעשלאָגן און צעריסן, און „ווען אַ חבר קריגט אַביסל כבוד אַ כזית״, טוט זיך חושך, און כזית גראַמט זיך ווידער מיט — לויות.

ס'איז אַ בייזע באַריידעניש און אומעטיש אָפּצודרוקן אַזאַ ליד — יעדער לויה איז ביי יעדער ייִדישן שרייבער אַ ריס אין האַרצן, דווקא דערפאַר ווייל דער לעבעדיקער שרייבער גייט אַוועק פון אונדז. צו זאָגן אַז ייִדישע שרייבערס בייסן זיך און רייסן זיך די גאָרגלען, איז אַ מאָנסטערהאַפטע ביידזוויליקייט, סיידן דער דיכטער אַקערמאַן האָט אַרויסגעשריגן פון זיך אַן אייגענע אָנגעזאַמלטע ביטערקייט, וואָס ער לאָזט אויס אומפאַרדינטערהייט אויף די קעפּ פון אַן עדה קדושה.

מ'דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אַזעלכע זעלטענע אויפטריטן. ס'וואָלט אַ סך בעסער געווען, ווען אַ העניך אַקערמאַן וואָלט אָפּטער געקומען מיט זיין ליד, איידער די זעלטענע שורות זיינע זאָלן אַזוי פאַרגאָלט ווערן אונטערוועגנס.

ייִדישע שרייבערס האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב, אַז איך אַליין האָב אַמאָל, אין אַ קאַטאָוועס, געשריבן, אַז מ'וואָלט געמעגט, פון צייט צו צייט, לייכטער מאַכן די משא פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דורך אַראָפּוואַרפן עטלעכע בעמען. אָבער מיר האָבן צו־ווייניק דרך־ארץ פאַר דעם גרויסן פאַרמעגן אונ־

דזערן, ווען אַ דיכטער קען זיך פֿאַרגינען צו קומען שרייען, אַפֿילו נישט אין אַ זשורנאַל, נאָר אויפֿן צייטונג־מאַרק, אַז ייִדישע שרייבערס

בייסן זיך און רייסן זיך די גאָרגלען

און —

מיר וואָלטן איינס דעם אַנדערן דערוואָרגן.

מיר דאַכט זיך, אַז אַזאַ ליד וואָלט פֿיל געווינען אין אמתדיקייט, ווען שטאָט דעם מ י ר, וואָלט דאָס לויהדיקע ליד געווען געשריבן אין לירישן איך־שליסל פֿון פּאָעט העניך אַקערמאַן.

1957.

אַ מאָנאָלאָג פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל

אַ יונגער יידישער זשורנאַליסט, וואָס איז נישט לאַנג־צוריק געקומען מעבר לים, האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט אויף נישט־פריילעכע יידישע אסיפות, וואָס אים איז אויסגעקומען בייצוזיין אין ניו־יאָרק; דער עיקר ווי מען טרייבט און מ׳פאַרטרייבט אַ יידיש וואָרט, אָדער מען טרייבערט עס די אָדערן מיט קלאָג־טענער. אַ שאָד וואָס כ׳האָב נישט פאַרצייכנט אַלע ביישפילן און דערפאַרונגען וואָס דער יונגערמאַן האָט מיר איבערגעגעבן, אָבער כ׳וועל זיך באַמיִען אַלץ איבערצוגעבן פון זכרון מער־ווייניקער אין דעם מאָנאָלאָגישן נוסח:

ביי די מייסטע יידישע אסיפות הערט מען שוין נישט קיין יידיש וואָרט. סיי ציוניסטן וואָס זענען יאָ מסכים מיט בן־גוריונען, סיי די וואָס קריגן קעגן אים, גיבן צו, אַז דער מקוים־געוואָרענער ציוניזם לעבט דורך אַ שטאַרקן קריזיס אין די תפוצות. פון דעסטוועגן פאַלט זיי נישט איין צו ריידן אַ יידיש וואָרט ביי זייערע פאַרזאַמלונגען. איר דאַרפט זען דעם עולם — ממש ווי אין אַ מדבר. מען לעכצט, מען חלשט, מען איז דורשטיק, מען וויל הערן אַ דערפרישנדיק יידיש וואָרט, אָבער די פאַרעקשנטע ציוניסטישע מטיפים ווילן נישט נאָכגעבן דעם עולם. זיי ווילן אַפילו נישט איינשטעלן, אפשר וועט אַביסל יידיש־טעטיקייט, פשוטע טאָלעראַנץ צו יידיש, געבן אַ קאַפּיטשקע ביי לעבן צו אַ באַוועגונג, וואָס זוכט איצטער איר אייגענעם טעם און תמצית.

אַנומלט האָט מען ביי אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג יאָ פאָרגעשטעלט אַן איינציקן יידיש־רעדנער, האָט מען אים באַוואָרנט מיט אַן אָפיציעלער דערקלערונג, אַז הגם מען פירט די באַוועגונג אין דעם לשון פון דער מדינה, האָט מען נאָך פון דעסטוועגן אַ וואַרעם ווינקעלע פאַר יידיש. נאָך דער ווילטועוודיקער וואַרעמער גנעדיקייט צו יידיש, איז דער יידיש־רעדנער אַרויסגעקראָכן פון דעם קליינעם וואַרעמען ווינקעלע, ווי אַ דערשראָקן פייגעלע פון אַ נעסט און זיין פנים האָט אויסגעדריקט גוואַלדיקע דאַנקבאַרקייט, וואָס מ׳האָט פאַר אים כאָטש אָפגעשפאָרט אַ ווינקעלע, מיט אַריינגעבלאָזענער קינסטלעכער וואַרעמקייט.

פון די נישט־ציוניסטישע אַמעריקאַניזירטע פאַרזאַמלונגען איז דאָך שוין אָפגערעדט. ביי יענע פאַרזאַמלונגען, ווו מען קומט ריידן אַבסטראַקט וועגן אַמעריקאַנער יידנטום — וועגן דעם דאָזיקן מיטאָלאָגישן פיפערנאָטער, וואָס

קיינער האָט נאָך עד־היום קלאָר נישט געזען זיין אמתן פנים און וואָס באַשטייט דערווייל פון סטאַטיסטישע ציפערן און סאָציאָלאָגישע טעאָריעס — רעדט מען דאָך אוודאי נישט קיין ייִדיש. אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען הערט מען באָמבאַסטישע און פאַבריטשנע ענגלישע רעדעס, וואָס אַפילו אַן אויסלענדער פאַרשטייט, אַז זיי זענען אַ היפּש ביסל פאַרדומפּן, אָבער מ׳הערט נישט קיין איין מחיהדיק ייִדיש וואָרט. פאַר ייִדיש איז ביי אַזעלכע אסיפות, אַפילו נישט איינגעפירט קיין פּראָצענט־נאָרמע, זאָגן מיר — איין ייִדישע רעדע צו ניין ענגלישע ספּיטשעס. אגב טוט מען עס שוין באַלד נאָך אין אַנדערע ייִדישע ישובים, ווי למשל, מעקסיקע, וואָס האָט געכאַפּט דעם שניט און זיך גענומען באַגיין מיט ייִדיש, אויפן אַמעריקאַנער שטייגער. אויך דאָרט האָט מען שוין גענומען טרייבן ייִדיש פון ייִדישע אסיפות. טאָמער דערוואָרט מען דאָרט אויף אַ פאַרזאַמלונג איין געהויבענעם גוייִשן גאַסט — וועלן שוין טויזנט ייִדן נישט הערן קיין ייִדיש וואָרט.

קומען מיר צו אונדזערע אייגענע מענטשן, צו די פאַרשידענע קולטוראָונטן, ווו מ׳געפינט זיך שוין אויף מער ווייניקער זיכערער טעריטאָריע, הערט מען שוין יאָ אַ ייִדיש וואָרט, אָבער — עס פאַלט אויס באָקעם. ביי אַזעלכע פאַרזאַמלונגען געפינט זיך געוויינלעך אַ רעדנער, און אַז ס׳גליקט אָפּ — גאַנצע צוויי, וואָס זאָגן פאָרויס, מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, דעם אונטערגאַנג פון ייִדיש. אַלץ הייסט פאָרויסזאָגן, ווי אַמאָליקע מגידים משלען זיי אויס דעם אונטערגאַנג, מיט אַזעלכע שוועבלדיקע רייד, אַז ס׳גייט ממש דורך אַ סקרוך. מען זעט בפירוש, ווי עס שליסט זיך דאָס לעצטע ייִדישע מויל, וואָס רעדט אַרויס אַ לעצט ייִדיש וואָרט, נאָכדעם ווי מ׳האָט געקויפט די לעצטע ייִדישע צייטונג און פאַרמאַכט דאָס לעצטע ייִדישע ביכל.

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אַ סך אָוונטן זענען נאָך, אַזוי צו זאָגן, אונטערהאַלטונג־אָוונטן. זענען די דאָזיקע אונטערגאַנג־פאָרויסזאָגונגען אַ טייל פון פאַרווייַלונג־פּראָגראַם. מען אַמוזירט דעם עולם דורך דעם וואָס מען דערלאַנגט אים די דאַטע פון אונטערגאַנג. און מען רעדט רק פון יונגן דור. דאָס זענען נישט קיין ספּעציעלע אסיפות געווידמעט צו חינוך, אָדער צו דערציִונג־פּראָבלעמען. דער טאַטע אָדער אַפילו דער זיידע קומט צו אַזעלכע פאַרזאַמלונגען אפשר גראָד דערפאַר, ווייל ער וויל זיך אָפּרוקן פון זיינע קינדער און אייניקלעך. אים פאַרדריסט אפשר גאַנץ גוט אַליין, וואָס אים איז נישט געראָטן איינצופלאַנצן אַ ייִדיש וואָרט ביי זיך אין דער היים. די גאַס האָט אים באַזיגט. קומט ער צו אַזאַ ייִדישער פאַרזאַמלונג, ווו ער וויל כאָטש פריי אָטעמען אין אַ ייִדישער אַטמאָספערע. ער אַליין איז אויך אַ שטיקל מענטש. ער וויל נאָך אויך לעבן. אַוודאי זענען קינדער דאָס אייבערשטע פון שטייסל,

אָבער ער, דער טאַטע אָדער זיידע, האָט זיין אייגענעם המשך, אָפּגעזונדערט פון דער קייטלדיקער אייביקייט און פון אַלע מרה־שחורהדיקע סטאַטיסטיקעס.

דערלאַנגט מען אים דעם גאַנצן פינצטערן אונטערגאַנג פון זיין לשון אויף אַ טעלער, און מען אַמוזירט אים נאָך דערמיט.

האָט דאָך אַזאַ ייִד ממש נישט ווו צו גיין — רעדט צו מיר מיט האַרץ דער יונגער, אינטעליגענטער טענות־האָבער. — זאָל ער גיין צו די פּאַרזאַמ־לונגען, ווו ער ווייסט לכתחילה, אַז ער וועט נישט הערן קיין ייִדיש וואָרט, אָדער זאָל ער גיין צו די אַנדערע אסיפות, ווו מען וועט ריידן לעצטן־ייִדיש, ווו מ׳וועט הערן קלאָג־ און אונטערגאַנג־ייִדיש, און ווו מ׳וועט וואַרפן אַ מרה־שחורה אויף אַלע פּאַרזאַמלטע, ביי וועמען ייִדיש איז נאָך אַלץ אַ לע־בעדיקער ענין, בעסער געזאָגט, אַן ענין צום לעבן און נישט צום אונטערגיין?

וואָס טוט אַ ייִד, וואָס וויל זיך אָפּרוען אַביסל פון פאַרזאָרגן קינדער און קינדס־קינדער און ער וויל נישט קאַפּיטולירן צום פאַקט, וואָס ער אַליין איז דורכגעפאַלן ווי אַ דערציִער, ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אַריינצו־ברענגען אין זיין אייגענער היים דעם אַנהאַלט און אָנשפּאַר פון זיין לעבן? וואָס טוט אַזאַ ייִד, וואָס איז אויך אַ שטיקל מענטש פאַר זיך און ער וויל נישט כסדר לעבן אין ווילטאָג פון אונטערגאַנג? בקיצור, פאַרוואָס רייסט מען פון אַזאַ ייִד דאָס לעבעדיקע וואָרט פון מויל? ווען וועט מען אים אויפ־הערן רודפן מיט אונטערגאַנג?

און מיט וואָס פאַר אַ גלאַטע ייִדישע צינגער מען רעדט וועגן ייִדיש אונטערגאַנג! נישט נאָר אונטערהאַלט מען דעם עולם, נאָר מען זעט ממש, אַז די אונטערגאַנג־נביאים קלייבן אַליין נחת פון זייער שוואַרץ־זעעריי. זיי אַליין זענען העכסט אַמוזירט, אַזוי צו זאָגן. מען דערקענט עס אין דעם עקס־טאַז, אין דעם פּאַטאָס זייערן, אין די שיינע און געפילפולע ווערטער, וואָס מיט זיי שילדערן זיי דעם אונטערגאַנג פון זייער לשון. ס׳איז אַ דעמאָנסטראַ־ציע פון עסטעטיש־שפּראַכלעכער ווונדן־קראַצעניש. דער רעדנער קראַצט זיך די ווונדן מיט די שענסטע און לעבעדיקסטע ייִדישע ווערטער און ער האָט הנאה וואָס אים געלינגט צו שאַפן אין גאַנצן זאַל אַן אָרגיע פון גסיסה און אונטערגאַנג, מיט דער הילף פון מחיהדיקסטע ייִדישע רייד. אַלע ווערן אי־בערצייגט, אַלע ווערן דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל אַז מ׳האָט געהערט אַ לעצט ייִדיש וואָרט, אָבער ס׳האָט זיך געלוינט, ווייל דאָס לעצטע ייִדישע וואָרט איז געווען — גאָלד מיט בריליאַנטן. די טייערע ייִדישע ווערטער פלאַטערן אַרום צווישן עולם און אַנטלויפן נעבעך פון קלאָג־רעדנער, ווייל אַזוי גיך ווי ער רעדט זיי אַרויס, וויל ער זיי גלייך אָפּדרייען די לעבעדיקע קעפּלעך.

ס׳איז באמת כדאַי זיך איינצוהערן, ווי דאָס ייִדישע לשון לעבט מיט אַלע רמ״ח אברים אין מויל פון קלאָג־אַראַטאָר. יעדער וואָרט וואָס פליט אים אַרויס פון מויל, איז אַ לעבעדיק זינג־פייגעלע, וואָס פייפט און טשווי־טשערט פייפנדיק אויף דער אונטערגאַנג־נביאות. דער רעדנער באַמיט זיך צו ריידן שיין און האַרצרייסנדיק און ער שטייגט אַלץ העכער און העכער צו די העכסטע עולמות פון עקסטאַז.

וואָס זשע בלייבט אַ ייִדן צו טאָן, וואָס האָט נאָר וואָס, ביי אַ לעבעדי־קער אסיפה פון אַ סך ייִדן, אויסגעהערט אַן איבערצייגנדיקן פּראָגנאָז וועגן דעם אונטערגאַנג פון זיין לשון? דער לאַגישער פּועל יוצא איז צו העלפן דעם רעדנער באַשטעטיקן די שוואַרצע פּאַרויסזאָגונג. צו וואָס ציִען די גסיסה? אַז אַלץ איז סייווי פאַרלוירן. דאַרף ער אפשר אויפהערן לייענען אַ ייִדישע צייטונג, אָדער אַ ייִדיש בוך? אַז אומעטום ווו ער קומט איז זיין לשון, אָדער שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, אָדער ס׳האַלט אַט־אַט ביי אונטערגיין. און אַלץ דערפאַר ווייל זיינע קינדער און קינדס־קינדער זענען שפּראַכלעך פון אים אַוועקגעפאָרן, אַן אַ ייִדישן זיי־געזונט. דערפאַר מוז ער אַליין ווערן אַ שפּראַך־שטומער, אָדער גאָר אַ קלאָג־מוטער. ער טאָר נישט האָבן קיין רויִקע מינוט און הנאה האָבן, ריין און שיין און יום־טובדיק הנאה האָבן פון אַ ייִדיש וואָרט.

אַנדערע רעדנערס ווידער גרייטן שוין באַצייטנס די שיינע אוטאָפּיע פון עולם־הבא פאַר ייִדיש. ייִדיש איז טויט, אָבער ס׳עסט שור־הבר און זשלאָ־קעט אמת ייִדישן יין המשומר. ס׳ווערט ברייטער ווי לענגער, טויטערהייט, ווייל ס׳איז געוואָרן אַ טויטער תרגום־יהואש אָדער תרגום־פּיעטרושקא, און ס׳האָט אַ לעכטיקן גן־עדן. סטודענטן שטודירן די טויטע שפּראַך און זיי קוויקן זיך מיט די מיסטיפיצירטע זאַפטן. ייִדיש האָט עולם הבא און ייִדישע יונגעלייט, צוקונפטיקע קאָנסערוואַטיווע ראַביים פּרעפּלען עטלעכע ייִדיש־פּסוקים ווי לאַטיין. פון אַזאַ מין אָפּטימיסטישער שילדערונג ווערט אויך אַ ייִדן קיל אין בויך, ווייל ער זעט בפירוש ווי מ׳קוילעט אַוועק אַ לעבעדיק לשון און מען מאַכט כלומרשט איבער דער שחיטה אַ ברכה. אָבער ס׳איז פּשוטער שפּראַך־מאָרד. פון אוטאָפּיסטישן חלף טריפט וואַרעם בלוט פון געזונטע און קערנדיקע ייִדישע אידיאָמען. מ׳קען דעם מאָרד נישט באַהאַלטן, הינטער דעם קאַמופלאַזש פון אַן אויסגעבריטערטער תרגום־צוקונפט, פאַר אַ לשון וואָס לעבט און אָטעמט מיט פרישע לונגען און מיט אַ געזונט מחיהדיק מויל.

און להכעיס אַלע פינצטערע נביאים גייט גאָר אויף דער שטערן פון ייִדיש. ס׳איז אַ ביטערער עסק. מען לערנט ייִדיש אין אוניווערזיטעטן, מען גיט אונדזער לשון אָפּ כבוד אין ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיעס. מ׳זעצט איבער שלום עליכמען און סטודענטן קריגן חשק צו לערנען ייִדיש, כדי נאָך טיפער

צו דערגרונטעוועוון אירע שפּראַכלעכע שיינקייטן. יונגע יידישע סאָציאַלע פּראָפעסיאָנאַלן קומען וואָס מער צום באַוווּסטזיין אַז ס׳פעלט זיי גאָר אַ סך, אויב זיי שטודירן נישט קיין יידיש. און צו די גויים איז נאָך נישט דערגאַנגען די וויסטע בשורה, אַז יידיש איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, אָדער עס וועט אָט־אָט זיין אויס מיט יידיש. פרעגט מען זיך אין איטאַליע און אין פראַנקרייך, ווו קען מען קריגן אינפאָרמאַציע וועגן יידיש און דער יידישער ליטעראַטור. אמת, בדרך כלל ווערט די אינפאָרמאַציע געגעבן דורך פאַלשע און פאַרפירערישע הענט, מיט פאַלשער וואָג און מאָס, אָבער ס׳איז פאָרט אַ גרויסער לעבעדיקער נאָכפרעג אויף יידיש, אין פרעמדע קרייזן, ווו מ׳האָט ביז לעצטנס געגומען אַסימילאַטאָרישע רכילות פאַר גוט געלט, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יידיש לשון, אַז אָסט־יידן האָבן עס אויסגעמוטשט און אויסגעטראַכט. אַפילו טאַינבי וועט מוזן רעווידירן זיין שטעלונג צו יידיש, ווי צו אַ טייל פון פאַרשטיינערטן רעשטל, וואָס ער האָט זיך אויסגעטאָרירט, כדי צו לייזן אויף אַ ליקווידאַטאָרישן אופן דאָס יידישע פּראָבלעם, וואָס ער קען דערווייל היסטאָריש נישט צעקייען. אַזוי פאַרשטיינערט איז דאָס רעשטל, פאַר זיינע אַלטע אַנטי־יידישע ציין.

דער יונגער יידישער זשורנאַליסט מעבר לים האָט אַביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון זיין הייסן און ליידנשאַפטלעכן מאָנאָלאָג און געגומען ריידן אַביסל געלאַסענער:

הכלל, אויב ס׳האַלט חלילה ביי לעצט־יידיש, געזעגנט מען זיך מיטן לשון אויף אַ גאַנץ פיינעם אופן. אפשר וואָלט געווען אַ יושר, אַז מיר אַליין זאָלן גאָר זוכן צו שעפּן אַביסל נחת פון די אַלע טרייסט־מאָמענטן? אפשר גאָר אַראַנזשירן ימים טובים פאַר יידיש און פייערן יעדער נייע פּאָזיציע, ווי קליין די פּאָזיציע זאָל נישט אויסזען, וואָס לעבעדיק יידיש דעראָבערט, טראָץ אַלע שוואַרצע פאַרויסזאָגונגען און פאַרויסזעענישן?

אפשר וועלן מיר מיט דער דאָזיקער פרייד אויך אָנשטעקן אונדזערע קינדער? אָבער קודם־כל דאַרפן מיר דאָך אַליין זיך לערנען הנאה האָבן פון יעדער פריידיקער בשורה און אויסנוצן די שמחה און עס פאַרוואַנדלען אין גוטן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל.

דערצו זענען אָבער נייטיק נייע אויפגאַנג־רעדנערס, ענטוזיאַסטישע גלייבערס און נישט ענטוזיאַסטישע אונטערגייערס. זאָלן די שוואַרצזעערס זיך אָפּרוען, זיי האָבן אַזוי שווער און געשמאַק געאַרבעט ביי אונטערגאַנג, אַז זיי האָבן שוין לאַנג כשר פאַרדינט אַזאַ וואַקאַציע. זאָלן זיי צוריקקומען אין 25 יאָר אַרום און זען צי זיי האָבן געטראָפן.

דערווייל לאָמיר כאַטש, צווישן זיך, אויף יידישע פאַרזאַמלונגען, ווו

מ׳רעדט נאָך יאָ אַ ייִדיש וואָרט, אויפהערן צו באַקלאָגן, צו באַוויינען און צו פאַרפינצטערן אונדזער לשון, ביי געפאַקטע פאַרזאַמלונגען, ווען הונדערטער ייִדן קיין עין הרע קומען מיט יום־טוב אין האַרצן. לאָמיר זיך אויפהערן צו אַמוזירן מיט אונטערגאַנג.

דאָס איז די עצה פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל, וואָס קען אייך אָפּגעבן גרוסן פון אַ סך ניו יאָרקער שמחת תורהס, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין תשעה באבס פאַר אַ ייִדיש בוך אָדער פאַר אַ ייִדישן שרייבער, ווייל ס׳האָט זיך תמיד געפונען אַ קאָלעגע שרייבער, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן רייטנ־דיק אויף דעם שוואַרצן לוויה־פערדל און בעת מעשה געוויזן בריהשע קונצן מיט שפּראַך, דיקציע און געפליגלטע אויסדרוקן, כדי צו ווייזן אַז ער קען פּראַווען שיינע לוויות.

1957.

די ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדישע „האַנט־ביכער"

כ׳געדענק שוין נישט אַקוראַט, ווי אַזוי ס׳איז פון דעם פּראָיעקט אַרויס־צוגעבן און צו פאַרענדיקן אַ ייִדישע ענציקלאָפּעדיע אויף ייִדיש, געוואָרן — „ייִדישע ענציקלאָפּעדישע האַנט־ביכער" אויף ענגליש. דאָס לעצטע אַרטיקל, וואָס צביון האָט געשריבן איז געווען אַרום דער אַנטווישונג פון אַ קיינמאָל־נישט פאַרענדיקטער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע. ער האָט, דאַכט זיך, געמוסרט די אַמעריקאַנער ייִדישע קולטור־קרייזן, וואָס זיי האָבן דעם פּלאַן פון דער ענציקלאָפּעדיע אויף ייִדיש אַרויפגעפירט אויף דעם לייכטן וועג פון ענגליש־ייִדישע „האַנט־ביכער".

דערווייל ליגט שוין פאַר אונדז דער פערטער באַנד פון אַזאַ ענגליש־ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט די דריי הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און וואָס איז דער פערטער באַנד פון דער סעריע — „דהי דזויש פּיפּל פּעסט ענד פּרעזענט" (דאָס ייִדי־שע פאָלק אַמאָל און איצט). קיינער פרעגט זיך שוין מער נישט נאָך אויף דער ייִדיש־ייִדישער ענציקלאָפּעדיע און וואָס ס׳איז פון איר נעבעך געוואָרן, ווי ס׳גייט איר, און צי ס׳גייט איר בכלל, אָדער מען האָט שוין אינגאַנצן פאַרוואָרפן דעם פּלאַן פאַרצווזעצן אַן ענציקלאָפּעדיע, וואָס האָט געמיינט אַז זי ראַטעוועט זיך מיט אַ פּלאַן — „ייִדן", אָבער וואָס איז ביי דער סטאַנציע געבליבן סטאָפּ־שטיין, איינגעשלאָפן אויף אייביק און גענומען איבערזעצן איר שלאָף — אויף ענגליש.

וויל איך איצטער נישט אַריינגיין אין דער גאַנצער געשיכטע, פשוט דערפאַר ווייל די קאָמפּראָמיסן זענען שוין אַזוי אַלט און איינגעזעסן, אַז ס׳וואָלט פאַר אונדז אויפגעדעקט אַ גוט־באַקאַנט בילד פון הייליקער עקשנות, וואָס איז געוואָרן פאַרגליווערט, מחמת דעם דרויסנדיקן פאַראַליז, וואָס איז שטאַרקער פון יעדער עקשנות. ס׳וואָלט אונדז געוויזן די פּראָסטראַציעס פון אַ הייפעלע, אַנטקעגן דעם וואָס מען רופט דאָס רעאַלע לעבן, בעת דאָס רעאַלע לעבן מיינט פשוט רעאַלער טויט. נאָך עפּעס וואָלט עס געוויזן, ווי אונדזערע אַלע געבענטשטע עקשנותדיקע הייפעלעך ווערן דאָמינירט, און זיי לאָזן זיך ביסלעכווייז דאָמינירן, ווייל אונדזער היימיש ייִדיש לעבן, מיטן אַקצענט אויף אונדזער, ווערט רעגירט פון אַ תקיפותדיקער — זאָל מיר דערלויבט זיין דער פאַראַדאָקס — אַקטיווער פלעגמאַטיק. אומעטום איז זי דאָ — די

דאָזיקע אַקטיווע פלעגמאַטיק, און אָפּטמאָל איז זי די זעלביקע האַנט וואָס
לייגט זיך אומעטום אויף דעם געזונטן און בויענדיקן פאַנאַטיזם. דאָס צור־
קערלעקעכל וואָס מען וואַרפט צו די דאָזיקע געטרייע פאַנאַטיקער איז — אַז
אַזוי־ערנאָך איז לייכטער און דער וועג איז אַ קורצער. ביסלעכווייז לאָזן די
גרעסטע גיבורים אַרונטער די הענט, און דאָס ייִדישע לעבן גליווערט אונטער
די קלעפּ פון כסדרדיקער נאָכגעבעריי. מיר דעוואַלויִרן זיך און מיר ברענגען
אַריין אַן אינפלאַציע וואָס איז סם־המות. די אויפטוען אונדזערע, די אַזוי־
גערופענע ברייטע פּערספּעקטיוון ווערן פּאַטאַ־מאָרגאַנאַס און די געזונטע ביי־
סעלעך און רעשטלעך ווערן אָפּגעווישט.

דאָס געזאָגטע איז נישט אינגאַנצן חל אויף די מעטאַמאָרפאָזן פון דער
ייִדישער ענציקלאָפּעדיע און וואָס ס׳איז פון איר געוואָרן. עפּעס דערפון קען
מען זיכער אָנמעסטן אויך אויף דער ענציקלאָפּעדיע. איך בין נישט קיין איינ־
געגעסענער שפּראַך־אָרטאָדאָקס און איך וועל זיין דער לעצטער צו מאָנען ביי
דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, אין איר איצטיקן גלגול פון ענגלישע בענד —
שפּראַך־אויסגעהאַלטנקייט. ס׳איז בלויז צו פרעגן קשיות, פאַרוואָס איז דווקא
אָט דער סעקטאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די ייִדיש־ייִדישע ענ־
ציקלאָפּעדיע געוואָרן אַזוי פאַרזאָרגעוודיק און פּראַקטיש, און פאַרוואָס דווקא
ער, דער סעקטאָר, הייסט עס, האָט גענומען ריידן צום יונגן דור אונדזערן,
אויף דער שפּראַך פון דער מדינה. אָבער, ווי געזאָגט, דאָס וואָלט אונדז אָפּ־
געשיקט צו אַ גאַנצער געשיכטע, וואָס מ׳קען דערפון אַליין מאַכן אַ באַזונ־
דערן ענציקלאָפּעדיע־באַנד, וואָס זאָל בלויז דעפינירן דאָס וואָרט „קאָמ־
פּראָמיס". איז, ווי געזאָגט, ליגט פאַר אונדז, אין זיין גאַנצער פּראַכט, דער
פערטער באַנד פון די „ייִדישע ענציקלאָפּעדישע האַנט־ביכער" (אויף ענג־
ליש). דאָס איז באמת אַ פּראַכט־אויסגאַבע, שיין און דויערעוודיק פּאַפּיר,
שיינע בילדער, קלאָרער שריפט, און אַ סך פיינע אַרטיקלען, וואָס אין זיי
איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ שלל אַרבעט. מיר האָבן דאָרט די „געשיכטע
פון ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן" פון אַניטאַ ליבמאַן לעבעסאָן; „עקאָ־
נאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער ייִדנטום" פון יעקב
לעשצינסקי; „די איצטיקע באַוועגונגען אין רעליגיעזן לעבן פון אַמעריקאַנער
ייִדנטום", פון דזשייקאָב אייגוס; „ייִדיש־קולטור אין די פאַראייניקטע
שטאַטן", פון ש. ניגער; „העברעיִשע ליטעראַטור", פון י. ק. מיקלישאַנסקי;
„ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג", פון אברהם מענעס; און נאָך אַ צוגאָב וועגן
דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט נביאות אויף דער צוקונפט, פון
מאַקס דעניש. „פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס",
פון פיליפּ פרידמאַן; „דאָס ייִדישע קאָמונאַלע לעבן אין די פאַראייניקטע

שטאָטן״, פון ה. ל. לוריע; „דער איינפלוס פון אַמעריקאַנער ייִדנטום אויף דעם ייִדישן לעבן אומעטום״, פון מאַרק ווישניצער; „אַמעריקאַנער ייִדישע געלערנטקייט״, פון יהושע טראַכטענבערג.

כ'האָב בכיוון אויסגערעכנט דעם גאַנצן אינהאַלט, כדי צו ווייזן ווי אָפּ־געשפּיגלט און אַרומגעשפּיגלט דאָס היגע ייִדישע לעבן איז פון אַלע זייטן, אָבער די אָפּשפּיגלונג איז נישט אָן פּגמען. די אַרבעט וועגן ייִדישע רעליגיע־זע באַוועגונגען איז אַן אינטערעסאַנטע, אָבער ראַביי אייגוס, אַליין אַ קאָנ־סערוואַטיווער ראַביי, באַציט זיך צום „אַמעריקאַנער קאָונסיל פאַר דזשו־דאַיִזם״ מיט אַזאַ אַקאַדעמישער עלעגאַנץ אַז ס'איז אַפילו צו־עלעגאַנט פאַר אַן ענציקלאָפּעדיע. די בייטראַליטעט זיינע איז ממש רירנדיק. די דזשודאַיִסטן וואָס שפּילן אַזאַ „אַקטיווע״ ראָלע קעגן 98 פּראָצענט פון אַמעריקאַנער ייִדן, זענען ביי אים נישט מער ווי אַ צוריקקער צום קלאַסישן רעפאָרמיזם. זייער גאַנצע פּאָליטיק, מ'שטיינס געזאָגט, איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן אַרויספלוס פון זייער איבערגעגעבנקייט צו זייערע רעליגיעזע, מ'שטיינס געזאָגט, איבערצייגונגען.

די געשיכטע פון ייִדן אין אַמעריקע, לייענט זיך גיכער ווי אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, וואָס איז אָפּגעביסן ביים סוף, און וואָס פּאַסט זיך נישט פאַר אַ לעבעדיקער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, אַפילו ווען די אַנדערע מיטאַרבעטער, ווי לעשצינסקי, ניגער און מענעס כאַפּן אונטער און אַנטוויקלען ווייטער די לעבעדיקע טעמע פון ייִדישע געשיכטע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ריין־גע־שיכטלעך האָט מען אויך נישט געטאָרט בלייבן שטעקן ביי — עמאַ לאַזאַרוס.

דאָס לעבעדיקסטע אַרטיקל אין דער ענציקלאָפּעדיע, אין פּרט פון איצ־טיקייט, איז, מיט אַלע טענות, וואָס מ'קען האָבן צום שרייבער — די אָפּ־האַנדלונג איבער דער העברעיִשער ליטעראַטור, פון מיקלישאַנסקי. ער גיט אַ בילד פון דער עקזיסטירנדיקער און לעבעדיקער העברעיִשער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין באַזונדערע לענגערע פּאַראַגראַפן וועגן יעדער באַזונדערן שרייבער; נישט גלאַט אויסגערעכנטע נעמען, נאָר מיניאַטור־עסייען, אַז מען קען זיך שאַפן אַ באַגריף פון די פּיאָנערן פון העב־רעיִשן וואָרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ביז צו די סאַמע ייִנגסטע. אַז אַ פאַראינטערעסירטער לייענער וויל זוכן בלויז אין אינדעקס נעמען פון העב־רעיִשע שרייבערס, וועט ער זיי דאָרט געפינען, איינס ביי איינס. ער וועט טרעפן זיין סילקינער, ביז גבריאל פּרייל. דער אָבער וואָס וועט וועלן זוכן ייִדישע שרייבערס אין דער ענציקלאָפּעדיע וועט בפירוש האָבן אַ סך — האַרצווייטיק.

ש. ניגערס אַרטיקל דערגייט בלויז ביז 1914, און קיין אַנדער צוגאָב־אַרטיקל ווערט אין דעם באַנד, וואָס איז געווידמעט צו דריי הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַמעריקע, נישט געבראַכט. דער יובל־באַנד קען אפשר אָפּ־שיקן דעם לייענער צו אַ פריערדיקן באַנד פון דער ענגלישער סעריע, אָבער ווי אַ באַזונדערע אויסגאַבע, וואָס איז געווידמעט דעם היגן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, איז דער נייער באַנד מחויב צו שטיין אויף אייגענע פיס און זיך נישט אָנלעגען אויף קיין פריערדיקן אָנשפּאַר. אויב מען זאָל וועלן זאָגן דאָס ריכטיקע וואָרט, מעג מען בפירוש זאָגן, אַז דער אופן ווי די לעבעדיקע ייִדי־שע ליטעראַטור איז באַהאַנדלט געוואָרן ביי זיך אין דערהיים, ביי אייגענע ברידער, איז ממש אי לעכערלעך, אי פאַרברעכערלעך. ס׳גלוסט זיך לאַכן מיט יאַשטשערקעס, ווען מען זוכט אין אינדעקס נעמען פון צענדליקער לע־בעדיקע, אַקטיווע ייִדישע פּאָעטן, פּובליציסטן, נאָוועליסטן און מען געפינט זיי נישט. זייערע נעמען רעכענען זיך נישט אין די דריי הונדערט יאָר פון היגן ייִדישן לעבן. זיי — זענען — נישטאָ!

די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז גוט דורכגעאַקערט. דאָס ייִדישע עקאָנאָמישע לעבן איז גוט אָפּגעשפּיגלט. מיר דערגייען ביי מאַקס דעניש ביז דער ליבעראַלער פּאַרטיי אין אַמעריקע, און דער פּולקראַפּטיקער שטיצע וואָס די דאָזיקע פּאַרטיי אָדער באַוועגונג, קריגט פון דער „אינטערנעשאָנעל" און פון אַנדערע יוניאָנס. די אָפּהאַנדלונג וועגן אַמעריקאַנער ייִדישער גע־לערנטקייט דערגייט ביז צו די ענגלישע ביכער, וואָס זענען אַרויסגעגעבן גע־וואָרן אין 1952. אין „די פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען און אָרגאַ־ניזאַציעס" רעדט זיך וועגן דעם מעקיווער באַריכט און דער שפּאַלטונג, דעם ריס אין לעבן פון די ייִדישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אין 1951—1952. אין לעשצינסקיס אָפּהאַנדלונג געפינען מיר אַ טאַבעלע פון ייִדישן עקאָנאָ־מישן לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, אין 1950, וואָס זאָגט אונדז אַקוראַט, אַז דאָרט זענען מיט 5 יאָר צוריק געווען אַזויפיל און אַזויפיל אַרבעטער, אַזויפיל און אַזויפיל פּראָפעסיאָנאַלן, אאַז"וו.

דאָס עקשנותדיקע ביסל ייִדיש, וואָס האָט גורם געווען די ענציקלאָפּע־דיע, און וואָס האָט ביסלעכווייז דעגענערירט צו נאָכגעבעריי, אונטער די האַמער־קלעפּ פון אויסזיכטלאָזן אָפּאָרטוניזם, שטעלט זיך אַליין פאָר, צום יום־טוב פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, אויף ענגליש, ווי אַ טויטע און אָפּ־געשלאָסענע זאַך, וואָס האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין 1914, און וואָס מ׳קען זיך שוין אויפהערן צו דרייען אַ היטל וועגן דעם. וימת, געשטאָרבן!

זאָל מיין זון וועלן זוכן מיין נאָמען אין אַזאַ ענגלישן האַנטבוך, וועט

ער מיך נישט געפינען, און אַזוי ווערן אַנטוישט צענדליקער אַנדערע זין און טעכטער פון לעבעדיקע יידישע שרייבערס, וואָס האָבן דאָך געמעגט דער־וואַרטן, אַז אין „זייער" ענציקלאָפעדיע וועלן זיי כאָטש פאַרצייכנט ווערן. אונדזערע זין און טעכטער וועלן דאָך מעגן קריגן דעם איינדרוק, אַז זייערע טאַטעס און מאַמעס, יידישע שרייבערס, פאַרנעמען זיך מיט פּרוכטלאָזן צייט־פאַרטרייב, אין אַ יידישן מושב־זקנים, וואָס קריגט אַפילו נישט קיין פּאָזי־ציע אין אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן אין אַן ענגלישן לבוש, כדי כלומרשט צו געבן זיי, דעם יונגן דור, אַ שטיקל באַגריף פון דעם, וואָס מיר רופן אַן לעבן, און וואָס זיי האָבן שוין לאַנג פאַרדעכ־טיקט, אַז ס'איז שוין אויף יענער וועלט. אַט דעם פאַרדאַכט באַשטעטיקט דער נייער באַנד פון „דהי דזשויש פּיפּל" — אויף הונדערט פּראָצענט. דער סעקטאָר וואָס האָט גורם געווען די ענציקלאָפּעדיעס האָט זיך אַליין דיסקרע־דיטירט און זיך אָפּגעמעקט, און דערמיט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון דער מיט זיך־צופרידענער אַסימילאַציע, וואָס זעט אונדז און וויל אונדז אַזוי זען, אין שפּיגל פון היגן יידישן לעבן.

כ'גלייב קוים, צי אַזוי האָבן טאַקע באַוווסטזיניק געוואָלט די ערשטע גרונט־לייגערס פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, אָבער די פאַרשיידענע קאָמ־פּראָמיסן האָבן געפירט דערצו, אַפילו די פינאַנציעלע קאָמפּראָמיסן מיט פלור־צים־געעפנטע געלט־קוואַלן, האָבן אויסגעברייטערט דאָס פעלד אַרום דער אַמאָל־כשרער און באַשיידענער אַרבעט פון אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס מיט אַלע אירע חסרונות — אַמאָל אַן ענג־פּאַרטייאישן קוק אויפן יידישן לעבן — האָט זי געטאָן איר אַרבעט, אין אַן ענגן קרייז פון ערלעך־פאַראינ־טערעסירטע מענטשן, וואָס האָבן געהיט די אַלע פעסטונגען וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט אויפגעהאַלטן מיט אַזויפיל מסירת־נפש.

די פאַרשיידענע נאָכגעבענישן אויף פאַרשיידענע געביטן האָבן גורם געווען, אַז די פּעריפעריע פון דער אַרבעט זאָל ווערן אַזוי ברייט, אַז ס'זאָל אַריינגעבראַכט ווערן אַנטווערטונג אין דעם אידעאַל פון דער אַרבעט. מען האָט גענומען זוכן צייטווייליקע און לייכטע דערגרייכונגען. דערפאַר איז פון אַן אַזוי־געראָפענער יידישיסטישער ענציקלאָפּעדיע געוואָרן אַן ענגליש „האַנט־בוך" פאַר דער אַנטלויפנדיקער אָפּפרעמדונג; פון דער לעבעדיקער יידישער שעפערישקייט זענען אָפּגעריסן געוואָרן גאַנצע 41 יאָר. אַט די 41 יאָר זע־נען אַקוראַט די יאָרן, וואָס צו זיי האָט די היגע יידישע אַסימילאַציע זיך אומגעקערט מיטן אַנטלויפנדיקן רוקן. פאַר דער יידישער אַסימילאַציע איז אַזאַ ענציקלאָפּעדיע גייסטיקע אַמוניציע. אָבער פאַרוואָס מיר אַליין האָבן באַדאַרפט צושטעלן אַזאַ אַמוניציע — איז אַ גרויסע קשיה.

דאָס איינציקע בילד פון אַ לעבעדיקן יידישן שרייבער, זאָל ער אונדז לעבן ביז 120 יאָר, וואָס מיר געפינען אין דער ענציקלאָפּעדיע איז פון אונדזער דוד פינסקי, אָבער ער איז אַרומגערינגלט מיט גלענצנד־אַרויסגעקומענע טויטע פּאָרטרעטן, וואָס גיבן נישט קיין לעבעדיקן גרוס פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, אין משך פון אירע שענסטע בלי־יאָרן. די מצבה, מוז מען צוגעבן, איז אָפּגעדרוקט אויף טייער און גלאַנציק פּאַפּיר. די וואָס האָבן ליב צו פאַרצייכענען אונדזער טויט, וועלן גוואַלדיק הנאה האָבן.

1955.

די יידישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור

„די יידישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור", פון ב. מאַרק, וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען אין וואַרשע, אין פאַרלאַג „יידיש בוך" מאַכט דעם איינדרוק פון אַנגעוואָרפענעם, נישט גוט־אָרגאַניזירטן און נישט צו־גוט פאַרדייעטן מאַטעריאַל, ווי דאָס בוך וואָלט געווען אַ בחפזונדיקע צוזאַמענשטעלונג פון פריער־געדרוקטע אַרטיקלען. אָבער טראָץ די חסרונות פון איבערחזורונג, פון פאַלשן טראָפּ, צוגעשניטנקייט צו באַשטימטע טענדענצן, איז אין בוך פאַראַן גאָר אַ סך אינפאָרמאַציע וועגן דעם אופן ווי די מוראדיקע געשעענישן פון אונדזער צייט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער היינטצייטיקער פּוילישער ליטעראַטור.

אַז מען נעמט לייענען דאָס בוך ווי אַ בוך ווערט מען פאַרלוירן אין אַן אמתן וואַלד. דער מחבר אַליין פאַרלירט דעם פאַדעם ווייל ער האָט נישט די גבורה צו זיין אַן אויסגעהאַלטענער פאַרטיידיקער און ריינוואַשער פון דער פּוילישער ליטעראַטור. ער דערפרייט זיך ממש ווען ער קען זיך אַרויפוואַרפן אויף דער קאַטוילישער און רעאַקציאָנערער פּוילישער גלות־ליטעראַטור. כל חמתו גיסט ער אויס אויף איר. אָבער אויך דאָ האַלט ער זיך איין מיט אַלע כוחות כדי ער זאָל נישט קלינגען צו „שאָוויניסטיש" און „נאַציאָנאַל" און ער ראַטעוועט זיין פּרעסטיזש ווען ער קומט צו דער רעוואָלוציאָנערער פּוילישער ליטעראַטור.

וואָלט ב. מאַרק געווען אַ קאָנסעקווענטער און נישט־שעמעוודיקער ריינוואַשער פון דער פּוילישער ליטעראַטור (און פון פּאָליאַקן) וואָלט זיין בוך אַרויסגעקומען איינהייטלעכער. וואָלט ער אויך געהאַט דעם מוט הויך אויסצושרייען קעגן פּוילישן פאָלק, וואָס האָט די דייטשן געהאָלפן אויסראָטן הונדערטער טויזנטער יידן, און קעגן דעם קאַרגן אופן, ווי אַפילו די בעסערע פון זיי, האָבן אָפּגעשפּיגלט די יידישע טראַגעדיע אין ביכער, וואָלט זיין בוך אויך אַרויסגעקומען גאַנצער און לכל הפחות יידישער.

אַזוי אָבער וואַרפט זיך ב. מאַרק און ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין. ער וויל זיין פאַרזיכטיק, נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט. ער וויל אַלעמאָל אונטערשטרייכן, אַז ער פאַרטיידיקט אייגנטלעך בלויז פּראָגרעסיווע און פאַרגעשריטענע יידן. ער זאַכלינעט זיך ממש, וואָס עליזאַ

אָזשעשקאָ רופֿט אין אירע „קינסטלערישע ווערק צו דערלאַנגען די האַנט דעם ייִד, וואָס וויל אַראָפּטרייסלען פֿון זיך דעם רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם און אומוויסנקייט". דעם ייִד וואָס האַלט נישט אַז ער דאַרף עפּעס פֿון זיך אַראָפּטרייסלען טאָר מען, הייסט עס, נישט דערלאַנגען די פּוילישע האַנט.

ס'איז, ווי געזאָגט, אַ בוך מיט אַן איינשטעל און מיט אַ טראָפּ, ווען דער מחבר כאַפּט זיך, אַז אַ טראָפּ איז נייטיק, אָבער אין מאָסקווע וואָלט מען אַזאַ בוך סיי־ווי גערופֿן — אַ ווערק פֿון אַ ווייכן, צעקראָכענעם און פֿאַרלוירענעם אינטעליגענט. דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל שטעקט אַרויס אַ דערשראָקן קעפּל יעדערמאָל, ווען דער מחבר פֿאַררעדט זיך. אָבער דאָס וואַרפֿן זיך אַהין און אַהער, דער „נאַשיך אי וואַשיך" גיט דעם בוך אַ צעוואָרפֿנקייט, וואָס דערגייט אָפֿט צו דער מדרגה פֿון סתירה. דער מחבר כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס מיט אויפֿריכטיקע, בריענדיקע ייִדישע רייד, אָבער ער פֿאַרפֿלוידערט זיי גלייך און ער שאַפֿט אַליין אומקלאָרקייט און צעטומלעניש, אַז מען דאַרף מישן די זייטלעך הין און צוריק, כדי צו כאַפּן אויף וואָסער וועלט מען איז.

און דאָך איז אין דעם בוך פֿאַראַן אַ סך נייטיקע אינפֿאָרמאַציע. אַזוי גיך ווי מען באַפֿרייט זיך פֿון דעם שרייבערס טענדענציעזן טייטל לייענט מען דאָס בוך מיט אַ געוויסן אינטערעס. פֿאַראַן וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן דער פּוילישער אונטערערדישער ליטעראַטור, און אויך איבער דער קאַטויליִשער, ענדעקישער ליטעראַטור, וואָס גיסט נאָך איצטער פּעך און שוועבל אויף ייִדן.

דאָס ערגסטע קאַפּיטל אין גאַנצן בוך איז — „חשבון הנפש". אַז מען לייענט איבער דאָס קאַפּיטל זעט מען, אַז דער חשבון פֿון פּוילישן שרייבער איז קיין חשבון נישט און דאָס נפש איז קיין נפש נישט, אָבער ב. מאַרקן פֿירט עס דירעקט צו אַזעלכע דיבורים: „אין נאָמען אויך פֿון די דאָזיקע יסורים מאָנט אַנדזשעיעווסקי אַ חשבון און וועקט צו אַן אָנשטרענג צו פֿאַרטיידיקן די לעצטע שאַנס פֿון דער נאַכט, כדי עס זאָל אויפֿקומען דער ליכטיקער טאָג. גייענדיק קאָנסעקווענט לויטן דאָזיקן וועג, האָט זיך אַנדזשעיעווסקי אָנגעשלאָסן אינעם לאַגער פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם און איז אַרויף אויפֿן שליאַך פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

וואָלט ב. מאַרקס בוך געשריבן געוואָרן אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון אויפֿריכטיקער חשבון־הנפשדיקייט, וואָלט מען געהערט אמת קלאָרע ווערטער וועגן דעם איינשטעל פֿון דעם פּאָליאַק צום ייִד, ווען ער האָט מיט שמחה איבערגעגעבן אין די הענט פֿון די דייטשע מערדער. אַ מיליאָן ייִדן וואָלטן זיכער אָפּגעראַטעוועט געבליבן, ווען די פּאָליאַקן וואָלטן נישט סיסטעמאַטיש געהאָלפֿן די דייטשן דורכפֿירן זייערע רציחות. זייער געניט אויג האָט דעם

דייטש געהאָלפן אויסנישטערן יידן פון די טונקלסטע באַהעלטענישן. די שטעלונג פון דורכשניטלעכן פּאָליאַק קען מען אַפילו געפינען אין ב. מאַרקס בוך. אמת, דער מחבר שטעלט דעם טראָפּ אויף פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אָבער, צו אונדזער אומגליק, איז דער טראָפּ אַ פאַלשער, ווייל די דאָזיקע כלומרשט ענגע פּאַרטיי־שטעלונג, איז, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, געווען די מערדערישע שטעלונג צו יידן מצד דעם גאַנצן פּוילישן פאָלק.

ווער עס וויל עפּעס באַהאַלטן, פעלשט נישט נאָר יידישע געשיכטע, נאָר די געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס וועט סוף־כל־סוף מוזן מאַכן אַן אמתן און נישט בלויז אַ לעניניסטיש־מאַרקסיסטישן חשבון הנפש. אָט ווי די פּוילישע פאַשיסטן האָבן געהייסן באַהאַנדלען יידן:

„אַזעלכע אַרויסזאָגונגען דעקן זיך פולשטענדיק מיט די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין די פאַלאַנגע־אָרגאַנען אין אונטערערדישן פּוילן אין די אָקופּאַציע־יאָרן, אין די סאַמע גרויליקע חדשים פון 1943. ווען די ליקווידאַציע פון די לעצטע יידן־אינדזלען האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, האָט די דאָזיקע פאַלאַנגע געשריבן: ׳מיר באַקומען בריוו פון לייע־נער, וועלכע פרעגן ביי אונדז, ווי דאַרף זיך אַ פּוילישער קאַטויל באַציִען צו אַ ייד, וואָס אַנטלויפט פון געטאָ, און באַהאַלט זיך אויס? אונדזער ענטפער איז: ׳ווי צו אַ שונא׳.

געשריבן זענען די דאָזיקע מערדערישע ווערטער אין די זעלביקע טעג, ווען דער היטלעריסטישער גובערנאַטאָר פון וואַרשע, ד״ר פישער, האָט אויס־געהאַנגען איבער די גאַסן די טרויעריק־באַרימטע ווענדונג צו דער ׳אַרישער׳ באַפעלקערונג, זי זאָל צוזאַמענאַרבעטן מיט דער דייטשער מאַכט ביים אַנט־פּלעקן און כאַפּן יידן, וועלכע גנבענען זיך אַרויס פון ברענענדיקן געטאָ. דאָס געטאָ איז דעמאָלט אונטערגעגאַנגען אין די לעצטע יסורימדיקע ווייען פון פאַרצווייפלטן קאַמף״.

ב. מאַרק זאָגט אונדז נישט אויס, אַז דער רוף פון דער אַזוי־גערופענער פאַלאַנגאַ איז געטריי אויסגעפאָלגט געוואָרן דורך אַלע פּוילישע קאַטוילן. נישט נאָר האָבן זיי געפאָלגט די פאַלאַנגאַ, נאָר אויך דעם רוף פון וואַרשע־ווער גובערנאַטאָר און געטריי מיטגעאַרבעט מיט דער דייטשער מאַכט ביים העלפן כאַפּן יידן.

אויף אַזוי פיל אויף וויפל דאָס בוך — „די יידישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור״ וויל דאָס צודעקן מיט... ליטעראַטור איז עס אַ פאַלש בוך. אָבער דאָרט ווו ב. מאַרק פאַרגעסט צו שטעלן דעם מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן טראָפּ, קען מען אין זיין ווערק קריגן גאַנץ אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע.

.1950

די יידישע ענציקלאָפּעדיע

אַנומלט האָב איך געפּלעפּט אַן אָפּגעפרעמדטן ייִדן אונדזערן, וואָס איז צו מיר צוגעשטאַנען כ׳זאָל אים שוין זאָגן, צי ייִדיש האָט אַ גראַמאַטיקע און ער האָט אָנגערופן נעמען פון גראַמאַטיקאַנער, אָט למשל, ווי קירפּיטשניקאָוו.

קירפּיטשניקאָוו איז אַ פיר־זילביקער נאָמען, וואָס האָט געהאַט דעם מזל צו שווימען אין דעם ייִדנס אָנגעטומלטן זכרון, ווי אַ פאַראייִנצלטער לאַקס אין דער אָפּטיילונג פון רוסישער קוים־געדענקלעכקייט און איז געווען זיין אַטעסטאַט, אויף אַמאָליקער פאַרתּושבטער בילדונג.

מיר האָבן, האָב איך אים גלייכגילטיק געענטפערט, ווי דער ענטפער וואָלט ביי מיר געלעגן אויף דער שפּיץ צונג, אַ ייִדישע ענציקלאָפּעדיע.

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב זיך פאַר דעם ייִדן גענומען אויספּייַנען מיט אונדזער וואַקסנדיקער עשירות, אָבער כ׳האָב געזוכט אין מיין געדעכעניש אַ נאָמען פון אַ גראַמאַטיקאַנער, וואָס כ׳זאָל אים אין קלאַנג כאָטש קענען אַנטקעגנשטעלן זיין פאַרבענקטן קירפּיטשניקאָוו, אָבער אַ נעכטיקער טאָג. אַלץ אַזעלכע נעמען, וואָס וואָלטן אים נישט געענומען. פאַרשטייט זיך, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען צו האָבן גרייט אַ צען־צוועלף אויסגעטראַכטע, אָבער האַרטע, מענלעכע, רוסיש־קלינגענדיקע, זעקס־זילביקע נעמען פון נישט־געשטויגענע גראַמאַטיקעס, וואָס זאָלן אים געבן דעם זכות פאַר ייִדיש. אָבער כ׳בין נישט געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ גייסטיקן געפעכט. ווען כ׳האָב אים אָבער פאַרזיכערט, אַז מיר האָבן שוין אַן ענציקלאָפּעדיע, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון דערשטוינונג. דער קלאַנג פון וואָרט ענציקלאָפּעדיע האָט אַביסל געדעקט קירפּיטשניקאָוון און ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן — דו זאָגסט נישט, דו זאָגסט נישט! (אַ ווערטלעכע אומגראַמאַטישע איבערזעצונג פון דעם ענגלישן — „יו דאָנט סעי״).

שפּעטער, אַז דער סקעפּטישער ייִד איז געקומען צו זיך פון גרויס דערשטוינונג, האָט ער שוין מיט אַביסל מער דרך־ארץ גענומען צוריקפרעגן — אָבער וואָס הערט זיך מיט דער גראַמאַטיקע?

אין דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, האָב איך אים גלייכגילטיק געענטפערט, שרייבט מען אַ גראַמאַטישן ייִדיש און פון דעם וועט מען מיט דער צייט אויסשניידן עטלעכע גראַמאַטיקעס, שוין מיט אַ סינטאַקסיס אויך.

מיט דעם וואָרט סינטאַקסיס האָט ער זיך גאָר דערפרייט, ווי מיט אַ

פֿאַרלוירענעם און אָפּגעזוכטן עלטער־פֿעטער. ער האָט געהאַלטן אין איין אויסדריקן זיין התפּעלות מיט זיין חנעוודיקן — דו זאָגסט נישט!

אין אַנדערע ווערטער, מיר גייען צוריקוועגס. פֿון דער ענציקלאָפּעדיע צו דער גראַמאַטיקע.

וועל, האָב איך זיך שוין אויך פֿאַרגינען אַ פּולבלוטיק ענגליש וואָרט. ס׳איז נישט אַזוי צוריקוועגס, ווי אַן איינשפּאָרעניש. ווען מיר זאָלן איצט נע־מען וואָרטן אויף גראַמאַטיקעס וואָלט אונדז געוועזן ווויל און ליכטיק. נעמען מיר די אומגעשריבענע גראַמאַטיקע אונדזערע און מיר שרייבן זי גלייך אַריין אין דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע. אָט האָט מדינת ישׂראל אַן אומגעשריבענע קאָנסטיטוציע. נו, האַנדלט מען דאָרטן, חלילה, אומקאָנסטיטוציאָנעל? דאָס איז אַ העכערער שטאַפּל פֿון מענטשלעכער אַנטוויקלונג. מען טראָגט די קאָנסטיטוציע און באַוווּסטזיין. מיר גייען פֿאַרביי אונדזער נישט־געשריבע־נער גראַמאַטיקע און מיר גייען גלייך צו דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע. ס׳איז אַ מין קפֿיצת הדרך. מען לייגט נישט אָן אַזויפֿיל וועג.

בין איך דאַנקבאַר דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס האָט ממש גע־ראַטעוועט מיין פּרעסטיזש. געשען איז עס אין מאָנטרעאָל. דער אָפּגעפּרעמד־טער ייִד, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, האָט אָפּפֿרעגנדיק ייִדיש ווי אַ שפּראַך, געגעבן אַנצוהערן, אַז ער פֿרעגט אָפּ מיין גאַנצע שרייבערישקייט. אַ שרייבער פֿון אַ נישט־פֿאַרגראַמאַטיזירטער שפּראַך איז ביי אים קיין שריי־בער נישט. מיין פֿריינט, דער ענערגישער פֿאַרשפּרייטער פֿון דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, איסר גאָלדבערג, וואָס האָט מיך תּמיד באַשיצט מיט שלאָג־פֿאַרטיקייט און מיט שׂכל הישר האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעקערט פֿון מיר און זיך פֿאַררעדט מיט אַ פּאָטענציעלן קונה. ביי איסר גאָלדבערגן איז יע־דער ייִד אַ פּאָטענציעלער קונה פֿון דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע און אַזוי גיך ווי ער דערהייבט אים צום ראַנג פֿון אַ פּאָטענציעלן קונה, מאַכט ער אים גלייך פֿאַר אויס פּאָטענציעל און אָקאָרשט מען זעט נישט — האָט ער שוין געחתמעט, געקויפֿט און אונטערגעשריבן.

דער אָפּגעפּרעמדטער ייִד וואָלט מיך זיכער געוווען אָפּגעווישט, ווען מיר וואָלט נישט איינגעפֿאַלן צו קעמפֿן מיט די שוין אַרויסגעגעבענע ביין ייִדישע בענד פֿון דער ענציקלאָפּעדיע און די דריי ענגלישע בענד „די דזשויִש פּיפּל״, קעגן אַזאַ קינדעריי ווי אַ גראַמאַטיקע, וואָס יעדער קינד לערנט עס און פֿאַרגעסט עס.

אָבער די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אין מיר אַרויסגערופֿן אַ גאַנצע גאַמע פֿון געדאַנקען און כ׳בין געקומען צום שלוס, אַז אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ס׳איז געלייגט געוואָרן דער פֿונדאַמענט פֿון דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע,

איז עס געווען אַ פּראָיעקט פון גרויס דערוועגונג. אַזאַ געדאַנק האָט נישט געקענט געבוירן ווערן בלויז צו באַווייזן אַ יידן, אַז מיר האָבן שוין אַן ענציקלאָפּעדיע אויך, נאָר ס׳האָט געמוזט קומען פון אַ טיפן אינערלעכן גלויבן — אפשר נישט אַזוי פון אַ גלויבן, ווי פון אַ נאַטירלעכן געפיל, אַז מיר זענען שוין ענציקלאָפּעדיע־ווערטיק. ס׳איז די פאַרטראַכטערס און טוערס קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די יידישע ענציקלאָפּעדיע וועט אויך אַריינפאַלן אין דער קאַטעגאָריע פון חורבן־ליטעראַטור און ווערן אַ טייל פון אונדזער גייסטיקן צוזאַמענהאַלט. אַן ענציקלאָפּעדיע פון חורבן איז אַליין פאַר זיך אַ שטיק אויפריכטונג. די ענציקלאָפּעדיע ראַטעוועט אָפּ די גייסטיקע ווערטן, וואָס גיבן חשיבות צו אונדזער לעבן.

די יידישע ענציקלאָפּעדיע איז געווען אַ ריזיקער פּראָיעקט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, ווען מיר האָבן פאַרמאָגט מיט איבער זעקס מיליאָן מער יידן, ווי מיר האָבן היינט. אויף אַזויפיל איז עס געווען אַ לעבעדיקע פאַרצייכענונג פון אַ לעבעדיק פאָלק. די מאָנומענטאַלע שאַפונג האָט געטיילט דעם גורל פון דעם אויסגעהרגעטן פאָלק, און איז איבערגעריסן געוואָרן. אָבער דער פאַקט וואָס טאָר קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן איז געבליבן פלאַטערן און איז איבערגעטראָגן געוואָרן, ווי אַ משכן, צופּאַסנדיק זיך צו די נייע אומשטענדן און נייע באַדינגונגען.

די יידישע ענציקלאָפּעדיע האָט זיך געראַטעוועט, נישט נאָר דאָס שטיקל גוף, די אָנגעהויבענע אַרבעט, וואָס איז געבליבן ווי אַ זכר לחורבן, נאָר געראַטעוועט אויך די נשמה, כדי צו קענען אָנגיין מיט דער אַרבעט.

די עטלעכע בענד וואָס זענען אַרויס אין אייראָפּע האָבן געקענט בלייבן, ווי אַן אָפּגעבראָכענער פונדאַמענט. זיי זענען אָבער נישט געבליבן שטיין ווי פאַרברענטע שטיקער געדעכענישן פון אַ פאַרברענט יידיש לעבן, נאָר זיי האָבן געזוכט זיך אָנצוקניפּן אין דעם לעבעדיקן טייל פון יידישן פאָלק.

אויב מ׳זאָל וועלן ערנסט צוריקקומען צו די ספקות פון אונדזער אָפּגעפרעמדטן און גראַמאַטיק־באַזאָרגטן יידן, וואָלט מען אים געמוזט אָנווייזן, אַז די יידישע ענציקלאָפּעדיע איז אַ בריק פון גרויס אָפּטימיזם. מיליאָנען יידישע ווערטער, אין פאַרשיידענע צוזאַמענשטעלן און פאַנאַנדערשטעלן, דורך „פּערמוטאַציעס און קאָמבינאַציעס״, ווערן פאַרשריבן אין דער ענציקלאָפּעדיע. לעבעדיקע יידישע ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין חשק אונטערצוגיין. שוין דאָס יידישע לשון אַליין איז אין דער ענציקלאָפּעדיע פאַרצייכנט מיט דעם גרעסטן בטחון, נישט נאָר מיט אַ ווילן צו לעבן, מיט אַרגומענטאַציעס און טענות, נאָר טאַקע מיט אַ ממשותדיק לעבן. מיין אויג פאַלט אויף אַ שטעל, אין יידן, באַנד „ד״ און איך לייען:

„אין גייסטיקן לעבן האָט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה דער קליינער ייִדישער ישוב אין דער שווייץ זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. ער האָט פון זיך נישט אַרויסגעשטעלט נישט קיין גרויסע רבנים, נישט קיין גרויסע געלערנטע, ליטעראַטן, קינסטלערס, פּאָליטיקערס, מנהיגים און דעסטגלייכן, און אין אַלגעמיינעם לעבן פון ייִדישן פּאָלק ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, קיין שום אָנזעעוודיקע ראָל נישט געשפּילט. אפילו די געשיכטע פון די ייִדן אין דער שווייץ האָט אין אַכצנטן יאָרהונדערט געשריבן דער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר אולריך און אין אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט די פון רוסלאַנד איינגעוואָנדערטע פרוי שטיינבערג־וועלדלער און דער פראַנצויזישער ייִד און זשענעווער ראַבינער גינסבורגער. און פון דעסטוועגן טאַקע אַדאַנק אויסלענדישע ייִדן, האָט די שווייץ איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין דער ייִדישער געשיכטע פון דער ערשטער העלפט צוואָנציקסטן יאָרהונדערט: די געשיכטע פון ציוניזם איז פאַרבונדן מיט דער שטאָט באַזעל, ווו עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס (1897) און אַ גאַנצע ריי שפּעטערדיקע קאָנגרעסן; אין זשענעווע האָט זיך געפונען דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" און די גרויסע בונדישע דרוקעריי..."

עטלעכע און צוואָנציק שורות און אַזויפיל לעבעדיק ייִדיש לעבן ווערט דאָ פאַרצייכנט לדורות. מיר האָבן זיך צוגערירט צו איין קליינעם ישוב, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין נישט מער ווי שטיין, אָבער די ייִדישע געשיכטע האָט אויך דעם שטיין געשלאָגן און אַרויסגעקראָגן דערפרישונג. אין דעם פערטן באַנד „ייִדן" געפינען מיר אַזעלכע מאָנומענטאַלע שטודיעס, ווי „די געשיכטע פון ייִדן אין פוילן, ליטע און רוסלאַנד", „ייִדישע פּאָליטיק אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות", „ייִדן אין רומעניע", „עקאָנאָמישער אויפשטייג און צעפאַל פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום", ייִדן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, האָלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע.

די פאַרענדיקטע סעריע אין ענגליש, אין דריי בענד פון — „די דזשויִש פּיפּל פּעסט ענד פּרעזענט" איז אַחוץ אַ גרויסער אַקאַדעמישער אויפטו אויך פון גרויסן דערציִערישן ווערט. ביים היינטיקן טאָג איז שוין נישטאָ קיין איין מענטש מיט שכל הישר, וואָס זאָל זיך וועלן שטעלן מיטן רוקן צו דער יוגנט אונדזערער און זיי באַשטראָפן דערפאַר, וואָס זיי קענען נישט קיין ייִדיש. די חשיבות פון די דאָזיקע דריי בענד אין ענגליש, דער אופן ווי דער גאַנצער פּראָיעקט איז דורכגעפירט געוואָרן, איז עלול אויפצוטאָן זייער אַ סך פאַר דער דערציִונג פון אונדזער דור, וואָס מיר האָבן שטאַרק פאַרוואָרלאָזט. אָן שפּראַך־דיסקוסיעס, איז עס גלייך אַ דירעקטע און ווירקזאַמע אַטאַקע אויף עם־הארצות.

אין דריטן באַנד פון דער ענגלישער סעריע, וואָס איז ווי די לעצטע יִדישע בענד, אַרויס מיט דער הילף פון דער ציקאָ, געפינען מיר אָפּהאַנדלונגען פון דער יִדישער ליטעראַטור אין די ביבלישע צייטן, העלעניסטישער יִדישער ליטעראַטור, תלמודישער און רבנישער ליטעראַטור, העברעיִשער פּאָעזיע אין מיטלאַלטער, ליטורגישע ליטעראַטור, מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור, אַלט־יִדישע ליטעראַטור, יִדישע ליטעראַטור אין די פאַרגאַנגענע צוויי הונדערט יאָר, יִדיש־ענגלישע ליטעראַטור אין אַמעריקע און ענגלאַנד און אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן, ווי פון יִדישער קונסט, יִדישער מוזיק. אַ מיניאַטור־ענציקלאָפּעדיע פון יִדישן וויסן וואָס וועט ביים יונגן ענגליש־יִדישן לייענער דערוועקן אַ נייגער צו פאַרטיפן זיך נאָך מער אין אַ געביט, וואָס וועט אַרויסרופן זיין אינטערעס. דורך אַזאַ ענציקלאָפּעדיע קען אַמאָל אַ יונגער יִיד מיט אַ קלאָרן און ליכטיקן קאָפּ וועלן צוריקגיין צום מקור און לערנען העברעיִש און יִדיש. מ׳רעדט שוין נישט דערפון וויפל אַזאַ ענגלישע סעריע איז ווערט, ווען זי דרימלט כלומרשט אויף די פּאָליצעס פון ביבליאָטעקן אין אַמעריקע, ענגלאַנד, אויסטראַליע און אַפריקע, ווו די יִדישע ענציקלאָפּעדיע ווערט פאַרשפּרייט. ס׳איז אַן אינפאָרמאַציע־קוואַל וואָס גיט אונדז צו חשיבות.

די יִדישע ענציקלאָפּעדיע געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון אונדזער אני מאמין, שוין מיט דעם ניגון, ווי ער איז געזונגען געוואָרן אין די לאַגערן. ער איז אַ טריִומף איבער היטלערן. האָט ער דאָך געוואָלט אויסמעקן און אויסוואָרצלען, אַז ס׳זאָל פון אונדז נישט בלייבן קיין זכר. האָט ער דאָך געברענט אונדזערע לעבנס, כדי אויסצוברענען אונדזער גאַנצע געשיכטלעכע עקזיסטענץ און מאָראַלישע האַפטיקייט און אויך וואָרהאַפטיקייט. דער ווירדיקער אַקאַדעמישער און מיושבדיקער טאָן פון די קאָמפּעטענטע ענציקלאָפּעדיע־שרייבערס שטעלט מיט זיך פאָר דעם יִדישן ענטפער.

די ענציקלאָפּעדיע איז נישט גלאַט אַזוי אַ זכרונות־פּנקס, וואָס פאַרצייכנט עבר מיט טרויעריקע הענט, נאָר ס׳איז לעבעדיקער כינוס. ס׳איז אַ גייסטיקער און נייטיקער אינווענטאַר פאַר נאָך־חורבנדיקער אָריענטאַציע. ס׳איז אַ וויכטיקע צונויפזאַמלונג פון אונדזער האָב און גוטס אין ענציקלאָפּעדישער אָרדענונג, כדי מיר אַליין זאָלן קענען שאַצן און שעצן אונדזער לעבן.

ענציקלאָפּעדיע מיינט אויך אָפּקלייב, אַן אָפּקלייב, וואָס אין איר מעטאָדיק אַליין איז פאַראַן גרויס כבוד און אָפּשיי פאַר גייסטיקע ווערטן. נישטאָ אין קיין ענציקלאָפּעדיע קיין חילול, קיין קלות ראש. דערפאַר איז עס המשך אין שענסטן זין פון וואָרט, ווייל עס מיינט נישט גלאַט ציִען ווייטער אַ

וועגעטירנדיקע עקזיסטענץ, נאָר פאַרזעצן דאָס גייטיקע, דאָס אויסגעטייל־טע, דאָס דיסטילירטע, דאָס געשיכטלעך־ריינע, דאָס וואָס פאַרדינט אויפגע־רופן צו ווערן פאַרן לעבעדיקן המשך פון אַ פאָלק. המשך קען אַמאָל ווערן טעמפּע פּאַסיוויטעט, אָן באַלעבנדיקער פרישקייט. די ייִדישע ענציקלאָפּעדיע גייט אויפן וועג פון בלייַענדיקן אָפּקלייב, נישט אָפּקלייב לשם געשיכטלעכער באַלזאַמירונג, נאָר אָן עטאַפּ אין לעבן פון אַ פאָלק.

אָבער דער עיקר — און דאָ קומען מיר צוריק צום אָפּגעפרעמדטן ייִד מיט זיין קירפּיטשניקאָוו־קאָמפּלעקס — די ייִדישע ענציקלאָפּעדיע איז גע־שריבן מיט גרויס גלויבן אין אַ לשון, וואָס יעדער חכם אויפן מאַרק ווייסט שוין אַז עס גייט אונטער. אין איר צמצום וואַרפט זי זיך רחבותדיק מיט צענד־ליקער טויזנטער ייִדישע ווערטער. און יעדער פון די שוין דערשיינענע ניין בענד גייען בשום אופן נישט אונטער, נאָר, פאַרקערט, עס שיינען מיט מזל אויף צענדליקער טויזנטער ייִדישע ישוב־הדעתדיקע רייד. די ענציקלאָפּעדיע האָט דעם אַקאַדעמישן געדולד אונטערצוטראָגן דעם רשעותדיקן אונטערגע־יאָגטן אונטערגאַנג אונדזערן נאָך ייִדישע ווערטער, כדי דער אונטערגאַנג זאָל נישט האָבן קיין לייכט לעבן. מיט אַן ענציקלאָפּעדיע איז דער אונטער־גאַנג כאָטש אַ פּאַראַדנער. די רעדאַקציע פון דער ענציקלאָפּעדיע: ר. אַבראַ־מאָוויטש, ד״ר י. ברוצקוס, ד״ר מ. ווישניצער, יעקב לעשצינסקי, א. מענעס, א. קיהן, ד״ר א. שטיינבערג, די צענדליקער פּראָמינענטע מיטאַרבעטער, דער פאַרוואַלטער ש. גילינסקי, דער דובנאָוו־פאָנד און ציקאָ פאַרלאַג און אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אַקטיוו אַרום דער ייִדישער ענציקלאָפּע־דיע, פאַרדינען אונדזער לויב פאַר אַראָנזשירן אַזאַ אימפּאָזאַנטן „אונטער־גייענדיקן״ אויפגאַנג.

.1952

מיין באַרעכטיקטע מורא

כ׳האָב שוין לאַנג צוגעגעבן אַז איך לייד פון אַ פּסיכאָלאָגישן מיחוש, און הגם צוגעבן און אָנערקענען איז שוין אַ טייל פון דער קוראַציע, בין איך נאָך נישט גענעזן געוואָרן און די סימפּטאָמען ווערן שטאַרקער און שטאַרקער. דער מיחוש באַשטייט אין דעם אַז ווי נאָר כ׳לייען אַז ס׳איז ערגעץ דערשינען אַ בוך פון אַ יונגן יידישן שרייבער אויף ענגליש, וועגן יידן, סיי ווען ס׳איז אַ לענגערע נאָוועלע, אָדער צעפּיצלט אויף קלענערע דערציילונגען, באַפאַלט מיך אַן אומרויקייט און איך וואָלט געוואָלט ערגעץ אַוועקפאָרן ביז דאָס בוך וועט זיך אָפּלייענען און ס׳וועט אַריבער. וואָס אַזוינס ס׳וועט אָדער דאַרף אַריבער, ווייס איך נישט אַקוראַט, אָבער לאָמיר זאָגן אַז ס׳איז אַ מין עד יעבור זעם. אַז דער בוך וועט אָפּגעלייענט ווערן און אַלץ וועט נאָך זיין אין אָרדענונג, וועל איך צוריקקומען פון מיין איזאָלאַציע און ס׳וועט גיין כשורה, ביז דער בוך־מאַרק וועט ווידער באַפאַלן ווערן פון אַ נייעם יונגן ייד, וואָס נעמט זיך צו זייניקע.

וואָס פאַראַ איבערקערעניש איך דערוואַרט פון אַזאַ בוך, איז מיר נישט אינגאַנצן קלאָר, נאָכאַלעמען האַנדלט זיך עס דאָך אין אַ פּסיכאָלאָגישן מיחוש, אָבער כ׳בין זיך משער אַז ס׳האָט עפּעס צו טאָן מיט דער אַלטער מורא פאַר מסירה. איז עס, פאַרשטייט זיך, אַן אַבסורד און כ׳שריי אָן אויף זיך הונדערטער מאָל, אָבער, ווי דער שטייגער איז, מיט אַזעלכע טיף־פאַרוואָרצלטע און פאַרקנוילטע מוראס, איז זיי אוממעגלעך אַרויסצוטרייבן מיט אַן אָנשריי. ס׳איז אַ שטיק דיבוק וואָס לאָזט זיך נישט אַרויסטרייבן מיט אַ שפּרוך.

ס׳קען זיין אַז די מורא ביי מיר נעמט זיך דערפון, וואָס איך ווייס אַז אונדזערע אַמעריקאַנער יונגעלייט, וואָס לעבן אין אַ פּסיכאָאַנאַליטישער תקופה, באַנוצן זיך מיט אירע ברכות, און זיי ווערן געוויינלעך גיך געוויר, אַז זייער גאַנצע צרה באַשטייט אין דעם וואָס זיי האָבן פיינט — טאַטע־מאַמע. ס׳איז איצטער נישט מיין דאגה, צי יידישע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אַריינגעלייגט זייער גאַנצע צודרינגלעכע טאַטע־מאַמעשאַפט אין די קינדער, זענען טאַקע ווערט מען זאָל זיי אָפּצאָלן מיט שנאה. מעגלעך, אַז ערגעצוווּ האָבן די טאַטעס געגרייזט, זיי האָבן, דערציענדיק די קינדער, זיך אַליין אפשר נישט געגנוג דערצויגן. אַנדערע טאַטעס ווידער האָבן אפשר זיך נישט אַריינ־

געצויגן אין זייערע קינדער. קינדער האָבן אַ טבע צו פּאַקן און מאָזלען מיט די באַנאַלסטע אידעאַליזמען, און ווען זיי געפינען עס נישט אין די פאַרהאַרעוועטע און ערלעכע היימען פון זייערע עלטערן, וואַקסן די קינדער אויף מיט אַקטיווער קריטיק, וואָס רייסט זיך צו ווערן אויסגעלאָדן, אָבער ס׳קריכט אַריין וואָס מער אין איינגעווייד פון אונטערבאַוווּסטזיין, ביז דער פּסיכאָאַנאַליטיקער גראָבט עס אויס פון דאָרטן, נאָך אַ צאָל הויך־באַצאָלטע סעאַנסן.

דער עיקר גייט עס אין דעם וואָס ביים צווייטן דור אונדזערן באָמבלט זיך נאָך אַביסל ייִדישקייט מיט אַ מגן־דוד אָדער מזוזהלע אויפן האַלדז, און דער דריטער דור הערט אויף צו זען אַ טעם אין אַזאַ ייִדישקייט און ער וואָלט געוואָלט איינגאַנצן פּטור ווערן פון דער דאָזיקער, מ׳שטיינס־געזאָגטער אָפּטעקאַרישער משא. אַנדערע סענסיטיווערע קינדער זוכן זיך צו דערגרונטעווען צו אַזאַ ייִדישקייט און קומען צוריק אַרויף, מיטן ווערעמל, וואָס דערמיט האָבן זיי געזוכט צו פאַנגען אַ געפילטן ייִדישן פיש.

דאָס זענען אָבער אַלץ השערות. די רעזולטאַטן וואָס דריקן זיך אויס אין ביכער גייען מיך אָן מער פון אַלץ. דער צווייטער דור, ביי אונדז אין דער ייִדישער אַמעריקע, משפּט נישט די קינדער — אַזוי איז עס שוין אין דער ליטעראַטור בכלל — נאָר די קינדער רייסן זיך שלאָגן די עלטערן און פאַר אַזעלכע ביכער האָב איך מורא.

נעמט דערפאַר אַ געוויסע צייט, ביז כ׳דערוועג זיך צו קויפן אַזאַ בוך פון אַ יונגן ייִדישן שרייבער, וואָס נעמט פון זיך אַרויסשרייען זיין שנאה צו טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, פעטערס און מומעס. אַזאַ דערפאַרונג האָב איך געוויינלעך ווען כ׳קויף שוין יאָ דאָס בוך, און אַז כ׳לייען אים אין סאָבוויי, ציטער איך, צי מיין נישט־ייִדישער שכן לייענט נישט מיט מיר דאָס בוך הינטער מיינע פּלייצעס, און צי ער פאַרצייכנט זיך נישט אין זיין אומפריינטלעכן נאָטיץ־ביכל, נאָך עטלעכע באַמערקונגען וועגן מיר און מיינס גאַל, נישט נאָר ביזן צווייטן דור, נאָר אַפילו ביזן דריטן דור, ס׳הייסט שוין ביז דעם שרייבער, וואָס באַרעדט זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע.

ס׳קען זיין, ווי אויבן אָנגעטייט, אַז מען דאַרף דעם ענין אפשר נעמען זייער טיף און ריידן וועגן דעם צווייטן דור אונדזערן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי ער שילדערט זיך אַליין, מיט זיינע מעשים, אָדער נישט־מעשים, פאַר זיינע קינדער, אָבער דאָס איז איצטער נישט מיין עובדה. איך רעד דאָ וועגן מיינע אייגענע קאָמפּלעקסן, וועגן דעם ציטער וואָס אַזעלכע ביכער רופן אין מיר אַרויס, ווען כ׳לייען אין אַן ענגלישער צייטונג, אַז אַ יונגער ייִדישער שרייבער האָט אונדז שוין ווידער מזכה געווען מיט אַ ייִדישער שרייבעכץ. נעמט דערפאַר אַ שטיקל צייט, ביז כ׳באַזיג אין זיך די מורא —

דאָס געשעט געוויינלעך, ווען דאָס בוך איז שוין אָפּגעפּאַרטיקט, אָפּגעקריטיקירט, אָפּקאָמענטירט. דעמאָלט לייען איך אַזאַ בוך און איך גיב תמיד אַ באַרעכטיקונג פאַר דער מורא מיינער, וואָס האָט מיך געהאַלטן ווייט פון בוך עטלעכע יאָר.

איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אַ בוך, „גודביי, קאָלאָמבוס״, פון אַ יונגן ייִדישן שרייבער. דער מחבר פיליפ ראָט איז אינגאַנצן 26 יאָר אַלט און זיין בוך איז דערשינען אין אַן אָנערקענטן פאַרלאַג. ס׳איז אַ בוך מיט דערציילונגען וועגן אַזוי־גערופענעם ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. לויבנדיק דאָס בוך האָט אַ קריטיקער, אין אַן אָנגעזעענער ענגלישער מאָרגן־צייטונג, איבערדערציילט עטלעכע מעשיות און פון יעדער איבערדערציילעניש האָט זיך מיין מורא צעשפּילט. כ׳האָב באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אַנטלויפן פון אַזאַ „ייִדיש״ בוך און וואַרטן ביז דער באַרימטער זעם וועט אַוועקגיין, ביז די גויִים וועלן אויפהערן הנאה האָבן פון די דאָזיקע מעשיות און דער גאַנצער ענין וועט פאַרגעסן ווערן.

רעד איך דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט פון בוך גופא, ווייל מיין מורא פאַר אים איז נאָך אַקטועל און פריש. נאָר אָט האָב איך געלייענט אַ רעצענזיע איבער דעם בוך אין זשורנאַל „קאָמענטערי״. דער רעצענזענט איז אַליין איינער פון די חשובסטע און אָנערקענטסטע יונגע ענגליש־ייִדישע נאָוועליסטן. ער האָט דערקלערט און דערגרייכט, און מיר דאַכט זיך, אַז אים איז אפשר מער פון אַ סך אַנדערע פון זיינע חברים, געלונגען צו דערגרייכן דעם שפּיץ פון אָנערקענונג, אַן צופיל באַריידעריי אויף אייגענע. ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז אויב ער ליידט פון אַנדערע קאָמפּלעקסן, האָט ער אָבער אויסגעמיטן דעם וואָרעם פון שנאה צו אייגענע עלטערן. סאָל בעלאָו קען גוט ייִדיש און ער האָט פאַר דער האַו־גרינבערג אַנטאָלאָגיע פון ייִדישע דערציילונגען, זייער באַטעמט איבערגעזעצט שלום־עליכמס אַ מעשה. הכלל, ביי אים האָבן זיך מעגלעך באַקוועם אויסגעלייגט די פאַרשיידענע ייִדישע סתירות, ווי ביים עלטערן דור ייִדישע שרייבער, און זיין צוגאַנג צו אייגענע איז קודם־כל נישט באַפּעפערט מיט ציניזם און אַ ווילן אַראָפּצורייסן די תחתונים פון טאַטן און אים אַוועקשטעלן אַ פאַרשעמטן אויף אַ גויִישן יאַריד.

פון דעסטוועגן האָבן זיך צו אים צוגעקלעפּט געוויסע צויטיקע טאַלענטן, וואָס ער ראַציאָנאַליזירט פאַר דעם העכסטן אמת פון קונסט. ער קען שוין אַ סך בעסער און לייכטער פון אונדז פאַרדייען די ברוטאַלע כלומרשטע קריטיק פון דעם יינגערן אַמעריקאַניש־ייִדישן שרייבער. אים דאַכט זיך, אַז ס׳גייט אין דערציילן דעם אמת, און אים פאַלט נישט איין, אַז דער קינסט־

לערישער אמת דאַרף ערשט איינשטיין אין פּאַראַנטוואָרטלעכע הענט, ווייל מיטן אמת ווי מיטן ליגן טאָר מען זיך נישט אַרומשפּילן.

ווען ס׳קומט צו דערשפּירן די חוצפּהדיקע ליידיקייט פון אַזאַ קריטיק איבער דער ייִדישער געזעלשאַפט, וועל איך גיכער געטרויען ד״ר ש. מאַרגאָשעסן, ווי סאָל בעלאָון. ד״ר ש. מאַרגאָשעס ליידט נישט, ווייזט אויס, פון מיין מורא־קאָמפּלעקס, און ער האָט דווקא שוין איבערגעלייענט דעם יונגן פילים ראָטס בוך. אין זיין אַרטיקל — „דריטער דור״, אין „טאָג״, דעם 25סטן יולי, רעדט ער באַריכותדיק וועגן דעם בוך און ער קומט צום אויספיר, אַז דער מחבר רעדט „ציניש־אָפן״ און אַז זיין שילדערונג איז „נישט קיין אָביעקטיוווע״, ווייל ער האָט „פּשוט פיינט זיינע פּאַרשוינען״. איך געטרוי אַפילו מאַרגאָשעסן, ווען ער באַטאָנט, אַז אַזעלכע שילדערונגען זענען נישט נאָר שלעכטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ייִדן, נאָר אויך „שלעכטע ליטעראַטור״.

מאַרגאָשעס רעדט אויך פּאַרדראָסיק וועגן „די פילים ראָטס און זייער גלייכן״, בלשון רבים, ווייל אים איז דערוווידער דער דאָזיקער פּיזישער צוריר צום ייִדישן לעבן — פון אַ זיך־האָסער. ער קען זיי אויך צו־גוט פון דער יונגער אַמעריקאַניש־ייִדישער ליטעראַטור. פּאַרוואָס סאָל בעלאָו זוכט, מיט פאַרשיידענע קלענערע רעזערוואַציעס, אַ פּאַרטרעגלעכן צוגאַנג צו די ראָטס און זייער גלייכן, קען בלויז אויסגעטייטשט ווערן, מיט אַ באַזונדערער מורא, אַז ער וועט חלילה זינדיקן קעגן קינסטלערישן אמת, אויב ער וועט זוכן אַרויפצולייגן אַ מאָראַלישע צענזור אויף אַזעלכע ליטעראַרישע באַריידערס און אָפּלאָכערס.

און לאָמיר נישט מורא האָבן אויך פאַר דעם אמת, אַז ווען אַ ייִדישער יונגערמאַן ווי ראָט, לויט ווי מאַרגאָשעס גיט איבער, שרייבט אַ מעשה וועגן דריי ייִדישע זעלנער, וואָס אין מלחמה־צייט דרייען זיי זיך אַרויס פון אַרבעט אין דער אַרמיי, אויסנוצנדיק זייער ייִדישקייט, איז עס אַ שטאָף פאַר אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן שוין די טעמע געגנוג באַאַרבעט. אַ פּאַראַנטוואָרטלעכער ייִדישער קינסטלער וואָלט אַנטלאָפן פון אַזאַ טעמע, אין נאָמען פון די טויזנטער ייִדישע סאָלדאַטן, וואָס זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד קעגן היטלערן און נישט אויסגענוצט זייער ייִדישקייט. ווען פילים ראָט פּועלט ביי זיך צו שילדערן דריי ייִדישע סאָלדאַטן, מיינט ער אַז ער איז אינגאַנצן אַן עמאַנציפּירטער ייִד, ווייל ער קען איבערגעבן אַזאַ אַנטיסעמיטישע מעשה, און ער זאָל זיך אַפילו קיין קרום נישט טאָן.

סאָל בעלאָו דערמאָנט פּילים ראָטס אַן אַנדער דערציילונג, וועגן אַ ייִדישן יונגענמאַן, וואָס כאַפּט זיך אַריין אין סעינט פּעטריקס קאַטעדראַל,

כדי זיך דאָרט אויסצוטענהן מיט גאָט. ער דערלאַנגט דעם קאַטוילישן גאָט דעם ריכטיקן מאַנאַלאָג, וועגן זיינע אונטערשטע ליידנשאַפטן און ער פאַרזיכערט זיך, אין דער סעינט פעטריק אַטמאָספערע, אַז גאָט איז מיט אים מסכים. אָט די מעשה קען שוין סאָל בעלאָו אויך נישט פאַרדייען און ער באַשליסט, אַז ס׳איז אַ באַליידיקונג סיי פאַר יידן, סיי פאַר קאַטאָליקן.

אָבער ממה נפשך, אויב ס׳איז הויכע קונסט און דער העכסטער קינסטלערישער אמת, פאַרוואָס זאָל עס דעם זייער־טאַלאַנטפולן בעלאָו אָרן, וואָס ראָט באַליידיקט מיט איין קלאַפּ צוויי אמונות?

דער אמת איז, אַז בעלאָו אַליין איז נישט שוה בשוה מיט אַזאַ שטייגער קונסט, אָבער ער האָט מורא פאַר קינסטלערישער צענזור. איז אָבער דער תירוץ, אַז ס׳רעדט זיך נישט פון צענזור, נאָר וועגן קונסט גופא, ווייל קונסט מוז איינשטיין אין פאַראַנטוואָרטלעכע, מענטשלעכע הענט. כלומרשטע שילדעריי אַליין, אָן דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט אָנגעטאָן געגוג צרות דער וועלט, און ס׳איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי אַזאַ אומ־מענטשלעכער אמת האָט טאַקע פּראָדוצירט קונסט. דער דאָזיקער „אָביעקטיווער" אמת, איז נישט מער ווי אַ גרעפּץ, אויב ער קומט נישט פון מער מענטשלעכע טיפענישן, פון אַ פאַרשטענדעניש אָפּצוטיילן דאָס גוטע פון שלעכטן.

שעם איך זיך דערפאַר נישט צוצוגעבן, אַז אַ ייד מעג געדענקען, אַז מיר לעבן ווי אַ מינדערהייט און ס׳איז דערפאַר אַ סך גלייכער צו שרייבן וועגן די טויזנטער יידישע סאָלדאַטן ווי וועגן די דריי, וואָס ער האָט צופעליק באַגעגנט.

סאָל בעלאָו האָט מורא, אַז יידן ווילן האָבן בלויז גוטע פּובליסיטי וועגן זיך, אָבער דער היפך פון פּובליסיטי איז נישט קיין אַפּלאַכערישע ליטעראַטור, וואָס האָט נישט הינטער זיך קיין נאַציאָנאַלע אחריות. ווען גאָגאָל האָט אָפּגעלאַכט פון די רוסן, איז ער אַליין געווען אַ רוס; מאָליער איז געווען אַ פראַנצויז, דיקענס אַן ענגלענדער און מאַרק טווען אַן אַמעריקאַנער. איז אַ ראָט אַזאַ ייד, ווי די אַלע אויבנדערמאָנטע שרייבער זענען געווען אחריות־דיק פאַרבונדן מיט זייערע פעלקער. ווען גאָגאָל האָט איבער זיין „רעוויזאָר" אָנגעשריבן, אַז מען דאַרף זיך נישט באַקלאָגן אויפן שפּיגל, ווען דער פּרצוף איז אַ צעקרומטער, האָט ער עס געטאָן ווי אַ רוס, וואָס איז געווען ווייטיקדיק פאַראינטערעסירט אין דעם מאָראַלישן מצב פון זיין פאָלק. האָט אַ ראָט, אַ מאַלאַמוד, אַ קויפמאַן, אַ ווײַדמאַן און אַנדערע, אַזאַ יידישן צוגאַנג צו זייער אייגענעם פאָלק? פאַרוואָס זאָלן זיי זיך אַליין געטרויען, ווען זיי זעצן זיך אַוועק שטראָפן יידן, אָדער אָפּלאַכן פון יידן?

אין דעם האַנדלט זיך עס און נישט אין אַ פאַרגלייך מיט באַלשעוויס־טישער באַשטעלונג־ליטעראַטור און אַ פאָדערונג צו גלאָריפיצירן ייִדן, ווי בעלאַו וויל האָבן. ס׳גייט אין דעם — און דאָ חזר איך איבער, בין איך אינגאַנצן מסכים מיט ד״ר מאַרגאָשעסן, אַז ווען אָט די רויע הענט נעמען זיך אַ שפּיל טאָן מיט דעם כלומרשטן אמת, ווי זיי טאַפּן אים אָן, באַקומט זיך נישט קיין אמת און נישט קיין ליטעראַטור.

.1959

קאַמינגס און פעלדמאַן

דער באַרימטער אַמעריקאַנער לירישער פּאָעט ע. ע. קאַמינגס ווערט באַ־טראַכט פאַר אַ רעבעל אין דער פּאָעזיע. הגם מ׳האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין אי״נערלעכער מוזיק פון ליד, צו זיינע אַריינגעוואָרפענע באַמערקונגען, אינמיטן ליד, צו די נייע ווערטער־שאַפונגען און דער אומאָרטאָדאָקסישער גראַמאַטיק וואָס באַשווערט זיינע שורות.

זיין רעבעלישקייט לייגט זיך שוין מער אויפן אויער און אויפן אויג, ווען מ׳לייענט די לידער. קאַמינגס איז באַליבט אין אַ סך קרייזן און ער איז שוין געוואָרן אַקצעפּטירט, כאָטש אַמאָל האָט מען געקעמפט קעגן אים און אים בשום אופן נישט געוואָלט געבן קיין וויזע צו דער געזעצלעכער אַמע־ריקאַנער פּאָעזיע. אָבער ס׳איז קלאָר, אַז כאָטש קאַמינגסן איז געלונגען איינ־צונעמען און באַזיגן אַ גרויסע צאָל לייענער פון פּאָעזיע, ווערט ער נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר אַ רעבעל, פאַר אַ באַנייער, וואָס האָט פאַרבראָכן קעגן פּאָע־טישער טראַדיציע. ער האָט אויסגעלאַכט מיט זיין ליד אַ סך אָנגענומענע קאָנווענציעס און איז נישט געווען אָפּגעהיט מיטן וואָרט, ס׳הייסט, ער איז דווקא זייער אַ פּאָרזיכטיקער אויסקלייבער פון ווערטער, אָבער אַז ער האָט געוואָלט נוצן אַן אויסדרוק וואָס זאָל שאָקירן, האָט ער זיך נישט געשעמט.

דער טאַטע זיינער איז געווען אַן אוניטאַרישער גלח. אַן אוניטאַריער מעג זיך זיין אַן אומקאָנווענציאָנעלער קריסט, וואָס איז נישט געבונדן דורך דער דריי־אייניקייט, אָבער אַ גלח בלייבט אַ גלח און אַ גייסטלעכער איז פּאָרט איינגעשפּאַנט אין געוויסע קאָנווענציעס פון זיין קי״רכע. ס׳איז קלאָר פון קאַמינגסעס לידער, אַז אַפילו די פרייערע קריסטלעכע לערע פון זיין פּאָ־טער, איז צו אים נישט אַריבער בירושה, אין איר אָריגינעלער טראַדיציאָ־נעלער פּאָרם, כאָטש פון צייט צו צייט כאַפּט זיך דער פּאָעט אַרויס מיט אַ ליריש־רעליגיעזער שורה, וואָס דריקט־אויס די אומגעזעטיקטע ליבשאַפט צום לעבן, וואָס קאַמינגס פירט־דורך אין זיינע לידער.

מיר גייט פון דעסטוועגן אין אַנווייזן, אַז ווען קאַמינגס איז אַרויס אין דער וועלט מיט זיין ליד, און ער האָט פאַרלאָזט זיין פּאָטערס הויז, האָט ער פּאָרט עפּעס מיטגענומען. ער האָט, מאַכנדיק רעוואָלוציעס קעגן פּאָעטישן געשמאַק פון זיין דור, און אויסלאַכנדיק אַלערליי קאָנווענציעס און הייליקע קי, געשוינט אין זיך דעם אָנדענק און די דיסטילירטע שיינקייטן וואָס ער

האָט מיטגענומען פון אַ קינדהייט, אין הויז פון זיין פאָטער, דעם אוניטאַרישן גלח. קאָמינגס איז נישט נאָר אַ לירישער פּאָעט, נאָר אַ שאַרפער סאַטיריקער. זיין פאָטער וואָלט אפשר נישט מסכים געווען מיט דעם זונס פרייען צוגאַנג צום לעבן און מיט זיין רייניקן זיך אַ וועג צו דער אומגעשטערטער באַשטעטיקונג פון לעבן, אָבער זיי וואָלטן פון דעסטוועגן נאָך געקענט דעבאַטירן, ווייל פאָטער און זון, אַפילו אין דער צעקריגטקייט פון אידייען, געפינען זיך נאָך אין גדר פון אידייען. זיי זענען אי עטיש, אי עסטעטיש אין דער באַציִונג פון נאַטירלעכן גאַנג פון דורות און פון דער כסדרדיקער אָריענטאַציע אַרום אַ גייסטיקער ירושה, וואָס איז אַ געטרייער איבערבלייב און וואָס צו איר, צו דער ירושה, הייסט עס, מעג דער זון זיך אפשר שטעלן מיטן רוקן, אָבער ער קען נישט אַ שפּיי טאָן אויף איר. נאָך עפּעס: איידער ער באַשליסט זיך צו שטעלן מיטן רוקן צו דער גייסטיקער ירושה פון זיין פאָטער, האָט דער יונגער פּאָעט, אָדער נאָוועליסט, זי פריִער גוט אויסגעפאָרשט, און ער ווייסט בפירוש וואָס ער וואַרפט אַוועק, אָדער פון וואָס ער קערט זיך אָפּ.

דערפאַר אַז ס׳איז געקומען צו באַזינגען זיינע טאַטע־מאַמע, האָט קאָמינגס לגבי דעם טאַטן מיט דער מאַמען גלייך אָפּגעהיט דעם כיבוד אב ואם און זיי ביידן אַרויסגעוויזן ליבשאַפט. מיר איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו לייענען קאָמינגסעס אַ ליד, ווו ער באַזעצט זיין מאַמען אין אַ הימל מיט „שוואַרצרויטע רויזן״.

„מיין טאַטע וועט (טיף ווי אַ רויז, הויך ווי אַ רויז) שטיין לעבן דער מאַמען און זיך וויגן איבער איר אַ שווייגנדיקער, מיט אויגן וואָס זענען אייגנטלעך בלומענבלעטלעך און זעען גאָרנישט, מיטן פּנים פון אַ פּאָעט, וואָס איז גאָר אַ בלום און נישט קיין פּנים. ער וועט שטיין איבער דער מאַמען מיט הענט וואָס וועלן שעפּטשען — דאָס איז מיין געליבטע און פּלוצים, אין זונליכט, וועט ער זיך פאַרנייגן און דער גאַנצער גאָרטן וועט זיך פאַרנייגן.״

כ׳האָב זיך דערלויבט אַ פולע פרייהייט מיט קאָמינגסעס פּאָעטישן טעקסט, אַריינגעוואָרפן דאָ און דאָרט אַ קאָמאַ, אָפּגעשאַפט די קלאַמערן, די אַריינגעוואָרפענע באַמערקונגען און מער־ווייניקער פאַרלאָגישט דעם סינטאַקסיס פון ליד. געוואָלט האָב איך אַרויסברענגען, אַז ווען דער רעבעל קאָמינגס קומט צו זיינע עלטערן, ווערט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנער סענטימענטאַל פון גרויס ליבשאַפט און ער שאַפט אַרום זיי — אַ בלומען־אַטמאָספערע. ער פאַרשמעקט די לופט אַרום טאַטע־מאַמע, און אויב ער גיט דער מאַמען אַ גאַנצן באַזונדערן הימל, שטייט אָבער איבער איר דער טאַטע, אַ הויכער און אַ שלאַנקער „טיף ווי אַ רויז און הויך ווי אַ רויז״. די ליבשאַפט

פון טאַטע־מאַמע ציטערט און שמעקט אין הימל־גאָרטן און אַלע בלומען זאָגן — אָמן.

ווען אונדזערע יונגע ייִדישע רעבעלן זענען אַוועק פון טאַטנס הויז, אין די היימישע שטעט און שטעטלעך, האָבן זיי אויך קיינמאָל נישט מבזה געווען דעם טאַטן, אַפילו ווען זיי האָבן זיך געקריגט מיט אים און זיך איבגאַנצן צעקריגט מיט זיין תורה. זיי האָבן אָנגעהאַלטן אַ בענקשאַפטלעכע געטריי־שאַפט צום טאַטן, ווי שטרענג ער איז נישט געווען, און, אויב זיי זענען גע־וואָרן קינסטלערס פון וואָרט, האָבן זיי נישט בלויז געגנאַשט פון טאַטן, נאָר זיי האָבן אים ממש גייסטיק באַגנבעט, פון קאָפּ ביז די פיס, מיט גרויס דאַנק־באַרקייט. די גאַנצע ייִדישע קלאַסישע ליטעראַטור איז אַ גייסטיקער פּלאַ־גיאַט פון טאַטן. אַוודאי איז אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ מאַמע — אַ מאַמע, און זי זיצט אויף אַ באַזונדערן טראָן פון צערטלעכקייט, אָבער דער כבד את אביך איז געווען אַ פולער חוב און אַט דער כבד איז געוואָרן דער סאַמע אינטעגראַלער טייל פון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור.

מיר איז אויסגעקומען לעצטנס צו ציטירן עטלעכע מאָל דעם יונגן ענג־ליש־ייִדישן פּאָעט דעני אַבסע. ווייל איך דאַ ברענגען נאָך אַ באַמערקונג וואָס ער האָט געמאַכט, אויפקלערנדיק די גיכע אַסימילאַציע פון ענגלישן ייִדנטום. מיר האָבן נישט קיין אייגן לשון, זאָגט אַבסע. ער מיינט, פאַרשטייט זיך, אַ באַזונדער, געטריי משפּחה־לשון, וואָס זאָל זיין אַ באַווארעניש קעגן פול־שטענדיקער אויסמישונג.

און אַזוי גיך ווי די זין זענען אַוועק פון טאַטנס לשון, איז צווישן זיי, די זין מיט די טאַטעס, געקומען צו אַ פולשטענדיקן ריס. דאָס איז נישט דער אַלטער קריג צווישן טאַטעס און זין, וואָס האָט באַרייכערט און געשטויסן פאַראויס דאָס ייִדישע לעבן, געשאַפן גרויסע אידעאָלאָגישע באַוועגונגען, ווייל די באַוועגונגען האָבן פאַרמאָגט אין זיך דעם עסענץ פון טאַטנס און זיידנס ירושה, פון וועלכער מ׳האָט זיך כלומרשט אָפּגעקערט.

די נייע אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור מאַכט לעצטנס דורך אַ שטאַר־קע רעוואָלוציע. זי האָט זיך דאָך אַ כאַפּ געטאָן אינמיטן וועג און זיך אָנגעהויבן צו אַנאַליזירן, אויב זי האָט נישט צופיל אָפּגעוואָרפן און פאַרוואָרפן דעם טאַטנס ירושה. ס׳איז אַ רעוואָלט קעגן דער גייסטיקער פאַראָרעמונג פון אַ גאַנצן דור שרייבערס, וואָס האָט קודם־כל שוין מער נישט געהאַט מיטן טאַטן קיין געמיינשאַפטלעך לשון. אָט־דער דור האָט דעם טאַטן גייסטיק מער נישט באַגנבעט; ער איז פון אים אַוועק מיט אַזאַ ווילדן ויברח, אַז ס׳איז געווען אַ צער צו זען דעם יורש אָן גייסטיקע תחתונים. אָבער נישט גענוג וואָס דער זון, דער קינסטלערישער, האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם

גייסטיקן באַגאַזש, האָט ער נאָך דעם טאַטן מבֿזה געווען. ער האָט געכאַפּט דאָס סאַמע אויבנאויפיקע פון ייִדישן לעבן און עס אויסגעלאַכט אָדער דער־בידעריקט. הערן מיר פון צייט צו צייט, אַז דאָ און דאָרט זענען אַרויס ביי־כער פון ייִדן, כלומרשט פון ייִדישן לעבן, אָבער פאַר ייִדן זענען אַזעלכע ביי־כער אַ חרפּה. דער זון רעכנט זיך אָפּ מיטן טאַטן; ער צערעכנט זיך אויף אַ ווולגאַרן שטייגער, אַז ס׳איז אַ בושה פאַר דער קריסטלעכער גאַס.

רעד איך אַנומלט מיט אַן אַמעריקאַנער געבוירענעם ייִדישן יונגנמאַן, שוין נישט אינגאַנצן קיין יונגערמאַן, באַענט צו פערציק, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער אַמאָליקער גאַנץ־ייִדישער געגנט — בראָנזוויל. כ׳רעד מיט אים וועגן באַציִונגען פון יונגע אַמעריקאַנער קינדער צו טאַטע־מאַמע און ער איז מיר מסביר, אַז אַמעריקע איז בכלל אַ מוטער־לאַנד, נישט קיין פאָטער־לאַנד. די יונגע ייִדישע בראָנזווילער קינדער האָבן עס גלייך געכאַפּט. טאָ־מער האָט עמעצער געזאָגט אַ קרום וואָרט וועגן אַ מאַמען, איז דער זון גע־ווען גרייט יענעם דורס צו זיין. די פויסטן זענען געווען מוכן ומזומן צו פאַרטיידיקן דער מאַמעס כבוד, אַפילו ווען די באַליידיקונג איז קיים געווען אַן אַנצוהערעניש. אָבער דעם טאַטן האָט מען געקענט באַליידיקן, פון היינט ביז מאָרגן, און קיין געשלעגן זענען צוליב דעם נישט פאָרגעקומען. דער טאַטע איז געווען דעם זונס אַ ווייטער קרובֿ.

דערפאַר האָט דער זון בכלל גאָרנישט איבערגענומען פון טאַטן. ער האָט נישט געקריגט קעגן אים; ער האָט אים איגנאָרירט, פאַרטויבט זיינע אויערן קעגן זיין לערע, און אַרויס פון טאַטנס הויז, מיט לייכט געפּעק און אָן שום גייסטיקער פאַרוואַנדשאַפט און צוגעבונדנקייט.

קאַמינגסעס טאַטע, דער אוניטאַרישער גלח, איז נאָך אַלץ הויך און שלאַנק און אין אַ גאָרטן־געדעכעניש. ווען קאַמינגס קומט מיט זיין רעבע־לישקייט, איז זיין מחלוקה נאָך אַלץ אין דער טראַדיציע, ווייל זיין צוגע־בונדנקייט צום טאַטן פאַרמאָגט דאַנקבאַרקייט פאַר איבערגעמען עפּעס פון אים, אַפילו ווען ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט די ירושה צו מאָדיפיצירן.

פאַראַן אַ יונגער פּאָעט, אַ ייִד, וואָס שרייבט אינטערעסאַנטע ענגלישע לידער. זיין נאָמען איז — אירווינג פעלדמאַן. ער בליצט מיט טאַלאַנט. זיי־נע שורות, הגם אַביסל צופיל צוזאַמענגעפּרעסט, מחמת ס׳פעלט אים טעכני־שע פליסיקייט, זענען בילדעריש־קלוג און ער איז אויך, אויף זיין שטייגער, אַ רעבעל. מיר געפעלן זיינע לידער, ווייל זיי פאַרמאָגן אומרו און נערוועזי־טעט. ער שעמט זיך נישט צו דערמאָנען אין די לידער זיינע זיין ייִדישן אָפּ־שטאַם. ער האָט פרי, דערציילט ער, געלערנט אַז „די גאַנצע געשיכטע איז אַ פּאָגראָם״. ער באַהאַלט נישט זיינע געפילן פון „אַ ייִד צווישן גוייִם״ און ער דערלאַנגט (פּאָעטיש) אַ פּאָרציע דעם קריסטלעכן שכן פאַר אַנטיסעמיטיזם.

איז דאָך גוט. אָבער ביים גאַנצן טאַלאַנט גייט־אויף פון זיינע לידער אַ רויך פון גייסטיקער פוסטקייט. כ׳האָב געלייענט פעלדמאַנס אַ לענגערע סע־ריע לידער, אין דעם רעספּעקטירטן זשורנאַל — „די קעניאָן רעוויו״ און הנאה געהאַט פון אַ סך שורות, אָבער דאָס גאַנצע געמיט פון די לידער, דווקא דער־פאַר ווייל דער פּאָעט באַהאַלט נישט זיין ייִדישקייט, איז הויל, ווייל מען דערוואַרט עפּעס און מען ווערט אָפּגענאַרט.

אָט ברענגט דער זון דער מאַמען פולע קוישן ליבשאַפט, ווי ס׳פּירט זיך אין אונדזער מאַמע־מדינה, אירע „גרויע, זיסע און לייכטנדיקע אויגן, פאַר־זומער־שפּרענקלטע הענט״ ווערן געטריי באַזונגען אין די לידער. פעלדמאַן באַשרייבט ווי זי קניט אָפּצושטויבן דאָס מעבל, דאגהט פאַרן הויזגעזינד אאַז״וו. אָבער אַז ס׳קומט צום טאַטן באַזינגט אים דער זון אַז „שטייענדיק ביי דער אַרבעט מאַכט ער קאַליע די לופט״. דער פּאָעטישער זון לייגט אַוועק אַלע בושות אָן אַ זייט. ער ווערט אַ רעאַליסט און ער נוצט דאָס קלאָרסטע און „וואויל־שמעקנדיקסטע״ ענגלישע וואָרט, כדי אַקוראַט איבערצוגעבן, ווי דער טאַטע „לאָזט אונטער״ ביי דער אַרבעט.

דאָס איז אַן אַנדער אַטמאָספערע פון קאַמינגסעס גאָרטן. דער טאַטע איז שוין נישט קיין בלום. ביי קאַמינגסן ציטערט די ליבשאַפט אין גאַנצן גאָרטן; די לופט איז פול מיטן אַראָמאַט פון רויזן. דער אוניטאַריער גלח בייגט זיך איבער דער מאַמען מיט צערטלעכקייט. דער רעבעלישער זון־פּאָעט פאַרפלאַנצט ביידע עלטערן אין זיין גאָרטן. אונדזער ייִדישער רעבעל, וואָס האָט פרי געלערנט אַז געשיכטע (ייִדישע געשיכטע) איז אַ פּאָגראָם, ברענגט אונדז פון טאַטנס הויז... אַן עיפּוש. אָט־דאָס ברענגט דער ייִד צווישן גויים, און ס׳איז אפשר נישט קיין וווּנדער וואָס גויים קערן זיך אָפּ פון אַזאַ יונגן ייִד, וואָס זיין טאַטנס ירושה ווערט אַזוי חוש־הריחדיק אָפּגעשאַצט.

אין פעלדמאַנס לידער־סעריע קומט דער זון צוריק, נאָך אַ לאַנגן, זיך־זוכנדיקן וואַנדער. ער קלאַפּט אין אַ טויבער טיר. ער איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ, ווי לוטס ווייב, וואָס האָט זיך אומגעקוקט. ער ברענגט אָבער נישט צוריק קיין גייסטיקע דערמאָנונגען, ווייל אויף זיין וואַנדער און אין זיינע וואָגלענישן, איז ער, אין תוך, אַ באַנאַלער רעבעל, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויס־דריקן, און אַ מאַמעס זונדל. דעם טאַטן האָט ער אין גאָרטן פון זיינע דער־מאָנונגען נישט אַריינגעלאָזט. לגבי דעם טאַטן און זיין ירושה ווערט דער זון אַ גאַנצער ווילער יונג. אויב ער האָט פון טאַטן מער נישט גערישנט ווי אַזאַ ריח־ניחוחדיקע דערמאָנונג, איז אויף אים נעבעך אַן אמת־ייִדישער רחמנות.

1959.

טאָינבים נייע יידישע אָריענטאַציע

מיט אַ צייט צוריק איז אין אונדזער גבול ווידער אויפגעשווומען דאָס געשטאַלט פֿון דעם טעאָלאָגישן היסטאָריקער אַרנאָלד טאָינבי. מיר האָבן געמיינט, אַז ער האָט זיך מיט אונדז שוין אינגאַנצן אָפּגעפּאַרטיקט, איז זיין פֿילבענדיקער געשיכטע פֿון פֿעלקער, וואָס אין איר האָט ער אונדז לחלוטין איבערגעענטפֿערט צו אָפּגעמעקטער פֿאַרגעסנקייט. ער האָט אונדז, ייִדן, ווי מיר געדענקען גוט, אָנגערופֿן אַ פֿאַרשטיינערט רעשטל, וואָס איז שוין נישט בכוח צו שאַפֿן קיין לעבעדיקע געשיכטע: ווייל מיר פֿאַרמאָגן מער נישט די זאַפֿטן וואָס אַ לעבעדיק פֿאָלק פֿאַרמאָגט, זענען מיר מער נישט בכוח צו געבן אונדזער אייגענעם צושטייער צום געשיכטלעכן פֿאַראַד פֿון פֿעלקער, וואָס רעכענען זיך נאָך און וואָס האָבן נאָך אַ באַמערקלעכע שעפֿערישע אייגנאַרטיקייט.

אַחוץ דעם וואָס טאָינבי האָט אונדז ליקווידירט אין זיין געשיכטע וועגן דער ציוויליזאַציע פֿון פֿעלקער, האָט ער אונדז פֿון צייט צו צייט גוט אָנגעזידלט, אין פֿאַרשיידענע צוגאָבן צו זיין געשיכטע און באַזונדערע אַרטיקלען. נישט געקוקט דערויף וואָס ער אַליין האָט אונדז פֿאַרוואַנדלט אין אַ טויטער פֿאָלקס־מאַסע, האָט ער פֿון דעסטוועגן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם נייעם קאַפּיטל — מדינת ישראל — און אָנגעוויזן, אַז מיר האָבן עס דעראָבערט אויף אַן אוממאָראַלישן אופֿן. דערביי האָט ער זיך צעגאָסן מיט גרויס ליבשאַפֿט צו די אַראַבער און פֿאַרגליכן די ייִדישע באַהאַנדלונג פֿון אַראַבער, מיט דער נאַצישער באַהאַנדלונג פֿון ייִדן.

ווי אַזוי גלייכט זיך אויס דאָס קאַפּיטל מדינת ישראל, וואָס באַטייט לכל הדעות אויפֿשטייג און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג צווישן אַזויפֿיל פֿעלקער, מיט דער קאַטעגאָרישער דערקלערונג, אַז מיר זענען שוין היסטאָריש נישטאָ? איז עס טאַקע אויבנאויף אַ סתירה, אָבער טאָינבי איז אַ מיסטישער היסטאָריקער, מיט אַמביציעס אַפֿילו פֿון אַ רעליגיעזן רעפֿאָרמאַטאָר. צווישן די לעבעדיקע רעליגיעס פֿון דער וועלט האָט ער די ייִדישע אמונה מער נישט אויסגערעכנט. מיינט עס אַז ביי אים איז דער אויפֿשטייג פֿון מדינת ישראל, אויף דער אַרענע פֿון פֿעלקער, נישט קיין מאָראַליש־היסטאָרישער אַקט, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן; און אויב ס'איז נישט פֿאַרבונדן מיט מאָראַל, איז עס געשיכטלעך נישט קיין מאַניפֿעסטאַציע פֿון לעבן.

קלאָר, אַז אַזוי מוז מען אויסטייטשן די סתירה אין טאַינביס צוגאַנג, בעסער געזאָגט, אַמאָליקן צוגאַנג צו ייִדן. וואָס ביי אַן אַנדער היסטאָריקער וואָלט געקלונגען ווי פּראַזעאָלאָגיע, קומט ביי טאַינבין אַרויס מיט דעם גאַנצן אַפּלאָמב פון וויסנשאַפטלעכער געשיכטע־שרייבעריי. ער שרייבט נישט קיין געוויינלעכע געשיכטע, נאָר ער טוט אויך אָן די טאָגע פון אַ שופט און ער משפּט, פאַרמשפּט און רעווידירט משפּטים איבער גאַנצע ציוויליזאַציעס. ייִדן, האָט ער באַשלאָסן, מער נישט צו אַנערקענען, אין דער ראַם פון זיין געשיכטלעכער רעוויזיע.

מיטאַמאָל אָבער האָט ער זיך אָנגעבאָטן צו ווערן אַן אויסגלייכער אין דעם אַזוי־גערופענעם סכסוך צווישן אַראַבער און ייִדן. אין דעם צוגאָב־באַנד צו דער ענציקלאָפּעדיע „בריטאַניקאַ“, פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר, איז ער געקומען מיט אַ לענגערער בוררות וועגן די גרענעצן פון מדינת ישראל. ס׳הייסט, אַז אַחוץ היסטאָריקער איז טאַינבי נאָך אויך אַ פּאָליטיקער, וואָס וויל שפּילן אַ ראָלע ווי אַ שלום־מאַכער אין מיטל־מזרח, וואָס ער האָט באַזוכט און, ווי ס׳איז שוין גוט באַקאַנט, נישט אַריינגעשמעקט קיין מדינת ישראל, משמעות כּדי ס׳זאָל נישט שאַטן צו דער נייטראַליטעט פון זיין אורטייל. דער מאמר מיט די פאַרשיידענע פּראָיעקטן איז אַ לאַנגער און ער איז שוין בשעתו זייער שטאַרק אַרומגערעדט געוואָרן. טאַינבי איז אַ „מאַרקע“ און וואָס ער זאָגט, האָט אַן אָפּקלאַנג. אין קורצן איז זיין פּראָיעקט די זעלביקע, אַנדערש־פאַרשלייערטע יענטע — אַ שאַרפע רעוויזיע פון די ישראל־גרענעצן, וואָס שמעקט מיט צוריקגיין צו דער ערשטער יו־ען־מאַפּע, וואָס דאַרף שוין ביי אַ לעבעדיקן היסטאָריקער באמת זיין אַ „פאַרשטיינערט רעשטל“, וואָס האָט מיטן לעבן קיין שייכות נישט. יאָ גערעכט, נישט גערעכט, אַנטלאָפענע אַראַבער אָדער אַרויסגעיאָגטע אַראַבער — טאַינבי וויל האָבן, אַז דער תּירוץ פון אַנטלאָפענע אַראַבער איז קיין תּירוץ נישט — אָבער איין זאַך מוז מען דאָך צוגעבן, אַז די יאָרן זענען אַנטלאָפן פון די אַראַבישע פּליטים, אַז דער אימפּעט פון לעבעדיקער געשיכטע האָט די אַראַבישע פּליטים געמאַכט פאַר אַלעמענס אַ פּראָבלעם און נישט אויסשליסלעך פאַר קיין מדינת ישראל־פּראָבלעם. ס׳האַנדלט זיך אַפילו נישט אין די אַלטע געזעצן פון מלחמה, פון דעראָבערונג און זיג, אָבער די אַראַבישע פעלקער האָבן דאָך מיט זייער מלחמה אויף מדינת ישראל, קעגן דעם ווילן פון די פאַראייניקטע פעלקער, פאַראורזאַכט דאָס אַראַבישע פּליטים־פּראָבלעם, און איצטער ווילן זיי עס אָנהענגען אויף די פּלייצעס, ווי אַן אייביקע משא, אויף דער לויפיקער, לעבעדיקער געשיכטע פון אַ פאָלק אין אויפריכטונג.

אָבער דאָס געהערט שוין צו פּאָלעמיק מיט דעם באַרימטן פילאָזאָפישן

היסטאָריקער — מיר דאַכט זיך, אַז אַזאַ טיטל פּאַסט טאָינבין מער פון אַלע אַנדערע טיטלען, הגם אין תוך מוז יעדער ברייטער געשיכטלעכער אַרומנעם אַנטהאַלטן אין זיך אויך פילאָזאָפישע טענדענצן. די צרה מיט טאָינבין איז, וואָס זיין פילאָזאָפיע איז לכתחילה אַ צוגעשניטענע. ער אָפּערירט מיט פאַר־טיקע פאַראורטיילן, נישט נאָר אין זיין צוגאַנג צו ייִדן, נאָר אין אַלגעמיין, אין זיין גאַנצן צוגאַנג צו פעלקער און צו זייער געשיכטלעכער עוואָלוציע, צו זייער שטייגן און פאַלן. ער רעדט אַריין צופיל. נישטאָ קיין איין געביט פון מענטשלעכן טראַכטן, וואָס איז נישט, אָדער קען נישט זיין — שעפעריש. ריכטיקער געזאָגט, דאָס מענטשלעכע טראַכטן, אויף וואָס פאַר אַ געביט עס זאָל זיך נישט מאַניפעסטירן, מוז זיין שעפעריש. אַ היסטאָריקער פונקט ווי אַ קריטיקער מוז זיין אַ שעפערישער מענטש, אויב ער איז נישט קיין אי־בערקייער. אָבער דווקא דערפאַר ווייל ס'איז אַ שעפערישער ענין, פאַרמאָגט עס שטרענגע געזעצן — וואָס שעפערישער, אַלץ שטרענגער. אַ היסטאָרי־קער טאָר דערפאַר נישט זיין צו־באַריידעוודיק, ער טאָר נישט פאַרטומלען דעם גאַנג פון געשעענישן מיט צופיל בויך־סברות. אָפּלויפן פון געשעענישן זענען דאָך פאַר דעם היסטאָריקער — זיינע העלדן און זייער דיאַלאָג געהערט צו דער צייט, זיי דערקלערן זיך אַליין, מיט אַביסל הילף פון דעם היסטאָרי־קער. ער דאַרף עס אָבער מאַכן זייער דעליקאַט און זייער עלעגאַנט און ער טאָר נישט ריידן פאַר זיינע „העלדן" — די גוט־באַקאַנטע היסטאָרישע גע־שעענישן, וואָס האָבן זייער אייגענעם דיאַלאָג.

טאָינבי, ווי אַ היסטאָריקער, איז צו־באַריידעוודיק. ער לאָזט נישט זיי־נע העלדן קומען צום וואָרט, ער לאָזט זיי נישט אויסשפּילן די פולע גאַמע פון זייער לעבן און שטאַרבן. אויף אַנדערע שרייט ער אָן, ווען זיי ווילן אויפ־הייבן דעם קאָפּ. ייִדן האָבן ביי אים גאָר געכאַפּט אַ מיאוסן אָפּשניט. אויב איך חזר איבער אונדזער דיסקוסיע מיט טאָינבין, די ייִדישע טענות צו אים, דווקא ווען טאָינבי איז פּלוצים אַרויפגעשוווּמען אין אַ נייער ראָלע פון אַ בעל־יועץ פאַר ייִדן, איז עס פּשוט דערפאַר, ווייל ס'ווילט זיך אונטערשטרייכן דעם גראָטעסק פון דעם גלגל החוזר, ווי די טאָינביס נעמען ביי דער אַסימי־לאַציע, ביי אונדזערע כראָנישע אַנטלויפערס, וואָס ראַציאָנאַליזירן זייער ויברח, אַלע זייערע אויבערפלעכלעכע טענות צו ייִדן, און זיי נעמען זיך נישט די מי צו רעווידירן די טענות. יעדער אַנדער פאָלק פאָדערט טיפע שטודיע, אָבער נישט ייִדן, פאַר זיי זענען דאָ פאַרטיקע נוסחאות. ס'איז שוין אַפילו נישט נייטיק צו נעמען דעם אַנטיסעמיטישן נוסח פון ישנו עם, וואָס אַנערקענט אונדזער זיין, נאָר ער באַשענקט אים מיט אַלדאָס בייז. ס'איז באַקוועמער צו נעמען דעם צווייטן נוסח, דעם אַסימילאַטאָרישן — אונדזער

נישטאָזקייט. מיר זענען אַ פּאַרגליוועטע רעשטל און מען דאַרף זיך מיט אונדז נישט רעכענען, און אַלע לעבעדיקע זאַכן וואָס מיר פאַרמאָגן כלומרשט האָבן מיר צוגעלאַטכעט, אָדער בכלל געקראָגן דורך אַן אוממאָראַלישן קונקל־מונקל.

אַט דער נוסח האָט געדינט טאַינבין אין זיין צוגאַנג צו ייִדן. דער גראַ־טעסק דערפון, פון אַ קאָמישן גלגל החוזר, דערשיינט קלאָר, ווען דאָס וואָס טאַינבי האָט גענומען פון אָפּגעפרעמדטע ייִדן, קומט צוריק אין לאַגער פון אָפּגעפרעמדטע ייִדן, ווי תורת־לאָקשן, צו די יונגע אַנטלויפערס אונדזערע, טייל געראָטענע זין און טעכטער, וואָס ווי נאָר זיי האָלטן אַ פרעמד־שפּראַ־כיקע פּען אין דער האַנט, ווייסן זיי שוין איבערצוחזרן די תורה, אַז מיר זע־נען נישטאָ — מיר זענען אַ פאַרשטיינערט רעשטל. זיי ציטירן טאַינבין, נישט אָפּגעבנדיק זיך אַ דין וחשבון, אַז דאָס איז איבערגעקייטער ייִדישער זיך־להכעיס. טאַינבי אַליין האָט פּלאַגיאירט פון ייִדן, נישט נעמענדיק זיך די מי צו אונטערזוכן אין וואָס עס האַנדלט זיך; אַז ס'קומט פון אַן אומריי־נעם קוואַל.

אָבער איצטער וואָס וועט טאָן די אָפּגעפרעמדטע יוגנט אונדזערע, ווען טאַינבי דערשיינט פּלוצים ווי אַן אַפּאָלאָגעט פון דער ייִדישער דיאַספּאָראַ, מיט פּשוטע ווערטער פון ייִדישן גלות? צווישן אונדז געשמועסט, ווען מען האָט פּלוצים פּראָקלאַמירט טאַינבין פאַר אַ בעל־תשובה, לגבי ייִדן, איז עס געווען — שלעכט פאַרשטאַנענער טאַינבי. טאַינבי איז פּאַקטיש געוואָרן אַ „גלותיסט", אויפן חשבון פון מדינת ישראל. ער האָט פּלוצים גענומען באַ־זינגען דעם כוח פון אַמעריקאַנער ייִדנטום, כדי צו מינימיזירן דעם כוח פון מדינת ישראל. אים גייט נאָך אַלץ אין אַריינקוועטשן מדינת ישראל, אין זיין מאָראַלישן קרומען שפּיגל, אין געפינען אַז מאָראַליש איז מדינת ישראל לייכט אויף דער וואָג. דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אונדזערע אייגענע איבער־לעבע רעוויזיעס און טענות, זיינע קומען פון דרויסן און באַרירן מדינת ישראל מיט גשמיותדיקע הענט פון אַ נישט־פריינט.

איצטער איז שוין טאַינבי אַן איבערצייגטער גלותיסט, וואָס דערקלערט קאַטעגאָריש דעם גלות פאַר דער „כוואַליע פון דער צוקונפט".

די טענדענץ, זאָגט אונדז טאַינבי, איז צו לעבן אין גרויסע בלאָקן, אויף גרויסע שטחים. ער נוצט נישט דאָס פּאָליטיש־פּאָפּולער־געוואָרענע וואָרט — בלאָק, אָבער דאָס איז אייגנטלעך וואָס ער מיינט. קאַטאָליציזם, זאָגט ער, איז אַזאַ וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַזוי איז מוסולמאַניזם און אַזוי איז אויך — ייִדנטום.

פאַר אים איז מדינת ישראל אַ סכנה פאַר דעם לעבן פון גלות. באַקומט

זיך אַ נייע גראָטעסקע סיטואַציע — מדינת ישראל וויל ליקווידירן דעם גלות, אָבער טאַינבי האַלט, אַז דער גלות און בלויז דער גלות וועט ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק, איינגעשלאָסן מדינת ישראל... ער פאַקט אויך אויס די אַלטע טענה פון טאָפּלטער לאָיאַליטעט. ער וואָרנט דערפאַר מדינת ישראל בישט צו שטעלן דעם גלות אין דער לאַגע פון אַ „פינפטן קאָלום", צווישן די פעלקער.

אויך דאָס איז געגומען געוואָרן, אויב נישט ביי יידן — לכל הפחות — ביי דזשודאַיסטן, און עס וועט זיכער צוריקשפּרינגען צו יידן, וואָס וועלן ציטירן טאַינבין און פאַרגעסן, אַז ס'איז געלאַטכנט פון אונדזערע אייגענע פּחדנים, וואָס האָבן בכיוון ענג און קליין אויסגעטייטשט דעם גאַנצן ענין מדינת ישראל.

ניין, טאַינבי איז נישט קיין בעל־תשובה, נאָר ער האָט דאָך געפונען אַ נייעם צוגאַנג צו דער טעמע יידן און יידנטום. דער גלות איז ביי אים געוואָרן דער צענטער, וואָס האַלט אויף מדינת ישראל, און אַפילו קולטורעל, זאָגט אונדז טאַינבי, איז אַמעריקע בכוח צו באַרייכערן די וועלט, מער ווי מדינת ישראל, וואָס איז באַלאַגערט און אַן אַרומגערינגלט לאַנד. מיר דאַרפן פאַרשטיין טאַינביס פּלוצימדיקן ווענד צום גלות, אַז ס'איז אויפן חשבון פון מדינת ישראל, און דער דאָזיקער ה י ס ט אָ ר י ש ע ר צוריקטריט זיינער דאַרף אונדז נישט אָפּנאַרן.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז ס'פאָדערט פון אונדז אַ נייעם צוגאַנג צו די דעבאַטעס מיט טאַינבין, אין די אינטערעסן פון אונדזער אַנטלויפערישער יוגנט, וואָס האָט די טבע זיך אַנצוכאַפּן אין יעדער פּאָפּולערער שטרוי, כדי זיך נ י ש ט צו ראַטעווען. אגב, טאַינבי זאָגט אַז דער אַנטלויף פון דער יידישער יוגנט איז נישט בלויז אַ יידיש פּראָבלעם, נאָר אַ וועלט־פּראָבלעם, אַלע טראַדיציעס ווערן לויזער.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז דער טאָן ביי טאַינבין איז געוואָרן אַן אַנדערער, און אונדזער דיסקוסיע מיט אים מוז דערפאַר אויך ווערן אַנדערש אין טאָן.

אין זיין נייעם צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע, זאָגט דער היסטאָריקער קלאָר אַז עס וואָלט געווען אַ טראַגעדיע, ווען די יידישע תפוצות זאָלן אונטערגיין. „עס איז פאַר מיר אוממעגלעך צו זען אַ וועלט, אָן יידישקייט און אָן יידן", זאָגט טאַינבי קאַטעגאָריש און קלאָר.

דאָס איז פאַרט עפּעס אַנדערש און דער אַבסאָלוטער היפוך פון זיין משפט איבער אונדז, אַז מיר זענען פאָסיליזירט. ער טרעט שוין אַפילו צוריק

פון זיין בליק אויף אַ מדינת ישראל, לויט דער 1947 חלוקה און ער איז גרייט צו מאַכן נייע אַנדערע גרענעץ־רעוויזיעס.

ווען ס׳קומט צו דער ייִדישער אמונה, האָט טאָיִנבי אַוודאי שאַרף און ראַדיקאַל געענדערט זיין בליק אויף דער „פאָסיליזאַציע" פון דער ייִדישער ציוויליזאַציע. ער רעקאָמענדירט אונדז גאָר צו ווערן מיסיאָנערן און פאַרשפּרייטן און פּראָפּאַגאַנדירן ייִדישקייט צווישן די פעלקער. מיר קענען האָבן אונדזער אייגענעם בליק אויף מיסיאָנערסטווע פון ייִדנטום, מיט דעם גאַנצן פאַרזיכטיקן ווידערווילן פון דורות, מיט דעם איינשטעל פון — קשים גרים לישראל, אָבער ווען טאָיִנבי רעדט וועגן ייִדישן „אַפּאָסטאָליזם", אַרבעט ער זיך אַרויף אויף אַ פּראָפעטישן טאָן און דערקלערט, אַז די צוקונפט פון ייִדנטום איז מגייר צו זיין די וועלט, ממש — לתקן עולם. טאָיִנבי האַלט, אַז צוויי מאָל האָבן מיר דער וועלט געלאָזט פאַרוואָסערן אונדזער אמונה — דורך קריסטנטום און מוסולמאַניזם און זיי געלאָזט ווערן וועלט־אמונות. ס׳איז די פליכט פון ייִדנטום אָנצוהייבן פאַרשפּרייטן די אמתע ייִדישע אמונה, וואָס די אַנדערע צוויי וועלט־רעליגיעס האָבן פּרעזענטירט אויף אַן אויבערפלעכלעכן אופן. ייִדן, זאָגט טאָיִנבי, זענען די אויטענטישע מאָנאָטעיִסטן, און אין דער פאַרשפּרייטונג פון דעם אמתן ייִדישן מאָנאָטעיִזם, ליגט די צוקונפט פון ייִדישן פאָלק און די צוקונפט פון דער וועלט.

אַזוי זאָגט בפירוש טאָיִנבי. איך האָב אים זייער פאַרזיכטיק ציטירט. ס׳איז דערפאַר אַן אַנדער טאָיִנבי — נישט קיין בעל־תשובה, נאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער, אין באַצוג צו ייִדן, מיט זיין גאַנצער נישט־פריינטשאַפט צו מדינת ישראל, פאַרדינט פון דעסטוועגן דער שטאַרק פּאָפּולער־געוואָרענער טאָיִנבי, אַז מען זאָל דערזען זיין געענדערטן, לעבעדיקן צוגאַנג צום ייִדישן פאָלק.

זיין וואָרט האָט אויך אַ דערציִערישן איינפלוס. כ׳האָב אַנומלט ציטירט דעם ענגליש־ייִדישן פּאָעט, יאַן סילקין און אָנגעוויזן, אַז ער האָט דערקלערט די ייִדישע אמונה פאַר נאָך פאַרשימלטער און פאַרגליווערטער ווי קריסטנטום — וואָס דאָס איז אין עצם געווען אַנטליִען פון טאָיִנבין. איצטער, אַז טאָיִנבי אַליין זאָגט פאַרקערט, וועלן שוין די סילקינס אונדזערע מוזן זוכן אַנדערע ציטאַטן, אָדער זיך אַביסל פאַרטראַכטן און אפשר אויך עפּעס לערנען און אָנערקענען, אַז ייִדישקייט און ייִדנטום קען מען פון ציטאַטן נישט לערנען, נאָר אַז ס׳מעג אָנשטיין אַזעלכע סילקינס, שעיִפערס און אבסעס, פון דער ייִנגערער פלעיִאַדע ענגליש־ייִדישע פּאָעטן, צו לערנען ייִדישקייט פון דער ערשטער האַנט.

.1959

באַמערקונגען

ייִדיש אין ווערטערבוך

ביי ייִדן איז ייִדיש אַזאַ נאָענטער און משפּחהדיקער ענין, אַז ס׳שטייט קיינעם נישט אָן צו זוכן אַ ייִדיש וואָרט אין אַ ווערטערבוך. אַ ייִד קען ייִדיש און די ווערטער וואָס שטייען אין ווערטערבוך, זענען קיין ווערטער נישט. מ׳איז געוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן מיטן לשון, און די ווערטער וואָס זענען אַוועקגעוואָקסן און זיך אַרויסגעצויגן פון זכרון און אַוועק וווינען אין ווערטערביכער, זענען בכלל קיין ייִדיש נישט. זיי זענען ווערטערבוך־לשון, וואָס האָט פאַרגעסן אין טאַטע־מאַמע און אין אַלע גוטע און פרומע לייט. זאָלן זיי וווינען געזונטערהייט אין די דאָזיקע אלף־ביתדיקע אָרדענונגען, געסדרט, נומערירט און פאַרטייטשט. אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן. אַ ייִדיש וואָרט פאַרטייטשט אויף ייִדיש איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי חוזק, גדלות און אַ בלאָזן זיך לגבי אייגענע קרובים.

די הויך־שטאַפּלענדיקע ווערטער האָבן זיך אַביסל משנה־שם געווען, זיך צעפּיעסטשעט און פאַרצויגן, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פרעמדן לבוש, אַז מ׳זאָל זיי מוזן זוכן, ווען מ׳וויל זיי געפינען. ייִדיש דאַרף זיין אַ קליינע, אינטימע, משפּחהדיקע שפּראַך, וואָס זאָל ליגן ביי יעדער ייִד אין קעשענע. אַ ייִד וועט זיך העכסטנס אַביסל אָנשטרענגען, פאַרקנייטשן דעם שטערן, אַ בלעטער טאָן דעם זכרון־ווערטערבוך און אויסרופן: שאַ, אַזוי האָט דאָך, טאַקע מיין באָבע געפלעגט זאָגן.

אָבער גיין זוכן אַ ייִ ד י ש וואָרט אויף אַן אַדרעס, אויף אַ גרויס־שטאָטישן שטייגער מיט נומערן — דאָס פּאַסט פאַר גויִם, וואָס די שפּראַך זייערע שטאַמט ערגעץ פון די הרי חושך. אָבער אַ ייִדיש קינד פלעגט דאָך שוין אין זיין קינדהייט אויסריידן און אויסהערן דעם גאַנצן ייִדיש, וואָס איז אים געקומען בירושה. ער האָט געעפנט דאָס מויל, אָנגעהויבן ריידן און די ערשטע צוויי־דריי יאָר האָט ער גלייך געשלאָסן קאָנטשאַפט מיטן גאַנצן לשון און איז אַליין געוואָרן אַ ריידנדיק ווערטערבוך, וואָס האָט נישט געלאָזט קיין ניי וואָרט איבער די ליפּן.

דערפאַר פאַרמאָגן מיר ווייניק ווערטערביכער, ווייל דער אומצוטרוי צו אַזאַ שטייגער בוך איז געווען זייער גרויס. ממה נפשך, איז אַ ייִדיש וואָרט

אַזאַ אַריסטאָקראַט, אַז מ׳געדענקט עס נישט אויפן קאָפּ, נאָר מ׳דאַרף זיך מטריח זיין און זוכן, איז עס ספק־ייִדיש, אָדער אינגאַנצן קיין ייִדיש נישט. זאָל דאָס פרעמדע אָדער אָפּגעפרעמדטע וואָרט, וווינען אין ווערטערבוך, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אַ ייִד וועט זיך אָן דעם גאַנץ פיין באַגיין, ווייל איז עס אין ווערטערבוך איז עס קיין ייִדיש נישט, איז עס ייִדיש — דאַרף מען עס נישט באַזעצן אין אַ ווערטערבוך.

מיט העברעיִש איז צוגעגאַנגען אַביסל אַנדערש. אַ העברעיִש וואָרט איז געוועזן מער ווי אַ וואָרט, ס׳איז אויך געווען אַ שטיק למדנות. ווען אַ ייִד האָט דערטאַפּט אַ העברעיִש וואָרט און ער האָט געוווּסט פונוואַנען ס׳שטאַמט דער שורש און ווו דאָס וואָרט געפינט זיך אין תנ״ך, צי גאָר אין משנה, האָט ער געשפּירט אַז אַזאַ שטיק וויסן דאַרף זיך נישט וואַלגערן, גלאַט אַזוי אויף דער פריי און מ׳זאָל זיך כסדר פאַרלאָזן אויפן זכרון.

אַ העברעיִש וואָרט איז געווען אַ שטיק אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן, וואָס מ׳האָט געוואָלט באַהאַלטן אין אַ קאַסע. אַ ייִד איז נישט געגאַנגען זוכן אַ העברעיִש וואָרט אין אַ ווערטערבוך. ער איז עס געגאַנגען געפינען. ער האָט עס בלויז געהאַלטן פאַרשלאָסן אין ווערטערבוך, ווי מ׳האַלט אַביסל צירונג. אַ וואָרט פון איוב, אָדער ישעיה קען מען נישט לאָזן אַרומבלאָנקען. מען מוז עס שעצן און אָפּהיטן. אין ווערטערבוך איז אַזאַ וואָרט זיכערער. גייסט צו, גיסט אַ מיש און דו געפינסט עס גלייך. דו באַשטעטיקסט בלויז דיינע אייגענע ידיעות.

האָסט אַליין פאַרדעכטיקט, אַז דו ביסט אַ גרויסער ידען, גיסט אָן עפן דעם העברעיִשן מילון, און דו איבערצייגסט זיך אַליין, אַז ביסט נישט קיין שיפּע־זיבעלע. האָסט אַמאָל געלערנט אַ פּסוק און נישט פאַרגעסן. פון דעסט־וועגן פאַרמאַכסטו דאָס העברעיִשע ווערטערבוך מיט גרויס פאַרזיכט. אין ווערטערבוך ווערט געהאַלטן אָן אויג אויף די אַלע טייערע ווערטער און טאַקע אַ חשבון אויך. דערביי זענען זיי אויך נישט הפקר, די ווערטער קענען זיך נישט צעפליִען. זיי זענען דאָ — דער גאַנצער סכום פון דער גירסא דינקותא לעבט אין ווערטערבוך ווי אָן עדות, אַז האָסט עפּעס דערגרייכט. מ׳האָט דיך נישט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט אַ רוי בחורל, נאָר ביסט טאַקע אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס מ׳האָט אין אים אַריינגעקנאָוועט און ס׳איז נישט געגאַנגען ניוועץ.

צו ייִדיש איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ באַציִונג, ווי צו העברעיִש, אַפילו פון די סאַמע ערשטע מילון של כיס צייטן. גיין זוכן אַ ייִדיש וואָרט איז געווען ווי זוכן די אייגענע באָבע. אַ ייִדיש וואָרט האָט זיך נישט געפּוילט און אָפּגעזוכט דעם זוכער. דער ייִדישער מילון של כיס איז בוכשטעבלעך

געלעגן אין אַ צעשויבערטן און צעשאָטענעם אומסדר ביי יעדער ייִד אין קע־שענע. טאָמער האָט א יידיש וואָרט געקראָגן פליי אין דער נאָז און גענומען אַנטלויפן, כדי מען זאָל עס זוכן, האָט אַ ייִד געזאָגט ברח לך דודי, קענסט זיך נעמען די פיס אויף די פלייצעס, קיינער וועט דיר נישט נאָכלויפן. גריס דאָרט אין ווערטערבוך די אַלע אַנדערע פאַרריסענע גרויסהאַלטערס — ציוויליזאַציע, עמאַנציפּאַציע, עקזאַלטאַציע, עלטער זיך אין עושר און כבוד, שרייב אַמאָל אַ בריוול, אָבער אַזוי לאַנג וואָרטן זאָלסטו, ביז מ׳וועט דיך קומען זוכן.

פרעמדווערטער

דער דאָזיקער איינגעוואָרצלטער פאָראורטייל, אַז יידיש איז אַ קליינע משפּחהדיקע שפּראַך, וואָס טאָר נישט אַנווערן די קרובהשאַפט מיטן לייענער און אַז ס׳איז כמעט אַ באַליידיקונג פאַר אַ ייִדן נישט צו פאַרשטיין דעם גאַנצן אוצר פון זיין אייגן לשון, בעת אַן אַמעריקאַנער אָדער אַ פראַנצויז שטאָל־צירט דווקא מיט דעם וווקס פון זיין שפּראַך, איז זיכער אויך דער פונדאַמענט פאַר דעם אומצוטרוי צו פרעמדווערטער אין יידיש. מאַמע־לשון ווערט ביי אונדז געניצט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. די מאַמע האָט נישט געקיינט קיין פרעמדע ווערטער, דאַרפן די קינדער אויך נישט קיינען אַזעלכע האַרט־לעכע ווערטער. פרעמדווערטער, אויב זיי זענען טאַקע פרעמד, זענען זיי פרעמד אין יעדער לשון. לשונות שטויסן אָפּ פון זיך פרעמדווערטער. זיי פירן אָן אַ כסדרדיקן קאַמף מיט פרעמדע אויסדרוקן. ביז די דאָזיקע איינגעגעסענע אימיגראַנטן קריגן בירגער־פּאַפּירן, גייען זיי דורך שבעה מדורי גיהנום.

אָבער נישט אַלעמאָל ווערט אַ פרעמדוואָרט אַ תושב אין אַ שפּראַך בלויז דערפאַר, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער וואָרט פאַר דעם באַגריף, וואָס דאָס אויסלענדישע וואָרט ברענגט מיט זיך. אָפטמאָל איז עס טאַקע אַזוי, אָבער ס׳זענען אויך דאָ פאַלן, ווען דאָס פרעמדע וואָרט ברענגט נישט מער ווי אַ נייעם ניואַנס, אַ נייעם בויג, אַ נייעם קנייטש, אַ צוגאָב פון קאָליר, אַביסל וואַריאַציע אין אַ זאַך, כדי מ׳זאָל נישט דאַרפן ניצן דאָס זעלביקע וואָרט צוויי אָדער דריי מאָל.

אַמאָל געשעט אויך, אַז אַ פרעמד וואָרט איז גראָד דאָס וואָרט וואָס געפעלט דעם שרייבער, ווייל אויב ער איז נישט מסביר און צעקייט נישט קיין ענין, נאָר ער באַהאַנדלט אַ טעמע, וואָס איז אַ טראָפּעלע מער ווי פּאָלקס־טימלעך, קען אַ פאָלקסטימלעך וואָרט דעמאָלט אויסזען ווי אומגעבעטענע פּאָפּולאַריזאַציע, אָדער אומנייטיקע צעקייעוודיקייט, וואָס גיט אַמאָל דעם

איינדרוק פון אַרונטערריידן צום לייענער. און אַרונטערריידן צום לייענער איז אַ סך ערגער, ווי אַריבערריידן איבער אים, מיט אַזוי־גערופענע שווערע ווערטער.

איך פּערזענלעך בין נישט קיין שטאַרקער אָנהענגער פון פרעמדווערטער, אָבער די הנחה, אַז אַ ייִדישער לייענער איז מחויב אַלץ צו פאַרשטיין, איז אַביסל אַ פאַרעלטערטע. אויב אַ לייענער האָט צוטרוי צו אַ שרייבער, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן און ער וויל עפּעס זאָגן, מעג ער אויך האָבן דעם צו־טרוי צום זעלביקן שרייבער, אַז ס׳גייט אים נישט אין אַרויסווייזן בקיאות אין פרעמדווערטער, אָדער זיך וואַרפן מיט אויסלענדישער למדנות.

אָט האָב איך געשריבן למדנות און געוואָלט האָב איך בפירוש זאָגן ערוּ־דיציע. אַוודאי איז עס אַ פרעמד וואָרט, אָבער ס׳איז אַ וואָרט וואָס גיט צו קלאָרער און ווי פרעמד דאָס וואָרט זאָל נישט זיין, איז עס אַמאָל מער פאַני־בראַט מיט אַן אינטעליגענטן לייענער, ווי דאָס וואָרט למדנות, אָדער אַפילו געלערנטקייט אָדער געלערזאַמקייט, וואָס קלינגט ווי אַן איבערזעצונג אויף דרדקי־לשון, ווי מ׳וואָלט בעלפעריש געשלעפּט דעם לייענער אין חדר אַריין.

.1951

דער טראָפּ איז אויף מענטש

ווען די אינזיכיסטן זענען אויפגעקומען, אין 1920, האָט מען זיי, צווישן אַנדערן, באַשולדיקט אין גוואַלדיקער ערודיציע, וואָס דאָס האָט באַדאַרפט שטעלן אונטער חשד כמעט יעדער שורה, וואָס זיי האָבן געשריבן — נישט אַזוי דערפאַר וואָס מ׳האָט זיי דירעקט פאַרדעכטיקט אַז זיי שרייבן אָפּ אָדער שרייבן נאָך, נאָר פּשוט — די לייטע קענען צו גוט אין די ביכלעך, ווי עס זאָגן, דאַכט זיך, ווייסענבערגס ווילדע יונגען, אין זיינער אַ דערציילונג, אויס־דריקנדיק אגב ווייסענבערגס אייגענעם אומצוטרוי צו די „לייטע״ פון די ביכלעך. ס׳גלוסט זיך נישט אַריינצוגיין צו־טיף אין די פאַרגלייך־מאָסן פון ערודיציע וואָס האָבן צו יענער צייט געהערשט אין דער ליטעראַרישער קאַפּע, אָבער איין זאַך איז זיכער: דער חשד אַז צופיל בילדונג מאַכט קאַליע אַ פּאָעט, איז גראָד נישט קיין ריין־ייִדישער. דער דאָזיקער צוגאַנג צום פּאָעט איז דווקא אַ דירעקטער פּלאַגיאַט פון די גויים.

מ׳קען אין דער אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור געפינען מער ווי איינמאָל דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז ערודיציע און אינספּיראַציע זענען זיך ממש דם־שונאים, דער עיקר ווען ס׳קומט צו פּאָעטן. אָבער נאָווע־ליסטן דאַרפן אויך נישט זיין וויל־געלערנט. אָט האָב איך ערשט געלייענט אַז דער נאָוועליסט קאָזענס, וואָס איז נאָרוואָס אַריין, מיט ביידע פיס, אין אַ שמאַלץ־גרוב פון פּאָפּולאַריטעט מיט זיין בוך „פאַרכאַפּט פון ליבע״ („ביי לאָוו פּאָזעסד״) באַרימט זיך אַז ער לייענט נישט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געקענט דערלייענען ביזן סוף „מלחמה און פרידן״ און אַז ער האַלט בכלל טאָלסטאָיען, טשעכאָוון און דאָסטאָיעווסקין פאַר פּשוטע משוגעים. דערמיט האָט זיך קאָזענס געזוכט אַרויסצוגעבן אַן אַטעסטאַט פון אַ נישט־ערודיט.

ווען ס׳קומט צו פּאָעטן געווינט דער פּאָעט גאָר שטאַרק אין די אויגן פון דער קריטיק, ווען מ׳ווייסט אַקוראַט אַז ער ציט אַלץ פון זיך, אַז ער שפּייזט זיך און פאַריזיטעוועט זיך אַליין, און ווי געוויינלעך ביי די אומות העולם, אַז ער לעבט נישט אויף פויגל־מילך נאָר אויף משקה, ליבע און מוזע.

די דאָזיקע פּאָעטישע ביאָגראַפיעס, פון אימפּעטיקע לעבנס און פריִע טויטן, האָבן אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט לייענערס און קריטיקערס, אַז מ׳האָט די דאָזיקע „פּאָעטישקייט״ אָנגענומען פאַר אַ גרונט־טייל פון דער פּאָעזיע. ביי אונדז ייִדן האָט זיך עס אייגנטלעך באַדאַרפט קלעפּן ווי אַן אַרבעס צו

דער וואַנט, אָבער דער אַרבעס האָט זיך פֿאַרט צוגעקלעפּט. מיושבדיקייט, באַהאַוונטקייט און ברייטע אינפֿאָרמאַציע, איז ביי אונדז אויך אָנגעגאַנגען פֿאַר אַן אַנטיטעזע צו פּאָעזיע.

מעג מען אפשר איצטער אויסזאָגן דעם סוד, אַז די אינזיכיסטן זענען נישט געווען מי־יודע וואָס פֿאַרא ערודיטן, סאַנטאַיאַנאָס און ראַסעלעס, ווען זיי זענען אָנגעקומען מיט אַן אימפּעט. זיי זענען געווען אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג אין גאַנג פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, וואָס נאַטירלעכער קען שוין נישט זיין — אין לשון, אין ריטם און אין „ייִדישן" צייטגייסט. ווען זיי וואָלטן נישט געקומען, וואָלט זיך דער ליטעראַטור־קריטיקער געמעגט ווונ־דערן און זיך נאָכפֿרעגן אויף זיי. ווען מען גיט אַ טראַכט אַז זיי זענען גע־קומען נישט פֿריִער ווי סוף 1919, מוז מען זאָגן אַז זיי זענען געקומען אַקו־ראַט, ווען די צייט האָט זיי אַרויסגעפּאָדערט, נישט צו־פֿרי. די ווונדערלעכע ייִדישע לידער וואָס זענען געזונגען געוואָרן פֿון 1912 ביז 1919 זענען, ביי זייער גאַנצער שיינקייט, געווען צו־אַנעמיש און צו פֿויגלדיק, אַז מ'זאָל זיי דערהערן אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות. לייוויק און מ. ל. האַל־פּערן זענען געווען אַן אויסנאַם. זיי זענען גלייך געקומען מיט זייער רעוואָלט קעגן דער צוגעדישעטער ליריק, וואָס דער פּאָעט זעצט זיך אויף איר אַוועק, כדי ס'זאָל נישט געבן קיין צו־הויכן געשריי, און זיך נישט חלילה אַרויס־באַפֿן מיט קיין צו־שטאַרק וואָרט.

אויב די אינזיכיסטן זענען דעמאָלט געווען פּאַרדעכטיק־ערודיטיש, האָט מען זיי שוין ממילא באַשולדיקט אַז זיי פֿאַרשלעפּן אין דער ייִדישער פּאָעזיע טענער פֿון דער אַמעריקאַנער ליריק, אָבער דער אמת איז געווען אַז קיינער, חוץ מיכל ליכטן, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו אונדז, האָט נישט צו־שטאַרק געהאַלטן פֿון די דעמאָלטיקע זיילן פֿון דעם מאָדערנעם אַמערי־קאַנער ליד. מיר האָבן דאָרט נישט געהאַט אונדזערע רביים און ט. ס. עליאָט און עזרא פּאונד זענען אונדז תמיד געווען האַלציק־פֿרעמד. מיר האָבן שוין גיכער זיך געמשפּחהט מיט וויטמאַנען, פֿון וועמען די נייע אַמעריקאַנער פּאָעזיע איז וואָס ווייטער אַוועק. אויך ער איז אונדז אויסגעקומען אַביסל צו משכיליש־נאַיִוו, אָבער זיין דעמאָקראַטיש האַרץ איז אונדז געווען נענטער און ייִדישער, אויב איר ווילט, ווי די אידייען, וואָס די פּריוויליקע עקס־פּאַטריאַנטן, עליאָט און פּאונד, האָבן פֿון ענגלאַנד און איטאַליע אויסגע־דריקט אין זייערע לידער. נאָך אין 1929 האָב איך שאַרף געשריבן קעגן פּאונדס פֿאַרבינדונג מיט דעם אַמעריקאַנער פֿאַשיסטס, פּעליס, „זילבערנע העמדלעך". פּאונדס פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם זענען נישט געבוירן געוואָרן אין איטאַליע, דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און עליאָטס אַריסטאָקראַ־

טישער סנאָביזם און אַנגליקאַנישער אַנטיסעמיטיזם זענען אויך געלעגן אין שורות פון זיינע לידער, אַ סך פריִער ווי ער איז נתגלה געוואָרן פאַר אַ מאַ־נאַרכיסט און סאָציאַלן שונא פון „ייִד־אינטעליגענט״.

ס'איז דערפאַר כדאַי דאָס אונטערצושטרייכן, אַז אַלע אונדזערע ייִדי־שע רעוואָלוציעס אין דער ליטעראַטור, און דאָס נעמט שוין אַריין אויך די „יונגע״, און אַפילו די פּראָלעט־קולטישע, זענען געווען, מיט זייער גאַנצער יוגנטלעכער דערוועגטקייט, אין די ראַמען פון „גוט־ייִדישקייט״, ווייל סוף־כל־סוף האָבן אַלע שלום געמאַכט מיט די אבות פון דער ליטעראַטור. מיר האָבן זיי אויף אַזויפיל קריטיקירט, אויף וויפל זיי זענען געשטאַנען אין וועג פון נייטיקן פּראָגרעס. ס'איז נייטיק געווען אַז מען זאָל אַ שאָקל טאָן שטויב פון די טראַגנען. אָבער פרץ איז געבליבן פרץ, שלום־עליכם און מענ־דעלע זענען געבליבן געאַכפּערטע קלאַסיקערס, און פאַר רייזענען האָבן מיר אָנגעהאַלטן אונדזער פיעטעט. מיר, די עקסטרעמע רעבעלן, די אינזיכיסטן, זענען אפשר געווען די ערשטע צו שפּינען אונדזער פאַרבינדונג נאָך עבר־דיקער, מיט דער גאַנצער אַלט־העברעיִשער טראַדיציע. מיר האָבן, מיט איין וואָרט, אויסגעשטורעמט אונדזער רעוואָלוציע, ביי זיך אין אייגענעם וויינ־גאָרטן, און נאָכדעם ווי מיר האָבן ווידעראַמאָל, ווי די געטרייע דינערס פון ייִדישן צייטגייסט, דערגרייכט אַלץ וואָס מיר האָבן באַדאַרפט דערגרייכן, זע־נען מיר, די ווידערשפּעניקע, צוריקגעקומען אַהיים און זיך געזעצט דרך־ארצדיק ביים גרויסן פרץ־טיש, איבערלאָזנדיק דעם גאַנצן פּאַטערנאַלן שטאַט און אויבנאָן מיט די פּאַטער־שטולן, ווי ער איז געשטאַנען מקדמונים.

דער רעוואָלט אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע איז געווען אַן אַנטי־טראַדי־ציאָנעלער. ער האָט קודם־כל געמוזט זיין אַנטי־טראַדיציאָנעל, ווייל ער איז געוואָרן אין פּרט פון שפּראַך אַמעריקאַניש־באַוווסטזיניק. ער האָט זיך פאַר־נומען צו דערלאַנגען דעם „קעניגס״ ענגליש אין טאָטן אַריין און אָנהייבן פון זיך. דאָס וויגעלע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז געשטאַנען אין ניי־ענגלאַנד, אָבער פאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער גרופּע מאָדערניסטן איז עס סיי־ווי געוואָרן אַלט־ענגלאַנד. ערשט לעצטנס פאַרנעמט מען זיך אַ קאַ־פּיטשקע אויף קריק — נישט אָן רעזערוואַציעס — צו לאָנגפעללאָו, צו עמערסאָן, צו טאָראָו. אָבער אין היץ פון דער רעוואָלוציע האָט מען זיי אָן צערעמאָניעס אַראָפּגעטליקעט פון די אַקאַדעמישע טראָנען. דער ניי־ענג־לאַנדער הומאַניזם איז געווען אַ סך נענטער צו דער יונגער ייִדישער פּאָע־זיע ווי די קאַרג־פּרעציזע קאַלטקייט פון די אימאַזשיסטן, וואָס אירע איבער־פלאַנצערס אויף ייִדיש מיר האָבן געזאָלט זיין, לויט די קרומע חשדים, מצד

דער דעמאָלטיקער קריטיק, וואָס האָט אגב דעם אַמעריקאַנישן אימאַזשיזם נישט צו־גוט צעקייט.

סאַנדבורג, דער יורש פון וויטמאַנען, צווישן די יונגע אַמעריקאַנער פּאָעטן איז פרי אַרויסגעשטויסן געוואָרן. נישט אַזוי זיין שרייעוודיקע שורה, ווי זיין קלאָר־אויסגעדריקטער הומאַניזם האָט אים אָפּגעפרעמדט פון זיינע מיטגייערס. גרעסטעוועט האָט זיך בלויז דער אַלטער ראָבערט פראָסט, אַ שטיק טאָקע צוליב זיין עלטער, און אַביסל מחמת זיין נייעם ניי־ענגלענדער טאָן, וואָס האָט אָנגעהויבן קריגן אַ סך אָנהענגערס צווישן פריש־צוגעקומענע פּאָעזיע־לייענערס, וואָס האָבן דערזען די צייטיקייט פון אַן אייגענעם אַמע־ריקאַנער לאָרעאַט.

די אָן־וואָרצלדיקע רעוואָלוציע אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע האָט גע־מוזט פאַרלירן אַ סך באָדן, ווייל זי איז אַפילו נישט מיטגעגאַנגען מיט דעם פאַמעלעכדיקן אַמעריקאַנער פּראָגרעס. זי איז געוואָרן ווינקלדיק, אינסולאַר, רעאַקציאָנער, אַפילו אויב זי איז געוואָרן לינק־געשטימט, איז עס געוועזן אַן אייגענע איזאָלאַציאָניסטישע לינקשאַפט. ס'איז אַ קנאַפּע איבעראַשונג וואָס פון די צוויי כהנים פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, איז איינער שטרענג אַנגליקאַניש־רעליגיעז און דער צווייטער איז פאַרשפּאַרט אין אַ משוגעים־הויז פאַר פאַשיסטישן פאַרראַט — און ביידע זענען — ווער ווייניקער ווער מער — איבערצייגטע יידן־שונאים. זאָל שוין דאָ געזאָגט ווערן, אַז יידן האָבן בכלל נישט קיין גרויס מזל צו דער ענגלישער און אַמעריקאַ־נער ליטעראַטור, ווייל טייל ענגלישע און אַמעריקאַנער שיין־שרייבערס זע־נען שטילע אָדער אויסגעשריגענע אַנטיסעמיטן, שוין אַפילו די בעסערע פון זיי האָבן נישט געלאָזט הערן אַ הויך וואָרט לטובת יידן, אין אַן עת־צרה, נאָר זיך געוואָרגן מיט זייער קינסטלערישער פּאַסיוויטעט און זיי האָבן רק מורא געהאַט, אַז ס'וועט זיי אָפּקומען פון זייער גדולה.

איינער פון די קלענערע פּאָעטישע פיש, וואָס איז אין משך פון די לעצ־טע יאָרן געוואָרן אַן אמתער לויתן, איז דער פּאָעט ווילי‏אַם קאַרלאָס ווי־ליאַמס. ער האָט אָנגעשריבן אַ סך לידער, און אַרויסגעגעבן אַ סך ביכער, אָנהייבנדיק זיין קאַריערע אין 1909, אין דעם קליינעם שטעטל רוטערפאָרד, ניו דזשורזי, וווּ ער וווינט ביזן היינטיקן טאָג, פּראַקטיצירנדיק מעדיצין. ער איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעגנערס פון ענגלישן ענגליש, און ס'איז אים געגאַנגען אין אַרויסהייבן דעם אַמעריקאַנער ענגליש אין דער פּאָעזיע. גלייכצייטיק אויך דאָס אומבאַפּוצטע וואָרט. ער איז תמיד געווען אַ שלעכ־טער פּאָעט און קיינמאָל נישט געוואָרן קיין בעסערער, אָבער ער האָט אַרום זיך געשאַפן אַ קנעלונג פון יינגערע מענטשן, וואָס האָבן זיין דירעקטן שטאַמל

אָנגענומען פאַר דעם בעסטן אויסדרוק פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. ווען טייל פון די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין ספערן פון איינפלוס, האָבן זיי אים געמאַכט אַ גרויסן נאָמען. בכלל האַלט מען איצטער ביי אולטראַ־מאָדערניזם אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע — וואַלאַס סטיווענס, מאַריאַן מור און ווילעאַם קאַרלאָס ווילּיאַמס. ווען ווילּיאַם קאַרלאָס ווילּיאַמס האָט פאַרעפנטלעכט זיין לענגערע פלאַכטע־פּאָעמע „פּעטערסאָן“, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1946, האָבן זיינע תלמידים אים פּראָקלאַמירט פאַר דעם באַזינגער פון דער אַמעריקאַנער שטאָט. דער אמת איז, אַז אין דער פּאָעמע איז פאַראַן ווייניק געזאַנג און נאָך ווייניקער געדאַנק, אָבער ס׳איז אַוועק, ווי מען זאָגט אַ גאַנג, הײַנט ווען ער איז שוין אַ שרייבער אין די יאָרן, אַ מאַן פון 74 יאָר, האָט מען אַפילו אַרויסגעגעבן זיינע בריוו, וואָס זענען מוסטערן פון נודנאָטע אין שלעכטער עברי, און עס אַרויפגעצוווּנגען אויף דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט.

כ׳האָב שוין אַ לענגערע צייט געהערט, אַז ווילּיאַמס איז געכאַפּט אין דער מעשה, ווען ער צערעדט זיך וועגן ייִדן. אָבער ווען ער איז אַנומלט אויס־געפרעגט געוואָרן אין אַ שפּעט־נאַכטיקן אינטערוויו, צו דער געלעגנהייט פון זיין פאַרעפנטלעכטער קאָרעספּאָנדענץ, האָט ער זיך דערפלאַפּלט צום הויכן געדאַנק, אַז אַלע ייִדן זענען היסטאָריש־גענומען שיילאָקס. כ׳האָב נישט קיין חשק צו פאַרפירן אַ קריג קעגן דעם מין אַנטיסעמיטיזם. הלוואי וואָלטן אַלע אַנטיסעמיטן געהאַט אַזאַ המנס מפּלה, ווי ער האָט געהאַט אויף דער טעלעוויזיע. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ הילפלאָזן לץ, ביי וועמען דאָס בוידעם־שטיבל איז שוין מער נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג. זיין פּראַקטיקע אין דעם קליינעם שטעטל, איז באַשטאַנען מייסטנס פון אָפּנעמען קינדער. ער איז דער אָבסטעטריקער, אָדער אַקושער, פון דריי דורות, און ער איז שוין אַליין געוואָרן אַן עופהלע, וואָס ס׳איז קריעת־ים־סוף ביי אים „אָפּ־צונעמען“ אַ וואָרט. ער האָט בפירוש אָפּעריגט מיט פּופּציק ווערטער, אומ־גראַמאַטיש־פאַרבונדן און פאַרהיקעט. ער האָט נישט פאַרענדיקט קיין איין זאַץ, ווייל זיין ווערטער־אוצר האָט זיך בכלל נישט געקלעפּט אין זאַצן. זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וועגן פּאָעזיע און וועגן זיינע צייט־חברים איז ממש געווען אַ צער צו הערן. עס איז געוואָרן אַן אמת פּאַטשעניש פאַר דעם אַמע־ריקאַנער ענגליש און פאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. אַ פּאָעט אָדער בכלל אַ שרייבער איז נישט מחויב צו זיין אַ גרויסער בעל־דברן, אָבער ער מעג קענען אויסדריקן אַ שטיקל געדאַנק. ווילּיאַם קאַרלאָס ווילּיאַמס האָט געוויזן אַז אַלע זיינע אונטערשטופּערס האָבן געשטופּט אַ וואָגן אָן רעדער. יעדער איינער וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דעם טעלעוויזירטן אינטערוויו

האָט געמוזט רחמנות קריגן אויף דעם מצב פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, אויב וויליאַמס איז איינער פון זיינע קאַריפייען. יעדער שטיקל אויסגע־קוועטשטן שאָטן פון אַן ענטפער אויף די פראַגן פון דעם אויספרעגער — דזשאָן ווינגעיט, האָט וויליאַמס באַגלייט מיט אַן אומהיימלעכן שמייכל, וואָס האָט פאַרמאַגט די חכמה און ס׳פייער פון אַן איבערצייגטן עובר־בטל.

און אַט האָט זיך דער גרויסער דענקער, וואָס האָט צוגעגעבן אגב אורחא, אַז ער לייענט כמעט גאָרנישט, זיך דערעדט, אַז ייִדן ליידן פון שיילאָקיזם. דאָס איז געקומען דווקא נאָך דעם ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט מסכים מיט דער אַנטיסעמיטישער „עקסצענטריטעט״ פון עזרא פּאַונד, וואָס איז געזעסן אין אַ משוגעים־הויז. ער האָט אָבער גלייך גענומען מאַכן צו קליינגעלט פּאַונדס אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם און אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ ייִד, אַן אַמעריקאַנער פּאָעט, וואָס חברט זיך נאָך איצטער מיט פּאַונדן; ווי דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, מיר זענען שוין געוווינט צו אַזעלכע ייִדן. אגב האָט דער ייִד אָנגעהויבן זיין פּאָעטישע קאַריערע, מיט ציטירן גאַנצע פסוקים פון יהואשס לידער, אין זיינע ענגלישע טעקסטן.

וויליאַם קאַרלאָס וויליאַמס האָט גענומען פלאַפּלען, אין דעם סאַמע בוכ־שטעבלעכן זין פון וואָרט, אַז ייִדן זענען אַליין היסטאָריש שולדיק אין פּאַונדס אַנטיסעמיטיזם. זיי האָבן כסדר איבערגעקליגט די „הערשערס״, געמאַכט גע־שעפטן און ביי זיי, ביי די „הערשערס״ געשניטן אַ פּאַס. דזשאָן ווינגעיט איז געוואָרן אויסער זיך און אים עטלעכע מאָל געפרעגט אויב ער מיינט עס טאַ־קע, אויב ער באַשולדיקט ייִדן אין „שיילאָקיזם״, און וויליאַמס האָט מיט זיין אומהיימלעכן, שוויגערישן שמייכעלע געענטפערט: אַבסאָלוט! זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן אַז דער זעלביקער וויליאַמס האָט ביי דער געלעגנהייט אויס־געלאָדן אויף אַנטי־קאַטוילישן פאַראורטייל.

גייט בפירוש נישט אין דעם אימבעצילישן אַנטיסעמיטיזם, נאָר אין דעם מצב פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, וואָס האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעגעט מיטן לעבן און אויפגעהערט זוכן דעם מענטשן. נישט דער מענטש איז גע־וואָרן דער עיקר, נאָר דאָס וואָרט, אָבער אַ נישט־מענטשלעך וואָרט מוז ווערן אַן אוממענטשלעך וואָרט. דערפאַר האָט עס דערפירט צו אַן עזרא פּאַונדן און נאָך ערגער — צו אַ גאַנצער כאָפּטע פון זיינע פאַרטיידיקערס, וואָס נע־מען זיך אָן פאַר זיין פּאָעטיש־פאַשיסטישער „פרייהייט״ און זעען אין דעם דעגענעראַט — דעם פּאָעט. מען גיט אַרויס זיינע ביכער און מען שטייט גרייט אָפּצונעמען ביי דעם משוגענעם פאַררעטער, דורך אַלע גיפטן און ביסן — זיין פּאָעטישן האָניק.

אָבער דער פּראָדוקט וואָס ווערט אַזוי הייס פאַרטיידיקט איז ערשט־

משוגעת. ווען וויליאַמס קאַרלאָס וויליאַמס איז געזעסן אויפן בענקל פאַר דעם אויספרעגער אויף טעלעוויזיע, האָט ער געוויזן דאָס פּנים פון דער היינטצייטיק־פאַרערטער אַמעריקאַנער פּאָעזיע און דאָס פאַרוואַשענע פּנים פון דער פּערוועזער פאַרערונג, וואָס האָט געקענט בויען רעפּוטאַציעס פון אַזעלכע פּאָעטישע גאָמעלקעס און דערפירט צום בזיון, אַז פּאָעזיע מעג זיין דער פּראָדוקט פון אַ פאַשיסט, אַנטיסעמיט, אָדער גלאַט אַן אַנדרוגינוס. נישט דער מענטש איז וויכטיק, נאָר זיינע עטלעכע אויסגעקוועטשטע שורות. אָבער אַזאַ מעדיום ווי טעלעוויזיע קען בייטשן אַזעלכע חברה מיט דורכלייכטנדיקער קריטיק און אָוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם פון מענטש און וואָרט — אין דער גאַנצער שאַרפקייט.

.1954

אַ ווערק וועגן קאַרל מאַרקסן

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געשטאָרבן אַ יידישער ראַדיקאַלער שרייבער ד״ר גלאָבוס. ער איז אַוועק פון דער וועלט זאַט אין יאָרן. נאָך זיין טויט האָבן זיינע נאָענטע פריינט געדעדט און געשריבן אַז מ׳וועט אַרויסגעבן זיינע שריפטן, אָבער ביז איצט איז אין ערגעץ גאָרנישט דערשינען. אויף וויפל איך געדענק, האָט ד״ר גלאָבוס אָנגעשריבן צענדליקער אָפּהאַנדלונגען אַרום דעם רעטעניש פון קאַרל מאַרקסעס אַנטיסעמיטיזם. ווי נאָר עמעצער האָט דערמאָנט מאַרקסעס ביטערן אַרויסטריט מכוח דער יידנפראַגע, האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז ד״ר גלאָבוס וועט אַרויסקומען מיט אַ הייסער פּאַרטיידיקונג און זוכן צו צעשמעטערן אַלע יידישע טענות קעגן קאַרל מאַרקסן. כ׳געדענק שוין נישט אַקוראַט, וואָס עס זענען געווען זיינע קעגנאַרגומענטן, אָבער ווי דער אָפּאָלאָגעט פון מאַרקסעס אויסגליטש אַרום דער יידנפראַגע, האָט ער זיכער נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך. ער האָט אויפגעבויט אַ גאַנצע געביידע פון הייסע פּאַרטיידיקונגען, וואָס וואָלטן איבעראַשט דעם אָנגעקלאָגטן, אויב ער וואָלט טאַקע געזוכט אַן אַדוואָקאַט. ווי מ׳האָט זיך דערוועגט צו דערמאָנען מאַרקסעס אומגליקלעכן אַרויסטריט, איז מען געווען זיכער, אַז ס׳קומט אַ נייע סעריע אַרטיקלען פון ד״ר גלאָבוסעס פּען.

ווען ד״ר גלאָבוס וואָלט דערלעבט צו דעם „ביאָגראַפישן ראָמאַן״ פון יעקב ציגעמאַן — „אין רבנישן שאָטן״, וואָס איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אין פּאַריז, וואָלט ער זיכער אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך און אַרויסגעבראַכט זיין בקיאות אין מאַרקסיזם און אין מאַרקסעס ביאָגראַפישע פּרטים און אַזוי ווייטער און ווייטער. ער וואָלט זיך שוין מתווכח געווען מיט יעקב ציגעמאַנען, הגם ער וואָלט אין דעם ראָמאַן נישט געפונען קיין פּחיתת הכבוד לגבי דעם גרויסן דענקער. אָבער אַפילו דאָס מיקראָסקאָפּישע שפּרענקעלע וואָס יעקב ציגעמאַן לאָזט פאַלן אויף דעם גאון פון ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָלט אויך ד״ר גלאָבוס נישט דורכגעלאָזט. ער האָט כסדר רק געהאַלטן אין איין ריניקן די רעפּוטאַציע פון קאַרל מאַרקסן, וואָס איז פּערזענלעך געווען אַן אַנטיפּאַטישער מענטש.

יעקב ציגעמאַן איז אַ באַקאַנטער עסייאיסט און היסטאָריקער. אין זיינע עסייען האָט ער נישט זעלטן געוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ בעלעטריסטישן אָטעם. און אין זיינע געשיכטלעכע פאָרשונגען האָט יעקב ציגעמאַן אַרויס־

געבראַכט אַ סך געטריישאַפט צו דאָקומענטן, באַדייטנדיקע קענטשאַפט און אַ נייגונג צו סוביעקטיווער אויסטייטשונג, וואָס איז פון דעסטוועגן געווען אין איינקלאַנג מיט דער לאָגיק פון געשעענישן.

אַט די מעלות האָט צינעמאַן פאַרווענדט אויף צו שרייבן דעם „ביאָגראַפישן ראָמאַן" פון קאַרל מאַרקסן. ס'איז אַרויסגעקומען אַ בוך וואָס לאָזט זיך לייענען, אָבער די צוזאַמענקנעטונג פון די מעלות האָט נישט געשאַפן קיין גאַנץ בעלעטריסטיש ווערק. ס'איז אפשר גאָרנישט נייטיק געווען, אַז ס'זאָל דערפון אַרויסקומען אַ ראָמאַן. ס'איז גענוג, אַז ס'איז צינעמאַנען געלונגען צונויפצוזאַמלען און אַפילו אויפצולעבן, אין זעכציק קורצע קאַפּיטלען, פּרטים פון קאַרל מאַרקסעס ביאָגראַפיע.

מיט זיין אַזוי געראָטענעם ראָמאַן איז יעקב צינעמאַן, אַ תלמיד פון דעם בעלעטריסטישן ביאָגראַף אַנדרעי מאַרואַ, וואָס באַמיט זיך אויך אַריינצובלאָזן לעבן אין זיינע סיסטעמאַטיש־אויפגעבויטע און איבערדערציילטע ביאָגראַפיעס, און וואָס דערלויבט זיך אויסצוטייטשן און אַפילו אויסטראַכטן געשעענישן, אויף וויפל זיי העלפן אים אין זיין אַרבעט, אַרויסצוברענגען די פּערזענלעכקייט פון דעם העלד פון זיין ביאָגראַפיע.

צינעמאַנס „אין רבנישן שאָטן" איז אַ פאַרזוך צו געפינען דעם שליסל צו קאַרל מאַרקסעס אַנטי־יידישן אויסברוך. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי — אויסברוך. הגם מאַרקס איז אין פּערזענלעכן לעבן בכלל געווען אַן ערופּטיווע נאַטור און ער האָט געליטן פון טעמפּעראַמענט און אַנגעזאָליעטער ביטערקייט, האָט ער פון דעסטוועגן תמיד באַוויזן צו דערשיינען אין דער עפנטלעכקייט מיט קילער לאָגיק. זיין טעמפּעראַמענט איז געווען דער צינד־שטאָף פאַר זיין עלעקטרישער לאָגיק, וואָס איז פּרעזענטירט געוואָרן וויסנשאַפטלעך, מיט זעלטענער, הלכהדיקער אָביעקטיוויטעט.

ווען קאַרל מאַרקס איז אָפּגעשמדט געוואָרן, איז ער אינגאַנצן אַלט געווען זעקס יאָר. צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט ער געשריבן זיין טרויעריק באַרימטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער יידנפראַגע. פאַר אונדז יידן איז עס די פאַרשטענדלעכסטע זאַך אין דער וועלט. ס'איז אַ וווּנדערלעכער פּאַראַבל, אַן אַלטער משל מיט אַן אַלט־באַקאַנטן נמשל. ס'זענען נישט נייטיק געווען קיין אויפקלערונגען און אַפילו נישט קיין ראָמאַנען, וואָס זאָלן אונדז דערפירן ביז צום מאָמענט, ווען מאַרקס האָט זיך אויסגעלאָדן פון דעם ביסל זעלבסטהאַס, וואָס האָט אין אים געטליעט. ער האָט קוים געדענקט זיין יידישקייט, אָבער דאָס ביסל וואָס איז אים געבליבן אין זכרון און וואָס ער האָט געזען אין זיך, האָט אים אַפּנים גענוג דאָקוטשעט. ווען ער וואָלט געווען אַ געבוירענער גוי, וואָלט עס, אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, אויך געווען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך,

צו זוכן יושר פאַר דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט פאַרן ייִדישן פאָלק. די יור־שים פון די וועלט־יושר־זוכערס האָבן געגוג פאַרפינצטערט אונדזער לעבן, אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און ס׳זענען נישט נייטיק דערפאַר קיין שום בעלעטריסטישע אויפקלערונגען און פירושים.

דאָס מעשהלע פון דעם אַרכי יושר־זוכער, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי ייִדישע עלטערן וואָס האָבן אים פּרי געטאָן די טובה און אים באַפרייט פון זיין ייִדישן הויקער, געהערט צו דער אייזערנער, טראַגי־קאָמישער לאָגיק פון אונדזער געשיכטע. ס׳איז געשען אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, אָבער ס׳איז גיל־טיק בכל דור ודור. נישט מער, קאַרל מאַרקס האָט די דאָזיקע געשיכטלעכע לאָגיק אַרויסגעבראַכט אויף אַן אומצווייידייטיקן אופן. קאַרל מאַרקס איז אַ מוסר השכל, וואָס מיר האָבן געהאָלפן שאַפן, כדי צו אילוסטרירן אַזויפיל ייִדישע סתירות, וואָס בלויז אונדזער עקזיסטענץ האָט געקענט אויסטראַכטן. מאַרקס איז כמעט לא היה ולא נברא, אלא משל היה, און — וואָס פאַר אַ משל!

און פון דעם שטאַנדפונקט איז עס אַ שטיק נעאָ־ביבלישע שאַפונג, קורץ און שאַרף. די טרוקענע ביאָגראַפישע פאַקטן זענען אַזוי קלאָר און דייטלעך, אַז די אויפּוויקלונג און די אויסטייטשונג איז פּאַקטיש אומנייטיק. ויהי, און ס׳איז געווען — הערשל מאַרקס האָט אָנגענומען דעם לוטעראַנישן גלויבן. דאָס קינד זיינס, מרדכי, איז געוואָרן קאַרל מאַרקס. צו 26 יאָר האָט ער געשריבן אַן אַנטיסעמיטישן פּאַמפלעט קעגן ייִדנטום — די פאַרשאָלטענע ראַסע פון וועלט־קאַפּיטאַליזם. קאַפּיטאַליזם איז ייִדנטום, האָט הערשלס זון געפּסקנט. קאָמוניזם איז ייִדנטום, האָט דער וועלט־קאַפּיטאַליזם, און וועלט־פאַשיזם מיט יאָרן שפּעטער געפּסקנט.

איז עס נייטיק אויסצוטייטשן און נאָך מער פאַרלאָגישן דאָס דאָזיקע אַזוי־פאַרשטענדלעכע ייִדישע מעשהלע, וואָס די ייִדישע געשיכטע האָט אויס־געשפּונען, כדי צו באַלייכטן אונדזער פינצטערן וועג דורך די דורות; כדי אונדז צו געבן צו פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ וועלט מיר לעבן?

יעקב צינעמאַן דערציילט אונדז אין זיין אַריינפיר, וואָס איז פאַקטיש זיין גאַנצער ראָמאַן בזעיר אנפּין און דער אַרגומענט פאַר דעם ראָמאַן, אַז — „קאַרל מאַרקסעס אינערלעכסטע, הגם נישט אַרויסגעזאָגטע כוונה, ביים שרייבן דעם אַרטיקל «צו דער ייִדנפראַגע», איז געווען זיין ווילן בזה האופן פּטור צו ווערן אויף תמיד און בשלמות פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און פון די אָנגעווייטיקטע קאָמפּלעקסן, וואָס האָבן אים געפּייניקט... ס׳איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן... מאַרקסעס פּרווו צו באַזיגן מיט זיין אַנטי־ייִדישן אַרטיקל

די מוראדיקע ייִדישע שאַטנס, וואָס האָבן אים גערודפט... דער רבנישער שאָטן איז אים נאָכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן".

פאַרוואָס אַ גרויסער מענטש זאָל זיך לאָזן „פייניקן" פון „רבנישע שאַטנס", און פאַרוואָס אַ באַקעמפער פון רעליגיע, זאָל נישט באַטראַכטן זיין קינדהייט־שמד ווי אַן אינצידענט, אין זיין פאָטערס קאַריעריסטישער ביאָגראַפיע, ברענגט צינעמאַן נישט קלאָר אַרויס אין זיין ראָמאַן. ער שליסט זיין ווערק מיט דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם אַנטיסעמיטישן אַרטיקל. מאַרקס האָט נאָך נאָכדעם געלעבט 39 יאָר. ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון חרטה אויף יענעם אויסברוך, ער האָט פאַרקערט, אין פּריוואַטע געשפּרעכן, געוויזן, אַז ער איז נישט געוואָרן קיין קלענערער אַנטיסעמיט. ער האָט זיין יוגנטלעכן גיפטיקן אַרויסטריט נישט באַדויערט. ער האָט אָנגענומען אַז ער האָט די ייִדנפראַגע ליקווידירט, צוזאַמען מיטן ייִדישן פאָלק.

כדי צו באַווייזן זיין טעזע און צו באַרעכטיקן דעם נאָמען פון ביאָגראַפישן ראָמאַן, שאַפט דער מחבר אַ סיטואַציע, ווי הערשל מאַרקסעס ברודער, דער ראַבינער פון טריער, קומט צו זיין ברודער דעם אַדוואָקאַט מאַרקס, אויסצוגעפינען, אויב ס'איז טאַקע אמת, אַז ער האָט זיך געשמדט. דער אַדוואָקאַט באַשטעטיקט עס און ער ענטפערט:

„אַלס אַ ייִד קען איך נישט בלייבן קיין אַדוואָקאַט. איך וועל פאַרלירן מיין פּרנסה און די צוקונפט פון מיינע קינדער. איבעריקנס, ס'איז געקומען אַ נייע צייט, אַלע שמדן זיך, אַפילו די תלמידים פון משה מענדעלסאָן. ס'האָט נישט מער קיין שום זין."

דער פעטער, דער ראַבינער, באַגעגנט זיך, אַרויסלויפנדיק אַ צעבעסטער פון צימער, מיט דעם זעקס־יאָריקן קאַרל און ער זאָגט זיין קליינעם פּלימעניק:

„ביי דיין ברית האָט מען דיר געגעבן אַ ייִדישן נאָמען מרדכי! איצט וועט מען דיך שמדן, אָבער געדענק, דו ביסט אַ ייִד און וועסט אַ ייִד בלייבן! דער שאָטן פון דיינע רבנישע זיידעס וועט דיר נאָכגיין דאָס גאַנצע לעבן!"

אָט דעם שאָטן וויל דער מחבר ווייזן אין זיינע זעכציק קאַפּיטלען. אין די מייסטע קאַפּיטלען פאַרגעסט ער אינגאַנצן, אַז ער שרייבט אַ בעלעטריסטיש ווערק. ער גייט אָפּט אַרויס פון דער ראָלע און ער רעדט אין נוסח פון אַ פּובליציסטישן אויפקלערער — „זיכער איז קאַרל מאַרקס נישט געווען קיין אַנטיסעמיט אין דעם ווולגאַרן זין. און וואָלט ער פאַראויסגעזען, אַז הונדערט יאָר נאָכן אָפּדרוקן פון זיין אַרטיקל — «צו דער ייִדנפראַגע» וועלן מערדערישע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן זיך באַנוצן מיט זיינע אויסדרוקן און אַרגומענטן, קעגן די ייִדן, דאַן וואָלט ער, מאַרקס, מן־הסתם צעבראָכן זיין פּעדער"... און אַזוי ווייטער.

אַזעלכע אומראַמאַניסטישע זײַטלעך זענען אין דעם „ראָמאַן" פֿאַראַן
געננוג:

„אָבער, ווי געזאָגט, בלויז אין דער בלינדער דאָגמאַטישקייט און טעאָ־
רעטישער פֿאַלשקייט, קען מען נישט און טאָר מען נישט זוכן די אייגנטלעכע
מאָטיוון פֿון מאַרקסעס — צו דער ייִדנפֿראַגע. זיי זענען אויסגעוואַקסן, בזדון
אָדער בשגגה, אין אַ פּסיכישער מורא־שטימונג פֿאַר די שאָטנס, וואָס האָבן
מאַרקסן פֿאַרפֿאָלגט כל ימיו און קיין מנוחה אים נישט געגעבן".

אָט די פֿאַרפֿאָלגונג זאָל מאַרקסן האָבן געטריבן צו שרײַבן —

„וואָס איז דער וועלטלעכער קולט פֿון ייִדנטום? דער שאַכער! וואָס איז
זײַן וועלטלעכער גאָט? דאָס געלט! דער ייִדישער גאָט, דאָס געלט, איז גע־
וואָרן דער וועלט־גאָט. דער סוחרישער וועקסל איז היינט דער אייגנטלעכער
ייִדישער גאָט... דער ייִדן־גייסט איז היינט דער פּראַקטישער גייסט פֿון די
קריסטלעכע פֿעלקער... די באַפֿרייונג פֿון דער הערשאַפֿט פֿון שאַכער און געלט,
דאָס הייסט, פֿון רעאַלן, ממשותדיקן ייִדנטום, וועט ברענגען די זעלבסט־
עמאַנציפּאַציע פֿון אונדזער תקופֿה. אַ נײַע געזעלשאַפֿט־אָרדענונג, וועלכע
וועט אוממעגלעך מאַכן די באַדינגונגען פֿון שאַכער, און פֿון שאַכער גופֿא,
וועט ממילא אויך אוממעגלעך מאַכן די עקזיסטענץ פֿון דעם ייִדן..."

יעקב צינעמאַן וואָלט ערשט באַדאַרפֿט שרײַבן אַ נײַ בוך, כּדי אויפֿצו־
ווײַזן מיט וואָס דאָס איז נישט קיין אַנטיסעמיטיזם „אין דעם וווּלגאַרן זין".
דאָס וואָרט שאַכער, וואָס ווערט בײַ מאַרקסן אידענטיש מיט ייִד, חזרט ער
איבער אַ צענדליק מאָל, כּדי אַרײַנצוהאַמערן דעם דאָזיקן פֿאַרגלײַך, און כּדי
צו באַרעכטיקן זײַן פּאַראויסזאָגונג, אַז די תקופֿה וועט ליקווידירן דעם ייִד
און דאָס ייִדנטום. נישט אומזיסט האָט בײַ זײַנע טרײַע נאָכפֿאָלגערס אין
סאָוועטנפֿאַרבאַנד געפֿלאַצט דאָס געדולד, ווען זיי האָבן געזען, אַז די תקופֿה
פֿאַרציט זיך אַביסל צו לאַנג, און אַז אַפֿילו היטלער, ימח שמו, האָט נישט
באַוויזן אײַנגאַנצן צו ליקווידירן דעם „שאַכער־ייִד". זיי האָבן גענומען דראַס־
טיש דורכפֿירן די לייזונג פֿון ייִדישן פּראָבלעם, דורך פּטור ווערן פֿון דעם
ייִדישן אלף־בית, „דעם רבנישן שאָטן", וואָס האָט, לויט צינעמאַנען, נעבעך
געפּייניקט דעם יונגן קאַרל מאַרקס.

אין די זעכציק קאַפּיטלען ווײַזט יעקב צינעמאַן אַרויס אַ סך חריפֿות.
ער גיט אונדז די יוגנט־יאָרן פֿון קאַרל מאַרקס, די סטודענטן־יאָרן און די
אײַסוואַנדערונג קיין פּאַריז. דער זײַער פּאַרזיכטיקער און מיזאַמער מחבר האָט
צוזאַמענגעבראַכט אַ סך ווײַכטיקע מאַטעריאַלן און אַ טייל קאַפּיטלען לייענען
זיך מיט אַ געוויסן אינטערעס, ווײַל ס'גלינגט אים אויפֿצוקלערן אַן עפּעס
און צומאָל אַפֿילו לעבעדיק צו מאַכן מענטשן. שווער איז דעם מחבר אָנגע־

קומען דער דיאַלאָג. דער שמועס איז אַ קינסטלעכער און יעקב צינעמאַן שלאָגט זיך אָפּט אַרויס פון זיין בעלעטריסטישן סטיל און ער גיט איבער די פּען דעם היסטאָריקער און אויסטייטשער. ער פאַרלירט דעמאָלט זיין בעלעטריסטיש געדולד און ער שרייבט אַזעלכע שורות:

„אין אַלגעמיין איז קאַרל מאַרקסעס דיסערטאַציע געשריבן אין גייסט פון העגעלס פילאָזאָפישער שיטה. מאַרקס איז דעמאָלט נאָך ווייט געווען פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג, און צוליב דעם אַקצעפּטירט ער סיי העגעלסעס דיאַלעקטיק און סיי זיין אידעאַליסטישע וועלט־אַנשויונג.״

דער מחבר פאַרענדיקט זיין הקדמה מיט דער האָפענונג, אַז ער האָט זיין אויפגאַבע דערפילט, און דאָס יידישע לייענער־פּובליקום וועט דאָס בוך „אויפנעמען מיט אַ פאַראינטערעסירונג און צופרידנקייט״.

כ׳קען נישט ריידן פאַר דעם גאַנצן לייענער־כלל. איך האָב דאָס בוך אויפגענומען מיט „אַ פאַראינטערעסירונג״, אָבער בלויז מיט טיילווייזער „צו־פרידנקייט״.

.1954

ווען פאַרגעבונג איז נישט קיין צידקות

כ׳ווייס נישט צי פּאָליטישע חטאים זענען דער עיקר אַצינד קעגן גאָט אָדער קעגן לייט, צי אפשר גאָר קעגן ביידע, אָבער די אמתע צרה איז וואָס דער באַגריף פּאָליטישע חטאים אין אונדזער צייט איז געוואָרן עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן; ווייל די מעשים וואָס האָבן באַגלייט, אָדער זענען געוואָרן אַ פּועל־יוצא פון פּאָליטישע חטאים זענען געוואָרן גראָבע זינד וואָס האָבן דירעקט צו טאָן מיט בלוט־פאַרגיסונג.

אין דעם ליגט דער גאַנצער מוראדיקער פּלאָנטער; מיר האָבן געזען די בלוטיקע רעזולטאַטן פון די פּאָליטישע חטאים און מיר ווייסן וויפל אומגליק זיי האָבן גורם געווען, דערפאַר זענען מיר אַזוי שטאַרק געפּלעפּט, ווען מיר זעען ווי גיך מ׳איז גרייט מוחל צו זיין אַזעלכע זינד.

מיר איז תמיד אויסגעקומען, אַז דער קאָנטראַסט צווישן די ביידע אמונות — יידנטום און קריסטנטום, איז געווען, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרגעבן — אַ קאָנטראַסט פון צידקות און רישעות, אָבער די רישעות האָב איך געזען דווקא אין דער גאָרער מחילה, וואָס קריסטנטום האָט תמיד צוגעזאָגט דעם גלויבער. ווען נישט אָט די לייכטע פאַרגעבעריי, וואָלטן קריסטלעכע פעלקער נישט געהאָט אַזעלכע בלוטיקע געשיכטעס, און באַזונדערע קריסטן וואָלטן נישט געווען אַזעלכע לייכטע בלוט־פאַרגיסערס. אין דעם פאַרגעבן אַליין איז שוין ממילא געלעגן אַ גרויסע מאָס רשעות. די פּראַוואָסלאַוונע קירכע האָט געקענט פאַרגעבן פּאָגראָמען אויף יידן, ווייל זי האָט אַליין געהעצט צו פּאָגראָמען. זי האָט גוט פאַרשטאַנען און טיף מיטגעפילט די גרייטקייט צו פאַרגיסן יידיש בלוט. פון דאַנען איז געווען אַ שפּרונג צו אַן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט שוין מער זיך נישט גענייטיקט אין מחילה פאַר דער אומברענגונג פון מיליאָנען יידן. און פון דאַנען נעמט זיך אייגנטלעך דער פאַקט, וואָס קריסטן קענען לגמרי נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר זענען אַזוי האַרטהאַרציק און קענען נישט מוחל זיין דעם דייטשן פאָלק, בעת מיר ווידער קענען נישט פאַרשטיין, ווי מ׳קען אַזוי לייכט מוחל זיין. דאָס קריסטלעכע האַרץ פון וואָרעמער מחילה איז פאַרקערט, אַ פאַרהאַרטעוועט האַרץ, וואָס איז אַזוי דורכגעהאַרטעוועט געוואָרן אין משך פון דורות, אַז פאַרגעבעריי איז געוואָרן אַ צו־לייכטער ענין. אונדזער אַזוי־גערופענע נקמהדיקייט איז גאָר אייגנטלעך אַ גוואַלדיקע ווייכהאַרציקייט, ווייל מיר קענען בשום אופן

נישט שלום מאַכן מיט מאָרד. אין דעם מאָמענט ווען מיר דערלאָזן, אַז דאָס מענטשלעכע האַרץ מעג און מוז אפשר מוחל זיין מאָרד, שרייבן מיר אונטער אַ טויט־ווערדיקט דעם גאַנצן מענטשלעכן לעבן. מיר גיבן גלייך אונדזער הסכמה צום בלוטיקן קאַראַהאַד פון מענטשלעכער געשיכטע, צו דער ווילדער איבערחזרונג פון יסורים וואָס די קריסטלעכע ערא ציילט מיט אַ שטילער, רחמנותדיקער און פאַרגעבערישער גלייכגילטיקייט.

ס׳גייט, הייסט עס, אין אַ קאַרדינאַלן ענין, אַז דער לייכטער פאַרגעבער איז גאָרנישט אַזאַ גוואַלדיקער צדיק. ווייל זיין מחילה טייטשט זיך אייגנט־לעך מיט דעם געפיל, אַז זינד קען אָפּגעמעקט ווערן. אָבער נישט אַלע זינד קענען בפירוש אָפּגעמעקט ווערן. זיכער נישט די אַזוי גערופענע פּאָליטישע חטאים, אָדער נאָך מילדער, די פּאָליטישע טעותן פון אונדזער צייט.

ווידעראַמאָל מוזן מיר אָנקומען צום משל מיטן נאַצי, ווייל דאָ איז אונדז ייִדן לייכטער צו זען, אַז נאַציזם איז נישט געווען קיין פּאַסיווער פּאָליטישער גלויבן; אַז אַלע נאַציס זענען געווען אַקטיוו ווייל מיליאָנען פון זיי האָבן די־רעקט נהנה געווען פון די עטלעכע ביטערע יאָרן, אין דער וועלט־געשיכטע, ווען געזעצלאָזיקייט איז געוואָרן דאָס אנערקענטע געזעץ פון אַ לאַנד. פאַר ייִדן לכל הפחות, איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי אוממעגלעך ס׳איז צו פאַר־געבן אַ נאַצי, נישט נאָר דערפאַר ווייל מיר זענען געווען די דירעקטסטע קרבנות, וואָס זענען נישט געפאַלן אין גלייכן מיליטערישן פאַרמעסט אויפן שלאַכטפעלד, נאָר זענען לכתחילה געווען פאַרמשפּט צו אויסראָטונג, אָן שום מעגלעכקייט פון אויסקויף — ניין, ס׳איז פּשוט שווער פאַר אַ ייִד צו מאָבי־ליזירן אַזויפיל רחמנות, וויפל ס׳פאָדערן אַזעלכע הימלשרייַענדיקע פאַר־ברעכנס. דער ווילן גלייך צו פאַרגעסן אַזעלכע חטאים האָט צו טאָן אַחוץ אַלעמען, ד׳ערמיט, וואָס קריסטלעכע פעלקער געפינען זיך אין כסדרדיקן אימ־פּעט פון היסטאָרישער אַקטיוויטעט, וואָס פאָדערט אַ גיכע מאָביליזאַציע פון כוחות, פון אַ לנו אָדער אַ לצרינו. מען מוז גלייך וויסן, וויפל כוחות מ׳קען אַרויסשטעלן אויפן שלאַכטפעלד, און מען מוז זיך פאַראייניקן מיט וועמען ס׳מאַכט זיך, ווייל שלום אין וועלט־געשיכטע איז תמיד געווען אַ שטילע מאָ־ביליזאַציע אָדער אַ פאַראויסיקע דיפּלאָמאַטישע אינטריגע פאַר קריג; און די קאָניוקטור האָט פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט מאָראַל. ווען מ׳האָט זיך, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַראייניקט מיטן רוס, האָט מען נישט גענומען אין באַטראַכט דעם צאַרישן רעזשים, אַקוראַט ווי מ׳האָט נישט געפרעגט קיין קשיות, ווען מ׳האָט, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווידער גענומען פאַר אַ שותף דעם רוס, וואָס איז נאָר־וואָס מיט גוואַלד אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אַ באַקוועמער שותפות מיטן דייטש.

די אַלע היסטאָרישע „פּרינציפּן“ האָבן געפירט דערצו, אַז דער קריסט, וואָס האָט זיך תּמיד געגרויסט מיט זיין קריגס־גרייטקייט, לגבי דעם „פּחדנות־דיקן“ ייִד, איז אייביק געווען אַ מאָביליזירטער סאָלדאַט, פאַר אַלערליי שות־פוּתן, וואָס די דיפּלאָמאַטיע האָט אויסגעבריט. דער יחיד, האָט לויטן מיליטערישן געזעץ פון לאַנד, אַוודאי נישט געהאַט דאָס רעכט צו ווערן אַ מפונק און זאָגן, אַז ס'שטייט אים נישט אָן צו קעמפן אויפן שלאַכטפעלד מיט די רוסן, אָדער מיט די טערקן.

און הינטער די אַלע בירגערלעכע פונדאַמענטאַלע פליכטן, איז געשטאַנען די שוץ פון קריסטנטום, וואָס האָט געבענטשט די שווערד פון אַלע פעלקער און אַלע מחנות. אויך זי, די קריסטלעכע קירכע, איז נישט געווען קיין איבערקלייבערין, נאָר זי האָט זיך געשטעלט אייזן־שטאַרק הינטער דער ביקס, ווייל אין תּוך איז זי געווען אַ לייכטע פאַרגעבערין פון בלוטיקע חטאים, אין קאָנטראַסט צו אונדזער נישט לייכטן פאַרגעבן, וואָס זיי האָבן וווּלגאַר באַצייכנט ווי נקמה־דורשטיקייט, נישט וועלנדיק איינזען, אַז מיט דעם קנא ונוקם זענען מיר אויסן געווען, קודם־כּל, אַ פּרינציפּן־קעגנערשאַפט צו זינד, אַ קולטיווירטע ווייכהאַרציקייט, וואָס ווערט ממש פאַרשטיינערט ווען זי קומט פּנים־אל־פּנים מיט אומזיסטיקער בלוט־פאַרגיסונג; בעת קריסטלעכע ווייכהאַרצקייט איז אַ רעזולטאַט פון קולטיווירטער האַרט־האַרציקייט און גרויזאַמקייט, וואָס האָט געמוזט שפּילן אַ ראָלע אין היסטאָרישן לעבן פון פעלקער, און האָט געשעפּט אירע כּוחות און פּאָטענצן פון דער אינדיווידועלער גרויזאַמקייט, וואָס איז געוואָרן די נייטיקע דערציִונג פון אַ בירגער, פאַרן כּלל־לעבן פון פאָלק.

מיר מוז דערפאַר פאַרשטיין, אַז ס'איז אונדז ייִדן פּונקט אַזוי שווער מוחל צו זיין אַ צווייטן פּאָליטישן חטא — קאָמוניזם, דער עיקר פון מאָמענט ווען ער איז געוואָרן אידענטיש מיט ווילדער בלוט־פאַרגיסונג, מיט דער ליקווידאַציע פון מיליאָנען פאַר דער טובה פון שטאַט. טאָפּלט שווער איז אונדז געוואָרן צו פאַרגעבן אַ ייִדישן קאָמוניסט, וואָס האָט באַוויזן זיך אינגאַנצן אויסצוטאָן און אויסצושפּאָנען פון זיין ייִדישקייט, ווען דער קאָמוניזם האָט אויף אונדז גופא געהאָגלט מיט גזירות, פון פיזישער און גייסטיקער אומברענגונג. ס'איז אונדז אָבער דרייפאַך־שווער צו פאַרגעבן אַ ייִדישן קאָמוניסט, וואָס האָט די קאָמוניסטישע ליקווידאַציע פון ייִדישן גייסט פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט אַ צייט לאַנג אָנגערופן ייִדישע קולטור, רחמנא ליצלן. ס'איז מיר שוין לייכטער מוחל צו זיין אָן ערנבורג, וואָס איז תּמיד געווען, לגבי אונדז — אַ משומד און אַ משומד להכעיס, ווי צו פאַרגעבן אַ סמאָליאַר אין וואַרשע, וואָס האָט געמאַכט פון די אַלע ליקווידאַ־

ציעס אַ פּסולע מזוזהלע, אַ באַזונדערע ייִדישע קולטור, און אַ גאַנצן ייִדישן דרך', מ'שטיינס געזאָגט, ביז ער איז צוגעדריקט געוואָרן צו דער וואַנט, און כרושטשאָוו האָט אים געשענקט אַביסל פרייהייט, אויסצושרייען קעגן זיך אַליין.

אין דעם גאַנצן קאָנפליקט פון אַזעלכע פּאָליטישע חטאים זענען דאָ עט־לעכע מאָמענטן, וואָס מיר מוזן כסדר באַטאָנען. די וועלט, די פּאַרקריסט־לעכטע וועלט, איז גרייט צו פאַרגעבן אַ מוזיקער, אַ מאָלער אָדער אַן אַנדער „שטומען" קינסטלער, אַלע זיינע פּאָליטישע חטאים, קודם־כל מחמת דעם, אין תוך באַליידיקנדיקן באַגריף, אַז אַזעלכע קינסטלערס זענען בטבע טאַמע־וואַטע, און זיי זענען נישט מחויב זיך צו אָריענטירן אין דער פּאָליטיק, אַפילו ווען פּאָליטיק איז שוין אַרויס פון די אומשולדיקע וויקעלעך און האָט אונדז באַוויזן דאָס טאָטאַלע פּנים פון אַ וועלט נאַציזם אָדער באָלשעוויזם.

אָבער די זעלביקע וועלט, ווי לייכט פאַרגעביק זי איז, איז פון דעסט־וועגן נישט גרייט מוחל צו זיין אַ שרייבער, ווייל דער שרייבער־פּאָליטיקער איז דאָך קודם־כל אַ הויף־מענטש פון רעזשים, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס שטאַרקט דעם רעזשים מיט זיין וואָרט, וואָס באַרעכטיקט אַלע זיינע עוולות און געמיינהייטן.

מיר מעגן פאַרשטיין דעם אונטערשייד, אַז ווי גילטיק ס'זאָל פאַר אונדז נישט זיין דער טריפהנער תירוץ פון אַ פידעלע אָדער פון אַ פּיאַנע, וואָס האָט זיך געשפּילט און זיך נישט געמישט, איז אָבער אַזאַ תירוץ בשום אופן נישט גילטיק פאַר אַן ערענבורג, וואָס האָט זיך שוין גאַר געמישט, און טאָפּלט נישט גילטיק פאַר אַ בינעם העלער אָדער אַ שולשטיין, וואָס האָבן בכיוון, מיט זייער וואָרט, געהאָלפן באַרעכטיקן אַ פּאָליטישן קורס, פון גייסטיקער און פיזישער אויסראָטונג — פאַר ייִדישן פאָלק.

ווער האָט געצוווּנגען אַ העלערן, צו שרייבן אַ פאַרברעכעריש און אי־דיאָטיש טרויער־ליד, צום יאָרצייט פון סטאַלינען, ווען אַלע האָבן שוין „גע־מעגט" וויסן, אַז סטאַלין האָט גוזר געווען אויפן ייִדישן וואָרט, אַז ער האָט באַשטעלט דעם משפּט קעגן ייִדישע דאָקטוירים, אַז ער איז געווען דער פאַ־טער פון די פּראַגער משפּטים אויף „ציוניסטישע" ייִדן; אַז דאָס אַלץ איז גע־ווען אַ פּרעלודיע צו אַ גרויסער ייִדישער „רייניקונג". דאָס האָט מען זייער גוט געוווּסט אין וואַרשע, מיט דער גרעסטער זיכערקייט, ווען העלער האָט געפייערט סטאַלינס יאָרצייט, שילדערנדיק דעם טיפן טרויער פון אַ וועלט אָן סטאַלינען, און באַזונדער פון בינעם העלערן נעבעך — אָן סטאַלינען. ווען מען איז אָט דאָס אַלץ צו־לייכט מוחל, איז עס נישט מחמת צידקות, נאָר מחמת אַ צו־לייכטן בליק אויף אַזעלכע חטאים וואָס מען וויל קלאַסיפיצירן

ווי אַמאָליקע פּאָליטישע חטאים, בעת דאָס וואָרט פּאָליטיש פּאַסט דאָ, ווי אַ שטריימל אַ פערד־גנבֿ, אָבער נאָך ערגער — אַ פּראָפּאַגאַנדע־רוצח.

ווי לאַנג איז עס, אַז שולשטיין איז געווען דער פּאָעטישער געבעלס פון די פּאַריזער יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָט זיך אָפּט אַרונטערגעלאָזט אויך צו פּובליציסטישער פּראָפּאַגאַנדע? מיר איז נאָך פריש אין זכרון, וואָס פּאַראַ ביליקע און געמיינע אַטאַקע ער האָט געמאַכט אויף דער אַמעריקאַנער יידי־שער מיניסטאָרשע אַנאַ ראָזענבערג, ווען זי האָט באַזוכט אייראָפּע. ער האָט זי געסטראַשעט מיט באַוועגלעכע גאַז־קעמערלעך, וואָס וועלן אָט־אָט אייב־געפירט ווערן קעגן יידן, און דעמאָלט וועט מען די יידישקע ראָזענבערג בעטן זי זאָל מוחל זיין אַריין אין וועגעלע און זיך לאָזן פאַרגאַזן; און כדי ס׳זאָל דער יידישקע אַנאַ ראָזענבערג נישט זיין אומעטיק אין גאַז־קאַמער, האָט שול־שטיין שוין מיך אויך אַריינגעשטופּט אין דעם זעלביקן באַוועגלעכן גאַז־קאָמער, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אָט־אָט איינפירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, לויט דער פרומער נביאות פון דעם יידישן געבעלס־פּאָעט — משה שולשטיין.

זייט מוחל, גלאַטשטיין, גייט אויך אַריין אין דעם גאַז־וועגעלע, האָט שולשטיין מיר געגעבן אַ פריילעכן אונטערשטופּ.

ווי אַזוי קען מען אַזוי לייכט־קריסטלעך שוין מוחל זיין אַזעלכע באַ־ווסטזיניקע גראָבע חטאים, וואָס האָבן פאַרפירט טויזנטער מענטשן און זיי געהאַלטן אין לאַגער פון פּאַריזער יידישן קאָמוניזם, דורך פאַרטעמפּן און פאַרוואולגאַריזירן זייערע יידישע חושים, אין אַ לאַנד, ווו יידן האָבן זיך דאָך זיכער געקענט פריי אָריענטירן. שולשטיינס עובדה איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, אַז די יידישע געפאַנגענע נשמות זאָלן, מיט דער הילף פון זיינע פערזן, כסדר געהאַלטן ווערן אין אַ בלינדעניש, וואָס האָט פאַרוואַנדלט געוויינלעך־שאַרפע יידישע קעפּ און גוטע יידישע אָריענטאַציע, אין אַ שאינו־יודע־לשאול־דיקייט, וואָס האָט גולמדיק וואַנדאַליזירט און געזוכט אויפצורייסן אונדזער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט.

פון דאַנען איז געדרונגען אַז ס׳איז גאָרנישט אַזאַ גוואַלדיקע צידקות צו קענען ביי זיך פועלן דאָס אַלץ גלייך מוחל צו זיין, אַז ס׳איז ווייט פון אַ יידישער מידה, און אַז ס׳האָט גאָרנישט צו טאָן מיט ווייכהאַרציקייט, נאָר אדרבא מיט אַ באַוואָרעניש קעגן ווייכהאַרציקייט, ווייל אַזאַ אַבסאָלוטע פאַר־געביקייט, וואָרצלט אין אַ פלינקן און נישט צו־געזעצלעכן אַזאַרט, אַז ס׳איז אַזאַ מין קאָרטן־שפּיל, וואָס מ׳קען צי׳ען וואָסער קאָרט ס׳מאַכט זיך, אַבי מען געווינט.

ס׳איז אַן עוולה קעגן דער יידישער געשיכטע, וואָס מ׳לאָזט איר נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, מען גיט איר נישט גענוג פויזע אַז זי זאָל קומען צו זיך

און לערנען אַ מוסר־השכל פֿאַר זיך אַליין און פֿאַרן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק; כ׳רעד שוין נישט וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייט. אויב מיר גלייבן אין איר און מיר באַציִען זיך צו דער צוקונפֿט מיט אַביסל מער אינערלעכע אחריות, ווי דאָס קריסטנטום באַציט זיך צו בלוטיקע זינדערס.

דאָס צו־לייכטע פֿאַרגעבן איז אָבער אויך אַ בפּירושע עוולה קעגן די סוביעקטן אַליין, די אָביעקטן פֿון דער פֿלינקער מחילה, ווייל ס׳ווערט זיי נישט געשענקט די מינדסטע געלעגנהייט צו זיין מיט זיך אויג אויף אויג און צו שווייגן מיט זיך און עפּעס אויסשווייגן. מען צווינגט זיי גלייך צו מאַכן דעם לייכטסטן שפּרונג, מען גיט זיי אַרויס אַ מחילה־צעטל, אויפֿן חשבון פֿון זייער אייביקער מענטשלעכער חשיבות. אָט לייענען מיר שוין ארץ־ישראל־לידער פֿון בונים העלערן. ער האָט אין מדינת ישראל גלייך געכאַפּט דעם שניט און ער פֿאַרכליניעט זיך שוין מיט דעם ארץ־ישראל־פּייזאַזש. דאָס איז זיכער נישט אַזוי זיין שולד, ווי די שולד פֿון די אַלע, וואָס לאָזן אים אַפֿילו נישט אויסקרענקען זיינע סטאַלין־לידער און לאָזן אים נישט אויסגלייכן די יאָרן זיינע, וואָס מ׳האָט אים, ווי ער האָט געוויינט, צעבראָכן, נאָר מען צווינגט אים שוין איבערצוגיין פֿון איין פּראָפּאַגאַנדע־ליניע צו אַ צווייטער, אַז בונים העלער אַליין האָט אַפֿילו קיין צייט נישט אויפֿצושטעלן אַ שטיקל להבדילדיקע מחיצה, צווישן סטאַלינס יאָרצייט־לידער און זיינע געזאַנגען צו מדינת ישראל.

1957.

באַוווּנדערונג און ביטול

משה שמיר איז געבוירן געוואָרן אין צפת און ער איז נאָך אַ יונגערמאַן, כאָטש ער האָט שוין אַן אַלטגעזעסענע ליטעראַרישע קאַריערע, ווי אַ דראַמאַטורג, היסטאָרישער ראָמאַניסט און פובליציסט. שמיר ראַנגלט זיך כסדר מיט פּראָבלעמען: ער איז געווען איינער פון די יונגע רעבעלן, וואָס ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפן העברעיִשן ליטעראַרישן האָריזאָנט, איז ער געווען, וואָס מ׳פלעגט אַמאָל רופן, אַן איקאָנאָקלאַסט, אַ געטער־ און טראַדיציע־ברעכער. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט פאַרפאָרן קיין „פאָצן״־זייט, מיט זיין רעבעלירן קעגן די ליטעראַרישע אָבות פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, אָבער ער איז געבליבן אין — מזרח.

זיין ראָמאַן „מלך בשר ודם״ האָט געוויזן אַ גאַנץ עקספּאַנסיוון שילדערער און אַ פעיִקן אויפלעבער פון היסטאָרישע קאַנוועס. ווען דער ראָמאַן איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש, איז ער ווי אין וואַסער אַריין און מער נישט אַרויפגעקומען. ס׳הייסט, מ׳האָט אים אין אַמעריקע אָדער אין ענגלאַנד נישט אויפגעכאַפּט מיט ביידע הענט. מען איז נישט שטאַרק נתפּעל פון ווייטע היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס פאַרנעמען בכלל אַ צווייט־קלאַסיק אָרט אין דער ליטעראַרישער באַלעבאַטעשאַפט. מ׳האָט גאַנץ פיין אויפגענומען אַזאַ פעיִקן היסטאָריש־בעל־מלאכהשן ראָמאַניסט ווי פויכטוואַנגער, אָבער מ׳האָט אים באַשטימט אַ צווייט־קלאַסיקע דירה אין דער ליטעראַטור. שמיר איז נישט אַזאַ פעיִקער ראָמאַן־אַרכיטעקט ווי פויכטוואַנגער, האָט ער נישט פריטשמעליעט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

זיין צווייטער ראָמאַן פון דוד המלכס צייטן, „כבשת הרש״, איז שוין אַפילו לויט זיין אייגן־געשאַפענער מאָס, אָפּגעשטאַנען פון זיין ערשטן ראָמאַן אין קינסטלערישן געבוי און לייענעריש־פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס. אין דעם ראָמאַן האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרשוואַרצן דוד המלכס פרום־ייִדישע אָדער תהילימשע רעפּוטאַציע, וואָס האָט אויך פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויסגערופן אַביסל קריטיק.

אָפּטמאָל הערט מען אים נעמען אַ וואָרט אויף ליטעראַרישע אסיפות און קיין גרויסע און אָריגינעלע זיבן־זאַכן איז ער נישט מגלה. דערפאַר איז ער אין זיינע ליטעראַרישע אַרטיקלען גאַנץ אָפּט נאָך ווייניקער ווי בעל־פּה —

ער איז מיינסטמאָל פּריקרע־באַנאַל, דווקא דערפֿאַר ווייל ער שרייבט מיט אַפּלאָמב און ער מיינט אַז ער אַנטפּלעקט גאַנצע וועלטן.

אַ געבוירענער אין צפֿת, לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז אים איז נישט פֿרעמד אַ יידיש וואָרט. פֿון דעסטוועגן איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען צו לייענען ביי אים וועגן דעם מינדסטן קאָנטאַקט מיט דער יידישער ליטעראַטור, אָדער מיט יידישע שרייבערס. אָבער נישט לאַנג צוריק איז מיר יאָ אַריינגעפֿאַלן אין האַנט זיינס אַ פֿעליעטאָן — „מיט אַ פֿלינקער פֿען" (בקולמוס מהיר) אין „על המשמר", האָט עס געטריפֿט מיט אַזויפֿיל, לאָמיר זאָגן, גענדזענער התפּעלות פֿאַר עטלעכע ענגליש־יידישע און אַמעריקאַניש־יידישע שרייבערס, אַז ס'איז ממש געווען הארצרייסנדיק.

דירעקט האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם ענגליש־יידישן פּאָעט און קריטיקער עמאַניועל ליטווינאָוו, וואָס האָט באַזוכט מדינת ישׂראל. שמיר און נאָך עטלעכע יונגע קאָלעגן האָבן פֿאַרבראַכט מיט עמנואלן, ווי שמיר רופֿט אים די גאַנצע צייט פֿאַמיליאַר־ליבלעך ביים ערשטן נאָמען, אין ליטעראַרישן קאַפֿע, און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצער שמועס אַרום ענין ייִד און שרייבער, אַ שטיקל אַרויסוווקס פֿון דער טעמע — ווער איז אַ ייִד, אַ מין אומגעזעצלעך קינד פֿון דער דאָזיקער צעפּלאָקערטער דעבאַטע. איז נישט אַזוי די דעבאַטע גופֿא, ווי די מחשבות וואָס זענען אַרויסגעשווומען ביי שמירן אין שייכות מיט דעם צעוויקלטן שמועס. ער האָט זיך געקוויקט, ווען מען האָט דערמאָנט די נעמען פֿון לוי גאָלדינג, וואָלף מאַנקאָוויץ, בערנאַרד מאַלאַמוד, סאָל בעלאָו, דאַני אבסע, העגרי שאַפּיראָ און אַנדערע. כ'ווייס נישט ווי וויט אָדער ווי טיף שמיר איז איינגעווייקט אין דער ענגלישער ליטעראַטור, אין איר פּראָזע און אין דער טראַדיציע פֿון איר ליד, אָבער אָנגענומען אַז ער איז אַ גרויסער מומחה אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור, דאַרף מען פֿאָרט נישט ברעכן קיין בענקלעך, ווען מען צעשמועסט זיך וועגן ליטווינאָווס ענגלישע לידער. און ווידער אָנגענומען אַז ליטווינאָוו איז אַן אמתער עוקר הרים ווי אַן ענגלישער פּאָעט, וואָס איז אַריין מיט ביידע פֿיס אין דער ענגלישער ליטעראַטור, לוינט זיך נאָך נישט צוליב אים, אַז שמיר זאָל שווער באַליידיקן די גאַנצע העברעיִשע ליטעראַטור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווי ער טוט עס אין זיין אַרטיקל.

כ'האָב געזוכט עמאַניועל ליטווינאָווס נאָמען אין קאַסעלס ענציקלאָפּעדיע פֿון וועלט־ליטעראַטור, וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן גופֿא, און אים נישט געפֿונען. זאָל מיר מיין לאָנדאָנער פֿריינט יוסף לעפּטוויטש מוחל זיין, אָבער קיין אַנדער ברירה ווי זוכן אַ שרייבער אין אַזאַ מאָדערנער וועלט־ענציקלאָפּעדיע וואָס איז דערשינען אין 1953, האָב איך נישט. כ'בין געגאַנגען

נאָך ווייטער, כ׳האָב געזוכט ליטווינאָווס נאָמען אין דער נייסטער העברעיִשער ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע פון אברהם שאנן, וואָס איז אַט־ערשט דערשינען אין פאַרלאַג „יבנה״ אין תל־אביב, און דאָרט אויך נישט געפונען קיין פּאָזיציע פאַר עמאַניועל ליטווינאָוו — און די דאָזיקע העברעיִשע ענציקלאָפּעדיע, מיט אַלע אירע ספּעציפישע חסרונות, וואָס שליסט איין אַ שטיף־באַציִונג צו יידיש־שרייבערס, איז גאַנץ ברייטהאַרציק צו יידן אין פרעמדע לשונות. אמת, איך קען אַביסל ליטווינאָווס לידער, זיין פּובליציסטיק און זיין קריטיק, אָבער כ׳האָב בלויז געבראַכט די צוויי ענציקלאָפּעדיעס ווי באַווייזן, אַז ס׳איז נישט כדאַי פאַר זיין נאָך נישט גענוג איינגעבירגערטן כבוד וועגן, פאַרמשפּטן די גאַנצע, אַבסאָלוט די גאַנצע העברעיִשע ליטעראַטור, אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די גאַנצע געשיכטע מיט ווער איז אַ ייד, אָדער ווער איז אַ יידישער שרייבער, איז נישט לאַנג צוריק דורכגעדרעשט געוואָרן אויך אין לאָנדאָן, בראש טאַקע מיט עמאַניועל ליטווינאָוון. ס׳איז אַ צייט פון בלבול המוחות, קומען די הינער און פרעגן עצות ביי די אייער. מען קומט זיך אָנפרעגן ביי די יונגע ענגלישע שרייבערס וועגן זייער בליק אויף יידישקייט. אַזעלכע אויספרעגעכצער זענען דאָ נישט לאַנג געפירט געוואָרן אין דער לאָנדאָנער „דזשויִש קראָניקל״, און דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז עטלעכע יונגע ענגליש־יידישע שרייבערס האָבן טיף באַליידיקט יידן און אַלץ וואָס איז יידן טייער. מען איז אַזוי צעטומלט, אַז מען ווערט צוגעצויגן צו די דאָזיקע יונגעלייט, ווי שמעטערלעך צום פייער. מען ווייסט לכתחילה, אַז פון די שלעכטדערצויגענע יונגעלייט — און יעדער יידישער יונגערמאַן וואָס האָט נישט געקראָגן קיין יידישע דערציִונג איז שלעכט דערצויגן, ווייל ער וואַקסט אויף מיט אומגעהובעלטע, אַנטי־יידישע מאַניערן — וועט מען קיין כבוד נישט אַריינכאַפּן, אָבער מען קומט פאָרט צו זיי מיט קרענקלעכער נייגער, אפשר וועט מען פון זיי דאָך עפּעס נאַשן.

אַ נעכטיקער טאָג, דאָס וואָס זיי זאָגן איז נישט ניי און נישט קולטורעל, נאָר גלאַט גראָב. דער פריִער־דערמאָנטער סימפּאָזיום, געפירט פון ליטווינאָוון, איז פאַרצייכנט געוואָרן אין זשורנאַל „וואָרלד דזשורי״, אַ חודשניק פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס דערשיינט אין לאָנדאָן. דער פּאָעט סילקין האָט זיך ברייט אַ זאָג געטאָן, אַז „די יידישע רעליגיע איז נאָך מער פאַרשימלט און פאַרשטיינערט ווי די קריסטלעכע״ (אַ רמז אויף טאָיִנבי). עס איז עפּעס אַזוינס וואָס גיט אים זאָרג און שרעק, האָט סילקין צוגעגעבן. אַ צווייטער ענגליש־יידישער שרייבער, פּיטער שייפער, האָט דערקלערט, אַז פאַר אים איז בכלל, ווי אַ שרייבער, לגמרי נישט וויכטיק וואָס ער איז אַ ייד.

די ייִדישע געזעלשאַפט איז באַנקראָט — האָבן אַלע באַטייליקטע אין סימפּאָזיום מסכים געווען — און זי קען נישט גייסטיק שפּייזן דעם שרייבער. ליטווינאָוו אַליין האָט זיך דערעדט צו דעם, אַז ער איז אַ ייִד, ווייל ער איז אַ ייִד.

דער זעלביקער געוועב פון געדאַנקען קומט פאָר אין שמירס מוח, ווען ער וויקלט פאַנאַנדער אַ גאַנצן פּלאָנטער וועגן דעם ייִד, וואָס שרייבט און וועט שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן. שמיר איז אים גרייט אַריינצונעמען אין דעם תחום פון „ייִדישער ציוויליזאַציע", אָבער ער וואָרנט אים ער זאָל נישט פאַרקויפן דער וועלט קיין ייִדישקייט, נאָר זיין אַ מענטש. ס'איז אַלץ, ווי מיר זעען, נישט צו־טיפזיניק און נישט שטאַרק אָריגינעל. דאָס אַרטיקל צעגיסט זיך אָבער, מילך און האָניקדיק, אין דער לענג און דער ברייט מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. שמיר שרייבט ממש מיט טרערן אין די אויגן, טרערן פון גרויס באַוווּנדערונג, פאַר ליטווינאָווס לידער, וואָס אין זיי „איז נישט פאַראַן קיין שום סימן אַז זיי זענען ייִדישע לידער". אָבער אויף וואָס פאַרוואָ צרות דאַרף ער האָבן אַזאַ סימן, „ווען זיי זענען אַזוי מענטשלעך און אַזוי גוט".

„איך וויל זיי איבערזעצן", שאַלט אויס, מיט אַ טרןומפאַלן געשריי, שמיר. „איך האָב ליב די דאָזיקע לידער, זיי זענען מיינע, מיין טאָכטערס, מיין זונס, אונדזערס און — דיינע!"

דער עיקר אַרבעט זיך שמיר אַרויף אויף אַן עקסטאַז ווען ער געזעגנט זיך מיט ליטווינאָוון: „שרייב גוטע לידער!" די פראַגע פון ייִד אין דער פרעמדער ליטעראַטור איז, הייסט עס, געלייזט — שרייבט גוט, דעם ייִד דאַרף מען נישט האָבן.

מילא בין איך מוחל די דאָזיקע גוואַלדיק־אָריגינעלע עסטעטיק און דעם אויסגעמוטשעטן מוסר־השכל פון פאַרברענגען אין „כסית" מיט אַ ייִדישן שרייבער, וואָס שרייבט פון לינקס צו רעכטס. אָט די קליינשטעטלדיקע התפעלות פאַר דער יפתדיקער באַרימטקייט איז נאָך אַלץ אַ באַשטאַנדטייל פון העברעיִשן רענעסאַנס אין מדינת ישראל, וואָס פון אים איז אַפילו בן־גוריון נישט פריי; און, אויב כ'האָב קיין טעות נישט, האָט טאַקע דער זעלביקער שמיר געמוסרט בן־גוריונען, פאַר זיין איבערגעטריבענער ליבשאַפט צו אַלץ וואָס בליט אין פרעמדן ווייַנגאָרטן.

אָבער אַז מען פאַרברענגט אין „כסית" און מען כאַפּט עטלעכע כוסות מיט אַן ענגליש־ייִדישן שרייבער, וועמען מ'דאַרף שוין נישט איבערזעצן אויף ענגליש, ווייל ער איז שוין לכתחילה אַ געראַטעוועטער, ווערט מען אַליין אַ צעגאָסענער באַוווּנדערער.

איז אַלץ, לאָמיר זאָגן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, ווייל ס'איז צו אונדזער

באַדויערן, אַזוי נאַטירלעך. אָבער אין דער איבערגעטריבענער באַוווּנדערונג דאַרף מען נישט און מען טאָר נישט פאַרלירן אַלע מאָסן. בעת שמיר איז גרייט צו עפענען די טויערן פון יידישער ציוויליזאַציע פאַר אַלע פרעמד־שפּראַכיקע יידישע שרייבערס, איז ער מלא חימה אויף די שרייבערס, וואָס דערוועגן זיך צו שרייבן העברעיִש אין אַמעריקע. זיי גיט שמיר איין שמיר מיט דער פען. ער רעדט וועגן די „מאַכערס" פון העברעיִשער ליטעראַטור אין חוץ־לארץ, ווי „גראַפאָמאַנישע פישטשעריי" (צפצופי גראַפומניה) און ער ווייזט אָן, אויף ווי ווייט די חוץ־לארצדיקע העברעיִשע שרייבערס שטייען אָפּ אין טאַלאַנט פון די ענגליש־יידישע שרייבערס, ווייל ס'איז גאָר קיין פאַר־גלייך נישט — יענע זענען ריזן און די העברעיִשע שרייבערס מחוץ־לארץ זענען וויסטע, פּישטשענדיקע גראַפאָמאַנען.

מ'וואָלט געקענט, ווען מען וויל גרונטעווען טיפער, אַריינטייטשן אין דעם אַ זלזול־באַציִונג צום העברעיִשן שרייבער בכלל, צו זיך, הייסט עס, וואָס שמיר שפּילט־אויס אויף די רוקנס פון נישט־ישראלדיקע העברעיִשע שרייבערס, כדי אַרויסצובברענגען די באַוווּנדערונג פאַר די פרעמדע לשונות, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געקומען צום דירעקטן אויסדרוק, אַדאַנק אַ סענ־סאַציאָנעלן ראָמאַן פון אַ יונגער ישראל־מיידל. אָבער אַפילו אַז מען גראָבט זיך נישט טיף, מעג מען זאָגן שמירן, אַז נישט נאָר איז ער מוראדיק אומבאַ־האָוונט אין דער אַמעריקאַנער העברעיִשער ליטעראַטור, נאָר אַז זיין הורטאָוו־נע באַליידיקונג איז אומקולטורעל, בפירוש אומעסטעטיש און אומפאַרגעב־לעך, אפשר דערפאַר ווייל ס'איז געשריבן — „בקולמוס מהיר".

.1959

פּאַבלאָ פּיקאַסאָס וועלט

מיר דאַכט זיך, אַז איך בין זיך נישט טועה, אויב איך זאָג אַז בדרך כלל לעבן מאָלערס און סקולפּטאָרן לענגער פון שרייבערס און מוזיקערס. ס׳איז זייער מעגלעך אַז זייער פיזישע אַקטיוויטעט איז גורם די אריכות ימים. די מוסקולן און די גאַנצע צירקולאַציע קריגן ביי זיי נישט די זיסע געלעגנהייט אַריינצופאַלן אין דער פאַרשלעפּערנדיקער פּאַסיוויטעט, וואָס מאַכט צו אָפט די רעפּעטיציעס פאַר דעם אייביקן שלאָף. דערפאַר איז נישט קיין איבערראַשונג, וואָס אַ מאָלער ווי פּיקאַסאָ, האָט געגעבן אַ שפּרייז אי־בער אַ גרויס שטיק פון ניינצנטן יאָרהונדערט און געוואָרפן זיין שאָטן, אי־בער דעם פולן טייל פון צוואַנציקסטן, מיט זיין אומדערמידלעכער אַקטיווי־טעט. כ׳רעד דאָ, פאַרשטייט זיך, בלויז פון דער ריין־פיזישער אַקטיוויטעט זיינער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אַנזעעוודיק און אַנווענזנדיק, יעדער יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט. הייַנט, ווען די גאַנצע וועלט פייערט זיין פינף און זיבעציקסטן געבוירנטאָג, איז ער נאָך אַלץ פריש, ענער־גיש און דערפינדעריש, און די אויסשטעלונגען פון זיינע מאָלערייען, צייכע־נונגען און סקולפּטורן, די גרויסע און קלענערע, איבער דער גאַנצער וועלט, ווייזן אַז ער האָט פּאַקטיש קיין איין שעה פון זיינע שווערע טאָג־טעגלעכע אַרבעט־טעג נישט אַוועקגעלאָזט אין ניוועץ. פּיקאַסאָ האָט פּיקאַסאָן אַזוי אַרויפגעצוווּנגען אויף דער גאַנצער לענג פון אַן אַקטיוון יאָרהונדערט, אַז ער האָט קיין איין יאָר נישט אויסגעפּעלט. ער האָט קינסטלעריש תמיד גע־האַט עפּעס וואָס צו דערציילן און באַמערקן. ער האָט פּאַקטיש שטענדיק גע־קראָגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ סך וואָס האָבן זיך צוגעהערט און צוגע־קוקט צום אופן, ווי ער האָט פריער נאָכגעמאַכט; און נאָכדעם ווי ער האָט באַוויזן אַז ער קען גוט און אייגנאַרטיק נאָכמאַכן, האָט ער איבערגעמאַכט, צענומען און רעסטאַווירט די טיילן אויף אַן אייגענעם שטייגער, זוכנדיק אַלץ מעגלעכע אָרדענונגען פון דער קינסטלערישער אומאָרדענונג, וואָס ער האָט נייגעריק געשאַפן.

לאָז איך איבער דעם קינסטלערישן רעטראָספּעקט פון זיין רייכער פּראָ־דוקטיווער אַרבעט צו מבינים. מיך אינטערעסירט דער „ליטעראַרישער טייל״ פון זיין קונסט און דער באַריידעוודיקער טייל פון דער קריטיק, וואָס שפּאַנט אַריבער דעם געביט פון זיין קונסט און זוכט צו פּאַרטייטשן און אויסטייטשן

און אַפילו צו גענעראַליזירן, אין טערמינען פון פּיקאַסאָס אַרבעט, פאַר אַלע קונסטן, אונטערשפּאַרנדיק פּיקאַסאָס טראַן, פון דעם גרעסטן זוכער פון אונדזער אומרויִקן יאָרהונדערט. דערביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פּיקאַסאָ אַליין איז אויך נישט שטומפּיק אויף דער צונג, און ער אַליין האָט פון צייט צו צייט געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך צו דערקלערן. היינט ווייסט שוין אַ קינד אין וויג, אַז פּיקאַסאָס אומדערקלערלעכקייטן זענען זיין חותם, און אַז דער פּראָפיל פון פולן פּנים איז פּיקאַסאָס געוווּנענער קאַמף, מיט דעם ווידערשטאַנד, וואָס ער האָט ביסלעכווייז איינגענומען און באַזיגט.

בין איך אויסן בלויז צו קאָמענטירן אויף עטלעכע באַמערקונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן סיי פון אים אַליין, סיי פון טייל אָפּשאַצערס, וואָס ווילן אַרויפצווינגען דעם פּראָפיל — אויף דעם גאַנצן פּנים פון אונדזער קינסטלערישן יאָרהונדערט; הגם פּיקאַסאָ אַליין איז פּאַרזיכטיק גענוג צו זאָגן, אַז אין קונסט איז וויכטיק די חתימה פון באַזונדערן קינסטלער נישט אַזוי דער וו אָ ס ווי דער וו ע ר. דאָס איז אייגנטלעך אַן אַלט־נייע דילעמע, וואָס האָט סיי־ווי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, אַקצענטירנדיק דעם וו אָ ס און דעם וו י אין דער קונסט. אָבער פּיקאַסאָ האָט מער ווי אַ סך אַנדערע מאָלערס געהאַלטן אין איין באַטאָנען, אַז אוצרות קונסט האָט די וועלט איבערגעגעבן, און אַז די וועלט פון קונסט האָט שוין אויסגעשעפּט אַלע מעגלעכקייטן פון שיינקייט, אין נאָכמאַלן די נאַטור. ס'איז שוין מער נישט וויכטיק נאָך אַ לאַנדשאַפט אָדער נאָך אַ שטיל־לעבן, איצטער איז געקומען די צייט צו הערן אָדער זען, וואָס דער באַזונדערער קינסטלער האָט צו זאָגן, אין באַגריפן פון זיין יאָרהונדערט, און מיט דעם קול פון יאָרהונדערט.

אַזוי האָט נישט איינמאָל געזאָגט פּיקאַסאָ אַליין, און דער עיקר די באַוווּנדערנדיקע און אויפקלערערישע אָפּשאַצערס און איבערשאַצערס זיינע. נישט איינער האָט זיך אויסגעדריקט אַז פּיקאַסאָס קונסט איז זיין אופן פון ריידן, זיין שפּראַך, די שפּראַך פון זיינע געדאַנקען און פון זיין אומאויסשעפּלעכן זוכן צו געבן אויסדרוק צו אונדזער כאַאָטישער צייט.

איז דאָס אַ גערעכטער באַזיס פאַר יעדער קינסטלער, וואָס מוז קודם־כל זיין ערלעך מיט זיך און זוכן צו לעבן אין זיין יאָרהונדערט. דאָס איז אמת אין דער מוזיק, אין ליטעראַטור און אין דער מאָלעריי. אַן אמתער קינסטלער טאָר זיך נישט באַגנוגענען מיט קאָפּירן, ווי „אָריגינעל" זיינע קאָפּיעס זאָלן נישט זיין. ער דאַרף האָבן די אַמביציע זיך צו געפינען אין זיין אייגענעם דור. בעטהאָווען איז עס געווען. (דור איז אפשר עקזאַקטער ווי דער חשבון פון קיילעכדיקע יאָרהונדערטער, ווייל קינסטלעריש און אַפילו היסטאָריש געדויערט אַ יאָרהונדערט אָפטמאָל אַ סך לענגער ווי הונדערט יאָר).

אַן אמתער קינסטלער איז דערפאַר אַ ריזיקאַנט. ער ריזיקירט מיט זיך און מיט זיין דור. ער האָט דעם ווילן צו זוכן, אַפּילו ווען ער וועט טיילווייז דורכפאַלן. אים אַרט נישט וואָס זיין דור וועט אפשר נישט אַרויסקומען, מיט דער זעלביקער דערהייבונג ווי פריערדיקע, גרויסאַרטיקע דורות. סטראַווינסקי איז זיכער נישט אַזאַ טיטאַן ווי בעטהאָווען, אָבער ער איז צוויי באַשטימטע זאַכן: ערשטנס איז ער — סטראַווינסקי, און צווייטנס האָט אונדזער דור מיט אים צוגעקראָגן אַ וויכטיקע מוזיקאַלישע פּערזענלעכקייט.

ווען פּיקאַסאָ זאָגט אונדז אַז ער האָט געזוכט צו ווערן דער אויסדרוק פון זיין דור, איז ער אויף אַ זיכערן פונדאַמענט, און מיר זענען אים דאַנקבאַר דערפאַר, ווייל פּיקאַסאָ איז דער זיגזאַגישער סימבאָל פון אונדזער גוואַלדיקער אומגעצאַמטער, הגם אָפּט־געשטערטער, קינסטלערישער אומרו. אונדזער צייט צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס זי באַשטייט מער נישט אויף אַ סטאַטישער און פאַרגליווערטער קונסט־ריינקייט. דער קינסטלער פון אונדזער דור לאָזט זיך פאַרפּסולתן, און זיין עובֿדה איז צו ווייזן אַז ער איז נישט קיין גולמל, נאָר אַז ער ווייסט אַלץ, טראַכט־דורך און ליידט־דורך אַלץ וואָס זייַנע מיטמענטשן ליידן, און אַז ער טריומפירט איבער דעם אַפּילו ווען זיין טריומף איז נישט קיין פולער זיג, נאָר אַן אָנווייז אויף אַזאַ זיג.

ווען מיר קומען צו אַזאַ קינסטלער ווי פּיקאַסאָ, האָבן מיר פאַר זיך קודם־כל אַ מענטש, וואָס האָט נישט סעגרעגירט זיין קונסט — פון דער וועלט אַרום אים. פאַרקערט, ער איז תמיד געווען אין סאַמע קאָך פון זאַכן, געשעענישן און טראַכטונגען, און ער האָט זיי אַרויסגערעדט און אַרויסגעברומט פון זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער.

פּיקאַסאָ האָט אָבער געזינדיקט מיט אַן אומבאַלאַנס, צווישן דעם גרויסן עקספּערימענטאַטאָר און זוכער, און צווישן דעם געפינער. ס׳מוז אַריינטרעטן אַ שטיקל באַלאַנס, אַז דער זוכער ווי נייגעריק־ערלעך ער זאָל נישט זיין, זאָל נישט אויפפרעסן דעם קינסטלער, און זאָל בכלל נישט אָנהייבן לעבן אַן אייגן לעבן און פירן אַן אייביקע באַלעבאַטעשאַפט פון בלויז זוכעריי.

איינער פון פּיקאַסאָס באַוווּנדערערס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז פּיקאַסאָן טאָר מען נישט נעמען באַזונדער, דורך באַזונדערע בילדער זיינע און באַזונדערע אויפטועןָ, נאָר אין גאַנצן, מיט דעם גאַנצן ענערגישן געטומל זיינעם. מיט אַנדערע ווערטער, פּיקאַסאָ איז אַ גרויס גאַנץ בוך און מען טאָר נישט רייסן קיין באַזונדערע זייטלעך. ער איז דער כסדרדיקער אינאָוואַטאָר, וואָס ווערט אַפּילו מיד פון זיינע אייגענע אויפטועריש באַנייונגען און ער קלעטערט העכער און העכער. ער האָט כסדר געשאַפן ווערטן וואָס ער האָט

גלייך צעוואָרפן און צוריקגעשטעלט אין פאַרשיידענע קינסטלערישע אומאָרדענונגען.

אַזאַ קינסטלערישע פערזענלעכקייט ווי פיקאַסאָ, וואָס געווינט דעם צוטרוי פון מיליאָנען באַוווּנדערערס, מוז ערשט אַנטוויקלען אַ גרויסע אחריות, ווייל דער בלינדער צוטרוי ווערט ווי ווייכער טייג אין דעם קינסטלערס הענט און ער קאָרופּטירט נישט נאָר דעם צוטרויליכן באַוווּנדערער, נאָר דעם שאַפער אַליין. ער ווערט נאָכגעביק צו די פאַרשיידענע שאַבלאָנען און באַנאַלע אויסטייטשונגען און אַריינטייטשונגען. ווייל אַ קינסטלער מוז קענען שאַפן באַזונדערע זאַכן און נישט ווערן אַ בוך וואָס מען מוז בלעטערן, כדי צו קענען זען אינדיווידועלע גרויסקייט. אויף יעדער „בלעטל“ פון קינסטלערישן בוך מוז רוען נישט נאָר דער אינדיווידועלער סימן פון דעם זוכער, נאָר ס׳מוז שטענדיק אַ שמייכל טאָן צו אונדז דער חן פון געווינס; און ס׳מוז אויך הערשן אַ געוויסע פּראָפּאָרציע צווישן דעם געזוכטן און דעם געפונענעם.

אָן ספק, איז פּאַבלאָ פּיקאַסאָ געווען אַ סטימולירנדיקער כוח, וואָס האָט נישט געלאָזט איינשלאָפן. ער איז געגאַנגען פון איין שאַפונג־פּעריאָד צום צווייטן, ער האָט אַנטדעקט נייע קונסט־ווינקלען. ער האָט אַנטפּלעקט דעם קוביזם, ער האָט געשפּרודלט מיט קינסטלערישע געדאַנקען. ער האָט געבויט, צעבראָכן, געמייסטרעוועט, צענומען, איבערגעבויט, איבערגעשטעלט, געמאָלט, אויסגעלאַכט, אויסגעשריגן און אַפילו אָפּגעלעצעוועט. דאָס איז געווען די דינאַמיק פון זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט, אָבער געמשפּט וועט ער סוף־כל־סוף ווערן מיט אַלטע מאָסן: וויפל באַזונדערע וויכטיקע זאַכן האָט ער געשאַפן, און צי באַשטייט זיין צושטייער בלויז אין זיין קינסטלערישן אַלאַרם, אָדער אויך אין דערגרייכונגען.

איך פרעג, אָבער איך ענטפער נישט, ווייל ס׳איז נישט מיין געביט. איך האָב בלויז געוואָלט אָנצייכענען די גרענעצן פון קינסטלערישן עקספּערעמענטירן. דער עקספּערימענטירער טאָר נישט אַנטוויקלען קיין גרויסע הענט אויפן חשבון פון קאָפּ, און מ׳קען עס זאָגן פאַרקערט אויך, ער טאָר נישט אַנטוויקלען קיין שווערן קאָפּ, אויפן חשבון פון זיינע קינסטלערישע הענט.

מיר לעבן אין דעם קליגסטן און גלייכצייטיק אין דעם נאַרישסטן יאָרהונדערט, ווען דערוואַקסענע מענטשן עקספּערימענטירן און קוויקן זיך מיט באַנאַליטעטן. די ווענטלעך צווישן טיפקייט און פלאַכקייט זענען היינט צו טאָג אַזעלכע דינע, אַז זיי פאַלן פון אַ בלאָז. פּיקאַסאָ שפּילט אָפט אַריין אין די הענט פון די דאָזיקע „טיפזיניקע“ באַנאַליזירערס, וואָס אַנאַליזירן און פאַרטייטשן זיינע לעצטע מאָלערייען פון דער קינדער־וועלט, דעם אָנשטרענג פון גיין, דעם קינדערישן שלאָף. דאָס ביסעלע „ליטעראַטור“, וואָס איז פאַראַן

אין אַזעלכע בילדער קען אַ פייגעלע אַוועקטראָגן אויפן עק, און דאָך טראָגן עס די קריטיקערס אַוועק, ווי גוואַלדיקע דערפינדערישקייט, נישט איינזעעדיק אַז די קינסטלערישע דערגרייכונג פון די דאָזיקע קינדער־בילדער איז נישט מער ווי טעכניש קאָמפּליצירטע קאַריקאַטור.

פּיקאַסאָ אַליין האָט אָפּטמאָל אַזוי פאַרענטפערט זיינע אייגענע „דעפאָרמירונג“ און „מיאוסקייט“, אַז בלויז דער נאָכמאַכער איז זיכער אַרויסצוקריגן שיינקייט, ווייל ער ווייסט לכתחילה וואָס ער קלייבט זיך טאָן, און אַז אַלץ וועט אַרויסקומען אין האַרמאָנישער אָרדענונג. אָבער דער אָריגינעלער קינסטלער, דער זוכער און עקספּערימענטירער אַרבעט נישט מיט קיין קאָפּיעס, און ער איז דערפאַר קיינמאָל נישט זיכער. גראָד די מיאוסקייט איז די מאָס פון זיין זוכן, ס׳איז, מיט אַנדערע רייד, די ווילדע ענערגיע פון זיין זוכעניש, וואָס דריקט זיך אויס אין דער דעפאָרמירונג, אין דעם איבערשטעל, אין דעם גראָטעסק.

אָבער די זיך־באַרעכטיקונג איז בלויז אויף אַזויפיל אַ באַרעכטיקונג, אויף וויפל ס׳וואָלט פאַרבליבן אין דעם נאָטיץ־בוך פון קינסטלער עקספּערימענטירער. ווי נאָר ער קומט צו דער עפנטלעכקייט, מוז זיין עקספּערימענט האָבן אַ קינסטלערישן ציל, און ער מוז דערגרייכן האַרמאָניע און גאַנצקייט. און טאַקע דערפאַר אינטערעסירט מיך דער גרויסער טומל אַרום דער גרויסער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון פּיקאַסאָן, ווייל מ׳זוכט פון זיין באַזונדער־איבערצייגנדיקער אומאָרדענונג צו מאַכן... אַ געזעץ. און דאָס איז געפערלעך, ווייל אַלץ איז אפשר ריכטיק אַרום פּיקאַסאָס קינסטלערישער וועלט, און אין די ברייטסטע ראַמען פון זיינע קינסטלערישע עקספּערימענטן, אַחוץ די אַלגעמיינע אויספירן. הגם אויך ער וועט, ווי איך האַלט, סוף־כל־סוף געמשפּט ווערן לויט זיינע קלענערע דערגרייכונגען, און זיין ברייט פעלד פון עקספּערימענט, וועט פאַרבלייבן דאָס קינסטלערישע סקיץ־בוך פון אונדזער דור.

אָבער דער עיקר גייט מיר אין נישט אָננעמען דעם עקספּערימענט אויפן חשבון פון קינסטלערישע רעזולטאַטן; נישט אָנצונעמען דעם ציללאָזן עקספּערימענט, וואָס איז בלויז זוכעריי און נישט דאָס קינסטלערישע געפינען; און איבער אַלץ נישט צו פאַרענטפערן מיאוסקייט, ווי דעם נייטיקן פּראָדוקט פון קינסטלערישן זוכן. אין אַלגעמיין איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי קינסטלערישע מיאוסקייט, אויב זי איז אינטעגרירט און אַריינגעגלידערט מ ו ז י ק אַ ל י ש אין געבוי פון גאַנצן ווערק. מיאוסקייט ווערט עס ערשט, ווען עס שרייט אַרויס פון ווערק, און עס ציט די אויפמערקזאַמקייט, ווען די מיאוסקייט „באַחנט“ נישט דאָס גאַנצע ווערק, ווען עס באַשטופּלט עס בלויז.

אַ סך פּיקאַסאָס לייוונטן און צייכענונגען שרייען מיט אַזאַ דרויסנדיקער מיאוסקייט און זיי פאַרמאָגן נישט די אינערלעכע פאַרטיפטע מיאוסקייט, וואָס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן און ווערט גאָר אַמאָל שיין און דער־הויבן, ווי ברוגעל אָדער טייל רעמבראַנדטס פּנימער. באַוווּסטזיניק פאַרמיאוסן איז פּונקט אַזאַ זינד ווי פאַרשענערן, ס׳איז אפשר אַמאָל אַ רעוואָלט קעגן אויבערפלעכלעכער פאַרשענערונג, אָבער ס׳איז אויך פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אויבערפלעכלעכע פאַרמיאוסונג, לשם עקספּערימענט. אַזאַ פאַרמיאוסונג וואַרפט זיך, ווי געזאָגט, צופיל אין די אויגן און מ׳קען עס לחלוטין נישט פאַר־ענטפערן מיט בלאָנדזשענדיקער און ציללאָזער עקספּערימענטירונג. ווייל דער ענדציל פון יעדער קונסטווערק דאַרף זיין שיינקייט, יענע העכערע שיינקייט וואָס באַשיינט אַלץ וואָס ווערט דערגרייכונג און וואָס לעבט אַ קינסטלעריש לעבן, אָן תירוצים און פאַרענטפערונגען.

.1957

מוזיק, וואָרט און מעשים

כ׳ווייס נישט וויפל צדיקים די וועלט פאַרמאָגט ביים היינטיקן טאָג, וואָס אין זייער זכות באַשטייט זי, אָבער אַפילו ווען זייער צאָל איז נאָך ווייניקער פון 36, דאַרף דער נאָמען פון פּאַבלאָ קאַזאַלס דערמאָנט ווערן צווישן זיי. אַ צדיק איז נישט אַ מענטש וואָס הייליקט זיינע מעשים און וואָס די מעשים זיינע הייליקן אים. יעדער מענטש לעבט און טויט, אָבער די פראַגע איז וויפל מענטשלעכקייט ס׳איז פאַראַן אין זיין טועודיקייט, צי זענען די מעשים — צייט־פאַרטרייב, אָדער זיי קומען פון כסא הכבוד פון מעשים וואָס זענען אייביק; ווייל זיי זענען איינגעקריצט אין דעם לעבן, וואָס מיר זענען געוווינט צו באַטראַכטן פאַר די טעג און נעכט, וואָס מיר ווילן אַז זיי זאָלן געדויערן אייביק.

אָט די אייביקייט פון מעשים פאַרמאָגט אין זיך די סאַמע טיפסטע באַציונג, צווישן דעם מענטש און דעם וואָס ער טוט, אָדער מיט דעם וואָס ער זאָגט, ווייל געזאָגטע אָדער געשריבענע רייד זענען אַ מין מעשים.

קאַזאַלס איז פרי געוואָרן וועלט־באַרימט. זיין טשעלאָ האָט פאַר אים געמאַכט אַ וואַרע אין דער גרויסער וועלט. ס׳זענען קיינמאָל נישט געווען צופיל גרויסע טשעליסטן, זיכער נישט אַזויפיל ווי פידל־ אָדער פּיאַנאָ־ווירטואָזן, ווייל דער רעפּערטואַר פאַר דער טשעלאָ איז אַ קלענערער, און ווייל דער אינסטרומענט אַליין איז צו שווער און פאַרמאָגט נישט די שפּילעוודיקייט וואָס זאָל צוציִען וווּנדער־קינדער.

קאַזאַלס האָט אָבער גאָר פרי באַוויזן, וואָס מען קען דערגרייכן מיט דער טשעלאָ, און זיין נאָמען איז באַלד אַוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן די גרויסע אינסטרומענטאַליסטן פון זיין דור. אָבער נישט ביזן אויפשטיין פון היטלערן, האָט קאַזאַלס געהאַט די געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז ער הייליקט דאָס וואָס ער טוט טאָג־טעגלעך. ער האָט יונג געגעבן די מענטשלעכסטע לייזונג פון זיין גרויסקייט, ער האָט געוויזן, אַז צווישן זיין טאָג־טעגלעך „ברויט“ און זיינע אינערלעכע איבערצייגונגען איז פאַראַן אַ טיפע שייכות. אַ סך גרויסע ווירטואָזן פון וואָרט אָדער מוזיק האָבן אונדז פאַרביטערט דאָס לעבן, ווייל זיי האָבן נישט געוויזן, אַז דאָס וואָס זיי טוען איז חשוב דערפאַר, ווייל ס׳קומט פון אַ ריינעם קוואַל; זיי האָבן אונדז דעם קוואַל פאַרבלאָטיקט און געשטעלט אונטער אַ שווערן פראַגצייכן די פאַרקניפּונג צווישן

קונסט און מענטש. פאַר קאַזאַלסן איז די טשעלאָ און אַלץ וואָס ער האָט אויף איר אויפגעטאָן, נישט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם לעבעדיקן מענטש, און ס׳האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז אַלע זיינע דער־גרייכונגען זענען נישט קיין אַקראָבאַטיק, קונצן פון מענטשלעכן גוף, נאָר אַז הינטער דער געשפּאַנטער קאָאָרדינאַציע שטייט אַ טיפער און ריינער מענטש.

ס׳איז נישט כדאַי אָנצורופן אַזעלכע נעמען ווי האַמסון אָדער גיזעקינג, אָדער נאָך ווייטער צוריק — ווי וואַגנער, נעמען וואָס האָבן אין אונדז אַרויס־גערופן די ביטערסטע פאַרצווייפלונג און אַ ריי ווייטיקדיקע, נישט־פאַרענט־פערטע קשיות. אָבער ווען קאַזאַלס האָט, פון די ערשטע, זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן אין היטלערס פאַרשאָלטענער מדינה און אָנגעגעבן ווי דעם מאָטיוו — די רדיפות אויף יידן, האָט ער מיט דעם אַרויפגעצווונגענעם נדר אויף זיך און מיט דעם חרם אויף דעם בלוטיקן לאַנד, אונדז ליבער געמאַכט דעם פאַרנעם פון זיין ווירטואָזיטעט, ווייל ער האָט יאָ פאַרענטפערט קשיות, ער האָט אונדז געמאַכט פאַרשטענדלעכער מענטשלעכע דערהייבונג.

און שפּעטער, ווען ער האָט, נאָך פראַנקאָס זיג, דעם נדר נאָך פעסטער אַרומגעבונדן אַרום זיך ווי אַ שטריק און דעם חרם אַרויפגעלייגט אויף דער גאַנצער וועלט, ווייל ער האָט באַשולדיקט די גאַנצע וועלט אין פראַנקאָס זיג; ווען ער האָט באַשלאָסן אַז ער וועט מער נישט געבן קיין קאָנצערטן, ווייל די וועלט האָט דערלאָזט צו דער פאַרגוואַלטיקונג פון מענטש אין שפּאַניע, האָט מען עס אין אָנהייב אָנגענומען פאַר אַ קינסטלערישן קאַפּריז. אָבער יאָרן האָבן באַוויזן, אַז די דאָזיקע עקשנות איז ווייט פון אַ קאַפּריז, אַז ס׳איז די דעמאָנסטרירונג פון אַ געוויסן, וואָס קען נישט רוען, וואָס באַטראַכט נישט מוזיק פאַר לייכטזיניקער פאַרווייַלונג, נאָר פאַר טוונג אין דעם העכסטן זין פון וואָרט, אַן אַרבעט וואָס ווערט דערהויבן צו אַן עבודה.

די ווייטערדיקע ביאָגראַפישע איינצלהייטן פון דעם גרויסן מענטשן זע־נען אַלעמען באַקאַנט. זיין פוס האָט מער נישט באַטראָטן שפּאַניע, נאָר דאָרט וווּ ער האָט זיך באַזעצט אין פּראַד, פראַנקרייך, אַ שטעטל נישט ווייט פון זיין געבוירן־פּראָווינץ קאַטאַלוניע, איז גלייך געוואָרן אַ מעקאַ פאַר מוזיקער פון דער גאַנצער וועלט. פון אומעטום האָבן יונגע און אַלטע, באַרימטע און נאָך נישט באַרימטע מוזיקער, געשטראָמט צום מייסטער, כדי צו שעפּן טיפע־רע און דויערנדיקערע באַגייסטערונג פאַר דעם וועג וואָס זיי האָבן אויסגע־קליבן פאַר זיך. פּראַד איז געוואָרן אַן אמתער בית־המקדש פאַר ריינער מוזיק, נישט אין זין פון דעם ווילדן אַבסטראַקט, וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון מענטש, נאָר פון גערייניקטער מוזיק, פון דער מוזיק, וואָס ווערט אויך

אַ טייל פון די דעמאָנסטרירלעכע מענטשלעכע מעשים, וואָס דאַרפן דינען ווי אַ ביישפּיל.

איצט וווינט פּאַבלאָ קאַזאַלס אין פּאָרטאָ ריקאָ. קאַזאַלס' מוטער איז געווען אַ פּאָרטאָריקאַנערין, און ער וויל אויף דער עלטער זיין נאָענט צום אָרט, וווּ זיין מוטער האָט געשעפּט אירע ערשטע באַגייסטערונגען, וואָס זי האָט איינגעפּלאַנצט אין דער נשמה פון יונגן קאַזאַלס. צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג, וואָס איז געפייערט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט, האָט קאַזאַלסן געצויגן צו זיין אור־קינדהייט, צום סוד פון זיין אייגענער גרויסקייט.

דער ביישפּיל פון קאַזאַלס' לעבן און טוונג איז נישט פון אַן אָפּגעשיידטן אַסקעט, נאָר ס'איז אַן אַקטיווע מאָנונג, וואָס איז אַ סך מער ווירקזאַם ווי אַן אַנגענומענער „יו־עו" באַשלוס. קאַזאַלס ווייזט אונדז די געהייליקטע פליכט פון מענטש אין אונדזער צייט, נישט צו נעמען צו־לייכט אונדזערע גרויסע געשאַנקען, נאָר פאַרקערט — צו פאַרבינדן זיי מיטן מענטש און מיט זיין דראַנג פאַר אַ בעסער און שענער לעבן. פּאַבלאָ קאַזאַלס האָט צוריק אויסגע־לייזט די מוזיק פון איר שיינער אומנוץ און פון דער גלאָריפיקאַציע פון מוזיקאַלישע אברים. ער האָט דעפּרימיטיוויזירט די מוזיק און איר געגעבן אַן אָרט אויף דער לייטער פון מענטשלעכער מאָראַל. די פינגער, דאָס מויל, אָדער דער האַלדז זענען בלויז טיילן פון מענטשלעכן גוף, אָבער דער „דיריגענט" וואָס שטייט הינטער זיי איז דער גאַנצער מענטש, וואָס ווייס אַז ער שפּילט אין אַ וועלט, וואָס מוז אויפהערן זיין אַ גיהנום. דער מוזיקער איז נישט קיין געדונגענער פאַרוויילער, אַ הויף־נאַר וואָס האָט אַ רעכט צו טראָגן אַ נאַרן־מיצל, ווען דאָס וועלט־געוויסן ברעכט זיך דעם קאָפּ, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון אַ באַרבאַרישער בלאָטע.

דער עיקר ליגט אין דעם ווילן אויסצולייזן מוזיק און דאָס געפיל, אַז ס'איז סכנות נפשות וואָס דער מענטש האָט אויפגעהערט צו דעקן און קרע־דיטירן זיינע מעשים, זיינע טאָג־טעגלעכע טוונגען. אויב דאָס איז אמת בנוגע מוזיק איז עס נאָך געפערלעכער, ווען ס'האַנדלט זיך אין בזיון פון וואָרט. גראָד אין אונדזער צייט איז דאָס וואָרט מעכטיקער פון אַטאָמישע באָמבעס. די אַטאָמישע באָמבע האַלט מען הינטער זיבן מאָל זיבעציק שלעסער, מען האָט מורא פאַר איר פאַרווּסטונג, אָבער אַלע ווערטער־שליוזן פון פּראָפּאַ־גאַנדע זענען אָפן און זיי פאַרוויסטן ביסלעכווייז די וועלט, ווייל דאָס וואָרט הערט אויף צו זיין פאַרבונדן מיט דעם אינערלעכן, טיף־מענטשלעכן אמת.

קיינמאָל אין דער געשיכטע האָבן זשורנאַליסטן נישט פאַרמאָגט אַזאַ אומגעצוימטע מאַכט ווי אין אונדזער דור, און קיינמאָל איז זייער אומקאָנט־

ראַלירטע הערשאַפט נישט געװען אַזױ געפערלעך פאַר דער זיכערקײט פון דער װעלט — געפערלעכער װי די פּחדימדיקע הידראָגען־באָמבעס.

מען בלײבט שטײן אַפּהענטיק און הילפלאָז, װען דער שטױב פון די דאָזיקע געװיסנלאָזע װערטער הײבט אָן פאַלן און פאַרדעקן ברײטע שטחים. נישטאָ קײן באַשיצונג קעגן דעם, אַפילו װען מען זאָל טױזנט מאָל לײקענען און שרײען חי־וקים, העלפט שױן נישט, װײל דאָס שלעכטס איז געװאָרן אָפּגעטאָן און האָט שױן געװירקט.

װען אַ זשורנאַליסט קלעטערט אַרױף צו דער מדרגה, אַז זײן װאָרט רעכנט זיך, װײל ער טוט עס אױף אַן אײנפלוסרײכער פּלאַטפאָרמע, װאָס װערט געשטעלט אין זײן רשות, אַ מעכטיקע צײטונג, ראַדיאָ, טעלעװיזיע, װערט ער אַ פּאָטענציאַל, װאָס קען פּאַקטיש אומברענגען לענדער מיט זײן װאָרט. גרױסע, מעכטיקע לענדער ציטערן פאַר אַזאַ זשורנאַליסטס װאָרט, און קלענערע לענדער זענען אַװדאי אין סכנה. ס׳איז דערפאַר פאַרשטענדלעך װי אָפּהענגיק די װעלט איז אין דעם ביסל געװיסן, װאָס אַזאַ זשורנאַליסט פאַרמאָגט און װיפל שײכות ס׳איז פאַראַן צװישן זײן געװיסן און דעם װאָרט־געװער װאָס ער נוצט אַזױ אָפט, װי אים פאַרגלוסט זיך.

די צידקות פון קאַזאַלס װערט ערשט געשעצטער, װען מיר הײבן אָן אײנזען מיט װיפל פעדעם אַלץ װאָס ער טוט, איז פאַרבונדן מיט דעם גרױסן מענטש פון מעשים און פון ערלעכן װאָרט. א י ך אַ ק צ ע פּ ט י ר נ י ש ט, האָט ער אױסגעשריען, װען מען האָט מיט אים געװאָלט אײנקנעלן, אַז מען מזו פאָרט מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט רשעות.

מיר פאַרמאָגן נישט בײם הײנטיקן טאָג אַזאַ שטאַרקע װעלט־פּערזענלעכקײט אין קעניגרײך פון װאָרט, װאָס זאָל אױסלײזן דאָס מענטשלעכע װאָרט פון איר שפלות און געװיסנלאָזיקײט; װאָס זאָל אױפּסבײ, און נאָך אינטענסיװער װי װען עס איז פרי׳ער, אָנװײזן אױף דער צונג, געשריבענער אָדער גערעדטער, אױף װיפל טױט־סכנות די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע־צונג האָט זיך דערװאָרבן אין אונדזער צײט, און װי געפערלעך זי װערט, װען זי װערט נישט קאָנטראָלירט פון געװיסן: װען דאָס װאָרט װערט נישט קײן עבודה, אײנגעשפּאַנט אין אַלגעמײנעם דראַנג פון מענטש פאַר לײטערונג און דער־הױבונג. אָבער בעת, װי געזאָגט, מיר פאַרמאָגן שױן אַזאַ װוּנדערלעכן בײשפּיל פון אַ צדיק אין דער מוזיק, האָבן מיר נאָך נישט אין קעניגרײך פון װאָרט אַ מענטש פון קאַזאַלס׳ מדרגה, װאָס זאָל אָנװײזן אױף דער טױטלעכער סכנה, װען דאָס מענטשלעכע װאָרט װערט געפערלעכער שפּיל אין די הענט פון געװיסנלאָזע שרײבערס.

1957.

„יידן צום געדענקען" פון פנחס שטיינוואַקס

דאָס בוך „יידן צום געדענקען" איז איינס פון די ערלעכסטע ביכער, וואָס דער „צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע" האָט אַרויסגעגעבן. זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז ס'איז ווייט פון אַ קינסטלעריש בוך. דער מחבר האָט זיך שטאַרק געגייטיקט, אַז מען זאָל דאָס בוך פאַרזיכטיקער צוגרייטן צום דרוק, מען זאָל עס אַביסל שפּראַכלעך און סטיליסטיש אַרומפּוצן, און מען זאָל עס — ווי אַ בוך — אויסהיילן פון אַ סך איבערחזרונגען. די 35 עפּיזאָדן האָט דער מחבר פריער געדרוקט אין אַ צייטונג, און וואָס ווייטער ער האָט אָוועקגעשפּאַנט פון זיינע ערשטע עפּיזאָדן, אַלץ מער האָט ער זיך דערלויבט צו שניצן זיינע מענטשן לויט אַ פורעם, וואָס ווערט אַביסל לאַנגווייליק, ווען מען לייענט זיי אין בוך. אָבער נישט געקוקט אויף די שרייבערישע חסרונות איז עס פאַרט אַ ווערק פון פאַרנעם, ווייל דער מחבר האָט אויפגעבויט אַ יידישן אָאַזיס אין אַ רשעותדיקער וועלט.

שטיינוואַקס פאַרמאָגט דווקא יאָ באַשיידענע דערציילערישע כוחות, אָבער אים פעלט געדולד, ער פאַרלירט צו־גיך די מאָס געדולד וואָס אַ בעלעטריסט מוז האָבן. אין זיין לעצטן לענגערן עפּיזאָד „ירוחם", וואָס איז אפשר דער איבעריקסטער אין דער גאַנצער סעריע, פאַרגינט זיך שטיינוואַקס אויסצופּרוּוון אויף אַן אמת זיינע דערציילערישע כוחות, אָבער ער פאַרלירט דאָס געדולד און ער כאַפּט אָפּ דעם סוף, אין סטיל פון אַ חסידיש מעשה'לע, אַז „נאָך ירוחמס טויט האָבן מלאכים אין די הימלען צווישן זיך גערעדט, אַז ירוחם האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון תשובה".

אָבער אין זיינע אַנדערע 34 דערציילונגען האָט פנחס שטיינוואַקס נישט געזוכט אַ גלאַנץ צו טאָן מיט דערציילערישקייט, נאָר יעדער עפּיזאָד איז אַ באַזונדערע קינה אויף אַ באַזונדערן ייד, וואָס איז געווען אַ באַזונדערער פעלדז אין דער אונטערגעגאַנגענער פויליש־יידישער מלוכה פון גייסט.

ווען שטיינוואַקס וואָלט געווען צוגעשריבן נאָך אַן עפּיזאָד, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ער האָט געכאַפּט אַלע ל"ו צדיקים אין איין פויליש שטעטל און זיי מספּיד געווען — נישט נאָר די אַלטע, די שטאַמיק־יידישע ל"ו צדיקים, די שומרים פון די תרי"ג מצוות און די מליצי־יושר פון יידישן פאָלק, נאָר אַפילו די נייע, די יינגערע ל"וניקעס, וואָס האָבן שוין מקיים געווען נייע

יידישע מצוות, מיט דעם קדושהדיקן פייער און פלאַם, פון דעם וואָס איז אין זיי אַריינגעגלויבט געוואָרן.

שטיינוואַקס פאַרמאָגט גענוג יידישע למדנות, אַז ער קען זיך גוט דורכ־שמועסן מיט אַלע זיינע יידן, וואָס האָבן געשעפּט פון אונדזער איינגעשטעלטן אורח חיים, מיט עקשנות און פרייד. די יידן אַליין זענען ווייניקער וויכטיק, ווי די מידות טובות וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און אָפּגעהיט. יעדער איינער האָט זיך אָפּגענומען איין מצווה און זי מקיים געווען מיט אַזאַ הנאה, ווי זי וואָלט געווען אַ זאַפטיקע פרוכט מיט 613 קערנער. אַז אַזאַ איינציקע מצווה איז איינגעשטאַנען ביי איין פעלדזיקן ייד, איז זי געווען אין מלכותדיקע הענט, ער האָט שוין געמאַכט פון איר אַ לייט און ס׳איז געווען וויל צום ייד און צום גאַנצן שטעטל יידן, וואָס האָבן זיך געלייטערט אין זכות פון די גרויסע יידן, פון גרויסע מוחות און ברייטע הערצער.

שטיינוואַקס וועקט אויף אַ גאַנצע אומגעבראַכטע גייסטיקע וועלט, און ער ווייזט אונדז פון וואַנען מיר שטאַמען, פאַרוואָס האָט זיך אַזוי לאַנג גע־האַלטן, אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטן, און פאַרוואָס האָט די צייט נישט געקענט אויסוועפּן די גייסטיקע עשירות, וואָס איז דאָס כאַראַקטעריסטיש־גלותדיקע, דאָס שיין־און־דערהויבן־גלותדיקע, וואָס האָט אויסגעשטאַלטיקט דעם נייעם יידן פון אונדזער צייט אין אַלע צייטן און אים געגעבן כוח פון אויפהאַלט.

פּיזיש זענען כמעט אַלע יידן ענלעך איינער צום אַנדערן. פּנחס שטיינ־וואַקסן איז געגאַנגען אין שילדערן די טיפע רוחניות פון אַ שטאָט מיט יידן. די יידן זענען געווען נאָענט צו אונדז, מיר האָבן זיי נאָך אַלע געקענט, און אַ סך פון זיי זענען נאָרוואָס פאַרשניטן געוואָרן דורך דעם רשעס האַנט. אָבער שטיינוואַקס ווייזט אונדז, אַז די יידן זענען געווען פונקען פון דעם אור הגנוז פון אונדזערע שענסטע יידישע דורות. יעדער באַזונדערער ייד, מיט זיין פאַרפאַנצערטן דרך, און מיט זיין ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו יידישע מצוות, איז געווען אַ „גוטער ייד" אין זין פון די גרויסע חסידישע גזעס, אָדער פון ווייטער צוריק — פון די בעלי־התוספות, אמוראים און תנאים.

דאָס בוך „יידן צום געדענקען" איז אַ חורבן־בוך, ווייל ס׳ווייזט וואָס דעם פינצטערן פאַרטיליקערס האַנט האָט אומגעבראַכט, און וויפל גייסטיקע ירושהדיקייט איז אונדז פאַרשניטן געוואָרן. דער מחבר קען זיך נישט צוריק־האַלטן פון באַקלאָגן יעדן איינעם פון דער אָנגעוווירענער יידישער וועלט, מיט אַלטפרענקישע רייד, וואָס זענען אין טאָן פון בוך:

„צוזאַמען מיט די הייליקע נשמות פון אונדזערע מיליאָנען געהייליקטע יידן, אומגעקומענע פון די היטלעריסטישע מערדער, געברענט געוואָרן אין די

גאַז־קאַמערן, אומגעבראַכט געוואָרן אין די קאַלכאויוונס, געפאַלן אין העד־ראָישן קאַמף בעת דעם אויפשטאַנד פון די געטאָס — געפינט זיך די נשמה פון ר׳ אהרנען — אין די הויכע הימלען אונטער דעם כסא־הכבוד, לעבן די מלאכים און שרפים״.

דאָ רעדט זיך וועגן דער נשמה פון אַ ר׳ אַהרן בעל איסר, וואָס האָט זיך מחיה געווען מיט די אַלע שאַרפע און שאַרפערע איסורים פון שטרענגן דין, און וואָס ווערט צום סוף היטלערס אַ קרבן און ער ווונדערט זיך וואָס מען האָט נישט געאסרט קיין מלחמות.

די אַלע מצוות, ווי רופן צו סליחות, זיצן אין סוכה, „שיכורן״ שמחת־תורה, נישט ריידן קיין לשון־הרע, ווערן גוט געביישפילט דורך די ל״ה צדיקים, וואָס פאַרוואַנדלען ייִדישע טועוודיקייט אין אַ גרויסער שמחה.

ר׳ בנימין דער צער בעלי־חיימניק האָט זיך נישט געוואָלט ראַטעווען פון היטלערן, דורך איינשטילן היטלערס בייזע נאָכשפּירנדיקע הינט מיט קעץ. ווען מען איז אַריבער די גרענעץ מיט אַ קאַץ, איז מען געווען זיכערער, ווייל די בלוט־הינט, וואָס היטלערס משחיתים האָבן אַרויסגעשיקט, האָבן זיך געגומען צו די קעץ. אָבער אין דער ראַדונער ישיבה האָט זיך צעפלאַקערט אַ וויכוח, צי מען מעג זיך מציל זיין, דורך עובר זיין אויף צער בעלי־חיים און ווי טאָן אַ קאַץ.

דער מחבר ענדיקט זיין עפּיזאָד וועגן דעם צער בעלי־חיימניק:

„ביי דעם תורה־וויכוח צווישן די כותלי בית־המדרש אין ראַדון האָט מען פאַרגעסן אין אַלע שרעק, אין פחד. מען האָט געפילט, אַז נישט דער האַקנ־קרייץ און נישט דער סערפּ און האַמער קענען דורך זייערע משחיתים אומ־ברענגען אַ פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע זין, וועלכע זענען מסוגל אין סכנותפולע צייטן זיך מתווכח זיין וועגן אַזעלכע פּרינציפּן פון צער בעלי־חיים אין אַ צייט ווען די גאַנצע וועלט האָט נישט געוואָלט זיך אומ־קוקן אויפן צער פון ראַנגלענדיקן ייִד, דעם צער פון יסורים און בושה פון ישראל סבא, וואָס גייט אָפּ אין בלוט פיזיש, אין איין טייל פון אייראָפּע, און וואָס ווערט גערודפט פאַר וועלן אָנהאַלטן די עטישע פּרינציפּן פון אַ דורות־לאַנגער קולטור אין אַ צווייטן טייל פון אייראָפּע. דער תורה־וויכוח וועגן צער בעלי־חיים אין בית־המדרש אין ראַדון האָט פאַרזיכערט נצח ישראל״.

דאָס געזעמל פון הייליקע מצווה־ייִדן, אַ סך פון זיי אַזוי באַזוו־גלייביק, אַז אין אַ האַרט ציוויליזירטער געזעלשאַפט וואָלטן זיי געווען די איבעריק־סטע פון די איבעריקסטע, לויכט מיט תמימות, און די שטאָט האָט געלעבט מיט זייער ליכט.

אין דעם פּייערלעכן אופן ווי פּנחס שטיינוואַקס באַשרייבט זיינע ייִדן פון די גרויסע מידות, איז פאַראַן אַ סך געשוווירענע אידענטיפיצירונג מיט זיינע העלדן. און טראָץ דעם אָפּט־אומבאַהאָלפענעם אופן פון שרייבן, און אַפילו די איבערהזרונגען און דייטשמערישע ווערטער, קלאָגט זיך דורך אַן איכה אויף אַ חרובער ייִדישער וועלט, מיט אַ זעלטענער וואַרעמקייט און גע־טריישאַפט, וואָס ווייזט אַז דער מחבר אַליין ווייסט ווי צו שעצן, אויפהיטן און טייער האַלטן די גרויסע אומצעשטערלעכע ירושה, וואָס זיינע האַרציקע און געדענקטע ייִדן האָבן אונדז איבערגעלאָזט.

1956.

לעאָ קעניגס לעסטערונגען

כ׳האָב נישט געלייענט אַלץ וואָס דער פיינער ייִדישער עסייאיסט לעאָ קעניג האָט געשריבן, אָבער דאָס וואָס איך האָב יאָ געלייענט האָט מיך בשום אופן נישט צוגעגרייט, פאַר זיינע געקליבענע מיניאַטור־עסייען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן, אונטערן נאָמען — „דאָס בוך פון לעסטע־רונגען". כ׳בין שטאַרק מסופק, צי ער אַליין איז געווען גרייט פאַר זיינע אייגענע גדופים. מיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען עסייאיסטישע אויסברוכן, וואָס קענען קומען צו יעדער שפּירעוודיקן ייִדישן שרייבער פון אונדזערע טעג, אויב ער וואָלט זיי נאָר געוואָלט געבן אַ פריינטלעכע דירה. דאָס זענען די בייזקייטן, וואָס קומען אין שלעכטע שטימונגען. זיי וואַרפן זיך אַרויף אויף דעם ייִדישן איינזאַמען אינטעליגענט און ווילן אים „באַפרייען" פון זיין קרייז. זיי ווילן אים איינריידן, אַז ער שמדט זיך אַרויס פון זיין אומגעבונג און ער ווערט אַ שבת־האַלטער פאַר זיך, אָדער אַ פאַרשוועכער פון דער איי־גענער שבתדיקער קאַפּאָטע, וואָס ער וועט סיי־ווי טראָגן אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן.

כ׳בין נישט באַקאַנט מיט דער לאָנדאָנער ייִדישער געזעלשאַפט און כ׳ווייס נישט, פאַרוואָס פון איר אינגעווייד, אַזוי צו זאָגן, איז געבוירן גע־וואָרן אַזאַ בגד; פאַרוואָס דער שטילער, פרידלעכער און עסטעטישער לעאָ קעניג האָט זיינע שלעכטע מינוטן געבונדן אין בוך־פאָרם, און פאַרוואָס ער האָט זיי נישט געבונדן און געצאַמט, איידער זיי זענען אויף דער וועלט אַרויס (זאָל מיר לעאָ קעניג מוחל זיין דעם דאָזיקן וואָרט־שפּיל!).

מיר וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ שריפטשטעלער ווי לעאָ קעניג וועט קענען אַוועקשטעלן די „אַקאַדעמישע פראַגע" — „איז מיין ייִדיש־קייט מיין האָרב?" מיר דאַכט זיך אַז אַזאַ פראַגע האָט שוין אויפגעהערט צו זיין אַקטועל, זינט מענדעלסאָן האָט געזוכט אויסצומענטשלען דעם אייגענעם ייִדישקייט־האָרב, וואָס האָט געהויערט אויף אים. אַוועקשטעלן די פראַגע און דערוואַרטן אַ יאָ אָדער אַ ניין, איז בפירוש נישט לויט דער אָנגעזאַמלטער ייִדישער חשיבות פון אַ לעאָ קעניג. כ׳האָב געלייענט לעאָ קעניגס אָנוואַרפן און מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט דער מהות פון דער לאָנדאָנער ייִדישער געזעלשאַפט. כ׳האָב זיך געהאַלטן אין איין פרעגן, מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרזינדיקט, אַז לעאָ קעניג זאָל איר און אונדז אַלעמען אַזוי שטאַרק

װעלן װי טאָן. כ׳האָב זיך געפֿרעגט די קשיה און כ׳בין גאָרנישט געװען אַזױ זיכער, אַז דאָס ייִדישע לאָנדאָן האָט נישט בײגעשטײַערט זײַן חלק צום דאַזיקן בוך פֿון לעסטערונגען. כ׳האָב אין בוך געזען אַ צוריקשלאָגן, און כ׳האָב געזוכט אױסצוגעפֿינען, אױף װאָס פֿאַר אַ קלעפּ ענטפֿערט אײַגנטלעך לעאָ קעניג.

„דאָס בוך פֿון לעסטערונגען" פֿאַרמאָגט אין זיך עלעמענטן פֿון — פּאָרנאָגראַפֿיע. מיר דאַכט זיך, אַז אויב אַ ייִד קען בײַ זיך פֿועלן, הײַנטיקע צײַטן, אַרױסצוטראָגן אין דער עפֿנטלעכקײט געדאַנקען פֿון נאַקעטער ייִדי־שער אַפּיקורסות, אויב ס׳פֿעלט אים נישט אײן אױף זײ אַרױפֿצוװאַרפֿן אַ שטיקל פֿײַגנבלעטל; אויב ער ראַנגלט זיך נאָך הײַנט מיטן שוחט און מיט דער מילה, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן; אויב ער האָט עס נאָך אַלץ נישט דורכגעראַנגלט און ער פּרעדיקט מיט נביאישן ברען קעגן כשרות — איז עס פּאָרנאָגראַפֿיע, װײַל ס׳איז עלול אױפֿצוקאָכן ס׳בלוט און אונדז מאַכן פֿאַר װולגאַרע אױסהערער פֿון אַזעלכע געדאַנקען.

כ׳זאָג נאָכאַמאָל, אַז פֿון אַלץ װאָס איך האָב געלײענט בײַ לעאָ קעניגן, בין איך בשום אופֿן נישט געװען צוגעגרײט פֿאַר אַזאַ גענעראַליזאַציע: „אונ־דזער מאָדערנע ייִדישע, נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ איז אפֿשר די היפּאָקרי־טישסטע אין דער װעלט". דער א פ ש ר מאַכט די דאָזיקע דערקלערונג פֿאַר אַ זײער חנעװדיקע באַשולדיקונג. דאָס מײנט פּשוט, אַז װען לעאָ קעניג װאָלט געװען אַביסל גערעכטער, װאָלט ער בײַ די אומות העולם א פ ש ר אױסגעזוכט אַ שותּף צו דער היפּאָקריטישער ייִדישער אינטעליגענץ. אַזױ בלײַבן מיר נעבעך די היפּאָקריטישסטע.

די דערקלערונג, אָדער אױפֿקלערונג פֿאַר דער קאָלאָסאַלער היפּאָקריטס־טװע איז פּונקט אַזױ פּשוט װי די שרײַענדיקע באַשולדיקונג. „דער גלות און די אַטאַװיסטישע מורא פֿאַר יעהאָװאַן האָט זײ פֿאַרװאַנדלט אין היפּאָקריטן". אַזױ װי כ׳בין נישט זיכער פֿון װעלכן שטאַנדפּונקט לעאָ קעניג אַטאַקירט דעם גלות פֿון אַ טעריטאָריאַליסטישן, ציוניסטישן, אָדער אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט, װעל איך דאָס מוזן דורכלאָזן. אָבער כ׳קען בשום אופֿן נישט מסכּים זײַן, אַז די מאָדערנע ייִדישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ ציטערט אַטאַ־װיסטיש פֿאַר דעם בײזן יעהאָװאַן, מיט די שװעבלדיקע נאָזלעכער. מיר דאַרפֿן אָננעמען, אַז לעאָ קעניג האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער היפּאָקריטסטװע פֿון דער מאָדערנער ייִדישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, דורך דעם װאָס ער האָט אַרױסגעריסן און אױסגעװאָרצלט פֿון זיך דאָס שטיק אַטאַװיזם — מורא פֿאַר יעהאָװאַן.

קעניג איז אויפגעבראַכט אויף דער ייִדישער אינטעליגענץ און ער שרייט אויס — „ווי אַזוי קענען זיי באַרעכטיקן און פאַרשווייגן שחיטה, כשרות, רצועות, מילה און אַנדערע ווילדע נאַרישקייטן?“

פאַראַן, פאַראַן שוין אויך אַ ייִדישער אַפּיקורסישער אַטאַוויזם. כ׳ווייס נישט פאַר וועמען כ׳האָב מער מורא, פאַר יעהאָוואַן, אָדער פאַר דעם אַטאַוויזם פון ייִדישער שנויצן־פּרעסערײַ, וואָס קען בשום אופן נישט פאַרלײַדן די ברכה, וואָס מען מאַכט אויף דעם כּיק פון אַ הינדל און וואָס וויל דווקא אָפּהאַקן אָדער אָפּדרייען דאָס קעפּל אָן אַ ברכה? מיר דאַכט זיך צו ווערן ייִדיש־עמפּינדלעך אויף שחיטה, איז פּונקט ווי צו ווערן עמפּינדלעך אויפן אייגענעם מאָגן, וואָס דאָס איז נישט קיין געזונטע דערשיינונג. און ווי קומט אַזאַ הײַנטצײַטיקער לעסטערער, ווי לעאָ קעניג, אָנצוכאַפּן די מילה דאָרט, וווּ אַש האָט אָפּגעלאָזט, מיט שיינע עטלעכע צענדליק יאָר צוריק?

ס׳איז בפירוש אין לעאָ קעניגס בוך פאַראַן אַ שטאַרקער עלעמענט פון וועלן אַרײַנזאָגן אין טאַטנס טאַטן, אָפּטאָן אויף טערקיש, אַז מ׳זאָל האָבן צו געדענקען. „דאָס בוך פון לעסטערונגען“ איז אַ שטודיע אין פאַרוואַנדלונג. מיר דאַכט זיך, אַז לעאָ קעניג וואָלט זיך קיינמאָל נישט דערוועגט אַרויסצולאָזן זײַנס אַ הויכן און אומגעצאַמטן געשריי אויף דער גאַס, כּדי נישט איבערצושרעקן די שכנים. מיט וואָס האָט ביי אים די מאָדערנע, ייִדישע, נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ (ווען זי איז טאַקע די אַלע זאַכן: מאָדערן, ייִדיש, נאַציאָנאַל און אינטעליגענט) זיך פאַרזינדיקט אַז ער זאָל זי אַזוי באַליידיקן בפרהסיא? כ׳מיין טאַקע — אין דער עפנטלעכקייט, ווייל ביי זיך אין חדר, האָט יעדער ייִדישער שרייבער אַ היתר, נאָך פון זישע לאַנדוין אָן, צו עסן צוויבאַק און שפּייען אויף דער סטעליע.

ווי קומט גאָר צו קעניגן אַזאַ דערווידערדיקער און געשמאַקלאָזער פאַרגלייך מיט די נאַציס?

„מיר האָבן זיך געשעמט פאַרן נאָמען מענטש, ווען די נירענבערגער געזעצן האָבן פאַרבאָטן די דייטשן צו עסן ביי ייִדן אָדער חתונה צו האָבן מיט ייִדן, און ביי זיך לאָזן מיר עס צו. ביי אונדז איז עס עפּעס אַנדערש — קיום העם... די ייִדישע אינטעליגענץ דאַרף זיך שעמען וואָס אַזאַ גרויסער פּראָצענט פון אונדזער פאָלק מיאוסט זיך צו עסן ביי זייערע נישט ייִדישע שכנים.“

און קעניג אַטאַקירט אויפן גאַנצן פראָנט. ער זעט נישט, ווי ער באַגייט דעם ערגסטן חטא — ער ווערט באַנאַל און זײַן קאַמף ווערט טראַגי־קאָמיש. וואָס גייט עס אין לעבן אַ ייִדישן שרייבער, פון אונדזערע נישט־משכּילישע טעג, צו בייטן און רייסן דעם „האַלב־בלינדן און האַלב־טויבן מלמד, וועלכער

האָט געהאַט אַזאַ לאַנגע ברודיק־ווייסע באָרד מיט געל־גרינע פליאַמעס פון דער טאַבעקע״? ווּעמענס אַטאַוויסטישער, אַנטי־מלמדישער כעס שרייט עס אַרויס פון לעאָ קעניגס מויל?

אָבער מיר לאָזן זיך דורכשוידערן ווייטער און מיר פאַנגען אַזאַ לעסטער:

„אַ וויסנשאַפטלער, אַן אַנאַליטיקער, וועלכער פאַרטיפט זיך דורך זיין מיקראָסקאָפּ אין אַ סלאָי מיט באַקטעריעס, באַהעפט זיך מער מיט דעם געטלעכן אין־סוף, ווי אָט די וועלטלעכע בעלי־תשובה אונדזערע, וועלכע קוועטשן זיך פון דאָסניי אויף אַ בלאַט גמרא, הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל זיי זענען אימפּאָטענט און זייערע ווייבער זענען נמאס און מיאוס״.

ס׳לוינט זיך באמת אָפּצושטעלן אויף דעם דאָזיקן גידוף און אים אַנאַליזירן, זאָל זיך דאַכטן, ווי אַ וויסנשאַפטלער וואָס פאַרטיפט זיך אין באַקטעריעס. באַמערקט קודם־כל, אַז דער וויסנשאַפטלער פאַרטיפט זיך, אָבער די וועלטלעכע בעלי־תשובה קוועטשן זיך. קוועטשן זיך ביי דער גמרא איז נישט קיין צו אָריגינעלער, אָדער נייער גידוף. כ׳שטעל זיך פאָר, אַז בימי המלמד „מיט דער ברודיקער באָרד״ האָבן זיך שוין געפּלאָדיעט די אַפּיקורסים, וואָס האָבן אויסגעקוועטשט אַזאַ מין זאָג. ווי־זשע קומט עס צו דעם שיין־שרייבער ווי לעאָ קעניג? אַז ער האָט געוואָלט באַלעסטערן די מאָדערנע ייִדישע אינטעליגענץ, אָדער די וועלטלעכע בעלי־תשובה, האָט ער טאַקע אויך געמוזט אָנקומען צו דער דאָזיקער בידנער גרייטקייט, וואָס וואַלגערט זיך שוין אין ייִדיש־אפיקורסישן רינשטאָק?

מיר גייען ווייטער. מיר געפינען אויס, אַז די אימפּאָטענץ איז דער דראַנג, דער טריב צו דער גמרא. פאַראַן, לויט לעאָ קעניגן, אַ געשלעכטלעכער טריב און אַן אַנטי־געשלעכטלעכער טריב, וואָס טרייבט גלייך צו דער גמרא. אימפּאָטענץ איז אַ קראַנקייט און ס׳איז נישט אַזוי עלעגאַנט פון אַ מענטש אין לעאָ קעניגס עלטער אָפּצולאַכן פון אַזאַ חולאת. נאָר ערגער פון אַלץ און שונדיסטישער פון אַלץ איז דער גראַד פינאַל, אַז „זייערע ווייבער זענען נמאס און מיאוס״. ווי ביטער לעאָ קעניג האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט דעם ייִדישן אינטעליגענט, פאַרוואָס האָט ער אים נאָך באַדאַרפט אָנהענגען אַ וויץ „וואָס איז נמאס און מיאוס״? ווי קומט די אַנטי־יעהאָווישע אַריסטאָקראַטיע צו טאָן אַזאַ זאַך? אַ מענטש וואָס איז קעגן שחיטה, מילה און כשרות, זאָל אַזוי אָפּשעכטן די ייִדישע אינטעליגענץ, שוין צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און זיך נאָך פאָסמאַקעווען דערביי, ווי ער וואָלט געמאַכט הונדערט ברכות. ער האָט פאַראיבל, וואָס מיר ייִדן פאַרעכענען שוחטים פאַר כלי־קודש. וואָס פאַר אַ נאָמען זאָלן מיר אויסקלערן פאַר אַזאַ הייליקער שריי־

בערישער אַרבעט, וואָס גראָבט אויס דעם גמרא־קוועטש און באַליידיקט נאָך די ווייבער פון די גמרא־לערנערס?

פון אַלץ וואָס כ׳האָב געליייענט ביי לעאָ קעניגן בין איך בפירוש נישט געווען צוגעגרייט, אַז זיין יידישע שרייבערישע פען וועט אויפנעמען אַזעלכע באַנאַליזירטע קריסטלעכע פאַרגלייכן:

„יעדער מענטש איז אַ קריסטוס און יעדער מענטש ווערט געקרייציקט פון זיך אַליין, פון יעדן מענטשן — צי ער איז קריסט צי ייד, צי ער איז גלח אָדער אַ רב — ווייל יעדער מענטש איז אויך זיין אייגענער יודאָס.״

אויב יעדער מענטש איז סיי־ווי, ווי לעאָ קעניג וויל האָבן, קריסטוס, איז דאָך שוין ממילא אַרויסגעוואָרפן צו רופן יידן, אַז זיי זאָלן ווערן „אין דעם זין קריסטן״, ווייל אויף וואָס דאַרפן קריסטוסן ווערן — קריסטן? שרייבט פון דעסטוועגן לעאָ קעניג:

„ס׳וואָלט געווען אפשר דאָס מענטשלעכסטע, ראַציאָנאַלסטע, מיר זאָלן אַלע ווערן, אין דעם זין, קריסטן, — אויך די קריסטן — און קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין דעם געטלעכן געקרייציקטן מענטשן, און אויפהערן קרייציקן זיך אַליין און איינער דעם צווייטן.״

ס׳איז נישט קלאָר צי קעניג רופט אויך די קריסטן צו ווערן קריסטן, אָדער ער פאָדערט פון יידן מיר זאָלן ווערן ד י קריסטן. אָבער מיר קומט אויס, אַז קעניג האָט נישט באַדאַרפט אָנקומען צום „קרייציקן״, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן אַזאַ פשוטן געדאַנק. זעט טאַקע דער ייד לעאָ קעניג כסדר אַזאַ אומיידישן און קלויסטערדיקן טויט, ווי קרייציקן? איך, אַז כ׳זע אַ געקרייציקטן וואַרפט עס אויף מיר אָן אַן אינקוויזיטאָרישע אימה. וואָסער ייד קרייציקט עס אַן אַנדער ייד? מ׳דערגייט די יאָרן, מ׳טרייבערט די אָדערן, מ׳רודפט עד הרמה, מען מאַכט קאַלט, מען מאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער, מען שלאָגט איבער דער קעשענע, אָבער ווי קומט אַ ייד צו קרייציקן?

פון דעסטוועגן טרייבט לעאָ קעניג ווייטער זיין קלויסטערדיקן פאַרגלייך מיט יודאָס־קריסטוס און ער פרעדיקט ווייטער:

„מיר קרייציקן טאָג־טעגלעך, ביודעים ובלא יודעים, זיך אַליין און אונדזערע מיטמענטשן, אונדזערע טאַטעס און קינדער״.

אַ שיינע געשיכטע, כ׳לעבן. קעניג האָט אין עטלעכע קליינע עסייען אָפּגעקרייציקט שוחטים, מוהלים, די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ, די גמרא־זיצערס, זייערע ווייבער, מלמדים, כשר־עסערס, תפילין־לייגערס און דעם סאַמע יעהאָוואַן, וואָס דערדינט זיך ביי אים צום טיטל פון „אַ טויטער, אוראַלטער,

פּרימיטיווער גאָט״ — דאָס מעג מען! אַזאַ מין „אָגולנע״ מאַסן־קרייציקונג, וואָס איז, באַנוצנדיק זיך מיט לעאָ קעניגס קריסטלעכע פֿאַרגלייכן, אַ מין מיטלאַלטערלעכער קרייץ־צוג דורכן ייִדישן לעבן — דאָס איז דערלויבט! דאָס איז, הייסט עס, אַן עלעגאַנטער, עסייאיסטישער פּיקניק. לעאָ קעניג פֿאַרגעסט נישט, רייטנדיק אויפֿן פֿערדל, אַנגעטאָן אין דעם ריטערלעכן וואָפֿן־קאָסטיום, אויפֿן וועג צום הייליקן גראַל, פֿון ייִדישער אַלט־משכּילישער זעלבסט־אָפּשפּעטונג, צו בעטן, אַז מיר זאָלן „נישט באַשפּייען אייגענע שלימזלניקעס, בעלי חלומות און אידעאַליסטן, געלערנטע און פֿאַרשער״.

נייַן, חבר און קאָלעגע לעאָ קעניג, אונדזערע אייגענע „שלימזלניקעס, בעלי חלומות און אידעאַליסטן״ זענען אַזוי אייַנזאַם, אַז מ׳האָט אַפֿילו אויפֿגעהערט צו שפּייַען אויף זיי. מ׳דאַרף דערפֿאַר האָבן אַ סך פֿעלדזן־פֿעסטקייט, אויסהאַלטעוודיקייט און כאַראַקטער־שטאַרקייט אַז מ׳זאָל פֿון גרויס אייַנזאַמקייט אַליין נישט נעמען שפּייַען אַרום זיך און אַרויספֿירן אויפֿן רשות הרבים די אייגענע פֿאַרביטערונג, אין פֿאָרם פֿון קליינע, בייזע, זעלבסט־באַליידיקנדיקע עסייען.

ערגער פֿון אַלץ איז וואָס אַזאַ צושטאַנד ברענגט אַרויס פֿון די כּלים מענטשן מיט געשמאַק און דערפֿירט זיי צו אַבסורדן און באַנאַליטעטן:

„אמתע רעליגיעזע פּיעטעט איז די אינטימסטע זאַך ביי אַ מענטשן, אפשר נאָך אינטימער, ווי זיין ערשטע ליבע; און דער וואָס וואַרפֿט אַרויף זיין רעליגיע אויף פֿאָלק און כּלל, איז אפשר גלייך, ווי ער וואָלט זיין געליבטע פֿרוי אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן מאַרק, קומט, שלאָפֿט מיט מיין פֿרוי, זי איז די בעסטע, שענסטע אין דער וועלט. און ווען איר וועט מיט איר שלאָפֿן, וועט איר מיט קיין אַנדערע פֿרויען נישט וועלן פֿאַרקערן.״

רעליגיאָזיטעט, פּיעטעט און —ביישפּילדיקער פֿאַרקער. פֿאַרוואָס איז אייגנטלעך רעליגיעזע פּיעטעט די אינטימסטע זאַך ביי אַ מענטשן? פֿאַרוואָס נאָך אינטימער, ווי די ערשטע ליבע? פֿאַרוואָס איז די צווייטע, אָדער די דריטע ליבע נישט אינטים? וואָס מיינט אייגנטלעך אַרויפֿוואַרפֿן זיין רעליגיע אויף פֿאָלק? ווער וואַרפֿט עס ז יי ן רעליגיע אַרויף אויפֿן פֿאָלק, איפּכא מסתברא. ווו איז פֿאַראַן אַזאַ סובסטאַנץ ווי ז יי ן רעליגיע? ווער רעדט הייַנטיקע צייטן וועגן רעליגיע אין אַזעלכע תענוגדיקע, פֿלאַבערישע טערמינען?

די גאַנצע עסיי איז אַ זאַגעכץ, וואָס איז נישט צום כּבֿוד פֿון לעאָ קעניג, פּונקט ווי זיין גאַנץ בוך איז נישט צום כּבֿוד פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס פֿון איר איז ער אַ מיטגליד.

„דאָס בוך פון לעסטערונגען״ איז אַ טרויעריק בוך — אַ טראַגישער אָנווייז אויף אונדזער גרויסן בלבול המוחות און אַ ביז גאָר טרויעריקער סימפּטאָם פון אַ קראַנקייט, וואָס דאַרף ערשט רעכט אויסגעפאָרשט ווערן.

ווער האָט דעם איידעלן לעאָ קעניגן אַזוי אָנגעטראָטן, אָדער וואָס איז אים אַזוי צוגעטראָטן, אַז ער זאָל מוזן אַזוי בייז אויסשרייען אין דער עפנט־לעכקייט?

.1949

ק ר י ט י ק

ווען אַ קריטיקער זאָגט, אַז אַ דיכטער דאַרף עפּעס זאָגן, מיינט ער אייגנטלעך אַז דער דיכטער דאַרף אים אונטערזאָגן, וואָס צו זאָגן. אין דעם דיכטערס זאָגן געפינט דער קריטיקער דעם רויען מאַטעריאַל פאַר דער קרי־טיק. אָבער דער קריטיקער וואָס פאָדערט אַז דער דיכטער זאָל עפּעס זאָגן איז אויך אויסן, אַז דער פּאָעט זאָל טאַקע זיין געזאַנג מישן מיט זאָגן. ווי אַזוי דאָס זאָל געמישט ווערן איז שוין דעם דיכטערס עסק, אָבער דער קריטיקער זוכט ביים דיכטער כסדר די פּראָזע פון געזאַנג. ווייל אָן דער פּראָזע, ווי איך האָב שוין אַמאָל אָנגעוויזן, איז דאָס ריינע גאָלד פון געזאַנג, צו ווייך און צו שמעלציק. אַ ליד מוז זיך האַלטן אויף אַ קרעפּטיקער פּראָזאַישקייט, אַז ס׳זאָל נישט צעקריכן אונטער די הענט און אַז די ווערטער זאָלן נישט צופיל גאָל־דיקן פאַר די אויגן.

דאָ גייט נישט אין פרעגן דעם יידישן מאי קא משמע לן, נאָר אין עפּעס אַנדערש. די צוזאַמענגעשטעלטע ווערטער פון די שורות דאַרפן מיט זייער געזאַנג האָבן אַ כוונה. די כוונה קען אַפילו אין רעזולטאַט זיין אומפאַר־שטענדלעך, אָבער אויב דאָס ליד פאַרמאָגט אַ קרעפּטיקן פּראָזאַישן צוזאַ־מענהאַלט, וועט דאָס ליד ווייזן, אַז דער דיכטער האָט עפּעס מכוון געווען, בעת ער האָט געשריבן זיין ליד.

דער פּראָזאַישער עלעמענט פון ליד, אָדער דער זאָגעוודיקער טייל, טאָר, פאַרשטייט זיך, נישט צופיל אָפּשטיין פון ליד, אָבער דאָס געזאַנג מוז זיין באַזירט אויף אַ גוטער פּראָזאַישער רעאַליטעט. אָט די רעאַליטעט גיט דעם ליד באַטייט, אַפילו ווען דאָס ליד פאַרמאָגט ווייניק קלאָרקייט. פאַרקערט ווידער, קען אַ ליד פאַרמאָגן די קלאָרסטע זינגענדיקע ווערטער, אָבער אָן אַביסל פּראָזע, וועט דאָס ליד אַליין האָבן אַ קנאַפּע באַדייטונג.

אָן דעם ביסל געזאָגטן אין ליד בלייבט דער קריטיקער שטיין געפּלעפּט. ער אַליין ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. אַמאָל האָט דער קריטיקער אַפילו הנאה פון אַזאַ ליד. אויך ער קען איינגעוויגט ווערן אין דער שטימונג פון אַזאַ זינגעוודיקייט, אָבער ס׳באַפּאַלט אים אַ מידקייט און אַ שלעפעריקייט. דאָס ליד זאָגט אים גאָרנישט און ער, דער קריטיקער, קען דערפון זייער ווייניק זאָגן.

אַזעלכע לידער, אַז אַ דיכטער נעמט זיי צוזאַמען און מאַכט פון זיי אַ

בוך ווערן זיי נישט קיין חיבור אין זין פֿון אַ ווערק, און זיי ווערן אויך נישט מאַטעמאַטיש קיין חיבור, ווייל פּופּציק אַזעלכע לידער זענען אַלץ איינס און נישט מער ווי איינס. פֿאַרקערט, אַזאַ חיבור ווערט אַ חיסור — יעדער ליד רעכנט אַראָפּ פֿון דער צאָל, שטאָט ס׳זאָל עפּעס צוקומען, קומט מיט יעדער ליד עפּעס אָפּ.

אין אַנדערע ווערטער, אויב פּופּציק לידער פֿון אַזוי־גערופֿענעם ריינעם געזאַנג, קענען זיך נאָך האַלטן באַזונדער, קענען זיי אָבער בשום אופֿן נישט לעבן צוזאַמען אין איין בוך, ווייל אָדער זיי קלעפּן זיך צוזאַמען און ווערן איין פּאַס האָניק, אָדער זיי צעפּליִען זיך ווי די פֿייגעלעך מיט אַ געטשוויטשער און גיי יאָג זיי נאָך. אין בוך פֿאַרבלייבן אפשר דריי אָדער פֿיר קראַנקע פֿייגעלעך. דווקא די קראַנקע, וואָס קרעכצן אונטער זינגענדיק, בלייבן איבער און מ׳קען זיך אויף זיי אַביסל אָפּשטעלן און וועגן זיי עפּעס זאָגן. אָבער פֿון גאַנצן בוך, אַפֿילו ווען מ׳האָט, ווי געזאָגט, אַביסל הנאה געהאַט פֿון יעדער ליד באַזונדער, בלייבט זייער ווייניק וואָס צו זאָגן. איז אפשר פֿאַראַן אַן אויסוועג איינצונעמען אַזעלכע לידער עס־לעפֿלווייז, אָבער ס׳איז אַ קנאַפּע רפֿואה פֿאַרן דיכטער אַליין, ווייל ער ווערט פֿאַרוואָלקנט אונטערן שלייער פֿון זיינע געזונגענע לידער, וואָס ציילן זיך בשום אופֿן נישט צוזאַמען.

ווען מיר דערוואַרטן פֿון דיכטער אַז ער זאָל אונדז עפּעס זאָגן, זענען מיר דערפֿאַר אויסן, אַז דער דיכטער זאָל אונדז נישט געבן יענע ליטעראַרישע הנאה, וואָס שלעפֿערט איין אין די אָרעמס פֿון ליד, נאָר זאָל ביים קריטיקער האַלטן וואַך די חושים, אַז אים אַליין זאָלן קלעקן רייד, כדי צו קענען ארומריידן דעם שרייבער פֿון ליד. און דאָס איז געווענדט אין דעם דיכטערס געמיט־צושטאַנד. אויב זיינע לידער זענען געשריבן געוואָרן אין אַ וואַכן צושטאַנד וועט עס אין דעם קריטיקער אויך אַרויסרופֿן אַ וואַכזאַמקייט, אויב אָבער דער דיכטער שרייבט זיינע לידער אין אַ צושטאַנד פֿון שלעפֿעריקייט, וועלן אויך דעם קריטיקערס אויגן זיך נעמען קלעפּן. אויב דער דיכטער זינגט פֿון שלאָף, וועט דער קריטיקער נעמען ריידן פֿון שלאָף.

דער דיכטער, אין אַנדערע ווערטער, שרייבט נישט נאָר זיין ליד, נאָר פּאַקטיש אויך זיין אייגענע קריטיק. דער קריטיקער שרייבט בלויז די קריטיק איבער און ער לענגערט זי אויס. דער דיכטער וואָס פֿאַרמאָגט קרעפּטיק לשון אין זיין ליד, פֿאַרמאָגט דערביי אַ קרעפּטיקן מיין און נישט קיין זינגענדיקן נעפּל אין קאָפּ, שרייבט שוין גלייכצייטיק די פּראָזע פֿאַר דעם קריטיקער. ער צווינגט דעם קריטיקער צו זאָגן דאָס וואָס ער וויל אַז ער זאָל זאָגן. ווען ביי אים, ביים דיכטער אַליין איז אַ זינגענדיקער טשאַד אין קאָפּ, ווערט דער קריטיקער אַליין אויך פֿאַרטשאַדעט. דעם גוטן דיכטערס ליד איז

חל אויפן קריטיקער ווי אַ באַפעל. דער דיכטער לייגט אַריין די ווערטער דעם קריטיקער אין מויל אַריין און זאָגט אים — אַזוי זאָלסטו זאָגן.

דאָס מיין איך ווען איך זאָג, אַז דער דיכטער שרייבט אייגנטלעך זיין אייגענע קריטיק. דאָס ליד זיינס איז אַ הכרח פאַר דעם לייענער ווי פאַר דעם קריטיקער. אַ בלוי־בלאַס זינגענדיק ליד דיסציפּלינירט נישט דעם קריטיקער און נישט דעם לייענער, נאָר זי רויכערט זיי אַרום ווי מיט אַפּיום.

מ. פריד וויינינגער

כ׳האָב נאָר־וואָס איבערגעלייענט אַ בוך לידער — „אַ פּאַסטוך אין ניו־יאָרק״, וואָס איז דערשינען אין בוענאָס איירעס און כ׳האָב הנאה געהאַט פון עטלעכע לידער, אָבער כ׳ווייס נישט וואָס צו זאָגן וועגן דעם דיכטער אַליין, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט די הנאה.

געשרייען פון דער גאַליאַרקע — אַז מ׳ווייסט נישט וואָס צו זאָגן, זאָגט מען נישט! קומט אָבער דער ענטפער אויף אַזאַ געשריי, אַז דווקא ווייל מ׳ווייסט נישט וואָס צו זאָגן וועגן דיכטער אַליין, איז די תשוקה גרויס צו זוכן דעם שליסל צום רעטעניש. פאַרוואָס, למשל, זאָל איך איבערלייענען אַ ליד און דערשפּירן אַז וואָס איז שייך דיכטערשאַפט איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג, נאָר וואָס איז נוגע דעם דיכטער וואָס ווייזט אַרויס די דיכטערשאַפט איז ער ביי מיר אַ רעטעניש.

דער דיכטער וואָס האָט איצט אַרויסגעגעבן דאָס בוך הייסט מ. פריד וויינינגער. ער האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער לידער. דאָס ערשטע בוך זיינס, אַ זאַמלונג סאָנעטן, איז אַרויס מיט פופצן יאָר צוריק אין טשערנאָוויץ. דער דיכטער איז זייער אַ פּעזיקער מענטש. מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט ער זיך גענומען צו מאָלעריי און אויך אויף דעם געביט האָט ער באַוויזן, אַז ער טויג זיך אויס. ער איז בכלל אַ טויגעוודיקער אויף אַ סך געביטן. ער איז מוזיקאַליש און ער קען שרייבן אַ גוטן פּערז. ווייל ער איז אַ רומענישער ייִד האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה די פראַנצויזישע דיכטונג. איז דאָס אַליין אַ שטיקל נייעס ביי אונדז. מיר האָבן אין דער עלטערער ייִדישער פּאָעזיע די צוויי שטאַרקע איינפלוסן פון דער רוסישער און דער דייטשער פּאָעזיע. די ייִנגערע פּאָעזיע האָט אַריינגעבראַכט דעם אַמעריקאַנישן איינפלוס און מ. פריד וויינינגער, ווי זיין עלטערער לאַנדסמאַן, דער דיכטער שטערנבערג, ברענגט אונדז דעם פראַנצויזישן איינפלוס.

אָבער דעם דיכטערס געשטאַלט איז פאַר מיר נישט קלאָר. זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן פּאַראַדאָקסאַל, אַז מ׳דאַרף נישט זיין קיין גרויסער חכם

צו קענען שרייבן נאַיוווע לידער וואָס חכמען זיך. כ׳וועל ציטירן אַ ליד וואָס הייסט — „מיינע קעץ״.

געוואַלגערט האָט די זון זיך פאַר די טירן,
איצט האַלט איך זי אין שטוב נאָר ווי אַ קאַץ.
איך גיב איר דעמער־מילך אין אַ טאַץ,
און מוז פאַרנאַכט זי אין אַ ווינקל פירן.
ווי מאָדנע זי האָט ליב זיך אויפצופירן;
זי טוט אין פנים מיר צומאָל אַ קראַץ —
איך זאָל אויף טייטשמעריש זי רופן שאַץ,
און איר די נעגל פורפור־רויט לאַקירן.
נאָר מיין לבנה־קאַץ איז מער ראָמאַנטיש.
זי לייענט באַנאַכט נאָר עדגאַר עלן פאָ,
ווי איך טרינקט זי פון חלום־פאַס באַכאַנטיש
שעפּט מיט אַ בעכער אָן וואָס האָט קיין דנאָ,
מיין שכן וואָס האָט קעץ און קאָטערס פיינט,
מיינט ס׳איז נישט שיין צו זיין ראָמאַנטיש היינט.

אויב איר מיינט, אַז אין דער וועלט־פּאָעזיע זענען נישטאָ אַזעלכע שטייגער לידער און סאָנעטן האָט איר במחילה אַ טעות. די פראַגע איז נאָר, אויף וואָס מ׳דאַרף עס אין דער וועלט־פּאָעזיע, און אויף וואָסערע גוטע יאָר מ׳דאַרף עס האָבן היינט און מאָרגן אין דער ייִדישער פּאָעזיע. אפילו ווען דער דיכטער זאָל מיך מאַכן פאַר זיין שכן, וואָס האָט פיינט קעץ — וואָס דאָס איז אַ בפירושער בלבול, ווייל איך האָב ליב קעץ אינדרויסן — וואָלט איך אַלץ געזאָגט, אַז די זון ווי אַ קאַץ, וואָס מ׳מוז איר געבן „דעמער־מילך״ און „זי פירן אין אַ ווינקל״ איז נישט לויט מיין גוסט. צופיל „דעמער־מילך״ אין דעם ליד. די חכמות, ווידער, שוין מיט דעם „באַכאַנטישן חלום־פאַס״ און מיט עדגאַר עלען־פאָ, וואָס די לבנה־קאַץ לייענט, זענען נישט די חכמות וואָס מ׳מוז צו זיי זיין אַ גרויסער חכם.

דער דיכטער פריד וויינינגער האָט בכלל אַ נטיה צו שילדערן די נאַטור אויף אַ ווויל ייִנגלערישן שטייגער.

אין הימל־קרעטשמע איינער נאָך פאַרבליבן
אַ וואָלקן וואָס האָט שוין פאַרזעצט די שיך.
אין זון פאַרגאַנגען־ווייַן געבאָדן זיך,
דער דעמער האָט דעם חשבון רויט פאַרשריבן.

ווען עמעצער זאָל שטיין לעבן מיר, בעת איך קוק אויף אַ זון־פאַרגאַנג, און פאַר מיר אַזוי איבערזעצן דעם הימל־שריפט, וואָלט איך אַוועק און זיך אויסגעזוכט אַן איינזאַם ווינקל, וווּ דער דעמער פירט נישט קיין חשבונות.

יעקב גלאַטשטיין

ווען איך וואָלט געקענט וואָלט איך אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט, אַז הומאָר־לאָזע מענטשן זאָלן נישט טאָרן שרייבן קיין הומאָר. דער דיכטער שילדערט אונדז אַ לינקאָלן־דענקמאָל אויף יוניאָן סקווער. ער רעדט וועגן לינקאָלנס טרוים אַז יעדער מענטש איז גלייך פאַר גאָט און מיטאַמאָל טוט עפּעס דער דיכטער אָפּ אַ הומאָריסטישע זאַך — פאַרדאָן, נישט דער דיכטער, נאָר אַ טייבעלע, וואָס זעצט זיך אַוועק אויף לינקאָלנס בראָנדזענעם קאָפּ און —

נאָר פּלוצלונג קייקלט עפּעס זיך אַפּער
פון אונטערן טייבלס עק, פאַרחלומט, שיין,
און פאַלט אויף אים אַרויף נאָר ווי אַ טרער.

מיט אָט דעם היינעסקישן קריי ענדיקט זיך דער סאָנעט פון דעם פּראָנצויזיש־באַאיינפלוסטן דיכטער. ס'איז אַפילו צו שווער פאַר אַ טרער (אַנטשולדיקט דעם גראַם) אָבער ס'איז אַ טרויעריקערביישפּיל פון דעם דיכטערס הומאָריסטישע איינפאַלן.

בכלל האַלט דער דיכטער אין איין דינען צו דער זון. ער האַלט אין איין עפּעס טאָן מיט איר.

פון הויכן בלויען בוים,
האָב איך אַ זון אַראָפּגעריסן.
איך בין אַוועק צוריק אין שטעטל
איך זאָל אַ יעדן לאָזן וויסן.

און גלייך אַ צווייט ליד —

ס'האָט קיינער נאָך ביז היינט די זון געפרעגט,
פאַרוואָס זי גליט אַ גאַנצן טאָג און ווערט
אין פיבער־רויט, באַרירנדיק די ערד — —

און ערגעץ אַנדערש —

איך שטאַרב און האַלט אין איין געבוירן ווערן.
פאַרגיי איך, לעשט די זון אויס אירע פלאַמען.

און אָט שיינט ווידער די זון און דער דיכטער איז זיך מיט איר מתעסק —

די זון לייגט אַרויף אויף מיין אַקסל,
איר מידן צעפּיבערטן קאָפּ.
ס'ווערט אָוונט, איך לאָז אירע ווייעס
אין רו און אין פרידן אַראָפּ.

ווי מיר זעען שרייבט פריד וויינינגער ריינע פּאָעזיע. וואָס אים פעלט איז גוטע פּראָזע אין זיין ליד. טאָמער וויל ער ווערן דיכטעריש־פּראָזאַיש, פאַרוואַנדלט ער די לבנה אין אַ קאַץ און זי לייענט ביי אים עדגאַר עלען־פּאָ, אָדער ער איז מטריח אַ טייבעלע, אַז זי זאָל לאָזן אַ טרער „פון עק אַפּער".

מיר איז דער פּאָעט פריד וויינינגער אַ שאָד. מיר פאַרמאָגן נישט קיין צופיל גוטע בעל־מלאכהס פון זיין שניט, ער איז אָבער אַ קרבן פון אַ שלעכטער שולע און שלעכטע פּאָעטישע געוווינהייטן. אַזוי ווי ער עפנט דאָס מויל, רעדט ער גלייך פּאָעזיע.

די זון — די פּאָן אויף אונדזער העכסטן מאַסט.
זי פלאַטערט קעגן מערב מער און מער,
און אויך דער אַלבאַטראָס, דער פויגל גאַסט
האָט זיך געזעגנט און אַוועקגעפלויגן.
פּאָסעידאָן אָבער ברענגט די נאַכט אַהער,
טויכט אונטער און לעשט אויס די גרינע אויגן.

דאָ האָט איר ווידעראַמאָל די זון. מיר קריגן אַ גרוס פון דעם אַלבאַטראָס און אַפילו פון פּאָסעידאָנען, אַלץ דאָס ריינע גינגאָלד פון פּאָעזיע, אָבער וואָס זאָגט אונדז פאַרט דער פּאָעט אַליין?

און מיינט נישט, אַז אים געלינגט נישט צו שאַפן לידער אַפילו אין דעם נאַיִוויזירטן זשאַנר, וואָס מ׳קען פון זיי הנאה האָבן. כ׳ברענג דאָ זיינס אַ גאַנץ ליד, וואָס מ׳קען איבערלייענען מער ווי איין מאָל. און ווייל דער דיכטער פריד וויינינגער קען שרייבן איז מיר בפירוש אַ שאָד, וואָס ער האָט נאָך ביז איצטער נישט געשריבן קיין לידער, וואָס זאָלן טאַקע קענען צוזאַמענשטעלן אַ בוך, אַז עס זאָל אונדז אויך עפּעס זאָגן וועגן דעם דיכטער. אָט איז אַ ליד פון צוועלף שורות, וואָס די תמימות פון געזאַנג איז נישט פאַרחכמהוועט געוואָרן:

אַ פולע לבנה

דו לויפסט מיט אַ פולער לבנה אין האַנט
אַריבער די זילבערנע פעלדער און שליאַכן.
און וואָס דו באַרירסט מיט דעם ליכט פון דיין האַנט

לייכט אויף אַזוי העל ווי פאַרזילבערטע זאַכן.
אַפילו דער שטערן וואָס פאַלט פון דיין האַנט,
מוז אויך זיינע אויגן אין בלינדקייט פאַרמאַכן.

יעקב גלאַטשטיין

דו ברענגסט מיר אַ פולע לבנה אין האַנט,
און לייגסט פאַר די ווערבעס אַוועק ווי אַ שפיגל,
דאָס טייכל וואָס גיסט זיך אַרויס פון דיין האַנט

ווי ווייַן פון אַ קלאָרן קרישטאָלענעם קריגל.
ס׳איז צוועלף שוין דער זייגער, דאָס ליכט אין דיין האַנט
ווערט מיטנאַכט — אַ פויגל מיט זילבערנע פליגל.

אין אַן אַנטאָלאָגיע פון קליינע, פּערפעקטע לידער טאָר אַזאַ ליד נישט פעלן. כ׳וואָלט אָבער געוואָלט, אַז דער דיכטער אַליין זאָל אויפהערן צו זיין ווי דער נאָמען פון זיין בוך זאָגט אונדז — אַ פּאַסטוך אין ניו־יאָרק, נאָר זאָל ווערן אַ ייִד אין ניו־יאָרק, אָדער אַ ייִד אין בוענאָס איירעס, ווו דער דיכטער געפינט זיך איצט.

1951.

גערעדטע און אויסגעשוויגענע ווערטער

פּאָעזיע מיינט די קונסט פון אויסגעשוויגענע ווערטער. אויב ווערטער מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער דיכטער האָט זיי פריער גוט דורכגעשוויגן, איידער ער האָט זיי אַרויסגעשוויגן פאַר זיך, דאָס איז פּאָעזיע. אויך אין דער גוטער פּראָזע דאַרפן די ווערטער נישט זיין דירעקט פון דער לונג און גלייך אויף דער צונג. אָבער דער פּראָצעס פון אַרומשווייגן די ווערטער מיט אַ געמיט פון איבערגעטראַכטקייט איז גיכער אַ פּאָעטישער פּראָצעס. איך זאָג געמיט, ווייל די דורכגעטראַכטקייט איז אַ טיפערע און נישט בלויז אַן אויסוואַל צווישן צוויי אָדער דריי ווערטער, וואָס פון זיי ווערט אויסגעקליבן דאָס בעסטע וואָרט, ווי עס האָבן געהאַלטן די אימאַגיסטן. ס׳גייט אויך אין פּאָעטישער גראַוויטאַציע, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקן. מ׳דאַרף וויסן אַז ווערטער ציִען צו ווערטער, ס׳גייט זיי אויס דאָס חיות צו שטיין נאָענט צו אַנדערע ווערטער. פּראָזע גיט געוויינלעך נאָך די דאָזיקע נאַטירלעכע, אידיאָמאַטישע תשוקה פון האַלטן וואָרט לעבן וואָרט. אַז מען הייבט אָן אַ פּראָזאַיִשן זאַץ און מען כאַפּט בלויז דעם מיין פון שרייבער, קען מען פאַרמאַכן די אויגן און אַליין פאַרענדיקן דעם זאַץ. אָבער אין פּאָעזיע קען מען זיך אַזאַ לוקסוס נישט פאַרגינען. ווייל דער פּאָעט דערלויבט זיך געוויינלעך עובר צו זיין אויף די דאָזיקע גראַוויטאַציע־געזעצן און ער פּאָרט ווייטער, נישט לויט זייער נאַטירלעכער צוציִעניש, נאָר מייסטנס גאָר פאַרקערט, לויט דער וווּנדערלעכער איבערראַשונג, וואָס ער קען אַרויסקריגן פון ווערטער, בעת זיי ווערן איינגעשפּאַנט צוזאַמען, להכעיס אַלע געזעצן פון פאָראויס־באַשטימטער זיווגדיקייט. ער איז דער דערפינדערישער באָטאַניקער וואָס פּאָרט פלאַנצן און פרוכטן, ווייל ער האָט בדעה אַרויסצוקריגן נישט קיין געוויינלעכע פרוכט, נאָר אַ נייע פרי מיט נייע זאַפטן, מיט אַ נייעם אויסזען און אַן אַנדערן טעם.

דערביי געדענקט אויך דער פּאָעט אַז אין זיין גאַנצן צעשמעטערן די ווערטער־גראַוויטאַציע מוז אָפּגעהיט ווערן די מוזיק פון וואָרט מיט וואָרט.

און ווען מיר קומען צו מוזיק האָבן מיר ווידער פאַר זיך אַ האַרטן נוס. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז דער גערעדטער זאַץ פאַרמאָגט אויך אַן אייגנאַרטיקע מוזיק, אָבער דערפאַר ווייסן נישט אַלע, אַז מוזיקאַלישע אַזוי־גערופענע פּאָעטישע עברי קען אַמאָל זיין גאַנץ פּראָזאַיִש. אויב די מוזיק שטייט אין גאַנצן אָפּ פון אינהאַלט און זי וויל מאַכן שבת, אָדער פּאָעזיע פאַר זיך, וועלן

די ווערטער אַליין בלייבן שטיקער פּראָזע. מען קען אויך אויסזינגען פיר שורות לויט אַלע פאַרשריבענע און אויסגעחשבונטע מאָסן, נאָר אויב די צוזאַמענצי־טערונג פון וואָרט מיט וואָרט שטראָמט נישט פון אַן אינערלעכער מוזיקאַ־לישקייט, וואָס איז בכלל אַ זעלטנקייט, וועט די גאַנצע מוזיק ווערן דער געררויש פון אַ המן־גראַגער.

ס'איז זייער לייכט נאָכצומאַכן זינגענדיקע פיר שורות פון פּושקינען. מען ציילט די זילבן, מען שטעלט זיי אויס אין אַ געוויסער גראַמען־אָרדע־נונג, מען קלאַפּט צו צום טאַקט, אָבער ס'וועט פעלן איין קליינ־קייט — פּושקינס גאָט־געבענטשטע אייגנשאַפט צו קענען שפּירן די שייכות פון וואָרט מיט וואָרט. דאָס איז די מוזיקאַלישע לופט, וואָס גיט דעם איינדרוק פון צוזאַמענפלאַטערן ווערטער, ווי זיי וואָלטן נאָך זיך די גאַנצע צייט געבענקט, און אַז זיי קומען צוזאַמען באַרירן זיי זיך קוים. זיי פאַלן נישט צו איינע צו די אַנדערע ווי שיכורע פאַרלעך, נאָר זיי זינגען מיט עלעגאַנץ. אַ מעטרישע קאָפּיע פון פּושקינס אַ פערז מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שובערט־ליד, גע־שפּילט אויף אַן אַלטער, הוסטענדיקער איטאַליענישער קאַטערינקע.

אָבער, ווי געזאָגט, די בענקשאַפט פון וואָרט איז נישט אַלע מאָל די אידיאָמאַטישע בענקשאַפט. אין אַ שפּריכוואָרט זענען די ווערטער אַזוי אייג־געשמועסט צווישן זיך, אַז ווען מען זאָגט די ערשטע העלפט פון פאָלקס־וואָרט, קומט גלייך די נישט־איבעראַשנדיקע צווייטע העלפט.

דאָס וויל גראָד דער פּאָעט אויסמיידן. אָט די זעלבסטפאַרשטענדלעכע, דערוואַרטע בענקשאַפט פון וואָרט צו וואָרט, וואָס שאַפט תמיד גוטע, געזונטע פּראָזאַישע שידוכים, איז נישט דעם פּאָעטס סוד פון פּאָרן ווערטער. ער פירט דורך מוזיקאַלישע שידוכים, נישט אַזוי לויט דער מאָס פון „מאָראַלישער" שטאַנדהאַפטיקייט, ווי לויט דער מאַטעמאַטיק פון אומענדלעכן קוואַל. ער ווערט קיינמאָל נישט מיד צו עקספּערימענטירן, כדי אַרויסקריגן די פאַרבאָר־גענע סודות פון טיפערע וואָרט־גלוסטענישן. דעם פּאָעט גייט נישט אַזוי אין דער שטאַנדהאַפטיקייט פון זיווג. דעם פּראָזאַיקער גייט יאָ אין האַלטן דעם זאַץ אין אייביקן שפּאַן. דער בעסטער ביישפּיל איז ווידער דאָס פאָלקס־ווערטל, וואָס איז גילטיק היינט ווי מאָרגן און איבעראַיאָר, ווייל ס'איז אַ פעסטער שידוך. אָבער דעם פּאָעט אינטערעסירט נישט אַזוי די דויערעוודי־קייט פון ווערטער־שידוך און די מאָראַל פון אייביקער פאַרקנסטקייט. ער איז גיכער פאַראינטערעסירט אין דעם מוזיקאַלישן מאָמענט, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגערופן און וואָס ער אַליין האָט געשאַפן די באַדינגונגען דערפאַר.

מען דאַרף דאָס נישט שלעכט פאַרשטיין. פּאָעטן האָבן געשאַפן טויזנ־טער זאַצן, וואָס זענען אַריין אין פאָלק און זענען געוואָרן גוטע ציטאַטן און

גלייכווערטלעך, אָבער די דיכטערס זענען דאָך געווען די אָריגינעלע שעפערס דערפון. ביי זיי אַליין זענען די ווערטלעך געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון מאַגיק און זיי אַליין זענען מער נישט צוריקגעקומען צו זייערע אייגענע ציטירטע שורות. פאָעטן וואָס ציטירן זיך אַליין מאַכן געוויינלעך אַ טרויעריקן איינדרוק. פאָעטן זענען גראָד די גרעסטע פאַרשווענדערס. זיי שענקען אַוועק הונדערטער שורות דעם פאָלק און זייער אָפט פאַרגעסט דאָס פאָלק אַפילו דעם נאָמען פון דעםברייטהאַרציקן פאָעט. דאָס פאָלק גיט דעם פאָעט זייער אַ סך, אָבער דער אמתער פאָעט צאָלט זיינע חובות, ער גיט צוריק דעם פאָלק מיט פראָצענט — כפל כפלים.

פון דאַנען איז געדרונגען אַז מוזיק איז דיסציפלין פאַר דעם פאָעט, אָבער נישט אַ משוגענע יאַקע, וואָס דאַרף אים ווערגן און שטיקן. פון דאַנען איז אויך געדרונגען, אַז ווי געצאַמט מוזיק איז, דאַרף דער פאָעט אַרויסווייזן אַ פונק אָריגינאַליטעט, דורך אַריינבלאָזן אין דער מוזיק זיין אָטעם. נישט ער דאַרף, נאָר ער מוז, אַז נישט איז ער נישט מער ווי אַ קאָפּירער, וואָס ליפערט בלויז אָפּגעריבענע קאָפּיעס, ווי הייזעריקע, אָפּגעריבענע גראַמאָפאָן־פּליטעס. אַזאַ מוזיק־קאָפּירער וועט סיי ווי אויספּלאַפּלען זיין אוממוזיקאַלישקייט, ווייל הגם דאָס ליד וועט מאַכן דעם אויסערלעכן איינדרוק פון געזאַנג, וועלן די ווערטער צווישן זיך פירן אַ פּראָזאַ׳ישן חשבון און אַ פּראָזאַ׳ישן שמועס.

קומען מיר צוריק צום אָנהייב, אַז פּאָעזיע באַטייט אַ פּראָצעס פון אויסשווייגן ווערטער, איידער די ווערטער רעדן זיך צוזאַמען אין אויסגעשטעלטע שורות. אַפילו ווען אַ ליד שרייט, מוז זיך אין דער שרייעוודיקייט הערן, צוזאַמען מיט דעם געשריי, אַ געשוויג פון ווערטער, וואָס שרייען נאָך אַ גרויסן און פיינלעכן ישוב הדעת. און ווייל ליד מיינט אויסגעשוויגענע ווערטער, ווילט זיך אַמאָל דעם פּאָעט דערגיין צום סאַמע ברעג פון שווייגן, צום קליינעם ליד, ווען אָט־אָט און ס׳איז שוין באַלד בלויז שווייגן.

אַ סך דיכטער האָבן געזוכט אין צמצום פון קליינעם ליד אַריינצולייגן די גאַנצע מאַגיק פון מיין, מוזיק און פון איבעררואַשנדיקער דיסציפּלין. דער סאָנעט איז אַזאַ פערצן־שורהדיקער פאַרזוך, אָבער געראָטן איז דער סאָנעט דעמאָלט, ווען ער איז טאַקע קורץ און לייכט. אַמאָל מאַכן פערצן שורות פון אַ סאָנעט אַן איינדרוק פון פערצן פּוד וואַסער, וואָס דערטרינקען אַלע פערצן מאָס רייד, אַז מען הערט זיי קוים זאָגן אַ וואָרט.

פּאָעטן האָבן נישט זעלטן געזוכט צו דערגרייכן פּאָעטישע שלימות אין ווייניקער נאָך פון פערצן שורות און נישט נאָר אין סאָנעטישער געמאָסטנקייט, נאָר אין אַן אייגן־געשאַפענער מוזיקאַלישער דיסציפּלין.

.1950

II

ליטע — אַ מאָנומענט / יצחק בערלינער / „אוישוויץ״ פון יוסף ראָגעל לייזער וואָלף / דער קדוש זישע באַגיש / אַנטאָלאָגיע פון רעליגיעזע לידער און דערציילונגען / דער טראַגישער פּאָעט / „מיט יִדישע שרייבער אין רוסלאַנד״ (דאָס נייע בוך פון יצחק יאַנאַסאָוויטש) / זכרונות פון אַ יִדישער רעוואָלוציאָנערן / מיין שטאָט לובלין.

ליטע — אַ מאָנומענט

אַז מען עפנט דאָס בוך „ליטע", זעט מען אינעווייניק, אויף די טאָוו־לען, אַריינגעקלעפּט מיט געל פּאַפּיר, מאַפּעס פון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, אין דער אַמאָליקער מדינה. אַז מען דערבלעטערט דאָס בוך ביזן סוף, זעט מען ווידער דעם זעלביקן געוועב פון שטעט און שטעטלעך, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי שפּאַרט זיך אָן אין באַלטישן ים.

אַז מען נעמט מישן די בלעטער פון בוך גופא, קריגט מען דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע, אין די אויגן־שווינדלענדיקע מאַפּע, ווערט צוריקגעבויט מיט פיבערדיקע הענט, און אַז די צוריקבויערישע אַרבעט איז נאָך איצטער אין פולן גאַנג. די גאַנצע פאַרנעמיקע אַרכיטעקטור ווערט געבויט אין דער הויך, ווי אַ ריזיקער בבל־טורעם, וואָס דאַרף דערגרייכן דעם הימל און אים ערגעצ־ווו דורכשטעכן, און פרעגן נישט מער ווי איין קשיא: טאַטע, געטרייער, פאַר־וואָס? פאַרוואָס איז אונדז געקומען אַזאַ כליון?

דאָס אַלץ און נישט מער, ווייל נאָכדעם וועט זיך די ריזן־געביידע, די ווידעראויפשטעלונג, צעפאַלן און ס'וועט ווידער ווערן פינצטער און וויסט און לער, און קיין ענטפער אויף דער מאָנענדיקער פראַגע וועט אַלץ נישט קומען — אָבער דער הימל וועט כאָטש בלייבן אַ דורכגעשטאָכענער, מיט אַ גראָ־טעסק און בלינד פענצטערל, צו אַ שווידערלעכער אַפּיקורסיש־צעעפנטער ליי־דיקייט.

דאָס ווייסן טראַגיש־ווויל די אַרכיטעקטן פון דעם גוואַלדיקן בנין — ליטע. זיי ווייסן וואָס דער סוף וועט אפשר זיין פון דעם כלומרשטן צוריקבוי. אָבער דערווייל איז די אויפבוי־אַרבעט אין פולן ברען, אַלץ איז אָפן, מ'קען זען די רחבותדיקע חדרים פון אַ גרויסער צוריקבוי־לאַבאָראַטאָריע, מ'זעט אַלע גאָרנס מיטאַמאָל, די גאַנצע אָפענע רישטעוואַניע. די בויערס באַגעגענען זיך, זיי האָבן אַ פּלאַן און יעדער באַזונדער טוט זיין אַרבעט בשלימות, לאָזט זיך נישט איבערשלאָגן, ווייל נישט מפסיק זיין, אַרבעט אויף זיין שטיקל שטח, אָבער די אַרכיטעקטן אַליין ווייסן וואָס אַזוינס ס'ווערט צוריקגעבויט.

איך קען נישט זאָגן, אַז כ'האָב שוין פאַרענדיקט לייענען די גרויסע צוריקשטעל־אַרבעט, וואָס איז דערווייל בוך איינס פון בנין — „ליטע" און האַלט שוין איבער טויזנט, צוויי עמודימדיקע זייטן. דאָס צווייטע בוך שטייט

שוין און וואָרט, מיט אַ גאַנצן אינהאַלט־פּאַרצייכעניש און וועט מסתמא אויך האַלטן אַזויפיל, אָדער נאָך מער צוויי־שפּאַלטיקע זייטן.

ס׳איז באמת אַ ריזן־אַרכיטעקטור אין קאָנצעפּציע אַליין. ס׳איז אַזוי אָטעם־פּאַרכאַפּנדיק, אַז שוין דערפאַר אַליין מאַכט עס דעם איינדרוק פון אַ לעגענדאַרישן בנין, און די פיבערדיקע בויערס זענען ווי העלדן פון אַ גרויסער עפּאָפּייע אין פּראָצעס פון צוזאַמענזינגען.

די רעדאַקטאָרן פון בוך, ד״ר מענדל סודאַרסקי, אריה קאַצענעלנבאָגן און דער פּאָעט י. קיסין, האָבן זיך פאַרנומען אַזוי ברייט, אַז שוין דאָס ערשטע בוך איז אַרויסגעקומען אַ בוך פון ביכער, אַ ספר הספרים.

ס׳איז נישט קיין סוד, אַז די באַגייסטערונג־אַרבעט, די איבערמענטש־לעכע צוזאַמענשפּאַנונג פון אַזויפיל שרייבערס און מאַטעריאַל, דער פּראָצעס פון אָנגעדולדיקן יעדן איינעם און אין אים אַריינבלאָזן כסדר אָטעם, ווען דער אָטעם פון ענטוזיאַזם האָט געהאַלטן ביי אויסגיין, איז געטאָן געוואָרן פון ד״ר מענדל סודאַרסקי. אויגן־פּאַציענטן האָבן ביי אים געוואַרט אויף זייער ריי און נישט געוווסט, אַז דאָס וואַרטן זיי אויף גאַנצע דורות ליטווי־שע יידן, וואָס זענען אָפּגעשלאָסן מיט ד״ר סודאַרסקי, אריה קאַצענעלנבאָגן און, זיי צו לענגערע יאָר, י. קיסין, אין דעם דאָקטאָרישן חדר מיוחד, און אַז מען היילט נישט קיין אויגן, נאָר מ׳איז בודק נשמות.

האָב איך, ווי געזאָגט, אַוודאי נישט באַוויזן דורכצולייענען דאָס גאַנצע בוך און די ביכער אין גרויסן בוך, אָבער כ׳האָב געטאָן מער ווי דאָס, כ׳האָב זיך געקוויקט און זיך מחיה געווען מיט גאַנצע זייטן, פון אַלץ וואָס איז גע־קומען אונטער די הענט. כ׳ווייס נישט צי דאָס איז אַ קריטיקערס אַרבעט, אָבער כ׳ווייס אויך נישט, צי אַזאַ בוך ווי „ליטע" נייטיקט זיך אין אַ קרי־טיקער. כ׳האָב זיך אַליין גענומען פאַרלירן אין דער צוריקבויערישער אַר־בעט, געבלאָנדזשעט אין די חדרים, געלאָפן הין און קריק מיט די צוריקבויערס און אָפּגעכאַפּט אַ רגע אָטעם מיט יעדער איינעם.

ס׳איז געווען אַ וווּנדערלעכע דערפאַרונג. כ׳האָב זיך די גאַנצע צייט אָנ־געלענט אויף דער וועגווייזערישער האַנט פון ד״ר מענדל סודאַרסקי, דעם ליטוואַק פאַר עקסעלאַנס, וואָס ביז זיין בוך איז פּאַרטיק געוואָרן, איז ער אַליין דערווייל געווען אַ גרויסער בנין־ליטע, מיט אַלע לומדישע קנייטשן און אַלע פאָלקישע האַרציקע מידות און חנען פון זיין ווונדער־מדינה. אין אים אַליין זענען אַריינגעקנאָטן און דורכגעקנאָטן אַלע גוטע זיטן, וואָס אַ גאַנץ פאָלק האָט אויף דעם געאַרבעט הונדערטער יאָרן.

פאַר אונדז, פוילישע יידן, איז אַ ליטוואַק געווען ווי אַ צוגעטראַכטער אַבסאָלוטער היפוך. זיין ריידן, זיין שאַרפקייט, זיין באַוועגלעכקייט, זיין

פלאָנירטקייט, זיין לאַקאָנישקייט, זיין איינגעצויגנקייט, זיין צמצומדיקייט. — ס׳איז געווען ווי דער רבונו של עולם וואָלט לכתחילה באַשאַפן אַ צו־אונדז־פאַרקערטן־ייִד, וואָס האָט שטענדיק געוועקט אונדזער נייגער און אונדז אָפּ־לו, לאָמיר זיך נישט נאַרן, גאַנץ אָפט געגעבן אַ שפלות־קאָמפּלעקס. מיר האָבן באַצויגן פון זיי אַ בעל קורא, מיט אַ זינגענדיקער, ליטווישער פּינקט־לעכקייט, מיט אַן אָפּשטעלן זיך אויף יעדער וואָרט אין דער תורה, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט באַשטאַנען אויף אַ וואָרט. מיר האָבן אימפּאָרטירט פון זיי חזנים, רבנים, דיינים און באַוועגערס פון באַוועגונגען.

שפּעטער, אַז פּוילישע ייִדן זענען געקומען צום שׂכל, זענען זיי געוואָרן אויס שפל ביי זיך און אויך אָנגעהויבן צו שאַצן און צו שעצן זיך אַליין. אָבער ביז דער דאָזיקער אויסהיילונג זענען מיר געווען קראַנק אויף ליטוויש־קייט, אַזוי קראַנק, אַז איטשע מאיר ווייסנבערג, איז אַזש אַרויס אין מלחמה קעגן דעם פרעמדן שבט, מיט דער גראַמאַטיקאַלישער גראַמאַטיק, אין אונ־דזערע ביידע שפּראַכן, העברעיִש און ייִדיש. אונדזער לויזע גראַמאַטיק האָט נישט געהאַט קיין געדולד דערפאַר.

ס׳איז פון אונדזער לשון אַרויסגעפאַלן אַזאַ טשיקאַווער דייטשמעריזם ווי זאַנדערלינג. אַ טייער וואָרט געווען, זאָל עס דאָרט רוען ביים פּלויט פון אונדזער מאָדערניזירטער פילאָלאָגיע. אָבער ווען אַ ליטוואַק האָט פאַרבלאָנ־דזשעט צו אונדז, און אַזוי גיך ווי ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט ער גלייך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זאַנדערלינג. דערהויפּט, אַז אַ ליטוואַטשקע, נאָך דערצו אַ יונגע פרוי האָט זיך דערלויבט צו ריידן עפנטלעך ליטוויש, אַמאָל נאָך מיט אַ סיך, איז איר דערפון געשלעכטלעך קיין געזונט נישט צו־געקומען. זי איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ זאָגערקע, אָדער אין אַ גאַנצן טייטש־חומש. איר קלאָרע, פּערלדיקע דיקציע האָט געהאַט אַ פול מויל מיט רירעוודיקער ריידעוודיקייט, און זייער ווייניק פון דער פּויליש־ראָמאַנטישער אָנווונקענדיקער שווייגעוודיקייט. די ליטוואַטשקע האָט אַזוי פול־מויליק גע־רעדט, אַז מ׳האָט נישט געקענט כאַפּן דעם מאָמענט ווען איר אַ קוש צו טאָן.

מיר, פּוילישע ייִדישע יונגעלייט, האָבן תמיד געמיינט, אַז דער שבט ליטע איז אַ ריזיקער שבט מיט מיליאָנען ייִדן. אָבער אַז מיר זענען עלטער געוואָרן, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז ער האָט נישט קיין גאַנצע 200 טויזנט נפשות און אַז ער רעדט בכיוון אַזוי שאַרף און אַזוי קאָרעקט, העברעיִש און ייִדיש, כדי ער זאָל זיך אַרויפצווינגען מיט זיין מיעוט, אויף די פיל מיליאָ־ניקע פּוילישע ייִדישע מאַסן.

אַ גרויסער חלק פון אָט דער ליטווישער אַרויפצווינגענדיקער רירעוו־דיקייט איז פאַראַן אין דעם ספר הספרים — ליטע, אָבער ס׳איז אויך אין

בוך פאַראַן דער גייסטיקער טייטש, דער טעם דערפון, דער פירוש פון דעם גוואַלדיקן כוח, וואָס האָט געשלאָגן אין די דחקותדיקע קליינע, ליטווישע שטעט און שטעטלעך, ווו מ׳האָט אין גרויס צמצום זיך דערהונגערט צו גוואַל־דיקע ייִדישן ווערטן — ווי מ׳וואָלט געקענט זיך דערגראָבן צו זיי, בלויז מיט ווייניקער גוף און מער רוחניות. זענען טאַקע די פאָלקסטימלעכע באַ־שרייבונגען און שילדערונגען פון די שטעט און שטעטלעך דער סאַמע עצם פון דער צוריקבויערישער אַרבעט.

אין זיין אַריינפיר, זאָגט אונדז דער באַרימטער געלערנטער לוי גינצ־בורג עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳דאַרף איינרעמען אין גאָלד און אייביק געדענקען. ער זאָגט אַזוי: „אויב מיר זאָלן זיך פאַרטיפן אין דעם מהות פון די דאָזיקע אַנטוויקלונגען (פון נאָך־תנ״כישער יהדות), וועלן מיר קומען צום אויספיר, אַז אינטעלעקטועל איז די יהדות באַשטאַנען פון תורה־פאָרשונג און עמאָ־ציאָנעל האָט זי זיך אויסגעדריקט אין צידקות, באַזירט אויף די פּרינציפּן פון תורה, עבודה און גמילות חסדים״.

דאָס זענען גאָלדענע ווערטער, נישט דערפאַר ווייל זיי זענען גוטע רייד, נאָר ווייל זיי זענען בפירוש געוועזן גראַוווירט אין לעבן, און ווייל זיי האָבן טאַקע באמת אויסקריסטאַליזירט די קרישטאָל־ריינע נשמה פון דעם היינ־טיקן ייִד, וואָס איז געוועזן די שענסטע פּראָפּעטישע שאַפונג אין דער מענטש־לעכער געשיכטע.

תורה־צענטערס — און אַרום זיי אַ האָוונדיק ייִדנטום, וואָס האָט ממש געהאַוועט בלויז פאַר די דאָזיקע צענטערס, כדי זיך צו שטויבן אין הייליקן שטויב און צו ווערן פאַרתורהט אין לעבן.

די גרויסע שטראָפערס, ווען זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַ ליטוויש ייִדיש שטעטל און זיי וואָלטן געזען, אויף וויפל צדקות און אויף וויפל כלל־פאַרזאָרגערישקייט, אויף וויפל צאַרטער ליבשאַפט צו די קינדערשע קולעכ־לעך, וואָס האָבן געזונגען גאָטס תורה, אויף וויפל תוכיקער פרומקייט דאָס קליינע שטעטל האָט זיך געהאַלטן, וואָלטן זיי זיך צעוויינט און וואָלטן כסדר געזונגען נחמו, נחמו, עמי.

און די פרומקייט און צדקות איז געוועזן די לאַבאָראַטאָריע פון דער מאָ־דערנער ייִדישער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען און זיך אַ סך מאָל פאַרלוירן, ביז זי האָט אַרויפגעבלאָנדזשעט אויפן וועג פון אַ ייִדישער אייגנאַרטיקייט, וואָס וואָלט באַלויכטן די וועלט, ווען די רוצחים וואָלטן נישט פאַרטיליקט די דאָזיקע היינטצייטיקע נביאישע פּערזענלעכקייט.

אויב עפּעס איז געוועזן טיף־כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ליטווישן ייִדנ־טום, איז עס דער פאַקט, וואָס הגם דאָס ייִדנטום האָט זיך זייער גוט מערב׳יי־

זירט, מער ווי אַריינגעשמעקט אין די געצעלטן פון יפת, געלערנט דייטש, פרי אַנטוויקלט וועלטלעכע שולן, האָט דער עין־הרע פון פאַרניכטנדיקער אַסי־מילאַציע ווייניקער שולט געווען אויף דעם ליטווישן ייִדנטום, ווי אויף אַ סך אַנדערע ייִדנטומס. דאָס ליטווישע ייִדנטום האָט שולט געווען, איינגעזאַפּט אַלץ וואָס עס האָט געוואָלט, אָבער ביז אַ מאָס, ביז אַ ייִדישער גרענעץ און גע־בליבן געטריי צו זיך אַליין, קיינמאָל נישט געלאָזט אָנרירן די ייִדישע נשמה. אַלעמאָל געגעסן דאָס אינעווייניקסטע פון מילגרוים; און אַז דאָס אינעווייניקסטע איז געווען ווערעמדיק, האָט מען זיך נישט געשעמט און אַפילו דאָס אינעווייניקסטע אויסגעשפּיגן ווי שאָלעכץ און נישט מטמא געווען דעם ייִדישן גייסט.

אַזוי איז געווען דאָס ליטווישע ייִדנטום, ווען דער קוילער איז געקומען און באַפוילן, אַז אַלץ זאָל פאַרטיליקט ווערן. דאָס האַרטע עקשנותדיק־ייִדי־שע פון דעם ליטווישן ייִד איז געבליבן ריין און זויבער און ייִדיש. אינגאַנצן אפשר 150 טויזנט ייִדן האָט דער פאַרלענדער אָפּגעווישט, מ׳שטיינס גע־זאָגט, אַ קליינעם חלק פון די זעקס מיליאָן, אָבער וואָס פאַר אַ וואַלד מיט ייִדישע שטאַמיקע ביימער די ווילדע און משוגענע רשעים האָבן אויסגעריסן מיטן וואָרצל!

איז שוין געקומען די צייט צו זאָגן, וואָס אַזוינס איך האָב געבלעטערט: די ערשטע אָפּטיילונג, די געשיכטלעכע, מיט גרינטלעכע אָפּהאַנדלונגען פון ד״ר מאַרק ווישניצער, ד״ר מענדל סודאַרסקי, ד״ר שמואל גרינהויז, ל. שמער־ני, און אַן אַריינפיר פון אריה קאַצענעלנבאָגן. שפּעטער קומט די באַטעמטע אָפּטיילונג וועגן דעם „זאַנדערלינג״ — ליטוואַקעס, מיט וואָגיקע אָפּהאַנד־לונגען, וואָס זענען ווערק גאַנצע — פון אַריה קאַצענעלנבאָגן, יודל מאַרק. פאַראַן אין דער אָפּטיילונג אַ געשמאַקע אַרבעט וועגן ליטווישע מאכלים פון הירש אַבראַמאָוויטש. די געשיכטע פון תורה, מוסר, רבנות, חב״ד, מתנגדות, ישיבות, ווערט דערציילט און איבערגעגעבן פון אַזעלכע תורה־דורשטיקע ייִדן, ווי א. מענעס, פּראָפעסאָר לוי גינצבורג, א. ר. מלאכי, אהרן צייטלין, יצחק ריבקינד, פסח מאַרקוס און אַנדערע.

די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען זענען: השכלה, ייִדישע עקאָנאָמיק, לי־טעראַרישע סביבה אין דער קאָוונער ליטע, דערמאָנונגען פון שטעט און שטעטלעך, אין פריידן אַזוי צו זאָגן. דאָס בוך שליסט זיך מיט די שילדערונ־גען פון אומקום און חורבן. חורבן־ווילנע, חורבן־קאָוונע, חורבן־קעלם, חורבן־שאַוולע, פּאַרטיזאַנער קאַמפן, חורבן, חורבן — און חורבן. (די חורבן־שיל־דערונגען האָט געהאָלפן רעדאַקטירן בער כהן).

און דאָך בלייבט עפּעס שטיין, נישט געקוקט אויף דעם חורבן. די צו־

ריקבוי־אַרבעט האָט פּאָרט עפּעס דערגרייכט. ס׳איז אַ גרויס און פאַרכאַפּנ־דיק דערמאָן־ווערק, אַ הייליקער חלום פון גוואַלדיקער ייִדישער אַרכיטעקטור־אַרבעט. אַלע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט — ד״ר שאַצקי, ש. ניגער, אָסיף די־מאָוו, יעקב לעשטשינסקי, ד״ר מוקדוני, אברהם רייזען, ב. י. גאָטליב, מרדכי יאָפע, דניאל טשאַרני, ד״ר מרדכי קאָסאָוער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ב. צ. גאָלדבערג, יוסף אָפּאַטאָשו, וויקטאָר שולמאַן, ד״ר פיליפּ פרידמאַן און די צענדליקער באַשרייבערס פון שטעט און שטעטלעך, וואָס באַשרייבנדיק זיי האָבן די דערציילערס אָפּגעווישט אַ טרער און צוריקגעבויט ליטווישע שטעט־לעך מיט הומאָר און געזאַנג.

אויך דער הומאָר און די פריידיקייט פון צוריקרוף איז געבליבן הענגען אין חלל, אַרום דער גרויסער אַרכיטעקטור, וואָס איז די אַרבעט פון די דריי אַרכיטעקטן, ד״ר מענדל סודאַרסקי, אריה קאַצענעלנבאָגן, י. קיסין, און אי־בער דער מאָנומענטאַלער אַרבעט לויכט דער טרויעריק־גוטמוטיקער און צדקותדיקער שמייכל פון דעם פרומען ייִדישן מייסטער־בוי — ד״ר מענדל סודאַרסקי.

1951.

יצחק בערלינער

דער דיכטער יצחק בערלינער האָט אין די שוואַרצע פּערציקער יאָרן פון אונדזער אימהדיקן יאָרהונדערט, נישט געוווסט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל דאַרפן זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און אָפּגעבן דין וחשבון, הלמאַי ער האָט נישט געשוויגן, ווען ס׳זענען דאָרט אָפּגעווישט געוואָרן אונדזערע משפּחות.

ווייל ס׳האַלט שוין דערביי. אין אָנהייב האָט מען אַ פרעג געטאָן, פון בייגעריקייט וועגן, ווי אַזוי האָבן דיכטער געקענט זיין אַזוי קאַרג אויפן געשריי, ווי אַזוי האָבן זיי געקענט זיין אַזעלכע וואָרט־מפונקים; ווי אַזוי האָבן זיי אויסגערעכנט אַקוראַט, אַז מיט זייער ליאַרעם וועלן זיי איבערפירן די געפּרעסטע הויזן פון זייער ליד?

מיטאַמאָל האָבן די געפּרעגטע דיכטער זיך אויסגעגלייכט און געגעבן זייערע קעגן־טענות, אַז אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיצן שוין איצט די פּאָעטן, וואָס ביי זיי האָבן זיך דאָ־הי, פון זיך אַליין, אַרויסגעריסן יאָמער־געשרייען. זיי זיצן מיט געבויגענע קעפּ און זאָגן: נישט געקענט שווייגן, רבותי. אמת, מיר זענען טאַקע נישט געווען דאָרטן, אָבער מיר זענען דאָ מיטגעשטאָרבן צען מאָל אַ מעת־לעת. אונדזערע פּשוטע ייִדן האָבן אַוודאי נישט געהאַט קיין „פּראָגראַם״ פאַר זייער גרויסן אומגליק, זיי האָבן כּאַטיש געטרויערט. אפשר האָבן זיי דערביי, אומגליקלעך־לעבעדיקע ברואים וואָס זיי זענען, געגעסן, געהאַנדלט, מ׳שטיינס געזאָגט, אָבער דאָס איז נישט געווען זייער שולד. דער גאָט פון אונדזערע אבות האָט אונדז דערלאַנגט אייבערן מעסטל און מיר זענען פּשוט נישט געווען צוגעגרייט. אַפילו אונדזער רייכע אומגליק־דערפאַרונג האָט אונדז נישט געהאַט אויסגעבילדעט פאַר אַזויפיל יסורים.

דער וואָס גלייבט נישט, אַז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק האָט זיך געצאַפּלט אין אַ גיהנום, אין יענע יאָרן פון פּיין, און איז געווען הילפלאָז ביז משוגעת, גלייבט נישט אין ייִדישן גאָט, ווייל אויך ער איז געווען הילפלאָז, ווי זיין פאָלק, און געבונדן דורך אייזערנע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן.

פאַרוואָס בין איך פאַרמשפּט דאָ צו זיין פון וייטן
און שווייגן, שלאָפן רויִק און עסן צו דער זעט?

— — — — — — — — — — — — — — — —

זאַט מיין אויג מיט זונליכט און מיט הימל בלויען,
כ׳וואָלט די אויגן מיר פאַרשיט מיט הייסן זאַמד —
קוקן וועלט אין פּנים איז מיר אַ בזיון,
אויסצוזינגען לידער איז מיר איצט אַ שאַנד.

אַזוי האָט געזונגען וועגן דער בושה פון לעבן און וועגן דער שאַנד פון זינגען לידער, אין יאָר 1943, יצחק בערלינער אין מעקסיקע. אָבער ער האָט פּאָרט אויסגעזונגען זיין געשריי, ווייל ער איז געווען די צונג פון אַ הילפלאָזער עדה. ער האָט דעמאָלט געשריגן צו דער וועלט און נישט געוווּסט, אַז ער וועט אַמאָל דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון, פאַר דערוועגן זיך צו שרייען אין אַזאַ צייט. די שווייג־דיכטער (און אויך פּראָזע־שרייבער) האַלטן אַז דאָס איז לעסטערונג פון טויט. אָבער די לידער פון פּאָעטן וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די פינצטערע יאָרן זענען געווען מער אָנונג־לידער, ווי טויט־לידער, זענען געווען אַ פאַרזוך צו קומען נענטער צו די גאַז־קאַמערן.

זיי זענען געשריבן געוואָרן אין טעג פון אימה, ווען מיר זענען אַלע געווען אָפּגעשניטן פון אונדזערע נאָענטע. די דיכטער האָבן באַזונגען פינצטערע קלאַנגען און בשורות און די אייגענע צאַפּלענישן. די היגע פּאָעטן זענען נישט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט קיין געהיימע נייעס־קוואַלן, אַחוץ מיט זיך אַליין. זיי האָבן בלויז אויף גיך אַלאַרמירט די וועלט, אין נאָמען פון אַ דערשראָקן פאָלק, וואָס האָט געגלייבט אַלע וויסטע קלאַנגען, נאָך איידער די מיניסטאָרן און אַרמיי־שטאַבן פון די אַליאירטע האָבן געגלייבט, אַז זיי קעמפן קעגן אַ מערדער פון פעלקער. אַ ייִד האָט זיי ערשט שפּעטער באַדאַרפט אונטערטראָגן דעם טערמין — גענאָציד. אָבער דער טערמין איז געווען אונדזער אַלעמענס וויסטער ייִדישער חלום.

אין זיין בוך „שטיל זאָל זיין“, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג צבי קעסל, גיט אונדז דער פּאָעט יצחק בערלינער די דאַטעס פון זיינע אויסגעשריגענע פערזן. אַ סך זענען דאַטירט 1941, 42, 43. וואָסערע טויטן האָט מען דעמאָלט געקענט לעסטערן, ווען אַלע טויטן זענען נאָך געווען אין די שלאָפלאָזע נעכט פון אונדזער גאַנצער היגער, צעדולדטער הילפלאָזיקייט? און אַז ייִדן האָבן געגעסן אין די טעג פון שרעק, אַז זיי האָבן אַפילו געמאַכט געלט, זאָל זיין — גאָלד — זענען זיי אַלע צען מאָל אַ נאַכט געשטאָרבן פון אימה, צוזאַמען מיט אייגענע, וואָס האָבן גאָט ווייס ווי אַזוי, אַריינגעקלאָגט אין אונדזערע חלומות.

דאָס געשריי פון די היגע פּאָעטן איז געווען אַ געוויין פון אַ געפּייניקטן שלאָף, אַ מיטצאַפּלען מיט אַן אויסראָטונג, וואָס איז צו אונדז אַהער דערגאַנגען אין קאָשמאַרן. ערשט ווען די באַפרייונגס־אַרמייען זענען דערלאָפן ביז

בוכענוואַלד, אָשוויענטשים און מאַידאַנעק און מ׳האָט דערזען, אַז אַפילו דאָס וואָס מיר האָבן מורא געהאַט צו גלייבן, איז אויך געשען, זענען מיר שטום געוואָרן און מיר האָבן געלאָזט ריידן די אַלע, וואָס דער גורל האָט זיי אָפּגעהיט — די מגילות פון פּיין, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן. מיר האָבן זיי געלאָזט דערציילן, קלאָגן, זינגען, אָבער ביז מיר האָבן זיך דערגראָבן צו די קולות, זענען מיר געווען די עכאָס פון זייערע נישט־דערהערטע געשרייען. אַ סך פון אונדזערע היגע לידער זענען נישט מער ווי קולות פון דאָרטן, קולות וואָס האָבן אונדז די גאַנצע צייט געהאַלטן אַזוי נאָענט צו די גאַז־קאַמערן, ווי מיר האָבן געקענט דערגיין.

אין 1941 האָט יצחק בערלינער געזונגען —

עס איז גלויבן פאַראַן און בטחון איז דאָ,
עס וועט קומען דער טאָג, עס וועט שלאָגן די שעה —
די מיליאָניקע הענט וועלן ווערן איין האַנט —
איין שטאָלענע פויסט, איין שטאָלענער גס
וועט אויף פּיצלעך צעשמעטערן שטיינערנע וואַנט.

ווער קען עפּעס האָבן קעגן דעם פּאָעט, וואָס האָט אונדז געלאָזט הערן הירש גליקס קול, נאָך איידער מיר האָבן עס דערהערט, אַז „קומען וועט די אויסגעבענקטע שעה״.

אין 1946 האָט זיך דער פּאָעט בערלינער אַליין געראַנגלט מיט אַ שווערער קראַנקייט, וואָס האָט אים אויך געפּייניקט און געהאַלטן אין אַ פּערזענלעכן, פיזישן יסורים־קאַצעט, פון דעסטוועגן האָט דער דיכטער נאָך דער באַפרייונג און נאָך דער געראַטעוועטקייט פון דעם אָרעמען שארית אונדזערן אַזוי געקלאָגט:

פאַרוואָס האָסטו געשאַנעוועט מיין לעבן אין דער פרעמד?
און האָסט פאַר טויטע ברידער מיך פאַרשעמט?
וואָס האָסטו מיך אַרויסגעלאָזט פון געטאָ־פייער, גאָט?
איצט וואַנדל איך אַן עלנטער אין רויש פון ווייטער שטאָט.

— —

איך שטיי אויף לייב פון לעבן, ווי אויף בר־מנן — אַ ראָב...
איך טרויער נישט גענוג, מיין גאָט, איך בין נישט ווערט דיין גאָב.

ווער וועט נישט גלייבן אָט די אויפריכטיקע רייד און פאַרוואָס זאָל מען נישט גלייבן, אַז דאָס זענען ווערטער וואָס דער דיכטער האָט גענומען פון פאָלקס שטומקייט און פון זיין אייגענער ווייסטער פאַרצווייפלונג? איז דען אַזאַ ליריק, דאָס געוויין פון דער אייגענער נישט־מיטגעשטאָרבנקייט מיט אַ פאָלק, נישט קיין באַרעכטיקטער טייל פון דעם גאַנצן קלאָג־פּנקס אונדזערן?

זענען דען אַזעלכע רייד נישט קיין באַווייז, אַז בעת זיי דאָרטן האָבן געליטן יסורים, וואָס קיין מענטש קען נישט באַגרייפן, האָבן זיי געהאַט אַ רעכט צו גלייבן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיטגעקלאָגט, מיטגעשריגן, געריסן אויף זיך די קליידער און געליאַרעמט צו דער טויבער וועלט — דאָס נישט־דער־הערטע געשריי פון אונדזערע ברידער און דאָס געוויין פון אונדזערע אייגענע פאַרסמטע טעג און נעכט?

יצחק בערלינערס בוך לידער איז אַן ענטפער די אַלע, וואָס האָבן פּלוצים גענומען טומלען פאַרוואָס מ'האָט דאַ־הי נישט געשוויגן. מיר דאַכט זיך, אַז ס'דאַרף זיין אַ שטיקל טרייסט פאַר די געראַטעוועטע יידן צו לייענען, אַז אין דער ווייטער מעקסיקע האָט אַ פּאָעט אין 1943 אַזוי געוויינט:

גאָט מיינער! כ'וויל, אַז דו זאָלסט מיך באַשטראָפן
פאַר זיין פונדערווייטן פון געטאָס און תליות,
פאַר עסן צו זעט און פאַר רויִקן שלאָפן,
פאַר פרייד און פאַר אויפנעמען זונליכט דורך ווײַעס.

פאַרוואָס איז ישראלס קול אַ פאַרשוועכונג און נישט, פאַרקערט, אַ באַווייז, אַז אַפילו דאַ־הי, פונוייטנס, ווען דער אויסראַטער און פאַרלענדער איז נאָך געווען אַ באַגלייבטער מענטש און ווען מ'האָט נאָך כמעט געוואָלט מאַכן שלום מיט אים, און ווען אַ גאַנץ גרויס פאָלק האָט אַפילו געהאַט מיט אים אַן אָפּמאַך, האָט דער יידישער דיכטער געשריגן צו דער וועלט, אַז מ'קוילעט זיין ברודער, אַז ער הערט דאָס גסיסה־קול. ער האָט געהאַט דעם געטלעכן חוש צו דערהערן, אָבער ער איז געווען הילפלאָז צוזאַמען מיט זיין גאָט.

ער האָט נישט געקענט לויפן מיט זיין געשריי פון יאַמער־טאָל און רייסן אויף זיך די קליידער, נאָר ער איז מיט זיין געשריי געלאָפן אַלץ נענטער און נענטער צום טאָל פון טויט, ביז ר'האָט דערהערט דאָס געראַטעוועטע קול פון מקונן ז. סעגאַלאָוויטש, דאָס אָפּגעראַטעוועטע קול פון אַ סוצקעווער, אַ גראַדע, אַ רייזל זשיכלינסקי, אַ רחל קאָרן און די קולות פון אַ קאַצענעלסאָן און שאַיעוויטש, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער ערד.

ווען יצחק בערלינער איז אָנגעקומען צום טאָל פון טויט האָט ער צעריסן אויף זיך די קליידער און געזאָגט:

יזכור און נקמה —
ברידער צוויי צוזאַם —
קריץ איין זייער נאָמען
אין ישראלס שטאַם.
גיי מיט זיי אויף וועגן,
מעסט נישט שטח, לענג,
אַז מען וועט דיך פרעגן,
ענטפער: איך געדענק!

אין תוך געגומען

און נישט נאָר האָט דער דיכטער פאַרשריבן ביי זיך אין זכרון די גרויל־טעג, ווייל זיי זענען אין אים געווען אַזוי עכט, ווי יעדער עקזעקוציע אין אַן אומאויפהערלעכן שרעק־חלום, נאָר ער האָט זיך געקויפט דאָס רעכט, דווקא דורך זיין געשריי, נישט מוחל צו זיין:

פאַר וואַרשע און פאַר לאָדזש, פאַר יעדע שטאָט, פאַר יעדן פּיין און
גרויל און שטרויכל
כ׳וועל חתמענען אין זיך אַ שבועה אַזאַ האַרטע שווייגנדיקע־שטומע,
אַז איך — אין פרעמד געבליבענער, געראַטעוועטער יתום פון מיין אומה —
איך בין נישט מוחל! איך בין נישט מוחל!

אָט דאָס רעכט האָט דער נישט־שווייגנדיקער דיכטער געקויפט, אַז ער זאָל קענען אָנגערופן ווערן — געראַטעוועטער יתום פון זיין אומה און אויך, אַז ער זאָל מיט דער גאַנצער אויטאָריטעט פון אַ נישט־שווייגער קענען אויס־שרייען: איך בין נישט מוחל!

ס׳איז ווי מיר דאַ וואָלטן געהערט דעם ניגון צום איכה פון אונדזער אונ־טערגאַנג, נאָך איידער מיר האָבן אים אויסגעגראָבן פון די חורבות. איצט איז דער גאַנצער פּנקס אונדזערער באַלד פאַרענדיקט. פאַרוואָס זאָל דאָרט פעלן, אַז אין 1944 האָט יצחק בערלינער, אַ פּאָעט אין מעקסיקע, צוזאַמען מיט אַנדערע פּאָעטן, אַזוי אויסגעדריקט דעם צער פון ייִדיש לעבן ביי די טויערן פון אומגליק, ווען מ׳האָט נאָך אונדזערע מתים אַפילו נישט געהאַט איבערגעציילט?

טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך, איינער אַליין — אַ בן אדם,
פון ברידער געזונדערט און כ׳בין מן הצד פון גיהנום?
איין צד לעבט אין ווילזיין, דער צווייטער — אויף שייטערס טוט ברענען,
כ׳וויל זיין מיטן צווייטן! וואָס דאַרף דען מיין אומה צוויי צדדים?

אויב ס׳קענען מיליאָנען צו שוועל פונעם שטאַרבן גענענען,
איז טמא מיין גוף, ווען ער וויל מלבוש טייערן טראָגן —
אַ זאַק אויף די אַקסלען, מיט שטריקענעם פאָדעם באַשלאָגן,
באַדאַרף זיין מיין בגד, איך זאָל זיך נישט דאַרפן פאַרשעמען.

אַפילו איך זאָל זיך באַהאַלטן אין חדרי־חדרים,
וועט סיי־ווי נישט העלפן — עס וועלן אַרויסגיין פון קברים
נשמות פון קדושים און וועלן אַריין אין מיין שאַרבן

און מאָנען פאַרגיטונג פאַר שווייגן און בויערן, מאָנען —
ווי וועל איך פאַרגיטיקונג געבן און ענטפערן קאָנען,
ווען כ׳בין פונדערווייטן און כ׳לאָז מיינע אייגענע שטאַרבן?

.1949

„אוישוויץ״ פון יוסף ראַגעל

כ׳ווייס נישט צי יוסף ראַגעלן, וואָס איז אַרויס פון אוישוויץ מיט דעם אויסגעברענטן נומער A-18260 גייט טאַקע אין לעבן צו זיין אַ פּאָעט, אָבער זיינע לידער זענען מער ווי פּאָעזיע. אַמאָל, אַז מ׳האָט געניצט דעם אויסדרוק — „מער ווי פּאָעזיע״, האָט מען געמעגט חושד זיין אַז ס׳איז אַ סך ווייניקער פון פּאָעזיע, אָבער די ייִדישע געשיכטע האָט דערהויבן די דאָזיקע פאַרדעכטיקע מעלה צו אַזעלכע הויכן, אַז קיין פּאָעזיע קען זיך מיט דעם נישט פאַרמעסטן.

יוסף ראַגעל האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך, וואָס הייסט — „אוישוויץ״. איז דאָס אַ געטרייע באַשרייבונג אין קורצע געהאַקטע שורות, פון פאַרפּייניקטע טעג און נעכט, וואָס קיין בר־דעת וואָלט נישט געקענט רופן לעבן: אָבער דער באַשרייבער האָט עס פאַרט דורכגעלעבט און איצטער דערמאָנט ער אין זיין ווידמונג „דאָס אַש פונעם געטלעך ברענענדיקן סנה דיינעם, אוישוויץ״.

ווו האָט זיך שוין גאָטס סנה נישט באַוויזן? אָבער צו זען אויך דעם סנה אין אוישוויץ אָדער אַשוויענטשים דאַרף מען האָבן אויגן וואָס זענען באַשאָנקען מיט אַזאַ יתירהדיק ליכט, אַז קיין געוויינלעכער בן־אדם פאַרמאָגט עס נישט. זאָגט אונדז דער דיכטער, אַז זיין ציקל „איינער אַליין״ ווידמעט ער די רעליגיעזע ברידער אין די לאַגערן „וועלכע האָבן אין אונדז געצונדן גלויבן אין שעהן פון אונדזער טיפסטער פאַרצווייפלונג און רעזיגנירטקייט״.

אָט די הייליקע ברידער, הייסט עס, האָבן דערזען אויך גאָטס ברענענדיקע אַנטפּלעקונג אין דעם געשענדעטן אַש פון אוישוויץ, ווו עס־עס־לייט האָבן מיט געוואַלד אַראָפּגעצויגן די שיך פון די ייִדן, וואָס האָבן באַטראָטן די גיהנומדיק־הייליקע ערד. אַז מ׳לייענט די געבריוולטע שורות פון יוסף ראַגעל, קריגט מען אַן אַנונג פון דעם דאָזיקן געהייליקטן גיהנום.

דעם 12טן יאַנואַר 1941 האָט מען אין טאַרנאָוו געכאַפּט יוסף ראַגעלן צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן און אויף לאַסט־אויטאָס האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דעם יסורימדיקן וועג, וואָס האָט אים דורכגעפירט אַלע הונדערטער מדורי גיהנום, ביז ער איז אין 1945 אַ נאַקעטער און באָרוועסער, מיטן לעצטן שטיק ברויט צוריקגעגאַנגען זוכן זיין היים.

כאַטש כ׳וויס, כאַטש כ׳וויס,
אַז אַ שאַרבן פון אַ טעפּל אַ צעבראָכנס,
אַ היטל, אַ העמד,
ערגעץ אין אַ קעלער־לאָך פון מיין היים פאַרוואָרפן —
וועט מיין אַהיימקומען באַגריסן —
און איך — פאַרשלאָסן — גיי —
גיי — אַהיים פון לאַגער.

אָט מיט אַזעלכע שורות באַשרייבט ראַגעל זיינע דורכפּייניקונגען אין די לאַגערן, אין דער טאַרנאָווער געטאָ און שפּעטער אין דער טויט־פאַבריק פון אוישוויץ. אים גלוסט זיך נישט אַריינצובלאָזן אין זיינע שורות קיין אָטעם פון אויפלויכט, ווייל ער היט זיך שטאַרק נישט צו פאַרשרייבן זיינע געפילן. ער וויל נישט קומען צו אונדז מיט קיין שום בריהשאַפט, ער וויל ביי אונדז נישט אויסנעמען, ער וויל בלויז מ׳זאָל אים לאָזן פאַרצייכענען די אַלע דער־מאָנונגען זיינע, ווי ער וואָלט זיי געשריבן אין בריוו, וואָס דאַרפן ערשט אַמאָל אויסגעגראָבן ווערן.

פון אַלע ביכער לידער פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור איז יוסף ראָ־געלס דאָס אומבאַצירטסטע. ס׳איז ווי אַ סך באַקלאַגערס וואָלטן געקלאָגט און געוויינט און אונטערגעזונגען, און ווי זייער קלאָג־ניגון וואָלט אַלעמאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך טרוקענע אויסגעהוילטע רייד. דווקא אין דער אַקאָמפּאַנירונג פון אויסגעהונגערטע רייד דערשפּירט מען דעם טיפן אמת פון דעם גרויסן חורבן־געזאַנג אונדזערן.

כ׳האָב אַ בריוו באַקומען,
דורך מיין ניי־געבראַכטן חבר,
אין אַ פאַרשימלט שטיקל ברויט איינגעקנאָטן.

אַזוי־אָ וואַרפט יוסף ראַגעל אַריין עטלעכע פּשוטע ווערטער, אין דעם הימל־אויפטרייסלענדיקן געוויין אונדזערן און ס׳האָט נאָך קיינמאָל קיין פּראָ־זע אַזוי נישט אַקאָמפּאַנירט לידער, ווי ראַגעלס רייד באַגלייטן און באַלייכטן די ביז איצט דערשינענע לידער־ביכער פון געניטערע קלאָג־מייסטערס.

אין די פאַרשימלטע ווערטער —
האָב איך מיין מאַמעס כתב דערקענט.
ווערטער אָפּגעמעקטע, אָפּגעריבענע,
מיט בלייער צעבראָכענעם געצייכנטע.
מיט אַ פעדער אָן טינט —
ווערטער אומפאַרשטענדלעכע — אָנגעקריצט.
נאָר אין שימל פון כתב האָב איך אַלץ —
אַלץ פון מיין היים אַרויסגעלייענט.

אין דעם בוך „אוישוויץ״ זענען אויך פאַראַן עטלעכע אין קורצע שורות צעשטעלטע זאַצן, וואָס מ׳קען זיי אויך אָנרופן לידער. אָבער דערפון ווערן די זאַכן נישט געווינען, נאָר אדרבא פאַרלירן. פון די לידער קען מען אַרויס־לייענען, אַז יוסף ראַגעל קען, אויך זוכן דאָס בילדלעכע וואָרט, אויסטראַכטן פאַרגלייכן —

און דו זעסט, ווי ס׳הינקען אַוועק דיינע איינזאַמע שעהן
טרויעריק און פאַרשעמט,
ווי הונגעריקע אורחים, מיט ליידיקע הענט.

אָבער דווקא דערפאַר, ווייל מיר זעען, אַז ער קען אויך די שרייבערישע קונצן איז מען אים אמת דאַנקבאַר, וואָס די פאַרצייכענונגען זיינע פון די לאַגערן, האָט ער בכיוון אויסגעצערט און דערהונגערט ביזן ביין, אַז ס׳איז אין זיי נישטאָ קיין סימן פון אַרויפגעהויקערטער שיינקייט.

זאָל מען נישט שלעכט פאַרשטיין מיינע רייד, אַז איך בין קעגן שיינקייט אין טרויער. כ׳האָב שוין אַ סך מאָל געשריבן וועגן דעם און אָנגעוויזן, אַז אויך די טרויעריקסטע לידער מוזן זיין פאַרזאָרגט מיט בלייבעוודיקייט. כ׳האָב פאַר אַביישפּיל געבראַכט דאָס טרויער־ליד אונדזערס — איכה, און געוויזן ווי געציקלט און געצירקלט עס איז און ווי ס׳איז אָנגעשריבן לויט אַן אלף־בית־פורעם און ווי די איבערזאָגעכצער און ווידערהאָלונגען זענען גע־מוסטערט אַזוי, אַז זיי זאָלן צוגעבן קלאַנג און מוזיקאַלישקייט צו יעדע שורה, כדי צו פאַרזיכערן דאָס נאַציאָנאַלע קלאָג־ליד מיט אייביקייט.

אָבער די אַלע וואָס האָבן געהאַלטן אַז קלאָג־לידער קענען אויך קומען צו דער וועלט „מיט בלייער צעבראָכענעם געצייכנטע, מיט אַ פעדער אַן טינט״, האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף אַ בעסערן און אויטענטי־שערן ביישפּיל ווי יוסף ראַגעלס דערציילטע איינדרוקן פון די טעג און נעכט אין געטאָ און אין די טויט־לאַגערן.

פאַראַן אין זיין בוך דער סדר פון אַ טאָג־בוך. מיר באַקענען זיך מיט זיין טאַטן, זיין מאַמען, זיינע שוועסטער און ברודער און מיר זעען, ווי זיין משפחה ווערט קלענער און קלענער, ביז זיי ווערן אַזוי אָפּגעמעקט, ווי דאָס משפחה־בילד זיינס, וואָס ער האָט איינגענייט בגנבה אין אַ רעקל־טאַש און עס געמוזט אָפּגעבן צום מערדערלעכן אויפזעער.

אין זיין בוך באַקענען מיר זיך מיט די טעג און נעכט אין אוישוויץ, ווייל ראַגעל האָט גאָרנישט פאַרזונגען. ער האָט ביי זיין געזאַנג נישט געזוכט מער כוח פון אויסדרוק, נאָר דווקא געוואָלט פאַרצייכענען אַלץ מיט פאַר־חלשטע רייד, וואָס אָט־אָט צאַנקען זיי אויס און מ׳דאַרף זיך אָנבייגן זיך איינצוהערן אין זיי.

אין תוך געגומען

דאָס ערשטע ליד זיינס שטעלט אונדז פאַר די מאַמע, וואָס צעטיילט די פּאַרציעס געטאָ־ברויט און אַליין „איבערבייסט״ זי מיט טרערן.

איך געדענק פּריטיק פּאַרנאַכט,
ווען כ׳בין ס׳לעצטע מאָל פון דער היים אַוועק
איז קיין בענטש־ליכט נישט געווען.
האָסטו, מאַמע, איבער טרערן־ליכט געבענטשט,
און פון זיי האָט איטלעך ווינקעלע געלויכטן.

ראַגעל איז נישט שולדיק וואָס דאָ האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אומגע־ריכט בילד, ווי די מאַמע בענטשט איבער לויכטנדיקע טרערן־ליכט. אָבער די בילדלעכקייט איז אַרומגערינגלט מיט אַ תמימותדיקער פּשטות, וואָס פּירט ממש גלייך צו איינער פון די טרויעריקסטע געטאָ־אויסקריצונגען. דעם טאַטן האָט מען צעשלאָגן, באָרד און פּיאות אָפּגעשוירן, אָנגעטאָן אַ גויִיש היטל און אַ פאַרשעמטן געשיקט אַהיים. דער טאַטע שעמט זיך צו דערציילן. ער וויינט אַריין שטיל אין אַ ספר, ביז ער פאַלט אַוועק אויף דער ערד און מ׳דער־זעט דעם אויסגעברענטן מגן דוד. וואָס זאָגט אונדז ראַגעל ווען דער טאַטע פאַלט אַוועק?

אין שטוב שוין ס׳לעצטע ביסל שפּייז
אויסגעגאַנגען.
מיר האָבן שוין מער קיין הונגער נישט געפילט,
און גאָרנישט נישט מער באַדאַרפן.

מיינט איר אפשר, אַז ראַגעל וואָלט נישט געקענט געפינען קיין „שע־בערע״ ווערטער ווי אַזוי איבערצוגעבן די געפילן פון דער משפחה, נאָכדעם ווי דער טאַטע שטאַרבט? אַוודאי וואָלט ער געקענט, אָבער דווקא דערפאַר האָט ער געוווּסט ווי אַזוי צו ווייכן פון אַזעלכע רייד אין אַזאַ מאָמענט, ווען די קאַץ „איז פון טאַטנס בעט נישט אָפּגעטראָטן״.

מיר זעען און באַקענען זיך מיט דעם דיכטערס שוועסטער שרהלע, ווי זי פאַרקויפט אויס אַלע אַלטע שקראַבעס פון הויז, ביז זי טראָגט אַוועק די באַך נישט געטראָגענע ווינטער־שיך, כדי פאַר זיי איינצוקויפן רפואות פאַרן ברודער.

מיר באַקענען זיך מיט אַ ייִדישער משפחה פון טאַרנאָוו און נישט ווילנ־דיק זוכן מיר אויס ראובן אייזלאַנדס פּאָעמע טאַרנאָוו און מיר לייענען זיינע פריידיק־צעזונגענע שורות מיטן ניגון פון אַ קלאָג־ליד.

עס שמעקט מיט זאַפראַן, נעגעלעך און ענגלישן געווירץ,
מיט זיסן צוקערוואַרג און שאַרפן קימל,
מיט ריחות פון געוואַנטן און מיט ראָסט פון אייזן

י ע ק ב   ג ל אַ ט ש ט י י ן

און נאָך ווייטערדיקע שורות פון דער זעלביקער רחבותדיקער פּאָעמע —

דו ביסט נישט איבעריק גרויס און נישט איבעריק שיין,
דו ליבסטע מיינע פון די שטעט,
צווישן בערגער צוויי ביסטו צונויפגעדריקט,
ווי אַ ריזן־פויגל מיט צוויי לאַנגע אויסגעשפּרייטע
און צוגעשפּיצטע פליגל.

און שפּעטער קומט דער יונגער געזאַנג צו די יידישע טעכטער —

און שיין ביסטו מיט דיינע טעכטער
די שענסטע פון גאַליציענס שיינע טעכטער,
און מיט דעם בלויען גלאַנץ
איבער דיינע רויטע דעכער.

אונדז איז באַשערט געווען צו לעבן צווישן דעם בענקשאַפט־געזאַנג צו טאַרנאָוו פון דעם פּאָעט, ראובן אייזלאַנד, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1903, פון גרויס־ראַדאָמישל, און אין אַמעריקע באַזונגען די געווירציקע שטאָט טאַרנאָוו, און דעם טאַרנאָוו אין 1945, ווען דער יונגער יוסף ראָגאָל קומט צוריק אַהיים.

אומענדלעך ווייַנענדיקע פּוסטקייט מיין היים.
פאַרווישט איז דאָ יעדער שפּור פון טריט,
אוראַלט ברוכוואַרג ווילד אָנגעוואָרפן, אָנגעהויפט,
ווי גאָרנישט, גאָרנישט האָט דאָ געלעבט.

דאָס איז די טאַרנאָוו וואָס פון איר האָט זיך יוסף ראָגאָל אַרויסגעריסן און געקומען קיין קאַנאַדע, וווּ ער זיצט און פאַרשרייבט זיינע דערמאָנונגען.

„איצט געפין איך זיך אין אַ פרעמדער פאַר מיר וועלט, אין אַ וועלט, וואָס בליט מיט זאַטקייט און פרייד און איך פיל זיך, ווי אַן איינזאַמע, אַרומגייענדיקע מצבה מיט אַן אויסגעברענטן נומער אויף דער האַנט".

מ׳זאָגט, יאָקבי, אַז יידן ווילן שוין מער נישט לייענען פון די שוידערגעשעענישן. אָבער איידער מ׳הערט אויף לייענען, וואָלט מען געמעגט איבערלייענען דאָס קליינע בוך „אוישוויץ" פון יוסף ראָגאָל. ער זוכט נישט אויפצוטרייסלען, ער וויל נישט אויפשוידערן, ער ברענט אַפילו נישט מיט קיין צאָרן אויף די רוצחים, ער מאָלט בלויז זייער שטיל זיין משפחה, די שוועסטער פייגע, די שוועסטער שרה, די שוועסטער חוה, דעם ברודער מאָטעס. ער מאָלט זייער פאַרגיין און ער מאָלט אויך זיך ביים ראַנד פון טויט, ביי די טויערן פון גיהנום, אָדער איז עס געווען דער גן־עדן, אַן אויסלייז פון פּיין, דורך פאַרפאַלן ווערן צווישן די קרעמאַטאָריע־אויוונס.

פאַרמאַך נישט די לאָדנס מער,
קינד,
נישט נייטיק שוין.
לאָז דעם טויט אַריין פריי,
באַזאָרג נישט מער קיין וואַסער אין שטוב.
ס'וואָרט „ברויט"
ברענג נישט אַרויף אויף דיינע ליפּן,
נישט נייטיק שוין,
דאָס ביסל האַלץ אין קיך
וואַרף אַרויס.

דער פאַרצייכענער דערציילט ווי עס האָט אויסגעזען די טאַרנאָווער געטאָ אין די טעג פון פאַרטיליקונג און שוואַרצן גזר.

יוסף ראָגעל שילדערט פאַר אונדז אוישוויץ, די וויינענדיקע הויפנס שיך, די אייזערנע קראַטן, דעם חושך פון דער איינזאַמער לאַגער־תפיסה, דעם „טאַנץ־ספּאָרט" פון אַלטע יידן, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט ביים ס.ס.־קאָמענדאַנט, די בושה פון איינגעבערענטן נומער, די הונדערט פאַרשיטע ברידער אין איין גרוב, דעם ראש השנה אין אוישוויץ מיט די פסוקים פון די ראש השנהדיקע תפילות געשעפּטשעט אויף אויסנווייניק, די באַפרייונג און דעם וועג צו דער וויסטער היים.

אין יוסף ראָגעלס בוך קריגן מיר אַ שטיקל באַגריף פון אַ טויטנלאַגער, גראָד דערפאַר, ווייל ער האָט עס פאַר אונדז אַזוי פשוט און טאָגבוך־מעסיק פאַרשריבן.

און דווקא דערפאַר, ווייל מיר זעען דעם שרייבער אָנקלאַפּן אין די טויערן פון די אַלע געהייליקטע גיהנומס, וווּנדערן מיר זיך וואָס ער איז אַרויס פון דאָרט מיט געגוג ליכט צו קענען זען אוישוויץ ווי אַ געטלעך־ברענענדיקן סנה. מיר וווּנדערן זיך נאָך מער אויף די מאָמענטן פון גלויבן, וואָס האָבן געקענט געבן טרייסט צו אַזעלכע פאַרפייניקטע הויט־און־ביינער גופים. אָבער גלויבן איז פאָרט געווען די טרייסט אין שעהן פון טיפסטער פאַרצווייפלונג, ווי ס'זאָגט עדות דער שרייבער אין זיין אַריינפיר. אויך אין די בונקערס האָט מען מיט די לעצטע כוחות מתפלל געווען און אַזוי געדאַוונט ווי ס'דאַוונט פאַר אונדז יוסף ראָגעל אין דער לעצטער אָפּטיילונג פון זיין בוך.

איין רגע האָסטו געהויזט ביי מיר.
איין רגע האָסטו מיך אָנגעקליידט
מיטן סוד פון דיין אַליינקייט;
אַ ווייל האָסטו פאַר מיר אַנטפּלעקט
דעם וווּנדער פון דיין שאַפונג.

יעקב גלאַטשטיין

איך האָב זיך אין די אָרעמס פון געבעט געקלאַמערט:
אָ, גאָט!
העלף מיר אין מיין וועג, דעם טונקעלן,
נאָך איינמאָל צו באַרירן די זוימען
פון דיין ליכטיקן געצעלט.
העלף מיר, גאָט.

אין דעם ליד איז פאַראַן אַ טאַגאַריסטישער אָטעם, אָבער ער קומט צו אונדז נאָך אַלע באַשרייבונגען וואָס די האַנט מיטן איינגעברענטן נומער A-18260 האָט פאַרצייכנט לדורות.

.1951

לייזער וואָלף

צווישן די פריִע, פרייוויליקע קרבנות פון לעבן און אומקום אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, איז געווען דער יונגער, פיל־צוזאָגנדיקער פּאָעט לייזער וואָלף. ער איז פאַרשניטן געוואָרן אין עלטער פון 33 יאָר. דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער, וואָס ה. לייוויק האָט אָפּגעקליבן און רעדאַקטירט, און זיין ווילנער חבר ל. ראַן, וואָס האָט זיך צום גליק אַרויסגעראַטעוועט, נאָכדעם ווי ער איז „געראַטעוועט״ געוואָרן אין סאָוועטרוסלאַנד, האָט געזאַמלט די לידער און געשריבן אַ חברשן אַריינפיר. ער דערציילט אונדז, אַז וואָלף האָט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן „אין לאַנד פון זיך בויענדיקן סאָציאַליזם״, ווען די סאָוועטן האָבן צוריקגעשאָנקען ווילנע צו די ליטווינער, אין 1940. דעמאָלט איז לייזער וואָלף אַוועקגעפאָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, צו זיין שוועסטער. אויסגעוואָקסן איז ער שפּעטער אין אוזבעקיסטאַן, און די ידיעות פון זיין טויט האָבן אונדז דערגרייכט, כמעט אין זעלביקן יאָר ווען ער איז געשטאָרבן, אין 1943. געהערט האָבן מיר אַז ער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־אומגליק, אָבער ראַן דערציילט אונדז, אַז ער איז געשטאָרבן, נישט ווייט פון סאַמאַרקאַנד, אין דעם שטעטל שאַכריזיאַבס, פון טיפוס אָדער גלאַט פון אויסצערונג און שווערער אַרבעט. לייזער וואָלף האָט געלעבט, אַך־און־ווי, פון דרייען וואַטע און מאַכן דערפון שטריק.

קודם־כל וויל איך דאָ פאַרריכטן אַ קליינעם טעות, אין די ביבליאָגראַפישע פּרטים וואָס לייזער ראַן ברענגט, אין זיין וואַרעמער אָפּשאַצונג און הקדמה צו דער לידער־זאַמלונג. ער שרייבט אַז אַחוץ אַ ליד אין „אינזיך״ זשורנאַל, אין 1936, איז די „צוקונפט״ געווען וואָלפס איינציקע ליטעראַרישע טריבונע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זינט 1933, ווען א. ליעסין האָט פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין „צוקונפט״. דער אמת איז אַז אין זעלביקן יאָר 1936, האָט וואָלף פאַרעפנטלעכט צוויי פון זיינע באַרימטסטע לידער אין „אינזיך״. דאָס ערשטע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין נומער צוואַנציק, יאַנואַר 1936. אין זעלביקן נומער געפינען מיר אויך דעם נאָמען פון דער יונגער אינטערעסאַנטער דיכטערין דבורה פאָגעל, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען פון די נאַציס. דאָס ליד וואָלפס הייסט „מאָרד״ און איז פול מיט אויסטערלישע פאַרגלייכן. דאָס ליד גיט זיך גלייך אַן עפן מיט אַן איבעררא־

שונג, אַז „די נאַכט איז ברוין ווי פּושקינס פּנים״, און זי אַרבעט זיך אַרויף אויף גאַנצע „וועלטן וואָס זילבערן זיך הייליק ווי ליעוו טאָלסטאָיס צעוויגטע באָרד״.

מיט ניין חדשים שפּעטער, אין סעפּטעמבער, נומער 27, האָט דער „אינזיך״ ווידער געבראַכט וואָלפס אַ ליד „משוגעת״. מיט דעם דאָזיקן טשיקאַוון אָנהייב:

טאָג. אַ שוואַרצן אויטאָ
פירט אַ נאַקעטער שאָפער.
אויף אַ ווייסן וואָלקן
לאַכט אַ טונקעלער קאָטער.

אין זעלביקן סעפּטעמבער־נומער געפינען מיר אַן אַרטיקל פון דעם פּובליציסט און קריטיקער אליהו שולמאַן, וואָס האָט אונדז דעמאָלט געבראַכט „אַ גרוס פון דער יונגער יידישער דיכטונג אין פּוילן״. שולמאַן האָט פון אַמעריקע עולה־רגל געווען צו דער יידישער ווילנע און האָט זיך זייער נאָענט באַפריינדט מיט דער גאַנצער יונג־ווילנער גרופּע. שרייבט ער שוין דעמאָלט, אין 1936, וועגן לייזער וואָלפן אַז ער איז אַ „פיינער סאַטיריקער. ער איז שאַרף און טרעפלעך. צי לייזער וואָלף שרייבט וועגן אייראָפּעיִשע דיפּלאָמאַטן, צי וועגן דעם מאָדערנעם מנחם מענדל — אומעטום איז ער אָריגינעל און שאַרפזיניק. ער ברענגט אַריין זיין אייגענעם טאָן״.

מיר פון „אינזיך״ האָבן אויך געגלייבט אַז ער ברענגט אַריין אַן אייגענעם טאָן, אָבער וואָלף האָט זיך געפונען אין אַן איבערגאַנג־פּעריאָד. ער האָט אונדז געשיקט אַ סך רוי־עקספּערימענטאַלע לידער, וואָס מיר האָבן נישט געקענט דרוקן. ס׳איז באמת ביז גאָר טשיקאַווע, אַז א. ליעסין זאָל נאָך אין 1933 שעצן וואָלפס טאַלאַנט. ליעסין איז נישט געווען קיין נוח צו פּאָעטישע „בריות״. ער האָט פיינט געהאַט אַלטע, מיטל־יאָריקע, יונגע און ייִנגסטע פּאָעטן, אַפילו די וועמען ער האָט יאָ געדרוקט אין דער „צוקונפט״. ווי אַזוי אים איז איינגעפאַלן מקרב צו זיין דעם מאָדערניסטישן לייזער וואָלפן, איז באמת אַ טיפע רעטעניש. כ׳קען זיך נישט דערמאָנען צי וואָלף האָט נאָך געדרוקט לידער אין דער „צוקונפט״, אויך אין 1936, אָבער כ׳בין זיך משער אַז ס׳איז אים שווערער געוואָרן אָפּצודרוקן אַ ליד אין „צוקונפט״, ווייל א. ליעסין האָט פיינט געהאַט דעם „אינזיך״, מיט אַן אומגעזעטיקטער שנאה, און ער האָט אַפילו געשיקט בריוו צו יונגע פּאָעטן אין פּוילן, וואָרענענדיק זיי קעגן די „אינזיכיסטן״. ס׳איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז ליעסין וואָלט וואָלפן נישט געדרוקט, נאָך אַזאַ מרידה, ווי דרוקן אַ ליד אין „אינזיך״; און איך בין גאַנץ זיכער, אַז די נאַכט וואָס איז „ברוין ווי פּושקינס פּנים״,

אָדער דאָס ליד מיטן „שאָפער" און „קאָטער" וואָלט בכלל נישט געדרוקט געוואָרן אונטער ליעסינס רעדאַקציע.

כ'האָב אַביסל מאריך געווען איבער די דאָזיקע פּרטים, ווייל כ'האָב בפירוש געוואָלט אָנווייזן, אַז אין לייזער וואָלפס טאַלאַנט זענען געווען פאַר־אינטערעסירט אַלע יונגע יידישע אַמעריקאַנער פּאָעטן אין די יאָרן, ווען זיין טאַלאַנט האָט זיך צעבליט, און ער האָט געגומען ווייזן זיינע כוחות.

ער האָט פאַרמאָגט אַ סך טעאַטראַלישקייט, דיכטעריש ענלעך צו בראָ־דערזאָנען. ווי בראָדערזאָן האָט ער ליב געהאַט שפּיל און עקסטראַוואַגאַנץ, און ער האָט זיך אַ צייט מטפל געווען מיט טעאַטער און מאַריאָנעטן שפּיל. ער איז נאָך געווען גאָר יונג, אָבער ער האָט באַוווסטזיניק פאַרביטערט זיינע לידער און זיי פאַרשאַרפט מיט אַ סך סענסאַציאָנעלע איבעררּאַשונגען. ער איז בכיוון אַרונטער פון טאָן און פון גלייכן שרייבערישן וועג און זיך אַליין געשטרויכלט כדי צו זען וואָס מ'קען דערפון פאַראיבריקן.

די בעסטע לידער זיינע געפינט מען אין זיין זאַמלונג „שוואַרצע פּערל". ער איז געווען גוואַלדיק פאַרליבט אין דער מאָדערנער אייראָפּעישער פּאָע־זיע, און ער האָט זיינע אייגענע לידער געוואָלט האַרמאָניזירן, מיט דעם דאָ־זיקן מאַרש צו מאָדערניזם. אַפילו זיינע יידישסטע לידער, האָט ער געשריבן אַנדערש־יידיש, (דעקאַראַטיוו־יידיש), ווי זיינע חברים פון יונג־ווילנע. זיינע אייראָפּעישע ברילן זענען געווען אַביסל פּראָווינציעל. ער האָט רק גע־וואָלט אַרויספירן אונדזער טביה, אונדזער מנחם־מענדל און שיינע־שיינדל, אויף פאַריזער בולוואַרן, אָדער אויף אויסגעטראַכטע בולוואַרן, ווו די נאַכט איז ברוין ווי פּושקינס פּנים.

ער איז צו־פרי אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז. לייזער וואָלף איז גע־ווען אומגעהויער פּראָדוקטיוו און ער האָט זיך זיכער געריסן צו גאָר גרויסע פּאָעטישע מעשים. דער עיקר האָט ער געקענט פריילעך לאַכן און אָפּלאַכן, און פון אים וואָלט זיך אויסקריסטאַליזירט אַן אינטערעסאַנטע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט. אין דער אָפּגעקליבענער זאַמלונג לידער, וואָס דער אַל־וועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן, געפינט מען אַ צאָל אינטערעסאַנטע לידער און גאָר אַ סך פיינע דורכבליצנדיקע שורות, וואָס ווייזן וואָלפס אייגנאַרטיקן טאַלאַנט. די יונגע שרייבערס פון דער גרופּע יונג־ווילנע זענען אַלע געווען אינדיווידועלע קינסטלערס, איינער שאַרף־אַנ־דערש פון אַנדערן, אָבער וואָלף איז געווען אַנדערש — אַנדערש. ער האָט געזוכט דאָס אויסטערלישע, דאָס טעלערל פון הימל. אַמאָל האָט ער עס גע־קראָגן אויף אַ רגע, און אַמאָל האָט מען געזען, אַז אָט־אָט און ער וועט דאָס טעלערל אַ כאַפּ טאָן מיטביידע הענט, און דערמיט טאָן, גרויסע זאַכן.

יעקב גלאַטשטיין

אין 1939 האָט ער אין ווילנע געשריבן די דאָזיקע שורות צו זיין שוועסטער:

כ׳בין אַלט געוואָרן, שוועסטער מיינע,
איך האָב פאַרלאָרן אַלע וועגן
און מיר איז אומעטיק צו זיין,
ווי אויף אַ פעלד ביינאַכט אין רעגן.
די פריינט זענען אַוועק פאָראויס.
איך בין געבליבן שטיין אין מיטן,
אַזוי ווי אויף אַ לאָנקע בלייבט
אַ בערגל גראָז ניט אָפגעשניטן.
איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, שוועסטער מיינע,
אין וואַלד פון ווערטער און געדאַנקען,
איך האָב געמיינט: מיין נאָמען וועט
ווי אַ לבנה הייליק בלאַנקען.
נאָר טונקל איז מיין נאָמען היינט,
נישט צוגעקלעפּט צו קיין זכרון,
און איך — אַ שאָטן פון אַ בוים,
וואָס האָט די צווייגן אָנגעוואָרן.

מיט פיר יאָר שפּעטער איז דער יונגער פּאָעט אָפּגעמעקט געוואָרן פון לעבן. ס׳איז געווען אַ חסד של אמת, וואָס לייזער ראַן האָט געטאָן, צו וועקן אויפמערקזאַמקייט צו דער קליינער ירושה, וואָס ה. לייוויק האָט געהאָלפן אָפּקלייבן. דאָס בוך איז אַ געדעכעניש און לייזער וואָלפס נאָמען איז מער נישט טונקל, נאָר „צוגעקלעפּט צום זכרון״ פון דער יידישער פּאָעזיע.

1956.

דער קדוש — זישע באַגיש

כ'האָב נעכטן געלייענט כינעזישע לידער אויף ייִדיש, כ'האָב זיי געזאָגט ווי תהילים. כ'האָב אויפגעזוכט אַ קליין ביכעלע לידער, וואָס דער דיכטער־קדוש זישע באַגיש האָט מיר אין 1938 צוגעשיקט פון לאָדזש, מיט זייער אַ וואַרעמער אויפשריפט און כ'האָב געזופּט די עקזאָטישע פּערזן, וואָס דער אומרויִקער פּאָעט האָט אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען — „כינעזיש". דאָס שיינע ביכעלע פון 80 זייטן, מיט אַ כינעזיש־סטיליזירטער הילע, מיט ייִדישע אותיות, וואָס זענען געצייכנט ווי כינעזישער שריפט, איז געדרוקט געוואָרן אין לאָדזש, אָבער אַרויסגעגעבן געוואָרן איז עס דורכן פאַרלאַג — „מ. צעשינסקי, שיקאַגע". דער זעלביקער פאַרלאַג האָט אין 1936 פאַרעפנטלעכט באַגישעס „איבערדיכטונגען" פון נעגער־לידער, אונטערן נאָמען „דאָס געזאַנג פון נעגער־פאָלק".

זישע באַגיש איז געווען אַ דיכטער, וואָס האָט כסדר געהאַלטן אין איין עקספּערימענטירן. ער האָט פאַרמאָגט אַ בייגזאַמע שפּראַך און אַ מוזיקאַלישן פערז און זיין אייגענער אינהאַלט האָט זיך געזוכט אַרויסצושיילן פון זיינע צו־שיינע ווערטער. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער אין אַנטווערפּן, אַ בוך לידער אין בריסעל און אַ בוך לידער אין בוקאַרעשט. אין זעלביקן יאָר, ווען ס'איז דערשינען זיין בוך — „כינעזיש", האָט ער אויך אין וואַרשע אַרויסגעגעבן אַ בוך קינדער־לידער. די לידער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין בריסעל, אין 1935, האָבן געטראָגן דעם גוט־ברודערישן נאָמען — „לערנט ליב צו האָבן דאָס לעבן". די לידער זענען געווען „פּלאַקאַטן", געשריבן אין סטיל פון די דעמאָלטיקע פּראָלעטאַרישע דיכטער, נאָר זיינע געשרייען זענען געווען פאַראיידלט און פאַרזונגען. זיינע פּלאַקאַטן זענען געווען אָנגעוואַרעמט מיט מענטשלעכן אָטעם און פון צווישן די שרייעוודיקע שורות האָט אַרויסגעזונגען אַ דיכטער, וואָס האָט טאַקע אויפריכטיק ליב געהאַט מענטשן און געוואָלט העלפן מיטבויען אַ נייע וועלט. דערפאַר האָט אים, אַ ייִדישן דיכטער אין בעלגיע, געצויגן צו טאָן זיין פליכט און אַרויסגעגעבן אַ מיניאַטור־אַנטאָלאָגיע פון נעגער־לידער אויף ייִדיש. די לידער האָט ער איבערגעזעצט פון דייטש און פראַנצויזיש, אָבער ער, דער אייראָפּייער, האָט געפילט אַז אין דער ייִדישער פּאָעזיע דאַרף זיך הערן דאָס געזאַנג פון אַמעריקאַנער נעגער.

היטלערס טרופּן האָבן אים פאַרכאַפּט אין ביאַליסטאָק און מער האָט מען פון אים נישט געהערט. מ׳האָט בלויז געוווּסט אַז מ׳האָט אים פאַרשלעפּט ערגעץ אין אַ לאַגער, ווּ ער איז אומגעקומען. נעכטן איז מיר באַשערט געווען צו קריגן אַ לעצטן גרוס פון אים, כ׳האָב געלייענט ווי ער האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר אַ ייִנגערן מענטשן. כ׳האָב געפילט אַז איך מוז זיינע ייִדישע רייד זאָגן ווי קדיש. כ׳האָב דערפאַר געלייענט דאָס איינציקע ביכעלע זיינס, וואָס האָט זיך ביי מיר אויפגעהיט — די כינעזישע לידער, וואָס ער האָט איי־בערגעזעצט מיט אַ סך ליבע, ווייל זיי זענען געווען צוגעפּאַסט צו זיין געמיט און צו זיין פאַרליבטקייט אין דעם עסענץ פון ליד. כ׳האָב זיך געשפּיגלט אין זיין אויפשריפט און געטראַכט וועגן די לעצטע מאָמענטן ווען ס׳איז אַרויס זיין גרויסע נשמה.

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט אַ כינעזישן דיכטער, פאַרוואָס ער שרייבט אַזוי ווייניק. האָט דער קלוגער פּאָעט אַזוי געענטפערט: סיי־ווי בלייבן פון די גרעסטע פּאָעטן בלויז געציילטע שורות, וואָס לאָזן זיך געדענקען, שרייבט ער דערפאַר גלייך די עטלעכע געדענקלעכע שורות. ער וויל, הייסט עס, איינ־שפּאָרן דער אומשטערבלעכקייט די אומאָנגענעמע אַרבעט אויסצוגראָבן און סאָרטירן דאָס ביסל גוטס פון דעם פוילנדיקן שטרוי. די גאַנצע אַלטע כינע־זישע פּאָעזיע איז אַזאַ פּאָעזיע פון בלייבעוודיקע שורות, ווי די פּאָעטן וואָלטן לכתחילה געזונגען די שפּאָרעוודיקע רייד, וואָס האָבן געקענט ביישטיין די גרויזאַמסטע אומשטערבלעכקייט. כאָטש ס׳ווערט דערציילט, אַז קאָנפוציוס אַליין האָט רעדאַקטירט דאָס אַלטע פּאָעזיע־בוך און פון דריי טויזנט לידער אָפּגעקליבן בלויז 305 לידער, פון דעסטוועגן פילט מען אַז כינעזער האָבן גלייך געזונגען דעם שאַרפן געצערטן וויין פון ליד. לי־פּאָ, אָדער לי־טאַי־פּאָ (זישע באַגיש רופט אים ווי אַלע אייראָפּייער — לי - טאַי - פּע) האָט באמת געזונגען דעם וויין פון ליד, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער שיכור און ער האָט געשריבן די ערשטע כינעזישע טרינק־לידער. ס׳ווערט איבערגעגעבן, אַז דער גרויסער פּאָעט פון דער טאַנג דינאַסטיע, וואָס האָט געלעבט אין אַכטן יאָרהונדערט (701 — 762) האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קעניגלעכן באַפעל, אַז אין יעדער שענק מוז ער קריגן אַזויפיל וויין, וויפל זיין האַרץ גלוסט און וויפל ער קען אויסטרינקען. לי־פּאָ האָט דעם קעניגלעכן ווייך־דעקרעט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט, אַז ער איז אַפילו געשטאָרבן אַ שיכור. ער איז אַרויסגעפאַלן פון אַ שיפל און דערטרונקען געוואָרן, ווייל אים האָט זיך דווקא געוואָלט אַ קוש טאָן די אָפּשפּיגלונג פון דער לבנה אין וואַסער, ווייזט אויס אַז דער גרויסער פּאָעט פון וויין איז אומגעקומען פון בלויזן צורירן זיך צום וואַסער.

כ׳ווייס נישט וואָס פאַר אַ לידער ס׳זינגט איצט די טראַגישע כינע, אָבער לי־טאַי־פאָ ווערט נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן פּאָעט פון דעם כינעזישן פאָלק. ער האָט געזונגען פון וויין און פרויען און ווי ליך־יוך־טאַנג זאָגט, האָט ער מיט זיין שפּראַך און מוזיק ממש היפּנאָטיזירט דעם כינעזישן לייענער.

אין דער זאַמלונג פון כינעזישע לידער האָט באַגיש אויך אַ קליינע אָפּטיילונג פון לי־טאַי־פּאָס לידער און פון אַ צענדליק אַנדערע פּאָעטן. אין פאַרגלייך מיט די ענגלישע איבערזעצונגען פון כינעזישע לידער וואָס מיר קענען, — פון אַרטור וועילי, העלען וואַדעל, וויטער בינער און עזרא פּאַונד זענען זישע באַגישעס לידער גאַנץ געראָטן, אויב מ׳נעמט אָן אַז אַלע איבערזעצונגען פון כינעזישע לידער אויף אַן איראָפּעיִשער שפּראַך זענען אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון דעם כינעזישן אָריגינאַל. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס באַגיש האָט געגראַמט די לי־טאַי־פּאָ לידער. כ׳בין זיך משער, אַז די דייטשע איבערזעצונגען, וואָס פון זיי האָט באַגיש געמאַכט זיינע איבערדיכטונגען, זענען אויך געגראַמט, אָבער די פרייע איבערזעצונגען אין ענגליש זענען גראַד דורך זייער פרייהייט אפשר אַביסל נענטער צום אָריגינאַל, ווייל זיי זענען נישט געצאַמט דורך דער איראָפּעיִש דיכטערישער צוואַנג־מאָס. פון דעסטוועגן איז באַגישן, וואָס איז געווען פאַרליבט אין שיינקייט פון ליד און האָט איבערגעזעצט מיט ציטערדיקער פרומקייט, געראָטן איבערצוגעבן דעם כישוף, וואָס מיר נעמען אָן פאַר דעם כינעזישן געמיט. אָט איז אַ ליד פון טשאַנג־טי־סי אין באַגישעס איבערזעצונג.

איך זיץ ביים בעכער רויטן וויין\
און וואַרט. באַלד וועט פאַלן אַ בליץ לבנה־שיין.\
אַ שטראַל טוט אַ גלאַנץ. ס׳ציטערט אַ געזאַנג.\
איר שפּיגל די לבנה מיר דערלאַנגט.\
ווער בין איך, לבנה, און ווער ביסטו?\
איך בין דער אומרו — און ביסט די רו.\
דער גאָלדענער האָז, וואָס באַלזאַם שפּרייט\
פון אייביקן לעבן — פאַר מיר איז׳ס געגרייט?\
יאָרטויזנטער זיך שפּיגלען אין דער לבנה ווו —\
אייביק קיניגט די געטין טשאַנג־נגו.\
געטין היל אָפּ, דיין שלייער פון קאָראַלן,\
זאָל שטראַל פון דיין אויג אין מיין בעכער פאַלן.

מ׳פילט אַז אין דער פרייער איבערזעצונג איז פאַראַן פון דעסטוועגן גענוג כינעזישע דעקאָראַטיווקייט, וואָס איז לעבן איבערגעזעצט אויף פּאָעזיע. דער איינדרוק פון אַ כינעזיש ליד איז, אַז די דיכטער אַליין זעצן איבער און

ליטערן אַרויס פון גראָבן אינהאַלט, דאָס שפּיגלדיקע, דעם בליץ פון אינ־האַלט, וואָס האָט בלויז אַן עכאָ פון טרויער און אַ מאַסקע פון פרייד.

מאַי שענג

דער צאַרטער פויגל

ביים ברעג פון גרינע לאָנקעס בליט דיין הויז,
אַ צאַרט מיידל קוקט פון טיר אַרויס.
אין פירהויז שטייט דער מאַנדאַרין,
אַ פויגל זינגט און פליט אַהער־אַהין.
שליס אָפּ די טיר און היט דאָס הויז,
אַנישט — פליט דער פויגל פון דער שטוב אַרויס.

פאַראַן אויך אַ שאַרפער אינהאַלט אין אַ סך כינעזישע לידער, דערהויפּט אין די פאַציפיסטישע לידער פון דעם דאָזיקן פרידנס־פאָלק.

גענעראַל!
מיר זענען דעם קיניגס אונטערטאַנען און שקלאַפן!
ווי וואַסער זענען מיר אין טייך פאַרפלאָסן.
אומזיסט האָסטו אונדזער בלוט פאַרגאָסן
גענעראַל!

גענעראַל! דעם קיניגס אָדלערס זענען מיר און ווערים!
אונדזערע קינדער הונגערן... אונדזערע ווייבער גרוילן.
אין פרעמדער ערד אונדזערע ביינער פוילן.
גענעראַל!

אָט דאָס קלאָג־ליד וועגן שלאַכט און טויט ווערט נאָך קלאָרער, טרויע־ריקער און שענער אַרויסגעבראַכט אין — „אַן עפּיטאַף אויפן קבר פון אַ העלד", וואָס קלינגט ווי אַן אָריגינעל־געשריבענע עלעגיע אין באַגישעס צי־טערדיקע שורות:

קאָנג־פו־טסע

עס בלינען פונעם שנייַ די אַנעמאָנען,
מיט זיין האַרץ זיך שפּילט דאָס קינד און וויינט.
פאַר אונדז, וואָס אין גריבער ליימיקע מיר וווינען,
איז זון־אויפגאַנג און אונטערגאַנג אַלץ איינס.

תמיד אָבער שלאָגט פון פעלדז דער קוואַל,
און לבנה שיט אויף פרויען זילבער־ראָז,
אייביק בלאָזן וועט דער האַרבסט זיין האָרנשאַל
ווי תמיד צישן ס'וועט די גריל אין גראָז.

פיל שפּאַנען פעסט די פערד אין צוים —
דער רום פון טויזנט שלאַכטן איז פאַרוויט,
וואָס בלייבט פון העלדנטום? אַ בערגל אַש קוים,
ווי אומקרויט פייער־רויט זיך שפרייט.

לי־טאַי־פּאָס לידער אין באַגישעס קליינער זאַמלונג זענען געציילטע, אָבער ער האָט אונדז געגעבן עטלעכע פיינע מוסטערן.

ס׳האָט זיין נעץ דער אָוונט אויסגעשפּאַנט,
און פון די בלויע בערג איך שטייג צום ברעג,
ווי שיפלעך שווימען זיי אין נעפּל, די לבנה־האַנט
באַגלייט שטיל דעם וואַנדערער אין וועג.
דער בליק ווי בליי אין טיפן טעלער טויכט,
ווו דעמערונג אויף די נידעריקע הייזער רויכט,
מיר קומען האַנט ביי האַנט צום פּאַוויליאָן.

אַ דינער קלינגט אין געפלאָכטענעם טירל אָן.
דאָס גראָז גלעט דעם זוים פון קלייד, איך פיל
כ׳בין אַנטציקט, מיין פרינץ, דאָ אין דער שטיל
אין פלוידעריי צוזאַם מיט אייך צו זיין
איר זענט אַ יונגער מאַרעל־בוים... דער וויין.

אַ שאָד וואָס באַגיש האָט נישט איבערגעזעצט די כאַראַקטעריסטישע פּרוי־ און טרינק־לידער פון דעם גרויסן פּאָעט פון דער פאַרטרויעריקטער פרייד, וואָס האָט אַ שיכורער געזונגען אין זיינס אַ ליד, וואָס כ׳נעם אַרויס פון וויטער בינערס איבערזעצונגען:

לאָמיר אַלעמאָל זיין שיכור און קיינמאָל נישט קומען צו ניכטערקייט.
ניכטערע לייט פון פאַרגאַנגענע טעג און חכמים זענען פאַרגעסן
און נאָר דער רום פון גרויסע טרינקערס לעבט אייביק.

ווו האָט לי־טאַי־פּאָ געזען אַזאַ אומשטערבלעכקייט פאַר שיכורים איז נישט באַוווּסט, אָבער זיינע טרינק־לידער זענען געוווען לאָגלען פון פרייד, וואָס האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זינגען די לידער צו פרויען און וועגן פרויען מיט אַ שטילער פאַרשייטקייט און אויך זיינע וואַרעמע לידער פון פריינשאַפט.

אָ, גייט און פרעגט דעם טייך וואָס לויפט צום מזרח,
אויב ער קען פליסן שנעלער ווי די ליבשאַפט פון אַ פריינט.

ס׳איז מיר אויך אַ שאָד, וואָס באַגיש האָט נישט איינגעשלאָסן אין זיין בוך — „כינעזיש״ דאָס באַרימטע און פיל־איבערגעזעצט ליד פון דעם יונגן

ווייבל, וואָס איז בלויז אַלט 16 יאָר און איר האָרץ ווערט צעבראָכן, ווייל איר מאַן איז אַוועק אויף אַ ווייטער נסיעה.

דיינע פוס־טריט ביי אונדזער טיר, ווו איך האָב דיך געזען אַוועקגיין,
זענען געווען באַהאַלטן, יעדער איינער טריט, אונטער גרינעם מאָך,
באַהאַלטן אונטער מאָך צו טיף, מ׳זאָל עס קענען אָפּווישן.
און דער ערשטער האַרבסט־ווינט האָט עס באַוואָרפן מיט געפאַלענע בלעטער.

און איצט אין אַכטן חודש,
פליִען פאַרלעכווייז געלע פלאַטערלעך
אין די גראָזן פון אונדזער מערב־גאָרטן.
און צוליב דעם אַלץ ווערט מיין האַרץ צעבראָכן,
און כ׳בין שטאַרק באַזאָרגט אַז מיינע פרישע באַקן וועלן נעמען וועלקן.

אָבער מאַלע וואָס אין דעם בוך „כינעזיש״ פעלט. דאָס וואָס ס׳איז דאָרט דאָ איז באמת אַ וויכטיקער ביישטייער. כ׳בין זיכער אַז דאָס בוך איז איצטער אַ יקר המציאות, וואָלט מען עס געמעגט איבערדרוקן, ווייל די עט־לעכע און פופציק איבערגעזעצטע לידער זענען אַ רייכער צושטייער צו דער יידישער איבערזעצונג־ליטעראַטור.

מיין בעט איז ליידיק און וואַך איז מיין שלאָף,
ס׳איז קאַלט, אַ טריבער נאַכט־ווינט בלאָזט.
אַ, ווען ס׳וואָלטן די פאַרהאַנגען, כוואַליעס געווען,
וואָלט איך אויף זיי צו דיר זיך געלאָזט.

אַפילו דער אויסוואַל איז אַ געלונגענער און ס׳איז אַ טיפער פאַרדראָס, וואָס באַגיש האָט מיט צען יאָר צוריק נישט געהערט קיין לויב פאַר זיין אומדאַנקבאַרער אַרבעט. כ׳האָב נעכטן געלייענט און געלייענט די לידער און זיי געזאָגט, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע אָריגינעלע גרוסן פון אַ ווייטער שיינקייט, וואָס דער פּאָעט האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה. איך האָב אין באַגישעס כינעזישע איבערזעצונגען אַריינגעלייגט קדושה פון מגילות פון קדושים, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז, ווייל אַלץ וואָס ער האָט אַמאָל געשריבן האָט ער געהייליקט מיט זיינע לעצטע שעהן.

אויף דער שילדערונג פון די לעצטע מאָמענטן זיינע האָב איך זיך אָנ־געשטויסן אין דעם בוך — „דער אומקום פון ביאַליסטאָקער יידנטום״ פון רפאל רייזנער. רייזנער איז דער געוועזענער פאַרוואַלטער פון דרוקעריי און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַרלאַג „אונדזער לעבן״. ער אַליין האָט פאַר־לוירן זיין פרוי און קינדער און ער האָט דורכגעמאַכט דעם חיבוט הקבר פון גאַנצע פינף קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זיין בוך געהערט צו די גרויליקסטע

כראָניקעס פון אונדזער צייט. ער גיט אונדז איבער, אָן שום באַפּוצונגען און שילדערונגען, די שטופּנווייזע פאַרניכטונג פון אַ גרויסער ייִדישער קהילה. ער דערציילט איינצלהייטן, ער דערמאָנט נעמען, ברענגט עפּיזאָדן און פון דעם אַלעם קייטלט זיך צונויפֿ אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט. די פאַרוואַלטונג פון „ביאַליסטאָקער צענטער" אין אויסטראַליע, וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן, זאָגט גאַנץ ריכטיק אין דער פאָררעדע, אַז „בלויז מיט פּשוטע ווערטער — דורכגעדרונגען מיט צער און ווייטיק — וואַרפֿט ער (רייזנער) אָן אויף פּאַפּיר אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט ביים דורכ־מאַכן דעם שוידערלעכן גיהנום".

אויף זייט 271 פון דעם דאָזיקן אומפּאַרגעסלעכן בוך געפינען מיר עט־לעכע שורות וועגן זישע באַגישעס לעצטע שעהן פון זיין לעבן, אין דעם „דע" לאַגער נישט ווייט פון די גאַז־אויוונס אין בערקענאַו. ס׳איז כדאַי איבער־צוגעבן וואָרט פאַר וואָרט די שילדערונג וועגן אַ נשמה, וואָס איז אַרויף צו די העכסטע הויכן.

„דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן סאָקאָלאָוויטש, וועלכער האָט געזאָלט אָפּגעפירט ווערן אין גאַז־קאַמער, איז אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער הין און צוריק איבערן באַראַק. דער באַקאַנטער ביאַליסטאָקער שרייבער זישע באַגיש, דערזעענדיק סאָקאָלאָוויטשן אין אַזאַ מצב, האָט אים צוגערופן צו זיך און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: «דו ביסט נאָך יונג און געזינטער פון מיר, איך בין שוין שוואַך און וועל דעם גיהנום מן־הסתם נישט אויסהאַלטן. וועל איך דיר געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. איך וועל מיט אַ פרייערן געמיט גיין אָנשטאָט דיר אין גאַז־קאַמער אין דעם באַוווסטזיין, אַז דורך מיין קרבן ראַטעווע איך אַ צווייטן ייִד». סאָקאָלאָוויטש האָט באַגישן קיין תשובה נישט געגעבן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַוועק אויף זיין נאַרע.

„ביינאַכט ווען מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויספירן פון בלאָק די קרבנות וואָס דאַרפן גיין צו פאַרגאַזונג, גייט צו באַגיש צו סאָקאָלאָוויטשן, געזעגנט זיך מיט אים, ווינטשט אים דערלעבן די באַפרייונג און — גייט אַוועק מיט דער גרופּע.

„באַגישעס ברכה איז טאַקע מקוים געוואָרן. סאָקאָלאָוויטש געפינט זיך היינט צווישן די לעבעדיקע."

דאָס איז געווען אין יאָר 1944, ווען הונדערטער טויזנטער ייִדישע לעבנס זענען אַרויף ווי מאַנענדיקע רויכן צו די הימלען. צווישן די רויכן האָט זיך געהויבן דאָס לעבן פון אַ מיד־געוואָרענעם פּאָעט און זיין רויך האָט געקרויזט אַרויף מיט אַלע קדושים העכער, אויב נישט נאָך העכער.

.1949

אַנטאָלאָגיע פון רעליגיעזע לידער און דערציילונגען

כ׳מוז צוגעבן אַז איך האָב נישט געוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ אינ־סטיטוציע, ווי אַ „פאָרשונגס־אינסטיטוט פון רעליגיעזן ייִדנטום״ אין נ׳יו־יאָרק. אָבער אויפן שערבלאַט פון דער „רעליגיעזער אַנטאָלאָגיע״, אַ בוך פון אַ 650 זייטן, שטייט בפירוש, אַז זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַזאַ אינ־סטיטוט. איז עס, זעט אויס, מיין עם־הארצות וואָס כ׳ווייס נישט, ווען און ווי אַזוי אַזאַ אינסטיטוט איז געשאַפן געוואָרן און וואָס ער האָט שוין ביז איצטער אויפגעטאָן, וואָס זאָל אַזאַ אינסטיטוט פירן אויפן וועג צו אַזאַ זאַמלונג.

אין דעם אַריינפיר, אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג פון עטלעכע און פערציק זייטן, געשריבן פון דעם באַוווּסטן העברעיִש־ייִדישן שרייבער משה פּראַגער, ווערט אַוועקגעלייגט אַ מין פּראָגראַם פאַר רעליגיעזע ווערק בכלל. וואָלט זיך מיט דעם פּראָגראַם געוואָלט פאַרפירן אַ נייטיקע מחלוקה, אָבער גיי קריג זיך, ווען מען דאַרף זיך באַוואָפענען מיט ראיות פון שאַפונגען, צווישן די „פאַרשניטענע געזאַנגען״, ווי פּראַגער רופט זיין לאַנגע אָפּהאַנדלונג — אַ שם הכולל פאַר די לידער, דערציילונגען, חסידישע מאָטיוון און אַנדערע זאַכן, וואָס זענען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע.

וואָלט מען זיך באַדאַרפט אָפּהאַלטן, אָבער גיי האַלט זיך אָפּ, ווען דער אַריינפיר איז געשריבן אין אַ לשם־שמימדיקן קריגערישן טאָן, וואָס איז פּאַק־טיש מבטל די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור און שיילט אַרויס בלויז די צען דיכטערס און די 26 פּראָזע־שרייבער, וואָס זענען אַריינגעלאָזט געוואָרן אין דער „רעליגיעזער״ זאַמלונג. טאָמער איז ווייניק דער שאַרפער אַריינפיר, האָט ער שוין געפירט צו בלבולים אויף דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע. אין „דאָס אידישע וואָרט״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער „אגודת ישראל״, געפינען מיר אַ רעצענזיע וועגן דער רעליגיעזער אַנטאָלאָגיע, וואָס כאַפּט אונטער די טעזיסן פון משה פּראַגער און פירט זיי אַרויס אויף נאָך אַ בריי־טערן וועג, פון איזאָלירן זיך פון דער גאַנצער נייער ייִדישער ליטעראַטור, אַזוי אַז דאָס ביסל וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך דעם „פאָרשונגס־אינסטיטוט״ ווערט פאָרגעשטעלט ווי דאָס איינציקע ביסל קדושה אַרויסגע־ראַטעוועט פון טומאה.

שרייבט ניסן גאָרדאָן אין דעם אגודה־זשורנאַל, אַז „דער גאַנג פון דער

גאַנצער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור איז אַריינצושלעפּן וואָכעדיקע גראַ־מען אין סאַמע קדשי־קדשים אַריין, צו פאַרוואַנדלען הייליקע אומבאַגריפ־באַרע פיגורן אין טאָג־טעגלעכע מענטשלעכע העלדן מיט אַלע שוואַכקייטן פון מאָדערנעם העלד. נעמט אַוועק די טעמע פון געשלעכט אין דער גאַנצער מאָדערנער פּאָעזיע, און זעט אויב ס׳וועט פון איר בלייבן עפּעס מער ווי אַ כזית״.

ווייס איך נישט צי אַ רעליגיעזער זשורנאַל האָט זיך געמעגט פּאַרגי־נען אַזאַ מיאוסן אומרעליגיעזן, שקר־בלבול אויף דער גאַנצער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. כ׳פאַרשטיי אויך נישט וואָס עס מיינט אַזוינס „וואָ־כעדיקע גראַמען״, ווי אַ מין קעגנזאַץ צו „הייליקע גראַמען״, און וואָס פאַראַ חטא ס׳איז צו פאַרוואַנדלען „הייליקע אומבאַגרייפבאַרע פיגורן אין טאָג־טעג־לעכע מענטשלעכע שוואַכקייטן״, ווען דער תנ״ך האָט עס שוין פריִער מתיר געווען און געוויזן, אַז דאָס איז דער דרך פון ייִדישער קדושה — די נישט־פאַרגעטערונג פון דעם גרעסטן קדוש; דער טיפער, הייליקער ייִדישער רעאַ־ליזם, וואָס איז אין דער הרכבה פון זיינע שטאַרקייטן מיט זיינע שוואַכ־קייטן, דער גרעסטער סוד און די טיפסטע מיסטיק.

ביי אונדז האָט מען אַ סך גערעדט און אַפילו געשריבן, אַז מען וואָלט זיך באַדאַרפט דערנענטערן צו די דאָזיקע רעליגיעזע עלעמענטן, כדי צו פאַר־שטאַרקן דעם צובונד צו ייִדיש. אָבער די דאָזיקע רעליגיעזע כוחות האָבן אונדז נישט אין דער לינקער פּאה. זיי זענען מאַקסימאַליסטן, רעליגיעזע באָלשעוויקעס וואָס ווילן אונדז אינגאַנצן עוקר מן השורש זיין. זיי וועלן נישט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן מיט קיין איינציק וואָרט אונדזערס, זיי וועלן פאָדערן פולע אונטערגעבונג צו אַזאַ מין אָפּשאַץ וועגן דער מאָדערנער לי־טעראַטור, ווי ס׳גיט אונדז משה פּראַגער אין זיין הקדמה. די מאָדערנע לי־טעראַטור, זאָגט ער אונדז אויף זיין געציקלטן, מיטלאַלטערלעכן סטיל, איז געוואָרן „דער שופר פון שטן מיט אַלע זיינע מלאכי־חבלה אויף אָפּצונאַקעטן די פאַרבאָרגנסטע מענטשלעכע תאוות און חשקות וואָס האָבן פריִער גאָר קיין נאָמען נישט געהאַט״. ער לאָזט אַפילו נישט לעבן די בעלי־תשובה אין דער ייִדישער ליטעראַטור. עס באַזייטיקט זיי ווי „מהרהרים בתשובה״ און נישט ווי „בעלי תשובה בפועל ממש״.

נאָך אַזעלכע קריג־דעקלאַראַציעס און אַפילו בלבולים, וואָס ווערן הפקר־דיק געדרוקט אין אַ רעליגיעזן ייִדישן זשורנאַל, מוז מען זיך אַביסל דורכ־שמועסן, אַפילו ווען מען זאָל וועלן באַהערשן דעם יצר־הרע פון מחלוקת (אַריינפאַלנדיק אין סטיל פון דעם צוזאַמענשטעלער און הקדמה־שרייבער,

משה פּראַגער). לאָמיר, מיט קאָפּ, איבערלייענען זיין דעפיניציע פון אמונה־דיכטונג:

„וואָס אין איר ווערט איין גאַנצקייט פון אַלערליי סתירות, ווייל זי ווייסט עס דעם סוד פון שלימות־סינטעזע צווישן אַלע אויבנאויפיק קאָפּויערדיקע טעזעס און אַנטי־טעזעס; און זי, די אמונה־דיכטונג, ווייסט אויך דעם סוד און יסוד פון דער אייביקער מענטש־הוידלעניש צווישן הימל און ערד, ריכטיקער געזאָגט: צווישן דער הימל־דערהויבנדיקער מענטשלעכער הכנעה און הצנע־לכתדיקייט און אומגעקערט, דער זומפּיק געפאַלענער מענטשלעכער גאווה און פאַריסנקייט, ווי ס׳איז געשריבן אין הייליקן זוהר. און אַז״וו.״

דאָס פולע מויל מיט אומקאָנטראָלירטע, צעכראַסטעטע רייד, וואָס גיט אונדז די דאָזיקע באַגרינדונג פאַר רעליגיעזע שאַפונגען, אָדער „אמונה־דיכטונג״, אין דער גייסטער מאָדערנער אויסלייגעכץ, קלעטערט ווייטער און דערגייט אָזש צו „דיכטערישע כלים און דיכטערישע יכולתן, הן דעם דיכטערס כוללת־הנשמהדיקייט״.

ווייסן מיר שוין, אַזוי צו זאָגן, וואָס איז אַזוינס רעליגיעזע דיכטונג, אָבער מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט, וואָס איז אַזוינס אַ רעליגיעזער דיכטער. ווי ס׳ווייזט אויס האָט מען ביאָגראַפיש גוט בודק געווען ביי די אַלע פאַרשניטענע שרייבער די ציצית פון זייער פּערזענלעכער פרומקייט, צי מען זאָל זיי אַריינגעמען אין דער זאַמלונג פון רעליגיעזע שרייבערס.

לאָמיר נעמען פאַר אַ משל אַזאַ ליד פון דעם קדוש חיים סעמיאַטיצקי:

ווי ביימער וואָס שטרעקן קעפּ פאַריתומט אויס פון שניי
און אויף זיי הוליעט אַ שניי־שטורעם —
אַזוי בין איך.
ווי אַ שנייעלע, וואָס פאַלט פון הימל גלייך אין אויג
און רינט דערנאָך ווי אַ טרער וואַרעם אויף דער באַק —
אַזוי בין איך.
ווי מען צייכנט אַ מענטש אויפן שניי,
און ווינט צעבלאָזט עס איבער פעלדער —
אַזוי בין איך.

דאָס איז ס׳גאַנצע ליד. פרעגט זיך אַ פּשוטע קשיה, וויפל אַזעלכע לידער האָט מען געקענט געפינען אין דער גאַנצער אַזוי־גערופענער וועלטלעכער ייִדישער ליטעראַטור? נישטאָ אין דעם ליד קיין איין רעליגיעזע דערמאָנונג פונעם הימל — אַחוץ דאָס קינדישע שנייעלע וואָס פאַלט פון אַ קינדערשן הימל. ביי צענדליקער אומגעקומענע ייִדישע דיכטער־קדושים האָט

מען אַוודאי געקענט געפינען הונדערטער אַזעלכע שנייעלעך, וואָס טרעפן גלייך אין אויג אַרייַן, פון דעסטוועגן זענען זיי אויסבראַקירט געוואָרן פון דער „רעליגיעזער אַנטאָלאָגיע". פאַרוואָס? משמעות, דערפאַר ווייל דער „פאָרשונגס־אינסטיטוט" האָט נישט נאָר געזוכט רעליגיעזע לידער, — אַזעלכע זענען געפּסלט געוואָרן, אויב די צענזור האָט נישט געכשרט די ביאָגראַפיעס פון די אומגעקומענע דיכטערס.

ווער־זשע איז ביי זיך געווען אַזוי גאַנץ מיט זיך, אין אַלע פרטים, זיך דערוועגט אַרויסצוגעבן רעליגיעזע דיפּלאָמען צו אומגעקומענע קדושים און באַוואַכן דעם היכל פון דער אַנטאָלאָגיע, אַז ס'זאָלן זיך חלילה נישט דורכשמוגלען קיין רעליגיעזע שאַפונגען פון אַנדערע פאַרשניטענע יידישע פּאָעטן, בלויז דערפאַר ווייל אין זייערע ביאָגראַפיעס האָבן די צוזאַמענשטעלערס נישט געפונען די פּראָפעסיאָנעלע התקרבות, וואָס זיי האָבן געפונען ביי די אַנדערע, אַזוי־גערופענע, רעליגיעזע פּאָעטן? איז אַזאַ אַרויסשטויס פאַר די צענדליקער געפּסלטע קדושים־פּאָעטן — אין איינקלאַנג מיט דעם „פּאַטאָס פון דער אייביקער אמונה?!" איז טאַקע אַזאַ זשאַנדאַרמסקער אויסווייז פון דער אַנטאָלאָגיע, אויפן באַזיס פון רעליגיעזע פּאַספּאָרטן אין האַרמאָניע מיט „אייביקער אמונה"?

לאָמיר געבן נאָך אַ משל. אויפן שערבלאַט געפינען מיר אויף ענגליש, אַז די אַריינגענומענע מחברים זענען אַלע „קרבנות פון נאַצי־רדיפות". אויף יידיש ווערט עס געשריבן אַביסל אַלגעמיינער: „שאַפונגען פון שרייבער, אומגעקומענע אין די יאָרן פון יידישן חורבן אין אייראָפּע". ס'איז קלאָר, אַז מען מיינט אַלץ פון דעסטוועגן אַזעלכע שרייבערס, וואָס זענען געווען דירעקט היטלערס קרבנות.

אָבער אַז מען האָט געוואָלט, האָט מען זיך געגעבן אַן עצה און מיט אַ לומדישן קוועטש האָט מען אַריינבאַקומען דעם רעליגיעזן שרייבער משה פייגנבוים, וואָס איז געשטאָרבן אין 1921. מיר געפינען אין דער אַנטאָלאָגיע לידער פון וו. לייכטער, וואָס האָט אין יאָר 1925 זיך באַזעצט אין ארץ ישראל און איז געשטאָרבן אין תל־אביב, אין יאָר 1945. פאַרוואָס? דערפאַר ווייל מען האָט אים מיט אַ לומדישן קוועטש ברייט אַריינגעלאָזט אין היכל פון דער אַנטאָלאָגיע בלויז דערפאַר, ווייל מ'האָט זיך סומך געווען אויף זיינס אַ זאָג: „מיר זענען אַלע די קרבנות — טרעפט, אַז איינער טראָגט זיין ווייטיק און טרויער ביחידות — און עס טרעפט, אַז איינער ברעכט זיך צוזאַמען אונטער דער לאַסט".

צי שוין זשע זענען צענדליקער אומגעקומענע קדושים־פּאָעטן נישט ווערט געווען, אַז מען זאָל פאַר זייערט וועגן געבן דעם זעלביקן קוועטש, און ביי

זיי אויסזוכן רעליגיעזע לידער, אָדער לכל הפחות אַזעלכע רעליגיעזע לידער, ווי איך האָב פריִער געבראַכט, מיט דעם „שנייעלע וואָס פאַלט פון הימל גלייך אין אויג״? צי שוין זשע האָבן זיי, די אומגעקומענע אין די לאַגערן, נישט פאַרדינט דעם זעלביקן זכות, ווי דער נפטר אין תל־אביב? האָבן זיי דאָך אויך „צוזאַמענגעבראָכן אונטער דער לאַסט״?

דער אמת איז, אַז דער גאַנצער אָנשטעל מיט די רעליגיעזע לידער און מיט די פאַרגלאָצטע דעפיניציעס, איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ גרויסער חילול. ווייל די גאַנצע סעגרעגאַציע, דאָס געפינען אַ מקום קדוש פאַר אייגענע קדושים, און דאָס אָפּזאָגן אַ גן־עדן־וויזע די אַנדערע אומגעקומענע קדושים, דורך פאַרשוועכן זייערע געזאַנגען און פּראָזע־שאַפונגען בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געהערט דירעקט צו געוויסע אָרגאַניזאַציעס, אָדער ווייל זייערע ביאָגראַפיעס האָבן נישט זוכה געווען דורכצוגיין די קאָנטראָל און צענזור פון דעם רעליגיעזן אינסטיטוט, איז אומהייליק און אומרעליגיעז.

אין דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע האָט מען נישט געפונען קיין פּלאַץ פאַר קיין איין שורה, וואָס זאָל אָפּגעשפּאַרט ווערן פאַרן קדוש — יצחק קאַצענעלסאָן, דעם גרויסן מקונן און קלאַסיקער פון חורבן. איז ער נישט געווען קיין טיף־רעליגיעזער מענטש? האָט ער זיך נישט אויסגעטענהט מיט אַ לעבעדיקן גאָט אין אַ לעבעדיקן הימל, נישט מיט אַ „שנייעלע״, וועגן אַ גאַנץ אויסגעהרגעט פאָלק?

וועגן דעם דיכטער אלימלך שטייער, וואָס האָט יאָ זוכה געווען פאַראייביקט צו ווערן אין דער רעליגיעזער אַנטאָלאָגיע, שרייבט דער אַריינפירער משה פּראַגער: „געוויס וואָלט זיך וועלן האָבן עפּעס אַ צייכן, עפּעס אַן אָנדייט, וואָס דער זעלבער דיכטער האָט געטראַכט־געפילט אין די סאַמע נסיונותדיקע מינוטן?״ אָבער יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס איז יעדער רגע פון זיינע נסיונות געווען פאַרקניפּט מיט אונדז אַלעמען און געשריבן די קינות פון אונדזער דור, ווערט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט. פאַר דעם אינסטיטוט איז נישט אינטערעסאַנט, וואָס ער האָט געשפּירט אין די לעצטע מינוטן, בלויז דערפאַר ווייל אין יצחק קאַצענעלסאָנס ביאָגראַפיע קען מען נישט געפינען אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג — „צעירי אגודת ישראל״.

ס׳איז נישט קיין רעליגיעזע אַנטאָלאָגיע, נאָר פאַרשוועכונג און צביעות. מען האָט נישט געזוכט קיין רעליגיעזע לידער, נאָר מען האָט געזוכט רעליגיעזע פּאַספּאָרטן. ס׳האָט נישט געטאָרט געשאַפן ווערן אַזאַ אָפּזונדערונג צווישן קדושים, דורך איבערזיפּן ביאָגראַפיעס. אַלע זענען, נאָך אַזאַ פאַר־

טיליקונג־טויט, געווען הייליקע מענטשן, און אויב זיי האָבן אין די מינוטן פאַרן טויט זיך געקלאַמערט אין ייִדישן וואָרט פון אונדזערע לשונות, האָבן זיי בשום אופן נישט פאַרדינט מען זאָל זיי אויסבראַקירן און מבייש זיין פאַרן טויט, דורך נישט אויסזוכן ביי זיי לכל הפּחות „די שנייעלעך", וואָס מען האָט יאָ געפונען ביי סעמיאַטיצקין.

נישט אַריינצונעמען קאַצענעלסאָנען אין אַזאַ זאַמלונג איז נישט קיין עוולה — נאָר אַ גרויסער חטא, וואָס מען וויל פאַרשליירן מיט דעפיניציעס.

הייליקע תפילות בעטן מיר,
וויינען, שרייען טוען מיר,
ווייל איז אונדז אין אונדזער דינסט,
אונדזער לעבן איז צוקער־זיס.
זעקס סדרים לערנען מיר,
חסידים זענען מיר,
ווייל איז אונדז אין אונדזער דינסט,
אונדזער לעבן איז צוקער־זיס.

אַזוי זינגט בנימין זוסמאַן. קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערט געזאָגט אין זיין ביאָגראַפיע, „האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און געשטאָרבן א י ן ט י פ ן ע ל ט ע ר אין חיפה, אין 1952". זיין „צוקער־זיס" האַלט אויס די דעפיניציע פון אַן אמת רעליגיעז ליד, על פּי משה פּראַגער, אַלץ דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער צייטונג „מחזיקי הדת" אין קראָקע, אָבער אַ צווייטער זוסמאַן — סעגאַלאָ־וויטש, וואָס איז געשטאָרבן פון האַרצווייטיק אין ניו־יאָרק, און האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ גאַנצע חורבן־ליטעראַטור — און וואָס איז זיכער איינגע־בראָכן געוואָרן פון זיינע קלאָג־לידער, וואָס זענען געווען ווייט פון צוקער־זיס — ער טאָר נישט דערמאָנט ווערן אין דער אַנטאָלאָגיע פון רעליגיעזע לידער!!!

שיינע הונדערטער זייטן פון דער אַנטאָלאָגיע, וואָס האַלט 650 זייטן, זענען נישט קיין לידער און נישט קיין דערציילונגען, אָבער די גאַנצע אַנ־טאָלאָגיע איז מחמת דעם פּראָפעסיאָנעל־חברותדיקן צוגאַנג, וואָס ווערט כלומרשט באַקרעפּטיקט דורך אַ קריטעריום, משטיינס געזאָגט, פאַר אמונה־לידער, אַ לעסטערונג און אַ פאַרלייקענונג פון אמונה, ווייל ס'באַליידיקט טיף דעם אָנדענק פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע אומגעקומענע ייִדישע דיכטערס און דערציילערס, וואָס האָבן זיך ערב־אומקום מתייחד געווען מיט די יסורים פון ייִדישן פאָלק. די מאָמענטן פון זייערע רעליגיעזע שאַפונגען זענען זיכער

נענטער צום גייסט פון די הייליקע ספרים, ווי אַזעלכע שורות, פון אסתר ראַזאַ־הייטנער —

די מאַמעשי געהערט:
די שטוב אויסגעקערט;
גאָר פיין צוגעראַמט
מיט גאָלדענעם זאַמד.

פאַר אַזעלכע שורות האָט זיך עס משה פראַגער באַדאַרפט מטריח זיין צו זאָגן, לאמור: „פאַרן געוואַגטן פאַרמעסט צו רעליגיעז־דיכטערישער דער־הייבונג זענען סימפּטאָמאַטיש נישט בלויז די רייפע קינסטלערישע פּירות, נאָר אויך די פאַרבנרייכע פלאַנצן, אַרויסגעריסענע אין זייער ערשטן פאַנאַב־דערבלי און די טרויעריק־פאַרזייטע, מער־נישט־אויפגעגאַנגענע זריעות".

ער האָט עס געקענט מאַכן אַ סך קירצער און אונדז דערציילן, אַז איר ליד האָט געפונען חן אין די אויגן פון „רעליגיעזן יידנטום", ווייל „זי איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער יונג־אָרטאָדאָקסישער טעכטער־באַוועגונג — «בנות אגודת ישראל»".

1955.

דער טראַגישער פּאָעט

דער טראַגישסטער פון אַלע סאָוועטישע ייִדישע דיכטערס איז בלי ספק געוועזן איציק פעפער, און גראָד דערפאַר ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין ביסל טראַגיזם. ער האָט געהאַט אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן, אָבער זייער ווייניק גוטע מעלות. אָבער איין מעלה האָט ער יאָ געהאַט, פון שטאַנדפּונקט פון אידעאַליסטישער דינסט גרייטשאַפט — ער האָט אַלץ אָפּגעגעבן פון זיך פאַר דער זאַך און גאָרנישט אָפּגעשפּאַרט פאַר זיך אַליין. שווער צו געפינען ביי אים אַ שורה, וואָס זאָל ווייזן, אַז דאָס האָט ער באַהאַלטן אין אַ באַזונדערן שופלאָד — אַ קליין ביסל איינזאַמקייט פאַר זיך אַליין, פאַר די דורות וואָס וועלן אפשר אַמאָל קומען משפטן; אַ שטיקל גרוס צו דער צוקונפט, אַ שטילן, אונטערטעניקן גרוס, אַ תמימותדיקן, נישט אַן אַלץ־וויסנדיקן, נישט קיין אויסגעשריי, נאָר אַן אומזיכערן פרעג־צייכן.

ביי איציק פעפערן איז נישט שייך צו געפינען אַזאַ רעזערווירטן ספק, ווייל ער האָט אָנגעטומלט אַזויפיל האָפערדיקע זיכערקייט און אַזאַ ווולקאַניש־שפּריצנדיקע און אָפּטמאָל פריקרע יונגשאַפט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרטומלט, פאַרשוואַכט און פאַרשוועכט אַלע זיינע נאַטירלעכע פעיִקייטן און עס אַלץ אַוועקגעגעבן דעם לאַנד פון די סאָוויעטן.

האָט ער עס געטאָן מיט ליבשאַפט? דאָס וואָס ער האָט געטאָן האָט מען בשום אופן נישט געקענט דורכפירן אָן אַ געוויסער מאָס ערלעכער ליבשאַפט. וואָס האָט אים ממש געצוווּנגען צו אַ נ אָ נ י מ י ז י ר ן זיין גייסט. אַלץ וואָס איז אונדז געבליבן איז אַ פּיפּיקער פּאָרטרעט פון אַ מענטשן, וואָס איז אויף קיין איין רגע נישט געבליבן מיט זיך אַליין און נישט אַריינגעאָטעמט צו זיך אין אַרבל אַ הויך פון אַ ביסל אַפּיקורסות. בלויז איין אַפּיקורסישן אַדיעקטיוו האָט ער דורכגעלאָזט אין אַ ליד זיינס, געווידמעט דזשערדזשינסקיס אַנדענק. „האַרטער פעליקס” רופט ער אים, אָבער באַלד פאַרווייכט ער עס צום גראַם — „צאַרטער פעליקס”, אַזוי אַז די האַרטקייט ווערט גלייך פאַרוואַנדלט אין צאַרטקייט און פעפער ווערט אויס אַפּיקורס.

די אַלע וואָס ווילן אַנאַליזירן די סאָוויעטיש־ייִדישע דיכטונג און זוכן מאָמענטן פון מאַראַנעטום אין שיפרירטע טאָפּל־מיינען, אין מעכאַנישע און נישט אָנגעוואָרעמטע רייד, אין די געצווונגענע סטאַליניזאַציעס, וועלן געפינען גענוג שפורן כמעט ביי אַלע דיכטערס, וואָס האָבן ערגעץ ווו זיך פאַרט

איבערגעלאָזט אַ שטיקל פאַרבינדונג מיט דער וועלט, זאָל זיין לכל הפּחות אין שורות פון איינזאַמקייט, ווען מ׳קען זיך פאַרשליסן מיטן דיכטער, אונטער שלאָס און ריגל, און אים אָפּגעבן אַ פריינטלעכן און אומסטאַליניסטישן שלום עליכם.

ביי פּעפערן זענען אַזעלכע שורות נישטאָ. ער האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן אָוועקגעשענקט דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, מיט אַזאַ אכזריותדיקער זעלבסט־פאַרניכטונג, אַז געמאָסטן מיט דער מאָס איז פּעפער בפירוש דער טראַגיש־סטער פון אַלע סאָוויעטישע פּאָעטן.

וואָס האָט אים געטריבן אַזוי צו דינען? אויף דעם געביט איז ער דאָך געווען אַ פּיאָנער, אין דער ייִדישער דיכטונג האָט נאָך אַ מענטש מיט זיינע גרויסע פעיִקייטן זיך נישט אויסגעטאָן אַזוי אדם־נאַקעט און אָוועקגעגעבן פון זיך דאָס לעצטע דיקטערישע העמד צום לאַנד, ווי פּעפער האָט עס געטאָן. יעדער אמתער פּאָעט איז אַזוי־פיל עגאָ׳סטיש, אַז אַפילו ווען ער „סלוזשעט״ (און פּאָעטן „סלוזשען״ גאַנץ אָפט), גנבעט ער עפּעס אָוועק פאַר זיך און פאַר דער אייביקייט, אָבער פּעפער האָט זיך לחלוטין נישט פאַרזאָרגט. ער איז געווען דער ערשטער ייִדישער פּאָעט, וואָס האָט פאַרקנעכט דאָס ייִדישע לשון און געמאַכט דערפון פּאָעזיע. ס׳איז כדאַי צו געדענקען, אַז דאָס ייִדישע לשון איז דורך אים געבייטשט געוואָרן צו אַזאַ טאַראַראַמיקן אימפּעט, אַז ס׳האָט קוים געקענט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. ער איז געווען אַן אויפטוער אויף זיין שטייגער. ער האָט גענומען אונדזער שטילן און טייערן ווערטער־אוצר, אונ־דזערע פּקחותדיקע און סקעפּטישע רייד, אונדזערע טרויער־וואָגיקע שורות און זיי געטריבן מיט אַזאַ נגישהדיקער טרייבעניש, אַז זיי זענען געפלויגן הענדום־פּענדום, געקלונגען, געזונגען, געבאַראַבאַנעוועט, געצימבלט און אי־בער אַלץ געזאָגט קאַטעגאָריש זאַכן מיט אַזאַ מעכאַנישער איינגעגלויבטקייט, אַז ס׳איז אונדזער ייִדיש נישט געווען צו דערקענען.

די ווערטער האָבן שאָקירט מיט אַ שקאָצישער גשמיותדיקייט און ס׳איז אין זיי נישט געווען קיין שאָטן פון אַ ספק. די מוזיקאַלישקייט איז געווען אַ נייע, אַ מאָטאָריזירטע. די שורות האָבן באמת געקלאַפּט ווי מאָטאָרן, ס׳האָט נאָך קיינער אַזוי נישט פאַרגוואַלטיקט און אַזוי צעממזרט אונדזער לשון ווי פּעפער האָט עס געטאָן. ער האָט דורכגעפירט אַ גרויזאַמע צופּאַסונג־אָפּעראַ־ציע, וואָס קיין סטודענט פון ייִדיש וועט נישט קענען פאַרבייגיין אָן שטוינען און אָן ווידערווילן. ער האָט אויף גיך צוגעפּאַסט ייִדיש צו דער אויסטאָרע־טיזירטער עפּאָכע. אַנדערע פאַר אים, ווי אשר שוואַרצמאַן, האָבן שוואַך פאַר־אויסגעקרעכצט, וואָס ער האָט אַזוי גרויזאַם־מאַיעסטעטיש דורכגעפירט.

איציק פּעפערס מאָטאָרן האָבן פון אונדזער ייִדיש אַרויסגעיאָגט און אויך

אַרויסגעטריבן די נשמה, אָבער דער נייער געקלאַפּ פון שפּראַך האָט פּאַרט געגעבן האַפּט צו דער טעאָרעטישער זייט פון אַ דור פּאָעטן, וואָס איז געקומען נישט נאָר פאַרלייקענען, נאָר אויך באַשפּייען די זיידעס. פעפערס יידיש איז געוואָרן אַזאַ מוזיקאַלישער באַשפּיי־אינסטרומענט, וואָס האָט געאַרבעט מעשים. געגומען האָט ער דווקא פשוטע, פּרוגישע רייד און זיי אַזוי פאַראימפּעטיקט, אַז ס׳איז מיט זיי געעפנט געוואָרן אַ ניי קאַפּיטל אין דער סאָוויעטישער יידישער דיכטונג. נישט מאַרקיש, נישט האַלקין, נישט פינינבערג און זיכער נישט האָפשטיין האָבן אַזוי צוגעפּאַסט זייער לשון צום געקלאַפּ פון דער צייט. בעסער און עלאַסטישער געזאָגט, צום געקלאַפּ פון די פאַרשיידענע צייטן. ווי דאָס האָט געטאָן פעפער. מיט אים הייבט זיך באמת אָן דאָס קאַפּיטל פון דער סאָוויעטישער יידישער דיכטונג, ווי מיר פאַרשטייען עס איצטער. און ווי פעפער האָט עס גלייך געוואָלט פאַרשטיין, ווען ער האָט געגומען איבער־קלאַפּן פרוגס יידיש אויף דעם ריטם פון סאָוויעטישער ווירקלעכקייט.

קיינער האָט דאָס נישט געטאָן צו דער רוסישער שפּראַך און צו דער רוסישער מוזיק פון שפּראַך, וואָס פעפער האָט געטאָן צו יידיש. נישט אַכמאַ־טאָוואַ, נישט יעסעניך, נישט מאַיאַקאָווסקי, נישט פּאַסטערנאַק, און אַפילו נישט דעמיאַן ביעדני האָבן אַזוינס געטאָן צו רוסיש, וואָס פעפער האָט צעטאָן מיט יידיש, כדי צו איבערצייגן זיך און אַנדערע, אַז אַ נייע עפּאָכע ווערט געעפנט אין דער יידישער דיכטונג, אַן עפּאָכע וואָס האָט אויסגעליידיקט איר יידישע נשמה און וואָס זינגט גלייך אין דעם א י נ ט ע ר ע ג נ ו ם, יוען מ׳האָט נאָך אַפילו קיין ערזאַץ־נשמה נישט געקראָגן.

די יונגע און די אינזיכיסטן האָבן געגישטערט אין די טיפן פון לשון און אין זיינע נישט־אויסגענוצטע מוזיקאַלישע מעגלעכקייטן, בעת פעפער האָט אויף די פלאַכן געזוכט און געפונען עפּעס אַזוינס וואָס קיינער האָט נאָך פון יידיש נישט אַרויסגעקראָגן.

צו יענע, צו יענע, צו יענע מיין ליד,
וואָס ווערן פון מי און פון אומרו נישט מיד,
און טרייהייט מיט פרייהייט איז נישט נאָר קיין גראַם,
אַ גראַם און אַ קלאַנג און אַן אויסגעשריי סתם —
צו יענע, צו יענע, צו יענע, מיין ליד!
ס׳האָט יעדערער זיין חן,
ס׳האָט יעדערער זיין ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין
וואָס ער קען!
צו אַלע, צו אַלע, צו אַלע מיין וואָרט,
צו די וואָס באַזינגען די מי פון מיין דור.

ער האָט אינדוסטריאַליזירט דעם יידישן ריטם און געשאָסן ווערטער, ווי דורך אַ קאָנווייער, וואָס האָבן ביי אים געקראָגן אַ מעכאַנישע וואַרעמקייט.

אויף ברעגן, אויף הויכן,
אויף הונדערטער ווערסטן,
זאָל שמייסן אַ רויך
פונעם קוימען פון העכסטן,
די שליאַכן, די וועגן,
און אַלעס און אַלעס,
מיין לאַנד און מיין געגנט
אין שפּאַן פון די כוואַליעס.
די כוואַליעס די טיפע
זיי יאָגן, זיי שלינגען
און שטיפן און שטיפן
מיט שיפן מיט יונגע.
ווי רייטער געניטע,
אויף כוואַליעס מיר רייטן,
פון שוואַרצקייט צעגליטער
פון הימלען, פון ווייטע
ווי ליכטיקע ראָסע
די שטערנדלעך טריפן.
מיר זענען מאַטראָסן
און פירן די שיפן.

אַזוי האָט פעפער געזונגען אין זיין בוך „געוועטן”, וואָס איז דערשינען אין קיעוו אין 1930. אַנאַליזירט נישט יעדערע באַזונדערע שורה וואָס איז גאַנץ אָפט זינלאָז, נאָר כאַפּט דעם צוזאַמענקלאַפּ פון דעם אינדוסטריאַליזירטן לשון, וואָס האָט אים אויך געדינט פאַר זיינע ברייט־שורהדיקע באַדיכטונגען פון דניעפּרבוי:

רויִקע באַרזשעס פאַרטראַכטע און ברייטע אויף רויִקן דניעפּר,
גייען פּאַמעלעך און טרייבן פּאַמעלעך די פאַלדן פון וואַסערן קילע,
שמעקט פון די באַרזשעס מיט פייכטע אוקראַינישע סטעפּעס.
רויִקע באַרזשעס פאַרטראַכטע און ברייטע אויף רויִקן דניעפּר,
שלעפּן צעזעגענע דעמבעס און סאָסנעס פון וועלדער פון שטילע.
וואַסערן לויפן ביי ברעגיקע קאַנטן און טרייבן די שליופּקעס און שיפן,
דרייען זיך כוואַליעס, הייבן זיך כוואַליעס און פאַלן אין וואַסערן קלאָרע.
קנייטשן זיך כוואַליעס און שמייכלען מיט זון און מיט ווינטן געשליפן,
וואַסערן לויפן ביי ברעגיקע קאַנטן און טרייבן די שלופּקעס און שיפן,
אָטעמען באַרזשעס מיט רו און מיט דעמבענער קאָרע.

איציק פעפער האָט פון זיין סאָוויעטיזירטן יידיש אויך באַוויזן אַרויס־צושלאָגן לאָזונגען. יידיש האָט ביי אים געקלונגען פלאַקאַטיש ווי אונדזער לשון וואָלט לכתחילה געשאַפן געוואָרן צו באַדינען די מאַכט. אין אַ ליד, וואָס האָט טאַקע סטאַלינס אַן איינציקע פראַזע — „קאַפּשווינדל פון דער פּאַלגן", פּאַר אַ מאָטאָ, צעשפּריצט ער אַזעלכע לאָזונגען:

נישט קיין טאָפּאַלן זיך נויגן,
נישט קיין ווינט, ווי פייל פון בויגן,
טראָגט זיך איבער גאַס, —
היי, פוילאַקעס, היי, ליידאַקעס,
אין אַטאַקע! אין אַטאַקע!
קעגן פּוסט און פּאַס.
איבער שטעט און איבער סטעפּעס
שפּרייט זיך, הייבט זיך אונדזער עפּאָס,
דונערט אונדזער טראָט.
אין אַטאַקע! אין אַטאַקע
קעגן דחקות, קעגן נאַקעט,
קעגן קלויז און גאָט!

גאָט און די קלויז כאַפּן אויך אַריין אַז מ'דאַרף, און איציק פעפער איז געווען איינער פון די שאַרפסטע פּאַרויסווייסערס פון וואָס און ווער מ'האָט באַדאַרפט.

פעפער איז מיט זיין ליד געוואָרן דער טעאָרעטיקער פון יידישן סאָוויע־טישן ליד. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו צעפּאַלמעסן די שיינקייט, כדי צו ווייזן, אַז ער גייט פאָרויס צו אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד און ער שלעפּט מיט דאָס יידיש לשון. אַפילו ווען ער זינגט אַמאָל פון אַ בוים, ווייזט ער אַז מען מוז זינגען פון אים, ווען דער בוים ליגט אַ צעזעגטער און צעשניטענער, ערשט ווען ער ווייסט אַז „אים איז שוין באַשערט שטיין שטאָלץ מיט ווייטע טעלעגראַפן־שטאַנגען און הויך פון רעשטאַוואַניעס דערלאַנגען".

שניידן מיר און שערן
אויסגעוועפּטע צייטן,
קען אונדז עפּעס שטערן
אַלטס אויף נייס פאַרבייטן?

פעפער איז נישט געווען קיין איבערשאַצער, נאָר אַן אונטערשטיצער. ער איז אַריינגעטאָן אין דער פּאָעטישער אונטערשטיצונג פון דער פּראָקלאַ־מירטער וועלט־איבערמאַכונג, און ווי אַ יידישער פּערזן־מייסטער האָט ער אַזוי געטריי און אַזוי נאָוואַטאָריש געטאָן זיין פליכט, אַז ער האָט זיך דער־

פאַר נישט פאַרגונען קיין אינטימע מינוט. האָט ער פאַר אַזאַ מינוט מורא געהאַט? ווער ווייסט. אים האָט געטראָגן אַן אינערלעכער שולד־באַוווּסטזיין צו האַלטן אין איין צאָלן חובות. ערגעצוווּ האָט ער זיך געפילט טיף פאַרשולדיקט און ער האָט געשטילט זיין געוויסן דורך צאָלן:

ס׳איז דער הימל טונקל־בלוי־ווייס,
לעצטער וואָלקן לויפט צום ראַנד,
גיי איך צאָלן מיינע חובות,
מיינע חובות פאַרן לאַנד,
פון אַט־דאָ ביז ענדן עקסטע,
פון אַט־דאָרט ביז טיפסטן טאָל,
דאַרף איך דעקן מיינע וועקסלען
מיינע וועקסלען פון אַמאָל.
כ׳האָב פאַרגעסן, וווּ מיין הויף איז,
וווּ מיין שטוב און וווּ מיין פּלויט.
איינס געדענק איך: מיינע חובות
דאַרף איך צאָלן ביזן טויט.

זאָלן דאָס אפשר זיין די איינציקע מאַראַנישע שורות אין זיינע לידער? ער האָט פאַרגעסן זיין אייגענע שטוב און זיין פּלויט — און דערפאַר דאַרף ער צאָלן חובות ביזן טויט. צי אפשר מיינט ער, אַז צאָלנדיק זיינע חובות האָט ער דערווייל פאַרגעסן די שטוב און פּלויט. איז דאָס אפשר די איינציקע טראַגישע פאַראַנונג זיינע, אַז ביזן טויט (מיטן טויט?) וועט ער כסדר צאָלן און צאָלן חובות און נישט האָבן קיין איין מינוט צייט זיך צו דערמאָנען אָן שטוב און פּלויט. דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט ער נאָך נישט געוווּסט, אַז ס׳וועט קומען אַ טראַגישע צייט, ווען די עלאַסטישע סאָוויעטישע ווירקלעכקייט וועט אויך אים, דעם שטרענגסטן אָפּשאַצער פון סאָוויעטישע ווירקלעכקייטן, געבן אַ געלעגנהייט אַרויסצוקומען מיט אַ צו־לאַנג אונטערדריקטער פּראָקלאַמאַציע פון זיין ייִדישקייט.

ער, דער פּראַקטישסטער און עקשנותדיקסטער פּאָרויסזעער, האָט פּריפּאָרויסגעזען, וואָס עס וועט געשען מיט כאַריקן, ווען ער האָט אין זיין בוך פון 1930 געווידמעט אַ ליד, אַ ליד וואָס איז אפשר געווען אַ שטילע און פּראַקטישע וואָרענונג צו כאַריקן,* אָבער נאָך מער אַ וואָרענונג צו זיך אַליין:

* די וואָרענונגען זיינע צו איזי כאַריקן וואָלטן בכלל באַדאַרפט אונטערזוכט ווערן. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז פעפער האָט גוט געוווּסט וועגן כאַריקס ראַנגלענישן און וואַקלענישן, ווייל אין אַ ליד, וואָס איז אויך געווידמעט כאַריקן, געדרוקט אין פעפערס בוך „זאָל לעבן דאָס לעבן״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1934, זינגט פעפער צו זיין פריינט אַ ליד, וואָס טראָגט דעם באַטייטונגספולן נאָמען „מען טאָר זיך נישט פאַרהאַלטן״. כאַריק איז

אין תוך געגומען

אונ דער וואָס גייט אַרום און שעלט
און ברעכט דעם בוים און רייסט דעם צווײַג,
וועט שטאַרבן פריִער פון אונדזער ליד,
וואָס טראָגט זיך האַסטיק אויף דער וועלט.

א׳ציק פעפער איז אין דער סאָוויעטישער דיכטונג דערשינען ווי אַ יונג וווּנדער מיט זײַן פולער און צעזונגענער מײַסטערשאַפט און מיט זײַן פיאָ־נערישן און אימפּעטיקן איבערבוי פון דעם מעסיק־טריטיקן ייִדישן וואָרט. זײַנע פעיִקייטן זענען באמת געווען אומגעהײַער, אָבער ער האָט גאַנץ אָפט, מער פון אַ סך אַנדערע סאָוויעטישע דיכטערס, פאַרשוועכט זײַנע אייגענע פעיִקייטן מיט ווולגאַרע פראָקלאַמאַציעס, ווײַל ער האָט אויף זיך געגומען די מיסיע פון דעם פרומען אַפּהיטער פון דער ליניע און פון דעם אכזריותדיקסטן אַרויסטרעטן קעגן קעגנערס. ער האָט זיך אויף אַזויפיל עמאַנציפירט פון אַ ייִדיש געוויסן, אַז ער האָט געקענט ווערן דער האַרבסטער שטראָפער, ווען אים האָט זיך געדאַכט ,אַז ער האָט נאָך נישט גענוג געצאָלט זײַנע וועקסלען. ווען אַש איז געוואָרן פופציק יאָר אַלט, אין יענע צײַטן איידער אַש האָט זיך

געווען באַרימט און זײַנע לידער זענען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. פעפער וואָרנט כאַריקן באַצײַטנס קעגן ליבּ פון אויסלענדישע ייִדישע דיכטערס:

מיר געכאָוועטע אין אומרו פון אָקאָפּן,
מיר געפּענטעטע מיט האַרטן טויט צוקאָפּנס,
מיר דאַרפן נישט קיין סאַכאַרין
פון „גוטע ברידער״,
ער סמט דעם ווּקס, ווי סם פון שונאים,
און דער וואָס שטייט שוין פעסט ביים רודער,
דאַרף זען קלאָר
זײַן אייגן פּנים,
מײַן ברודער!
די גוטע רייד פון פריינט הער אויס,
די שנאה פון די פיינט הער אויס.
מע טאָר זיך נישט פאַרהאַלטן אינעם גאַנג.
מיט נייעם, מיט נאָך שטאַרקערן געזאַנג,
פאָרויס.

אָט די מוסר־רייד זענען מסתמא געווען באַזירט אויף אַ שרעק, אַז דער חבר כאַריק פאַרהאַלט זיך אַ ביסל אויפן וועג, וואָס האָט אים גיך געפירט צום טויט. אין די פראַקטישע מוסר־רייד זעט מען אַז פעפער האָט געהאַט אַ שולחן־ערוך וואָס פון אים האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעווייכט.

יעקב גלאַטשטיין

געהאַט משדך געווען מיט דער „פרייהייט״, האָט אים פעפער דערלאַנגט אַ מי שברך מיט אַ ליד, —„אַש־שאַ!״

וואָס קלינגען די כוסות?
וואָס הודעט די ערד?
אַ יום טוב אַ גרויסער
איז יידן באַשערט!
שאַפּשאָוויטשעס דיכטער,
דעם גאָמבינערס פריינט,
איז היינט אימעניניק!
ווי פריילעך איז היינט!
איך וואָלט אייך באַהאַנגען
מיט אָרדנס (מיין וואָרט)
איר זאָלט זיך נישט קענען
אַ ריר טאָן פון אָרט.
איין אָרדן אינגאַנצן?
ס׳איז גאָרנישט! ס׳איז מיסט!
איך וואָלט אייך געמאַכט פאַר אַן ערן־פאַשיסט!
ביים שוואַרצן אַדאָלף
און ביי אַלע ביי זיי,
איך וואָלט אייך געמאַכט
פאַרן עלטסטן... לאַקיי!

בלויז אַ דיכטער וואָס האָט שוין נישט פאַרמאָגט קיין שווּנג פאַר זיך אַליין, האָט געקענט אַזוי הפקר גראַמען. ער האָט אויך שוין, אין די דרייסי־קער יאָרן, געשריבן זילזולים־לידער צו די „פעטערס אין אַמעריקע״, און צו די אינזיכיסטן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געהנדלט צו זיי אין בריוו.

אָבער ער איז געווען הויך באַגאַבט מיט אַ פערז־אָטעם און פערז־אימ־פעט, וואָס איז געווען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג אין דער יידישער דיכטונג, וואָס האָט זיך אַ דאַנק פעפערן געגומען אָריענטירן אויף אַ נייעם יידיש־דעראָבערטן קאָנטינענט. ביי קיינעם איז יידיש נישט געווען אַזוי איבערצייגנד סאָוויעטיש, ווי ביי פעפערן. ביי קיינעם זענען די קאָנטורן פון אַ נייעם קאָליע־געוואָרענעם, ייד נישט געווען אַזוי שפּראַכלעך און מוזיקאַליש באַ־גרינדעט, ווי אין פעפערס ליד. די נייע יידישע סאָוויעטישע פערזענלעכקייט, מיט אירע קאָלאָסאַלע און איבער־כוחותדיקע צופּאַסונג־פעיקייטן, איז אין ערגעץ נישט אַזוי בולט ווי אין פעפערס גומע־רעדערדיקע לידער, דורך זיינע אַלע זיגזאַגישע פּעריאָדן. פעפער איז געווען דער סאָוויעטישער יידישער דיכטער פאַר עקסעלאַנס, ווייל ער האָט זיך דערזונגען צו אַן אייגן קאַפּיטל, וואָס ער האָט טריומפאַל געעפנט מיט זיין ליד. זיין אָפגעריסנקייט און זיין

צוגעבונדנקייט צו טראַדיציע איז שטענדיק געקומען אין איינקלאַנג מיט סטאַליניסטישע שטימונגען. ער איז געווען אַן אמת־סאָוויעטישער פּראָדוקט, ראַיעלער פאַר דער מאַכט און פעיִקער פאַר דער דורכפירונג פון זיינע פליכטן, ווי אַלע אַנדערע סאָוויעטישע דיכטער. אין די לעצטע יאָרן האָט ער, אמת, באַנאַליזירט זיינע אייגענע פעיִקייטן און זיי דערפירט צו דער שוועל פון אומבאַהאָלפענע קינדעריי.

אַז מען זאָל אים אַזוי אָפּדאַנקען, ווי די סאָוויעטנמאַכט האָט אים אָפּ־געדאַנקט, האָט מען געקענט דערוואַרטן. דאָס אַליין איז טראַגיש גענוג, אָבער נאָך טראַגישער פון דעם איז, וואָס פעפער האָט אין זיין פאַרחייבטער דינסט־געטריישאַפט אַזוי געצאָלט זיינע חובות און געדעקט זיינע וועקסלען, אַז ער האָט זיך אַליין פאַרגעסן און אונדז איבערגעלאָזט לידער, וואָס וועלן נישט לעבן ווי לידער, נאָר ווי דאָקומענטן פון אַ באַזונדערער יידיש־עפּאָכע און פון אַ טראַגישער פערזענלעכקייט, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין ברעקל טראַגיזם. ער האָט אָפּגעטומלט, אָפּגעצימבלט און אָפּגעצאָלט חובות מיט זיך, ביז ער אַליין איז געבליבן אַ ביטערער אָרעמאַן און געגאַנגען צו דער ליקווידירונג אפשר מיט דעם שאַרפסטן ווייטיק פון אַלע זיינע טראַגישע מיטגייער.

„מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד"

(דאָס נייע בוך פון יצחק יאַנאַסאָוויטש)

„מיט ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד" פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, וואָס דער פאַרלאַג „קיום" אין בוענאָס איירעס האָט נישט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן, איז אַ צו־באַשיידענער נאָמען פאַר דער טראַגישער עפּאָפּייע, וואָס דער מחבר וויקלט פונאַנדער אין זיין בוך פון די זעקס כאַראַקטערן. נאָך מער ווי ביי פּיראַנדעלאָן, האָבן די דאָזיקע זעקס כאַראַקטערן געזוכט אַ מחבר, וואָס זאָל זיי אויפנעמען און אויפקלערן אין דער טיף, מיט אחריות און מיט אויפמערקזאַמקייט צום גרויסן אומגליק, וואָס איז באַפאַלן צענדליקער מיליאָנען מענטשן פון אַ סך פעלקערשאַפטן און האָט אין זייער גורל אַריינגעכאַפּט דאָס אָפּגענאַרטסטע פון אַלע פעלקער — דאָס ייִדישע פאָלק.

ייִדן זענען שוין אַ סך מאָל געשיכטלעך אָפּגענאַרט געוואָרן. די לינקע זייט פון ייִדישער פּקחות איז גאַנץ אָפט נאַיִוויטעט, צוגלויביקייט. אַפילו בטחון האָט אויך אַ לינקע זייט, וואָס לאָזט זיך צו־גרינג איינגלויבן. אָבער ערגער פון אַלע אָפּנאַרענישן איז געווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט דעם ייִד אַריינגענאַרט און ביי אים צוגענומען גייסטיק און פיזיש אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט און אים געלאָזט שטיין צווישן אַלע פעלקער, ווי אַ טראַגישער לץ, מיט אַ ישיבה פון אַכצן בחורים און עטלעכע פאָלקס־לידער, ווי דער קולטור־סימן פון אַ גאַנץ פאָלק.

יאָ, דער נאָמען פון בוך — „מיט ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד" דעקט נישט דעם גרויסן גייסטיקן חורבן, וואָס יאַנאַסאָוויטש אַנטפּלעקט פאַר אונדז, מיט אַ זעלטענעם קינסטלערישן געדולד, ווען ער צענעמט די זעקס וויכטיקסטע פיגורן פון ייִדישן שאַפן אין סאָוועט־רוסלאַנד, די געשטאַלטן פון גרויסן צוזאָג.

ווען ס'וואָלט אַ גרויסן מייסטער איינגעפאַלן צו טאָן דאָס זעלביקע מיט זעקס וויכטיקע דייטשע שרייבער פון אונדזער צייט, וואָלט אים מסתמא געלונגען צו ווייזן ווי דער היטלעריזם האָט, אין געשטאַלט פון זיינע גייסטיקע פירערס, פאַרווערעמט און פאַראומווערדיקט דאָס גאַנצע דייטשע קולטור־פאָלק. אָבער די זעקס ייִדישע געשטאַלטן וואָס יאַנאַסאָוויטש שילדערט, זענען טראַגיש און בלויז אויף אַזויפיל כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָוועטישן ייִד, אויף וויפל אויך זיי, די ייִדן, זענען ביטער אָפּגענאַרט געוואָרן. אָבער

די יידישע שרייבערס האָבן זיך לכתחילה ווייניק וואָס אָנגעקערט מיט דעם רוב מנין פון סאָוועטישן יידנטום. זיי האָבן געלעבט אין אַן אייגענעם קרייז און געשאַפן, נישט האָבנדיק אינזינען די פאָדערונגען און האָפענונגען פון זייער פאָלק.

יאַנאַסאָוויטש איז איינער פון די פּראָמינענטסטע פּובליציסטן אין דער יידישער אַרגענטינע. מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין בע־ונד אין פּאַריז, האָט ער זיך באַוויזן ווי אַ פּאָעט פון אַ באַדייטנדיקער מדרגה. זיין פּובליציסטיק פאַרמאָגט אַ סך פּאַטאָס, וואָס שליסט נישט אויס קיין לאָגיק. דאָס איז אַ זעלטענער געמיש און יאַנאַסאָוויטש באַזיצט עס אין אַ גאַר גרויסער מאָס. ער האָט זיך גיך אַקלימאַטיזירט אין אַרגענטינע און באַלד געוואָרן אַ גייסטיקער תושב. ער קען גוט דאָס פּנים פון אַרגענטינער יידנטום און ווען ער רעדט צו אים, רעדט ער מיט אַ סך אויטאָריטעט, וויסן און פאַרשטענדעניש פאַר דעם ישובס פּראָבלעמען.

די אַלע מעלות זיינע זענען אויך בולט אין זיין טיפן און בעלעטריסטישן אַנאַליז פון די זעקס טראַגישע פיגורן. יאַנאַסאָוויטש האָט זיך געשטעלט אַ ביטערן אויפגאַבע. ער האָט געשילדערט מענטשן, וואָס ער האָט נישט נאָר געקענט פון דער נאָענט, נאָר וועמען ער האָט דערקענט, אין די צייטן פון גרויסן צוזאַמענברוך, דורך די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז די יידישע שרייבערס זענען שוין געווען פאַרמשפּט. זיי זענען שוין געווען איינגעבראָכן און געבויגן, מיט אַן אונטערטעניקייט צו אַ מאַכט, וואָס האָט שוין מער גאָרנישט געוואָלט נעמען ביי זיי. זיי זענען שוין געווען אויסגעזויגן און רייף אַוועקגעוואָרפן צו ווערן, ווי אומניצלעכער אָפּוואַרף.

יאַנאַסאָוויטש האָט אויסגעקליבן די באַרימטסטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס: דוד האָפשטיין, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, דער נסתר, דוד בערגעלסאָן און פרץ מאַרקיש. זיי האָט ער אויסגעקליבן כדי אויסצושמידן די טראַגעדיע פון דער גאַנצער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

פאַר מיר איז יאַנאַסאָוויטשעס בוך אַ גרויסע פאַרכאַפּנדיקע דראַמע, און כאָטש די זעקס העלדן קומען נישט אין אַ דראַמאַטישן אינהאַלטלעכן קאָנ־פליקט, נישט רעכענענדיק די שרייבערישע אינטריגעס און אינטריגעלעך, וואָס זענען אין סאָוועט־רוסלאַנד געווען ממש טויטלעך און האָבן מסתמא ביסלעכווייז אויך געפירט צו דער גרויסער שחיטה פון אַלע יידישע שריי־בערס — זענען די באַזונדערע העלדן, געשטאַלטן פון איין גרויסער טראַגעדיע. דער מחבר האָט נישט עובר געווען קיין איין מינוט אויף די כללים פון דראַ־מע. ער האָט נישט פאַרראַטן זיינע העלדן און נישט געלאָזט זיך פירן פון

זיינע פערזענלעכע סימפּאַטיעס. ס'איז אוודאי קלאָר וועמען ער האָט פער־זענלעך פיינט געהאַט און וועמען ער האָט ליב געהאַט, אָבער אין תוך האָט ער זיי אַלעמען גלייך ליב געהאַט, בעת ער האָט זיי געדורכזיכטיקט און קינסטלעריש אויפגעקלערט זייערע מעשים און האַנדלונגען.

יאַנאַסאָוויטש נעמט זיך אַ סך מי מיט זיינע זעקס העלדן, דער עיקר מיט איציק פעפערן און מיט לייב קוויטקאָן. ס'איז קלאָר, אַז פעפער איז געווען דער סאָוועטישסטער פון אַלע זעקס געשטאַלטן. ער איז געווען אַ ריין־סאָוועטישער פּראָדוקט און ער האָט געטראַכט און געאָטעמט — סאָוועטיש. ער האָט געלעבט מיטן דיאַלעקטישן מאָמענט און געאָטעמט מיט דעם ביסל מאַכט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן איבער זיינע חברים, און וואָס ער האָט זיך אַליין דערוואָרבן מיט זיין אַגרעסיוון קלעטער.

קוויטקאָ איז אויך געווען סאָוועטיש דורך און דורך, און נישט באַזיצנ־דיק פעפערס שאַרפע כיטרעקייט, האָט ער אַפילו נישט געליטן פון די זעל־טענע ספקותלעך, וואָס האָבן נישט־צו־אָפּט דאַקוטשעט פעפערן. קוויטקאָ האָט געגלייבט דער סאָוועטישער מאַכט און ווען ער האָט געכאַפּט אַ פלעם פון אַנטוישונג, האָט ער זיך אויסגעטשוכעט און געבליבן הונדערט פּראָצענט באַלשעוויסטיש געטריי, אַפילו ווען די מאַכט איז שוין אָפּגעפּאָרן פון אים אַ היפּשן מהלך און אים אַרויסגעשטעלט אַ צונג.

קוויטקאָ איז נישט געווען קיין קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט. אַרום זיין געשטאַלט גיט אונדז יאַנאַסאָוויטש אַ סך אויטאָביאָגראַפישע פּרטים און שילדערונגען פון גלות אין אַזיאַטישן רוסלאַנד, ווו קוויטקאָ האָט אויך פאַר־בראַכט אַ לאַנגע צייט מיט חברים נע־ונדניקעס. דאָס ווילדע פּנים פון דער־מוטיקטן סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם הייבט זיך שוין אָן באַווייזן און יאַנאַ־סאָוויטש דערציילט אונדז וועגן דער בהדרגהדיקער באַשפּייזונג פון דעם דאָ־זיקן מאָנסטער, וואָס איז אַ צייט געלעגן איינגעלייגט.

וואָס איז דער שליסל צום בוך פון די זעקס פּאָרטרעטן? יאַנאַסאָוויטש זאָגט עס אונדז אין זיין פּאָרטרעט פון מאַרקישן, ווען ער שטרייכט אונטער אַז — „זאָגן עפּעס וועגן די דאָזיקע מענטשן האָט דערריבער געקענט נאָר דער, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערהערן זייער א י נ ע ר ל ע כ ן ד י אַ ל אָ ג”. דאָס איז דער תנאַי פאַר יעדער מענטשלעכער דראַמע, מען מוז דערהערן דעם אינערלעכן דיאַלאָג, כדי דער אויסערלעכער דיאַלאָג זאָל קלינגען אויטענטיש. אָבער אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען געמוזט זיין אַן אמתער מאַדים, כדי זיך איינצוהערן אין אינערלעכן דיאַלאָג פון מענטשן, און דער עיקר טאַקע פון שרייבערס, וואָס קענען זיך קליגן און זיך אויסבאַ־האַלטן פון דורכדרינגלעכער אויפמערקזאַמקייט, אַפילו ביי נאָרמאַלע באַ־

דינגונגען. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט יעדער געוויינלעכער בירגער געמוזט באַטויבן זיין אינערלעכן דיאַלאָג אָדער מאָנאָלאָג, אַז מען זאָל פון אים קיין פּיפּס און קיין קרעכץ נישט הערן. דער אינערלעכער דיאַלאָג מיט זיך אַליין איז געווען גוט אַרומגעוויקלט מיט וואַטע, ביי יעדער איינעם, אַ פּשיטא שוין ביי שרייבערס, וואָס קענען, ווי געזאָגט, בעסער און געשיקטער די קונץ פון אַ דורכשניטלעכן בירגער.

אָבער ווען מען לייענט יצחק יאַנאַסאָוויטשעס בוך זעט מען, אַז אים איז יאָ געלונגען זיך איינצוהערן אין דעם אינערלעכן דיאַלאָג פון זיינע זעקס העלדן. ער האָט פאַרמאָגט די דינע הערעוודיקייט, וואָס איז נייטיק געווען פאַר אַזאַ מין אויפנעם פון טיף־פאַרבאָרגענע און דערשראָקענע מענטשלעכע מחשבות.

די גרעסטע אַנטוישונג איז פאַר יאַנאַסאָוויטשן געווען דוד בערגעלסאָן. בערגעלסאָן איז שוין געקומען קיין סאָוועט־רוסלאַנד אַ פאַרטיקע פּרי, אַ וועלט־באַרימטער יידישער שרייבער. יאַנאַסאָוויטש איז געווען גרייט מיט אַלע חושים צו באַגעגענען זיין בערגעלסאָנען און אפשר געפינען אין אים גייסטיקן אָנשפּאַר, אָבער געפונען האָט ער אַן איינגעבראָכענעם און נכנע־דיקן מענטשן, וואָס האָט מער פון אַלע אַריבערגעשריגן זיין אינערלעכע פוסט־קייט און אָפּגעגאַרטקייט, מיט אַ האָניק־טריפנדיקן באָלשעוויזם.

בערגעלסאָן איז געווען מער ווי אַ שטיקל אַקטיאָר. ווען ער איז געווען אין ניו־יאָרק, ערב זיין צוריקפאָר אויף אייביק קיין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט ער אונדז אָפּט אַמוזירט ביים קאַפע־טישל מיט זיינע אימיטאַציעס און נאָכ־מאַכונגען. ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז אָנגעהויבן האָט בערגעלסאָן ווי אַן אָפּלאַכער און לץ. זיינע באַנאַלע מאָנאָלאָגן וועגן סאָוועטישע גליקן, וואָס זענען געווען אַ שרייענדיקע סתירה צו זיין קינסטלערישן סטיל און באַנעם, זענען מסתמא געווען נישט מער ווי אָפּשפּאָט און חוזק. בערגעלסאָן האָט בכיוון צוזאַמענגעשטעלט די שונדיסטישע פראַזן אויסצודריקן סאָוועטישן סופּער־פּאַטריאָטיזם, כדי מען זאָל זיך כאַפּן, אַז ער לאַכט אָפּ פון סאָוועטישן גלייכגעשאַלטן סטיל. אָבער אין רוסלאַנד זענען הומאָר און סאַטירע געווען טויט. בערגעלסאָן האָט דערזען אַז מען נעמט אים ערנסט און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז אַ סכנה פאַר זיך און פאַר אַנדערע, מען זאָל זיין טאַמע־וואַטן פּאַטריאָטיזם נישט נעמען ערנסט; ביז דער לעפּישער פּאַטריאָטיזם איז ביי אים געוואָרן די צווייטע נאַטור. בערגעלסאָן איז געוואָרן זיין איי־גענע אימיטאַציע, הן אין זיין שרייבן, הן אין זיין לעבן.

דאָס איז מיינס אַ השערה, אַנדערש קען איך בערגעלסאָנען נישט פאַר־שטיין. ווען יאַנאַסאָוויטש האָט אים באַגעגנט, איז שוין בערגעלסאָן געווען

אויס — בערגעלסאָן, זיין אַפּלאַכערישע אימיטאַציע איז פאַרערנסט און פאַר־גליווערט געוואָרן, און מענטשן האָבן פאַר אים מורא געהאַט און פון אים געוויכט. דעם דאַזיקן געבראָכענעם און צעבראָכענעם בערגעלסאָן, דעם גייס־טיק־אויסגעליידיקטן, דעם ציניקער, וואָס איז געוואָרן זיין אייגענער געפאַנ־גענער, ברענגט יאַנאַסאָוויטש אַרויס אויף אַ געלונגענעם אופן. ער צעשרויפּט אים, ווייזט אונדז די שרייפלעך און שטעלט אים צוזאַמען, אַז דער דערשראָ־קענער העלד קען זיך קוים האַלטן אויף די פיס.

פעפער און קוויטקאָ זענען די לענגסטע פּאָרטרעטן אין בוך. יעדער פּאָר־טרעט פאַרנעמט איבער אַכציק זייטן, ביידע צוזאַמען פאַרנעמען אַ העלפט פון בוך. פעפער איז דער סאָוועטישער טשינאָווניק, דער דינער, דער וואָס טאָר נישט ווערן צו־היימיש מיט מענטשן. ער דערגרייכט וואָס ער וויל, ער קריגט מאַכט. זיין שונא מאַרקיש, ווענען ער איז מקנא, ליגט שוין אויך אין זיינע הענט. ער האָט אַלץ אַ חוץ אַ דיכטערישע אָנערקענונג. ער ווייסט אַז ער האָט די מאַכט אַרויפצוצווינגען חניפה, אָבער ער ווייסט אויך, אַז מען האָט אים פיינט און מען האַלט נישט פון אים. די נישט־אָנערקענונג דערגייט אים די יאָרן און פאַרסמט אים די טעג און מאַכט אים נאָך אומהיימלעכער אין באַציִונגען מיט חברים. ער טוט אַפילו טובהס און טובהלעך, אָבער עס העלפט נישט, ווייל מען ווייסט אַז ער האָט אויך די מאַכט צו טאָן שלעכטס און מען שפּירט אַז ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון קענען טאָן שלעכטס, ווי נאָר מען וועט עס פאָדערן פון אים.

דער טיפּ פון בירגערלעכן דורכשניט קומט אַרויס אין פּאָרטרעט פון דוד האָפשטיין, וואָס מאַכט זיך פאַר אַ שאינו יודע לשאול, ווייל ס'איז גלייכער אַזוי. אַט־דער סענסיטיווער פּאָעט האָט זיך פאַרפּאַנצערט מיט אַ בירגערלע־כער גלייכגילטיקייט אין אַ מאַסקע פון אַפּאַטיע, אַז ער ווייזט קיינמאָל נישט זיין אמתן פּנים. ער, ווי בערגעלסאָן, האָט אַריינגעדרייט דעם לאָמפּ פון זיין אַמאָליקער פּערזענלעכקייט און זיך אַליין פאַרלאָשן.

די קירצערע פּאָרטרעטן פון מאַרקיש, וואָס איז געווען דער שטאָלצער קעניג פון פּאָעטישן וואָרט און דער שטאָלצער טרעגער פון סאָוועטישער אָנערקענונג און פון מוטיקן מענטשן, דער נסתר, וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט אַ צעטראָטענעם יידישן גורל, זענען אויך טרעפלעך אַנאַליזירט. יאַנאַסאָוויטש ווייסט אַקוראַט וואָס פאַראַ עפּיזאָדן און עפּיזאָ־דלעך צו דערציילן, כדי אויפצוקלערן און באַלייכטן די באַהאַלטנסטע קע־מערלעך פון זיינע העלדן. אויף דעם נסתר, וואָס האָט אגב אויך געמאַכט קלענערע קאָמפּראָמיסן, מיט קינסטלערישער צופּאַסיקייט צום סאָוועטישן

פוסטן רומל, זאָגט יאַנאַסאָוויטש קלאָר, אַז ער איז געווען „אַן אמתער צדיק״.

אינטערעסאַנט איז, ווי יאַנאַסאָוויטש געזעגנט זיך מיט צוויי פון זיינע העלדן — פעפער און מאַרקיש. פעפערן לאָזט ער גיין אַראָפּ איבער די טרעפּן. פעפער וויל באַגלייטן יאַנאַסאָוויטשן אַרויף צו דער רעדאַקציע פון „אייניקייט״, אָבער זיין קריסטלעכע סעקרעטאַרשע רופט אים צוריק אַראָפּ, אין ביוראָ פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

„כ׳האָב געוואָלט מיט אייך אַרויפגיין צו ייִדן, נאָר איר זעט דאָך, די גויים רופן צוריק אַראָפּ..״

„ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געגומען פּאַמעלעך אַראָפּ־גיין. כ׳האָב דערזען, ווי זיין פּלייצע הויקערט זיך ייִדישלעך און די פּיס באַוועגן זיך אַזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען קעגן ווינט... דאָס בילד פון פעפערס גאַנג אַראָפּ איבער די טרעפּן שטייט מיר נאָך עד היום פאַר די אויגן״.

מאַרקיש שרייט נאָך יאַנאַסאָוויטשן:

„גריסט וואַרשע. זאָלן די חורבות, וואָס זענען געבליבן נאָך ייִדן, וויסן, אַז מאַרקיש זעט זיי תמיד פאַר די אויגן״.

„מיט פייכטע אויגן און אַ געבויגענעם קאָפּ האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען אַרויפגיין די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער ביוראָ פון שרייבער־פאַריין. איך בין געבליבן אונטן און אים נאָכגע־קוקט. איך האָב געזען ווי ער הייבט זיך שווער און פּאַמעלעך און נעמט־איין יעדע טרעפּ באַזונדער... כ׳ווייס נישט פאַרוואָס מיר איז אין יענעם מאָמענט דורך אַן אויסטערלישער געדאַנק: אַזוי מוז אויסזען אַ מענטש, וואָס שטייגט אויף צום עשאַפאָט, אָדער צו דער תליה״.

צוויי שונאים — פעפער און מאַרקיש, צוויי ייִדישע ברידער, וואָס זענען סימבאָליש פאַר אַ קין און הבל־דראַמע, אויף סאָוועטישער ערד. ווער ווייסט וויפל מאָל די דאָרטיקע הבלס האָבן געקענט ווערן איינער דעם אַנדערן קינס, פאַרוואַנדלענדיק די אומשולדיקע און קלוגשאַפטלעכע קנאת סופרים אין בלו־טיקע אינטריגעס. די צוויי ברידער גייען אַוועק פון אונדז — איינער אַראָפּ, דער צווייטער אַרויף, אָבער ביידע גייען סיי ווי דעם זעלביקן וועג — צום אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג.

דאָס איז דער מוסר השכל פון יאַנאַסאָוויטשעס ווערק. מען זעט ווי די זעקס העלדן צאַפּלען זיך אומזיסט אַנטקעגן גורלדיקן אונטערגאַנג. זיי האָבן, ווי פאַרלוירענע, דעם אונטערגאַנג אַ סך מאָל געטאַנצט אַנטקעגן, מיט רייד, מיט מעשים, מיט צעטומלעניש, אָפּגעריסן פון שורש, פון כלל ישראל. די בלעטער וואָס זיי האָבן אַריינגעשריבן אין דער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע

ווערן מיט גוואַלט אַרויסגעריסן און זיי מיט זייערע ווערק וואַלגערן זיך אין בלוט.

אָט־דעם פּרעלוד צום אומפאַרמיידלעכן טויט שילדערט פּאַר אונדז יצחק יאַנאַסאָוויטש, מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט, דורך די דערשראָקענע לעבנס פון זעקס באַרימטע סאָוועטישע שרייבערס, וואָס האָבן געהאָפט, געגלייבט און זענען בלוטיק אָפּגענאַרט געוואָרן.

1959.

זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין

מיט קנאַפּע 65 יאָר צוריק איז אין וואַרשע געגרינדעט געוואָרן די ערשטע העברעיִשע שולע פֿאַר מיידלעך. דאָס איז געווען אַ ליכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פרוי, וואָס איז אין יענער צייט געווען בלויז דעם מאַנצבילס שטומע און פֿאָלגנדיקע באַגלייטערין. די מיידל־שולע האָט געהייסן „יהודיה" און איז גלייך אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף באַוווסטזיניק־נאַציאָנאַלע יסודות. מיט דער שולע, אָדער ווי די גרינדערין האָט דעם עקספּערימענט באַשיידן אָנגערופֿן — דעם חדר פֿאַר מיידלעך, הייבט זיך פּאַקטיש אָן די עמאַנציפּאַציע פֿון דער נאַציאָנאַלער ייִדישער פרוי אין פּוילן.

די גרינדערין פֿון דער שולע, פּועה ראַקאָווסקי, איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין מדינת ישראל, אין הויכן עלטער פֿון נײַנציק יאָר, אָבער אירע צאָלרייכע פֿרײַנד, וואָס זענען געווען געבענטשט מיט דעם העכערן חוש פֿון אחריות פֿאַר אונדזער מאָדערנער ייִדישער געשיכטע, זענען צו איר צוגעשטאַנען און ביי איר געפּועלט זי זאָל אָנשרייבן אירע זכרונות, וואָס זי האָט אָנגעהויבן שפּינען אין עלטער פֿון 75 יאָר, ווען זי איז שוין געווען באַזעצט פֿינף יאָר אין לאַנד. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז די זכרונות אירע זענען ערשט דערשינען אין ייִדיש און אין העברעיִש מיט אַ קורצער צייט צוריק. אָבער פּועה ראַקאָווסקי האָט זוכה געווען צו זען איר בוך, אין ביידע לשונות, עטלעכע חדשים איידער זי האָט זיך געשיידט מיט איר רייכן און אינהאַלט־פֿולן לעבן. אויף ייִדיש איז דאָס בוך — „די זכרונות פֿון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין" — דערשינען ווי דאָס 99סטע ווערק אין דער מאָנומענטאַלער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַלן פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע. דער פֿאַרלאַג האָט שוין באַרייכערט די ייִדישע געדענק־ליטעראַטור מיט איבער הונדערט ביכער, אָבער פּועה ראַקאָווסקיס „זכרונות" געהערן צו די אויסדערוויילטסטע, אפשר צו די צען בעסטע און ניצלעכסטע, וואָס דער פֿאַרלאַג האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן.

אין העברעיִש זענען די זכרונות דערשינען אונטערן נאָמען „לא נכנעתי", אין דער איבערזעצונג פֿון דוד קלעי, דורכן פֿאַרלאַג „נ. טווערסקי". די וואָרעמע הקדמה צו דער העברעיִשער איבערזעצונג ווערט אויך געגעבן ווי אַן אַריינפֿיר צום ייִדישן אָריגינאַל. די שרייבערין פֿון דער פֿאָררעדע, רחל כצנלסון שזר, זאָגט אונדז, אַז די זכרונות שטעלן מיט זיך פֿאָר די עטאַפּן פֿון אַ

„פּראָטאָטיפּ פון ערשטן דור ייִדישע פרויען אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן בירגערשאַפט און גלייכבאַרעכטיקטע פליכטן אין דער רענע־סאַנס־באַוועגונג פון זייער פאָלק".

אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. פּועה ראַקאָווסקי האָט אויסקעמפנדיק רעכט פאַר זיך, אויף אַלע באַפרייענדיקע געביטן פון ייִדישן לעבן, תמיד געקעמפט פאַרן כלל. איר פּערזענלעך לעבן האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן צוזאַמענ־געגאָסן מיט מסירת־נפשדיקער אַרבעט פאַרן כלל. און איר כלל איז תמיד געווען דאָס ייִדישע פרויען־פאָלק, וואָס זי האָט מיט אַ גוואַלדיקן דראַנג גע־האָלפן עמאַנציפּירן. דערציילט אונדז טאַקע די הקדמה־שרייבערין, אַז פּועה ראַקאָווסקי האָט געגרינדעט די ערשטע נאַציאָנאַלע פרויען־באַוועגונג אין פּוילן, וואָס זי האָט כסדר געפירט אין נאַציאָנאַלן גייסט, מיטן פּנים צו ארץ ישראל, דורך אַלע וויקלונגען און אַנטוויקלונגען אין איר אייגענעם לעבן, וואָס האָט זיך שטענדיק געפונען אונטערן צייכן פון רעוואָלוציע און באַוווסט־זיניקער שעפערישער איבעראַנדערשונג און איבערגעשטאַלטונג. זי האָט קיין איין טאָג פון איר לעבן נישט פאַרלוירן אויף קיין חיי־שעה. אַלץ האָט גע־טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אייגן־בילדונג, כדי די ייִדישע פרוי זאָל קענען געניסן פון אַ גוט־געשולטער און אַנטוויקלטער פירערין, וואָס זאָל זיך קענען אַנטקעגנשטעלן די צענדליקער פיינטלעכע שטראָמען, אין ייִדישן און אין וועלטלעכן לעבן, וואָס האָבן אַפילו דעמאָלט אין די ראַדיקאַלסטע קרייזן נישט דערלאָזט, אַז די פרוי זאָל זיך דערזען, אין דעם וועלט־פּאַראַד פאַר אַ שענער לעבן.

אַליין נישט וויסנדיק, איז פּ. ראַקאָווסקי געווען פון די ערשטע פרויען־רעכטלערינס אויף דער וועלט־אַרענע. זי איז אינגאַנצן אַלט געווען עטלעכע צוואַנציק יאָר, ווען זי, אַ מוטער פון צוויי קליינע קינדער, איז אַוועק אין דער ברייטער וועלט זוכן און געפינען דעם וועג פון דער ייִדישער פרוי.

ס'איז געווען, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אין יאָר 1891, ווען די ביאַ־ליסטאָקער יונגע פרוי, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ געשולטע לערערין, האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן פון פונדאַמענט — אַ חדר פאַר מיידלעך, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פולע רעכטלעכע גימנאַזיע. מיט איר אייגענער שולע איז די מערקווירדיקע פרוי, מיט דעם אייזערנעם ווילן צו טאָן גוטס פאַר דער ייִדישער פרוי, אַליין געוואַקסן, ביז זי איז געוואָרן די דערציִערין פון עטלעכע דורות, אַ פּיאָנערין אויף אַ סך געביטן; און דורך אַלע וואַנדלונגען און אומ־וואַנדלונגען, און פאַרשיידענע שטאַרקע שטראָמען פון גרויסע איינפלוסן, האָט זי קיינמאָל נישט פאַרלוירן איר אָנגעצייכנטע ריכטונג. אין 1928 גע־פינען מיר זי אין מאָסקווע, אין אַן אינטימער דעבאַטע מיט איר איינציקן

זון, דעם וויכטיקן קאָמוניסט, מיטגליד פון קאָמינטערן, וואָס זוכט זי צו איבערצייגן, אַז איר לעצטע סטאַנציע דאַרף זיין — סאָוועטנפאַרבאַנד. אַ הייסע רעוואָלוציאָנערע נאַטור, זענען פועהן נישט פרעמד געווען אַ סך טענות פון איר זון. זי איז אָבער באַשטאַנען אויף דעם, אַז הגם זי און איר זון זענען נישט קיין פּאָליטישע קעגנערס און פאַרן וואָרט קאָמוניזם האָט זי אויך נישט קיין מורא, מוז זי צוריקפאָרן צו איר ציוניסטישער אַרבעט.

„דער ציוניזם האָט מיר אויך אויסער מיין עכט־ייִדישער דערציִונג געבראַכט צום באַוווסטזיין, אַז אונדזער געיאָגט און געפּלאָגט ייִדיש פאָלק, איז מחמת זיין באַדנלאָזיקייט דאָס אומגליקלעכסטע צווישן די אומגליקלעכע, און איבער דעם דאַרף איך מיין גאַנצע ענערגיע און אַלע מיינע פעִקייטן ווידמען נישט קיין אַנדערע, נאָר אונדזער אייגענער ייִדישער באַפרייונגס־באַוועגונג, פאַר אַ פרייער און סאָציאַליסטישער ארץ ישראל.“

מיט איר איינציקן זון האָט זי זיך שוין מער קיינמאָל נישט געזען, און אַביסל שפּעטער איז ער פאַר איר אַפילו פאַרפאַלן געוואָרן אויף אייביק. זי האָט אויפגעהערט פון אים הערן, ווייל זי איז באַגאַנגען דעם גרויסן חטא איבערצוזעצן טראָצקיס אויטאָביאָגראַפיע אויף ייִדיש. טראָצקיס „מיין לעבן“ האָט אָפּגעשניטן איר לעבעדיקן זון פון איר. זי האָט זיך עטלעכע מאָל, נאָך איר איינציקן באַזוך אין מאָסקווע, משתדל געווען צו פאָרן אויף אַ נייעם באַזוך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, כדי זיך צו טרעפן מיט איר בן־יחיד, אָבער מען האָט איר כסדר אָפּגעזאָגט אַ דערלויבעניש. איר זון האָט אין אַ רוסישן בריוו, פאַרשטעלטערהייט, דורכגעשמוגלט אויף ייִדיש, אַז מען דערלויבט איר נישט אים צו קומען באַזוכן, „איבער לייבעלעס איבערזעצונג“. לייבעלע טראָצקי האָט צעשיידט אַ מאַמע און אַ זון אויף אייביק, און אַלע אירע באַמיִונגען צו שטעלן זיך מיט אים אין פאַרבינדונג זענען געווען אַרויסגעוואָרפן.

אָבער זאָל מען נישט מיינען אַז די זכרונות פון דער מערקווירדיקער פרוי, פועה ראַקאָווסקי, זענען בלויז פּאָליטישע. אוודאי זענען זיי די פאַרצייכענונג פון איר פּאָליטישן וועג, פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואָס זי האָט בייגעוווינט, ביז זי איז געוואָרן איינע פון די גרינדערינס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און די אַלע פּאָליטישע עטאַפּן ווערן באַשריבן מיט אַ זעלטן־רייפער פען, אין אַ הויך־אַנטוויקלטן ייִדיש־פּובליציסטישן סטיל, וואָס איז ממש צו באַוווּנדערן. אָבער בעיקר זענען די זכרונות אַ בוך פון ייִדיש לעבן, וואָס נעמט אַרום די שטורעמדיקסטע עפּאָכע, פון צאַרישע גזירות, בלוטיקע פּאָגראָמען, אָפּגענאַרטע האָפענונגען, די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, די רוסישע רעוואָלוציע, צעמורשטע ייִדן אין באַפרייטן פּוילן, דער אימפּעטיקער צוגרייט פאַר עליה און פאַר בויען דאָס

לאַנד פאַר דעם צושטראָם פון עולים. דאָס אַלץ האָט פּועה געזען מיט איר אײגענע אויגן, דורכגעליטן, דורכגעטראָגן אויף אירע אײגענע פּלײצעס. איר הויז איז געװען אַ לאַבאָראַטאָריע פון אידײען, רויע, נישט־דערבאַקענע, און אויסגעטראָגענע, אויסגערײפטע פון נאַציאָנאַליזם, ביזן געפערלעכן, אַקטיװיסטישן אַנאַרכיזם. איר הויז איז געװען אַ זאַמלפּונקט פאַר דער אינטעליגענץ, װאָס האָט בלויז באַדאַרפט עפענען איר טיר, אַרײנקומען און װערן שטובֿ־זיצערס, שטובֿ־שמועסערס און שטובֿ אַמפּערערס. די דאָזיקע אימפּעטיקע װינטמילן און דרײענדיקע שװערדן פאַר די טויערן פון װער־װײס־װיפלגן־עדנס האָבן אויך פאַרכאַפּט אירע קינדער און אײניקלעך. די יונגע באָבע װאָס האָט געהאָדעװעט אירע יתומים־אײניקלעך האָט געטראָגן אויף זיך ייִדישע פּעקלעך און הײמישע לאַסטן, אָבער זי האָט עס אַלץ געטראָגן מיט געװאַלדיקער װירדע און אינערלעכער ייִדישער פרומקײט, װאָס זי האָט געירשנט פון אירע גאָטפאַרכטיקע עלטערן און זײדעס און עלטער־זײדעס — זעקס און דרײסיק דורות רבנים.

די ערשטע פרומע ייִדישע זכרונות־שרײבערין גליקל האַמעל האָט אין פּועה ראַקאָװסקי געקראָגן אַ גרויסאַרטיקע פאַרזעצערין. מען װאָלט געקענט אָנשרײבן אַ גאַנץ בוך, װאָס זאָל אָנװײזן אויף דעם שװערן לעבנסװעג פון דער ייִדישער פרוי, זײט גליקל האָט אויף אַ שטילן און צוריקגעצויגענעם אופן געשילדערט איר הויזגעזינד, ביזן טאָג װען ס'איז דערשינען פּועה ראַקאָװסקי און געעפנט אַלע שפּײכלערס פון װעלטלעך און ייִדיש װיסן, און אומעטום דרײסט אַרײן מיט געהויבענעם קאָפּ, געזוכט שכל הישר און אַנטװיקלטן װאָרט.

אָבער איבער אַלץ איז פּועה ראַקאָװסקיס בוך אויך אַ בוך פון מענטשן און פון משפּחות, פון לעבנס און צוזאַמענשטויסן אין לעבנס. איך שעם זיך נישט צוצוגעבן, אַז איך בין אַרײנגעצויגן געװאָרן אין דעם ענגן קרײז פון איר משפּחה, געהאַט פײכטע אויגן בײ אַ סך מאָמענטן פון איר צער און פרייד, מיטגעטרויערט װען ס'איז געשטאָרבן איר יונגע, גערעטענע און טאַלאַנטירטע טאָכטער; װען פּועה האָט באַדאַרפט האָדעװען אירע יתומים־אײניקלעך, װאָס אײנס פון זײ, אַ ברענענדיקער עקשן איז געגאַנגען אין ארץ ישׂראל; מיטגעצאַפּלט מיט איר, װען זי האָט באַדאַרפט מאַכן דעם געװאַגטן שריט און זיך פאַרבונדן מיט אַ מאַן, אַ באַװוסטן פּעדאַגאָג, װאָס איז געװען מיט צען יאָר ייִנגער פון איר, װעמען זי האָט גערופן חבֿר, און פון װעמען זי איז פיזיש אָבער נישט גײסטיק אַװעק, װען מען האָט געלײגט דאָס יונגע פאַרשניטענע לעבן פון איר טאָכטער אין דער ערד אַרײן, און זי האָט מער נישט געקענט פועלן בײ זיך צו בלײבן די באַזונדערע פרוי, נאָר זי האָט זיך

נאָך מיט מער ברען אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט פאַר דער ייִדישער כלל־פּרוי, פאַר וועמען זי האָט אָפּגעגעבן איר פול לעבן.

פאַראַן אויטאָביאָגראַפיעס, וואָס זענען קאַלירפול און פאַרביק און וואָס זענען אַזוי אינטערעסאַנט געשריבן, אַז ס׳גייט אונדז אין עצם נישט אָן, אַפילו ווען מיר ווייסן אַז דער זעלבסטבאַשרייבענער האָט זיך גוט צוגעפּוצט, אַרויסגעבראַכט און מגזם געווען אַלע זיינע מעלות און באַשיינט זיינע חסרו־נות. די זכרונות פון פּועה ראַקאָווסקי זענען רייך, אינטערעסאַנט און פאַר־כאַפּנדיק אָבער איבער דעם אַלעם מאַכט די אויטאָביאָגראַפירטע העלדין אַליין אַ טיפן רושם, מיט איר גע׳וואַלדיקער עניוות, אויפריכטיקייט און דער אומ־געוויינלעכער מעלה צו קענען איבערגעבן דעם גאַנצןליידן־וועג אירן, ווי אַ טייל פון דעם גרויסן צאַפּלדיקן און יסורימדיקן לעבן אַרום זיך, וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט אין פאַרשיידענע צווייפלס און גלויבנס. אויף אַ סך זייט־לעך פון די זכרונות רוט דער טרויער פון אַ קלוגער און גוטער זקנה, וואָס איז אַליין געקומען אַ באַרוטע צו זיך אַהיים, אָבער פונוויטנס האָבן ייִדישע לעבנס געבערענט און געשריגן צו די הימלען. זי האָט געשריבן אירע זכרונות אין די פערציקער יאָרן, ווען דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אין אייראָפּע איז אַכזריותדיק געטריבן געוואָרן צו פאַרטיליקונג.

זייט ביי זייט מיט אירע מאָגערע פּרנסות האָט פּועה ראַקאָווסקי פאַר־דינט אויף חיונה אויך פון ייִדישער צייטונגס־אַרבעט און פון איבערזעצן איי־ראָפּעיִשע ליטעראַטור אויף ייִדיש. זי האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש רע־מאַרקס באַרימט אַנטי־מלחמה־בוך און עס געטאָן מיט דעם ציטערדיקן גלויבן, אַז זי טוט איר חלק פאַר דעם וועלט־שלום. פאַרענדיקט האָט זי איר קאַריערע אין מדינת ישראל אויך מיט איבערזעצונגען אויף ייִדיש, פון פאַרשיידנאַר־טיקער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. פּועה וואָס איז געווען אַן העברעערין, ממש זייט זי האָט געעפנט באַוווסטזיניקע אויגן און אַ באַוווסט־זיניק מויל צום ריידן, און וואָס האָט איר גאַנץ לעבן געווידמעט צו העברעיִ־שער דערציִונג, האָט עס נישט באַטראַכט פאַר קיין סתירה, וואָס זי האָט פונקט אַזוי ליב געהאַט ייִדיש. ס׳איז אַ סברה, אַז זי איז געקומען קיין ארץ ישראל אין 1920, און ווען זי האָט איבערראַשט אַלע אירע פריינט און אַפילו אַרויסגערופן פאַרביטערונג ביי אַ טייל פון זיי, ווען זי איז פּלוצים צוריקגע־פאָרן קיין פּוילן, איז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות געווען, וואָס זי האָט נישט געקענט סובל זיין די מיאוסע באַציונג צו ייִדיש, מצד העברעיִסטישע פאַנאַטיקערס.

„שוּוער״, שרייבט זי, „איז אויך געווען מסכים צו זיין מיט דער אויס־געשפּראָכן נעגאַטיווער שטעלונג צום אַזוי־גערופענעם גלות. איינער פון די

איצט־פּאָפּולערסטע און פאַרדינסטפולסטע פירערס פונעם ישוב האָט מיך דעמאָלט איבערראַשט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט פאַרשטעלן מיט זיך נאָר דער טייל ייִדן, וואָס וועט קומען לעבן אין ארץ ישראל. די דאָזיקע אויפפאַסונג פון ציוניזם איז מיר לגמרי געווען פרעמד... ווי אַ דירעקטע קאָנסעקווענץ פון אַזאַ מין אויפפאַסונג איז אויסגעוואַקסן די מער ווי זלזול־באַציִונג צו אונדזער פאָלקס־שפּראַך — צו ייִדיש. דער עקס־טרעמער שאָוויניזם האָט זיך צייטנווייז, נוגע דער דאָזיקער פראַגע, אויסגע־דריקט ממש אין אויסטערלישע פאָרמען.״

זייט ביי זייט מיט איר ליבשאַפט צו ייִדיש איז פאַרשטייט זיך, געווען ממש אומבאַגרענעצט איר ליבשאַפט צו העברעיִש. זי וואַרפט אַריין אַ סך העברעיִשע אויסדרוקן און מאמרי חז״ל אין איר שרייבן, און זי האַלט אין איין איבערחזרן דעם מאמר וואָס האָט פאַרבאָטן צו לערנען תורה מיט ייִדי־שע טעכטער, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט נוקם זיין מיט איר לומדות, אין דעם אומגעלומפּערטן און אומגליקלעכן פאַרזאָג.

פועה ראַקאָווסקיס בוך איז אַ בוך, וואָס וועט פאַרבלייבן צווישן אונ־דזערע בלייבעוודיקסטע ביכער, און דאָס געשטאַלט פון דער פרוי פועה וועט אַרויסשיינען פון אונדזער פרויען־געשטאַלטן־גאַלעריע. ס׳וועט זיך זיכער נאָך איר באַווייזן אַ נייע ייִדישע גליקל האַמעל, וואָס וועט ווייטער שפּינען די זכרונות־פעדעם פון דער ייִדישער פרוי, וואָס האָט אַמאָל זיך אַפילו נישט געטאָרט לערנען קיין מלאכה. אויב מאַנסלייט בעלי־מלאכות זענען געווען אַ פלעק אין יחוס, זענען פרויען אַרבעטערינס געווען ממש „אויסגעשלאָסן״, ווי פועה ראַקאָווסקי ווייזט עס אונדז אין די ווערטער פון אַ דעמאָלדיקן פאָלקס־ליד —

— ווער וועט אויפנייען די בייקע?
שרהקע די מאָדיסטקע, די הולטייקע!

פועה ראַקאָווסקיס בוך שילדערט דעם רעוואָלוציאָנערן גאַנג פון דער ייִדישער פרוי, אין דער געזעלשאַפט און ביי זיך אין הויז. די באַשיידענע מע־מואַריסטין גורט זיך אָן מיט מוט און זאָגט:

„ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט קלינגען, נעם איך זיך די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז איך בין געווען איינע פון די פּיאָנערינס פון דער באַוועגונג אין פוילן צו פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע מאַסן.״

מען מוז מיט איר מסכים זיין, ווען מען לייענט דאָס האַרציקע בוך, וואָס שילדערט די גרויסע טראַגעדיע פון צעפאַלענע, צעבראָכענע און צעקריגטע ייִדישע משפחות, די בלאָנדזשענישן און געפּיניקענישן פון די קינדער און די אייניקלעך, אונטער דעם וואַכזאַמען אויג פון אַ קלוגער זקנה, וואָס איז צו

זיבעציק יאָר זיך געקומען באַזעצן אין מדינת ישראל און דאָרט גלייך גענו־מען אַרומלויפן און רייסן ביי די פּאָלעס, מען זאָל איר געבן אַרבעט. די זכרונות פון פועה ראַקאָווסקי, אָדער ווי דאָס בוך הייסט — „זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין״, איז די כראָניק פון אַ וועלט מיט אידעאַליסטי־שער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וואָס האָט געבראַכט אַ סך פרוכט אין יידישן לעבן. דאָס איז אַ פאַראייביקונגס־בוך פאַר אַ דערציערין, וואָס האָט דערצויגן טויזנטער יידישע פרויען. זיי דערמאָנען נאָך, ביים היינטיקן טאָג, איר נאָמען מיט אַ ברכה, וואָס קומט פון טיפן האַרצן.

.1955

מיין שטאָט לובלין

אַ לאַנדסמאַן האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז גאָר אינגיכן וועט אין מדינת ישראל דערשיינען דער לאַנג־דערוואַרטער ענציקלאָפּעדישער באַנד וועגן לובלין, אין דער מאָנומענטאַלער ביכער־סעריע פון דער גלות־ענציקלאָפּעדיע. איך וואַרט אויף דעם בוך מיט אומגעדולד. כ׳ווייס אַז ער איז צו־זאַמענגעשטעלט געוואָרן פון קאָמפּעטענטע מענטשן, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל, וואָס האָט ליב דאָס געדעכעניש פון לובלין און האָט אַ זין פאַר איר חרוב־געוואָרענער יידישער פּראַכט. אַ גרויס יזכור־בוך פון לובלין איז מיט אַ צייט צוריק דערשינען אין פּאַריז, אָבער ער איז פּסול געוואָרן, ווייל קאָמוניסטן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם צוזאַמענשטעל, און זיי האָבן אים „געריייניקט״ אויפן סטאַליניסטישן שטייגער. די העברעיִשע ענציקלאָפּעדיע וועט מסתמא מתקן זיין אַ סך פון די דורכלאָזן און רשעותדיק־קרומע פּאַרטייאישקייטן.

אַלט־לובלין האָט דווקא געהאַט מזל צו היסטאָריקער. פון ניסענבוימען, באַלאַבאַנען ביז, אים צו לענגערע יאָר, דעם יינגערן שמן, האָט דאָס אַלט־רבנישע און מצבהדיקע לובלין געהאַט אירע היסטאָריקער. מיין העברעיִשער לערער, שלמה ברוך ניסענבוים, דער באַקאַנטער מזרחי־טוער און משכיל, האָט נאָך אין 1900 אַרויסגעגעבן זיין קליינע שטודיע „לקורות היהודים בלובלין״, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער, שוין נאָך מיין אַוועקפאָרן, דערשי־נען אין אַ פאַרגרעסערטן אויסגאַב. ניסענבוים האָט אַ סך געשריבן וועגן אַלטן לובלין און מיר געדענקט זיך זיין זאַמלונג פון בילדער און אויפקלע־רונגען, וועגן דעם אַלטן און נייעם בית־הקברות. (דער נייער איז שוין אויך געוועזן אַלט אַ שיינע פּאָר הונדערט יאָר). די דאָזיקע זאַמלונג, וואָס ער האָט פאַרקויפט אין זיין אייגן בוך־געשעפט — איינע פון די ערשטע השכלה־פּעס־טונגען ביי אונדז אין שטאָט — איז געווען אַ מין „בעדעקער״, פאַר גוטער אָריענטאַציע אויף ביידע בית־עולמס, מיט די מצבות פון די גאונים און די לובלינער פייערדיקע און „אייזערנע״ קעפּ.

אָבער ס׳איז שוין אויך געווען אַן אַנדער לובלין, וואָס האָט פאַרדינט אַז געשיכטע־שרייבערס זאָלן זיך דערמיט אָפּגעבן, און וואָס וועט מסתמא קריגן געהעריקע אָפּשפּיגלונג אין דער העברעיִשער גלות־ענציקלאָפּעדיע. דאָס איז די לובלין פון ערשטן ציוניזם, פון סאָציאַליזם און פון בונד, פון השכלה,

העברעיִזם און ייִדישיזם; אויך פון באַוווסטזיניקער ייִדישער אַסימילאַציע, וואָס האָט געהאַט איר אייגענעם צובונד צו ייִדישקייט, אָבער דער צובונד האָט באַנקראָטירט און דערפירט ביז צו די טויערן פון „קאַשטשאָל" און אַפילו אַריין אינעווייניק, פאַר אַ סך פאַרבלאָנדזשעטע ייִדישע נשמות.

לובלין האָט געהאַט אַ העברעער — עובדיה שיינברון. זיין טאַטע האָט ביי אונדז געשמט פאַר אַ מיליאָנער, און ער האָט זיכער פאַרמאָגט מער ווי די ייִדיש־מיליאָנערסקע עטלעכע טויזנט קערבלעך. דער זון עובדיה איז שוין געריטן אויף פערדלעך, מיט די אמתע רייט־שטיוול. אָבער ער האָט אויך געשריבן העברעיִשע ביכלעך וועגן דער שיינקייט פון ייִדישע ימים־טובים. ער איז געווען דער זייל פון העברעיִש אין דעם צוויי־שפּראַכיקן „הזמיר", ווו ער האָט געהאַלטן העברעיִשע רעפעראַטן. די יונגע ברידער גימנאַזיסטן שפּראַך, וואָס זענען געקומען צו אונדז פון דער ליטע, זענען געווען די לוב־לינער מפיצי ייִדיש. זיי זענען אין די דרייסיקער יאָרן ליקווידירט געוואָרן אין ביראָבידזשאַן.

מיר האָבן געהאַט אונדזער רעליגיעזן פילאָזאָף ניעמצאָוויטש, אונדזע־רע יונגע בונדישע פירערס קרומהאָלץ און ענגלענדער. ענגלענדער איז שפּע־טער געוואָרן אַ קאָמוניסט און ער איז געשטאָרבן אין אַ פּוילישער טורמע. מיר האָבן געהאַט אונדזערע יונגע פּאָעטן, וואָס האָבן געצויגן יניקה פון וואַר־שע און ווילנע. איינער פון זיי, ראָטענבערג, האָט געשריבן וווּנדערלעך מוזי־קאַלישע לידער, מיט אַ סך צוזאַג. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ מעדיצינער און ער איז, אויף וויפל מען האָט מיר איבערגעגעבן, אומגעקומען אין דער וואַרשעווער געטאָ. לובלין האָט אַפילו געהאַט אירס אַן אייגענעם, לאָקאַלן דראַמאַטורג, יעקב וואַקסמאַן, אַ מחבר פון צענדליקער דראַמעס, וואָס האָט זוכה געווען, אַז מען זאָל אַ פּאָר דראַמעס זיינע אויפפירן אין וואַרשע.

אַ לובלינער שיינדל איז געווען די מייערסאָן פאַמיליע. דער פאָטער פון דער משפחה איז געווען אַ רייכער שניט־קרעמער. זיין ווייב, מאַלווינאַ, האָט זיך געחברט מיט עליזאַ אָרזשעסקאָ, און ס'איז אַ סברא אַז זי האָט געהאַט אַ השפעה אויף דער איידעלער פּוילישער שריפטשטעלערין, אַז זי זאָל „אַנט־דעקן" דעם ייִד אין פּוילן און אים דערהייבן, אויף איר אייגענעם שטייגער. מאַלווינאַ מייערסאָן איז פּאַקטיש געווען די מוטער פון דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור. זי אַליין האָט געשריבן אַ סך ראָמאַנען, אין סטיל פון איר צייט.

איר זון עמיל מייערסאָן איז דער באַרימטער פילאָזאָף פון נאַטור־וויסנ־שאַפט, אַ גאון אויף זיין געביט. ער האָט געפאָרשט די געשיכטע פון וויסנ־שאַפט, אירע גייגונגען, ווענדונגען און אָפּנייגונגען. ער האָט זיך יונגערהייט באַזעצט אין פּאַריז, פונוואַנען זיין נאָמען האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער

גאַנצער וועלט. זיין פילאָזאָפיע האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיט די גרונט־אונטערשיידן פון שכל הישר און וויסנשאַפטלעכן דענקען.

עמיל מייערסאָן האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה פון וויסנשאַפטלעכע ווערק, און נישט קיין אַנדערער ווי איינשטיין האָט זיך סומך געווען אויף זיינע אָריגינעלע און טיפזיניקע שטודיעס פון נאַטורוויסנשאַפט, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ רעליגיעזן אונטערשלאָג. דער פּויליש־פראַנצויזישער ייִד האָט געשטאַמט פון אַן אַנדער פראַנצויזישן ייִד — רש״י.

מייערסאָן איז געשטאָרבן אין 1933 אין פּאַריז. זיין ברייטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט האָט אים נישט געשטערט צו פאַרבלייבן — אין פּאַריז, — אַ וואַרעמער ייִד און אַן אַקטיווער ציוניסט, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון ציוניזם אין פראַנקרייך. זיין ייִנגערע שוועסטער פעליציאַ, אַ פּאָעטעסע, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך לידער אין דער אַסימילאַטאָרישער צייטונג „איזראַעליטאַ״ און געשריבן דראַמעס, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע, איז געבליבן אין לובלין, ווו זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם פאַרברענטן אַסימילאַטאָר און כמעט־אַנטיסעמיט דעם גוט־באַקאַנטן לובלינער דאָקטאָר אַרנשטיין. פעליציאַ, וואָס האָט זיך ראָמאַנטיש־זיס געשפּילט אין אירע לידער מיט היסטאָרישע ייִדישע טעמעס, האָט פון דעסטוועגן, ווי אַ ברייטע מחותנתטע, געפירט אירע קינדער צו דער חופּה אין „קאָשטשאָל״ אַריין. ס׳איז געווען אַ פיינער מהלך צווישן איר ציוניסטישן ברודער אין דער גויִשער פּאַריז און איר אייגענעם דרך, אין אַלט־ייִדישן לובלין.

אָט די נייערע לובלינער פיגורן פון דראַנג נאָך ייִדישקייט, וועלט־באַפרייונג, אָדער אָפּפרעמדונג, ביז די טויערן פון שמד, האָבן נאָך נישט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַן ענערגישן היסטאָריקער. אפשר זענען דאָ־און־דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קלענערע אַרבעטן אָדער דערמאָנונגען. גאַנץ מעגלעך אַז די יונגע היסטאָריקערין, דורך די נאַציס אומגעבראַכטע, מאַנדעלסבערג, האָט אַביסל געשריבן אויך וועגן דעם נייעם ייִדישן לובלין, אָבער אין אַלגעמיין האָט די שטאָט נישט זוכה געווען, אַז מען זאָל צי׳ען די ווייטערדיקע געשיכטלעכע ליניע, פון ניסענבוימס מצבות־ און באַלאַבאַנס געטאָ־גאַסן, ביז די אינטעלעקטועלע קאַמפן, וואָס האָבן געגעבן לובלין איר לעבעדיקן כאַראַקטער, דורך אַלע עטאַפּן פון מאָדערנעם ייִדישן לעבן.

וויל איך האָפן אַז כ׳וועל דאָס אַלץ געפינען אין דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע — לובלין. אפשר וועל איך שוין דאָרט אויך אין איינוועג געפינען דעם ענטפער אויף דעם רעטעניש, פאַרוואָס מיר האָבן אין לובלין געהאַט אַזויפיל אויסטערלישע ייִדישע „דייטשע״ און אַפילו פראַנצויזישע

משפחה־נעמען. מיר האָבן געהאַט טוגענטאַלס, קרומהאָלץ, האָכגעמיין, רעטינג, קונע, פאַנטשער, גריזאָלעט, שפּילפאָגעל, פייקוס, קורפּאַטווע, האָספאָגעל, גאָלדפעדער און אַנדערע — ממש אַן אוצר פון טשיקאַווע נעמען. אגב, אַ לובלינער גאָלדפעדער פאַרנעמט אין ניו־יאָרק אַ בכבודיק אָרט, אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. דאָס איז אַנאַ גאָלדפעדער, איינע פון די וויכטיקסטע אויטאָריטעטן אויפן געביט פון קאַנסער־פאָרשונג.

**
*

און האָב איך זיך שוין צערעדט וועגן לובלין, וועל איך שוין דערמאָנען דעם בונדיסטישן שרייבער, וואָס האָט אויך געטראָגן איינעם פון די לובלינערישע זעלטענע נעמען — הערנהוט. יוסף הערנהוט איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַציס, אין דער ערשטער לובלינער אַקציע. כ׳האָב נישט געזען אַז מען זאָל הערנהוטן ערגעצוו דערמאָנען, אַפילו נישט אין קיין בונדישע אויסגאַבן.

ביי מיר האָט זיך אויפגעהיט זיינס אַ ביכל לידער פון 34 זייטן, וואָס איז דערשינען אין 1933, אונטערן נאָמען „אין אונדזערע טעג”. דער העברעיִשער עלעמענט פון די לידער איז אויסגעלייגט פאָנעטיש. דאָס העפטל איז געדרוקט געוואָרן אין ווייבנאָומס דרוקעריי „רעקאָרד” אויף נאָוואַ־ריבנאַ, און האָט געקאָסט 50 גראָשן, סך־הכל אַ האַלבע זלאָטע. די האָלצשניט־הילע האָט געמאַכט רבקה בערגער, מיינע אַ נאָענטע קרובה, די נאַציס האָבן אויך די יונגע קינסטלערין אומגעבראַכט.

יוסף הערנהוט האָט אין זיין ערשטער און, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, זיין איינציקער זאַמלונג לידער אַרויסגעוויזן אַ נישקשהדיקע פעיִקייט אויסצושרייען די שרעק פון דער צייט. ער האָט געשריבן עקספּרעסיאָניסטישע צייט־לידער און אין 1933 האָט ער שוין דערשמעקט אַז —

> ווידער ווערט די וועלט צום טויט געגרייט,
> ווידער דורשט די חיה ווילד נאָך בלוט,

הערנהוט האָט זיך באַמיט איבערצושרייבן פּראָלעטאַרישע לידער, מיט אַ נייעם נוסח.

> אונדזער בלוט — אייער ווייַן,
> אייער גאָלד — אונדזער קראַפט.

הגם הערנהוט האָט געשריבן פיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, אין דער לובלינער צייטונג, האָט ער אין זיינע לידער פאַרמאָגט אַ קליינעם ווערטער־

אוצר. ער איז אָבער געווען דורכגעדרונגען מיט אַן ערלעכער בענקשאַפט פאַר אַ שענערער וועלט.

עס שרייען שוין די שטיינער אויף די גאַסן:
מיר האַסן! מיר האַסן! מיר האַסן!
פון יעדער מויער רייסט זיך שוין אַ רוף:
געווג! גענוג! גענוג!
און
דו
ווערסט
אַלץ
שווייגן?!

דער לעצטער אויסרוף איז טאַקע אַזוי דראַענדיק אויסגעשטעלט צו אייג־ציק וואָרט אויף אַ שורה. ער רעדט וועגן „געפּאַלן פון הונגער — אַ זאַץ און אַ פונקט. פאַרצווייפלטער זעלבסטמאָרד — אַ זאַץ און אַ פונקט. געפרוירע־נע קינדער — אַ זאַץ און אַ פונקט". און ער שרייט ווידער אויס, אויפן שטייגער פון די דעמאָלט באַקאַנטע פלאַקאַטישע דיכטערס „און דו ווערסט אַלץ נאָך שווייגן?!"

דער יונגער הערנהוט זינגט אַ ליד צו לייוויקן, ווען ער האָט נישט געזען אָבער ווען ער קען דאָס פּנים „פון ליידן העל באַלויכטן". לייוויק איז ביי אים דער „צאַרטסטער און דער שטרענגסטער דיכטער"

און כאָטש איך שטיי אין ריי, ווי אַ סאָלדאַט,
און כאָטש דיין אמת איז נישט שטענדיק מיינער,
דאָך נאָענט אַזוי ביסטו מיר, נאָענט אַזוי און ליב —
פון צענדליקער פּאָעטן יידישע דו איינער.

אין דער קליינער זאַמלונג זענען דאָ פּראָלעטאַרישע לידער פון אַ שמיד, פון אַ קוילנגרעבער, פון אַ מויערער, פון אַן אַרבעטלאָזן, פון אומנייטיקע הענט, וואָס מען וועט זיי באַלד דאַרפן, ווייל „ס'איז נישט ווייט דער טאָג ווען עס וועט זיך צעסאַרפּען אַ פייער איבער גאָר דער וועלט". ער זינגט אַ ליד פון נאָוועמבער 1933 און ער פרעגט

קוואָ וואַדיס — וועלט, וווּ גייסטו זאָג — וווהין?

ער שאַנעוועט אפילו נישט אונדזער אַמעריקע —

און אין דאָלאַר־לאַנד דער הונגער וואַקסט כסדר,
עס העלפט נישט רוזוועלטס חכמה און זיין פלייס.

דער יונגער בונדיסט הערנהוט האָט נאָך דעמאָלט געהאַט אַביסל גלויבן אַז —

בלויז אין אָקטאָבער־לאַנד דעם רויטן טראָגט געזאַנג זיך
פון נייער וועלט, פון סאָציאַליזם בוי.

ווי, ווי דאָס דאָזיקע געזאַנג האָט מיאוס אָפּגענאַרט צענדליקער טויזנ־טער אַזעלכע נאַיווע גלויבערס. דאָס בעסטע ליד אין דער מאָגערער זאַמלונג פון סאָציאַליסטישע לידער איז דאָס ליד צו לובלין —

איבערן גרוי גלאַנץ פון דיין נעכטן — אַלט ייִדישקייט אין געטאָ —
האָט שוין האַרטער היינט אויסגעשפּונען אַ ניי געוועב.
און כאָטש דו פאַרמאָגסט נאָך נישט קיין בנינים פון בעטאָן,
און פון גרויסשטאָט דעם קלאַנג, קאָליר און פאַרנעם —
דאָך זינגסטו אויך שוין דאָס ליד פון לעבן פון נייעם,
ווי אין אַלע וועלט שטעט, ווי אויף גאָר דער ערד,
גייט דאָ אויך אָן דער קאַמף פאַר ברויט און באַפרייונג.

און ער פאַרענדיקט זיין ליד מיט אַזעלכע פיר שורות:

שטאָט פון טראַדיציע און פון שווייגנדיקן דלות,
שטאָט פון שטיללעבן, שטאָט פון ווייכע טריט.
שטאָט פון אַלט־צעשוווּמענע און ניי־געקומענע חלומות —
שטאָט פון מיין היים, פון מיין טאָג און מיין ליד.

ס'זענען קיין סך לידער נישט געשריבן געוואָרן צו דער שטאָט לובלין, און אַזעלכע אויסרופן ווי „שווייגנדיקער דלות" און „שטאָט פון שטיללעבן און ווייכע טריט" זענען באמת כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָפּגעפּוצטער אָרעמקייט, פאַר דעם נישט־שרייענדיקן דלות און דער נישט צו שרייענדיקער גבירהשאַפט פון אונדזער שטאָט. כ'וועל באמת האָפן אַז אַ הויך דערפון וועט מען געפינען אין דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע פון לובלין, אַן אָפּשפּיג־לונג אויך פון דער שטאָט מיט אירע האָפענונגען, ערב איר ייִדישן חורבן און פאַרגאַנג, ווען לובלין איז נאָך געווען אַ שטאָט פון קנאַפּע פופציק טויזנט ייִדן.

1956.

III

„מיין לעקסיקאָן" פון מלך ראַוויטש / דריי נאַציאָנאַלע פּאָעמעס פון
ג. י. גאָטליב / „דער שול־הויף" פון חיים גראַדע / יעקב פּאַט —
„שמועסן מיט יידישע שרייבער" / יוסף ראָלניקס „זכרונות" / „אינדז־
לען אויף דער ערד" פון מרדכי שטריגלער / נח גאָלדבערגס „אַ ליכט
גייט אויף" / זוכנדיק קינסטלערישע פרייד אין תוהו / מאַרק שווידס
„אַלע לידער און פּאָעמעס" / אהרן ניסענזאָנס „אין צדיקס טריט" /
„דיכטער און דיכטונג" פון א. טאַבאַטשניק / מלכה חפץ־טוזמאַן / א
לוצקי / מאיר שטיקערס לידער / אין מילוואָקי לעבט אַ יידישער פּאָעט
/ „כתבים" פון חיים קרול / י. ל. קאַלושינער / לוי גאָלדבערג / ד״ר
א. מוקדוני / משה יונה חאַימאָוויטש / אַ ליטעראַרישע סענסאַציע /
נ. ב. מינקאָוו / נ. ב. מינקאָוו צו זיין ערשטן יאָרצייט / ש. מיללער /
אלף כצס „שפּיל אין לידער" / אליעזר בלום־אַלקוויטס דערציילונגען / 46
יידישע לידער אויף ענגליש / שעקספּירס סאָנעטן / קאַלעוואַלאַ אויף
יידיש / יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ נס.

„מיין לעקסיקאָן" פון מלך ראַוויטש

דאָס איז שוין דער דריטער באַנד פון אַ פּריוואַטן לעקסיקאָן וואָס מלך ראַוויטש האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין יאָר 1945. אין די דריי לעקסיקאָנען האָט ער מסתמא „געדעקט" אַ 250 יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס. דער נייסטער באַנד איז דער בייכיקסטער פון אַלע — קנאַפּע 500 זייטן — און איז אַ רעזולטאַט פון זיין וווינען אין מדינת ישראל אַ לענגערע צייט, מיטן געדאַנק זיך דאָרט צו באַזעצן. אָבער דער לעקסיקאָן איז אפשר אָן אויסקויף פאַר נישט פאַרבלייבן, אָדער נ אָ ך נ י ש ט פאַרבלייבן אין דער מדינה — אַ קאָלאָסאַלע מתנה דער גייסטיקייט פון לאַנד, וואָס איז ראַוויטשן צום נאָענטסטן.

מלך ראַוויטש איז אַ גענוג גוטער זשורנאַליסט, וואָס האָט געקאָנט אויף זיך נעמען די עובדה אָפּצופאָרטרעטלען גענעראַלן, מלחמה־פירערס, עקאָנאָמיסטן, אַרכיטעקטן און צעבּרוגזטע פּאַרטיי־פירערס, אָבער ער האָט זיך גענומען צו שרייבערס, העברעישע און יידישע, און זיי אויסגעמושטרירט ווי זיין אַרמיי פון פרידן, און זיי אַפילו געשאָנקען צוויי פעלד־מאַרשאַלן — שלום אַש פון רעכטס און זלמן שניאורן פון לינקס. ראַוויטש איז ביי זיין גאַנצער תמימות, אַ גרויסער שפּיצלער. ער האָט אויסגענוצט דעם אַלפאַבעטישן מרחק צווישן צוויי גענעראַלן און זיי באַוווסטזיניק דערווייטערט איינעם פון אַנדערן, זיי צעשיידט, נישט נאָר מיט פרומער אָפּגעשיידטקייט, נאָר אויך מיט דער כוונה, אַז יעדער פעלד־מאַרשאַל זאָל קריגן אומגעשטערט און אומבאַרעדט זיין אייגענע פעטע פאַרציע אָנערקענונג. צווישן אלף און שין טוט זיך טאָן און רודערן, מיט אַזויפיל באַשריבענע אָפּיצירן — מיטן איינציקן אויסנאָם פון סוקצעווערן וואָס האַלט דעם צענטער — אַז די צוויי גרויס־גייסטערס קריגן נישט קיין געלעגנהייט איבערצופירן די שטימונג.

און די שטימונג איז אַן איינגעשטעלטע דיסציפלין פון צוגעטיילטער גוטסקייט. ווען מען גיט אַ לייען אַ צען פאָרטרעטן, כאַפּט מען דעם שניט פון דער מאַנאָטאָנער צוגעשניטנקייט, וואָס מיט איר אָפּערירט ראַוויטש. אָ פּ ע ר י ר ט איז אפשר דאָס גלייכסטע וואָרט, ווייל ראַוויטש מאַכט קודם־כל פיזישע אָפּעראַציעס אויף זיינע באַשריבענע העלדן. ער פאַרפלאָסטישט די נעזער, די פּנימער, אַפילו די פיגורן. ער זעט מענטשן, ווי יעדער

פּאָרטרעט מאָלער, אין זיין אייגענעם געשטאַלט, אָבער די פּיזישע באַשריי־בונגען זענען אויך ראַוויטשעס אַ באַוווּסטזיניקער איבערקנעט. ער גלייכט אויס קרומקייטן און קרומט אויס גלייכקייטן. ער שאַפט זיך אַן אייגענע גע־שטאַלטן־גאַלעריע.

„מיין לעקסיקאָן" איז גלייך אַ פּאַראַוויסיקע התראה צו יעדער קריטיקער, אַז ס'איז נישט שייך צו זוכן חסרונות אויף אַזאַ ריין־פּערזענלעכן איינפאַל. אַלע אָנגעוויזענע חסרונות שפּרינגען אָפּ, ווען זיי שלאָגן זיך אָן אין דעם „מיין", וואָס איז בפירוש אַן אייזערנע באַוואָרעניש. אַ מענטש וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַזאַ סטאַזש ווי ראַוויטש אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט אפשר אַ רעכט צו סדרן און מושטירן שרייבערס און זיי געבן דעם לייענער אויף צו דערקענען, נאָכדעם ווי ער אַליין האָט זיי צוגעפּוצט. אַ סך פּאָר־טרעטן לייענען זיך — כחומר ביד היוצר. אַליין האָבן זיי זייער וויניק לעבן, אָבער דער לעקסיקאָנער בלאָזט אין זיי אַריין אָטעם, אָדער ער בלאָזט זיי אָן, שטעלט זיי אויף די פיס; צומאָל שטעלט ער זיי אונטער אַ פּיסל. יאָ, ראַוויטש האָט אַ סך טרוקענעם הומאָר און זיין מידת הגוטסקייט איז אָפּט־מאָל געמישט מיט אַ סך איינערלעכער לצנות, וואָס איז גאַנץ שפּילעוודיק, ווער ס'זעט נישט אָט די מידה, וואָס איז ביי ראַוויטשן אַפילו אַ זשאַנער אַ גאַנצער, לייענט אים בלויז איינגאָרנדיק.

איך האָב פריער געזאָגט אַז ראַוויטש איז אַ גוטער זשורנאַליסט, דער אמת איז אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער, איבעראַשנדיקער זשורנאַליסט. ער פאַרמאָגט אַלע מעלות פון אַ גרויסצוגיקן פּובליציסט. ער האָט מיינונגען, ער קען טראַכטן, ער קען דערזען און באַלייכטן דאָס פּינטעלע וואָס מען דאַרף אַרויסהייבן. ער קען מאַכן אויספירן, ער האָט איינפאַל און פאַרמאָגט אַן אייגענעם סטיל וואָס לאָזט זיך דערקענען. זיינע אומצאָליקע זשורנאַליסטישע אַרבעטן זענען אויך אַ „מיין לעקסיקאָן" וואָס ער פירט כסדר. נאָכדעם ווי מען לייענט איבער אַ גאַנצע בלאַט־צייטונג, וויל מען נאָך אַלץ לייענען ראַ־וויטשעס אַרטיקל, אין דער זעלביקער צייטונג, ווייל ער קומט שטענדיק אָן פון אַ זייטיקן וועג.

זיין זשורנאַליסטיק האָט נאָך די מעלה, וואָס זי איז בעלעטריסטיש. וואָס מיינט בעלעטריסטישע זשורנאַליסטיק? אַ סך זאַכן: דאָס לשון איז אָפּ־געוואָרנטער, די שטריכן זענען שאַרף און די גערדאַנקלעכקייט אַ בילדלעכע. דער שטאַנדפּונקט איז נישט קיין אָט־געוואָרענער, נאָר אַ דרך, אַ לאַמטערנע, וואָס מיט איר ווערן באַלויכטן געשעענישן, אין ליכט פון אַ גאַנצער קייט געשעענע דערפאַרונגען, גלויבונגען און אַפילו זיך־איינגעשמועסטע טעאָריעס.

אָט די אַלע מעלות זענען דאָ אין דעם נייסטן באַנד „מיין לעקסיקאָן",

און דאָך ליגט איבער דער גאַנצער בעלעטריסטישער לעבעדיקייט אַ שווע־רער גליוועך, ווי די באַזעצטע העלדן וואָלטן געווען אויפגעלעבטע וואַקס־פיגורן. איך בין זיך משער, אַז דאָס נעמט זיך פון נעמען אַ לכתחילהדיקע מאָס, ווי ראַוויטש אַליין זאָגט — פון טויזנט ווערטער פאַר יעדער באַזונ־דערן שרייבער. הגם די מאָס האַלט ראַוויטש נישט אויס מער ווי איין מאָל, האָט ער דאָך איינגעשטעלט אַ ספּעציפישע פאַרפרוירענע אַטמאָספער, פאַר די באַוווינערס פון דעם ענגן פּאַנטעאָן.

די פאָרעם פון יעדער מעשהלע־פּאָרטרעט איז אַ לייכטע: ראַוויטש זוכט אָפּ אָדער באַגעגנט דעם שרייבער, ער מעסט אים אָפּ, גיט אים אַ צוקערל, לאָזט אים אַמאָל ריידן עטלעכע ווערטער, גיט אים אַ שטויס און די מאַריאָ־נעטקע נעמט זיך אַביסל באַוועגן און גיט אַזאַ און אַזאַ שמייכל, אָדער אַזאַ און אַזאַ כמורע און מען צעגייט זיך.

דערפאַר איז גלייכער אַז מען זאָל די הונדערט און עטלעכע און פופציק פּאָרטרעטן נישט לייענען מיטאַמאָל, נאָר מען דאַרף זיי נאַשן, ווייל זיי דערעסן און די פאַרשוינען נעמען זיך, ביי זייער גאַנצער געשילדערטקייט, מישן אין זכרון, און פון דעם איינגעשטעלטן „ווער איז ווער״, ווערט אַ צע־טומלטער „ווער איז דער?״ אַז מען לייענט אָבער אַ פּאָרטרעט, צוויי, און מען רוט זיך אָפּ, מוז מען הנאה האָבן פון ראַוויטשעס שעפערישער בריהשקייט.

ער איז אומעטום גוט און וויפל שרייב־ענערגיע ער זאָל נישט אויס־ניצן, איז ער תמיד אינטערעסאַנט. טייל פּאָרטרעטן זענען באמת אַמוזירנדי־קע. אַנדערע זענען פּאַזע־פּאָרטרעטן פון מחבר אַליין, זיי פּסיכאָלאָגיזירן דעם מחבר אַ סך מער ווי ראַוויטשעס אויטאָ־פּאָרטרעט, וואָס געהערט דווקא צו די ווייניקער געראָטענע אין בוך — און אַזוי דאַרף זיין. אַ שרייבער מוז דורכפאַלן, ווען ער וויל געבן זיין אייגענעם פּראָפיל. דערפאַר איז „אייסערסט״ — זאָל מיר דערלויבט זיין דער דאָזיקער גאַליציאַנער אויסדרוק — געראָטן ראַוויטשעס פּען־פּראָפיל פון זיין זון, וואָס איז אויך אַן אויטאָ־באַלייכטונג. ס׳איז ווי ראַוויטשעס אַ גוט ליד, ס׳איז קאָסמיש. דאָס געזאַנג פון משפחה־שאַפט ציטערט אין יעדער שורה. און די פאָטערלעכע, זיידישע און אייגענע זון־געטריישאַפט צו דער מאַמע הינדע, איז דער ריטם פון דעם קליינעם מייס־טערווערק.

איז, ווען איך בין אַ סך מאָל צוריקגעקומען צו דעם דאָזיקן פּאָרטרעט, האָב איך זיך יעדן מאָל אָפּגערוט, פאַרמאַכט דאָס פּעטע בוך און זיך גע־פרעגט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל: וואָס טרייבט ראַוויטשן צו פאַרשרייבן זיך אַליין מיט אַזעלכע אונטערנעמונגען, צו פאַרשרייבן די בעסטע געפילן

זיינע, די אמת נאַיווע גאָט־זוכעניש, נישט די ליטעראַריש־געשניצטע, נאָר דעם וואונדער־זוכער אין אים פון די אַמאָליקע געזאָגטע לידער זיינע?

יאָ, כ׳האָב געלייענט ראַוויטשעס הקדמה, געזען אַז ער אַליין שטעלט זיך די קשיה, אָבער זיינע תירוצים שטעלן מיך נישט צופרידן. זאָל איך זאָגן אַז ס׳איז ראַוויטשעס אומגעזעטיקטע עניוות וואָס זוכט עקספּאַנסיע אויף אַ גרויסן שטח, מיט אויסגעשטרעקטע ליטעראַרישע פינגער, צו אַלע הימלען פון שרייבעריי, פון באַשרייבן אַלעמען דורך זיך, כדי זיך צו באַפעסטיקן: דער דראַנג צו ווערן אַ גאַנצע קולטור, אַ צענטריפוגאַלע ליטעראַטור־מאַכט, וואָס מ׳זאָל אַנטקעגן איר נישט קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם — אַ מין אַ ר־מ ע ד אַ ז ק יי ט.

מיר איז בפירוש געווען אַ שאָד, ווען איך האָב געכאַפּט וויפל גוט־שרייבערישקייט ס׳בלאָנדזשעט אַרום אין דעם דיקן בוך, און וויפל ניוועץ ס׳איז אַריינגעבויט אין דעם פּערזענלעכן לעקסיקאָן, וועגן מענטשן, וואָס זייער רוב גייט מלך ראַוויטשן קנאַפּ אָן. ס׳איז איראָניש אָפּטמאָל ווען מען פרעגט זיך, צו וואָס דאַרף „מיין לעקסיקאָן״ זיין אַזוי פּערזענלעך מיט אומפּערזענלעכע באַגעגענישן.

וואָלט אפשר כדאַי געווען אויסצומעקן די אויבן־געזאָגטע סברות און קריגן אַן אַנדער שליסל: ראַוויטשעס אייגענע פּרומקייט און דער ווילן צו פאַרפּערזענלעכן די אומפּערזענלעכקייט פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַ־טור, אין שפּיגל פון דעם ליטעראַרישן וואַנדערער, דעם טאַלאַנט־פּראַדיגאַלן זון — מלך ראַוויטש.

זאָל מען דערפון נישט דרינגען אַז כ׳האָב פון „מיין לעקסיקאָן״ קיין הנאה נישט געהאַט. דער אַנעקדאָטישער מאַטעריאַל, דער לייכטער קאַפּע־שמועס איז זייער עלעגאַנט סערווירט, און מיט אַלע אייראָפּעיִשע חן־גריב־לעך פון אַ פיינעם הערער און איבערשרייבער.

ס׳פעלט מיר אָבער אין לעקסיקאָן אַ מאָראַלישע וואָגשאָל. גוטסקייט אַליין קען נאָך פירן צו אַן אינפלאַציע פון דעם ווערט פון גוטסקייט גופא. צווישן די פּאָרטרעטן געפינען זיך געגוג מוסטערן פון אַ פאַרפרומטער גוטס־קייט, וואָס באַזיגט זיך אַליין און פירט נישט צו אַ מאָראַלישן אויסוועג.

וועגן „בעל תשובה״ בינעם העלער, גיט אונדז ראַוויטש אַ פאַרגעבערישן פּאָרטרעט. ער דערמאָנט אונדז אַפילו העלערס אַ חטא, אַז ער האָט אין 1934 שוין אויסגעפּאָלגט די „ליניע״ און נישט געוואָלט אויפשטיין ביי אַן אזכרה נאָך ביאַליקן. ראַוויטש ברענגט אויך אַ מאמר חז״ל, אַז מען דאַרף זיך נישט פרייען ווען אַ קעגנער פאַלט, אָבער דאָס געדענקען דעם מאמר חז״ל און דאָס נעמען זיך קרעדיט פאַר זיך נישט פרייען בעת דער קעגנער פאַלט, איז

פונקט אַזאַ חטא. ראַוויטש געדענקט דעם מאמר חז״ל צו אָפּט, כדי צו קריגן מאָראַלישע אָנערקענונג. אַנדערע געדענקען אַפילו נישט דעם פּאַרזאָג און זיי פרייען זיך במילא נישט, נאָר זיי זעען גאָר די טראַגעדיע פון געפאַלנקייט, אין אונדזער געפאַלענער צייט, וואָס מאַכט צו־גיך שלום מיט אַלערליי געפאַלענע קאַריעריסטן.

אַ צווייטער פּאָרטרעט, אויך אַ פרומער, איז וועגן דעם העברעיִשן שרייבער מאיר מוהר, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק נאָכגעשיקט לייוויקן די ערגסטע זלזולים, אויף זיין חשבון און אויפן חשבון פון ייִדישן לשון. אויך אים פאַרגלעט ראַוויטש די בייזע פראָפיל־שטריכן און זיפצט בלויז אָפּ, אַז ביי אים „אין האַרץ איז געבליבן אַ רעטעניש ממש ווי אַ ווונד״.

אין זיין אויטאָ־פּאָרטרעט דערציילט אונדז ראַוויטש, אַז זיינע צוויי געאַכפּערטע רביס זענען שפּינאָזע און פּרץ, אָבערביידע זענען געווען הויךעטישע מענטשן און זיי האָבן אויסגעשריגן קעגן שלעכטס, אין די אינטערעסן פון אַ גערייניקטער מענטשהייט, וואָס מען מוז זי היילן מיט מוסר.

אַוודאי איז מידת הרחמים אַ הויכע מדרגה, אָבער די מידת הרחמים וואָס שטרייכט אונטער טיפע עטישע ווערטן און דערהייבט זיי דווקא דורך אונטערשיידן גוטס פון שלעכטס, ליכט פון פינצטערניש. ווען דער רבונו של עולם וואָלטביים באַשאַפן די וועלט געווען געליטן פון אַן אומפּראַקטישער מידת הרחמים, וואָלט ער נישט געווען אָפּגעשיידט דעם טאָג פון דער נאַכט.

לאַנג נאָך די צייטן פון תנא ר׳ מאיר האָבן מיר געלערנט, אַז שאָלעכץ דאַרף מען אויך נישט אַוועקוואַרפן, ווייל עס אַנטהאַלט גאָר אַ סך וויטאַמינען. אַזעלכע וויטאַמינען קען מען געפינען אין אַלע שאָלעכצער פון דעם פּרוכטיקן שרייבער און פּאָעט מלך ראַוויטש, וואָס איז מיר נישט קיין אחר, נאָר אַן אייגענער; און אסור אויב איך בין גרייט אַוועקצוואַרפן אַפילו זיינע פּיקאַנטע שאָלעכצער. אָבער עס וועט נישט שאַטן אָנצווייזן אַז ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן״ האָט אין זיך אַ סך שאָלעכץ, און בלויז דאָ און דאָרט קען מען דערגיין צום האַרץ פון פּאָעט. און דערגיין צום האַרץ פון פּאָעט דאַרף מען. דערצו איז נישט נייטיק קיין מידת הרחמים, נאָר די מידה פון ערלעכן צוגאַנג.

.1958

דריי נאַציאָנאַלע פּאָעמעס פון נ. י. גאָטליב

דער פּאָעט גאָטליב האָט שוין אַרויסגעגעבן זיבן לידער־זאַמלונגען, איין נאָוועלע און ער האָט פאַרעפענטלעכט צענדליקער דערציילונגען, אויך אַ באַדייטנדיקע צאָל ליטעראַרישע עסייען, און איצט — „דריי פּאָעמעס", וואָס הגם זיי זענען אפשר אין קינסטלערישער קוואַליטעט נישט אַזוי הויך, ווי אַ צאָל פון זיינע קלענערע לידער, זענען זיי אָבער ליים־און־ציגל־ווערק, וואָס זענען נייטיק פאַר אונדזער בנין — נישט אַזוי פאַר דער ליטעראַטור, ווי פאַר דעם היסטאָרישן המשך אונדזערן.

די „דריי פּאָעמעס" זענען דערציילערישע וואָס זינגען פון די דריי לעבנס: טעאָדאָר הערצל, יוסף חיים ברענער און ענצאָ סערעני. אַלע דריי זענען נישט קיין פּאָעזיע פון ריינסטן גאָלד, אָבער די שופטים פון די פאַרשיידענע פּרעמיע־קאָמיסיעס ביי אונדז, וועלן האָבן גרויסע שוועריקייטן נישט צו פּרייזן אַזאַ נייטיק בוך, וואָס איז געשריבן אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, דעם דיכטערס היימשטאָט און וועט אויפגענומען ווערן מיט פרייד פון אַ סך יידישע שולן, דער עיקר פון מיטלשולן, וואָס זענען אָרעם אין דערציערישן מאַטעריאַל, פאַר דערוואַקסענע יידישע קינדער, וואָס שפּייזן זיך נאָך אַלץ אויף די אַלט־געשיכטלעכע לעגענדעס און די קורצע העלדן־לידער פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט.

אַלע דריי פּאָעמעס זענען גוטער לייען־און־לערן־מאַטעריאַל, און זיי וועלן אויך אויפגענומען ווערן מיט אַ סך לויב דורך לייענערס פון בעסערן יידישן בוך, ווייל דער מחבר נ. י. גאָטליב האָט אַריינגעבלאָזן גאָר אַ סך וואַרעמקייט אין אַלע דריי פּאָעמעס פון אונדזער אייגענער צייט. ווייל אויך הערצל איז פון אונדזער צייט, פון דער תקופה וואָס האָט געוואָלט אַרויסשפּאַנען פון חלום און אים פאַרוואָרן. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז אין דער יידישער ליטעראַטור זייער ווייניק געזונגען געוואָרן פון דר. הערצלען. מיטן אויסנאָם פון מנחמס אַ לענגערער פּאָעמע, ווייס איך נישט ווער ס'האָט זיך דערנענטערט צו אים. מיר דאַכט זיך, אַז אויך אין דער העברעישער ליטעראַטור זענען נישט פאַראַן קיין צופיל פּאָעטישע שאַפונגען וועגן דעם גרעסטן זעער פון אונדזער נייער געשיכטע.

די מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט און דאָס טראַגיש־קורצע לעבן, וואָס איז געווען אָנגעזעטיקט מיט וויזיע און מעשים, האָט נישט געהאַט קיין מזל אין

אונדזער ליטעראַטור, אַפילו אין דער צייט ווען זיין חלום איז שוין געווען אויפוואַך און נאָענט צום באַשייד. איצט, אין דעם הערצל־יובל, איז נ. י. גאָטליבס פּאָעמע ממש אַ געפינס פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט דערמיט אָפּגעצאָלט אַ פאַרשפּעטיקטן חוב. פון אַלע דריי פּאָעמעס איז „טע־אָדאָר הערצל״ אפשר די שוואַכסטע, אָבער דער פאַרזוך צו באַצאָלן אַ לאַנג־פאַרלעגערטן חוב איז אַן ערלעכער און מיט דער פולער האַנט. ס'וואָלט זיך געפּאַסט צו געבן אַ סך ציטאַטן פון דער פּאָעמע, ווי פון די צוויי אַנדערע אין בוך, כדי צו ווייזן, ווי תמימותדיק דער דיכטער האָט געטאָן זיין אַרבעט, נאָכפאָלגנדיק געטריי די ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן ייִד, וואָס איז געקומען פון אַ זאַטער און פריילעכער פרעמד און אונדז אַוועקגעגעבן זיין האַרץ. אגב דער צד השווה צווישן אַלע דריי העלדן — הערצל, ברענער און סערעני — איז וואָס זיי זענען אַוועק פון דער וועלט, אין די ערשטע פּערציקער פון זייער לעבן, באַלאָדן מיט מעשים גענוג פאַר צענדליקער לעבנס.

ווען איך באַטאָן די ניצלעכקייט פון די דריי ביאָגראַפישע געזאַנגען, מיין איך בפירוש נישט צו מינימיזירן דעם ווערט פון די פּאָעמעס, ווייל אונדזער עפּאָכע האָט בפירוש געוואַרט אויף אַזאַ וואַרעמען, און אינספּירירנ־דיקן מאַטעריאַל. דערביי מעג מען געדענקען, אַז די עצם ניצלעכקייט וואָלט נאָך נישט גענוג געווען, ווען דער פּאָעט וואָלט אונדזערע דריי מאָדערנע העלדן נישט באַזונגען מיט פיין לשון, מיט אַ סך גראַם און אַסאָנאַנס־בריה־שאַפט און מיט ייִדישן פּאַטאָס פון אַ גלייביקן. דער קאָוונער יונגערמאַן, וואָס האָט אַפילו אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט געזען יונגע אידעאַליסטישע חלוצים אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און וואָס איז, ווי ער דערציילט אין זיין אַריינפיר, געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער ליטווי־שער חלוצישער באַוועגונג, האָט נישט באַדאַרפט סימולירן די וואַרעמקייט פאַר די העלדן פון דער גאולה, ווייל זיי זענען נישט נאָר געווען פאַר אים דיכטערישע טעמעס, נאָר מאָנענדיקע געשטאַלטן.

אין אַלע דריי פּאָעמעס האָט דער דיכטער זייער געטריי אויסגענוצט די ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן. אין כמות זענען די דריי ביאָגראַפישע געזאַנגען לאַנג־אָטעמדיקע און פולע. די פּאָעמע „הערצל״ האַלט איבער אַכציק זייטן. די פּאָעמע „יוסף חיים ברענער״, די שטאַרקסטע אין בוך, אַרום פופציק זייטן און „ענצאָ סערעני״, אויך איבער פופציק זייטן. מען דאַרף זאָגן לשבח דעם פּאָעט, אַז אַפילו די שוואַכסטע זייטן זענען קיינמאָל נישט געשמאַקלאָז. פאַראַן שטעלן וואָס זענען אַזוי שטאַרק ווי די בעסערע נאַציאָנאַלע לידער פון א. ליעסין און מאָריס ראָזענפעלד, און זיי שטייגן זיי נאָך אַריבער, אין געוואָרנטקייט פון לשון און אַפילו אין שפּראַך־אויפטוערישקייט. אויב עס

זענען פאַראַן ווייניק שטעלן, וואָס דערהויבן זיך צו גרויסער פּאָעזיע, איז אָבער דער גאַנצער מאַטעריאַל, ווי כ׳האָב שוין פריער געזאָגט, פול מיט איבערצייגנדיקן גלויבן; און אַפילו די סענטימענטאַלע פערזן, זענען אַן אינטעגראַלער טייל פון די לידער, ווייל זיי זענען נאַציאָנאַלע סענטימענטן, אויפגעקומען אין פּראָצעס פון לעגענדאַריזירטער געשיכטע. פאַראַן גאָר ווייניק שפּראַכלעכע חסרונות, מיט דעם אויסנאַם פון צופיל אַזעלכע אויסדרוקן ווי „דעם־אָ", „אָטאָ־דעם", „אָטאָ", איז אין די לידער פאַראַן גאָר ווייניק שפּראַכלעכע פּסולת. פאַרקערט, דאָס לשון איז רייך און שיין און ערטערווייז דערפינדעריש. די נאַראַטיווע זייט פון אַלע דריי פּאָעמעס ווערט קיינמאָל ניִשט פאַרטונקלט, נאָר דעם דיכטער געלינגט נאָכצוגיין זיין העלד בהדרגה־דיק — ביאָגראַפישע פּיס־טריט. אַ סך מאָל קומט דער אַסאָנאַנס, דער כמור־גראַם, אָדער האַלבער גראַם, ווי אַן אַנטוישונג, ווייל די פּשוטע שורות וואַרטן גיכער אויף כשרע גראַמען, אָבער אַז מען געוווינט זיך צו צו די אַסאָנאַנסן, שטערן זיי ניִשט די געזאַנגיקייט פון די שורות.

און ס׳טראָגט זיך די שטים אַלץ פּשוט אַזוי
(פון בימה, געצירטער אין ווייס און אין בלוי),
און עולם — ער הערט אַלץ אין מנהיג פאַרבליקט
(מיט אויגן מיט פייכטע — פון ליכטיקן גליק;
מיט הערצער צעברויזטע — פון גרויסן מאָמענט;
מיט אברים מיט אַלע עקסטאַטיש צעברענט:
אַ חלום, געשפּונען דורך צוויי טויזנט יאָר,
אָט ווערט ער דערשפּונען צו שייניקער וואָר).

דאָס איז דער פייערלעכער מאָמענט פון ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל. שפּעטער קומען די האַרץ־קלעמענדיקע אַרומיאָגענישן איבער דער וועלט, די אַנטוישונגען, דער אוגאַנדע־שניט, וואָס רייסט שיר אויף דעם זעקסטן קאָנ־גרעס, הערצלס באַזוך אין ארץ־ישראל —

און שאָטנס פאַרטרוימטע עס שפּרייטן זיך אויס,
אויף שטאָט אויף אוראַלטער — אויף גאָרער איר גרויס.
אַן אָוונט אַ בלויער עס נידערט פון הויך
אַראָפּ אויף דער ערד און — מיט סוד זי באַהויכט.
פאַרשפּונען אין בלאַסן, אין מיסטישן שיין
פון מויערן גרייז לבנה׳ק באַשיינט
ער וואַנדערט אויף גאַסן, אויף געסעלעך — קרום
הערט איין זיך אין שטימען צעדאַוונטע פרום.
ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכט אין דער הייליקער שטאָט.
ס׳איז שבת. ער שפּירט אים אויף יעטוועדן טראָט,

אין שלעסער, אויף טירן פון קלייטן — פאַרהאַקט.
אין שולן, מיט מענער און פרויען געפּאַקט.
אין בענטשליכט, וואָס לויכטן פון פענצטער אַרויס.
אין רו און אין זויבער פון יעטוועדן הויז.

פאַראַן אין דער פּאָעמע גאָר אַ סך רירנדיקע פּערזן, אָבער אַפילו אין די גרויע און געווייגלעכע שטעלן איז דער דיכטער תמיד אויף דער הייך פון זיין אחריות, באַשאַנקען מיט אַ תפילהדיקער זאַגרישקייט.

אָבער נענטער דעם מחבר איז דאָס לעבן פון יוסף חיים ברענער. אין דער פּאָעמע קאָרגט נישט דער דיכטער צו געבן אונדז אַ גוטן אַריינבליק אין דער צייט, וואָס האָט גורם געווען אַזאַ שטורעמדיק געשטאַלט, ווי י. ח. ברענער, וואָס האָט אויך געפּלאָנטערט צווישן חלום און מעשים, און וואָס האָט פון זיך געריסן פּאַסן, זוכנדיק אַ שלימות אין לעבן; וואָס איז אים נישט געגעבן געוואָרן. אַ מענטש פון גוטסקייט פאַר אַלעמען, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקענט זיין גוט צו זיך. אין דער פּאָעמע הערן מיר שוין דאָס קלאָרע קול פון אונדזער צייט. די לעגענדע איז דאָ נאָך מער באַוואָרט. —

אַ ווארער פּרוש — אָפּגעשיידט
פון יעדער גאַרונג, יעדער גלוסטונג;
פון יעדער נאַריש־פּוסטער פרייד...
פון יעדן תענוג נאַריש־פּוסטן
און אָפּגעלאָזט אַצינד איז ער —
אַ קיינמאָל נאָך צעאַקערט באָדן;
דער קאָפּ — אין קודלעס, הויך און שווער,
דאָס פּנים — מיט אַ באָרד באַלאָדן.
דאָס אָנטאָן — אַלט און ווי אין אַ זאַק,
און פון די יאָרן — גרין און צויטיק;
און עסן — אַלץ, אַבי זיין זאַט;
און שלאָף — אינגאַנצן נישט נויטיק.

ענצאָ סערעני, דאָס האַלב־פּאַשיסטישע יינגל, וואָס איז געקומען פון דער ווייטער איטאַליע, פון אַ רייכער היים, און געוואָרן אַ מענטש פון מעשים, וואָס האָט זיך אין עלטער פון פערציק יאָר געריסן טיילן דעם גורל פון זיינע ווייטע ברידער, קריגט אויך דיכטערישן תיקון. דער דיכטער גאָטליב האָט דאָ ווידער געטריי נאָכגעפּאָלגט דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, און אומעטום באַ־וויזן פאַראַמתן דעם העלדס לעבן, וואָס האָט זיך געריסן צו קידוש השם און איז אומגעקומען, מיט זיינע ברידער אין קרעמאַטאָריע.

זייער איינדרוקספול ווערט באַזונגען סערענים קינדהייט אין איטאַליע, די קולטור־סביבה פון זיין טאַטנס הויז.

דער קליינער עקשן וואַקסט און וואַקסט אויס אין דער פּאָעמע, צו דער הייך פון אַ נאַציאָנאַלן העלד. ער לאָזט זיך נישט אָפּרעדן צו ווערן אַ נצחן (אַ פּאַראַשוטיסט).

ער זעט גבעת־ברענער — זיין קיבוץ,
פון אָנהייב פון סאַמע געבויט אים.
געפלעגט אים כסדר — מיט ליבע;
די קרעפטן די רייַנסטע פאַרטרויט אים.
און ס׳גאָרע מולדת ער זעט איצט.
די ערטער די אַלע — ווי היימיש
ער ליגט אַזוי מיד און זיך זעטיקט
מיט מקום מיט יעדן פון היימלאַנד.
ער האָט זיי פאַרלאָזן — אויף תמיד.
די ליבסטע פאַרלאָזן און אַלעס
אַ גאַרונג עס האָט אים פאַרשטראָמיקט
אַ גלוסטונג אַ גרויסע צעשטראַליקט.

און אָט דער כמעט־גר ווערט אַ טייל פון אונדזער לעגענדע־אוצר, ווען „זיין גוף גייט אויף מיט אַשן פון אַנדערע ייִדן״ —

ער פלאַקערט אין אויוונשן חלל
צעאַשט זיך, צערויכט זיך ביז ענדע
און גייט אויף — אַ שייניקער חלום
און בליט אויף — אַ העלע לעגענדע.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט ב. י. גאָטליב פאַרקניפּט זיין נאָמען מיט די דריי „העלע לעגענדעס״, וואָס אַלע דריי, איינשליסנדיק אין אַ געוויסן זין אַפילו י. ח. ברענערן, זענען געקומען צו אונדז פון דער פרעמד, און געוואָרן פלאַקערדיקע טיילן פון אונדזער אייגנס. דאָס בוך — „דריי פּאָעמעס״ מעג זיין אין אַ סך ייִדישע הייזער, וואָס האָבן זיכער געוואַרט אויף אַזעלכע ניצלעכע ביאָגראַפישע געזאַנגען.

1955.

„דער שול־הויף“ פון חיים גראַדע

די דריי דערציילונגען וואָס ווערן געבראַכט אין חיים גראַדעס נייסטן פּראָזע־בוך „דער שול־הויף“, זענען באַשאָנקען מיט אַלע מעלות פון גראַדע דעם פּאָעט. ס׳איז אויף יעדער בלעטל צו דערקענען דאָס פּנים פון דעם פּאָעט, וואָס איז גלייך געקומען מיט שטאַרקע טריט, מיט אַ פעסטן ווילן, מיט אַ זיכער וואָרט און מיט אַן אָנזאַמל פון יידישע רייד, וואָס האָבן זיך געלאָזט בייגן און קנייטשן, וואָס האָבן זיך געקענט בייזערן און ווערן שטיל און ווייך און פאָלקסטימלעך־טרויעריק. אַזוי איז ער געקומען מיט זיין ערשטן בוך „יאָ“, מיט 22 יאָר צוריק, און אַזוי איז ער כסדר געגאַנגען פאָראויס מיט קראַפט, אין זיינע זעקס אַנדערע לידער־ביכער, נישט געקוקט אויף די גוואַל־טיקע נסיונות און יסורים וואָס זענען אים באַשערט געווען, דורך דעם נע־ונד זיינעם. זיין דריט בוך לידער „דורות“ איז דערשינען אין 1945 אין ניו־יאָרק, זעקס יאָר נאָך זיין באַרימט געוואָרענעם בוך „מוסרניקעס“; און די לידער־זאַמלונג איז געווען אַ לעבעדיקער גרוס, אַז גראַדע איז דורך די בלוט־טיקע יאָרן פון וועלט־שקיעה נישט אָפּגעטראָטן פון זיין שליחות און פון אַלץ וואָס ער האָט אָנגעזאָגט מיט זיין קומען, אין ווילנע, צוזאַמען מיט דער גרופּע „יונג־ווילנע“, וואָס איז געווען דער נאַטירלעכסטער נאָכוווקס פון יידי־שער קינסטלערישער שאַפונג אין דער אַלטער היים.

ווען חיים גראַדע האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן פּראָזע־זאַכן, און בפרט ווען זיי זענען געדרוקט געוואָרן אין אַ טעגלעכער צייטונג, האָט מען מורא געהאַט, אַז דער פּאָעט וועט שאַפן אַ שאַרפע מחיצה צווישן זיין געזונ־גענעם וואָרט און זיי גערעדטן וואָרט, אין געיעג נאָך אַ גרינגן דערפאָלג. אָבער וואָס מער מען האָט אים געלייענט, אַלץ מער האָט מען איינגעזען, אַז גראַדעס פּראָזע איז אויך אַ רעזולטאַט פון מי און פון דער זעלביקער מי און אומקאָמפּראָמיסלעכער קינסטלערישער אחריות, וואָס קומען צום אויסדרוק אין זיינע לידער. דאָס איז געווען אַ גרויס געווינס, ווייל ס׳האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלירן דעם פּאָעט גראַדע, אויף זיין ברייטערן אַרויסטריט פאַר דעם צייטונג־לייענער.

אין זיין נייסטן בוך זאָגט אונדז דער פּאָעט, מיט געציילטע ווערטער, אַז „דער ווילנער שול־הויף איז דער הינטערגרונט, די סביבה און די אַטמאָס־פער פון די דריי דערציילונגען“. ער גיט באַלד צו אַז „אויך נאָכדעם ווי איך

בין פון בית־המדרש אַוועק, איז דער שול־הויף געבליבן אין מיין געמיט, אין מיין זכרון, און ער איז ביז היינט דער מקור פון מיין שאַפן". ס'איז זייער וויכטיק צו געדענקען די דאָזיקע ווערטער, ווייל זיי ווייזן אָן אויף גראָדעס דיסציפּלין, וואָס ער האָט פאַר זיך געשאַפן, כדי ער זאָל נישט אַראָפּ פון וועג, ווען ער וועט נעמען שרייבן פּראָזע. ער האָט זיך גלייך פאַרנומען צו באַשפּייזן זיינע פּראָזע־ווערק מיט דעם וואָס איז געבליבן „אין געמיט" און אין זכרון. ער האָט ווי געזאָגט צו זיך: איצטער אַז דו ווילסט אַרויס אויף די ברייטע וועגן פון פּראָזע, זאָל דיין מורה־דרך זיין דאָס זעלביקע געמיט, וואָס האָט אויסגעלאָדן דיינע לידער. אין דער ברייטקייט האָט ער זיך גע־שאַפן אַן ענגשאַפט, ווי יעדער אמתער קינסטלער וואָס שאַפט פאַר זיך, אין די גרעסטע און לענגסטע ווערק, אַן אייגענעם אַרויספאָדער, וואָס ווערט אַן ענגשאַפט, אַ געפעס וואָס לאָזט נישט אַריבערשווימען.

פאַר גראָדען איז די זיך־באַוואָרעניש אין דער פּראָזע געוואָרן דאָס גע־מיט פון זיינע לידער און דער „מקור" פון זיין שאַפן — דער שול־הויף. דאָס איז געווען ווי אַ קמיע וואָס ער האָט זיך מיטגענומען אויפן וועג. זאָלן זיך דיר נישט פאַרגלוסטן קיין אַנדערע פרעמדע גלוסטעניש, ווען דו גייסט אין אַזאַ וויטן און ברייטן וועג. געדענק — דעם „שול־הויף", און ער האָט אים געטריי געדענקט, און גראָד דערפאַר ווייל ער האָט זיך אַליין גלייך פאַר־צאַמט דעם וועג, מיט אַן „ענגערער" טעמע, האָט ער געהאַט די פרייהייט אַרויסצוווייזן זיינע גרויסע כוחות אויך אין פּראָזע, וויבאַלד ער איז זיכער געווען מיט זיך, אַז ער וועט נישט אַוועקבלאָנדזשען פון זיין מקור. דווקא דערפאַר וואָס ער איז געקומען צו דער פּראָזע מיט פאַרזיכטיקער אַרומגע־וואָרנטקייט און מיט דעם פאַנצער פון זיין ליד, איז ער געוואָרן אַ קרעפטי־קער פּראָזע־שרייבער, וואָס האָט באַלד ביים אָנהייב דערקענט די באַזונדערע מעגלעכקייטן פון לעבעדיקן שמועס אין דער פּראָזע. ער האָט נישט פאַרפאַע־טעוועט זיין פּראָזע, הגם ער האָט זי געצווונגען צו ציִען יניקה פון זיין פּאָעזיע.

שוין אין דער ערשטער פּראָזע־זאַמלונג „דער מאַמעס שבתים" האָט מען געזען אַז דער פּאָעט גראָדע האָט נישט אַוועקגעבלאָנדזשעט פון זיך און אַז ס'איז צוגעקומען אַ וויכטיקער פּראָזע־קינסטלער. הגם אין צווייטן טייל פון ווערק גיט אונדז גראָדע שניידיקע בילדער פון דעם חיבוט־רוסלאַנד, דורך די שוידער־יאָרן, זענען זיי אַלץ געשריבן מיט דער פּען פון דעם קינסטלער, וואָס האָט דעם שול־הויף נישט געלאָזט אויסוועפּן פון זיין געמיט. אגב זע־נען די דאָזיקע בילדער פון זיין „גראַטעוועטן" נע־ונד איינציקאַרטיק אין דער גרויסער און רייכער ליטעראַטור פון גלות־רוסלאַנד. ווען כ'האָב פאַר־זיכטיק איבערגעלייענט די אויטאָביאָגראַפישע „שבתים", איז מיר אויסגע־

קומען אַז דווקא ווען גראַדע איז אַזוי צו זאָגן, האַלב אַוועק פון זיין היים, לכל הפחות אין פייזאַזש און אין טיפּאַזש, אויב נישט אין געמיט, איז ער געוואָרן פרייער און קינסטלערישער. אויב דאָס זאָל זיין אמת, און איך זאָג אויב, ווייל די מייסטע קריטיקערס האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעשטעלט אויף די „שבתים", ווי אויף דער גרעסערער ווערטפולקייט פון בוך, עפּנט עס אַ וועג פאַר גראַדען דעם פּראָזע־מייסטער אַז ער מעג זיך שוין לאָזן פירן פון זיין געמיט, אַביסל אַוועק פון שול־הויף, ווייל ער וועט סיי־ווי נישט פעלשן אין דעם מקור פון זיין שאַפונג און אין זיין קינסטלערישער שליחות.

אין דעם בוך „דער שול־הויף", געפינען מיר זיך אין דעם ענגסטן תחום פון גראַדעס דיסציפּלינירטער טעמאַטיק, ער איז נאָך נישט גרייט פון איר אַוועקצוגיין, ער האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסדערציילט. זיין זכרון איז נאָך לעבעדיק־פול, מיט ייִדן, מיט זייערע רייד, מעשים און מחשבות און מיט דער פייערלעכער הייליקייט פון ייִדישן קליינלעבן. אַפילו די שלעכטע מענטשן מיט זייערע שלעכטע מעשים, זענען ביי אים תמיד אַ מיטל אַרויסצובריינגען די קדושה פון ייִדישן לעבן, אין ענגן געסל, ווו דער צענטער איז דער שול־הויף, וואָס שטייט תמיד גרייט פאַר אַ מנחה־מעריב און שטעלט דעם קרעמער אַוועק אויף אַ קורצער ווייל, נאָענט צום פּרוש, דעם שטענדיקן לערנער, בעתביידע מוזן אָנקומען צום ביסל טעגלעכן געברויך פון אָפּכאַפּן אָדער אויסלענגערן אַ דאַוונען.

גראַדע רופט אויך אָן זיין ערשטע זאַך אין בוך „דער ברונעם" — אַ דערציילונג, און איך בין שטאַרק מסופק צי עמעצער האָט שוין אַמאָל גע־שריבן אַזאַ לאַנגע דערציילונג פון 225 זייטן. גיכער איז עס אַ נאָוועלע, כאָטש אויך די באַצייכענונג איז נישט קיין ריכטיקע, ווייל דער אינהאַלט־לעכער עלעמענט איז, אַזוי צו זאָגן, אַן איינסטרוניקער, און אַ טפל צו דעם אויפשפּיל פון אַ גרויסער טאַבלאָ, אַ מענטשן־גאַלעריע. דער אינהאַלט דרייט זיך די גאַנצע צייט אַרום דעם צעבראָכענעם ברונעם, וואָס דער איש תמים מענדע, נעמט אויף זיך צו פאַריכטן, מיט דער ריינקייט פון אַ מענטשן וואָס וויל צ ו ש אַ נ צ ן די מצווה אַליין, אָבער ער אַליין טוט עס נישט על מנת לקבל פּרס, נאָר ווי אַ מענטשלעכע פליכט, ווייל ער ליידט גרויסע יסו־רים דערפון, וואָס דער שול־הויף איז אָן וואַסער.

אַרום דעם אינהאַלט שפּילט גראַדע אַרויס פון זיין זכרון צענדליקער ייִדן און ייִדענעס, וואָס האָבן יאָ אָדער נישט צו טאָן מיט דעם וואַסער־דורשט פון הויף. מיר האָבן דאָ דעם גביר, דעם קבצן, דעם פּרוש, דעם רב, דעם שמש, די אלמנה, די רביצין, דעם סופר, דעם חקרן, דעם משכיל, דעם ציוניסט — הכלל — אַ שטעטל מיט ייִדן. כ'זאָג בכיוון — שטעטל, ווייל

גראַדע האָט באַוויזן, ווי לעבעדיק ס׳קען נאָך זיין די טעמע יידיש שטעטל, וויפל וואַסער מ׳קען נאָך אַרויסשלאָגן פון אַזאַ אויף אייביק צעבראָכענעם ברונעם.

גראַדע האָט ליב קאָנטראַסטן. ער האָט האַלט צו שילדערן אַ ר׳ בונעמל, אַ ליכטיק פאַרנאַרישט יידעלע, וואָס האָט מורא צו עפענען די לעפצן און זיך אויסטענהן מיטן רבונו של עולם, הלמאי ער האָט אים צוגענומען אַלע זיינע קינדער. גיט אים גראַדע אַ ווייב, צביה־רייזע, וואָס האָט מוט ווי איובס ווייב און זי האָט אַ מאַנסבילשן קאָפּ אויף די פּלייצעס. אירע טענות צום רבונו של עולם האָבן האַפּט און איר יידישקייט איז געזונט און לאָגיש. „אַ טייערע מעציאָצע, גיהנום, מישט זיך אַריין צביה־רייזע, מען קען זיך ביי גאָט מאַטערן אויף דער וועלט נאָך מער ווי אויף יענער וועלט״.

שילדערט גראַדע אַ ר׳ וועלוועלע, אַ רב, אַ שטיק רוחניות, אַ „קליין יידעלע, וואָס האָט באַדאַרפט אַ טראָפּן וואַסער אָפּצוואַשן ס׳פּנימל, ס׳בער־דעלע און די אייגעלעך״, גיט ער אים אַ ווייב אַ ברען, די רביצין באַדאַנעס, וואָס איר ברען צעברענט זיך ערשט, ווען זי ווערט אַן אלמנה.

באַשרייבט ער דעם גביר ר׳ אביגדור, אַ בעל גוף און עולם הזהניק, גיט ער אים אַ זון, ירוחמקע, אַ חקרן, אַ לאַ יוצלח און אַ פּוסטער טראַכטער. אַנטקעגן דער אַפּאַטיע פון דער גאַס צו דעם אויסגעטרוקנטן ברונעם, גיט ער אונדז אַ לאָמעד־וואָוו געשטאַלט פון דעם איידעלן עם־הארץ מענדע, וואָס אַלע רופן אים „מענדע די קו״, און וואָס גראָד ער איז זיך שטאַרק מצער, וואָס דער שול־הויף איז אָן וואַסער און מען מוז אָנקומען צו גויים נאָך אַ דערפרישנדיקן טרונק.

ס׳וואָלט געווען נישט שווער אַריינצוטייטשן סימבאָליק אין גראַדעס „ברונעם״ וואָס שטייט אַ טרוקענער און אַ צעבראָכענער אין שול־הויף, און מען מוז אָנקומען נאָך אַביסל וואַסער צו דער לאָסקע פון פּריץ. אָבער די דאָזיקע קינסטלערישע אויפלעבונג פון גרויסע מנינים יידן, קען זיך איר „שטעטל״ באַשטיין, אָן סימבאָלישע אַריינטייטשונגען. גראַדע פאַרמאָגט אַ גוטן זכרון פאַר דעם ווילנער שול־הויף־לשון. פאַראַן זייטן אין בוך, וואָס פאַר־כאַפּן ממש מיט זייער שילדערונג, ווי די רבנים־אסיפה און דאָס אָנקומען פון חפץ־חיים. די פּאָרטרעטן־מאַלעריי פון די באַזונדערע רבנים איז רעמבראַנד־טיש. רירנדיק איז גראַדעס ליבשאַפט צו קינדער, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין דער מאַמעס־נישט־געשטילטן געוויין, אויף אירע אַוועקגעקומענע עופה־לעך און דעם שוין דערוואַקסענעם שלמהלע.

מיר דאַכט זיך, אַז די דערציילונג איז אַ קאַפּיטשקע צו־לאַנג, ווייל ס׳זענען אויך דאָ זייטן און אָפּזאַצן אין בוך, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין סך

קינסטלערישן חיות. „דער ברונעם" וואָלט אַ סך געווינען, ווען ער וואָלט געווען קירצער אויף אַ דריטל. ביז איצטער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף די גרויסע מעלות פון גראָדע דעם פּראָזע־קינסטלער. זיין חסרון באַשטייט אין דעם וואָס ער נעמט אָפּט דעם שול־הויף צו בוכשטעבלעך. ער איז צו־רי־טואַליסטיש. אים גייט אַזוי שטאַרק אין אַרויסברענגען די עטיק פון יידישן לעבן, אַז ער האַמערט עס נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל. איך האַלט אַז ס׳איז אַן עבירה, ווען אַ קינסטלער שרייבט דירעקט פאַרן וועלט־איבערזעצער, אָבער עס איז אויך נישט רעכט, אַז אַ קינסטלער זאָל שרייבן לכתחילה אַזוי אַז מ׳זאָל אים נישט קענען איבערזעצן אויף אַן אַנדער לשון. אין זיינע טענות פון די רבנים איז פאַראַן געגוג וועלט־צער, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, די קריגעריי צווישן דער אַלטער וועלט און דער נייער ווערט בולט אַרויסגעבראַכט, אָבער ווען גראָדע פּלאָנטערט זיך אין די דינים פון מלווה, ווי אין זיין דערציילונג „ר׳ נחומל דער מלווה", וואָס איך האַלט פאַר דער שוואַכסטער דערציילונג פון די דריי מעשות, ווערט ער אויס אגדה־קינסטלער און ער ווערט צו טרוקן־הלכהדיק. די דערציילונג פון מלווה ווערט נישט קינסטלעריש אויפגעליכטיקט און דערלייזט. דאָס ווילדע שלעכטס פון זון לייגט זיך שווער אויפן האַרצן, דאָס גוטס פון אַלטן טאַטן, דעם מלווה, איז אויך אַ פינצטערע גוטסקייט; דער שטאָט־משוגענער איז ווייט נישט קיין משוגענער, נאָר גלאַט אַ ווילדער רשע; די שטאָט־באַלעבאַטים זענען פּראַים. הינטער אַלע געשילדערטע מיאוסע מענטשן מוז ברענען אַ קינסטלעריש פייערל, וואָס דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן די שיינקייט, וואָס איז בכוח צו האַלטן די מיאוסקייט צוזאַמען. אין דער דערציילונג „ר׳ נחומל דער מלווה", וואָס האַלט איבער הונדערט זייטן, ברענט דאָס קינסטלערישע פייערל שוואַך.

די דריטע דערציילונג „שפרהלע", פון וואָסערע פינף און צוואַנציק זייטן, איז דערציילט אין טאָן פון אַ פאָלקס־מעשה — אַ טאָן וואָס חיים גראַדע קען אים קינסטלעריש אויפלעבן און באַהערשן. די פּערזאָנען זענען אַ מאַן וואָס דאָס ווייב גט אים אָפּ און זי גייט אַוועק וווינען מיט אַן אויסוואורף. איר הייבט אָן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, אָבער דער מאַן, וועמען קהל האָט גע־האַלטן פאַר אַ שלימזל און אַן עקר, איז מצליח, ער האָט חתונה און ער ווערט אַ טאַטע פון אַ קינד. די פּערזאָנען וואָס שפּילן אויס דאָס פאָלקס־מעשהלע זענען צוויי מענער, צוויי ווייבער און די גאַס מיט יידן און יידענעס, וואָס זענען אפשר די וויכטיקסטע מיטשפּילערס.

די מעשה האָט די געוויינלעכע „העפּי־ענדינג", גוטס ווערט באַלוינט און שלעכטס ווערט אָפּגעצאָלט, אָבער אין תוך איז דאָ קיינער נישט קיין רשע און קיינער נישט קיין צדיק. דער גוף, דער פאַרשאָלטענער מענטשלע־

בער גוף, רעדט און מאָנט און יעדער איינער בעט זיך אויס אַזאַ לעבנס־בעט, ווי ער ב ע י ט זיך אויס אַליין. דער סוד פון זיווג איז נישט קיין רשעות און נישט קיין צדקות — נאָר מאַטעריאַל פאַר אַ מעשה.

גראַדע דערציילט עס מיט האַרציקער פשטות פון אַ טאָלסטאָי־מעשהלע. גראָד אויף דעם שטח פון אַ קלייגער דערציילונג, ווייסט גראַדע בעסער וואָס צו עלימינירן, און ס׳באַקומט זיך סיי־ווי אַ גרויסע קאַנווע פון אַ שול־הויף מיט ייִדן און ייִדענעס, פאַר וועמען די טירן פון איסרל דעם קרעמערס לעבן שטייען תמיד אָפן, און די גאַס שפּילט זייער געניט אויף דעם לעבן, ווי מ׳וואָלט געלעבט קאָלעקטיוו און בציבור.

חיים גראַדעס זכרונדיקער שול־הויף וועט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם אומדירעקטן שטאָף, וואָס וועט דערהייבן זיינע פּראָזע־ווערק צו נאָך אַ העכערער מדרגה פון קינסטלערישקייט. דאָס וועט געשען דעמאָלט ווען ער וועט דעם געדענקטן מאַטעריאַל פון זיך אַרויסזינגען און ער וועט ווערן דער בויער און אַנטוויקלער פון אייגענע אויסגעטראַכטע אמתן, דער באַפעלער איבער לעבנס און דער אַרכיטעקט און אַנטקעגנשטעלער פון סי־טואַציעס; ווען ער וועט קענען איינגאַנצן אַוועקבלאָנדזשען פון זיין שול־הויף און דאָך, אין דער אויפגעבראַכענער צוים, געפינען נייע קינסטלערישע דיס־ציפּלין און געטריישאַפט צו זיין מקור. די ביז־אַהעריקע פּראָזע־ווערק זיינע זענען געווען נייטיק פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. די ווייטערדיקע ווערק זיינע וועלן זיין וויכטיקער פאַר אים גופא און פאַר זיין ווייטערדיקן קרעפ־טיקן שפּאַן פאָראויס אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

1958.

יעקב פאַט — „שמועסן מיט יידישע שרייבער"

די בעסטע אָפּשאַצונג פון זיין אייגן בוך — „שמועסן מיט ייִדישע שרייבער", גיט אונדז יעקב פאַט אַליין אין זיין אַריינפיר. וואָס ער זאָגט וועגן זיין בוך איז קיין האָר נישט איבערגעטריבן, ווייל וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכן מיט זיינע שמועסן האָט ער דערגרייכט. נישטאָ ביי אונדז קיין ווינקל פאַר ייִדישע שרייבערס, ווו מ׳זאָל זיך קענען צוזאַמענקומען, כדי צו ווערן אַ פּרעגער און עפּעס לערנען איינער פון אַנדערן. אין חדר ביי זיך איז יעדער באַדייטנדיקער שרייבער אַ גריבלער און אַ פּרעגער פון קשיות, אָבער אַז מען קומט זיך צוזאַמען, טראָגט מען מאַסקעס פון קאַלאָסאַלע ווייסערס און איינער דעם אַנדערן שטייגט איבער אין ווייסעריי. יעקב פּאַט האָט נישט מורא געהאַט צו קומען מיט זיין בינטל פּראָבלעמען, מיט אונדזער אַלעמענס האַרבע פראַגן, מוראס און זאָרגן, און געקלאַפּט אין טירן פון ייִדישע שרייבערס ווי אַ סתם־פּרעגער.

נישט דערפאַר וואָס ער האָט דערוואַרט איבעראַשנדיקע לייזונגען און גרונטאָוונע תירוצים, אַזעלכע וואָס ער האָט זיך אויף זיי נישט געקענט ריכטן אָדער אַרויסגראַבן פון זיך אַליין. ער האָט בלויז געוואָלט פאַרגלייכן זיינע ספיקות און זיינע גלויבונגען מיט מיינונגען פון אַ צאָל ייִדישע שרייבערס.

פּאַט איז אַן אויסגעצייכנטער שמועסער, אַ מענטש וואָס זיין שמועס האָט פאָרעם און וואָס די באַריכותדיקייט פון זיין דערציילן, דאָס פאַרלייגן וועג באַצאָלט זיך דעם צוהערער. ער איז נישט קיין בחיפּזונדיקער אָפּפרעפּ־לער. ער האָט ליב די בנעימותדיקייט פון אַ שמועס, ווי אַ קונסט פאַר זיך. די קונסט פון מאַנאַלאָגירן אין אַ שמועס איז, ווי מיר ווייסן אַלע, אַ פאַר־לוירענע. אונדזער צייט איז נישט מסוגל דערפאַר, מען כאַפּט אָפּ, מען מאַכט עס אויף איין פוס, מען פאַרוואָרלאָזט די קונסט פון ריידן צו אַ חבר, אָדער מיט אַ חבר. פּאַט האָט ליב שמועסן מיט געדולד, און נישט געקוקט אויף דער אומגעדולדיקייט פון צוהערער, האָט ער די אייגנשאַפט צו דערציילן אַ מעשה אָדער אַריינבויען די רייד זיינע אין אמתע זאַצן. ער פּונקטוירט ממש בעת ער רעדט, ער שאַפט מיט זיין שמועס אַן אַטמאָספערע פון געדולדיקייט. ער ווייס אַז נישט נאָר דאַרף ער דערגרייכן מען זאָל אים שענקען אויערן, נאָר אַז זיינע אייגענע אויערן מוזן אַליין אויך הנאה האָבן פון דעם וואָס ער

זאָגט, אָדער דערציילט. ער האָט דאָס גוט אין זינען און בעת אַנדערע הערן, הערט ער זיך אַליין אויך צו צום צוזאַמענשטעל און אויסשטעל פון זיינע ווערטער.

ס׳איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז גראַד פאַט זאָל קומען מיט זיין שמועס־קונסט צו יידישע שרייבערס, צו באַזונדערע שרייבערס אין זייערע היימען, און מיט זיי פאַרפעדימען אַ שמועס, אַ נישט־געכאַפּטן, אַ תכלית־דיקן. אין פערצן שרייבערישע היימען האָט פאַט אַריינגעבראַכט די איבעראַשונג פון אַ געדולדיקן, ערנסטן שמועס און די נאַטירלעכע, געזונטע און אויך די נאַיווע בייגעריקייט צו וועלן הערן וואָס יענער האָט צו זאָגן. איך קען זיך פאָרשטעלן אַ צאָל יידישע שרייבערס, וואָס וואָלטן אפשר געקענט אויספרעגן אַ חבר, שטעלן אים ביאָגראַפישע פראַגעס, אָבער איך קען זיך כמעט נישט פאָרשטעלן קיין איינעם, וואָס וואָלט געהאַט דעם געדולד אויסצוהערן מיט אמתן אינטערעס אַ פולן ענטפער.

יעקב פאַט איז אין שמועס נישט נאָר דער גוטער מאָנאָלאָגיסט, ער איז אויך אַ טייערער צוהערער. ער האָט הנאה צו זיצן ביים טיש און אויסהערן. ער באַשטראָפט נישט מיט זיינע רייד, ער גיט אויך יענעם אַ געלעגנהייט צו עפענען דאָס מויל און ער האָט הנאה, ווען יענער נעמט זיך אויך די מי צו מאַכן עס באריכות. ער שעפּט נחת ווען דער טיש־שמועס ווערט אַן אמתער הין־און־צוריק, און ער דאַרף נישט סימולירן קיין אינטערעס — וואָס אַפילו דאָס איז אויך אַ זעלטנהייט צווישן חברים־שרייבערס — ער איז טאַקע בוכשטעבלעך פאַראינטערעסירט צו וויסן און לערנען, פון וואַנען קומט אַ מענטש, און ווי ס׳איז צום מענטש געקומען, אַלץ וואָס איז געוואָרן זיינס.

מיט אָט די וואַרעמע, מענטשלעכע אייגנשאַפטן איז יעקב פאַט געקומען און אָנגעקלאַפּט אין טירן פון אַ צאָל יידישע שרייבערס און זיי סטימולירט צו ריידן און זיך צערריידן. און אַז ער איז געקומען האָט ער זיי געוווּנען מיט זיין קענטשאַפט צו דיריגירן אַ שמועס, צו מאַכן פון אים אַ לייט, צו געבן אים ריכטונג און אַפילו שפּאַנונג; אויך שפּאַן אין שטח האָט ער געוויזן אַז אַ שמועס דאַרף האָבן, ווי אין יענע גוטע צייטן, ווען אונדזערע אבות־אבותינו זענען געזעסן אין בית־מדרש און אַרומגעברייעט אַ סך וועלט־פּראָבלעמען.

אָט די בית־מדרש־געדולד האָט פאַט געבראַכט אין די באַזונדערע היימען פון זיינע אויסגעפרעגטע שרייבערס. ער האָט פאַרבראַכט שעהן און געוויזן אַ מוסטער פון אויסזיצעוודיקייט, פון נישט געאײַלטער נייגעריקייט, פון חברשער וואַרעמקייט.

דאָס איז אין סך־הכל די אַטמאָספערע פון יעקב פאַטס אייגנאַרטיק בוך

„שמועסן מיט יידישע שרייבער". אַ שרייבער איז צוגעוווינט צו קריטיק, אַפילו צו די בעסטע און שענסטע מיינונגען וועגן זיינע ווערק, אָבער די ביי־גער פון אַ חבר צו דעם פּשוטן וואָרט, וואָס ער זאָגט און וואָס ער וויל אַז ס׳זאָל זיך רעכענען — דאָס איז אַ זעלטנהייט. מ׳קען זאָגן אַז יעדער שריי־בער זוכט דעם חברס אָן אויער. ער וויל זיך פאַר אים אויסריידן, אַראָפּריידן. ער וויל דערזען, אַז נישט נאָר איז זיין ליד, זיין דערציילונג אָנגעלייגט ביים קאָלעגע, ווי סחורה, נאָר אַז דאָס וואָרט וואָס האָט געבוירן די אַלע לידער און די אַלע ביכער, דאָס שטעטל, דאָס הויז און די משפּחה זיינע, זענען אויך פון גרויס אינטערעס און חשיבות ביי אַן אייגענעם פריינט.

פאַט איז געקומען מיט דעם וואַרעמסטן אינטערעס אין דעם חברס היי־מיש וואָרט. ער האָט געגעבן דעם פריינט־שרייבער דאָס געפיל פון אַ גוואַל־טיקער אינטימער צוטרויליכקייט און פון חשיבות פון מיינונג. דערפאַר איז אַרויסגעקומען אַ ביז גאָר אויסטערליש בוך, און אין דער זעלביקער צייט — אַן אויטענטיש בוך, אָבער אַ געשאַפענע אויטענטישקייט, אַ קינסטלערישע אויטענטישקייט. ער האָט סטימולירט זיינע אויסגעפּרעגטע שרייבערס און ביי זיי געוווּנען צוטרוי, אַז זיי מעגן זיין מיט זיך, בעת זיי זענען מיט אים. ער האָט זיי אָנגערעגט צו ריידן מיט אַ סדר, ער האָט זיי אָנגעוואַרעמט און זיי געגעבן די זעלטענע געלעגנהייט — אַ חברס אויערן פאַר לאַנגע אינטי־מע רייד, פאַר דעם רוישטאָף, וואָס זיי פאַרוועבן, פלאָנטערן, פאַרפּלאָנטערן און פאַרקינסטלערישן. פאַטס אַריינפאַלן אין די רייד מיט נייע פראַגעס און באַמערקונגען האָט געשאַפן דעם שמועס, וואָס ער אַליין האָט אַזוי ליב צו קולטיווירן. אַלע פּערצן יידישע שרייבערס קומען צום אויסדרוק, אַזוי צו זאָגן, און דערשיינען אין בוך ווי אויסגעצייכנטע שמועסערס, ווי זיי וואָלטן לאַנג געוואַרט אַז אַזאַ אויסהערער זאָל קומען און עפענען דעם צאַפּן. יעדער איי־נער רעדט מיט זיין אייגן קול און זיינע רייד, אָבער די אָרקעסטראַציע, די פויזעס, די מוזיקאַלישע אַראַנזשירונג איז פאַטס. ס׳איז ווי ער וואָלט געווען דער ווירטואָז וואָס שפּילט אויס די אַלע שמועס־קאָמפּאָזיציעס, אויף זיין אויס־טייטשערישן שטייגער, מיט זיין אייגענער אינטערפּרעטאַציע.

לאָמיר אויסרעכענען די שרייבערס, וואָס מיט זיי האָט פאַט געכאַפּט זיינע שמועסן: דוד איגנאַטאָוו, דוד איינהאָרן, יוסף אָפּאַטאָשו, יעקב גלאַט־שטיין, אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, י. י. טרונק, ה. לייוויק, איציק מאַנגער, מאַני לייב, ש. ניגער, צביון, ה׳ רויזענבלאַט, אברהם רייזען, י. י. שוואַרץ. אָבער אין בוך פון די „שמועסן" זענען זיי לעבעדיק מיט זייער שטים און מיט זייער גוואַלטיקן לעבעדיקן אָפּטימיזם; מיט דעם טראַגיש־נאָך־נישט־פאַרענדיקטן חשבון מיט זיך, מיט דעם סכום אַרבעט, וואָס זיי האָבן זיך נאָך געגרייט

טאָן און טאָן; אַפילו דער אַכציק־יאָריקער צביון האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיין פּעקל יאָרן און געשמועסט פינף שעה צייט און נישט געוואָלט מאַכן קיין רעזיגנירטן סך־הכל.

אַחוץ פאַטס מעלות, ווי אַ געדולדיקער נייגעריקער, וואַרעמער שמועסער און אויסהערער, וואָס איז אפשר די הויפּט־מעלה פון דעם נישט־עגאָיסטישן בוך, פאַרמאָגט נאָך פאַט די מעלה, וואָס אַלע זיינע שאַרפקייטן, זיינע אַלע אַבסאָלוטע מיינונגען און פּרינציפּן וואָס פאַר זיי איז ער גרייט זיך איינצושטעלן און קעמפן, זענען אין צוזאַמענשטעל — דאָס געשטאַלט פון היינטצייטיקן מאָדערנעם ייִד. ער האָט אין זיך דערגרייכט די האַרמאָנירונג פון אַ סך סתירות, וואָס כל ישראל און כלל ישראל טראָגט אויף די פּלייצעס. ער האָט געלאָזט אַז דאָס לעבן זאָל איינרויִקן די אומקאָפּראָמיסלעכקייט פון זיינע און אונדזער אַלעמענס ייִנגערע יאָרן. זיינע מיינונגען קומען נישט צו דער וועלט מיט שטעכלקעס, מיט קליינע מעסערלעך, אויסגערעכנט אויף בלוטיקן דעם קעגנער. ער קומט מיט דעם באַגאַזש פון זיינע ייִדישע און וועלט־פּראָבלעמען ווי אַ גלויבער, און ווי אַ מענטש פון שלום און נישט פון קריג. דערפאַר איז ער געווען דער פאַסיקסטער מענטש צו קומען צו אַזעלכע פאַרשיידענע ייִדישע שרייבערס און פון זיי צוזאַמען שאַפן דאָס קאָלעקטיווע געשטאַלט פון אונדזער דור, די פול־פּנימדיקע ייִדישע פּראָבלעמאַטיק. ער איז זיך נישט געקומען קריגן מיט קיינעמס פּעסימיזם און נישט אָפּפרעגן וועמענס אָפּטימיזם, ווייל אין אים אַליין, ווי אין יעדער איינעם פון אונדז, קיידער־ווידערן זיך די דאָזיקע צוויי ויתרוצצוס. ער איז געקומען מיט זיין נאַציאָנאַליזם און מיט זיין געזונטער און רעאַליסטישער פּאָזיטיווירונג פון מדינת ישראל, און איבער אַלץ האָט געפלאַטערט זיין גרויסע ליבשאַפט צו ייִדיש און צו ייִדישע שאַפונגען. ער האָט געוואָלט הערן פון אַנדערע ייִדישע שרייבערס, אַז ס'האָט אַ קיום, ס'האָט אַ צוקונפט, כדי צו קריגן די אינערלעכע שטאַרקונג, וואָס יעדער איינער פון אונדז דאַרף האָבן. ער איז נישט נאָר געקומען פרעגן און הערן, נאָר אויך נעמען און אַוועקטראָגן גלויבן.

מחמת אָט די אַלע אויסגערעכנטע מעלות איז דאָס בוך — „שמועסן מיט ייִדישע שרייבערס" אַ ווערק וואָס איז ווערט געלייענט צו ווערן. די קנאַפּע 300 זייטן גיבן דעם לייענער אַ גאָר נאָענטן אַריינבליק אין צענדליקער ווערק, פון די פּערצן ייִדישע שרייבערס, וואָס יעקב פאַט האָט אויסגעפרעגט, און צוזאַמען זענען די שמועסן אַ חשבון־הנפש פון אַ דור און אַ שפּיגל פון אַ דור.

בלייבט בלויז איבער צו ברענגען אַן אָפּקלייב, אַ קליינע אַנטאָלאָגיע פון די אויסגעדולדיקטע שמועסן.

דוד איגנאַטאָוו: „דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט איז דאָך אייגנט־לעך אַ מעשהלע וואָס חלומט זיך עמעצן. מיר זענען אַלע טיילן, קאַפּיטלעך פון אָט דער מעשהלע“.

דוד איינהאָרן: „עס איז נישטאָ קיין אַנדער יסוד פאַר דער ייִדישער שאַפונג, און נישט נאָר דער פּאָעטישער — אויסער די ראַמען פון רעליגיעזן ייִדישן פילן און דענקען. פאַרלירן מיר אָט דעם יסוד, גייען מיר אונטער“.

יוסף אָפּאַטאָשו: „חוץ פינצטערניש איז דאָך געווען טאָגליכט. עס זע־נען דאָך געווען מעשים. עס איז דאָך געווען לעבן, עס זענען דאָך געווען מער פּשוטע מאָנטיקס און מיטוואָכס ווי שבתים. פאַרוואָס ווייסן נישט און דער־ציילן נישט וועגן דעם די ביכער פון ייִדישער געשיכטע?“

יעקב גלאַטשטיין: „איך שרייב קריטיק בדחילו ורחימא. איך וויל העלפן שאַפן אַ יום־טוב פאַרן ייִדישן בוך. עס איז אומעטיק אין הויז פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור. מען האָט אָנגעהויבן אַליין אויסדרייען די קנויטן אין די לאָמפּן. מען מוז מאַכן ליכטיק“.

אהרן גלאַנץ־לעיעלעס: „דורך דער ייִדישער פּאָעזיע רעדט דאָס טיפסטע ייִדישע געמיט. עס האָט געזאָגט יהודה הלוי, אַז די ייִדן זענען דאָס האַרץ פון דער וועלט. די ייִדישע ליטעראַטור איז היינט דאָס האַרץ פון ייִדישן פאָלק“.

י. י. טרונק: „אין קעסל פון די אַמעריקאַנער ייִדן קאָכט זיך נאָך. עס וועט זיך אויסקאָכן. די ייִדישע געשיכטע פאַרט מיט אונדז מיט אומעטום. די אַמעריקאַנער ייִדן וועלן נישט האָבן קיין אַנדער עצה ווי זיך אומצוקערן צו גרויסער ייִדישקייט, צום אחד און צום ייִדישן לשון“.

ה. לייוויק: „נעמט מען אַרויס פון אונדזער געשיכטע ארץ ישראל, נעמט מען אַרויס איר נשמה. ארץ ישראל איז געווען ביי אַלע ייִדישע דורות אַ טיף נצחדיקע איבערלעבונג“.

איציק מאַנגער: „איך האָב זיך כסדר אָפּגעגעבן מיט מיינע לידער באַ־לאַדן. איך האָב פאַרגעסן דעם זיך, דאָס אייגענע לעבן, עס קומט אָבער אַ געוויסער עלטער, הייבט מען אָן טראַכטן וועגן תכלית. לעבן, לעבן. אַפילו דער טויטער שעקספּיר וואָלט זיך געביטן מיטן לעבעדיקן מאַנגער“.

מאַני לייב: „אונדזערע מאַסן באַציִען זיך צו ייִדיש מיט גרינגשעצונג. מען ברענגט אום מיט אייגענע הענט אונדזער גרעסטע שאַפונג. עס איז דאָך אַ פּאַטאַלע דערשיינונג — צו אונדזער פאָלק איז נישט דערגאַנגען די הייליַ־קייט פון זיין שפּראַך“.

שמואל ניגער: „מיר אַפּיקורסים, למשל, האָבן געשאַפן די וועלטלעכע ליטעראַטור און זעט וואָס פאַר אַ ראָל עס האָט געשפּילט אין אָט דער לי־

טעראַטור די רעליגיעזע ייִדישקייט. אירע שעפערישע עלעמענטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונדזער וועלטלעכער ליטעראַטור. דאָס אייגענע וועט זיין מיט די ווערטן, וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אין זייער אייגענער שפּראַך".

צביון: „דער ווילן צו זיין אַ ייִדישע איינהייט — לאָמיר עס רופן נישט פאָלק, נאָר אַן איינס — איז דאָ אין אַלע שיכטן, אין אַלע טיילן און גרופּעס פון ייִדישן פאָלק אין אַמעריקע. איך געפין עס אַפילו אין די, וואָס קעמפן קעגן ייִדישן נאַציאָנאַלן זיין".

ה. רויזענבלאַט: „מיר וועלן לעבן, מיר וועלן נישט שטאַרבן. איך וויל פאָרן זען דאָס לאַנד מיט די אייגענע אויגן. איך האָב מורא צו פאָרן, איך וויל אָבער דאָך. איך וויל פאָרן אַהין אויף מיין לעצטן „האָנימון".

אברהם רייזען: „האָט איר געזען אַמאָל אַ פויער, וואָס קריכט אַרויס פון שייער? היי, שטרוי, גרעזלעך אויף זיינע קליידער, אָנגעטשעפּעט אַרום און אַרום, פאַלן אַראָפּ פון אים ווען ער באַוועגט זיך. אַזוי איז געווען שלום אַש מיט זיין היים, מיט זיין שטעטל. גייט ער אַוועק פון שטעטל און טרייסלט אָפּ אַלע שטרויעלעך, ווערט ער אויס שלום אַש. ער איז אַוועק פון אונדז, וויט אַוועק פון אונדזער פאָלק, פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון איר גייסט".

י. י. שוואַרץ: „עס איז געקומען עמך, ייִדן פון אַרבעט, פון טאָן. עס האָט זיך אין אַמעריקע פאַנאַנדערגעוואַקסן אַ ייִדישער אַרבעטער־קלאַס. עס האָבן זיך אויך געטראָגן אַהער ייִדן פון בילדונג, פון וויסן, למדנים, איז דען אַ וווּנדער, וואָס פון אַ פאָר מיליאָן ייִדן האָבן זיך אויסגעטיילט אַ פאָר צענדליק שעפערישע ייִדן?"

„שמועסן מיט ייִדישע שרייבער" איז אָבער נישט נאָר אַ בוך פון סתם זאָגעכצער און מיינונגען, נאָר אַ בוך פון מעשיות פון לעבן. און וויכטיק איז, דער עיקר, ווי עס זאָגט אונדז יעקב פּאַט אין זיין אַריינפיר — „אין אַלע «שמועסן» האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אַבסאָלוטע אָנערקענונג פאַר דער וויכטיקייט פון עטישן אינהאַלט און די ליטעראַטור־שאַפונגען, באַזונדערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור".

.1955

יוסף ראָלניקס „זכרונות“

דאָס בוך — „זכרונות“, וואָס דער פּאָעט יוסף ראָלניק האָט ארויסגעגעבן צו זיין 75־יאָריקן געבוירנטאָג, וועט וואַקסן אין ווערט, לויט דעם ווערט פון זיינע לידער פאַר אונדז און פאַר די צוקונפטיקע דורות. ס׳קען זיין אַז דאָס בוך וועט, מיט דער צייט, ווערן אַ באַגלייט־טייל פון זיין גאַנצער פּאָעטישער שאַפונג. מ׳וועט עס שטודירן, כדי צו געפינען די שפּורן פון ראָלניקס פּאָעטישער באַגייסטערונג, און פון זיין אָנשטויס צו שרייבן אי זיינע שטילע, צמצומדיקע, אי זיינע באַריידעוודיקע לידער. מ׳קען זאָגן, אַז דאָך בוך „זכרונות“ וועט ווערן דער באַראָמעטער פאַר דער געשעצטקייט פון זיינע לידער־זאַמלונגען, וואָס דערשטוינען אָפט, מיט זייער אומדעקאָראַטיווער און גרויער שיינקייט.

אין זיין פּראָזע־בוך, פון איבער צוויי הונדערט זייטן, וואָס איז דורכגעשפּרענקלט מיט אַ צוויי צענדליק לידער, דערמאָנט זיך דער דיכטער אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין לעבן, וואָס זענען מייסטנס צוגעקליבן צום אייגענעם אינטערעס.

פאַר אונדז, וואָס ווייסן דעם ווערט פון זיין ליד, איז אומגעהויער אינטערעסאַנט צו זען דעם דיכטערס נאָכלאָזיקע באַציִונג צו געשריבענע שורות, ווען זיי זענען נישט אין קלעם פון פּאָעטישער דיסציפּלין. אָבער אַז מען לייענט אויפמערקזאַם די — „זכרונות“, זעט מען אַז דער דיכטער האָט אָנגעוואָרפן זיין מאַטעריאַל, מיט גרויס ערלעכקייט און מיט יענער גרויטהאַלטערישער עניוות, וואָס איז אויך צום טייל כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע לידער.

מ׳קען נישט זאָגן, אַז די „זכרונות“ זענען איבערגעלאָדן מיט טריוויאַליטעטן. ס׳וואָלט געווען נענטער צום אמת, ווען מען זאָגט, אַז דער דיכטער האָט געגעבן דעם רויען מאַטעריאַל פון זיינע לידער. נישט אומזיסט האָט ער דאָ און דאָרט איינגעשלאָסן אַ כאַראַקטעריסטיש ליד זיינס, ווי ער וואָלט געוואָלט עפענען די פּריוואַטע טיר פון זיין דיכטעריש אַרבעט־צימער און וויזן, וואָס ער האָט געטאָן מיט די שטיקלעך און ברעקלעך פון זיין לעבן.

און ס׳איז באמת אַן אינטערעסאַנטע שטודיע צו פאַרגלייכן דאָס ליד זיינס מיט זיינע פּראָזע־דערמאָנונגען. לאָמיר נעמען אַ קליינעם ביישפּיל. דער דיכטער דערמאָנט זיך אין זיינע חטאים, אין דעם וואָס פאַר אַ שלעכטס ער האָט געטאָן זיינע חברים און מיטמענטשן. די אָפּטיילונג „מיינע חטאים“

פאַרנעמט קאַרגע אַכט זייטלעך. פון דעם איז צו זען, אַז אין קיין גרויסע חטאים באַשולדיקט זיך דער דיכטער נישט. איין חטא, דערציילט יוסף ראַל־ניק אַזוי:

„ווען איך בין געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר 9־10, ביך איך געשטאַנען מיט מיין חבר אברהמל, דעם מילנערס ייִנגל. איך האָב מיט אים געמיטלעך גע־שמועסט. לעבן אונדז איז געשטאַנען אונדזער הונט „זשוק", און אַזוי ריידנ־דיק האָב איך זיך געקליגלט און אים אַ שטויס געטאָן אויפן הונט. דער הונט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער אים און ער האָט אַ פאַל געטאָן און זיך צעקלאַפּט. ער איז אַוועק אַ וויינענדיקער".

אַזוי־אַ פּשוט רופט דער דיכטער צוריק אַ חטא פון זיין קינדהייט. כ׳וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין די פּאַסטקעס פון פּסיכאָאַנאַליז, ווי לאַנג ס׳וואָלט געדויערט אַרויסצובּרענגען די דאָזיקע שולדיקייט פון פּאַציענט, און ווי לאַנג ס׳וואָלט געדויערט צו ציִען דערפון די קאָנסעקווענצן און אים באַפרייען, פאַר ווייטערדיקן באַלאַנס אין לעבן. פאַר אונדז איז אינטערעסאַנט צו זען, אַז דער דיכטער געפינט פאַר נייטיק צו דערציילן אַזוי „אומסטיליסטיש" אַ פאַרצייכענונג פון זיין קינדהייט, ווי ער דערציילט אַנדערע קלענערע עפּי־זאָדן פון זיין „פריִער קינדהייט" וועגן זיין וויגעלע „וואָס הענגט אונטערן באַלקן", וועגן אַ שמחת תורה, אַ ברית, אָדער וועגן אַ ייִד זעליג, למשל:

„איך געדענק דעם אַלטן קרעטשמער זעליג, וואָס האָט געהאַלטן די קרעטשמע נאָך איידער חיים־גדליה האָט עס איבערגענומען. זיי האָבן זיך גע־ביטן מיט די שענקען. זעליג האָט זיך איבערגעקליבן פון זשוכאָוויץ קיין לוק און חיים־גדליה פון לוק קיין זשוכאָוויץ. זעליג איז געווען אַ ייִד מיט אַ ברייטער, געלער באָרד".

נישט מער ווי דאָס און אָן שום אָרנאַמענטיק. ווען מען גיט אַ טראַכט, וואָס דער דיכטער ראַלניק האָט געטאָן מיט די אַרומשווימענדיקע עפּיזאָדן ווען ער האָט זיי פאַרקלערט אין ליד, מוז מען שטוינען אויף דעם גוואַלטיקן מרחק, וואָס יוסף ראַלניק זעט צווישן פּראָזע און פּאָעזיע.

און דאָס האָב איך געמיינט ווען איך האָב פריִער געזאָגט, אַז וואָס גרע־סער ס׳וועט ווערן דער אינטערעס צו זיין ליד, אַלץ מער וועט וואַקסן דער אינטערעס צו דעם בוך „זכרונות", ווי אויף דעם רוי־מאַטעריאַל פון דעם דיכטערס לידער. ווען מען לייענט די „זכרונות" פאַלן בכלל אַוועק אַ סך טענות, וואָס מען האָט צום דיכטער און צו זיינע לידער. ווייל טענות זענען געוויינלעך אַרויסגעוואָרפן, זיי ווילן צוטשעפּען דעם שרייבער זאַכן, וואָס זענען אין אים נישטאָ, כדי אים צו שלאָגן דערמיט. איז שוין גלייכער צו בענטשן און מאַכן אַ ברכה אויף דעם וואָס דער אמתער דיכטער ברענגט מיט

זיך, וואָס ער פאַרמאָגט; און ווי קליין זיין פאַרמעג זאָל נישט זיין, אויב ער איז נאָר אַן אמתער פּאָעט — וואָס ער מאַכט פון זיין צוגעשפּאַרט האָב און גוטס.

פאַר מיר, וואָס איך ווייס ווי צו שעצן ראַלניקס ליד, איז זיין בוך „זכרו־נות" פון דעסטוועגן געווען אַ ניי טירל צו זיינע לידער, אַ פון פריער נישט געזען טירל, דווקא דורך דעם גרויען און אַנגעוואָרפענעם עפּיזאָדישן בוך, וואָס האָט נישט קיין מוקדם ומאוחר, און וואָס איז געשריבן אין אַזאַ אויס־געמאָגערטער פּראָזע, ווי מען וואָלט דערפון אַרויסגעקוועטשט די נאַטירלע־כע פייכטקייט, וואָס ס׳קריגט אַ פשוטער, גוט צוזאַמענגעשטעלטער זאַץ. פאַראַן אַזאַ דראַנג צו זיין ערלעך צו זיך און מיט זיך, אַז דער שרייבער האָט מורא פאַר דער אָרנאַמענטיק פון געשריבענעם וואָרט. ער וויל צוריקגיין צום לשון פון זכרונות, כדי זיך דורכצושמועסן מיט זיך אַליין, נאָך איידער ער שמועסט זיך דורך מיטן לייענער. ער וויל נישט אַז דער לייענער זאָל אים זען אַנדערש, ווי ער זעט זיך.

דער דיכטער טוט זיך אָפּט אַ גרויסע עוולה דערמיט, אָבער אים אַרט אַפּנים נישט. ער דערמאָנט זיך אין זיין קליינשטעטלדיקער אַריינגעוואָרפנ־קייט, אונטער די רעדער פון דער גרויסער שטאָט, און ער שילדערט זיך אַפילו מיט דעם אומקאָמפּלימענטאַרן לשון פון אַמאָל, מיט דער גאַנצער רויער נאַי־וויטעט, וואָס קען אַמאָל מאַכן אַ מאָדנעם איינדרוק אויף אַ היינטיקן שטרענגן לייענער.

איך וויל ברענגען פאַר אַ ביישפּיל דעם גאַנצן עפּיזאָד, וואָס הייסט — „באַצאָלט פאַר אַ טעפּל קאַווע" און שפּעטער מאַכן קאָמענטאַרן.

„אין אַ יאָר און אַ האַלב אַרום, נאָך מיין קומען אַהער, האָב איך זיך באַ־קענט מיט אַ גרופּע בחורים און מיידלעך, אויך אַרבעטער, וואָס זענען געווען אַנאַרכיסטיש געזאָנען. זיי האָבן מיך געגומען צו עמאַ גאָלדמאַנס לעקציעס און צו דעם ברויזנדיקן און טופּענדיקן יאָהאַן מאָסט. דאָס איז געווען דער יאָר, ווען איך האָב געשריבן מיינע רעוואָלוציאָנערע לידער.

„די נייע פריינט מיינע האָבן מיך אַביסל אַוועקגערוקט פון די פריערדי־קע פריינט, די לאַנדסלייט מיינע.

„זאָגן אַז איך בין פריער געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און דערנאָך גע־וואָרן אַן אַנאַרכיסט קען איך נישט. איך בין נישט קיין אידייען־מענטש און בין נאָר געווען אַנגעהויכט פון דער סביבה, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען; און די סביבה איז געווען — בונד.

„אין דעם זומער פון 1901, פלעגן מיר זיך צונויפקלייבן אין אַ קליין צימערל אין 364 הענרי סטריט, אויף אַן אויבערשטן שטאָק. דאָרט האָט גע־

ווינט אַ גוטע, פריינטלעכע און קלוגע מיידל, ראָזע כוואַלאָוו, מיט אַ חבר־טע, עמאַ אשכנזי. אַנטקעגן זייער טיר, איבערן שמאָלן קאָרידאָר, האָט געווינט אַ בחור ש. יאַנעס. אין דעם זעלביקן הויז האָט אויך געווינט אַ יונ־גערמאַן — פירד, מיט זיין שוועסטער ליזע, זייער אַ שיין מיידל. זונטיק ביי־טאָג פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען אין ראָזע כוואַלאָווס צימערל און דאָרט געפירט הייסע דיסקוסיעס וועגן פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און ליטעראַרישע ענינים. מיר אַלע האָבן זיך געחברט צווישן זיך און אייניקע האָבן אַפילו גע־פירט ליבעס און דערנאָך חתונה געהאַט.

„מיר האָבן זיך געפירט חבריש. די בחורים האָבן נישט געצאָלט פאַר די מיידלעך, נישט אין רעסטאָראַן און נישט אין טראַמוויי. די מיידלעך האָבן נישט מקפּיד געווען צו גיין ביים ברעג טראָטואַר, און אַז ס'איז אַרונטערגע־פאַלן אַ טיכעלע ביי אַ מיידל האָט דער בחור זיך נישט איינגעבויגן אויפצו־הייבן עס. מיר האָבן שטאָלצירט מיט אונדזער פירונג און אַנאַרכיסטישן איינ־שטעל. אָבער ווען איינמאָל, צום סוף זומער, בין איך אַריינגעגאַנגען אין הע־ריקס קאַפע, אויף דיוויזשאַן סטריט, מיט צוויי מיידלעך. וואָס האָבן נישט געוווּסט פון אונדזער חברישער פירונג, און זיי האָבן מיר געלאָזט באַצאָלן פאַר זייער קאַווע, האָב איך דערפילט אַ שטאָלץ און אַ באַפרידיקונג, וואָס איך האָב געקענט זיין אַ «קאַוואַליער», ווי אַלע פּשוטע חברים, נישט קיין אַנאַרכיסט".

איך האָב ספּעציעל געבראַכט דעם לענגערן אויסצוג, כדי צו קענען מאַכן עטלעכע פּירושים. ערשטנס איז כדאַי צו זען, ווי אומשרייבעריש דער גאַנ־צער עפּיזאָד איז אָנגעשריבן. נישטאָ קיין איין גראַמאַטנער לייענער וואָס וואָלט עס נישט געקענט בעסער אָנשרייבן, ווען ער וואָלט עס, ווי ראַלניק, געהאַלטן פאַר וויכטיק איבערצודערציילן, פאַר דער עפנטלעכקייט, און נישט בלויז פאַר אייגענע. אַחוץ דעם איינציקן אויסדרוק — „ברויזנדיקער און טופנדיקער יאַהאַן מאָסט", איז נישט פאַראַן קיין צומיש פון שיין־שרייבעריי.

צווייטנס, איז כדאַי צו באַמערקן, אַזאַ אויסדרוק ווי „אַנאַרכיסטיש גע־זאָגען". וואָס האָט מסתמא עפּעס געמיינט, אין יענע טעג פון 1901, אָקו־ראַט ווי ס'האָט אפשר אין יענער צייט געהאַט אַ באַדייט אַזאַ אויסדרוק ווי „אַנאַרכיסטישער איינשטעל", אָנגעווענדט אויף דער פירונג, נישט צו צאָלן פאַר דער דאַמע און נישט אויפצוהייבן איר טיכל.

דריטנס, אַרט נישט דעם דיכטער, אַז ער גיט זיך אַליין אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט מיט דעם אויסדרוק — „איך בין נישט קיין אידייען־מענטש"; שוין נישט אַזוי לויט דעם לעקסיקאָן פון 1901, ווי גיכער פון די שפּעטער־

דיקע יאָרן, ווען עס זענען אָנגעקומען די „יונגע" און שטאָלצירט דערמיט, ווי אַ סימן מובהק פאַר גוטע לידער.

ס'איז קלאָר, אַז אַ פשוטער לייענער, ווען ער וואָלט אַפילו באַשריבן דעם עפּיזאָד, וואָלט ער פאַר דער עפנטלעכקייט זיכער אויסגעלאָזט די נעמען פון די בחורים און מיידלעך. אָבער ראָלניק דערמאָנט זיך קודם־כל אַליין, און ער ברענגט עס צוריק, מיט דער געפונענער ערלעכקייט, וואָס מיט איר צייכנט זיך אויס זיין בעסער ליד. פאַראַן אין דעם עפּיזאָד ראָלניקס טרוקענער הומאָר, אין אַ נישט־פאַרקינסטלערישטער פאָרעם, זיין פּאַטעטישע בענקשאַפט נאָך אַ פשוט מיידל, וואָס זאָל אים געבן דאָס געפיל פון אַ „קאַוואַליער"; זיין פרעמדקייט צווישן די „אַנאַרכיסטיש־געזאָנענע" יונגעלייט און „גלייכבאַרעכטיקטע" יונגע מיידלעך.

אָנשטאָט מען זאָל האָבן טענות צו ראָלניקן פאַר זיין אומבאַצױונג צו דער פּראָזע־קונסט איז שוין אפשר גלייכער צו לייענען אויפמערקזאַם צענדליקער אַזעלכע גרויע און באַריידעוודיקע זייטן, אין בוך „זכרונות". און ווען געפינען דעם שליסל צו דער מאַגיק פון ראָלניקס פּאָעטישן כוח, אַז אַקוראַט די זעלביקע גרויקייט קריגט פליגל אונטער זיינע הענט, ווען ער פאַנגט זי אין ליד.

צוויי באַזונדערע טענדענצן באַמערקן זיך אין ראָלניקס דיכטונג: אַ טענדענץ צו איינגעקלאַמערטן צמצום און צו עקספּאַנסיע. זיינע „האַפיז" לידער, למשל, זענען מוסטערן פון צמצום. זיינע שפּעטערדיקע לידער, ווי די דערמאָנונגען פון שטעטל און מיל זענען שוין עקספּאַנסיווע, אויסגעשפּרייטע און באַריידעוודיקע. סיי די איינגעשרומפּענע מורא פאַר אַן איבעריק וואָרט, סיי דאָס צוכאַפּן זיך צום פשוטן שמועס נאָכדעם ווי מען דערדריקט אין זיך אַ לאַנגע צייט דאָס נישט־אַרויסגערעדטע, קען מען אויפקלערן, ווען מען לייענט ראָלניקס „זכרונות". אַלע טענות וואָס מען קען האָבן צום דיכטער ראָלניק ווערן אָפּגעשלאָגן דורך דעם אָפענעם בוך, וואָס אַנטוואָפנט, ווי ס'אַנטוואָפנט אַזאַ זאָג פון אַ היינטצייטיקן מענטשן, אַז ער איז נישט „קיין אידייעןמענטש". אין מער ווי איין זין איז עס זיכער אַן אונטערשאַץ פון אייגענעם קינסטלערישן ווערט, אָבער ס'איז אויך בפירוש אמת, אין ברייטערן זין, ווי אַן ענטפער אויף אַרויסגעשטעלטע טענות צום דיכטער און צו זיין ליד.

ער רעדט אַליין פון זיין איינזאַמקייט מיט און צווישן מענטשן; וועגן זיין ווערן אַ פינפטע ראָד צום שמועס פון פיר חברים. אין דעם בוך איז פאַראַן זייער ווייניק וועגן דיכטער־חברים. האַלפּערן, איגנאַטאָוו. מאני לייב, זישע לאַנדוי, גייען פאַרביי ווי שאָטנס. אַפילו זיין נאָענטער פריינט ראַבאָי, אייגער פון די צוויי, וועמען ראָלניק האָט זיך נישט געשעמט אין פנים צו לויבן

(דער צווייטער איז י. י. שוואַרץ) פאַרנעמט אין בוך קאַרגע דריי זייטן. אמת, שוין מיט אַ ליד פון חברשאַפט, אָבער דער נאָענטער חבר ווערט פאַרט נישט אויפגעלעבט. דאָס ליד האָט אַזאַ פערז:

איך זעץ אים אַוועק אויפן שענסטן אָרט,
און ליבשאַפט, וואָס איך האָב אפשר געשפּאָרט
ביי זיך אין האַרצן פון טאָג אויף טאָג,
לייג איך אים אָן אַ פולע וואָג.

אין די דריטהאַלבן זייטלעך פּראָזע איז נישטאָ קיין שפּור פון דער ליבשאַפט צווישן צוויי קינסטלער. אַזאַ איז ראָלניקס באַציִונג צו פּראָזע. אָבער דאָ ליגט אויך דער צוגאַנג צו זיין ליריק, וואָס איז אַן ענג־פּערזענלעכע, אַן איינגעשלאָסענע און מיט־זיכיקע. אין זיין דיכטונג ווערן די אַרויסבאַפרייטע עפּיזאָדן דערפרייט מיט דערהויבונג און לייטערונג, וואָס גיט זיי סיִיווי אַן אידייאיש לעבן.

פאַראַן אַ דיכטערישער עפּיזאָד ביי ראָלניקן, ווי ער האָט אַמאָל אויסגעמיטן און זיך געשעמט מיט זיינס אַ פעטער, וואָס איז געוואָרן אַ בעטלער און דער דיכטער קען זיך פון דעם חטא עד־היום נישט באַפרייען. אָט דער עפּיזאָד איז אויך ליריק, אָבער אוניווערסאַלע ליריק. זיין חטא ווערט דער חטא פון אַ גאַנצער מענטשהייט.

אַ שליסל צו דעם וואָס האָט ראָלניקן נישט תמיד געלאָזט ווערן אַזוי אידייאיש אין זיין ליריק, קען מען געפינען אין די ערלעכע, רויִע, צעשריבענע אָבער נישט־אָנגעשריבענע ביאָגראַפישע זייטלעך פון דעם דיכטערס „זכרונות", וואָס וועלן זיכער געלייענט ווערן מיט אַ שטאַרקן אינטערעס פון די אַלע, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין מקור פון זיין ליד: אין דעם ליד וואָס איז ג ע וו אָ ר ן. מחמת דעם קאַמף וואָס דער דיכטער האָט געפירט מיט זיינע אַלע שטערונגען; און וואָס איז נישט דערוואָרן ווען די איינגעבוירענע מניעות האָבן פאַרצאַמט דעם דיכטערס וועג און אים איבערגעוועלטיקט.

„אינדזלען אויף דער ערד“ פון מרדכי שטריגלער

אין די חורבן־ביכער וואָס מרדכי שטריגלער האָט געשריבן, האָט ער גע־בומען אויף זיך אַ נזירישן עול צו דערציילן דעם אמת און צו זען, אַז דער יצר־הרע פון קינסטלערישער פרייהייט זאָל זיך נישט צופיל אַריינמישן און נישט פסול מאַכן דעם דורכגעזעענעם אָדער דורכגעליטענעם אמת. אין „מיי־דאַנעק“, „פאַבריקן פון טויט“, „ווערק צע“, „גורלות“, זעען מיר ווי ער האָט מאָביליזירט אַלע זיינע כוחות פון אַן אויסטייטשער און אַ מעטאָדישן אַרויס־דערציילער, פון אַן אָפּקלייבער וואָס ווייסט זייער גוט, אויף וואָס אָנצו־שטעלן דאָס גאַנצע ליכט פון זיין עדות־זאָגנדיקער אויפמערקזאַמקייט, כדי מ׳זאָל בולט זען וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק, אַז אויך מיר דאַרפן זען און געדענקען. ער, דער שאַרפסטער חורבן־כראָניקער, האָט זיך דערפאַר שטאַרק געהיטן פון בעלעטריסטישע פאַסטקעס און אָפּנויגן, ווייל ס׳איז אים געגאַנגען אין דער קדושה פון אומגליק, וואָס איז אָנגעשיקט געוואָרן אויף אַ גאַנץ פאָלק — אויף ווייפל עס האָט דערהויבן, אָדער אַרונטערגעשליידערט דעם מענטשן. דאָס געשעענע איז געווען אַ ספר תורה פון תוכחה, וואָס מ׳טאָר נישט פסול מאַכן מיט די שענסטע צוטראַכטענישן, ווייל מחברישע דערפינ־דערישקייט, איז דאָך עלול צוצולייגן אַ קאַפּיטל צו אַ גרויסן גזר דורך שיל־דערן דעם אשמדאי, מיט אויסגעציקלטע בעלעטריסטישע באַרבאַריזמען, און אַזויערנאָך געשטרויכלט ווערן ווי אַ באַשיינער און אַרומפּוצער, וואָס וויל אַרויסשלאָגן עסטעטישע הנאהס, אַפילו פון ערגסטן מענטשלעכן גהינום.

אַזוי האָט שטריגלער געטראַכט בעת ער האָט פאַרבייגעפירט פאַר אונ־דזערע אויגן דאָס וואָס זיינע אויגן האָבן איינגעזאַפּט; און די אויגן זיינע האָבן געהאַט מוח און די פאַרשפיגלטע יסורים זענען געקומען מיט דעם הייסן אימפעט פון אַ גרויס אויסלאַדעניש. שטריגלער איז קוים אַלט געווען 25 יאָר, ווען די וועלט האָט זיך צוריקגעעפנט פאַר אים און פאַר אַ קליינער שארית הפליטה. דער יונגער מרדכי שטריגלער האָט געוווסט זיין כוח און ער האָט זיך פאַרמשפּט צו זיין דער צעוויקלער פון דער גאַנצער מגילה, וואָס ער האָט דורכגעליטן בציבור און ביחידות.

און דאָך מיט זייער גאַנצער אָפּגעהיטקייט, זענען זיינע חורבן־ביכער געוואָרן מער, אַ סך מער ווי אייגן־דערציילטע כראָניק, ווייל שוין די איינ־געבוירענע מעטאָדיק און דער זין פאַר אָפּקלייב און קאָנצענטראַציע, די לאָ־

גיך פון שטעלן פאַקטן קעגן פאַקטן, און אין אַ ספּעציעל ליכט, אַז די אמתן זאָלן זיך לאָדן פאַר זיך אַליין און זיך נישט פאַרמשפּטן, נאָר נאָך מער פאַר־אמתן דעם מין מענטש, אַפילו אין טאָל פון אַנטמענטשונג — אַט דאָס אַלץ זענען סיי־ווי געוועזן קינסטלערישע מכשירים, וואָס שטריגלער האָט אָנגע־ווענדט אויף זיין הייסן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט און סאָרטירט. דער יצר פון קינסטלערישקייט האָט זיך פאָרט אַריינגעמישט און צענדליקער מאָל איבערגענומען און געקראָגן די שליטה, נישט דורך ענדערן פאַקטן, נאָר די אַקצענטן; און דורך שאַרפער מאַכן די חושים פון דעם תכליתדיקן פאַר־צייכענער, דורך פאַרטרויעריקן און פאַרעטעניש זיין איינגעבוירענעם שכל הישר און דערפאַר העלפן דעם מחבר אַרויסצוקומען מיט אַ קינסטלערישער וואָג און מאָס, וואָס איז קיינמאָל נישט פּראָקוראָריש, נאָר אָפּשפּיגל פון אַלע־מענס מיטבאַשולדיקטקייט, אין שפּיל פון מענטשלעכער שוואַכקייט און כלומרשטער מענטשלעכער גבורה.

אין זיין הקדמה צו דער נישט־לאַנג צוריק דערשינענער זאַמלונג פון די זעקס נאָוועלן, אָדער לענגערע דערציילונגען „אינדזלען אויף דער ערד״, זאָגט אונדז דער מחבר אַז דאָס בוך עפנט דעם צווייטן צענדליק פון זיינע ביכער אין ייִדיש. דאָס איז אָבער נישט בלויז נומערישע אינפאָרמאַציע, נאָר אויך אַ מין באַפרייונג פאַרן מחבר, וואָס האָט דערשפּירט אַז ער האָט באַצאָלט דעם חוב צום „ערלעכן״ פאַרצייכענער אין זיין סוביעקטיווער און נשמה־פאַר־שערישער דאָקומענטיק, אַז ער מעג שוין דערפאַר נעמען בויען זיין קינסט־לעריש הויז און עס שטעלן ווו ער האָט אויסגעקליבן. דער אָפּשלוס פון צאָל צען איז אַ שטיק קינסטלערישער חשבון, אויף דער גרענעץ פון נייע פּלענער. אין דער זעלביקער הקדמה קלערט אונדז אויף שטריגלער, בנוגע די זעקס דערציילונגען אַז „זיי פּרעטענדירן טיילווייז אויף דאָקומענטיק, נישט ווייני־קער ווי אויף ליטעראַטור. בכל אופן איז דער רוקנביין געבאָרגט ביי אַלערליי אָנבאַגעגנטע ווירקלעכקייטן״.

וואָס שייך „אָנבאַגעגנטע ווירקלעכקייטן״ איז עס סיי־ווי אין רשות פון יעטוועדן קינסטלער אויסצונוצן, איבערקאָכן און דורכזייען „אָנבאַגעגנטע ווירקלעכקייטן״. וואָס אונדז אינטערעסירט איז דער פאַקט, וואָס אין דעם עלפטן בוך זיינעם ראַנגלט זיך נאָך שטריגלער מיט דער „דאָקומענטיק״, און ער מיינט, אַז זי האָט נאָך טיילווייז וואָס צו באַפעלן, אַפילו ווען ער האָט זיך באַנוצט קינסטלעריש־פריי מיט זיינע אומאויסשעפּלעכע זכרונות. אָבער בלויז אין דער ערשטער לענגסטער דערציילונג פון בוך, האָט דער כראָניק־סטיל באַהערשט דעם שרייבער. און ס׳איז נישט קיין ווונדער, ווייל די דער־ציילונג „דער גרוס איז אָפּגעגעבן געוואָרן״ איז געשריבן געוואָרן קורץ נאָך

דער באַפרייונג אין 1946. שטריגלער איז נאָך ביי זיך געווען פאַרמשפט צו דערציילן אַלץ וואָס ער האָט געזען און דורכגעטראַכט. דאָ טרעפן מיר דער־פאַר פלוצים אויף זייט 47 (די דערציילונג האַלט 65 זייטן) ווי ס׳רופט זיך אָפּ אומדערוואַרט דער איך פון שרייבער. ביז יענעם מאָמענט איז די דער־ציילערישע טעכניק אַ ריין־בעלעטריסטישע. שפּעטער, צום סוף, באַגעגענען מיר אַפילו אמתע און באַקאַנטע נעמען. שטריגלער האָט נישט געוואָלט אָדער איז נאָך נישט געווען גרייט צו „זינדיקן״ מיט קונסט און ער האָט פאַרענ־דיקט די דערציילונג ווי אַ כראָניקער, ווי אַ געטרייער „גרוס־אָפּגעבער״.

דער פאַקט וואָס די דערציילונג האָט פאַרט נישט געפונען קיין פּלאַץ אין זיינע ביכער פון חורבן זאָגט עדות אויף דער גלייכצייטיק געזוכטער פרייהייט, אויף אַ „בחירה חפשית״ ביים יונגן מחבר, וואָס איז דעמאָלט סך־הכל אַלט געווען 26 יאָר. די לאַנגע דערציילונג האַלט זיך מיט זיין צוגע־שווירנקייט צו געשעענע פאַקטן, און די שרויף פון דערציילער־פּסיכאָלאָג, אָדער קינסטלערישן שילדערער און אַנאַליטיקער האָט אין „דער גרוס איז אָפּגעגעבן געוואָרן״ געאַרבעט לויט אַלע פאַרפירערישע עסטעטישע כללים. די דאָזיקע דערציילונג האָט שוין קלאָר אַנטפּלעקט די אומגעוויינלעכע קינסט־לערישע מעלות פון דעם יונגן בעלעטריסט.

שטריגלער שילדערט צוויי ייִדן, אַן עלטערן וואָס איז צו־שוואַך צו צוי־מען זיין אַרויפגעצוווּנגענע שטאַרקייט, וואָס באַהערשט אים אינגאַנצן, ווען ער ווערט פאַרזיצער פון יודנראַט, און אַ צווייטן, זיין איידעם, וואָס זיין שוואַכקייט צעיאָטערט זיך און צעוואַקסט זיך ביי אים מיט אַ פאַרשלינגנדי־קער ליידנשאַפט. ער האָט נישט קיין כוח זיך צו ראַטעווען דורך אַלע ברירות, וואָס דער גורל רוקט אים אונטער, ביז אַפילו דער סאַמע לעצטער ברירה, ווען ער האָט נישט דעם כוח אויסצונוצן דאָס ביסל אויסלייז־סם וואָס ער טראָגט מיט זיך.

שוין אין דער דערציילונג „דער גרוס איז אָפּגעגעבן געוואָרן״ געפינען מיר מאָמענטן פון הויכער קינסטלערישער דערגרייכונג. דער שאַצער און אָפּשאַצער, דער אויסטייטשער פון ליידנשאַפטן און האַנדלונגען, דער זעער און שילדערער פון גהינומדיקן לאַגער, דער קינסטלעריש־אינטעלעקטועלער כוח וואָס שרויפט אַריין דעם באַלייכטערישן עקבער אין דער מענטשלעכער נשמה, גיט אונדז זייטלעך פון גרויסצוגיקער שרייבקונסט. ס׳זענען שוין אין דער דערציילונג פאַראַן שפּראַכלעכע איבעראַשונגען און אַ פּאָעטישער צי־טער, וואָס דרינגט דורך די פּחדימדיקע דערציילונג, מיט אַ ליכט פון אַן אַנטפּלעקער.

„סעפּטעמבער 1942. אַזאַ גאָלדענעם האַרבסט האָט פּוילן שוין לאַנג, דוכט זיך, נישט געהאַט. איך האָב שוין איבער דער צייט געזען טויזנטער מענטשן שטאַרבן. אָבער דאָס שאַרכן פון די ביימער אין זייער רויטלעכער גסיסה האָט מיך דאָסמאָל ווידער אויפגעשוידערט, ווי אין דער טיפער קינדהייט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט וויל איצט אַריינשטאַרבן אין די בלעטער אַריין און מער נישט אויפקומען. איך אויך. עס וואָלט איצט גוט געווען, ווען יעדער איינער וואָס קען נישט מאָרדן זאָל זיך אַוועקלייגן אין וואַלד אָדער אין אַ גאָרטן און שטאַרבן ווי די נאַטור. וואָס נאָך בלייבט צו טאָן אין אַ דייטשער וועלט?"

נאָר אויב אויף דער דערציילונג, געשריבן אין 1946, ליגט נאָך דער חותם פון כראָניקאַלישער תמימות, הגם, ווי געזאָגט, דער קינסטלער זוכט שוין ריין־קינסטלערישע פרייהייט, ווייל ער ווייסט אַז ער וועט אין זיינע דירעקטע חורבן־ביכער זיך צעצאָלן מיט זיין מאַנערישן און פאַרמשפּטן זכרון, און ער מעג דערפאַר, אין זיין פּריוואַטער וועלט, אַרויסטרעטן אויף אַ פרייען שליאַך פון פאַרנוצן מאַטעריאַל — כ'וואָלט געזאָגט — געזונטערהייט, איז שטריגלער אין זיינע אַנדערע פינף אָריגינעלע דערציילונגען דער ריינער דער־ציילער. איבערלאָזנדיק פאַר זיך בלויז דעם וויגנדיקן שאָטן פון פאַרחייבטער „דאָקומענטיק", איז ער שוין קינסטלעריש ביי זיך אין די הענט, אַפילו אין זיין „שאָטן־ייִד", וואָס איז אויך געשריבן געוואָרן, אין זעלביקן יאָר 1946 און וואָס איז לויט מיין מיינונג די מאַגערסטע דערציילונג אין בוך.

„אויף יענער זייט וואַנט" איז כראָנאָלאָגיש די שפּעטסטע דערציילונג, געשריבן אין 1956. אויך דאָ האָבן מיר אַזאַ זאַך ווי אַן „עפּילאָג", וואָס צאָלט נאָך מסתמא צינז צו „דאָקומענטיק", אָבער דאָס פּראָבלעם פון אַ שפּאָגל־נייעם ייִדישן קרבן, אַ מיטליאָריקער פּאָליאַק וואָס האָט געראַטעוועט אַ יונג ייִדיש מיידל און וואָס מדינת ישראל גנבעט זי ביי אים ממש צו, איז געשילדערט מיט קינסטלערישן רחמנות, צו אַ פאַרבלאָנדזשעטן און אויסגע־וואָרצלטן דאָרפישן פויער, וואָס איז נעבעך באַגאַנגען אַ ביטערן טעות פון גוטסקייט און ער צאָלט שוין דערפאַר אַ גאַנץ לעבן. ס'איז אַ דערציילונג וואָס פאַר איר האָט זיך געפאָדערט אַ סך באַלאַנס און, אויב איר ווילט, ייִדיש־קינסטלערישער טאַקט, — ווייל פון צווישן די שורות רייסט זיך דער מוראדיקער מוסר השכל פון אַ באַשטראָפטן קריסטלעכן בעל־טובה, וואָס ליידט פאַר גוטס און צאָלט דעם העכסטן פּרייז, גראָד ווען ער וועט מגולגל קיין ארץ ישראל, ווו ער איז דער אָפּגעטאַרטער און באַשווינדלטער אויף דעם גאַנצן יאַריד פון דערלייזונג. אַ גוייִשער קרבן, וואָס אַ טובה צו אַ ייִדישער

טאַכטער, האָט ביי אים צוגענומען זיין לעבן, זיין גליק, זיין היים, זיין ווייב און זיין שכל.

אין דער דאָזיקער דערציילונג „אויף יענער זייט וואַנט" איז די פּראָבלעמאַטיק נישט קיין פאַרשפּיצטע און נישט קיין פּסיכאָלאָגיווירנדיקע, ווי אין „שאָטן־ייִד", ווו דער מאָנאָלאָג פאַרייכט און ווערט צו מאָנאָטאָן. דער פּחדן־ייִד אַנאַליזירט צופּיל זיין יעדער שריט און טריט, ווי ער וואָלט געוואָלט העלפן דעם מחבר לייזן אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש. פון דעם זעלביקן חסרון ליידט נאָך אויך „וואָס אין אַ מענטשלעך האַרץ קען זיך אָפּטאָן", אַ דערציילונג וואָס פאַרמאָגט אַ סך פּאַטאָס און הומאָר, פּרעכטיקע שטעלן און אַ שיער שפּראַכלעכע חידושים און בילדלעכקייט. נישט מער מיר ווערן ווידער אַביסל מיד פון דעם מאָנאָלאָגישן זיך־פּסיכאָלאָגיזירן. דער זעלביקער העלד שמחה שרייער, האַרמאָניזירט אַ סך מער מיט זיין לשון און מיט זיין פּרימיטיוון מוח, אין אַ שפּעטערדיקער המשך־דערציילונג „שמחה שרייערס וועלט גייט נישט אונטער". אין דער דערציילונג „וואָס אין אַ מענטשלעך האַרץ קען זיך אָפּטאָן" אַרבעט צו־שאַרף דער שפּיציקער פּסיכאָלאָגישער לאַנצעט. דער „טרייבערער" דאַרף זיין דער העלד אַליין וואָס דערציילט וועגן זיך אומגלייבלעכע זאַכן. זיי קריגן אָבער ווייניק דעקונג, וואָס מער דער העלד טראָגט דעם עול זיך צו אַנאַליזירן און צו פאַרשטיין דעם מיין פון יעדער טריט. נאָר ווי געזאָגט, ביי אַלע חסרונות פון דער צערעבראַלער פּסיכאָלאָגיק, פאַרמאָגט די דערציילונג ווונדערלעכע שטעלן און דעטאַלירטע שילדערונגען, דעטאַלן וואָס דערעסן זיך נישט, ווייל זיי זענען געזען מיט אייגענע אויגן און דערציילט מיט אַן אייגן בילדלעך לשון.

מרדכי שטריגלערס איינהיימישן זיך, זיין ווערן אַן אמתער אַריינגייער ביי זיינע העלדן, אין די טירן פון זייער נשמה, קומט צום פולן אויסדרוק, קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגיש, אין באַמערקלעכער אַנאַליטישער אָנשטרענגונג, און שפּראַכלעך־אַרקעסטראַל אין זיין דערציילונג — „שמחה שרייערס וועלט גייט נישט אונטער". די דערציילונג איז פול מיט סימפּאַנישן פּוילישן אונטערוועלט־ייִדיש, מיט די געטאָקטע און קפיצת־הדרכדיקע גלייכווערטלעך, מיט דעם זעלטענעם שילדערן פון אַ לאַנגזאַם אויפגעוואַכטן ייִדישן מוח.

שמחה שרייער הייבט אָן צו באַנעמען מיט דער גאַנצער בעל־גופיקייט זיינער, אַז אַ ייִדיש פאָלק ווערט געבוירן, ער הייבט אָן דערהערן די טריט און ער דערהייבט זיך איבער זיין פאַרשיכורטער לעטאַרגיע. אין דער דערציילונג קריגן מיר אויך אַ בילד פון דער ייִדישער פּאַריז, אין די טעג ווען די געהיימע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן געקראָגן אַ מיסיע און געזאַמלט די מעגלעכקייטן פאַר דער אויפלעבונג פון די טרוקענע ביינער. פאַראַן זייטן אין

דער דערציילונג וואָס לייענען זיך מיט אַן עפּישער רויִקייט און אַנדערע וואָס גיבן איבער דעם אימפּעט פון גרויסע ענדערונגען. שטריגלער פאַרמאָגט דעם געזונטן באַלאַנס צווישן דער דראַמע און דער מעלאָדראַמע פון אַלץ וואָס איז געשען אין יענע טעג, און אויב אין „שמחה שרייערס וועלט גייט נישט אונ־טער" קומט אים אויך צוהילף זיין מעטאָדישער בליק אויף גוט־געזעענער און דורכגעפּרוווטער דערפאַרונג און גוט־אָפּגעשאַצטער „דאָקומענטיק", וואָס איז אים בייגעשטאַנען דורך זיינע ווערק פון הייס־אַרויסדערציילטער אוז גע־לייטערטער כראָניק; און אויב, פון דער אַנדער זייט, די דערציילונג ליידט נאָך אויך אַביסל פון די חסרונות פון דער קאָנצענטרירטקייט אויף דעם איינצלנעם מענטשן, אַרום וועלכן ס׳דרייט זיך די שווערד פון אַנאַליטישער אויסטייטשערישקייט ווי אין „שאָטן־ייִד" אָדער פון שרייבערישן איך־טאָן, ווי אין זיין „אויף יענער זייט וואַנט", ווען דער איך־דערציילער ווייסט צו־פיל און דרינגט אין אַלץ אַריין, איז די דערציילונג „ר׳ בערטשע איז נישט מורד" דאָס קינסטלערישע קרוין־ווערק פון דער גאַנצער זאַמלונג. דאָס איז אַ פּאָעמע פון גרויסע נסיונות און גוואַלטיקע בייקומעניש. שטריגלערס איינ־היימישן זיך אין לשון, אין טראַכטן און אין גייסטיקן הולך פון זיינע העלדן, איז אים דאָ מער ווי צונוץ געקומען, ווייל צווישן ר׳ בערטשעס לשון און דעם מחברס זענען נישט געשטאַנען אַפילו אויף קיין איין רגע קיין סטיליסטישע, בעסער געזאָגט, סטיליזאַטאָרישע ווענטלעך. די דערציילונג איז קינסטלעריש פּערפעקט, אין אַלע אירע 15 קליינע קאַפּיטלעך, וואָס פון יעדער פון זיי קען מען אַרויסנעמען שורה נאָך שורה און ציטירן, טיף־ייִדישע שטעלן. דער אַקאָרד היִנטער דער דערציילונג איז — אַ ייִדישער זיפץ, אַרויסגעריסן ממעמקים. דער זשילקעווער רבי פאַרלירט נישט אויף קיין איין מאָמענט זיין אמונה אין דער גערעכטער מאַכט פון אומפאַרשטאַנענער געטלעכער הנהגה, אָבער ער פאַרלירט יאָ די אמונה אין זיך. בלויז גאָט אַליין, זאָגט ער, קען איצטער זיין רבי. אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז ס׳קען אים נאָך זיין ניחא, הייסט עס, צו פּראָווען רביסטווע אין אַזאַ עת צרה און בלבול המוחות.

פון ערשטן מאָמענט אָן, ווען ר׳ בערטשע מוז אָפּגאָלן די באָרד, דעם „לבוש צו זיין פּנים", ביזן מאָמענט ווען ער פאַרטיידיקט די העלדישקייט פון די פרייע יונגעלייט, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס פאַר כלל ישראל, איז די דערציילונג אַ וווּנדערלעכער ייִדישער דועט, צווישן גלויבן און ווילן גלויבן. די כלומרשטע כפירה איז אַ צניעותדיקע, אַ רעליגיעז־ייִדישע, וואָס דערוועגט זיך קיינמאָל נישט אַרויסצוגיין פון די דלת אמות פון באַ־שערטן עול־ייִדישקייט. די שילדערונגען פון דעם רביז, איינער אַליין אויפן וואָקזאַל, צווישן „באַרויִקטע" דייטשן, די שפּעטערדיקע וויכוחים צווישן חסי־

דים וואָס זענען אַרויס פון דער תיבה און ווילן פלאַנצן וווייטערדיק לעבן — דאָס זענען אַלץ יידישע געזאַנגען פון גרויסן שׂניט. די דערציילונג איז אַ גילגול פון אַ פּרק מעשה, וואָס ס׳איז מיט איר גענוג־גענוג געשען „אונטער־וועגנס״, אין די וואָסערע פּופציק יאָר ביז די „צוויי בערג״ פון אונדזער איי־גענעם דור, דער קאַלאַטשער און דער זשילקעווער, טענהן זיך אויס וועגן נייע תּוך־זאַכן, וואָס האָבן געטראָפן דאָס יידישע פאָלק און פאָדערן אַ תשובה און אַ ריכטונג.

ס׳איז אַ וועלט פון אַ נייעם איבערשטעל פון ווערטן.

„איין זאַך בלויז האָט ער נאָך אַלץ באַמערקט: נישטאָ דאָ קיין צער. מען האָט שוין דאָ אַלצדינג געהערט און אויסגעוויינט דאָס ביסל טרערן, וואָס מ׳האָט געדאַרפט צושטייער געבן... גוואַלט, ווי לאָזט מען נישט כאַטש אַ כזית דערפון, אָט אַזוי ווי אַ שטיקל נישט פאַר־שמירט ווענטל אין אַ הויז. דאָ קען מען בלויז אַרויסרייסן אַ שטיקל קרעכץ, וואָס פאַלט סיי־ווי אַראָפּ אינעם תהום פון נאַקעטן תכלית. דאָס לעצטע ברעקעלע פון אַמאָליקן ר׳ בערטשע האָט דערביי גע־טראַכט בלחש: צער איז אַזוי ווי תפילה: מען דאַרף האָבן אַ מנין מיט אַ שליח ציבור״.

אין דער גאַנצער דערציילונג איז בפירוש פאַראַן די בענקשאַפט נאָך דעם כזית צער, וואָס דערכאַפּט דאָס יידישע האַרץ ווי אַ רעכט ביסל אַקעוויט.

און דער געשריי פון ר׳ בערטשען, אַז „ווער ס׳האָט אין יענע טעג פון ברענען יידן נישט געהאַלטן ביי כפירה, פאַר דעם האָב איך פּשוט מורא״ — הילכט אָפּ אין דעם רייפן קינסטלערישן גאַנג פון מחבר, וואָס איז אפשר שוין אַ קינסטלעריש צעצאַלטער מיט אַלץ וואָס ער האָט געזען און וואָס ער איז גרייט, מתוך צער, אויסצולייזן, קינסטלעריש אַריינצופירן די צעבלוטיק־טע ספיקות, אין גדר פון גלויבן; אין ליכט פון אַלץ וואָס די צייט נעמט דעשיפרירן פאַר אונדזערע אויגן, דעם מנא־מנה פון אַן אַנזאָג אויף נייע אומפאַרשטענדלעכע געשעענישן.

די דערציילונג „ר׳ בערטשע איז נישט מורד״ איז סימבאָליש אויך פאַר דער צייט פון שטריגלערס אַנטוויקלונג, זי איז געשריבן צווישן פאַריז און ניו־יאָרק און צווישן די יאָרן 1946 און 1955. דערמיט איז די דערציילונג די אמתע גרענעץ, צווישן די ערשטע צען ביכער שטריגלערס, אין וועלכע עס גייען אַריין אי חורבן־ווערק, אי זיין בוך לידער, פון 1947, זיין היסטאָרישער ראָמאַן „געאָרעמט מיטן ווינט״, פאַרעפנטלעכט אין 1955, אי אַ יוגנט־ראָמאַן „די ערשטע ליבע פון קאָפּל מאַטש״, פון 1948, פאַרעפנטלעכט גלייכצייטיק

מיט זיינע „פאַבריקן פון טויט״, דערשינען ווי די אַנדערע חורבן־ווערק אין פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום״, אַרגענטינע.

פאַר מיר איז די דערציילונג „ר׳ בערטשע איז נישט מורד״ אַ מין סיום הספרים פון שטריגלערס ערשטן גרויסן איבעראַשנדיקן אָנלויף אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור און, באַנוצנדיק דעם מחברס אויסדרוק, גלייכצייטיק אַ טרייסט־סטאַציע, מיטן טראָפּ אויף ביידע און דער עיקר טאָקע אויף דער סטאַציע, ווי אַן אָפּשטעל, אַ וווהיניקער בליק אויפן ייִדישן לעבן, דורך דער פּריזמע פון אַ נייעם צענדליק געלייטערטע קינסטלערישע ווערק.

.1957

נח גאָלדבערגס „אַ ליכט גייט אויף“

פאַראַן שרייבערס וואָס שלאָגן זיך אַרויס פון די כוחות, נאָך איידער זיי ווערן פאַרטיק מיט אַ ווערק. מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז זיי האָבן דעם קליינעם טאַלאַנט זייערן פאַרהאַרעוועט און אים געגעבן צו שלעפּן אַ משא, וואָס איז אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם און קופּערנע פּיסקעס. דאָס זענען שרייבערס וואָס ווייסן נישט ווי אויסצוניצן זייער באַשיידענעם טאַלאַנט. אַנדערע, קליגערע ווייסן לכתחילה, וואָס פאַר אַ משא זייער טאַלאַנט קען שלעפּן און זיי פאַרשטייען, ווי אַזוי איינצושפּאַנען זייערע פעיִקייטן, ווי אַזוי זיי אויסצונוצן, אַז דער קליינער טאַלאַנט זאָל קלעקן און קיינער זאָל בשום אופן זיך נישט כאַפּן, אַז ס׳האָט דעם שרייבער אויסגעפּעלט אָטעם.

עס זענען אָבער דאָ שרייבערס, מיט קענטיק באַדייטנדיקן טאַלאַנט, וואָס ווייסן אויך נישט ווי אַזוי אים אויסצונוצן. זיי, אַז זיי ווערן פאַרטיק מיט אַ ווערק, קריגט מען דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן זיך ערשט צעשפּילט, אַז זיי האָבן קוים אָנגעהויבן, אַז זיי האָבן נאָך כוחות צו שרייבן און צו שרייבן, אַז זיי האָבן זיך ערשט צעוואַרעמט.

צו דער לעצטער קאַטעגאָריע געהערט נח גאָלדבערג. אין 1942 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַנד דערציילונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ גוטן רושם. דער איינדרוק איז גלייך געווען פון אַ צוגעקומענעם רויען כוח. אמת, די ייִדישע ליטעראַטור האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו מאַכן אַ ברכה אויף רויע כוחות, אָבער אַ צוגעקומענעם טאַלאַנט שטויסט מען פונדעסטוועגן נישט אָפּ בלויז דערפאַר, וואָס מען זעט, אַז דער טאַלאַנט זיינער פאַלט אים אַריבער די אויערן, ווייל ער איז ווי אַ גרויס היטל וואָס איז צו גרויס פאַרן קאָפּ.

זעקס יאָר נאָכדעם ווי נח גאָלדבערג האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך — „פּשוטע מענטשן“, איז ער געקומען מיט אַ נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף“, וואָס דער „דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד“ האָט אַרויסגעגעבן. דאָס בוך פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם איינדרוק, אַז נח גאָלדבערג פאַרמאָגט אַזוי פיל טאַלאַנט, אַז ער פאַרמאַטערט אים קיינמאָל נישט. ער נעמט מיט אים לאַנגע שפּאַצירן, ער באַמערקט אַלץ אויפן וועג, ער לאָזט נישט אויס די מינדסטע איינצלהייט, אָבער ווען ער ווערט פאַרטיק מיטן בוך כאַפּט מען זיך ערשט, אַז ער האָט דאָס בוך אַליין קוים אָנגעהויבן, אַז ערשט איצט האָט זיך דער אַפּעטיט אין אים צעשפּילט און ער וואָלט געקענט אַטאַקירן אַ ניי בוך מיט

דער גאַנצער גבורה פון אַ נאָך נישט פאַרמאַטערטן און אויסגעשעפּטן טאַ־לאַנט.

דאָס מאַכט אַ ווילן איינדרוק, אָבער דאָס פאַרענדיקטע בוך אַליין ליידט זייער שטאַרק פון דער דאָזיקער גבורה, ווייל נאָך אַלע באַמערקטע און גלאַנצנדיק געשילדערטע איינצלהייטן ווערט קלאָר, אַז די הויפּט־טעמע איז אַרויסגעקומען אַ ביסל אויסגעמאָגערט — הויט און ביינער.

„אַ ליכט גייט אויף" איז גיכער אַ סעריע דערציילטע און גוט־באַשרי־בענע איינצלהייטן וועגן אַ ייִד אַן עקשן, וואָס האָט דווקא געוואָלט ווערן אַן אַמעריקאַנער פאַרמער צווישן גויים. אין בוך זענען פאַראַן אינגאַנצן דריי העלדן, דער ייִד, זיין ווייב און דער אַלטער נעגער טאָם. עס דרייען זיך אַרום, עטלעכע קינדער, צוויי־דריי זייטיקע פאַרשוינען, וואָס פאָלגן דעם מחבר און קומען אַריין ווען מען רופט זיי. אַמאָל פאַרגעסט דער שרייבער אין זיי, ער פאַרנאַכלעסיקט זיי אַ ביסל, ביז זיי האָבן שוין מער נישט קיין געדולד און זיי רייסן זיך אַריין גראָד ווען קיינער האָט זיי נישט געבעטן.

דער סיפור המעשה איז אַ דינער. דער ייִד לאָזט איבער זיין שאָפּ, ווייל אים דערעסט די שטאָט. ער האָרעוועט שווער, די גויים, בעסער געזאָגט, דער איינציקער גוי פרענק, וויל אים דערגיין די יאָרן, אָבער ער באַזיגט אים מיט „קריסטלעכער" גוטסקייט, און ווען דער רייכער גוי ווערט אַ יורד, ווערט ער ווייך, כאָטש לייג אים צו צו אַ מכה.

פון די כאַראַקטערן איז בלויז דער הויפּט־העלד, דער פאַרעקשנטער פריד־מאַן, אַ שטיקל לעבעדיקער מענטש. ער האָט לשון, וואָס פּאַסט אים, און הגם זיין לשון איז אַ קאַפּיטשקע פאַרפּלאָנטערט, ברייעט ער אויס וואָס ער וויל. מיט די אַנדערע מענטשן איז נח גאָלדבערג נישט אַזוי דערפאָלגרייך. דער נעגער טאָם איז אַ ווויל־באַקאַנטער נעגער און צוקערדיק, דער אַנטיסעמיט איז אויך וווּל־באַקאַנט און ווען ער וויל זיך נעמען אַנטוויקלען, ווערט ער מיר־נישט־דיר־נישט גאָר אַ ווױלער גוי, הלוואַי אויף אַלע גויים געזאָגט געוואָרן.

אַז מען וויל גאָר איז די נאָוועלע קיין נאָוועלע נישט, נאָר אַ נוצלעך בוך, ווי אַזוי מען ווערט אַ פאַרמער מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל. דער מחבר נח גאָלדבערג ווייזט אַרויס גרויס בקיאות שילדערנדיק די מינדסטע קלייניקייטן, מיט אַ זעלטענער הסברה. איך בין גאָר אַ קנאַפּער פאַרמער, אָבער די באַ־זונדערע קאַפּיטלען קלינגען שטאַרק איבערצייגנדיק, אַז מען לייענט איבער דאָס בוך קריגט מען דעם איינדרוק, אַז מען איז דורכגעגאַנגען אַ קורס אין פאַרמעריי, וואָס מ'וועט אַזוי גיך נישט פאַרגעסן. ווי מען אַקערט, ווי אַזוי מען גראָבט אַ ברונעם, ווי אַ פערד גייט צו קינד און אַפילו ווי מען באַקט ברויט פון אייגענעם ווייץ און ס'ברויט ווערט אַביסל צוגעברענט.

נח גאָלדבערג ווייזט אַרויס גאָר אַ סך באַהאָוונטקייט, ווי מען דאַרף אַרומגיין אַרום פערד, הינער, הינט און אַפילו פייגל. ווי מען מעלקט, מען שניידט גראָז און ווי מען דרעשט. אַלץ איז באַזאָרגט אין דעם בוך און אַלץ אויף אַן אָרט — שוין אַביסל צופיל אויף אַן אָרט, מעטאָדיש אַנטוויקלט, ווי אַ גוטע פאָרם־כרעסטאָמאַטיע — פון דער ליידיקער אויפגעבראָכענער ערד, ביז אייגן ברויט, וואָס ווערט געבאַקן אַ ביסל צו הייס, באַשפּרינקלט מיט שוואַרצן קימל מיט „שישקעס״ ביי די זייטן.

און דאָך, אין די ראַמען פון דעם דאָזיקן מעטאָדיזירטן פאָרם־בוך, ווייזט נח גאָלדבערג נישט נאָר גרויס בריהשאַפט נאָר אַ שפּאָר ביסל טאַלאַנט, וואָס, ווי געזאָגט, ער פאַרשווענדט אויף איינצלהייטן, ווייל ער דאַרף דעם טאַלאַנט נישט אויסגראָבן פון זיך מיט שווערער מי. ער פאַרמאָגט אַ געזונטן טאַלאַנט, שוין אַ ביסל אַ צו־געזונטן, ווייל אַ טאַלאַנט מעג זיין אַ קאַפּעטשקע נערוועז. ער מעג זיך פון צייט צו צייט פאַררעדן, ער מעג פאַרגעסן אַן איינצלהייט אָדער צוויי, ער מעג זיין אַ ביסל צעשויבערט און נישט דערציילן אַלץ בהדרגהדיק.

נח גאָלדבערג דערציילט געזונט, אין דער בעסטער און זיכערסטער אָרדענונג. ער פאַרגעסט זייער אָפט די מענטשן· דערפאַר אָבער האַלט ער גיכער אַן אויג אויף דער ערד און ער געדענקט אַקוראַט, וואָס מען דאַרף ווייטער טאָן, כדי די ערד זאָל אָנהייבן אַרויסגעבן פון זיך די גאַנצע ברכה פון דער שווערער האָרעוואַניע, וואָס מ׳האָט אין איר אַריינגעלייגט.

עטלעכע קאַפּיטלען אין בוך זענען באמת רירנדיק. דער אופן ווי דער מחבר באַשרייבט דעם טויט פון נעגער טאָם, די קבורה זיינע מיט פרידמאַנס קדיש און קאַפּיטלעך תהילים, באַווייזט, אַז נח גאָלדבערג פאַרמאָגט אַפילו קינסטלערישע דערפינדערישקייט. רירנדיק איז אויך, ווי דער ייִדישער פאַרמער לייגט דעם ערשטן סנאָפּ פון געראַטענעם פעלד אויף דעם קבר פון נעגער. באַזונדערע עפּיזאָדן זענען געמאָלן מייסטעריש מיט אַ ברייטער האַנט, אַפילו מיט גוט לשון, וואָס טרעפט אין פינטל. ער פאַרמאָגט שפּראַך פאַר די פאַרשיידענע פעלד־קאָלירן, פאַר די שטומע באַשעפענישן, פאַר שטומע מחשבות, אָבער אים פעלט זייער אָפט לעבעדיק לשון פאַר מענטשן. ער האָט אָבער די מעלה, וואָס ער איז נישט קליגער פון זיינע העלדן, וואָס אַז ער גיט זיי שוין אַמאָל לשון, גיט ער זיי דאָס געמיטלעכע שטום־לשון, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון בוך. דאָס העכסטע אויף וואָס נח גאָלד־בערגס הויפּט־העלד, דער ייִדישער פאַרמער פרידמאַן אַרבעט זיך אַרויף, איז אויף אַ פילאָזאָפישער באַמערקונג פון אַ גאָרקי־העלד, אַ מין לוקאַ, וואָס באַמערקט אַז — „וואָס איז דאָ נישט צום פאַרשטיין? אין יעדן מענטשן איז

דאָ אי אַ יום־טובדיקער מענטש אי אַ וואָכעדיקער, אַ גוטער און אַ שלעכטער. עס ווענדט זיך אינעם שכן אַרויסצורופן פון אים דעם גוטן, צי דעם שלעכטן, די וואָכעדיקייט, צי דעם יום־טוב״.

דאָס בוך — „אַ ליכט גייט אויף״ האָט נאָך אַן אומדערוואַרטע מעלה. מען זוכט ביי אונדז לייען־מאַטעריאַל פאַר עלטערע קינדער אין די שולן. כ׳קען זיך נישט פאַרשטעלן קיין בעסער בוך פאַר קינדער, ווי נח גאָלדבערגס ווערק. באַזונדערע קאַפּיטלען מיט שילדערונגען פון טעג אויף אַ פאַרם, פון הינט, פערד, שלאַנגען, פאַרשיידענע פאַרם־אַרבעטן, קענען אַריינגענומען ווערן אין כרעסטאָמאַטיעס. די קינדער וועלן זיך פשוט מחיה זיין. אָבער אַפילו דאָס גאַנצע בוך קען רעקאָמענדירט ווערן מיטן גאַנצן האַרצן פאַר די עלטערע קלאַסן אין די שולן. דער טויט פון נעגער טאָם, אַ גלגול פון ביטשער סטאָוס „אַנקל טאָם״ וועט ביי יידישע קינדער אַרויסרופן אַ סך כשרע טרערן. דער צו־לייכטער יידישער זיג איבער די אַנטיסעמיטן וועט די קינדער געבן אַ סך פאַרגעניגן. דער טויט פון הונט, וואָס כאַפּט אַ ביס פון אַ קלאַפּער־שלאַנג איז אַ שיין קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס וואָלט אויך געמעגט זיין אַ צו־שטייער צו אונדזער שול־ליטעראַטור. עלטערע קינדער, וואָס זענען שוין באַהאַוונט אין דער נייער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, וועלן זיין שטאָלץ מיט אַ גרוס פון אַן אייגענעם, יידישן סטיינבעק:

„דאָס צוזאַמענקלייבן די אייער פון די אַרומגייענדיקע הינער איז געווען גאַנץ גרינג, דערפאַר אָבער איז שווער געווען אַרויסצונעמען די אייער פון אונטער יענע הינער, וואָס זענען געזעסן אויף זיי. יעדעס מאָל וואָס זי האָט אונטערגערוקט די האַנט אונטערן וואַרעמען קערפּערל פון אַ הון, האָט איר די זיצערקע אַ פּיק געטאָן אין האַנט, אַזש בלוט איז געגאַנגען.ביילקע האָט דאָס אָנגענומען פאַר ליב: אייגענע הינער — זאָלן זיי פּיקן. זיי וועלן זיך צוגעוווינען און בעסער ווערן״.

אָדער:

„איך האָב שוין נישט איינמאָל געזען, ווי ביי אַ פּויער איז אַ בהמה שווער געגאַנגען צו קינד, דאָס וואַסער נישט געקענט לאָזן, איז דאָס קעלבל געבליבן שטעקן מיט דער מאָרדע אין דער „עפענונג״, נישט אַהער און נישט צוריק. דער פּויער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן, איז טאַקע די בהמה אָוועקגעפאַלן צוזאַמען מיטן קעלבל״.

און אָט איז אַ דראַמאַטישער קאַמף צווישן אַ קלאַפּער־שלאַנג און אַן אָקסן־שלאַנג:

„אויף אַן אויפגעאַקערט שטיקל ערד האָט זיך באַוויזן אַ קופּער־געפלעקטע קלאַפּער־שלאַנג מיט ביסטרע, כיטרע אייגעלעך און אַן אויסגעבייגן קעפּל,

ווי ביי אַ פערד וואָס גייט נאַשפּיץ. די שלאַנג האָט זיך געבייגלט אין רינ־געַן... באַמערקט דעם אָקסן־שלאַנג, האָט זיך די ערשטע נאָך מער איינ־געדרייט, געבליקט אויף אים מיט אירע פאָספאָר־אייגעלעך, באַטראַכט איר געפערלעכע לאַגע, אָפּגעשפּרונגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן, איצט האָט זי זיך אַלע ווײַלע צוזאַמענגעוויקלט און אָפּגעלאָזט די רינגען, געשאַרט זיך גיך־גיך אַלץ ווייטער פונעם שונא".

פּאָר אונדזערע שול־קינדער וועלן אַזעלכע לעבעדיקע קאַפּיטלען, פון לעבעדיקע באַשעפענישן זיין פול מיט אינטערעס. ס'איז אַ ריין בוך, וואָס פאַרמאָגט אַ קינדערשע נשמה.

„צוערשט האָבן זיך די פייגעלעך טאָקע דערשראָקן. כמאַרעסווייז אַ הייב געטאָן זיך אין דער לופטן און אָפּגעצויגן אין די בערג. אָבער באַלד האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר „אויסקוקערס" זעענדיק, אַז די סטראַשידלעס באַוועגן זיך נישט, זענען זיי ווידער אַוועק צוריק אין די בערג און אין אַ שטיקל צייט אַרום איז דאָס פעלד נאָכאַמאָל באַפאַלן געוואָרן מיט געפליגלטע פּרעסערס, וואָס האָבן פאַרהילכט דעם סטעפּ מיט זייער געזאַנג".

אָבער דערוואַקסענע לייענערס וועלן אויך הנאה האָבן פון דעם בוך, אויב אַפילו זיי וועלן דערשפּירן לייענענדיק, אַז דער טאַלאַנטפולער מחבר האָט פאַרשווענדט זיינע גאַנץ היפּשע פעיקייטן אויף איינצלהייטן און אַז בינו לבינו איז אים דורך די פינגער דערוויַיל אויסגערונען אַ גאַנצע נאָוועלע.

זיי וועלן פונדעסטוועגן דערלייענען דאָס בוך ביז צום סוף:

„פונעם אויפגעשניטענעם לאַבן ברויט האָט אַ שלאָג געטאָן מיט קאָרע־נער זעטיקייט. אין שטיבל איז דער יום־טוב נאָך יום־טובדיקער געוואָרן און אָנגעפילט גרשונס און ביילקעס הערצער מיט דער פרייד פון אייגענער שפע. די ליכט האָט זיך געפלעמלט, צעטריפט און פאַרשפּרייט שבת־קודשדיקייט. דורך די נישט־פאַרהאַנגענע פענצטער האָבן די פלעמלעך אַרויסגעציטערט לאַנגע גאָלדענע לענטעס און אין סטעפּ איז אויסגעגאַנגען דער ערשטער ליכט־געבענטשטער שבת".

זיי וועלן אפשר גאָרנישט באַדויערן, וואָס דער מחבר האָט זיי נישט געגעבן קיין נאָוועלע, מיט געשאַפענע לעבעדיקע מענטשן, וואָס זאָלן פאַר־בלייבן אין זכרון. זיי וועלן נח גאָלדבערגן דאַנקבאַר זיין, וואָס ער האָט זיי דערציילט אַ לאַנגע שיינע מעשה, און הגם ער איז אַ סך מאָל פאַרקראָכן אויף זייטיקע וועגן, איז די מעשה געווען אינטערעסאַנט מיט אַלע איינצל־הייטן און אַלע „האָמסטעדישע" אינפאָרמאַציעס, וואָס אין זיי האָט גאָלד־בערג אויך באַוויזן אַריינצובלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם פון אַ גוטן דערציילער.

.1950

זוכנדיק קינסטלערישע פרייד אין תוהו

אברהם רייזען האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער שרייבט אַלע טאָג לידער. געזאָגט האָט עס מיר דער עלטערער פּאָעט, ווייל ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען, אַז דער פּאָעט האָט אויך זיינע איבונג־פּראָבלעמען ווי יעדער ווירטואָז, און אַז די פּאָעטישע פינגער פאַרלירן זייער געשיקטקייט און ווערן פאַרשטייפט, אויב מען ניצט זיי נישט טעגלעך, ווייל ווי אַ פידל־שפּילער אָדער אַ פּיאַניסט, מוז דער פּאָעט תמיד זיין אין פּראַקטיקע, אויב ער וויל נישט אָנווערן זיין עלאַסטיציטעט.

כ׳האָב דעמאָלט באַמערקט, אַז רייזען וואַרפט אַרויף אויף דעם פּאָעט אַ טאָפּלטע ראָלע — פון קאָמפּאָזיטאָר און ווירטואָז, וואָס מוז שאַפן די קאָמפּאָזיציע און זי קענען אויסשפּילן; און נישט נאָר מעסט ער דעם פּאָעט מיט מוזיקאַלישע קאַטעגאָריעס, נאָר מיט באַלמעלאָכישע, אַקוראַט ווי דער מאָלער אָדער סקולפּטאָר, וואָס שאַפט זיין אייגענע קאָמפּאָזיציע און דאָך מוז ער האַלטן זיינע הענט אין צוגעווינטקייט.

שרייבן לידער, הייסט עס, האָט אויך אַ ריין פיזישן מאָמענט. די אינספּיראַציע קומט, מוזן די פּאָעטישע פינגער פאָלגן, אָבער די טאָג־טעגלעכע איבונג שאַרפט אויך די אַנדערע פּאָעטישע אַטריבוטן, ווי די שפּירעוודיקייט צום וואָרט, די זעעוודיקייט פון בילד, די געוווינטשאַפט צו שפּילן זיך מיטן וואָרט און מיט דער גאַנצער פּאַנאָראַמע פון לשון.

כ׳האָב אָבער בפירוש פאַרגעסן צו פרעגן רייזענען וואָס מען טוט מיט די שלעכטע לידער, וואָס ווערן געבוירן אין פּראָצעס פון איבונג, פון אויספּרווון די פינגער און פון דורכלופטערן די פּאָעטישע חושים. וואָלט טאַקע געווען אינטערעסאַנט צו נעמען אַ פּאָעטישן צענזוס, כדי אויסצוגעפינען ווי אַזוי פּאָעטן באַהאַנדלען זייער מוזע, צי זיי האַלטן זי אין שטענדיקער דינסטגרייטקייט, און צי זיי מאַכן גלאַט טעגלעכע טעכניש־פּאָעטישע איבונגען און וואָס עס קומט אַרויס דערפון. ס׳וואָלט אויך בכלל כדאַי געווען אויסצוגעפינען וואָס האַלט אַ פּאָעט פאַר נאָרמאַלער פּאָעטישער פּראָדוקציע. י. י. סיגאַל האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט טויזנטער לידער, האָט מען אים טאַקע קיינמאָל נישט מוחל געווען זיין צו־רייכע פּראָדוקציע. ה. לייוויק איז אויך אַ גרויסער נגיד פון לידער. עשירות פון לידער ביי אַ גוטן פּאָעט האָט אַ מעלה, אַז אַפילו די גרעסטע מפונקים קענען אין זיין ווייגאָרטן נישט

הונגערן. אברהם משה דילאָן האָט געשריבן זייער ווייניק לידער, אָבער ער איז תמיד געווען אין ליד־שפּאַנונג. ער האָט געפּיבערט מיט איינצלנע שורות, וואָס האָבן זייער פּאַמעלעך זיך צוגעזוכט אַנדערע שורות, ביז זיי זענען געוואָרן גאַנצע לידער.

האָב איך אַמאָל דעפינירט דעם חילוק צווישן גרויסן פּאָעט און מינאָרן פּאָעט, אַז ס'האַנדלט זיך נישט אין ווערט פון די באַזונדערע לידער, ווייל ביידע מוזן פּראָדוצירן גוטע לידער, כדי צו קענען טראָגן דעם נאָמען פּאָעט. ס'גייט גיכער אין דער צאָל וויכטיקע לידער. אַ גרויסער פּאָעט שרייבט אַן אַ גרויסע צאָל גוטע לידער און אַ מינאָרער פּאָעט, וואָס מיינט בשום אופן נישט קיין קליינער פּאָעט, שרייבט אַן אַ קלענערע צאָל גוטע לידער. קען זיין אַז דער גרויסער פּאָעט האָט דעם כוח צו זיין גרויס אַ סך אָפטער, ווי דער מינאָרער פּאָעט, וואָס דער נס פון גרויסקייט געשעט מיט אים זעלטענער. מעגלעך, אויב מ'זאָל אָנווענדן רייזענס דיסציפּלין־מאָס פון אַ טעגלעכן פּאָע־טישן אַרבעטס־טאָג, אַז דער מינאָרער פּאָעט האָט נישט גענוג פּראַקטיצירט זיין קונסט און ווען די שכינה האָט אויף אים גערוט, איז ער טעכניש געווען צוריקגעשטאַנען, און ביז וואַנען ער האָט די פּאָעטישע פינגער באַפרייט פון זייער שטייפקייט, האָט די מוזע אים געזאָגט אַ גוטן טאָג און פאַרזיכערט אַז זי וועט אים אָפּשטאַטן נאָך אַ וויזיט, ווען ער וועט זיין גרייט זי אויפ־צונעמען מיט אָפענע פינגער.

רופט זי ווי איר ווילט — מוזע, אינספּיראַציע, רוח הקודש — זי איז זייער און זייער אומגעדולדיק; און בלויז ווען מען שטייט גרייט, ווי אברהם אבינו, דעם גאַסט אויפצונעמען, וואַשן אירע פיס און געבן איר עפּעס גלייך אונטערצולעגן דאָס האַרץ, בלייבט זי אַ ווייל און ווינטשט אַלדאָס גוטס. דער מינאָרער פּאָעט איז נישט קיין פּערפעקטער מכניס אורח, איידער ער נעמט זיך אויספּאָרען, איז שוין די מוזע אויף יענער זייט טיר און ער בלייבט מיט אַ שוואַך ליד, ביז ס'קומט די מזלדיקע שעה און די מוזע טרעפט אַקוראַט אַריין צו אים, ווען ער איז אויפגעלייגט און צוגעגרייט.

**
*

דאָס זענען אַלץ געדאַנקען, וואָס האָבן זיך איינגעבעטן, בעת איך האָב געלייענט די „סאָנעטן פון תוהו ובוהו“, פון ירמיה העשעלעס. דאָס איז אַ ביי בוך, אַן ערשטלינג, פון אַ פּאָעט וואָס דרוקט שוין לידער איבער אַ פערטל יאָרהונדערט. די געדאַנקען האָבן אַ קנאַפּע שייכות מיטן בוך, ווייל נישט די רייזען־מאָס פון טאָגטעגלעכער דיסציפּלינירטער איבונג, און נישט מיין איי־גענע מאָס פון גרויס־פּאָעט און מינאָרן פּאָעט, האָבן מיר געהאָלפן אין צוגאַנג

צום בוך פון אַ דיכטער, וואָס אַנטפּלעקט זיין פּנים, אין אַן ערשטער לידער־זאַמלונג. ווער ווייסט וויפל לידער ער האָט געשריבן און וויפל אַנגעוואָרפן; ווער ווייסט אויך צי אַזאַ ליד, למשל, וועט אַמאָל נישט פּראָקלאַמירט ווערן פאַר אַ גרויס ליד —

אַ כוח — גאָט און אפשר סמך מם —
האָט צעל נאָך צעל געציליעט אויף אַ פאָדעם
און אויסגעשטריקט פון זיי אַ לבוש פאַר אדם;
און אים אַריינגעהויכט דעם ברויז פון שם
המפורש — גאָטס צי סמס? — פאַרענגט אין קלעם
פון דעם תרי״ג; געדרייט אין קאַראַהאָד אים
פון עשה־לאוו און אַלערליי פּחדים;
צעציטערט אים ביז איכס פונאַנדערנעם.
האָט ווער אַמאָל לאַווירט אויף דעם געהאָרן
פון אור־דילעמע: גאָט צי אומגאָט? — איז
המון אויף אים אַרויף; מיט ווילדן צאָרן
צעפּליקט ביז צעל. בלויז דאָ און דאָרט אַ ריז
האָט זיך צום דנאָ, באַרוישט מיט ספקס כוס —
געזוכט אי גאָט אי ס״ם אין זעלבן אות.

אין דעם סאָנעט זענען דאָ גענוג גרויסע חסרונות, וואָס קענען אַמאָל ווערן גרויסע מעלות. דער ווערט פון אַזאַ דידאַקטישן און אַרגומענטאַטיוון ענגלישן פּאָעט, ווי אַלעקסאַנדער פּאָופּ, וויגט זיך יעדער יאָרצענדליק אויף דער וואָגשאָל. ביים היינטיקן טאָג שטייען זיינע אַקציעס גאָר־גאָר הויך. אין דער פּעריאָדע פון די ראָמאַנטיקער איז זיין ליד געווען ווערטלאָז, אָבער הכל מודים, אַז ער האָט באַרייכערט דאָס ענגלישן לשון און זיינע אַפּאָריזמישע גלייכווערטלעך, וואָס מען געפינט צעזייט און צעשפּרייט אין זיינע לידער, זענען געוואָרן אַ טייל פון רייכן אוצר פון דער ענגלישער שפּראַך.

אויב אַזאַ אויבן־ציטירט ליד זאָל אַמאָל באַטראַכט ווערן פאַר אַ גרויס געווינס פאַר דעם ייִדישן ליד און פאַר דעם ייִדישן לשון, מעג מען שוין זאָגן, אַז ירמיה העשעלעס וועט פּראָקלאַמירט ווערן פאַר אַ גרויסן פּאָעט, ווייל אין בוך זענען פאַראַן אַ גרעסערע צאָל אַזעלכע לידער.

אָבער דער רייזעניסטישער צוגאַנג פון טאָג־טעגלעכער פּאָעטישער איבונג האָט מיך פאָרט שטאַרק אינטריגירט, ווען איך האָב געלייענט דאָס ביי־בוך לידער פון דעם ייִנגערן פּאָעט. דער פּאָעט גיט אונדז צום סוף פון בוך אַ רשימה פון די דאַטעס, ווען זיינע לידער זענען געשריבן געוואָרן, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער פאַקט, וואָס פון די לעצטע דריי יאָר: 1956, 1957, 1958 האָט דער פּאָעט פאַרעפנטלעכט בלויז צען לידער,

דאָס הייסט דורכשניטלעך דריי לידער מיט אַ דריטל — אַ יאָר. די לעצטע דריי יאָר זענען פאַר אַ פּאָעט געווען ביז גאָר אינטערעסאַנטע יאָרן, און דער עיקר פאַר אַזאַ מעדיטירנדיקן פּאָעט ווי ירמיה העשעלעס. מיט וואָס פאַר־ענטפערט מען די אומגערעטעניש פון די לעצטע דריי יאָר?

מאַכן מיר אַ צווייטן חשבון, געפינען מיר, אַז דורך די יאָרן 1950 ביז 1955, אַ קימא לן פון זעקס יאָר (1950) אַריינגערעכנט) האָט דער פּאָעט אונדז געגעבן נישט מער ווי 13 לידער. דאָס מיינט נאָך אַ קלענערע לידער־פּראָדוקציע, צוויי מיט אַ זעקסטל ליד — אַ יאָר. נעמען מיר אָבער צוזאַמען די ניין יאָר פון דעם לעצטן פופציקער־צענדליק, געפינען מיר אַז די לידער־שפּע באַטרעפט מיט תשבורת מער ווי דריטהאַלבן לידער אַ יאָר.

דאָס זענען פאַר מיר געווען אינטערעסאַנטע ספּעקולאַטיווע ציפערן, און כ'האָב באמת געוואָלט דערגיין, פאַרוואָס דווקא די דאָזיקע הרת־עולמדיקע יאָרן, זענען פאַרן פּאָעט העשעלעס געווען אַזעלכע מאַגערע.

מיר דאַכט זיך, אַז דער ענטפער ליגט אין דעם פאַקט, וואָס דער פּאָעט ירמיה העשעלעס זוכט זיך נאָך אַרום. ס'איז קלאָר, אַז ער וויל אונדז זאָגן אַ ניי וואָרט, אַן אָריגינעל וואָרט. ס'איז אויך קלאָר אַז ער קען זיך נישט ספּראַווען מיט זיין ערודיציע און זיין לומדות. ער ווייסט נישט ווען עס צו ווייזן און צו באַהאַלטן. ער איז, אָן ספק, אַ טראַכטנדיקער פּאָעט, אָבער אָפט דערגייט ער צו חקירה. ער מוחט זיך — און דאָס איז קיין עוולה נישט — אָבער זיינע לידער פּאַטאָגראַפירן אים נאָך אין פּראָצעס פון מוחן זיך. ערו־דיציע דאַרף זיך צעגיין אין ליד און ווערן אַ פיינער געמיש. אין העשעלעס לידער בלייבט עס נאָך שווימען ווי אייל „אויפן פּנים" פון ליד, אָדער ווי אַן אַפּזאַץ אויפן דנאָ.

כדי צו געפינען דעם ריכטיקן אויסדרוק פאַר זיינע געדאַנקען־בליצן, זוכט ירמיה העשעלעס נייע ווערטער, ער זוכט און געפינט, אָבער ער געפינט זיי — סאַפּנדיק. ער גייט אויף יאַגד, זיי קומען נישט צו אים גרייטע און שיינענדיקע, נאָר ער מוז זיינע ווערטער פריער שיסן, איידער ער ברענגט זיי מיט טרויִמף, ווי ווילד־געפאַנג.

זאָל נישט קומען צו קיין טעות: מיר איז קלאָר דער שטאַרקער ווילן פון דעם פּאָעט ירמיה העשעלעס, צו ברענגען אַן אומגעוויינלעך וואָרט, אין די היינטיקע גורלדיקע טעג, צו אַנאַליזירן דעם מענטש און ייִד אין זיך, צו קומען מיט די פאַרהויכטע אַנאַליטישע ברילן צו דער וועלט. העשעלעס איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און אין די ערשטע פערצי־קער יאָרן האָט ער געשריבן קרעפטיקע קריג־לידער און ביטערע אַנקלאַג־לידער קעגן דער היטלער־חיה, וואָס האָט פאַרטיליקט אונדזער אַלעמענס אַפּשטאַם.

אָבער אין די פּופּציקער יאָרן איז די טעמע פון וועלט־תוהו געווען שטאַרקער פון זיין פאַרטונקלטן ווילן, צו געפינען זיך אין דעם דאָזיקן תוהו ובוהו. ער האָט גענומען זוכן אַן אַנדער לעקסיק, אָבער זיינע שפּראַך־מעגלעכקייטן האָבן פאַרדורכזיכטיקט זיין געדאַנק. דאָס וואָס איז געבליבן פון אויבן, איז געווען צו קלאָר און צו עלעמענטאַר פאַר זיין פלינקן קאָפּ. —

נאָר איך האָב אין האַרץ\
פון סנה נישט קיינעם, נאָר\
זיך אַליין געפונען —\
און אין ליכט פון וואָרסטער וואָר\
איז געוואָרן מיר קלאָר:\
אַז קיינעמס, נאָר מיין אייגן קול\
האָט מיך פון סנה גערופן.

מיר געפעלט העשעלעס, ווען זיין ליד איז מיר פאַרנעפּלט און פאַר־טונקלט. אָבער דאָ קומען מיר צו נאָך אַ שטאַפּל, אַ מדרגה וואָס פעלט נאָך אין זיין ליד און וואָס ער האָט אפשר אַנגעוווירן אין דעם איבערברוך, נאָך זיינע דיכטערישע אָנהייב־יאָרן. אָנגעהויבן האָט העשעלעס כמעט מיט פאָלקס־לידער —

מיין טאַטע האָט געשענקט מיר\
רויטן וויין אין קריגל,\
מיין מאַמע האָט געברענגט מיר\
אַ טויב מיט ווייסע פליגל — — —\
— — — — — — — — — — — —\
נישט אַזוי דער וויין אין קריגל\
ווי מיין בלוט אין האַרץ טריפט רויט;\
נישט די טויב מיט ווייסע פליגל\
ווי מיין יונגער טויט.

דאָס ליד איז געשריבן אין 1932. אין 1933 האָט ער געזונגען, אַז ער וויל אַ ציגיינער זיין...

אַרויספירן פון מיין עלטנסטנס געצעלט\
זיין יונגסטע טאָכטער און איר אָנטאָן אַ קראַנץ

אין 1935 האָט ער געשריבן אַזעלכע פּשוטע שורות, אין פאָלקסטאָן —

מיט מיידל זיך האַלטן האַנט אין האַנט\
און הערן ווי דול צווייי הערצער קלאַפּן.

פון האַלטן האַנט אין האַנט מיט אַ מיידל ביז זיין „צום ווענוס־באַרג" —

אין תוך גענומען

װאַלפּורגיס־נאַכט רופט:
אויף פערד, מיט גריװעס צעפּלאָסן,
פּאַלאַשן מכשיפות, אַריבער די צלמים פון קלױסטער.
פון װײַטן לאָקט װענוס־באַרג, אַן אַנטבלױזטער
מיט גיהנום־װאַסער זײַן קאָפּ אָפּגעגאָסן — — —

איז פּאָלג מיך אַ גאַנג, װי ס׳איז פאָלג מיך אַ גאַנג פון דעם פאָלקס־טאָן. „נישט אַזױ דער װײַן אין קריגל, װי מײַן בלוט פון האַרץ טריפט רויט״, ביז אַזאַ טרויעריקן קאָמענטאַר (געשריבן אין 1955).

אַזױ איז װױל מיר: בלײַבן אַ מצבה,
די סאַמע לעצטע פון אַן ערשטן דור;
אַז װען די װעלט װעט איבערגײן פון אור
צו חושך — זאָל קײן צװײטער זר־הטבע
פון מײַן פּאַרזיי, דורך זכר און נקבה
נישט אונטערגײן מיט איר פאַרגאַנג: פאַרװאָר!
אין יענער לעצטער שעה פון האַר־אין־קאַר
װעל איך — און קײנער אין מיר — זײַן די תיבה.

דער דאָזיקער שאַרפער איבערגאַנג פון יוגנטלעכן פרימיטיװן פאָלקס־טאָן, — צו פאַרטיפטע מעדיטאַציעס אין געצאַמטן ליד; צו אַזאַ פילאָסאָפיש־ביבלישער אַלוזיע, אַז ער בלײַבט אַלײן די תיבה, אָן אַ געפּאָרטן המשך, פאַרן טאָג פון אָפּװיש פון דעם אַל־באַשאַף — האָט ביים פּאָעט צוגערויבט די פרייד און די עלעגאַנץ, װאָס מוז זײַן אין יעדער ליד, אַפילו אין דעם טרויעריקסטן. ירמיה העשעלעס עקספּערימענטירט און זוכט די דאָזיקע הע־כערע פרייד פון דערגרייכטן ליד; און אַ סך שורות אין זײַנע לידער װײַזן, אַז װען אים װעט געלינגען צו געפינען די בריק צװישן פאָלקסטימלעכקייט און זײַנע קאָמפּליצירטע לידער, װעט די מוזיקאַלישע פרייד שװעבן איבער די שורות פון זײַן ליד.

1958.

מאַרק שווײדס „אַלע לידער און פּאָעמעס״

אין 1921 איז דערשינען מאַרק שווײדס ערשט בוך לידער מיט דעם איבערראַשנדיקן נאָמען — „בורשטינענע שיסלען״. הײַנט, מיט איבער דרײַ־סיק יאָר שפּעטער, איז נאָך דער ווערט פון די דאָזיקע אָריגינעלע לידער נישט געמינערט געוואָרן און זיי זענען נאָך אַלץ די סאַמע בעסטע אויך אין זײַן בוך פון 350 זײַטן — „לידער און פּאָעמעס״. ס׳איז גוט וואָס שווײד אַליין האָט זיי באַהאַנדלט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, ווײַל הגם ער האָט צעוואָרפן אַ סך אַנדערע לידער זײַנע, האָט ער די געזאַנגען פון די „בורשטינענע שיסלען״ געגעבן אין דער זעלביקער צוזאַמענגעוואַרעמטער און אָריגינעלער אכסניה, ווו זיי זענען אײַנגעשטאַנען מיט דרײַסיק יאָר צוריק.

אין דער נאָר־וואָס דערשינענער פולער זאַמלונג זענען זיי נאָך אַלץ דאָס אײַגנאַרטיקסטע, וואָס שווײד האָט געגעבן דער ייִדישער פּאָעזיע. פאַראַן נאָך אַ סעריע אין די געזאַמלטע לידער זײַנע, וואָס פאַרמאָגן אויך דעם טעם פון די „בורשטינענע שיסלען״, דאָס זענען די לידער פון דער אָפּטײלונג — „גלויבן און צווײפל״, אָבער אַפילו אין די באַטעמטע לידער זעט מען שוין, אַז ס׳האָט זיך גענומען אַביסל אויסוועפּן דער אַראָמאַט פון שווײדס געווירצטן צוגאַנג צום ייִדישן וואָרט.

דאָס בוך — „בורשטינענע שיסלען״ האָט פאַרדינט, אַז מען זאָל נאָך דעם שרײַבן בעסערע לידער, ווי שווײד האָט אונדז געגעבן אין משך פון די דרײַסיק יאָר. איך אַליין וואָלט נאָך איצטער געווען דאַנקבאַר מאַרק שווײדן, פאַר יענע פּרעכטיקע לידער און געזאָגט, אַז ער האָט דאָס ייִדישע מאָדערנע ליד דערהויבן און באַשײַנט, און אים קומט דערפאַר אַן אויבנאָן־אָרט, אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער פּאָעזיע, ווען די לידער זײַנע פון די „בור־שטינענע שיסלען״ וואָלטן זיך נישט אַזוי שטאַרק געקריגט, מיט זײַנע אַנ־דערע צענדליקער לידער, וואָס ער האָט געשריבן, אין די דרײַסיקער און אין די פערציקער יאָרן, און מיט רוגזא געפּאָדערט אַ שטיקל חשבון פון פּאָעט, וואָס האָט זיי אײַנגעקלאַמערט אין אַזאַ אומפאַרשטענדלעכער שכנות.

שווײד איז אַ סאַטיריקער און אין 1916 האָט ער זיך פאַרגונען צו „זינגען״ אַזוי „אויף שלום עליכמס טויט״

אַז אַלע קאַרליקעס פאַרבלײַבן אונדז,
און ס׳שטאַרבן אויס די ריזן.

דעמאָלט האָט ער זייער ערנסט רעגולירט די געשעפטן פון מלאך המות און אים געהייסן ליבערשט זיך פאַרנעמען אין דער ריכטונג פון קאַרליקעס, און נישט פון די ריזן. ער איז דעמאָלט אַריין אין הספד־התפעלות און איז געווען גרייט מקריב צו זיין אַלע קאַרליקעס. שפּעטער איז ער מער נישט געווען אַזאַ גזלן אויף קאַרליקעס... מיר זעען שוין ווי ער שמייכלט —

איך שמייכל אָפּט ביים פענצטער פון מיין הייל
ווען כ׳לעז טייל דיכטונג אונדזערע פון היינט;

דאָס איז שוין גיכער אַ דירעקטער חוזק אויף זיינע אייגענע איידעלע לידער, וואָס ער האָט געבראַכט אין זיינע „בורשטינענע שיסלען" און טייל־ווייז אויך אין די לידער זיינע פון דער סעריע — „גלויבן און צווייפל".

אין זשורנאַל „פּאָעזיע", וואָס איז דערשינען אין 1919, אונטער דער רעדאַקציע פון ה. גודעלמאַן, האָבן אויפגעלויכטן שוויידס נייע לידער. מיר האָבן שווידן געקענט בלויז פון באַסינס אַנטאָלאָגיע און געדענקט דעם ריטמישן פּרעפּל פון זיין ליד „מודה אני" —

מודה אני לפניך... גאָט, נישט צאָרן,
זע וואָס פון דיין קינד איז אין דער פרעמד געוואָרן:
שווערע יאָרן, לענדער פילע,
איך געדענק נישט מער די תפילה.

דאָס ליד האָט שוויד געשריבן אין 1911, נאָך דעם ליד איז זיין דיכטעריש געשטאַלט ווי אָפּגעמעקט געוואָרן, ביז ס׳האָבן אויפגעשיינט, אַכט יאָר שפּעטער, זיינע לויטערע לידער, אָן גראַמען, אָבער מיט אַזעלכע טרויעריקע מוזיקאַלישע שורות און מיט אַזאַ דיכטערישער דרייסטקייט, אַז ס׳איז געווען קלאָר פאַר אונדז אַלעמען, אַז ס׳האָט זיך געמאָלדן אַ נייע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, מיט אַן אייגן קול און אַן אייגן וואָרט.

שפּעטער זענען זיינע לידער געדרוקט געוואָרן אין דעם „אינזיך" און יעדער ליד איז געווען אַ באַלוינענדיקע דערוואַרטונג.

שיינע זיבן ברידער, מיר שרייבן אייך דעם אמת,

דער אַדיעקטיוו „שיינע" פאַר די זיבן ברידער איז געווען אַן אומדערטער, אָבער ער איז געווען אַ בכיוונדיקער שטילער אַקאָרד פאַר דעם אָנהייב פון אַ נײַ סאַטיריש יידיש ליד, וואָס זאָל זיך שפּעטער, אין דער פאַנאַנדערוויקלונג, קענען פאַרגינען זאָגן אַזעלכע שורות —

נאָר אונדזער שיינקייט בלאָנדזשעט אום
אויף אַלע וויסטע וועגן
און רעדט רייד וואָס פּאַסן נאָר פאַר אַ הור.

די דאָזיקע אומעלעגאַנץ ווערט ווייכער, ווען דער דיכטער חוזקט מיט אָנגעשטעלטער ערנסטקייט —

מיר גריסן אייך און שיקן אייך,
דריי ווילדע ניס, וואָס וועגן זיבן צענטנער
אַ קריגל בוימל און צוויי געטריקנטע פיש.

ס'איז געווען אין די רעליף־יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער דיכטער האָט זיין נישקשהדיק־עקזאָטיש פעקל אויך געשיקט איבערן ים.

די אַמעריקאַנער נייע פּאָעזיע איז נאָך דעמאָלט געווען יונג. זי האָט אונדז שוין געהאַט געגעבן די ערשטע לידער פון די אימאַגיסטן. ט. ס. עליאָט און פּאָונד ימח שמו (פאַר מיר איז ער ערגער ווי טויט) זענען נאָך אויך געווען יונג, — "וועיסטלענד" איז ערשט דערשינען אַ יאָר נאָך די "בורשטי־נענע שיסלען" — און הגם ס'האָבן שוין הויך געזונגען וועיטשעל לינדסי, ראָבערט פראָסט, עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן און קאַרל סאַנדבורג, און זיי האָבן געהאַט זייער אינספּירירנדיקן איינפלוס אויף דער יונגער יידישער פּאָ־עזיע, וואָלטן זיי אָבער בשום אופן נישט געקענט געבן קיין האַפט און באַ־פעסטיקונג דער נייער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע, ווען דאָס אויפגייענ־דיקע נייע יידישע ליד וואָלט נישט געווען געפונען זיינע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן דאָס ליד זייערס איינגעפּאַסט אין אַ נייער יידי־שער בויטוועגדיקייט, אַ בויטוועגדיקייט וואָס האָט זיך שוין לאַנג געריסן באַפרייט צו ווערן פון סלאַווישן און דייטשישן איינפלוס.

מאַרק שוויד איז געווען איינער פון יענע דיכטערישע פּערזענלעכקייטן. ס'איז געווען קלאָר אויך דעמאָלט, אַז ער איז געווען אַ געטרייער לייענער פון דער נייער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, ס'איז אויך געווען צו זען, אַז שוויד האָט אַ ביסל געליטן פון זיין פּראָפּעסיע. יעדער ליד זיינס איז געווען אַ דעקלאַ־מאַציע. די טעמעס זענען אויך געווען אַזעלכע, אַז מ'האָט בפירוש געזען ווי דער דיכטער פּאַרשטעלט זיך. אָבער די קליינע חסרונות זענען אויך געוואָרן די מעלות פון אַ נייער און אייגנאַרטיקער קינסטלערישקייט, וואָס שוויד האָט אונדז געשענקט. מיט אים איז אַ צייט לאַנג פּשוט געווען היימישער, אָנגענעמער און איבערצייגנדיקער צו בויען דאָס יידישע ליד אין אַמעריקע.

די אַמעריקאַנער יידישע טעמאַטיק פון די סאַמע ערשטע יאָרן, ווען מ'האָט אָנגעהויבן רעדן פון גאָטזוכעניש, האָט שוויד גלייך אויפגעכאַפּט. (ס'דאַרף אגב געזאָגט ווערן, אַז מאַרק שוויד איז שוין געווען אַן אַלטער גאָט־זוכער, וואָס האָט אַפילו יונגערהייט געשריבן ריזיקאַליש־קריסטלעכע לידער).

שווייד האָט געשפּילט דעם געדאַנק, אַז „ס׳קען זיין ער וועט עס נאָך טאָן״, ער וועט אָנטאָן טלית און תפילין, דאָס קינד וועט זיך שפּילן שטיל ווייל „דער טאַטע דאַוונט״. דאָס ווייב וועט וואַרטן געדולדיק אין עס־צימער —

און אויפן טיש וועט זי אַ קוק טאָן
צי עס פעלט נישט דאָס זעלצמעסטל,
און דאָס אָנגעהייבענע ברויט וועט זי צונעמען
און וועט אַוועקלייגן אַ גאַנץ ברויט.
און נעבן מיין אָרטביים טיש
וועט זי אויף אַ שטול אַוועקשטעלן
אַ ריינע שיסל און אַ שעפּ מיט וואַסער,
און אויפן אָנלען וועט זי אויפהענגען
אַ קלאָר האַנטוך מיט פרישע קנייטשן.

אָט די קלאָרקייט, זויבערקייט און די „פרישע קנייטשן״ האָט אונדז שווייד געגעבן כמעט אין אַלע זיינע לידער פון די „בורשטינענע שיסלען״ און אַ רעכט ביסל דערפון אין די לידער זיינע, וואָס ער האָט געזאַמלט אין אַ שפּעטערדיק בוך — „צו גאָט דורך פּאָסט״, אָבער וואָס זענען אין דער אָקאָרשט־דערשינענער פולער זאַמלונג פון אַלע זיינע לידער אַריין אין דער סעריע „גלויבן און צווייפל״. דאָס ליד וועגן דאַוונען האָט שווייד געהאַט דעם גוטן געשמאַק נישט אַרויסצולאָזן ווי אַ פרומע קאַץ פון זאַק. דאָס טלית און תפילין ליד הייסט „וועגן וווּנדערלעכע פרימאָרגנס״.

שווייד האָט געקענט (דעמאָלט געקענט) ליב, טרויעריק און ניצלעך מאַכן אַ שטיק אינהאַלטלאָזיקייט,

וואָס קענסטו מאַכן מיט אַ פערטל אייל
ברוינעם סאַמעט?

שווייד מאַכט עפּעס דערפון אין זיין ליד — „אַ שטיקל ברוינער סאַמעט״, וואָס הייבט זיך טאַקע אָן מיט די דאָזיקע צוויי שורות.

קויף מיר מאַמעשי, אַ שטיקל סאַטינדעליאָן
אויף אַן אונטערשלאַק
און ניי מיר אויף אַ תפילין־זעקל.

דעקאָראַטיווע, געשפּילטע רעליגיאָזיטעט, אויסגעהאַפּטענע, אויסגעשטיקטע? אוודאי, אָבער מיט חנעוודיקן, איידעלן הומאָר אויף זיך אַליין, אויף דער איבערגעניצעוועטער נשמה פון דעם קינד, וואָס האָט אין דער פרעמד פאַרגעסן דעם אַמאָליקן געפּרעפּל פון מודה אני. אַפילו זיינס אַ זכרון־אויפגעטויכט ליד פון ייִנגלע אין די „וואָלוול־סאַמעטענע גרינע הייזלעך״ וואָס

מאַכט אַ „גרויסן גרויסן פּיילנבויגן״ אין שניי, פאַרמאָגט אַ סך שאַרם, וואָס... בוכשטעבלעך קיין איין שפּעטערדיק ליד שווידס האָט עס נישט.

כ׳וואָלט בפּירוש געקענט אויסרעכענען אַלע לידער פון די „בורשטינענע שיסלען״ און טייל לידער פון „גלויבן און צווייפל״ און איינס נאָך ס׳אַנדערע זיי איבערדערציילן (זיי לאָזן זיך איבערדערציילן) און זיי אויסלויבן שורות־ווייז. נעמט טאָקע דעם אַנהייב פון דעם ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער גאַנצער סעריע — „דריי בורשטינענע שיסלען״. הערט ווי אומדערוואַרט ס׳ווערט פריילעך אויפן געמיט און ווי שטויגענדיק ס׳שטראָמט אַן יעדער שורה, מיט אַ קוועקזילבערדיקער חדווה —

אין פריען אַנהייב פונעם לעצטן האַרבסט
האָב איך מיר איינגעקויפט מיט מיינע גראָע גראָשנס,
דריי בורשטינענע שיסלען,
אין איינער פלעג איך וואַשן מיר מיין אָרעם גרעט,
אין איינער קנעטן מעל מיט בוימל,
און אין דער דריטער פלעגט אַ גאַנצן ווינטער
אַרומגיין אַ לעבעדיק פישל,
וואָס איך האָב יעדן טאָג געקויפט אויפן מאַרק.

ס׳ווערט פריילעכער אויפן האַרצן פון די דאָזיקע פאַנטאַסטישע שורות. ס׳ווערט יידישלעך־אומעטיק ווען מען לייענט די פאַנטאַסטישע דעקלאַמאַציע פון דער ביין מיליאַרדיקער יידישער הלוואה, אין אַן אַנדער ליד.

מ׳וואָלט אַזוי געקענט אויסרעכענען, אויסדערציילן און דערמאָנען נאָך לידער, אַפילו אַזאַ אויסטערליש ליד וועגן געבעקס, וועגן „אויסגעלאַסענער פּראַנצויזישער פּאַסטרי״, ווי אַ קאָנטראַסט צום „שטילן דאָרף וואָס רופט זיך ברויט מיט פּוטער״. מען וואָלט אַפילו געקענט דערמאָנען אַזאַ צער און צאָרן ליד, מיט אַ נעאָ־ביבלישן נאָמען — „וועגן דעם ריח פון קלייען, וועגן אייער שלעכטסקייט און אייגנטלעך וועגן יידיש געלט״.

קיין שפּור פון אָט דער דאָזיקער צערטלעכער פרייד און אָנגענעמער בייזקייט, וואָס מיט איר איז מאַרק שווייד דערגאַנגען צום נייעם ליד, איז נישטאָ אין קיין איין ליד, וואָס ער האָט געזונגען פאַר די „בורשטינענע שיס־לען״ און אין קיין איין ליד, וואָס ער האָט געזונגען אין די שפּעטע דרייסיקער און אין די פערציקער יאָרן.

ס׳איז אפשר אַן עוולה צו ציטירן, אָבער אָט זענען שורות —

וואָס פאַרגאַנגען איז פאַרגאַנגען
קענסט עס קיינמאָל נישט דערלאַנגען,

אין תוך געגומען!

ווי דעם שניי וואָס איז צעגאַנגען
מיר איז טרוקן אין מויל.

— אָדער

אייב לינקאָלן איז אין גאַנג געבליבן שטיין,
ער האָט דערפילט, אַז עמעץ איז אין נויט:
גיי זאָג דעם מאַן, איך וויל אים גלייך דאָ זען!
ער האָט דערשפּירט, ס'איז לעבן אָדער טויט.

צו אַ יושר־דעקלאַראַציע:

ווייל יעדן קומט זיין רעכט און יעדן זיינס,
און שווער איז אָפּצוטיילן מיינס פון דיינס.
און ווען דער מאַסן־צאָרן האָט געקריצט
האָט ער דאָס רעכט פון אַלעמען באַשיצט
ווייל פאַר געזעץ און רעכט איז יעדער גלייך,
אַפילו דער וואָס איז צו גרויס און רייך.

דאָס זענען יורידישע שורות, געשריבן אויפן טויט פון ריכטער בראַנ־דייס. אָבער אַפילו אַ סך שפּעטער, ווען ער האָט אויספּאַנטאַזירט די לעצטע רייכסטאַג־זיצונג און געזונגען פון „לעצטן סאָציאַליסט״ אַטאַ וועלס, הערן מיר פון מאַרק שווידן, פון דיכטער פון פאַנטאַסטישע „בורשטינענע שיסלען״ אַזעלכע גראַמען —

אַ לעבנלאַנג דאָך האָבן מיר גערופן,
געוועקט דאָס פאָלק פון נידעריקסטע שטופן,
פון שקלאַפן־לוין געזוכט זיי צו באַפרייען,
מיט שטאָלץ, מיט ווירדיקייט באַקעמפט פּאַרטייען,
מיט גרייטקייט שטענדיק יענעם אויסצוהערן,
געוואָלט באַווייזן און געפּרווט דערקלערן,
ווי טיף געזעצט עס איז דער קאַמף פון קלאַסן,
צו מענטשן־ווירדיקייט געוועקט די מאַסן,
נישט נאָכגעבן נידעריקע פאַרלאַנגען,
נישט אָנגערייצט פון ראַסנהאַס די שלאַנגען,
פאַרקערט, געלערנט ברידערלעכע טרייהייט
און איינגעפלאַנצט די ליידנשאַפט צו פרייהייט.
נו, קומט איר היינט מיט אוראַלטע געבאָטן
און רייצט אויפסניי דאָס בלוט פון פאַטריאָטן,
צום שטימקאַסטן געטריבן זיי מיט בייטשן...
אַזיאַטן ווילדע זענען מיר צו דייטשן?

איז ווי געזאָגט, אין סאַמע אָנהייב פון דעם אַרטיקל, וועגן דעם ליבן, עלעגאַנטן און געדענקווערטיקן דיכטער פון די „בורשטינענע שיסלען״, איך

וואָלט באמת געווען צופרידן צו פאַרגעסן דעם דאָזיקן וואָלוועלן גראַמען־געטומל פון זיינע שפּעטערדיקע לידער, אַפילו פון די בעסערע, וואָס פאַר־מאָגן אָבער אין זיך נישט קיין איין פונק פון דעם פּאָעט, וואָס האָט אַזוי וווּנדערלעך דערהויבן דאָס נייע ליד און אַליין אין דעם געפעלשט.

אָבער דער אָאַזיס פון די „בורשטינענע שיסלען“, וואָס געפינט זיך אין בוך און איז אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע שורות ווי איך האָב נאָר־וואָס ציר־טירט, און וואָס זענען אין בוך פאַראַן אין די הונדערטער, פירן אַן אייגענע שאַרפע דין־תורה מיט זייער פּאָעט. זיי פרעגן אים קשיות:

אויף וואָס און נאָכסאָל האָסטו אונדז געבראַכט אויף דער וועלט, כדי שפּעטער זיך אַליין אויסצולאָכן פון אונדז און אונדז פאַרשפּאַרן אין אַ מין מאָדערניסטישן געטאָ, אין דיינע געזאַמלטע לידער? אין אונדזער געטאָ שיינט דווקא אַזוי פיל זון, פאַרוואָס האָסטו מיט איר נישט באַשיינט דיינע אַנדערע לידער? האָסטו זיך טאַקע אָנגעברוגזט אויף מאָדערניזם, אָדער זענען מיר ביי דיר געווען צייטווייליקער קאַפּריז, צי גאָר אַ קאַלאָסאַלער און טריומפאַלער צופאַל? פאַרוואָס האָסטו פאַרגעסן אַלץ וואָס מיר, דיינע איי־גענע לידער האָבן דיך געלערנט, און פאַרוואָס האָסטו זיך אָפּגעקערט פון דער ראַפינירטער זעלבסט־מבינות, וואָס מיט איר האָסטו אונדז געפורעמט?

טוט מיר וויי דאָס האַרץ זיך צוצוהערן צו די גערעכטע טענות און וואַרטן אויף דעם סוף פון דער דין־תורה. וועל איך בעסער פאַרענדיקן מיט שורות פון שוויידס ליד — „פאַרוואָס עס קומט דער באָבען פרייד“. די באָבע וואָס —

פינף־און־זיבעציק יאָר איז זי געווען
אַ דינסט ביי גאָט,
געקאָכט פאַר אים, געבאַקן און געוואַשן,
דריי דורות קינדער פאַר אים אויפגעצויגן.
אין אירע אויגן מינגלט נאָך
די שיין פון שניי און גראָז,
און וואָס זי האָט געזען
האָט זי געזען פאַר אים.
— — — — — — — — — — — — — —
די באָבע האָט געלעבט
און זי פאַרדינט דערפאַר די פרייד פון אונדזער ליד.

אמן!

.1952

אהרן ניסענזאָנס „אין צדיקס טריט“

קיינער וועט מיר נישט איינרעדן, אַז דער דיכטער א. ניסענזאָן, וואָס האָט ביז זיין נייסטן בוך — „אין צדיקס טריט“ אַרויסגעגעבן פיר לידער־ביכער און צוויי דראַמאַטישע פּאָעמעס, ווייסט נישט דעם פּאָעטישן ווערט פון אַזעלכע פיר שורות:

נעם דאָס געשיכטע־בוך און לייען בלאַט נאָך בלאַט,
און פאָלג אים נאָך קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל,
און דו וועסט זען זיין וואַקסן אַקוראַט.
באַנוצנדיק צו דעם צו יענעם מיטל.

מיר געפינען די דאָזיקע פיר שורות אין זיין זאַמלונג פון פערצן שורה־דיקע לידער. די זאַמלונג פאַרענדיקט זיך אויך מיט עטלעכע לענגערע דיכטערישע דעקלאַראַציעס וועגן פאָלק ישראל, דעם יידישן גאָט און וועגן די פעלקער פון דער וועלט.

מיר איז קלאָר, אַז דער פּאָעט ניסענזאָן ווייסט אויך גאַנץ גוט, אַז אַזעלכע שורות ווי —

קענסט פריי נישט זיין, כל זמן איין מענטש טוט ליידן;
דיין פרייד איז נישט קיין פרייד, אויב ס'וויינט אַ מענטש אין צער —

זענען נישט שטאַרק ניי. די דאָזיקע שורות ווערן באַגלייט פון אַנדערע צוויי, וואָס זאָגן אַזוי צו זאָגן —

ביסט טייל פון כלל און קענסט דיין גורל נישט פאַרמיידן,
טו וואָס מען דאַרף און וועסט באַלוינט ווערן דערפאַר.

זיכער איז אויך און קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין פּשוטער, טאָג־טעגלעכער פּובליציסטיק וואָלט ניסענזאָן זיך אויסגעהיט צו מאַכן אַזאַ אויסגעדינטע דעקלאַראַציע, אַז מיר זענען טייל פון כלל און ער וואָלט אַפילו אין דער אָרטאָדאָקסישער שול נישט אויסגערופן אַזוי מטושטשדיק, אַז מען זאָל טאָן „וואָס מען דאַרף“, כדי מען זאָל קריגן לוין דערפאַר.

דאָס איז מיר אַלץ קלאָר ווי דער טאָג. ניסענזאָן וואָלט דעם שכר פאַר גוטע מעשים אַ סך מגידישער אַרומגערעדט, ווען ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ באַלעמער פאַר אַן עולם. אויב מיר זוכן אַ צוגאַנג צו ניסענזאָנס ניי בוך

לידער, מוזן מיר קודם כל אָננעמען אין פאָרויס אַ בכיוונדיקייט, כמעט אַן עקשנות צוריקצוברענגען אַלטע אויסדרוקן, אַלטע פאָרמען, אַלטע פסוקים און אַלטע אמתן. ניסענזאָן דער פּאָעט וואָלט זיך מיט אונדז אוודאי נישט גע־קריגט ווען מיר וואָלטן ביי אים געמאָנט דעם דיכטערישן ווערט פון אַזעלכע שורות:

איצט האָט צייט צו אונדז אַ קער געטאָן,
ס׳איז אַצינד געקומען אונדזער תקופה:
אונדזער טרויער ווערט צעשמעלצט אין זון,
צייט צו זיין איצט, יידן בגילופין.

ווען מיר וואָלטן, זאָג איך, געמאָנט ביים דיכטער ניסענזאָנען דעם אי־נעוויניקסטן פּאָעטישן ווערט פון דער „צייט״ וואָס האָט זיך צו אונדז אַ קער געטאָן (אין דער ערשטער שורה) און פון דער „צייט״ וואָס גיט אונדז דאָס רעכט צו זיין בגילופין (פון דער פערטער שורה), וואָלט זיך ניסענזאָן אויס־געלאַכט פון אונדז און געזאָגט, אַז ס׳איז אים בכלל נישט געגאַנגען אין דיכ־טעריי. די פראַגע איז נאָר, צי דאָס וואָס ס׳איז אים יאָ אָנגעגאַנגען, איז אַרויסגעקומען אַזוי איבערצייגנדיק, אַז ס׳האָט זיך געלוינט דערפאַר מקריב צו זיין אונדזער אַלעמענס געוווינטע דיכטערישע פּאָזיציעס און אויך זיין אייגענע דיכטערישע פּאָזיציע.

דאָס בוך — „אין צדיקס טריט״ איז, נישט געקוקט אויף די באַזונדערע לידער, איין געקייטלטער רעליגיעזער טראַקטאַט, אָבער נישט קיין טראַקטאַט וואָס גריבלט זיך, נאָר וואָס נעמט אָן אַלץ וואָס מיר האָבן איבערגענומען פון אונדזערע אבות אבותינו, וועגן גוטע מעשים, שלעכטע מעשים, שכר, עונש, קידוש השם און אייביקייט. די אַלע לידער זענען אַ פאַרזוך איבערצו־זאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פּסוקימדיקע אמתן, מורה דרכדיקע אמתן. אויף אַזוי פיל איז דאָס בוך פּאָקטיש אַ פּראַקטישער וועגווייזער, ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט און אַפילו ווי אַזוי צו שטאַרבן אויף דער וועלט. ס׳איז אַ יאָ־זאָגונג, אַן אַפירמאַציע פון אַלטע גלויבנס, וואָס ניסענזאָן האַלט, אַז ס׳איז געקומען די צייט זיי איבערצוזאָגן און זיי איבערצוזאָגן אַזוי פּשוט און דע־קלאַראַטיוו, אַז ס׳זאָל גאָרנישט פון זיי געמינערט ווערן און גאָרנישט גיין פאַרלוירן —

זיי מיינען אַז דער גאַנצער זין איז נאָר
צו שלאָפן מיט די ווייבער, האָבן קינדער.

ס׳איז זייער מעגלעך אַז אין אונדזערע קינסי־באַריכט צייטן איז כדאַי נאָכאַמאָל אַריינצווואַרפן אַזעלכע ווערטער און דערמאָנען דעם פאָלק —

ס׳איז עפּעס אויך זיי נישט אינגאַנצן קלאָר,
אַז עפּעס דאַרף מען אויך פאַר גאָט פאַרשפּאָרן,
איז מילא, נו, איז קומען זיי צופאָרן
אין טעמפּל גאָטס אַ פּאָר מאָל דורכן יאָר.

דאָס בוך איז נישט קיין געשטאַלטונג פון צדיק אַליין, נאָר פון אַ נאָכגיין דעם צדיק און פון שטויבן זיך אין זיינע טריט. ס׳איז נישט קיין פּריוואַט בוך, נישט קיין אינטים בוך און אויך נישט קיין געשלאָסן בוך. נאָר אַ פאָלקסבוך, אַזוי צו זאָגן ווי ס׳זאָגן עדות אַזעלכע שורות:

אַ ליגן איז די מענטשלעכע צעטיילונג
אויף גלייך און אומגלייך און אויף רייך און אָרעם.

ווען ניסענזאָן וואָלט געשריבן פּאָעזיע מיטן טראָפּ אויף ליד, וואָלט ער אַזעלכע שורות געמוזט באַשטעטיקן, ווייל גראָד די גרעסטע און טיפסטע אמתן, אויב דער דיכטער חזרט זיי איבער און וויל זיי מאַכן פאַר דעם אייגנס כאָטש פון זיינס אַ שורה, מוז ער די אַלטע אמתן באַנייען און אויפסניי באַווייזן. אַזעלכע באַווייזן פון אמתן, וואָס זענען אויף יעדערנס צונג, זענען שווערער ווי שאַפן כלומרשט אייגענע אמתן. נאָר ווען מען וויל דעקלאַרירן און אויסשרייען — שמע, דאַרף מען עס נישט באַווייזן. מען דאַרף בלויז זאָגן. ניסענזאָנס בוך באַווייזט גאָרנישט. דער דיכטער וויל בלויז אָנווייזן. כ׳בין שטאַרק מסופק, צי דאָס נייע בוך ניסענזאָנס איז בכלל געשריבן פאַר קריטיקער. פאַר זיי האָט ניסענזאָן אַ פּאָרויסיקן און פאַרטיקן שפּרוך —

אָ, קליינטשיקע פון גייסט, אָ, ליליפּוטלעך!
וואָס קענען נישט זען ווייטער פון דער נאָז,
און ווי נאָר ס׳טוט אַ קאַלטער ווינט אַ בלאָז,
אַזוי נעמען זיי קרעכצן ס׳איז נישט גוטלעך.

ווען עמעצער זאָל נישט דערזען ווייטער פון דער נאָז און זאָגן אויף אַזעלכע שורות —

גיי העלף, גיי טו, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין,
אַוווּ דו זעסט נאָר ווייטיקן, גיי לינדער;
און ווו דו זעסט נאָר צער, און ווו דו זעסט נאָר פּיין,
ברענג פרייד אַריין אי פאַר דערוואַקסענע, אי קינדער.

ווען עמעצער זאָל וועלן אַרויסווייזן זיין מבינות און אויף אַזעלכע שורות אַ קרום טאָן מיט דער נאָז און זאָגן — נישט גוטלעך; איז פאַר אים אָנגעשריבן ווי אָנגעמאָסטן, אַ פאַרטיקער גראַם — ליליפּוטלעך, וואָס קען איינשטילן און גלייכלייגן די שאַרפסטע קריטיק.

די פראַגע איז נאָר, צי קען מען דאָס בוך „אין צדיקס טריט" אַרויסנעמען פון די ראַמען פון פּאָעזיע און עס אַרומרעדן. אַזאַ בוך קומט צו אונדז מער זאָגן ווי זינגען, מער רעדן ווי זינגען. פרעגט זיך אַ קשיה, צי קען מען עס אַרומרעדן פריער, איידער מען באַרעדט עס אָדער מען באַזינגט עס. אָט בין איך, למשל, זיכער, אַז ווען כ'וואָלט ערגעץ אָנגעטראָפן אַזאַ אַלטן פּסוק — און ס'איז זייער לייכט זיך צו באַגעגענען מיט אַזאַ פּסוק —

עס לויבט דיך, גאָט, און זינגט צו דיר אַ יעדער אבר
דער רשע גראָבט און פאַלט אַליין אַריין אין קבר.

וואָלט איך אים איבערגעזאָגט און וואָלט בעת מעשה נישט געשפּירט, אַז איך טו זיך אַליין אָפּ, וואָס איך חזר איבער אַזאַ פונדאַמענטאַלן רעליגיעזן אמת. מיין רעאַקציע צום זעלביקן פּסוק איז אָבער אַ גאַנץ אַנדערע, ווען כ'ווייס אַז אַ מענטש פון מיין אייגענעם דור קומט צו מיר און צווינגט מיך דעם פּסוק איבערצוזאָגן און גיט מיר נישט קיין ברירה, גיט מיר נישט קיין גרעסערע און טיפערע גאַראַנטיעס פאַר דעם דאָזיקן אמת, ווי מ'קען עס קריגן אין אַלטע ספרים. יענע מוז איך גלייבן אויפן וואָרט, ווייל דאָס וואָרט אַליין איז גאָלד־סטאַנדאַרט פון פעסטער אמונה. ס'פאַלט מיר גאָרנישט איין זיי אָפּצופרעגן, ווייל איך, נעם איך זייער תהילים און פאַרוואַנדל אין פּאָעזיע, כ'טענה מיט זיך איין, וואָס פאַר מיר איז פּאָעזיע, איז פאַר זיי געווען גלויבן. אָבער מיט ווען טאָן דאָס פאַרקערטע — נעמען די פּאָעזיע דערפון און עס פאַרוואַנדלען אין תהילים. נו, דאַרף מען צוגעבן אַז פאַר מיר, וואָס איז צו־זאַמען מיט ניסענזאָגנען געווען אַן עדות פון אַזוי פיל פינצטערניש, איז אַביסל שווער נאָכצוזאָגן —

גאָט טוט אומזיסט נישט קיינעם שטראָפן,
ס'מוז זיין פאַר וואָס און פאַר ווען.
גאָטס אויג די קלענסטע זינד טוט זען,
ס'ליגט האַרץ און מוח פאַר אים אָפן.

ווען מיר האָבן מיט יאָרן צוריק, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, געזונגען דאָס טעאַטער־לידל — „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט", האָבן מיר קיין אַנונג נישט געהאַט, וואָס פאַר אַ משפּט מיר וועלן אַמאָל דאַרפן באַרעכטיקן. ס'איז, פאַרשטייט זיך, לייכטער זיך נישט נעמען צום פּאַפּיר און חשבונען. וואָס וועט אונדז אַרויסקומען, ווער ס'וועט פאַרלירן, אין לעצטן סך־הכל? אָבער אַז אַ דיכטער נעמט אויף זיך, אין דער היינטיקער צייט, קלאָר און בולט, איבערזינגען אַ באַקאַנטן צידוק הדין, ווערט מיר אומהיים־לעך, פּשוט דערפאַר, ווייל כ'קען דאָס נישט לערנען ווי איוב און קען דאָס

נישט לייענען ווי פּאָעזיע. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען, ווי ענלעך ס׳האָט זיך געזונגען, דאָס באַקאַנטע טעאַטער־לידל:

גאָט און זיין משפּט איז גערעכט,
מ׳טאָר קיינמאָל נישט זאָגן גאָט איז שלעכט,
ווייל גאָט ווייס וואָס ער טוט,
אומזיסט שטראָפט ער קיינעם ניט.

מיר זעען אַז ניסענזאָן איז בכיוון, ווי ס׳ווייזט אויס, נישט אַוועק פון דעם טעאַטער־שאַבלאָן און בלויז איבערגעזאָגט — „גאָט טוט אומזיסט נישט קיינעם שטראָפן, ס׳מוז זיין פאַר וואָס און זיין פאַר ווען״. אוודאי האָט אַ דיכטער אַ רעכט איבערצוזינגען אַ טעאַטער־לידל וואָס איז שוין געוואָרן במעט פאָלקס־ליד. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ווען ער וויל עס בלויז איבער־זאָגן און נישט איבערזינגען, אויף זיין אייגענעם שטייגער, און איבערזאָגן דורך הוילער אַפירמאַציע פון גלויבן, נאָך דעם וואָס ס׳האָט זיך אַרום מיר און ניסענזאָנען אַ שיין ביסל געטון, מוז איך עס אָפּפרעגן, אַפילו ווען ער באַרעכטיקט דעם דין אַ קאַפּיטשקע אַנדערש און שרייט אויס עקשנותדיק —

פון סאַמע מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
זאָג איך: נעם אָן מיט ליבשאַפט די גאַנצע גרויל און פּיין.

ס׳גייט טאַקע אין דעם — „זאָג איך״. ס׳זאָגט אונדז נישט דער צדיק אַליין, ס׳זאָגט עס אונדז נישט אַן אַלט ספר, ס׳זאָגט עס אונדז איינער פון אונדז, וואָס האָט, ווייל איך גלייבן, בכיוון אַוועקגעלייגט אין אַ זייט אַלע פּאָעטישע מאַניפּאָרגעס, כדי עס אונדז צו זאָגן. איז פאַראַן אין דעם נאַקעטן זאָג אַ טראַציקייט, וואָס איז אַפילו נישט ייִדישלעך. דער פרימסטער ייִד וואָלט נישט געקענט ביי זיך פּועלן, אַז דער יחידותדיקער — ד׳ נתן וד׳ לקח איז חל אויך אויף דעם גרויסן נאַציאָנאַלן בראָך, אַז אויך דעם „גרויל און פּיין״ פון אונדזער צייט דאַרפן ייִדן אָננעמען און נאָך מיט — ליבשאַפט.

ניסענזאָן איז נישט אַליין אין דעם צוריקמאַרש צו רעליגיע. ביי די אומות העולם זעען מיר אויך, ווי דיכטער ווילן זיך מער נישט „ברעכן דעם קאָפּ״ און זיי קומען צוריק צום לייכטן ענטפער. זיי ווילן אַפילו מער נישט פרעגן, זיי גיבן דעם גאַנצן פרימיטיוון ענטפער. אָט האָט דאַלי, דער באַ־רימטער סורעאַליסטישער מאָלער אַנטדעקט, אַז אַלע זיינע פרויען זענען אייגנטלעך מאַדאָנעס און ער האָט שוין דעם סורעאַליזם אויך אַריינגע־בראַכט אין קירכע. ניסענזאָן טוט עס אַ סך נאַקעטער און אָפענער, ווי אונ־דזערע אַנדערע מיטצייטלער. זיי פאַרשלייערן עס, זיי פאַרזינגען עס, זיי פאַר־פילאָזאָפירן עס, ער זאָגט פּסוקים:

איז לעב דאָס לעבן ווי דאָס האַרץ באַפעלט,
און ווי עס ווייזט דיר אָן דער גראַדער שכל,
און אַלדאָס בייזע פון דער דרויסנדיקער וועלט
נעם אָן, ווי ס'טוט דער צדיק מיט אַ שמייכל.

אַלדאָס בייזע אָננעמען מיט אַ שמייכל? ווו וווינט עס היינטיקע צייטן דער דאָזיקער צדיק, וואָס הייסט אַזוינס אָננעמען? איך אַליין וואָלט זיך גע־שטויבט אין זיינע טריט, ווען איך וואָלט כאָטש געוווּסט, אַז איך קען פון אים קריגן די טיפע באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ שמייכל. כ'ווייס נישט פון וואַנען מיין בן־דור ניסענזאָן האָט געשעפּט דעם טיפן גלויבן, אַז אַזאַ שמייכל אויף „אַלדאָס בייזע פון דער דרויסנדיקער וועלט" איז טאַקע דער בעסטער אויס־וועג?

ניסענזאָנס רעליגיעז־פּראָפּאַגאַנדיסטישער אייפער איז קלאָר, ס'איז אָבער נישט קלאָר, ווי אַזוי מיר דאַרפן לייענען „צו לעבן דאָס לעבן ווי דאָס האַרץ באַפעלט" און מיר ווייסן אויך נישט ווי גראַד איז איצט „גראַדער שכל". פאַראַן אין דעם בוך אויך עטלעכע סתירות צו דער אַבסאָלוטער פרומקייט —

פאַרוואָס זענען די מעשים מיינע וואָס זיי זענען?
פאַר וואָס אַזוי פיל שלעכטס, פאַרדאַרבנקייט און שנאה?
פאַר יעדער ברעקל ערד אַזוי פיל קאַמף און קנאה,
פאַר יעדן טראָפּן ליכט אַזוי פיל ווײ און פּיינען?
איז אפשר דאָס דער וועג צו קענען דיך און אָנען?
אויב יאָ, וועל איך אויף אים ווי ביז איצט, ווייטער שפּאַנען.

די פּסוקים שטעלן מיט זיך פאָר אַ נעגאַציע פון גאַנצן בוך, ווייל זיי נעמען אָן דעם קאַלטן וועג פון צווייפלער און זינדער, ווי דעם וועג צו גאָט און נישט דעם (אַלטן?) וועג פון אַבסאָלוטן צדיק, בלויז דורך גוטע מעשים.

ס'איז נישט מיין שולד וואָס כ'האָב גענומען דעבאַטירן מיט דעם נייעם בוך פון אַהרן ניסענזאָן, ווייל זיין בוך — „אין צדיקס טריט" איז איין העלפט פון דער דעבאַטע און מיר דאַכט זיך, די העלפט וואָס איז צו־לייכט און נישט איבערצייגנדיק.

.1950

„דיכטער און דיכטונג“ פון א. טאַבאַטשניק

א. טאַבאַטשניק איז אַ קריטיקער, וואָס האָט דעם מוט אויך צו שרייבן לידער. אין זיין אַריינפיר־ליד צו זיין בוך „דיכטער און דיכטונג“, פאַרזיכערט ער אונדז אין אַ ליד, אַז —

וווּרטער וואַקסן אויף דער ערד ווי ביימער,
און דיכטער מיט בלויע העק און בלאַנקע מעסער
שניידן די ביימער און בויען שלעסער.

דער נאָמען פון זיין בוך איז ווי פון אַן אָפּהאַנדלונג און ס׳איז בכיוונדיק. טאַבאַטשניק וויל אונדז ווייזן, אַז ער לענט זיך שטאַרק אָן אויף זיין כוח צו אַנאַליזירן. אין זיין קריטיק האָט ער אַרויסגעוויזן גענוג מוט, נישט נאָר מוט ווי אַ מעלה פאַר זיך אַליין, נאָר אויך אין דעם עצם צוגאַנג צו די שרייבער. אין די לידער פון דעם בוך באַמערקט זיך אויך דער זעלביקער מוט פון קריטיקער, אָבער נישט אַלעמאָל פון דעם דיכטער. ווען דער דיכטער קומט שוין אַמאָל מיט העק זענען זיי בלויע העק און האַקן, האַקן זיי — ווערטערביימער.

און דאָס איז אפשר ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אין די לידער איז דער מוט אַ סובלימירטער, אַן איידעלער מוט. נאָך עפּעס: ווען מ׳זאָל טאַבאַטשניקס בוך לידער נעמען אין אַ גלייכער מאָס צווישן דיכטער און צווישן דיכטונג, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז בנוגע דיכטונג זעט זיך זיין מוט אָן אין אַנהאַלטן אַלע זיינע יוגנטלעכע ליבשאַפטן. ער לויבט מוטיק און שטאַרק אַלץ, וואָס ער האָט געלויבט מיט פופצן, אָדער מיט צוואַנציק יאָר צוריק. דער כוח פון בלייבן געטריי צו דער אייגענער יוגנטלעכקייט און צו די ערשטע אַנטפּלעקונגען איז אויך מוט — מוט פון לאָיאַליטעט צו זיך, אויטאָביאָגראַפישער מוט, אין אַ צייט פון גרויסע אויפטרייסלונגען.

ווען ס׳קומט צו דער דיכטונג אין בוך, באַשטייט זיין מוט אין שאַפן עקזעמפּלאַרן פאַר אַלץ, וואָס ער האָט ליב געהאַט און האָט נאָך עד היום ליב אין דער פּאָעזיע. ער האָט מוט זיך צו לאָזן כאַפּן ביי דער האַנט; דאָס געפעלט אים און אַזוי האָט ער ליב צו שרייבן.

דאָס בוך לידער איז פאַר דעם דיכטער טאַבאַטשניק אַליין אַ שולונג און אַ גרויסע דערפאַרונג. מ׳זעט בפירוש, ווי ער איז געוואַגט גענוג זיך צו לערנען אויפן קול ביי זיינע דיכטער, וועמען ער האָט געשענקט זיינע יונגע יאָרן.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס איך נוץ אַזאַ פראַזע ווי „געשענקט די יונגע יאָרן". ער איז מיט גרויס באַוווּנדערונג געגאַנגען אויף דער לער צו זיינע מייסטערס און ער גייט איצט אויף דער לער ביי זיך אַליין, ביי אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט ווי אייגנס, ביי דעם וואָס ס'איז אים אַליין געבליבן פון די יאָרן פון יוגנטלעכער פאַרליבטקייט. דער אָפּזאָץ פון דער יאָרן־לאַנגער פאַרוווּנדערונג איז טאַקע דער שטאָף, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין לידער.

טאַבאַטשניק איז געקומען ווען ס'האָט נאָך געלעבט דאָס גאַנצע געשטאַלט פון דער גרויסער יידישער פּאָעזיע. ס'האָט נאָך געזונגען יהואש, ס'האָבן אים אַנטקעגנגעזונגען די יונגע און זייער געזאַנג איז אַריבערגעהילכט געוואָרן פון די אינזיכיסטן.

ער איז געווען יונג גענוג צו ווערן אַליין אַן אינזיכיסט, אָבער ער איז גלייך געבליבן צוגעשמידט צום צענטער, צום גלייכגעוויכט. יהואש האָט כסדר רעוואָלטירט קעגן זיך אַליין, די אינזיכיסטן האָבן בכלל געזונגען פון אַן אומאָרטאָדאָקסישן סידור, אָבער די יונגע האָבן פאַררוקט, פאַרוויגט זייער אייגענעם ערשטן רעוואָלט און זיי זענען געבליבן די שטילקייט, וואָס טאַבאַטשניק האָט באַגערט. געקומען איז ער פון סאַמע קאָך פון בירגערקריג אין רוסלאַנד. דערפאַר אפשר איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו דער געצאַמטער רויקייט, צו דער געקעניגטער שטילקייט, צו דער דיסציפּלין פון וואָרט, וואָס איז געווען דער אַבסאָלוטער היפוך פון דעם לעבן, וואָס ער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן.

זיין ליד וועגן קאַרל מאַרקסן הייבט זיך אָן מיט אַזעלכע שורות:

ס'איז נאַכט, ס'איז שטיל. שויבן פליעסקען
ווי וואַסערן מיט שטילקייט און מיט שטערן.
אַ טיש, אַ שטול, אַ קאַמין מיט אַראַבעסקן,
און ביכער אומעטום ווי שטיגן צו די שטערן.

אָט די אויסגעכאַוועטע שורות זענען אַ פּראָדוקט פון דער גרויסער פאַרוווּנדערונג, וואָס ער האָט אָפּגעהיט אין זיך און זי אַליין פאַרוואַנדלט אין אַן אייגענעם פליעסק, אין אייגענע שטיגן. ער איז געווען גענוג געטריי אָפּן אָפּצוצאָלן זיינע חובות אין לידער — חובות צו די דיכטער, וואָס האָבן אים דערהאַלטן ביים לעבן און חובות צו זיך אַליין, וואָס האָט ביי זיך כסדר געפּאָדערט צו ווייזן זיין פּנים אין דעם האַלב־טונקל פון דער געדיכטער, טראַפּישער ליבשאַפט.

דאָס בוך „דיכטער און דיכטונג" איז אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן חובות אָפּצאָל. פאַראַן איין העלפט, דער אָפּצאָל צו די דיכטער, וואָס איז אַ רויקער צוזאַמענשמעלץ מיט די געשטאַלטן פון זיין יוגנט. און נישט נאָר אַ

צוזאַמענשמעלץ, נאָר כמעט אַ צוזאַמענדיכטונג. ווען ער זינגט לידער צו זישא לאַנדוין, דילאָנען, מאַני לייבן, ראָלניקן, ווערן די לידער גוט אין דער שותפות מיט דעם באַזונגענעם האָב און גוטס.

אין דער צווייטער העלפט פון בוך, ווו ער בלייבט איבער מיט זיך אַליין, איז ער ראַנגלענדיקער, אומרויקער, און דערפאַר ווייל ער וויל דווקא די אומרו אַריינפּרעסן אין דער אַמאָליקער דיסציפּלינירטער רויקייט, געלונגען אים אָפט ערשטע איינפאַלערישע שורות, וואָס רעוואָלטירן קעגן זייער מחבר און זיי פאַלן אים אַרויס פון די הענט דורך פאַראומרויקן נישט נאָר דעם אינהאַלט, נאָר אַפילו אויך דעם גאַנצן טעמפּ פון ליד.

פאַראַן אין בוך אַ ליד צו אַן אומבאַקאַנטן, אפשר אַן אויסגעטראַכטן דיכטער. מיר זענען נישט מחויב צו דעשיפרירן דאָס ליד, ווייל דער באַזונגענער איז דאָ אַנאָנים. אָבער מיר שטויסן זיך אָן אַז דאָס האָט צו טאָן מיט אַ שאַפער פון ווערטער.

דיינע רייד זענען רייד פון אַ נביא
רייד פון פייער און הייליקן מוט;
איך וועל גיין מיט דיר דורך פייער,
איך וועל גיין מיט דיר דורך בלוט.

דאָס זענען נישט קיין איבעריק אָריגינעלע שורות. מיר האָבן שוין געהערט וועגן אָט די „רייד פון אַ נביא". אָבער ווען דער נביא גייט און ס'גייט אים נאָך דער יונגער דיכטער, דורך פייער און דורך בלוט, איז עס נאָך אַלץ, ווי מ'זאָגט, אין אָרדענונג.

נאָר אַז מען נעמט דעם לעצטן פערז פון ליד, ווערט מען דערשטוינט.

דו ווי אַ וואָלקן און איך ווי דיין שאָטן;
דו ביסט דאָס פייער און איך בין די קויל.
איך וועל שטייגן מיט דיר אין די הייכן
ווי דער שטויב וואָס קלעפּט צו דיין זויל.

דאָ וואָלטן מיר שוין גיכער געוואָלט אַז דאָס ליד זאָל זיין צו אַ געליבטער, מיר וואָלטן שוין געווען גרייט אויסצוטייטשן די ווערטער „עס ברענט דיין וואָרט אויף די ליפּן", אַז ס'איז גיכער אַ פאַרליבטער זאָג וועגן אַ פרוי, אָבער אין רעזולטאַט וואָלטן מיר אַלץ שאָקירט געוואָרן פון דער זעלבסטדערנידעריקונג. „איך וועל שטייגן מיט דיר אין די הייכן ווי דער שטויב, וואָס קלעפּט צו דיין זויל". מיר וואָלטן געווען שאָקירט, אָבער מיר וואָלטן עס ווי עס איז פאַרגעבן, ווי אַ געזאַנג דורך אַ פערזענלעכן „פייער און בלוט".

אָבער אַז מיר טראַכטן וועגן דעם „שטויב אויפן זויל" ביי אַ פּרעמד־דיכטער, וואָס אַליין ווערט ער דער וואָלקן, זענען מיר אויפּריכטיק גערירט פון דער דאָזיקער פאַרגעטערונג און מיר מוזן קומען צו עטלעכע אינטערע־סאַנטע אויספירן:

קודם כל, אַז די פרומקייט איז דעם דיכטער און אפשר אויך דעם קרי־טיקער טאַבאַטשניקן געשטאַנען אין וועג פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג. ווען מ'איז אַזוי איבערגעגעבן פרום, ביז זעלבסט־פאַרניכטונג, ווי ס'ווערט אַביסל מילדער אויסגעדריקט אין אַן אַנדער ליד —

איך בין געקומען מיט אַ רעש,
אַוועק וועל איך אַן טומל.
איך בין נישט רייזען און נישט אַש,
אַ שימה בלויז צום רומל.

פרעגט מען אַפּ דעם אייגענעם רעש. מ'פרעגט זיך: איז עס נישט דער רעש, וואָס וויל פאַרטומלען די דאָזיקע טענער פון פאַרגעטערונג, וואָס לאָזן נישט אָפּ און וואָס האַלטן דעם קריטיקער טאַבאַטשניק אין אַ כסדרדיקן גערעגטן זעלבסט־אַנאַליז, אַז ער איז נישט רייזען און נישט אַש?

נאָר ער איז דאָך — טאַבאַטשניק. קומט דאָ די צווייטע באַטראַכטונג פון דעם זעלבסט־קריטיקער, וואָס זוכט ביי זיך אַליין דעם מענטשן און דער־קענט אים נישט אַלע מאָל אין דער פרומקייט פון „שטויב אויפן זויל", וואָס איז אַ היפּשער דיסאַנאַנס צום רעש פון דעם אַנדערן מענטש, וואָס איז אַן אויפרייסער, אַן אימפּעטיקער צעשטערער.

פיינט, גענען, און לאָמיר זיך פאַרהערן
אין איידעלן כוח, אין אויפגעבליצטע רייד!

אָט דער דועל פון לעבן ווערט אויך פאַרדרימלט, פאַרשלעפּערט, פאַר־לירישט —

און טונקל ווערט די שווערד וואָס דרימלט אין איר שייד —

טאַבאַטשניקס פּראָזע־טאָן איז אַ העפּטיקער, אַן אימפּולסיווער, אַפילו זיינע קילע באַטראַכטונגען זענען פול מיט דער זעלבסט־פאַרשיכורונג פון אַן אפּיקורסישן זאָג, פון אַ וואָרט, וואָס זאָל ווי טאָן ביזן זיבעטן ריפּ. ווו איז דאָ דער שלום צווישן דעם דאָזיקן אימפּעט און דעם איידעלן רוף צום פיינט, אַז ער זאָל ביבליש „גענענען"? ווו ליגט די בריק צווישן דער איינגעוואָרצל־טער זעלבסט־פאַרניכטונג און דעם רעש, וואָס טאַבאַטשניק דערציילט אונדז אַליין, אַז ער איז מיט אים געקומען?

און נישט נאָר געקומען, נאָר טאַקע בפועל ממש אָנגעהאַלטן דעם רעש

אין זיין יונגער און געוואָגטער קריטיק. שטייט ערגעץ דער אַנאַליטיקער צווישן „דיכטער און דיכטונג״ און ער זוכט זיין אייגן געשטאַלט. אַ קריטי־קער איז בבחינת דאָקטאָר, וואָס קען נישט צוטרעפן די רפואה פאַר זיך אַליין. אין דעם בוך זענען פאַראַן אַ סך טויט־בילדער, וואָס ווייזן אונדז, אַז דער דיכטער דערגייט זיך אַליין די יאָרן. אָפטמאָל איז זיין ליד צו גאָט פאַר־בונדן מיט טויט און מיט דעם זעלביקן „שטויב אויפן זויל״, וואָס דערנידע־ריקט ביז זעלבסט־פאַרניכטונג.

פאַר זיינע פיס בין איך געלעגן
אַ וויסטער הרוג אויסגעשטרעקט —
האָט ער געשטעלט זיין פוס, דער זיגער,
און אָפּגעשאַרט מיך פון דעם וועג.

אָבער קיין גאָט דערהרגעט נישט אַזוי אַ באַזונדערן מענטשן, נישט דער יידישער און נישט דער גוייִשער גאָט. ס׳איז אַ מענטש גאָט וואָס טאַבאַטשניק האָט אויסגעטראַכט, כדי צו שטראָפן זיך אַליין — דאָ פאַר דעם רעש זיינעם, וואָס איבערגעוועלטיקט אים און איבערגוואַלטיקט אים, דאָ פאַר דער אונ־טערטעניקער פרומקייט זיינער, וואָס באַגלייט אים כסדר און רוימט אים איין אין אויער, אַז ער איז נישט קיין אַש און נישט קיין רייזען. אָבער קיינער, חוץ אַש און רייזען איז נישט — קיין אַש און נישט קיין רייזען. פאַר וואָס זשע איז אַזוי אומבאַרעמהאַרציק צו זיך דער קריטיקער און דיכטער טאַ־באַטשניק?

דאָס בוך „דיכטער און דיכטונג״ איז אַ דערגרייכונג, נישט נאָר אין דער קאַריערע, נאָר אויך אין דער ביאָגראַפיע פון דעם דיכטער און קריטיקער. ס׳איז זיין פערפעקטסטער אָפּצאָל צו זיין יוגנט. ווען ער זאָל לייענען אויפן קול זיין אייגן בוך, וואָלט ער איינגעזען, אַז ער האָט זיך אויסגעשוויצט זיין גאַנצע ליבשאַפט און ער האָט זי אויסגעקויפט, ווייל ער האָט פון איר גע־מאַכט געדענקלעכע שורות און געדענקלעכע לידער. ער האָט אויך אויף אַ מוטיקן אופן זיך אַליין אָפּגעקריטיקירט פאַר אַלעמען אין די אויגן.

און אַנונג פון אַ גיי און וווּנדערלעך געשען,
ווען כ׳האָב — פון רעש פאַרטויבט — אַ ניט געניטע פען,
דורך שטאַמל־קנויל פון אַנגעדראָלטע רייד
אין האַרץ פון וואָרט אַריינשטעכן געגרייט.

מיר באַגעגענען זיך דאָ ווידער מיט דעם רעש, וואָס טאַבאַטשניק האָט זיך פון אים אָפּט געלאָזט פאַרטויבן. אָבער יעדער איינער שרייבער לאָזט זיך פאַרטויבן פון אייגענעם רעש, נאָר ער ווערט אים נישט אַלע מאָל אָן, ער רינט ביי אים נישט אויס אונטער די הענט.

דאָס בוך טאַבאַטשניקס איז אַ בייטראַג צו דער ייִדישער דיכטונג, ווייל מיט די געשטאַלטן פון דיכטער און מיט די עקספּערימענטאַלע שטילע צייט־לידער, איז אין דעם בוך לידער אַריינגעגריבלט געוואָרן אַ סך אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל, וועגן די בלויע העק און וועגן די ווערטער־ביימער.

דאָס איז אַ בוך פון אַ זעלבסט־אַנאַליזירנדיקן דיכטער, וואָס האָט נישט נאָר געלעבט צווישן טעג, נאָר אויך צווישן לידער.

אָבער שוין. דאָס ענדיקט אַ קאַפּיטל. שוין. דער דיכטער האָט זיך שוין אין דעם בוך אויסגעשייגעצט בפרהסיא, זיך אָנגערופן נישט מער ווי אַ שיימע, כדי צו באַרעכטיקן אין זיך דעם אויסשייגעצער פון אַנדערע. דער דיכטער איז דאָ פּטור געוואָרן פון אַ סך פון זיינע יוגנט־חובות, ער האָט בפירוש אָפּגעגעבן מער, ווי ער האָט גענומען און געקראָגן.

אין דעם בוך „דיכטער און דיכטונג" זיצט טאַבאַטשניק צווישן די רע־מיניסצענצן פון זיין דיכטערישער דערפאַרונג. אָבער ער זינגט מיט אַ קלאָר־קייט, ווען ער גיט אונדז אַ בצימצומדיקע באַטראַכטונג פון אונדזער דור, שוין צוזאַמען מיט דער דערשראָקענער האָפענונג.

דער אורוואַלד ברומט מיט אורגוואַלד אין דער נאַכט.
די ווילדע חיות לאַקערן און ברילן.
דער רויב ווי פייער ברענט אין יעדנס פּיסק,
און ביי דעם קוואַל, דעם זילבערנעם און שטילן,
די סאַרנע ציטערט אויף די דינע פיס.

פון צווישן „דיכטער און דיכטונג" און צעצווייגטן ווערטער־בוים שפּאַנט אַרויס דער דיכטער טאַבאַטשניק, אַ מענטש וואָס האָט אָפּגעצאָלט אַלע זיינע חובות און ער וויל אָנהייבן זינגען מיט אַן אויסגעלייטערט קול.

.1949

מלכה חפץ־טוזמאַן

מלכה חפץ טוזמאַן האָט מיט דעם נאָמען פון איר צווייטן בוך לידער ריזיקירט און מסתמא אָפּגעשטויסן די הונדערטער, אפשר גאָר טויזנטער קויפערס פון ייִדישע לידער־ביכער, אָבער ס׳איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. אַזאַ נאָמען פאַר אַ בוך לידער — „מילד מיין ווילד״, איז פאַר דער אָריגינעלער דיכטערין זיכער געווען אַזוי וויכטיק, אַז ס׳האָט איר נישט געאַרט וואָס זי האָט נישט אויסגעטראַכט קיין מער־צוציִענדיקן נאָמען. זי האָט אונדז געוואָלט געבן אַ שליסל צו איר טעמפּעראַמענט, כדי מ׳זאָל קענען אויפנעמען אירע לידער.

אין דעם נייעם בוך איז דער וויכטיקסטער בייטראָג דאָס לשון, וואָס גיט דעם שליסל צו די לידער. די שורות זאָגן זיך מיטן טראָפּ פון אונדזער צייט. מלכה חפץ טוזמאַן האָט תמיד געזוכט איר אייגן וואָרט, אַפילו ווען זי האָט איינגעשטעלט די פאַרטייטשונג פון גאַנצן ליד. איר איז געגאַנגען אין חתמענען אירע רייד, און ס׳איז איר מייסטנס געלונגען. אין צווייטן בוך קומען אירע דיכטערישע רייד צו אונדז באַלאָדן מיט די פּראָבלעמען פון אונדזער עפּאָכע, און דאָס לשון איז צוגעפּאַסט צו די אַלע טענות, וואָס זי לאָזן אונדז הערן.

מוטער, ווייב, טאָכטער, ייִדיש קינד, מענטש און בירגערין פון אונדזער דערשראָקענער וועלט — דאָס זענען די טעמעס פון אירע לידער. מלכה חפץ טוזמאַן נעמט־אויף פּראָבלעמען און זי טרייסלט זיי נישט אָפּ צו־לייכט, זי מוזיצירט זיי נישט און וויגט זיי נישט איין, זי אונטערדריקט נישט איר קול, זי נעמט אַ וואָרט, מיט אינטעליגענץ און ווירדע. אין דעם צוזאַמענשמועס פון אונדזער ייִדישער וועלט־פּאָעזיע, וואַרפט זי אַריין אי הייסע, אי געזעצטע רייד און ס׳איז כדאַי זיי אויסצוהערן.

נישט אַלע אירע לידער זענען געלייטערטער שמועס. דאָרט ווו די דיכטערין זוכט באַוווסטזיניקע העברעיִשע גראַמען ווי — מוח, מתווכח, אמת — רמז, חיות — בקיאות, ווערט דאָס ליד אַ ביסל פאַרקוואַרט, אָבער ווען זי וויל אונדז אויף אַן אמת עפּעס זאָגן און דער עיקר אויסזאָגן און באַלייכטן, הערט מען אַ קענטיק פּרויען־קול, וואָס איז אָנגעלייגט אין דער מסיבה, ווייל עס וואַרעמט־אָן דעם שמועס און עס גיט־צו חן.

מלכה חפץ טוזמאַן פאַלט מוטיק אַריין אין די רייד פון דיכטערישן צו־

זאַמענשטויס פון אונדזער דור, און אַפילו ווען איר ייִדיש איז אַמאָל טערפּקע און די ניי־גראַמען שלאָגן־אָן צופיל אויף דעם קלאַנג און ציִען־אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון ערלעכן מיין פון די ווערטער, ווי „גראָז — פראָגנאָז", אָדער „פאַרביינען — אַליינען", הערן מיר זי פונדעסטוועגן אויפמערקזאַם, ווייל מיר שפּירן אַז זי זוכט פולערן אויסדרוק און נישט בלויז לייכטע מוזיק.

פון דאַנען איז געדרונגען, אַז מלכה חפץ טוזמאַנס רייד שאַפן מאָדערנע לידער־שורות און איר קול איז דאָס קול פון אַ היינט־צייטיקן מענטשן. אַפילו ווען אירע שורות זענען דורך און דורך ווייבלעך און מוטערלעך, טרעטן זיי נישט אָפּ פון רעכט צו זיין גלייכבאַרעכטיקט. ס'האָט גענומען לאַנג ביז די פרוי האָט איינגעשטעלט און אויסגענוצט אירע גלייכע רעכט צו רעדן קלוג און שכלדיק און אָן חנדלעך אין אונדזער פּאָעזיע. די ערשטע צו עמאַנציפּירן פרויען־פּאָעזיע איז ביי אונדז געווען קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. זי האָט דערפאַר אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער פולער באַטייליקונג פון דער ייִדישער דיכטערין אין דער מסיבה פון ייִדישן ליד. מלכה חפץ טוזמאַן איז אויך אַ זעלבסט־באַרעכטיקטע דיכטערין און מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו הערן אירע לידער־שורות.

נאָך פעלט איר דער גוטער באַלאַנס, וואָס זאָל דאָס נייע לשון קודם אויספּרוּוון אויף איר אייגענעם אויער, איידער זי רעדט עס אַרויס, ווי למשל —

זיך אָנכאַפּן אין קליינעם פּיסל פון מיין קינד,
די פּיאַטקע אויסקושן האָט מיך געטאָן אַ רעג.
דאָס פּיסל איז קיין חלום נישט אין שווינד,
ס'איז האָר, שוין ליגט אַ שפּור געצייכנט אויפן שטעג.

די ערשטע שורה איז זייער באַטעמט און ווי אַרויסגעכאַפּט פון מיטן אַ געדאַנק, אָבער מלכה חפץ טוזמאַן ציילט צופיל די זילבן פון אירע שורות, און אַזאַ וואָרט ווי 'שווינד" פאַרהאַרטעוועט דאָס ליד. מיר זענען טאַקע קעגן לייכטער און וויגנדיקער זינגעוודיקייט, אָבער נישט אויפן חשבון פון דער פליסיקייט פון דער שורה. די לעצטע צוויי שורות פון זעלביקן ליד „שאָקלענדיקע בריק" זענען אויך צו־האַרט און איינגעגאָסעוועט —

פעסטונג וואַקלט ווי אַ שאָקלענדיקע בריק.
קינד נעסטלט אין מיין שויס און איך ווער האַרבעריק.

מיכל ליכט האָט, זוכנדיק דעם דיכטער אין זיך, אַזוי פאַרגיפסעוועט די שורות. מלכה חפץ טוזמאַן געווינט אויך און באַפרייט זיך און איר ליד, בלויז ווען זי איז פריי און זי וויל נישט ווייזן ווי מעטריש איינגעוווינט זי איז און ווי באַקוועם איר איז. אין אַזאַ כלומרשטער באַקוועמלעכקייט ווערט פאַר־

לוירן איר קול און דער מיין ווערט־אָן די עלעגאַנץ, וואָס איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר איר אריינשמועס אין דעם ערנסטן גערייד פון דער פּאָעזיע פון אונדזער צייט.

אַ נאַקעט פייגעלע, ערשט פון איי אַרויס,
האָט אומגעריכט מיר עמעצער אַריינגעלייגט אין האַנט.

און די דיכטערין פרעגט —

אוי, וואָס טוט מען מיט אַ לעבן אין דער האַנט?
ווי האַלט מען דאָס לעבן אין אַ האַנט?
ווי גרויס, ווי גרויס איז אַ ברעקעלע לעבן?

אין אַזעלכע פרייערע שורות איז דאָ אַטעם אין איר ליד און ס׳ווילט זיך הערן איר קול. אין אַזעלכע שורות איז אויך דאָ מער אָריגינאַליטעט און מער מוזיק אין דעם דערשטוין, ווי אין אַזאַ פולן אָנווייז אויף מוזיק —

דו היפּסט.
ביסט שוין אויפן העכסטן שטאַפּל פון
מיין לייטער.
אַן אויגנבליק
און כ׳בין
אַ טאָן אַ צעריסענער פון בראַמס צווייטער.

כ׳נעם־אָן אַז צווייטער מיינט דאָ — פון דער צווייטער סימפאָניע און איך ווייס נישט מיט וואָס אַ צעריסענער טאָן פון דער צווייטער איז מער צעריסן ווי פון דער ערשטער אָדער פערטער. דאָס מיינט נישט צו זאָגן אַז די אָנווייזן אויף וויסן און אינטעליגענץ זענען מיר נישט אָנגעלייגט. זיי דאַרפן אָבער נישט זיין דירעקט, נאָר ווי אין די געראָטענערע לידער — גי־כער רעפלעקטירן דאָס קלוגע טראַכטן און דאָס אייגנאַרטיקע זען, ווי למשל, די אָריגינעלע בילדלעכקייט פון דער באַשריבענער אָרעמקייט אין ליד — „אַ דאַך איבערן קאָפּ״, ווו „קויט האָט איצט אַן אייגענעם קאָליר און שמעקט פאַמיליאַר —

היימיש
ווי אַ „גוט וואָך״ נאָך הבדלה,
ווי חלב־ריח נאָך פאַרלאָשענעם געפלעכט
און קיין זאַך איז שוין מער נישט שלעכט.
געבענטשט זיי, לעצטער טרעפּל פון „אַראָפּ״.
שפלות שפּרייט אַ פאַלע אויס
און ווערט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ס׳איז שיין און קלוג און אַפילו סאָציאָלאָגיש־אמת געזאָגט, אָן דער אינ־טעליגענטישער חכמה, וואָס פאַרטשעפּעט ביים לייענען עטלעכע שורות.

מלכה חפץ טוזמאַן זינגט און באַזינגט נישט־באַזינגענדיק איר היימ־שטאָט „על־עי״, און הלוואַי וואָלט אין על־עי איצטער געווען אַ פעסטע פּאָעטישע סביבה, מיט פּאָעטן וואָס מ׳קען זיי אָנפאַרטרויען שורות און געטרויען זיי אַפילו אַ מעקער, וואָס זאָל מעקען און איבערשטעלן. מלכה חפץ טוזמאַן נייטיקט זיך אין אַזאַ השגחה, ווייל אין אימפּעט פון אירע באמת־אָריגינעלע אויפטוען האָט זי אונדז געגעבן זייער־ווייניק פולע און פאַרענדיקטע לידער, נאָר הייסע און „פּולסיווע״ שורות, כ׳מיין טאַקע שורות וואָס פּולסירן, קלאַפּן און לעבן. אָבער זי האָט אין אומגעדולד זייער זעלטן דערגרייכט די זעטיקייט פון אַ באַזונדער ליד, ווי ס׳איז איר געלונגען אין איר פריערדיק בוך. איך האָלט געוויינלעך נישט פון האַלטן אַ דיכטער ביים וואָרט און פאַרטייטשן דעם דיכטער מיט עפּעס וואָס כאַפּט זיך ביי אים אַרויס, אָבער די דיכטערין ווייסט ווי זעלטן עס קומט די הנאה פון שטילן וואָרט —

ווײ, ווי פאַרקנעכט איך בין צום אויגנבליק פון
ערלעך שטילן וואָרט וואָס קלאַפּט אָן צו מיר אַזוי זעלטן.

עס קומט צו איר אַ סך אָפטער ווי זעלטן, אָבער איר אומגעדולד צאַפּלט עס אַרום מיט אַזוי פיל מורא, אַז זי וועט עס פאַרלירן פון אויג. דערפאַר געשעט ביי איר זעלטענער דער נס פון דעם פולן ליד.

פונדעסטוועגן איז גוט צו הערן דעם געריידן און געפלאַטער פון אירע רייפע שורות, פון דעם אופן ווי זיי פאַלן איינע אויף דער אַנדערער און איינע צו דער אַנדערער — דער עיקר אין טייל בילדער פון דער לעצטער סעריע פון בוך — „ליכט און רויך״. אין די צען לידער פון דער סעריע איז פאַראַן גאָר אַ סך פון וואָס הנאה צו האָבן. אַפילו אין אַזאַ ליד ווי „גלאָקן״, וואָס איז מסתמא אַן אָנוווּנק אויף עדגאַר עלען פּאָוס — „בעלס״, איז דאָ אַ סך אייגנס —

ווי מוראדיק ליב איך האָב גלאָקן.
נאָר די יענע פון די קירכן
מיט אַ פרעמדקייט אין די הילכן
האָבן מיר די קינדהייט אָפּגעשראָקן.

דאָס זענען פולע יידישע שורות. די „אָפּגעשראָקענע קינדהייט״ איז אמתדיקער אויפטויך פון קליינע דערשראָקענע יידישע טעג, וואָס זענען פאַרסמט געווען פון היינט און קירכן־גלאָקן. און דאָ אין דער לידער־סעריע קומט אין צוזאַמענשטויס די אומדירעקט־רעפלעקטירטע אינטעליגענץ פון דער דיכטערין און די דירעקטע, וואָס ציט יניקה פון אַ הוילער טערמינאָלאָגיע. זאָג איך נישט אַז ס׳איז נישט אַמאָל כדאַי צו נוצן „אינטעליגענטע״ ווערטער,

אָבער בפירוש נישט ווען זיי שפּאָרן איין דעם דיכטער די דאגות פון שאַפן דעם באַזונדערן אויסדרוק. אינטעליגענטישע רייד זענען געגעראַליזאַציעס און בעת זיי מיינען גאָר אַ סך, מיינען זיי כמעט גאָרנישט פאַר דעם דיכטער. ווען מלכה חפץ טוזמאַן פרעגט אין איר ליד — „פּאַרוואָס פאַרלייקן איך״, אַזעלכע קשיות ווי — „פּאַרוואָס ווער איך זיך קעגן מיינע אינטויציעס״ און זי רעדט וועגן „ריינער פּערצעפּציע און אַספּיראַציעס״, „אינסטינקט״, „עמ־פינדלעכקייט״ און „סענסיטיוויטעט״, ווייסן מיר אַז זי איז אויסן באַוווסט־זיניק צו עקספּלאָדירן די אַלע ווערטער, אָבער ס׳גיט איר ליד גאָרנישט צו. „איידער דערווּיסנדיק וויסן, האָב איך ריינע פּערצעפּציע״, איז שלעכטער שמועס און קיינער וואָלט עס נישט געוואָלט הערן, ווען די דיכטערין זאָל פּלוצים עפענען דאָס מויל און עס זאָגן טאַקע אָט אַזוי, אָדער זי זאָל אָנווייזן אויף זיך מיט אַזאַ מין באַמערקונג —

אויב שיינקייט איז פאַראַן אין מיר
איז דאָס „געלייטער״ פון מיין עמפינדלעכקייט.

אויב שיינקייט איז פאַראַן אין דעם נייעם בוך לידער פון מלכה חפץ טוזמאַן, איז עס גיכער פאַראַן אין אַזעלכע שורות —

דאָס קליין מעסערל מיטן ווייסן,
קילן, קיילעכדיקן העלפאַנטביין־הענטל
האָט זיך געגרויסט
אין מיין זיידנס שבתדיקער האַנט,
בשעת ער האָט אַן עפּל געשיילט
אין דינינקע רייף־שמעקעדיקע רעפּטעלעך,
פּאַמעלעכקע צום מויל געטראָגן
און זיינע ליפּן האָבן אַ ברכה געמאַכט
אויף פּרי פון בוים.

מיר געפעלט דער מענטש אַפילו הינטער די אומגעראָטענע לידער, ווייל אַפילו אין זיי זענען פאַראַן אַ סך שורות, וואָס נעמען־אויף קלוג און טרויע־ריק דאָס נישט־דערלאַנגטע טעלערל פון הימל, ווייל די האַנט איז שטענדיק געווען אויסגעשטרעקט צו דערלאַנגען.

אָט באַלד און ס׳וועט אַהינקומען דער לעצטער שטראַל פון טאָג.
ס׳טוקט זיך ווי אַן אויג אַ מידער הינטער וויעס.
און ער איז מיד
און לאָזט אין מידקייט זינקען זיך ווי דער
וואָס לייגט די הענט זיינע צוזאַמען ביים אויסלאָז פון נסיעות.
נאָר באַנג איז אים אין דעמער־בלוי

יעקב גלאַטשטיין

גלייך ער וואָלט אויף יענער זייט פון זיינע רייזעס
ברויזיקע און שטילע
עפּעס וואָס פאַרגעסן
און ווייסט דערפון דעם נאָמען נישט אַפילו.
— — — — — — — — — — — — — — — —
צעקלאָגט האָט זיך דער שר פון אַלע באַנגען.
גאָר נאָענט געווען און נישט געקענט דערלאַנגען.

דאָס ליד איז אַ געלייטערטער קלאָג אויף דעם נישט־דערגרייכטן. ס׳איז אַ פּרעכטיק ליד און ס׳איז מוציא אַלע פּאָעטן, מיט זייערע אויסגעשטרעקטע הענט צום נישט־דערגרייכטן.

.1959

א. לוצקי

דאָס פינפטע בוך פון זיינע לידער האָט שוין א. לוצקי נישט דערלעבט צו זען, כאָטש ער האָט די זאַמלונג אַליין צוזאַמענגעשטעלט. דאָס בוך „פון אַלדאָס גוטס״, וואָס איז דערשינען נאָך דעם פּאָעטס טויט, פאַרמאָגט זיכער נישט אַלע חנען פון לוצקיס פריערדיקע לידער, אָבער לכל־הפּחות די חנדלעך זיינע און די גאַנצע אָנגעוואָרפענע לאַבאָראַטאָריע פון זיין אַמאָליקער מאַגיק. דער חסרון פון זיינע לעצטע לידער באַשטייט אין דעם, וואָס די הענט פון מאַגיקער זענען געווען מיד און שוין נישט אַזוי געפלינקט.

א. לוצקי איז געווען איינער פון אונדזערע אָריגינאַלן, וואָס האָט מיט זיין ערשטן בוך לידער „אומעטיק און פריילעך״ (דערשינען אין 1927), אַלע־מען איבערראַשט מיט זיין רייכן רעפּערטואַר, וואָס ער האָט אויסגעשפּילט. ס׳איז גוט וואָס אַהרן קאַרלין גיט אונדז, אין דעם לעצטן בוך, אויך א. לוצ־קיס „ערשטע לידער״, וואָס זענען דערשינען אין „פאָרווערטס״, ווען דער דיכטער האָט נאָך געהייסן אַהרן צוקער.

ס׳איז דאָס לעבן וויסט,\
פינצטער אָן אַ שיין;\
דאָך הער איך אַ שטים:\
עס קען נאָך ערגער זיין.\
איינער בלינד און שטום,\
זעט ער נישט די וועלט,\
קען ער נישט זאָגאַר\
זאָגן וואָס אים פעלט.

דאָס זענען שורות פון אַ ליד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס״, אין יאָר 1917, אין צוויי יאָר שפּעטער, ווען לוצקי איז צוריק־געקומען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איז ער שוין געוואָרן אַ צוריקגעווי־זענער פּאָעט. דער זעלביקער „פאָרווערטס״ האָט נישט געוואָלט דרוקן זיינע נייע לידער, ווייל אין זיין דראַמאַטישער זיך־איבעראַנדערשונג האָט ער אַזוי געזאָגט אויף זיך —

איך בין לויטער ליד,
אַזוי ווי איילנדיקע דינע וואַסערלעך.
מיט אַ קלאָרקייט פון
פאַרנאַכטן איבער וועלדער.
געזאַנג,
באַנג.
לויטער יאָגטעוו.
אַ דערהויבענער פון זיך אַליין.
אַ נאָענטער פון הויכע ווייטן.
אַ ליכטיקייט צו גאָרע צייטן.

זיין „פאָרווערטס"־ליד איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט גראַמען און אין דעם נייעם ליד האָט מען שוין געמוזט וואַרטן שיינע עטלעכע שורות, ביז מען איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ גראַם — ווייטן־צייטן. דערצו איז ער נאָך געוואָרן אויס שרייבער פון לידער — ער אַליין איז גאָר געוואָרן „לויטער ליד".

אָן ספק אַז לוצקי האָט טאַקע דערשפּירט אין זיך דעם דאָזיקן פיזישן צי־טער פון אַליין ווערן ליד — מיט אַלע חושים, ווי ער זאָגט אין אַן אַנדער פון זיינע באַנייטע לידער —

מיין ווילן ווייגט אין מיר,
פון גרויס געזאַנג אין מיר.
מיינע גלידער קניען זיך — און בעטן.
מיינע גלידער ציען זיך — און מאָנען.
גרויס געזאַנג אין מיר,
זינג אַרויס פון מיר.
מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר.
איך וויל ווערן.
איך ווער פאַרצערט פון וועלן ווערן.

דאָס איז אַ שליסל־ליד. ווער ס'האָט אַמאָל געענטפערט דעם רוף צו שרייבן אַ ליד, אַ רוף וואָס איז געקומען פון אינעווייניק, און וואָס מ'האָט אַמאָל באַצייכנט מיט פאַרשיידענע נעמען: רוח הקודש, שטימונג, אינספּי־ראַציע, ווייסט אַז ס'איז באמת אַ דורכגעציטערט געפיל, פון גלידער וואָס בעטן זיך, ציִען זיך און מאָנען, פון אַ געזאַנג וואָס רייסט זיך אַרויסצוזינגען. אָבער לוצקי פאַרטרויט אונדז נאָך, אַז אים איז אַזש ענג פון איבערפלוס. דעם איבערפלוס האָט ער ערשט באַדאַרפט סיסטעמאַטיזירן, צאַמען און באַ־הערשן. זיין אַמביציע צו ווערן איז געווען גרויס, און דער כוח צו באַ־הערשן דעם איבערפלוס, וואָס איז געווען אין אים איז געווען אומגעדולדיק

און קנאַפּ. ער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געראַנגלט מיט דעם געוואַלטיקן אי־בערפלוס און מיט ווערטער פאַרגעסן און וועלן ווערן.

יעדער אמתער פּאָעט פאַרמאָגט איבערפלוסן. איבערפלוס מיינט רויקייט, אַריבערגערעדטקייט, פון דעם דאַרף ערשט געשאַפן ווערן מאָס, די אינדיווי־דועלע מאָס פאַר דעם דיכטער, וואָס זאָל אויפן בעסטן אופן אַרויסברענגען זיין קול און זיין פּנים. לוצקי האָט גלייך געוואָלט הערן זיין קול און געוויזן זיין פּנים, אָבער נישט תמיד איז אים געלונגען צו באַהערשן זיינע מותרות — דעם רויען איבערפלוס.

דאָס איבערראַשנדיקע אין זיין ערשטן בוך לידער — „אומעטיק און פריילעך״, וואָס האָט נאָך צוגעשריגן מיט אַן אונטערקעפּל — „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך״, איז געווען דער נייער און באַנייטער מענטש, וואָס איז געקומען מיט אַ סך קלוגע קאָמענטאַרן און מיט אַ פרישן לידער־רעפּער־טואַר. אין 1919, ווען א. לוצקי האָט זיך באַוויזן, האָט מען נאָך דעקלאַמירט און אויסגעשפּילט לידער, און א. לוצקי האָט אויף אַן אומגעריכטן אופן גע־ביטן דעם רעפּערטואַר, אַריינגעבראַכט אַ נייעם רעציטאַציע־טאָן און אַליין געוויזן, ווי מען שפּילט אויס זיינע לידער.

די טעמעס זענען אויך געווען נייע, נישט אַזוי ניי, ווי אַזוי צו זאָגן, אַנדערש־איבערגעאַנדערשט. יעדער דיכטער באַשרייבט שטומע זאַכן, אָבער לוצקי האָט די שטומע זאַכן טאַקע באַרירט מיט זיינע חושים. ער האָט זיי געגעבן אַ ראָלע און זיך גענומען שפּילן מיט זיי, ווי מיט לעבעדיקע צאַצ־קעס. אַ סך מאָל האָט ער עובר געווען אויף דעם חטא פון איבערפלוס און געשאַפן פאַר זיך אַן איינטאָניקן טעמע־אויסוואַל.

ס'איז שוין אַזוי פיל מאָל באַמערקט געוואָרן, אַז לוצקי איז געווען אַ געבוירענער אַקטיאָר און ער האָט בעסער פון די בעסטע אַקטיאָרן געקענט אַרויסברענגען זיינס אַ ליד. אין זיין ליד איז גלייך געווען דער אויסשפּיל. אין דעם איז באַשטאַנען דער גרויסער חסרון פון זיין אייגנאַרטיקער פּאָעזיע. זי איז געווען צו פול און אויספּירלעך. זיינס אַ ליד פאַרמאָגט אַלץ וואָס לוצקי האָט אין דעם לכתחילה געוואָלט אַריינאַרבעטן, אַחוץ לופט און שטוי־בונג וואָס אַ ליד דאַרף האָבן. אַפילו לוצקיס אַזוי־גערופענע מיסטישע לידער זענען נישט מיסטיש, ווייל זיי זענען צו אויסגעשפּילט. די מיסטיק איז אַן אויפגעקלערטע, מיט אַלע קנייטשן. ער לאָזט גאָרנישט איבער פאַר אונדז, ער געטרויט אונדז נישט, ער האָט מורא אַז מיר וועלן זיין ליד קאַליע מאַכן אָדער נישט כאַפּן דעם מיין, דערלאַנגט ער עס שוין מיט די קאָמענטאַרן.

לוצקי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פּאַרזיכטיקער באַלמלאָכע. ער האָט געהאָרעוועט אויף יעדער וואָרט און שורה. אָבער זיין לשון איז געווען

אָרעם און זיין ווערטער־אוצר אַ מאָגערער. זיינע גוטע ווערטער־איינפאַלן זענען ביי אים אָפט אַ גליקלעכער פּועל יוצא, דווקא פון דעם ווערטער־קלעם וואָס אין אים האָט ער זיך געפונען. זיינע טראַכטערישע לידער זענען אויך גליקלעכע איינפאַלן פון אַן אָריגינעלן אומאָרגאַניזירטן טראַכטער. אַ ביסל מער וויסן און לוצקי וואָלט קאַליע געוואָרן. זיין אָריגינאַליטעט האָט אים געשטויסן צו זיין נאָך אָריגינעלער, און דאָס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, ווייל זיין וועלט האָט אויסגעשלאָסן אַזוי פיל עלעמענטאַר וויסן, וואָס וואָלט אי־בערגעפירט זיין ליד און וואָלט אים געשטעלט העכערע פאָדערונגען, וואָס צו זיי וואָלט אים אפשר שווער געווען צו דערגרייכן.

ווען מען גייט למשל אָן דאָס באַזונדערע לעבן פון אַ קאָרנעט? לוצקי דער־ציילט אונדז, אַז אַ קאָרנעט קען נישט וויינען, מ'וויינט אין אים אַריין און ער לאַכט אַרויס: טראַ־ראַ־ראַ. „דער קלענסטער אין דער שפּילערישער משפחה און שרייט אַלעמען איבער". אָבער אין אָרקעסטער, ווי לוצקי האָט אים דיריגירט און אויפגעשפּילט, אין זיינע אַזוי גערופענע אימפּראָוויזאַציעס, קריגן אי דער קאָרנעט, אי דער טראָמבאָן אויך אַ שטיק תיקון. אָבער ערשט אין זיינע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס זענען אַזאַ וווּנדערלעכע רעפּערטואַר־ירושה פאַר אַקטיאָרן, זעט מען דעם נישט־באַגייסטערטן איבערפלוס, דער עיקר ווען מען לייענט די שורות מיט די אויגן און נישט מיט די אויערן, וואָס הערן ווי אַן אַקטיאָר שפּילט זיי אויס.

קורץ און שאַרף:
גאָט זאָל העלפן,
ביי קינדער,
ביי אייניקלעך,
ביי אוראייניקלעך
און ביי...

דאָס זענען אויסגעשטעלטע שורות, וואָס אַן אַקטיאָר קען אין זיי אַריינ־בלאָזן אַ ביסל לעבן. לוצקי האָט די שורות באַזאָרגט מיט אַ מאָראַל —

מענטשן ווילן אַן אַ סוף
עס זאָל זיך ציִען און ציִען
מיט זיי אינאיינעם
אייביק.

און דאָס איז בפירוש אמת, אָבער לוצקי איז געווען זיכער אַז ער האָט נאָר וואָס דעם אמת אַנטדעקט, אין די לחיימס פון די ייִדן. אין דער איינגע־רעדטער זיכערקייט פון אָקאָרשטיקער אַנטדעקטקייט און אַנטפּלעקטקייט, איז געלעגן לוצקיס מאַגיק. ער האָט טאַקע בפירוש געגלייבט אין זיין דערפינדע־

רישקייט, און גלייבנדיק איז אים געלונגען צו שאַפן אַ סך אָריגינעלע שורות פון אַ מין דיכטערישן ראָבינזאָן קרוזאָ, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט פריער און געהאַט ווייניק געדולד פאַר דעם שפּעטער, אַפילו ווען ער איז צוריקגעקומען צו ציוויליזאַציע.

אַט די נאַיִוויזירטע פרייד געפינט מען אין לוצקיס ערשטן בוך לידער, און נאָך מער אָריגינאַליזירט אין זיין צווייטן בוך לידער — „בראשית אינמיטן", (דערשינען אין 1932), אין „בראשית אינמיטן" האָט לוצקיס אומגעהייערער דראַנג צו ווערן, געקראָגן אַן אייגענע מאָס. ער האָט זיך שוין געקענט אַפילו געפינען אין געצאַמטע שורות —

איך טובל זיך אין וועלט.
איך בין אַ וויל — און שאַף זיך דויער.

לוצקי האָט געגעבן לשון דעם פּרימיטיוויזירטן פּרעגער, דעם וואַנדערער, דעם ערשטן גאָט־זוכער און פּאַרטייטשער פון „איידער־איידער". זיינע שטורמע שפּילעכלעך זענען געוואָרן סימבאָלן.

צייטס אַ זינדעלע
וועלטס אַ זיידעלע,
אָנהייבס אייניקל
שטילקייטס חברל.

אין זיינע צוויי שפּעטערדיקע ביכער איז שוין א. לוצקי געווען אַן אויסגעשעפּטער, פּשוט דערפאַר ווייל זיין טעמאַטיק איז געלעגן אויסגעפּאָרשט, אויסגעשפּילט און אויסגעצוזונגען פון אַלע זייטן. ער האָט זיך מיט זיין בוך „פּאָרטרעטן" אין 1945 דערפאַר אַ קער געטאָן צו לעבעדיקע מענטשן און גענומען קאַריקאַטוריש נאָכמאַכן לעבעדיקע גרימאַסן פון באַקאַנטע פּערזאָנען, און מיט זיין בוך „צום לעבן" (דערשינען אין 1948), האָט ער, לויטן שער־בלאַט, שטאַרק געוואָלט געבן אַ ניי בוך „מיט נייעם תוך, געדאַנק, געזאַנג, מיט עפּעס נאָך, באַגלייט מיט פרייד פון א. לוצקי", אָבער געווען איז אין דעם בוך, ווי אין די „פּאָרטרעטן", בלויז די פרייד פון דערמאָנען און איבערחזרן אַלטע פּאָעטישע דערגרייכונגען, אויף דעם הינטערגרונט פון ווערטער־אָרעמער פּראָזע און דערשלאָגענע גראַמען —

וואָס זאָל ער שוין זאָגן.
ער דרייט זיך אום דערשלאָגן
און פּאַרקלעמט.
ער ווייסט נישט ווו מען נעמט.
ער קוקט די אויגן אויס:
כאָטש „עפּעס" א. אַז. וו.

דאָס איז אַ ליד פון אַ שלימזל, אָבער אין דעם ליד פעלט שוין אַפילו דער בליציקער קאָמענטאַר לוצקיס, וואָס האָט אויסגעלייזט די אָרעמקייט פון דער פּראָזע זיינער אין ליד. ערשט די פּראָזע אין ליד מוז מען דערהויבן, כדי די זאַגעוודיקייט זאָל זיין אַזוי אָנגעלייגט און יום־טובדיק ווי די זינגעוודיקייט.

דאָס לעצטע בוך א. לוצקיס דאַרף גוט אַנאַליזירט ווערן, ווייל די ראָם פון בוך איז די זעלביקע ראָם, ווי פון אַלע זיינע פריערדיקע לידער־ביכער, אָבער די מידקייט און פאַרלאָשנקייט איז דאָ נאָך קענטיקער ווי אין זיינע פריערדיקע צוויי ביכער. לוצקי איז אין דעם לעצטן בוך זיינעם דער נאַקעטער זאָגער,

דער חכם
איז גאָרנישט אַזאַ קלוגער
ווי מע טראַכט זיך.
דער טיפּוש
איז גאָרנישט אַזוי נאַריש
ווי סע דאַכט זיך

אָט די אמתדיקייטן ווערן אין דעם בוך נישט דערהויבן. אַן אַנדער ליד זאָגט אונדז אַז

ווער איז אַ נאַר?
יענער.
ווער זעט אויס אַלט?
יענער.
ווער איז געשטאָרבן?
יענער.
יעדער איך
ביי זיך
איז קלוג.

ווידער האָבן מיר אַ געזאָגטן אמת, אָבער אָן דעם אַמאָליקן כישוף לוצקיס דעם דאָזיקן אמת אויסצוקויפּן און אים פּאָעטיש פאַרוואָרן.

דאָס לעצטע בוך ווייזט אונדז לוצקין, מיט זיך אַליין, מיט זיין איבערגעטריבענער מבינות אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס, אָן אַן אויער פאַר דרויסנדיקער קריטיק, וואָס אין איר דאַרף זיך זעלבסט־קריטיק שאַרפן און זיך אויסבילדן. זעלבסט־קריטיק, אָדער רופט עס מבינות אויף זיך, דאַרף ערשט זיין געאיבט און געזיכערט קעגן שמאָלקייט. זעלבסט־קריטיק טאָר נישט קומען פון אַן אַפּסאָלוטנדיקער זעלבסט־זיכערקייט, וואָס לעבט זיך אויס אין אַן אייגענעם חלל.

לוצקיס געוואַלדיקע ליבשאַפט צום לעבן, קומט אָבער פאָרם צום אויס־דרוק אין דעם דאָזיקן לעצטן בוך פון לידער און קיין ליבהאָבער פון לוצקיס אַמאָליקע לידער, וועט נישט פאַרפעלן צוצושטעלן דאָס פינפטע בוך — צו די פריערדיקע פיר ביכער, ווי די „זעמטלעכע״ ווערק פון אַ טראַגישן פאַר־ליבטן אין לעבן. אין דעם בוך געפינען מיר זיין אויפשווידערנדיקן פּראָטעסט קעגן שטאַרבן, וואָס ער האָט געשריבן עטלעכע טעג פאַר זיין טויט. אין דעם לעצטן בוך „פון אַלדאָס גוטס״ געפינען מיר צענדליקער אַזעלכע שורות —

סוף —
פאַר מיר די גרעסטע שטראָף.
דאָס ליד ענדיקט זיך מיט דעם טראַגישן אויסרוף –
וועלט — מיין לעבן!

אין דעם בוך האָבן מיר אַ בולטן מוסר השכל פון אַ דיכטער וואָס האָט גאַנצע נעכט געזאָגט פאַר חברים־הערערס, געחכמהט, געשפּילט, געוויצלט, געמימיקט, אַרויסגערופן געלעכטער, און געווען איז ער שפּעטער איינזאַם, אַליין אין זיין חדר און נישט געהערט פון קיינעם, אַז מען טאָר נישט פאַר־אייביקן אַזעלכע שורות ווי —

וועלכע שפּראַך איז מיינע?
יִדיש צי העברעיִש?
ביידע שפּראַכן, מיינע,
און ביידע האָב איך ליב.
וועלכע לאַנד איז מיינע,
אַמעריקע צי ישראל?
ביידע לענדער מיינע
און ביידע האָב איך ליב.

קיינער האָט אים נישט געזאָגט, קיינער האָט אים נישט געפירט און נישט אַרויסגעפירט פון דער ענגשאַפט פון זיין חדר און פון דער טראַגישער באַגרענעצטקייט.

אין לוצקיס ליד, וואָס כ׳האָב ציטירט ביים אָנהייב, זאָגט ער אויף זיך אמתדיקע מבינות אַז ער איז „אַ דערהויבענער פון זיך אַליין״. זיין איבער־ברוך נאָך זיין צוריקקום פון מיליטער איז אַזאַ פענאָמענאַלער, אַז זיין דער־הויבונג האָט געמוזט קומען פון פאַרבאָרגענע טיפן אין זיך. אָבער אין אַ ליד פון זיינע ערשטע לידער, וואָס מיר געפינען אין זיין לעצטער זאַמלונג „פון אַלדאָס גוטס״, און וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס״, אין 1917, זאָגט אונדז לוצקי פאָרויס, אַז —

יעקב גלאַטשטיין

מיר דוכט זיך אַז דער מענטש
גייט קיינמאָל פאָרויס.
ער דרייט זיך אַרום
זיין אייגענער גרויס.

אויב דאָס איז אמת, איז א. לוצקיס אמתע גרויס אָנגעצייכנט געוואָרן אין זיינע ערשטע צוויי לידער ביכער; און שוואַך איבערגעחזרט געוואָרן אין זיינע שפּעטערדיקע צוויי ביכער און פּאַראָדירט געוואָרן אין זיין לעצטן בוך. זיין פּרימיטיוויזם האָט אים געגעבן זיין אָריגינעל ליד, אָבער ס׳ווייזט אויס אַז בישט נאָר ערודיציע שעפּט זיך אויס, נאָר אַפילו פּרימיטיוויזם. די קונסט פון אונדזער יאָרהונדערט האָט אונדז געוויזן, אַז ערשט פּרימיטיוויזם פּאָדערט גרויס באַהערשונג און אַ סך אויסגעבילדעטן און ציוויליזירטן קאָנטראָל. אָבער געלויבט זאָל זיין א. לוצקי פאַר דעם וואָס ער האָט אונדז געגעבן, ווען ער איז אָנגעלאָפן מיטן אימפּעט פון זיינע ערשטע איינגעגלויבטע אַנטדעקונגען.

.1959

מאיר שטיקערס לידער

אין שטיקערס נייעם בוך לידער „ייִדישע לאַנדשאַפט“, וואָס איז הײַ־יאָר באַערט געוואָרן מיט דער לאַמעד־פּרעמיע, געפינען מיר גלייך אין דעם אַריינפיר־ליד, אַ זעלטן שיינע שורה —

„די קליינע ווערטער פינטלען פאַרשלאָפן“.

אין זעלביקן ליד זאָגט אונדז דער פּאָעט, אַז ער קלייבט „אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט“, נאָר ער „האָט נישט קיין רו“. שטיקער איז באמת אַ קלייבער פון וואָרט נאָך וואָרט און מייסטנס זענען עס צוריקגערופענע ווערטער, וואָס זענען אַ טייל פון דעם געדענקטן ייִדישן לאַנדשאַפט, ווו אַ וואָרט איז פאַר זיך אַליין אַ געמעל, אַ וואַרעמע דערנענטערונג צו אַ גרויסן חלום, וואָס באַגלייט כסדר און איז אַ מין אַבליגאַטאָ צו די טריט אין דער גרויסשטאָט, צו די פאַרלעבטע שעהן וואָס עלטערן. די געדענקטע ווערטער ראַנגלען זיך אַדורך, ווייל זיי זענען דער ריטם פון די טריט און זיי גיבן דעם פּאָעט דעם באַלאַנס, צווישן חלום און וואָר. אָפּטמאָל ווערן די היים־ווערטער — די וואָר, דאָס געדענקטע איז אַ סך קלאָרער און רעאַלער, ווי אַלץ וואָס טוט זיך אַרום.

ווי זאָגט אונדז דער פּאָעט — „די ווערטער פינטלען פאַרשלאָפן“. ער ווייסט אַז ס׳ציט אים צו דער חלום־וועלט און בעת זיי פינטלען פאַר אים אין פאַרשלאָפנקייט, כ׳וואָלט געזאָגט אין זייער אייגעשלאָפנקייט, כאַפּט ער זיי אין פלי, אין דעם חלום־געפרעפל, און ער לעבט זיי אויף אין בילדער, וואָס זענען די ייִדישע לאַנדשאַפט פון זיין קינדהייט, פון זיין גאַליצישער היים.

שטיקער האָט זיך אין זיין ערשטן בוך לידער געפונען אונטער דער השפעה פון די יונגע. פון דער השפעה איז ביי אים געוואָרן אַן אינטערעסאַנטער צוזאַמענשטעל פון האַלפּערנס דירעקט וואָרט, מאַני לייבס פאַרשטעלט וואָרט, און זישע לאַנדויס דעקאָראַטיוו וואָרט. אין דעם נייעם בוך וואָס האָט געלאָזט אויף זיך וואַרטן שיינע עטלעכע יאָר, ווייל שטיקער איז נישט קיין דיכטער אויף דער הייסער מינוט, זעצט ער פאָר די אינטערעסאַנטע באַווירקונג, וואָס איז ביי אים פאַראייגנט געוואָרן. אָבער ער האָט שוין דורך דער צייט אויך אַ סך געלערנט פון דער יונגער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, פון איר דיסציפּלינירנדיקער כלומרשטער טרוקנקייט, וואָס דערשיילט זיך צו דער וואָר, אַן איבעריקע עפעקטן, וואָס מאַגערט אויס די שורה, אַז זי זאָל וואָס

גיכער קומען צום פסוק, אָן שום פּאָעטישע אַרומפּוצונגען. איוואַן און זיין יויזל האָבן נאָך געררייצט מ. ל. האַלפּערנען, אָבער אַפילו ער וואָלט זיין ליד נישט פאַרענדיקט וועגן איוואַנען, מיט דעם דירעקטן קלאַפּ —

„מיט ליבשאַפט טוט ער וואָס זיין האַר באַפעלט.
ישראל שטאַרבט מיט זעקס מיליאָנען טויטן".

אויך מיר די לייענערס זענען נישט געווען צוגעגרייט, אַז שטיקער זאָל אונדז גלייך ביים אַריינשפּאַציר אין זיינע לאַנדשאַפטן, געבן דעם דאָזיקן וויסטן שליסל, אַזוי אומגעריכט און אַזוי ציפּערדיק.

דאָס שענסטע ליד אין בוך, איז, לויט מיין מיינונג, — „ווען סטרעליסק האָט געברענט" און דאָס ליד אַליין האָט פאַרדינט אַ פּרעמיע. ס'איז אַ דער־גרייכטע יידישע שיינקייט, ווייל אַלע אברים און אָדערן פון ליד פונקציאָנירן און לעבן. ס'איז פאָלקס־ליד און ראַפינירט ביז גאָר, מיט אַ זעלטענער חנעוור־דיקייט, וואָס מיר האָבן זעלטן געזען ביי אַנדערע יידישע פּאָעטן, ס'איז קאָמעדיע און טראַגעדיע, ס'איז געשטאַלטונג אין אַן אימפּעטיקער שלום עליכם באַוועגונג. שוין באַלד מיט די ערשטע פיר שורות, בויט־אויף שטיקער זיין „אַרגומענט":

„טו אָן דעם טיזליק, זיידע;
טרינק אויס דעם אָקעוויט.
פאַרבייס אַן אייער־קיכל
און נעם דעם טלית מיט".

אַלץ וואָס איז דאָ אין די ערשטע פיר שורות איז נייטיק. דער זיידע און די באָבע זענען נאָך אין ליד — מאַן און ווייב, פון זייער אייגענעם ערשטן דור, אָבער דאָס אייניקל, דער פּאָעט, רופט זיי אַרויס און באַפעלט זיי אויפ־צושטיין אין זייער גאַנצער פּראַכט. ער איז דעם זיידן מחיה מיטן ביסל אָקע־וויט און פאַרבייס און שיקט אים לעשן די שריפה, אין סטרעליסק.

די שורות און די גראַמען זענען פאַראימפּעטיקט און זיי גיבן דעם פּאָעטס זייטיקן שמייכל, בעת ער רופט צוריק דעם פינטל פון די פאַרשלאָפענע ווער־טער און ער דיריגירט מיט זיידע־באָבע.

„זי האָט געקלאָגט ביז פרייטיק,
ווען פּלוצים, אומגעריכט,
ער איז צוריקגעקומען
אַ שעה פאַר בענטשן ליכט.
די פּיאות אָפּגעסמאַליעט,
דער טיזליק אָפּגעברענט —
די באָבע חיה שרה
האָט אים קוים דערקענט".

דאָס ליד מיט דער שמייכל־באַגלייטונג, אַ שמייכל ווי פון אַ גוטן יונגן חלום אַרויס, דערקלעטערט צו די הויכן פון דער שענסטער יידישער מאָראַל, צו אַ רייזענשער תמימות. דער זיידע ברעגנגט מיט זיך אורחים, אַ האַלבן טוץ נשרפים. דער זיידע ראַנגלט זיך צווישן מצווה און דער מורא, וואָס וועט די באָבע זאָגן צו אַזאַ פּלוצימדיקן אָנפאָר און באַפאַל פון אַזוי פיל געסט. אָבער —

„זי האָט צעפּראַלט די טירן
און מיט אַ קול פון פרייד
געווענדט זיך צו די אורחים:
מיין שטוב פאַר אייך שטייט גרייט״.

מען מעג גלייבן דעם פּאָעט, אַז ווען ער קען מיט אַזאַ טייערער, גראָטעסקער בצמצומדיקייט, צוריקרופן אַ גאַנצע אויסשטאַטונג אין איין ליד, מיט דעם טיזליק, דעם אָקעוויט, דעם אייער־קיכל, פּוטערהיטל, נשרפים, און אַרויפקלעטערן צו דער פרייד פון געעפנטע טירן, געטיילטע מלבושים, שבת־דיקע ריחות, ליגט דער פולער אמת אין די לעצטע פיר שורות —

„איך פיל אין אַלע ביינער
די שבתדיקע וואָר,
כאָטש ס'זענען שוין אַנטלאָפן
אַריבער פערציק יאָר״.

און דאָס האָב איך געמיינט, ווען כ'האָב אַביסל פריער גערעדט וועגן דער העכערער וואָר פון דערמאָנטן, איינגעשלאָפענעם וואָרט, וואָס שטיקער דערוועקט. און אומעטום ווען שטיקער גיט אונדז דעם פולן, געראָטענעם צוזאַמענגעקנעטט פון אַלע זיינע אויסדערוויילטע השפעות — ווייל השפעות זענען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער באַזונדערן פּאָעט, השפעות באַפאַלן נישט, נאָר דער פּאָעט קלייבט זיי צו — איז שטיקערן צו דערקענען, ווי אַן אָריגינעלן, אויסגעפורעמטן פּאָעט. פאַראַן אָבער אויך אין בוך אַזעלכע לידער, וואָס די השפעות זענען נאָך אין אַ באַזונדערן צושטאַנד.

שטיקער האָט אָפט ליב ווען ס'ווערן פאַר אים צוגעגרייט ליטעראַרישע אָנרעגן. ער האָט ליב אַריינצושרייבן און איבערזינגען. אים איז שטאַרק צום האַרצן, ווען ער רינגלט זיך אַרום מיט באַקאַנטע געסט, ווי שעקספּירס דזשעסיקאַ, קאַרל מאַרקס און היינע, ווערלען. די טעמע איז גרייט. ער דאַרף איר בלויז געבן אַ נייעם ווענד. די אינספּיראַציע קומט פון קולטור, פון אַ מין דערמאָנטן וואַקס־מוזיי. דער דערמאָנטער זיידע און די יידן מיט די זילבערנע עטרות זענען נישט קיין ליטעראַרישע דערמאָנונגען, נישט פון ביכער, נאָר

דירעקטע אויפטויכונג, וואָס שטיקער מאַכט ערשט דערפון ביכער, אין דעם פאַל לידער, וואָס יעדער ליד איז גאַנץ פאַר זיך, ווי אַ לעבעדיק בוך.

מיר איז אוודאי ליב דער קולטור־שמייכל פון דעם ליד־גראַווירער, ווען ער ביאָגראַפירט אַזוי ווויל, אַפילו ווען ער טראַכט־צו דעם וויזיט פון קאַרל מאַרקסן ביים קראַנקן און צעבראָכענעם היינע, אָדער די האָמאָסעקסועלע נאָגעניש פון ווערלענען צום יונגן רעמבאָ, אָבער קאַרל מאַרקס איז נישט אַזוי זיידעדיק ווי שטיקערס אמתער זיידע, מיטן טיזליק, וואָס פאָרט לעשן אַ שריפה.

מען קען אָבער נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די דיכטערישע פאַרטראַכטונגען, וואָס שטיקער לייגט אַריין למשל אין אַזאַ קינדער־וויזיע צווישן דער שמד־גערייצטער טאָכטער און אַלטן ייִדישן טאַטן —

„די שטערן וועלן גלײַען ווי געגנבעטע דוקאַטן —
וועסט אַנטלויפן אַן אַ זיי־געזונט דעם טאַטן״.

שטיקער האָט זיך אין זיינע נייערע לידער אויסגעלערנט, אי זאָגן, אי אַריינזאָגן. אין טייל לידער לייכט זיין וואָרט מיט פובליציסטישער קלאָרקייט און מיט אַרויסגעזאָגטער מיינונג. אַפילו ווען די מיינונג איז אָפט אַ צו־ביטערע, און ס׳פּאַסט נישט צום דערמאָן פון די גוטע זיידעס און באָבעס. איך וואָלט זיך געקענט מיט אים קריגן — אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, צי דאַרף ער טאָקע, דער פּאָעט פון נאָכן חורבן, שרייבן אַזעלכע שורות —

„איך כאַפּ זיך אויף. דער שטראַלנדיקער ירדן
האָט אָפּגעשווענקט דעם שטויב פון די לאָמבאַרדן״.

דער ירדן, ווי אַ היסטאָרישע טרייסט, שווענקט אָפּ אַזוי פיל אומברענג און פאַרטיליקונג, אַז דער דאָזיקער לייכטער, כ׳וואָלט געזאָגט, „משכילי־שער״ צוגאַנג פון היסטאָרישע לאָמבאַרדן, פּאַסט דאָ נישט צום רומל. אָבער ווי אַ פעסטשטעלונג מוז מען זאָגן, אַז ס׳געלינגט שטיקערן אַזוי אין אַ שורה־צוויי, מיט אומגעריכטן גראַם, פּאָעטיש אַרויסזאָגן אַ בילדלעכע מיינונג.

שטיקער, דער פּאָעט, האָט זיינע נאָכלאָזיקע מאָמענטן, ווען די מוזיק פאַרלאָזט אים און די שורות ווערן גרוי און אָפּגעטראָגן. אַזעלכע שורות האָב איך געפונען אין זיינע „געדאַנק־טאָוולען״ וואָס האָבן געזאָלט זיין ייִדישער „ספּון־ריווער״, אויפגעלעבטע מצבות, וועגן אַן אָנזעצער, אַ בעטלערן, אַ פאַרשטויסענע. אָבער די שורות דינען אים נישט און ס׳באַקומט זיך אומסטיליזירטער געגראַם.

„אפשר ווייסט איר וואָס ס׳איז דער חילוק —
זומער, ווינטער, האַרבסט אָדער פרילינג?

ווען עס רעגנט אָדער עס שנייט אין דרויסן —
איך בין סיי־ווי פון אַלעמען פאַרשטויסן.
ווען די בלעטער וויאַנען, ווען די גראָזן גרינען —
איך וועל שוין קיינמאָל קיין ביסל רו נישט געפינען".

שטיקער קען זיך אַליין פאַרנאַכלאַזיקן, ער קען אָבער פאַרגיטיקן מיט אַזעלכע שורות —

„דער רבי פון סאַטמאַר —
דאָס פנים לויטער צער —
שטרעקט אויס די דורכזיכטיקע הענט
צו מיר אין שפיגל.
ער זאָגט: אין חלום ברענט
אַ וועלט אַ קליינע ווי אַן עיגול.
איך — אינמיטן".

שטיקער היט זיך אויס פון צו־הייסן פאַטאָס און ער פאַלט אַמאָל אַריין אין אַן ערגערער פאַסטקע פון סענטימענטאַלער דעקלאַראַציע:

„זיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שייטער־הויפנס
אויף מיליאָנען ערטער —
האַנס און ווערטער,
זיגפריד און ברונהילדע —
און פאַרברענט די שעפּעלעך די מילדע".

ס'פּאַסן נישט שטיקערן דעם פּאָעט אַזעלכע לייכטע גראַמען און אַזעלכע צוזאַמענשטעלונגען, אַפילו ווען דאָ זענען ווערטער — דירעקט פון „ווערטערס ליידן". זיגפריד און ברונהילדע גראַמען זיך צו־פלאַך מיט די שעפּעלעך מילדע. כ'ברענג עס ווי אַ מוסטער פון אומקאָנטראָל, ביי אַ גוט־דיסציפּלינירטן פּאָעט.

אין די פינף אָפּטיילונגען פון בוך זענען פאַראַן לידער פון גרויס ווירטואָזיטעט און פאַרטראַכטונג. כ'נוץ דאָס וואָרט „פאַרטראַכטונג", גיכער ווי „פאַרטיפונג", ווייל ס'איז כאַראַקטעריסטישער פאַר שטיקערס געמיט, פאַר זיין אָפּט שאַרפן ביס, פאַר זיין קאָסמאָפּאָליטישער באַמערקונג, פאַר זיין איראָניע און פאַר זיין ליריק.

שטיקער האָט אויסערגעוויינטלעך ליב די פּאָעטן, וואָס ער האָט אויף אַן אמת ליב זייער וואָרט. זייער גרעאָטן זענען דערפאַר זיינע לידער וועגן לאַנדוין, מאַני לייבן, ראַלניקן, ווערלענען, מאַנגערן. אַזעלכע לידער זענען בכלל לויט זיין גוסט, ווייל זיי זענען פאַרטיקע קולטור־טעמעס, ווי שעקספּירס דזשעסיקאַ, אָדער ווי קאַרל מאַרקס און היינע, וואָס דער דיכטער דאַרף אין

זיי אַריינזינגען זיין קול. אַזעלכע לידער געלינגען אים אַ סך בעסער, ווי ווען ער נעמט זיך צו גרויסע פּאָעטישע דעקאָראַציעס —

„נאָך וויפיל האַרבסטן שטאַרבן שוואַנען".

אָדער —

„אָ, וויפיל האַרבסטן ליגן אויף דער קייט
און וויפל נאַכטיגאַלן קענען מער נישט זינגען?"

אַזעלכע „ליטעראַרישע" שורות פּאַראַטן שטיקערן אַ סך מער ווי ווען ער נעמט זיך צו דער קולטור פון בוך־געשטאַלטן —

„אויף אַט דער וויכער, מוטערלעכער, נאַכגיביקער ערד
האָט האַמלעט שטיל געוויינט, זיין שאַרלאַך־מאַנטל און די שווערד
איינגעטונקען אינעם בלוט וואָס טריפט נאָך ביז אַצינד
אין שפּרענקלדיקן פלאַם פון שמעטערדיקן ווינט".

די שוואַכסטע לידער אין בוך זענען זיינע קלאָג־ און חורבן־לידער —

„מאָרגן וועלן אויף אונדז וואַרטן הונגעריקע מחבלים,
מיט שפּיזן אין די פּאַלדן פון די פּאַלעס.
זיי וועלן אונדז באַפאַלן ווי צערייצטע קיילער,
מיט בלוט וואָס שפּריצט פון אויגן און פון מיילער.
און מיר אין אונדזער אָנמאַכט וועלן זיך נישט ווערן —
די הונגעריקע מחבלים וועלן אונדז פאַרצערן".

צום בעסטן זענען זיינע היים־ און דערמאָן־לידער, סיי אין לשון, סיי אין דער באַגלייט־מוזיק, און מיט דער קלאָרקייט פון פּאָעטס געשטאַלט. מיר געפעלן אויך זיינע ביילעכע לידער, אַפילו ווען זיי ווערן אַן עפּעס פון זייער פּאָעטישער וואָג, ווי די לידער פון „די רויטע לויה":

„די פּענעס פליסן סם,
די בלייערס — זשאַוער,
אויסגעברענט דער פלאַם,
טויט דער כאַוער".

שטאַרק געראָטן זענען אויך די סאַטירישע לידער, וואָס דערמאָנען אין די בעסטע מוסטערן פון אַזעלכע זייטיקע לידער, ביי די גאָר גרויסע פּאָעטן. אַט די לידער העלפן אונדז דערזען שטיקערס געשטאַלט. מיר הערן אים רעדן, ווייל ער נעמט אַ וואָרט און נעמט שטעלונג, אַזוי צו זאָגן:

„די שוואַרצע פּענעס אין דיין טינטער
שטומען ווי טמא צלמים אויף אַ צווינטער.
די טינט פליסט מיט דעם זעלבן אומעט

ווי פאַלשע טרערן ביים משומד.
דער טראָפּ פון יעדן וואָרט מיט שפּאָט איז —
האָסט פאַרגעסן ווער דיין גאָט איז?״

שטיקערס דערמאָנטע „קליינע ווערטער״ וואָס „פינטלען פאַרשלאָפן״, לייכטן אין זיין נייעם בוך אַ סך העלער, ווי אין זיינע פריערדיקע לידער און זיין פּנים איז קלאָרער און אָפענער. אַפילו זיינע האַמלעטס, דזשעסיקאָס, אָטעלאָס און קעניג לירס פאַרוואַנדלט ער אין יידישע לאַנדשאַפטן. אָבער די עכטע יידישע לאַנדשאַפטן זענען די היימישע, וואָס אין זיי ווערט ער דער זינגער־אויפבויער, ווי אין זיין שוין־דערמאָנט ליד וועגן זיידע־באָבע —

„די באָבע האָט געשוויגן
אַ רגע און נישט מער,
און ס׳האָט זיך אין אַ דימענט
פאַרוואַנדלט אירס אַ טרער״.

אָט די דימענטענע רגע גיט אונדז מאיר שטיקער אין אַ צאָל לידער, אין זיין נייעם בוך — „יידישע לאַנדשאַפט״.

1959.

אין מילוואָקי לעבט אַ יידישער פּאָעט

דער דיכטער אַלטער עסעלין האָט אַמאָל געוווינט אין קאָנעטיקוט, שפּע־טער האָט ער זיך באַזעצט אין שיקאַגע, אָבער שוין שיינע יאָר ווי ער וווינט אין מילוואָקי, וויסקאָנסין. כ'האָב נישט פאַר זיך זיינע לידער פון יענע יאָרן, ווען ער האָט געלעבט נעענטער צו ניו־יאָרק, אָדער אין דער אַמאָליקער ענער־גישער דיכטער־סביבה פון „יונג־שיקאַגע", ווען מען האָט אַרויסגעגעבן זאַמל־ביכער און אַפילו גערעדט וועגן „סעצעסיע", משטיינס געזאָגט, וועגן אָפּרייסן זיך פון דעם ניו־יאָרקער גדלותדיקן איינפלוס. ס'געדענקט זיך מיר, אַז די דאָזיקע רעבעלישע טענדענצן פאַר דער גרויסער פּראָווינץ, און קעגן דער אָנ־געבלאָזענער ניו־יאָרק, האָט געפירט נישט קיין אַנדערער ווי ב. ריוואָקין. די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון דער פּראָווינץ האָבן זיך געשפּרייט פון שיקאַגע און דערגרייכט אַזש קיין לאָס אַנדזשעלעס. אין שיקאַגע האָט מען אַרויסגע־געבן — „יונג־שיקאַגע", „אינאייגעם"; אין לאָס אַנדזשעלעס זענען דערשי־נען די זאַמלביכער — „זונלאַנד", „דער מערב". דאָס איז אַלץ געווען און געשען אין די צוואַנציקער יאָרן. דעמאָלט איז געווען אַביסל פריילעכער, אַביסל באַרגאַרויפיקער.

אַלטער עסעלין איז געווען איינער פון די וויכטיקערע כוחות פון יענעם רעוואָלט, וואָס האָט געסטראַשעט צו מאַכן שבת פאַר זיך און זיך אויפהערן שטויבן אין שטויב פון ניו־יאָרקער גרויסקייט. ניו־יאָרקער זיילן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן און די זאַמלביכער זענען געלייענט געוואָרן מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט. מען האָט דעם רעוואָלט נישט גענומען צו ערנסט, ווייל מען האָט באַמערקט, אַז די מערב־רעבעלן — פון שיקאַגע ביז דעם פּאַסיפיק, — וואַרטן פון דעסטוועגן אַז זיי זאָלן קריגן ניו־יאָרקער אָנערקענונג, פאַר דעם בלוטלאָזן אויפשטאַנד און פאַר דער מרידה. דעמאָלט איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אַביסל פריילעכער, און די יידישע ליטעראַטור איז מיט אירע מערב־זאַמלביכער, מיט אירע ניו־יאָרקער „שריפטן" פון די יונגע און „אינזיך"־גרופּירונג געגאַנגען באַרגאַרויף.

ווי געזאָגט, האָב איך נישט פאַר זיך עסעלינס לידער פון יענער עפּאָ־כע, מיט דרייסיק יאָר צוריק, אָדער אַפילו זיינע צוויי לידער־ביכער — „קנויטן" און „אונטער דער לאַסט", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1927 און אין 1936. ווייס איך נישט, צי יענע לידער האָבן אין זיך פאַרמאָגט מער־

פרייד, אָדער גאָר מער פיינלעכע שאַפונג־פרייד, ווי די לידער פון זיין אָקאָרשט דערשינענעם בוך, וואָס דער פאַראיינזאַמטער דיכטער האָט אַרויסגעגעבן אונטער דעם מעלאַנכאָלישן נאָמען — „לידער פון אַ מדברניק“. דאָס זענען טרויעריקע און ביטערע לידער פון אַ מענטש, וואָס מוז אַרום זיך שאַפן אַן אייגענעם פאַרכישופטן עיגול, און אין דעם עיגול זאָל ער פאַר זיך אויסדאַכטן אַ סביבה, וואָס באַשטייט מייסטנס פון לידער ביכער פון ניו־יאָרקער פּאָעטן, וואָס דער דיכטער האָט צו זיי געשווירן געטריישאַפט — ראָלניק, מ. ל. האַלפּערן, א. לעיעלעס און נאָך עטלעכע געציילטע.

מיר דאַכט זיך, אַז דורך די עטלעכע און דרייסיק יאָר, וואָס א. עסעלין שרייבט לידער, האָב איך אים בלויז איין מאָל געזען אין ניו־יאָרק, מיט יאָרן צוריק. כ׳געדענק עס ווי אין אַ חלום, און ס׳קען זיין, אַז ס׳איז טאַקע מער נישט ווי אַ חלום, אַז ער איז אַפילו קיין איין מאָל אויך נישט געקומען קיין ניו־יאָרק עולה רגל זיין. קיין גרויסער גביר, זאָגט מען, איז עסעלין נישט. ער איז, אויב כ׳בין זיך נישט טועה, אַ סטאָליער, אָבער פון דעסטוועגן האָט ער נאָך, אַזוי גלייבט זיך מיר, געקענט צוזאַמענשלאָגן הוצאות און קומען קיין ניו־יאָרק, כדי כאָטש צוריקצופאָרן מיט דעם געפיל, ווי דער צו־פרי פאַר־שניטענער דיכטער ראובן לודוויג האָט עס געזאָגט: געקומען, געזען אַז ס׳איז נישטאָ וועמען צו באַזיגן. אַפילו פאַר אַזאַ קעמפערישן גוט־יום־טוב־ביטן איז ער זיך אויך נישט דורכגעפאָרן. אַחוץ אפשר דאָס איינציקע מאָל, וואָס איז, ווי שוין באַמערקט, געווען נישט מער אפשר ווי אַן אויסדאַכטעניש.

אין דעם נייסטן בוך עסעלינס איז פאַראַן די טרויעריקייט פון לעבן אַן אָפּגעזונדערט לעבן, און אַפילו די פיינלעכקייט פון זיך באַשטראָפן מיט דער איינזאַמקייט. כ׳וויל עס נישט אָנרופן מיט דעם אינטעליגענטישן נאָמען — מאַזאָכיזם. דער טאָן פון בוך איז אַ ביטערער, אַ פאַרביטערטער. אַ סך לידער זענען פיין־געשניצטע, שפּראַכלעך־פאָרזיכטיקע און זיי פאַרמאָגן אַפילו אַ פינקל אַרויסרופערישע אָריגינאַליטעט, וואָס רייצט זיך — זעט, איך קען אויך זיין קונציק אין קינסטלערישקייט. איך בין אויך וויל־אָנגעלערנט און אָנגעלייענט און אָנגעפּראָפּט מיט אַלע שבע חכמות.

אָבער דאָס דאָזיקע פייערל פון טראָציקייט ברענט זיך אויס אין ביטער־ניש. די אַלגעמיינע שטימונג איז גיכער, זעט — ווי איך דערגיי זיך די יאָרן. אָבער בעת מען וויל זיך אָנוואַרעמען און העלפן דעם דיכטער אויפבויען אַ געשטאַלט, פאַרלויפט ער דעם וועג מיט בייזע רייד. און ער טוט עס אַלץ מיט פיין־שניצעריי, מיט טאַלאַנט און רגילות. ס׳איז ווי איינער וואָלט פאַרלייגט וועג און געוואַנדערט דורך שטעט, דערפער, ימים און מדבריות, כדי אָנצו־קומען ערגעץ, אָנקלאַפּן אין אַ טיר, און אַזוי גיך ווי ס׳באַווייזט זיך אַ ניי־

געריקער קאָפּ מיט אַ גרייטער מינע פון מיטגעפיל צו אַ וואַנדראָווניק — אַ געשריי טאָן: כ׳האָב אייך אין דר׳ערד!

אין זיין ליד — „אויטאָביאָגראַפיש״ גיט ער אונדז אַביסל די שפּורן צו זיין האַסערישקייט:

אין אַכטן יאָר־אַלטער
בין איך געווען שוין אויסגעבונדן
מיט הונגער און נשמה־ווונדן.
אַזוי ווי מ׳קען נישט אָן היימלאַנד פאַרגעסן,
געדענק איך די נויט צו שפּאָרן פון עסן:
ברויט מיט „קאַפּטשאָנקע״ פאַרטרינקען מיט וואַסער.
קליין ווי איך בין — שוין אַ סקאָרפּיאָן, אַ האַסער.

פאַראַן נאָך אַן אויטאָביאָגראַפיש ליד, בעסער געזאָגט, אַ ט ו י ט אָ־ ג ר אַ פ י ש ליד, וואָס דער דיכטער רופט — עפּיטאַף, געפינען מיר דאָרט אויך עטלעכע שליסל־שורות —

דאָ ליגט אַ פּאָעט ווי אַ קעניג,
וואָס האָט זיך פאַרסמט מיט דעם האָניק
פון לידער — געמישט מיט אַרסעניק.

געוויינלעך האָב איך פיינט צו גלייבן אַ דיכטער אויפן וואָרט, אָבער די דאָזיקע שורות זענען זיך־קריטיק, אין דעם רעאַליסטישן זין פון וואָרט. זיינע לידער זענען געמישט מיט אַרסעניק. פאַר דעם פּאָעט וואָס האָט זיי געשריבן און פאַר דעם געניסער בלייבט נאָך אויך אַ היפּשע דאָזע אַרסעניק, בעת מען וויל טועם זיין דעם האָניק.

געקליבן אותיות, געקליבן גראַמען,
ווי דימענט אונטער דינאַמיט —
סאַראַ שפּאַר געטאָן עס האָבן סמען,
און דאָס איז דאָך געווען מיין ליד.

גראַמען מיט סמען, אַזוי זאָגט עדות דער דיכטער אַליין, אַז אַזוי האָט זיך געפורעמט זיין ליד. אָבער ס׳איז אויך געשען די יחידותדיקע רגע, ווען דער דיכטער האָט זיך פאַרט פאַרגונען אַ טרער —

אין קראַנקע טעג און בייזע נעכט
האָב איך דורך טרער צו גאָט גערעדט!
צי ווערן נישט דורך טרערן עכט
די רייד פון אַ פּאָעט?

אָט די קשיה איז שווער צו פאַרענטפערן. און איך נעם זיך נישט אונ־טער צו געבן אַ תשובה, אויף דער רעטאָרישער פראַגע, צי די לידער ווערן עכטער, מיט דעם פינקל פון אַ טרער. אָבער צוגענגלעכער ווערן זיי זיכער, מ׳קען צוקומען נענטער צום פּאָעט, וואָס זיינע גראַמען זענען סמען.

צו זיין אַליין איז נישט קיין חסד,
פון דעם וואָס טיילט די גאָב פון לייד,
ס׳איז קאַליע ווײַן וואָס בריט ווי עסיק,
פאַררעד עס נישט מיט זיסע רייד.

מיר ווילט זיך גלייבן, אַז אין די „לידער פון אַ מדברניק״ האָט אַלטער עסעלין אויסגעגאָסן דעם גאַנצן עסיק און פּטור געוואָרן אי פון דעם האָניק, ווי פון דעם אַרסעניק, ווייל ביידע זענען נישט קיין שטאַרק באַטעמטע צומי־שונגען אין אַ ליד. און אַלטער עסעלין איז, אויף זיין שטייגער, אַ מבין אויף לידער. ער ווייס אַליין, אַזוי זאָגט ער, ווי יעדער קנייטש פון אַ ליד דאַרף אויסזען. בין איך איבערצייגט, אַז ער וועט נאָך קענען אָפּטיילן די סמען פון זיינע גראַמען. וועל איך דערפאַר ברענגען ווי אַן עדות פון זיין מבינות אַ ליד וועגן לידער, וואָס איז אַ ליד פאַר זיך אַליין.

איך בין פאַרליבט אין דיכטער און אין לידער,
ווי גאָט, אייביק איז דאָס וואָרט פון דעם פּאָעט.
אָפט לעב איך אַזאַ שיינקייט איבער
ווי קיטס ביים פאַרענדיקטן סאָנעט.
איך קען דערקענען ווו די פלינקע, דינע
פעדער פון דעם דיכטער קריצט.
דעם מינדסטן אָפּנויג פון גלייכער ליניע,
און ווו דער שאַרפער מעסער שניצט:
בלוט פון ווערטער אויף די פינגער פליצן,
און אויסגעשמידטער אמת אין דעם פערזן־בוי,
רעדט, רייצט און וועט אייביק רייצן,
ווי רייפע, רונדע אברים ביי אַ פרוי.
נאָר דאָרט ווו לידער נעמען פעכיק ציִען,
דעם ליגן, וואָס טרינקט זיך אין דעם טינט —
אַזוינע לאָז איך פון מיין פענצטער פליִען,
ווי אין האַרבסט די בלעטער אויפן ווינט.

דאָס בוך פון 118 זייטן איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך אָנווייזן, אַז דער פּאָעט האָט ליב תנ״ך, מוזיק, מאָלעריי און עטלעכע מחברים. ער האָט גע־לייענט, געהערט און געזען מיט גוטע חושים, אָבער ווי ס׳איז געקומען צום אייגענעם בייגעלע פּאַפּיר, איז ער עס אָפט באַפּאַלן ווי אַ שונא, ווי ער וואָלט

אין דעם פּאַפּיר געזען אַן אַרויספאָדער צו אַ געשלעג. ער ראַנגלט זיך נישט מיט פּאַפּיר און טינט — ער שלאָגט זיך מיט זיי.

פאַראַן אין בוך צופיל נוסח־האַלפּערן, אָבער נישט פון דעם האַלפּערן וואָס האָט געקענט צאַמען דעם אַריינזאָגער. פאַראַן אויך לידער פון יענער עפּאָכע, ווען מען האָט זיך געציקלט מיט פרעמדווערטער —

אַז איך מאָג זיך פאַרגינען צו לאַכן
פון מיין „קאָנגעניאַלן" שכן
דעם חצי־ידען,
וואָס וויל מיך איבערמאַכן
מיט זאַראַאַסטרישער ליטראַ־תורה.

אַ פּאָעט מעג ווייסן, אַז ס׳זענען בכלל נישטאָ קיין גרעסערע ווייסערס ווי די חצי און פערטל ווייסערס. ס׳זענען אפשר דאָ גאַנצע קענערס, אָבער גאַנצע ווייסערס זענען כמעט נישט בנמצא, זיכער נישט פאַר דעם פּאָעט און אַפילו נישט פאַר דעם פיזיקער. דערפאַר גיבן די אַלע שעמערירנדיקע פרעמד־ווערטער, וואָס ווערן אַריינגעשלעפּט לשם ווייסעריי, גאָרנישט צו צום ליד. עסעלין ווייס דאָס אַלץ, אָבער אין זיין אָפּגעזונדערטקייט ווערט ער גע־שטרויכלט. די סביבה זיינע פון די „אָלימפּער ביים האָדסאָן" איז ווייט פון אים. ער האָט נישט איינמאָל געשטרעקט זיין בענקשאַפט צו זיי —

און ווי איך האָב נאָך אייך געבענקט,
ווי אַ ברודער בענקט נאָך ברידער;
אויך דאָס האָב איך שוין אויסגעקרענקט,
דערציילט, דערציילט עס, מיינע לידער.

דאָס פּאָטעטישסטע אין עסעלינס לידער זענען טאָקע די שורות, וואָס ווען אַפילו זיי דערציילן עס נישט דירעקט, זענען זיי אָנגעלאָדן מיט בענק־שאַפט צו דער משפחהדיקייט פון אַ סביבה, וואָס איז נאָך דעמאָלט, ווען דער דיכטער איז אַלט געווען פופציק יאָר (מיט פופצן יאָר צוריק) געווען אַ סך פונדאַמענטאַלער ווי זי איז היינט.

האָט איר כאָטש ווען דערמאָנט מיין נאָמען?
זאָל זיין אין שטילסטן טאָן, מינאָר.
(איך וואָלט עס איצטער נישט דערמאָנען
ווען נישט דער ביס פון פופציק יאָר).

מען האָט אַוודאי דערמאָנט דעם נאָמען — אַלטער עסעלין, ווי אַ מיט־גליד פון דער דיכטער־משפחה. פאַר דער גאַנצקייט פון דער ייִדישער פּאָעזיע איז מילוואָקי אַ קאַצנשפּרונג. אַלטער עסעלין מעג עס ווייסן און זיין זיכער

אין תוך געגועמען

אין דעם, כדי ער זאָל פּטור ווערן פון דער „סקאָרפּיאָנישקייט”, ווי ער רופט עס אָן, און פון אַזעלכע האַלפּערניסטישע גאַליקע שורות ווי אין זיין ליד — „צונויפּרייד”, ווו דער דיכטער גרייט צו אַ שאַכטעלע מייז־סם, פאַר די אָפּטע געסט וואָס „קומען פון די גרויסע שטעט” —

מ׳מוז דאָך עפּעס טאָן מיט זיי,
ס׳איז ווייניק טאַדלען אָדער לויבן,
וואָרום זיי קענען נאָך (אַ וויסטער יאָר אויף זיי)
שמייכלענדיק אַזוי אונדז ביזן העמד באַרויבן.

מ׳מוז אָבער עפּעס טאָן פאַר זיך אַליין — און פּטור ווערן פון אַרסעניק און מייזן־סם, ווייל דאָס איז ווייט נישט דער האָניק פון פּאָעזיע; און אַלטער צעסלין האָט שטאַרק ליב פּאָעטישן האָניק.

.1954

„כתבים פון חיים קרול“

אין 1946 האָט דער טויט געמאַכט אַ סוף צום געפּייניקטן לעבן פון דעם פּאָעט חיים קרול, וואָס האָט אָפּגעקרענקט אין ניו־יאָרק אַ קנאַפּן פערטל יאָרהונדערט, פּאַקטיש פון טאָג ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, מיט דער שוין געוווינטער רעפּוטאַציע פון צוויי לידער־זאַמלונגען. זיין ערשט לי־דער־בוך אונטערן נאָמען — „הימלען אין אָפּגרונט“ איז דערשינען אין לאָדזש אין 1919. די זאַמלונג איז באַשטאַנען פון נישט־געגראַמטע לידער. דער טערמין פרייער פערז איז נאָך נישט געווען פאַרשפּרייט, הגם אין אַמעריקע האָבן שוין עטלעכע יונגע יידישע דיכטער גענומען אויספּרוּוון די מעגלעכ־קייטן פון דער נייער פרייהייט, וואָס וואָלט וויטמאַן האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע און וואָס האָט לאַנג געוואַרט, ביז אַ גרופּע אַמעריקאַנער פּאָעטן, וואָס האָט זיך גערופן „די אימאַזשיסטן“, האָט גענומען ווייזן, וואָס מ׳קען אויפטאָן מיט די ניי־ביבלישע ריטמען.

ס׳איז מיר נישט באַקאַנט, ווי אַזוי דער יונגער פּאָעט האָט אין לאָדזש זיך געלאָזט אויפן וועג פון דער פערז־פּסוקימדיקייט, צי צו אים האָבן זיך דערטראָגן מוסטערן פון דער יונגער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, דער עיקר פון א. לעיעלעס, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן זיינע געוואַגטע עקספּערי־מענטן, אָדער חיים קרול האָט זיך אַליין אַרויפגעשלאָגן אויפן וועג פון צי־טערדיקע שורות, וואָס זענען אָפּהענגיק אין מענטשלעכן אָטעם פון שטייג־און־פּאַל, און וואָס זייער דיסציפּלין איז דאָס אויסערגעוויינלעכע שניידיקע בילד. אָט דאָס בילד פאַרהאַלט דעם לייענער, אין דעם משופּעדיקן גאַנג אי־בער די געבויגענע שורות.

דער איבערגעגעבענער, געטרייער חבר זיינער, דער דיכטער י. ה. ראַדאָ־שיצקי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ליטעראַרישע ירושה פון חיים קרולן, אונ־טערן נאָמען — „כתבים פון חיים קרול“, דערציילט אונדז, אין דעם ביאָ־גראַפישן אַריינפיר, אַז דער לאָדזשער פאָלקס־פּאָעט הערשעלע האָט שטאַרק געהאַלטן פון קרולס לידער, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז דער יונגער דיכ־טער וועט זיך מיט דער צייט איינשפּאַנען דעם גראַם און זיך אין אים איינ־שפּאַנען. און ס׳איז באמת שווער געווען נישט צו זען, אַז קרול פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט צו זאָגן שורות אויף אָן אייגענעם שטייגער. ס׳איז געווען קלאָר, אַז

די געראַטענע שורות זענען נישט די אויסגעצויגענע, פאַרחלשטע שורות, וואָס מ׳האָט געווײנלעך גערופן — לידער אין פּראָזע. זיי זענען געווען אי פּראָזאַ־ישער, אי פּאָעטישער פון דער דאָזיקער אומדאַנקבארער מעלאָדראַמאַ־טישער פאָרם. זייער קורץ־שורהדיקייט איז געווען אַ פינאַלע, שטרענג־גע־בונדן און פאַרבונדן מיט דער פאָרם פון אויסדרוק. ס׳איז געווען שווער צו־ריקצוווייזן אַזאַ ביי און טרויעריק ליד, וואָס דער יונגער פּאָעט האָט שוין באַ־וויזן אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג —

ברעט,
מיין איינציק ברעט,
אויף וועלכן מיין גוף וועט אַמאָל רוען
און מיט דיר באַנאַנד
אין דער אייביקייט פאַרגיין.
דו מוזט איצט בליִען ווי איך,
אין דיין מאַמען — אַ בוים.
צי דו שפּראָצסט ערשט צווישן דיינע ברידער
דו, מיין אייביקייט־שותף
אין אַ גרינעם וואַלד.
דו, מיין אייביקייט־שותף,
אונדז ביידע דערוואַרט איין גורל.

אַ יאָר נאָך ד ע ר ערשטער לידער־זאַמלונג איז גלייך געקומען אַ צווייטע — „לויבן״. דער פּאָעט י. י. סיגאַל, אויך קרולס אַ געטרייער חבר, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעגעבן אַ בוך — „לידער און לויבן״, וואָס איז געווען אַ צוריקרוף פון דעם דיכטערישן לשון רבים, וואָס קרול האָט געמאַכט פון דעם וואָרט — לויב. י. י. סיגאַל האָט קרולן רייך אָפּגעצאָלט פאַר דעם איינציקן וואָרט, מיט אַ צענדליק פּרעכטיקע לידער און צענדליקער וווּנדערלעכע שורות, וואָס אין זיי האָט כסדר אַרומגעפלאַטערט דאָס גע־שטאַלט פון דעם אויסגייענדיקן דיכטער, חיים קרול, וואָס צו זיין אָנדענק איז סיגאַל פאַרבליבן געטריי, ביזן סוף פון זיינע טעג.

די קליינע לידער־זאַמלונג „לויבן״ האָט קרול געווידמעט זיינס אַ טראַ־גישער ליבע. ער האָט זיך מיט דעם מיידל, חיה שרה, באַקענט אין לאָדזש. ווען ער האָט זי שפּעטער באַגעגנט אין אַמעריקע, האָט דאָס מיידל, מיט גרויס פאַרשטאַנדיקייט דיאַגנאָזירט דעם שידוך. זי האָט איינגעזען אַז ס׳איז נישט קיין תכלית פאַר איר — און זי איז ווי אין וואַסער אַריין. קרול האָט זי דורך זיין גאַנצן געפּייניקטן לעבן אַרומגעזוכט, דורך און מיט זיינע לי־דער, אָבער חיה שרה איז פאַרפאַלן געוואָרן.

איך געדענק חיים קרולן פון דער צייט, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן דער־שיינען זיינע לידער אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנער זשורנאַלן. ליעסין וואָס

איז נישט געווען צו־פּריינטלעך צו די „אומגעגראַמטע" פּאָעטן, האָט גע־דרוקט קרולס לידער „אין דער לייטערונג" און באַשטעטיקט, אַז קרולס אויס־געסודעט ליד איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט אים אַליין. ס'איז שוין געווען אַ זיכערע זאַך, אַז דער פּאָעט הערשעלע האָט נישט געטראָפן. קרול האָט זיך דעם גראַם קיינמאָל נישט איינגעשאַפט. איך געדענק אים גוט, ווען ער איז שוין געווען האַלב־פּאַראַליזירט, האָט אין זיין געבויגענער גוטסקייט צו חברים־פּאָעטן אַדורכגעפּלאָטערט אַן איראָנישער שמייכל; אַפילו אַ פּייערל, וואָס האָט געהאַט אַ שמץ פון שלעכטסקייט, אַ נישט־אַרויסגעזאָגטע שאַרפ־קייט וואָס האָט געפינקלט אין לינקן אויג און, וואָס ער האָט שפּעטער אַרויס־געוויזן אין זיינע קורצע ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען, וואָס זענען אַריין אין זיין פּערטן בוך „אַרום זיך", אַרויסגעגעבן פון קלעצקין־פאַרלאַג. אין יענע עסייען האָט מען געקענט זען, אַז דער גוטסקייט־טריפנדיקער קרול האָט גע־האַט גאַנץ באַשטימטע, שאַרפע מיינונגען, וואָס קומען ערטערווייז צום אויס־דרוק אויך אין די קורצע, בליציקע מיניאַטור־עסייען, וואָס זענען אַריין אין די געזאַמלטע „כתבים".

י. ה. ראַדאָשיצקי האָט די ליטעראַרישע ירושה וואָס ער האָט איבער־גענומען, ווי ער דערציילט אונדז, פון דיכטער, אין זיינע לעצטע טעג, אַרויס־געגעבן מיט גרויס געשמאַק. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ לידער־אָפּקלייב פון קרולס אַלע ביכער; מוסטערן פון חיים קרולס פּאַרזוכן אין פּראָזע; קליינע עסייען וועגן אַכצן עלטערע און יינגערע יידישע שרייבערס, פון ר' מרדכילע, ביז מלכה לי; אַרטיקלען, זכרונות און אָפּשאַצונגען וועגן חיים קרולן. דאָס בוך פון קנאַפּע 200 זייטן שליסט זיך מיט אַ ביבליאָגראַפיע, צוזאַמענגע־שטעלט פון דעם שוין באַרימטן נסתר — יעפים ישורין.

די געטריישאַפט צום דיכטער, וואָס איז אַזוי איינגעבאַקן געווען אין די הערצער פון אַ סך פון זיינע חברים, ווערט דער עיקר אויסגעדריקט אין די אָפּשאַצונגען פון י. י. סיגאַל, י. ה. ראַדאָשיצקי און חיים לייב פוקס. צווישן די אָפּשאַצונגען ווערן אַפילו אויך געבראַכט עטלעכע שורות פון דוד בער־געלסאָן, געדרוקט אין 1926. מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו לייע־נען בערגעלסאָנס אַ מיינונג וועגן יידישער פּאָעזיע, אָבער ווי ס'ווייזט אויס האָבן קרולס לידער אין אים אַרויסגערופן שטאַרקע באַגייסטערונג. בערגעל־סאָן האָט געזען, אַז ביי קרולן זענען פאַראַן שורות „וואָס זענען געשריבן אין יענעם זעלבן צושטאַנד, אין וועלכן אַ סופר שרייבט אַ ריינקייט". ס'איז קאָנטיק פון דעם פאַרגלייך, אַז דאָס האָט געשריבן דער בערגעלסאָן, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט געפּועלט ביי זיך צו טרעטן אויף דער „ריינקייט".

ראַדאָשיצקי האָט דעם דיכטער חיים קרולן געשטעלט אַ דויערוודיקע

מצבה דערמיט, וואָס ער האָט אים פּאַרקניפּט צוזאַמען מיט דעם געשטאַלט וואָס איז געבליבן לעבן אין געדעכעניש פון זיינע חברים און מיט די ביאָגראַפישע איינצלהייטן פון אַ ליידנדיקן פּאָעט, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין אַ היים פאַר אומהיילבאַרע. פון די לידער אַליין איז שווער איצטער צו שעפּן באַגייסטערונג. די לידער קריגן ערשט האָפּט ווען מען לייענט זיי צוזאַמען מיט י. ה. ראַדאָשיצקיס געפּילפּולער ביאָגראַפיע, פון אַ שווער־געפּרוווטן מענטשן, ווען מען זעט וואָס חיים קרול האָט געמיינט פאַר זיינע פריינט. פאַר די וואָס גייען צו צו דער לידער־ירושה, ווי צו אַ באַזונדערן איבערבלייב, איז שווער צו געפינען דאָס וואָס קען גערעכנט ווערן פאַר אַ פאַרבלייב. אַביסל פריִער האָב איך גערעדט וועגן דער ניי־געפונענער דיסציפּלין פון פרייען פערז, און וועגן דער שורה וואָס קריגט איר תיקון, דורך דער אייגנאַרטיקייט פון בילד. אָבער נישט אומעטום זענען קרולס שורות געוואָרן איבערצייגנדיקע פּאָעזיע.

מאַמעשי!
מי דיך פאַר דיין קינד:
ער זאָל נישט פאַרלוירן גיין אין ווייטער וועלט.
ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן פונעם גאָלדענעם קאַלב.

דאָס זענען שורות, אָן שום באַרעכטיקונג פאַר זייער צעשטעלונג. מ'קען נאָך אַזעלכע שורות פאַרגעבן אין לענגערע לידער, ווען זיי ווערן אויסגעקויפט דורך דעם וואָס קומט פריִער אָדער נאָך זיי. אָבער אין אַ קורץ ליד זענען זיי נישט מער ווי אַ בריוול.

חיים קרול איז געווען אַ גרויסער עקשן. נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט מסתמא געטריי געלייענט זיינע חברים, געשריבן וועגן זיי און אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מבינות, האָט ער זיך אָבער פון קיינעם גאַרנישט אויסגעלערנט. ער האָט צו זיך זיכער געהאַט אַ סך פּרעטענזיעס, אָבער נישט צו זיין שרייבן.

אַזוי ווי כ'פאַרמאַך נאָר מיינע אויגן,
וואַכסטו איבער מיר
און דערציילסט מיר מעשהלעך,
כשרע מאַמע.

חיים קרול האָט טיף געשפּירט די ווייטיקדיקע בענקשאַפט נאָך דער מאַמען, און דאָס איז געווען גענוג פאַר אים, אָבער ווייט נישט גענוג פאַר די שורות, וואָס ער האָט געשריבן.

אַז מען לייענט די לידער, קען מען נאָך חלילה האָבן פאַראיבל אויף דעם גוטן חבר ראַדאָשיצקי, וואָס ער איז נישט געווען שטרענגער צו קרולס

ירושה, כאָטש מען ווייסט אַז ער האָט עס נישט געקענט טאָן, אַז ער האָט מקיים געווען אַ צוזאָג. אָבער חיים קרולס דיכטעריש געשטאַלט וואָלט בפּי־רוש אַרויסגעקומען אַ סך בולטער, ווען ראַדאָשיצקי וואָלט זיך באַצויגן צו די לידער מיט מער שטרענגשאַפט און נישט אַריינגענומען אַזעלכע אויס־געשרייען, ווי, —

אין איטלעכן וואַלקנדל זע איך דיין שיין,
אין איטלעכן רעגנדל פיל איך דיין האַרץ.
אַך, ווי גליקלעך איך בין!

קרול האָט פאַרמאָגט אַ פרומען טאָן. אין די לידער וואָס אין זיי האָט ש. ניגער, נאָך אין 1925 געזען „אייגנס״, איז די פרומקייט אויך געווען אַן אייגענע. אָבער אין די צוואָסערטע און פאַרפומירטע שורות פון זיינע הילפ־לאָזע אויסגעשרייען איז די פרומקייט אַ נאָכגעמאַכטע, אַ טאַגאַרישע.

אמתדיק איז געווען קרולס טרויער, וואָס איז געווען טראַגיש אין זיין לעבן, אָבער וואָס האָט בלויז זעלטן פאַרטראַגישט זיינע אויסגעזונגענע שורות.

דער אומעט האָט אַ לייטער —
ווייל איז דעם
וואָס קלעטערט אויף איר.
וואָס איז דער ציל,
אויב נישט טרויער:
טרויער — מיין כלה!

ביי קרולן איז נישט נאָר דער ציל אַליין געווען טרויער, אויך דער קלע־טער אַליין איז געווען ווייטיק. זיינע לידער האָבן אָבער געמאַכט דעם איינ־דרוק פון לייכט־געשריבנקייט — און דאָס איז זייער גרעסטער חסרון. מ׳זעט נישט אין די שורות, מיט וויפל פיין ס׳איז אים אָנגעקומען דער קלעטער אויף דער לייטער, און וויפל יסורים זיי האָבן אים געקאָסט. לייענענדיק די לידער זיינע קריגט מען דעם איינדרוק, אַז ער האָט פשוט נישט געהאַט דעם פיזישן כוח צו טראָגן שווערערע און וואָגיקערע שורות אויף די פּלייצעס. זיינע לידער האָט ער געזונגען אין דערנענטערונג צום טויט, וואָס נאָך אים האָט ער געבענקט ווי נאָך אַן אויסלייזער.

טויט, וועסט צו מיר קומען ווי אַ ברודער —
אַ לאַנג נישט געזעענער.
איך וועל מיך פאַר דיר נישט שרעקן.
איך וועל מיינע הענט אַראָפּלאָזן
און פאַלן אין דיינע אָרעמס אַריין.

אָדער אַ צווייט טויט־ליד, אַ בעסערס —

טויט, ביסט מיין איינציק ווייב.
דיין אייביקע ערד־קיל
ווייעט אויף מיר
פון ווייטע וועלטן,
און זאָגט מיר אָן די בשורה
פון באַרויִקייט.

אינטערעסאַנט איז, אַז אין קרולס פּראָזע, אין זיינע מיניאַטור־עסייען, אין זיינע האַלב־ביאָגראַפישע דערציילונגען, איז פאַראַן מער שטייפקייט און פעסטקייט ווי אין זיינע לידער. מיר געפעלן אַלע עסייען וועגן קרולן, וואָס דער דיכטער ראַדאָשיצקי האָט צוזאַמענגעבראַכט אין בוך. דאָס איז די אינ־טערעסאַנטסטע אָפּטיילונג פון דער גאַנצער זאַמלונג. אָט די אָפּטיילונג אַליין וואָלט אפשר געווען גענוג, ווייל לייענענדיק ציטאַטן פון קרולס לידער, צו־זאַמען מיט די וואַרעמע פירושים, איינגעוועבט און איינגערעמט אין דער געטריישאַפט פון חברים, קריגן די פלאַטערדיקע און צעגייענדיקע שורות, אַ נייעם טייטש. פאַר זיך אַליין מאַכן די מייסטע לידער אַ נאַקעטן און אומ־באַשיצטן איינדרוק, ווי דערשראָקענע פייגעלעך.

דאָס בוך איז אַ מאָנומענט צו געטריישאַפט און חברשאַפט, און מיט דעם דענקמאָל צו חברשאַפט האָט זיך דער פּאָעט ראַדאָשיצקי אַליין דערהויבן. כ׳וועל דערפאַר ברענגען אַכט שורות פון דעם ליד, וואָס ראַדאָשיצקי האָט געווידמעט דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם דיכטער, און וואָס דערמיט עפנט זיך דאָס וואַרעם און זאָרגעוודיק־צוזאַמענגעשטעלטע בוך.

ווי אַ זון־שטראַל פאַרנאַכט, פאַרלעשט זיך אויף אַ שויב —
האָב איך דיך געזען, אין דער לעצטער שעה — פּאָעט;
געשטאַנען בין איך, מיט צער, ביי דיין גסיסה־בעט,
געהערט דיין שוואַנען־ליד: פון האַרץ דעם פאַל און הויב...
דיין קאַלטע האַנט האָב איך געהאַלטן פול מיט צער,
געפילט: דאָס האַלט איך נאָר אַ צווייגל, יונג פאַרדאַרט:
די אויגן דיינע, אָפענע, פאַרנעפּלטע — האָבן ווייט געשטאַרט:
געוואַנדערט האָסטו פון מיר ווייט, העט — צו דיין פרעמדן לאַנד...

.1955

י. ל. קאַלושינער

י. ל. קאַלושינערס בוך לידער — „אויפן וועג פון דורות", שטעלט מיט זיך פאַר אַ געטריישאַפט צום ליד — אַ געטריישאַפט וואָס איז שוין עלטער פון דרייסיק יאָר. דאָס כאַראַקטעריסטישע אין קאַלושינערס לידער איז טאַקע אַט די אויסגעשטאַנענע און אויסגערייפטע געטריישאַפט. פאַראַן אין זיינע לידער אַ תפילהדיקער טאָן און אַן איבערגעגעבנקייט צו דעם ביסל, וואָס ס'איז אים באַשערט געווען אין לעבן, צום אומקלאָרן און בצמצומדיקן וואָרט, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין אייגנס.

ער וויל קיינמאָל נישט פאַרכאַפּן דעם עמוד פון חזן, נאָר ווי אַ משורר וואָרט ער אויף זיין סאָלאָ און אַז ס'קומט זיין ריי, ווייזט ער אַז ער האָט אַ האַרציק קול און ער קען רירן דעם עולם. הגם זיין דיקציע איז אַביסל אַן אומקלאָרע, כאַפּט מען וואָס ער וויל זאָגן, מ'פאַרשטייט אים און מען וויל אים הערן, ווייל ער האָט אַן אופן ווי אַזוי צו פאַרזינגען זיינע נישט־דער־הערטע רייד.

ער זינגט פון אומרו, פון דעם דור וואָס האָט אויסגעטראָגן און דורכ־געטראָגן אַזוי פיל אומגליק, פון נויט, פון אַרבעט, פון איבערגעגעבנקייט צום שטאַם, פון געטריישאַפט, ליבשאַפט און פון דער שטאָט, וואָס האָט אים געפאַנגען מיט אירע גרויע האַרבסטן.

ס'איז מיר נישט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס קאַלושינער האָט זיך גראָד גענומען צום סאָנעט. ער האָט זיך געפילט אַ סך פרייער אין אַ פרייערן פערז, אין קורצע און לאַנגע שורות, וואָס האָבן גיכער איבערגעגעבן זיין ציטערדיק קול. אין זיינע סאָנעטן האָט ער זיך אַריינגעעגנגט אין אַ שמאָלער דירה און זיין שטיל וואָרט ווערט אָפּט פאַרטושט אין דער פאַרדאַוועטקייט פון דער גאַנצער שורה. דער קרעכץ שרייט אָפּט אַריבער דעם מיין פון די ווערטער, וואָס דער דיכטער ווינקט אָן, ווייל ביי אים זענען געזאַנגען —

לשון פון מיין האַרץ אין שעה פון נאַכט.
מיט דעם לויף פון ווינטן פריי און נישט באַוואַכט,
צעטראָגסטו זיך דורך הייכן אין דער וועלט.
— ווו טראָגט איר זיך, ניגונים פון מיין האַרץ, אַוועק
איבער וועגן ווייט? פון אימה נישט פאַרשטעלט?
עס זאָל נישט ווער פאַרשלינגען פון מיין טאָג די קלאַנגען.

און ווייל ער האָט כסדר מורא, אַז עמעצער וועט פאַרשלינגען פון זיין טאָג די קלאַנגען, איז ער דער שטילער נאַכט־זינגער, וואָס שפּירט אַז אויב ער וועט דורכאַנאַנד זיין געטריי צו זיך, וועט מען אין זיין שטילקייט פאָרט דערהערן דאָס אייגנאַרטיקע קול זיינס.

אָפט, נישט מער ווי אַ קול, ווייל אויב ס'איז דאָס לשון פון הארץ, דאַרף ער נישט האָבן קיין צופיל ווערטער און קלאָרע רייד, אַ ווונק איז גענוג, אַ צוזאַמענשטעל פון זינגענדיקע ווערטער איז אויך אַ פירוש פאַר זיך אַליין. פונדעסטוועגן געלינגט אים אָפט צוזאַמענזינגען די שטילקייט זיינע מיט דער מוזיקאַלישקייט פון ליד און ס'באַקומט זיך אַן אייגענער איבערזינג פון אַלטע טייטשן. דאָס ליד הייבט אָן מיינען עפּעס אין דער לאַנדשאַפט פון שורות, וואָס י. ל. קאַלושינער מאָלט אויס:

ווינטער

דער האַרבסט האָט צוגעדעקט די האַרטע ערד מיט גרויע טעג.
די ביימער אָפּגעשיילט מיט מעסערדיקער קעלט.
די פייגל זענען מיט דעם זומער, ערגעץ ווייט אַוועק
און מיטגענומען דאָס געזאַנג פון וואַלד און פעלד.
מיט מחנות וואָלקן זענען אָנגעשווומען בערג מיט שניי,
אַראָפּגעלאָזט זיך, איבערווינטערן אויף ערד.
צעטראָגט זיך איבער פעלדער ווינט מיט ווייסן פראָסט פאַרביי
און ברעכט דעם לעצטן נעסט, וואָס איז נאָך נישט צעשטערט.
די קראָען פלעקן דורך די לופט, פון פרי ביז זון־פאַרגאַנג
און יאָגן זיך מיט ווינט, ווי דורך ווייסן רויך.
צעהענגט זיך איבער וואַלד, דאָס ליד פון זומער־אונטערגאַנג,
פאַרדעקט דעם וועלק אויך ערד מיט שניי וואָס פאַלט פון הויך.

די שורות פאַרמאָגן אַן עלעגישן טאָן און זיי דערעדן זיך צו אַזאַ סימ־באָליק ווי „פאַרדעקט דעם וועלק אויף דער ערד“, וואָס גיט אונדז די זיכער־קייט, אַז ערגעץ, אין דעם דיכטערס פאַרהוילענער שטילקייט, ליגן אויך באַ־האַלטן מיינען, אַפילו ווען זיי זענען נישט אַזוי קלאָר און בליציק אויסגע־דריקט.

י. ל. קאַלושינער פאַרלאָזט זיך צופיל אויף דעם צוגעגרייטן פּאָעטישן ווערטערבוך, וואָס לאָזט זיך זייער גיך אויסשעפּן. ווערט ער טאַקע אַן איבער־חזרער פון ווערטער, וואָס פאַרקנאַפּן דעם איינדרוק. אָבער אומעטום זעט זיך, אַז דער דיכטער וויל באַזיגן זיין אייגענע באַשרענקטקייט פון לשון און זיך אויסטענהן, נישט נאָר אויסזינגען. אַ סך מאָל מאַכן זיינע לידער דעם איינ־דרוק, ווי ער וואָלט געגוצט ווערטער ווי זילביקע נאָטן, ווייל קודם כל וויל

ער עפּעס אויסזינגען, שפּעטער ווען ער כאַפּט זיך, אַז ער וואָלט באַדאַרפט אַריינשטעלן אַנדערע ווערטער, איז שוין צו שפּעט, ווייל די ציטווייליקע, זילב־געציילטע אותיות האָבן זיך שוין אַזוי אַריינגעזונגען, אַז ס׳איז זיי שווער אַרויסצורייסן פון דעם אומקלאָרן טעקסט.

י. ל. קאַלושינער שרייבט נישט קיין אומפאַרשטענדלעכע לידער, נאָר אומגערעדטע לידער. ווערטער זענען ביי אים בלויז זיפץ־צייכנס, אָדער זיפץ־פּונקטואַציע. מיר איז אַ סך מאָל ליבער זיין אומגערעדט ליד, ווי זיין ליד וואָס וויל זיך אויסטענהן. דאָרט אָבער וווּ ער ווערט נישט געשטערט פון זיין זעלבסט־דיסציפּלינירטער ענגשאַפט, קען ער יאָ אָפּט טענהן מיט אייגענע רייד.

אַ גאַסט,
צו דער שמחה פון מיין יום־טובדיק געזאַנג:
גיי איך היינט אַרויס פון נויט נישט מער דורך הינטערוועג
און גיי מיט אַ ליד צום אויפגעטאָגטן ברעג.

אָדער ווי אין זיין ליד — „ביי דער מאַשין״, וואָס איז אַ ביישטראָג צו אונדזער אַמעריקאַנער פּראָלעטאַרישער דיכטונג און האָט אין זיך אַ ניצוץ פון מאָריס ראָזענפעלדן.

טיילמאָל,
איז מיר גוט צו זיין
פאַרהאַרטעוועט מיט מיין מאַשין,
ווי איין שטיק שטאָל
קוקן אויף דער בלאַנקער נאָדל אין געבלענד,
וואָס טאַנצט אויף דעם געוואַנט
און שאַרט זיך נייענדיק אַרויס פון מיינע הענט,
קוקן אויף דער נאָדל, ווי זי פלעכט די פעדעם איין
און פאַרנייט און שטעפּט מיט זין
און פאַרטיקט אויס אַ נייע זאַך.
אַט אַזוי אין רוישן פון פאַבריק,
קלייבן זיך צונויף אין מיר אין שטאָליקן געקלאַנג,
ווי טויבן נאָכן טאָג — אין טויבנשלאַג.

פונקט מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט דער דיכטער י. ל. קאַלושינער פאַר־עפנטלעכט זיין פּאָעמע „רות״, וואָס איז געווען אַ פיינער צוזאָג. קאַלושי־נער האָט אַרויסגעוויזן גאַנץ גוטע בריהשאַפט מיט ווייסן פערז. זיין לשון איז געווען ציכטיק און קיין שטער איז נישט געשאַפן געוואָרן צווישן דעם אידילישן מעשהלע און דער זינגעוודיקייט, וואָס האָט ניט פאַרשטעלט די רייד.

איבער פעלדער, רייך מיט זאַנגען,
אין דער נאַכט ווי איינגעוואַקסן,
ליגן ווייטקייטן צעוואָרפן
מיט ישובים אויף די וועגן.

אין תוך געגומען

צווישן זיי געדרייטע סטעזשקעס,
ציִען זיך אַוועק אין וועלדער
צוגעדעקט איצט מיט אַ שווייגן —
חלומען פון מאָרגן־קלאַנגען:
פון פאַרטאָגן, פון פאַרנאַכטן,
פון דער זון און אירע פאַרבן.

ס'איז געווען בעסער פאַר קאַלושינערן זיך צו האַלטן ביי דער דיסציפּלין פון אַ טעמע. די טעמע האָט אים גלייך באַזאָרגט מיט קלאָרע דערציילערישע ווערטער, וואָס האָבן אים אַליין נישט געלייגט קיין שטיינער אויפן וועג.

אין זיינע לידער, ווו די טעמע איז ער אַליין, פאַלט ער אַריין אין נגינה, וואָס שטערט די ווערטער אָפט צו קומען... צום וואָרט. אָבער גוטע אויערן קענען אויך אין דער אינהאַלט־פאַרדעקנדיקער תפילהדיקייט דערהערן אַן אייגענעם צאַפּל פון דעם ווידערהאָלטן קנאַפּן וואָרט און פון דעם אָפט־אומפאַרענדערטן ליד־נאָך־ליד, וואָס קריגט בלויז אַ פאַראַנדערשטן אויסגעשריי: דורך די איבער צוויי הונדערט זייטן פון בוך, קען מען צוזאַמענשטעלן אַ רוף פון אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס איז אויף זיין שטייגער געבליבן געטריי דעם דור זיינעם. אין די שורות איז פאַראַן ייִדישע פרומקייט און בטחון, אַז דאָס וואָס דאַרף געהערט ווערן וועט זיכער דערהערט ווערן.

כ'וויל פאַרענדיקן מיט קאַלושינערס אַ סאָנעט — „ביים יאָרצייט־ליכט“. די ערשטע פיר שורות זענען אַביסל מטושטש, אָבער דערפאַר זענען די אַנדערע צען אַ מוסטער פון דעם דיכטערס געוויין, וואָס וויינט אויס קלאָרקייט פון אַן אייגענעם פירוש המלות.

מיט פליגלען פון אַן אָדלער און מיט אויגן פלאַמיק אין דער נאַכט,
ביסטו געקומען מיט אַ ווינט צורייטן אויף אַ שוואַרצן פערד;
פאַרלאָשן פון מיין מאַמע, נישט דערבליטער לעבן אויף דער ערד,
און מער צעעפנט נאָך פאַר מיר, די פרעמד צו גיין פון פיין באַוואַכט.
איז גוט וואָס קומסט צו מיר, מיט פלעמלעך ליכט צו גאָסט אַ יעדן יאָר,
דעם טאָג פון טרויער צו באַהעלן כאָטש מיין הויז מיט בלייכער שיין;
ווערט נאָגנדיק די בענקעניש וואָס קומט צו מיר אין האַרץ אַריין.
פון קוקן ווי ס'גייט אויף פאַר מיר איצט דיין נשמה אַזוי קלאָר.
נישט אויסגעמעקט אין מיין זכרון איז ביי מיר אויך דיין געשטאַלט,
וואָס ליכטיקט פאַר מיין בליק נאָר ווי אַ שטערן פאַר מיין אָוונט־טראָט.
ווי כ'זע דיך שטיין ביים פלעמל דאָ מיט שבת, ווי געבענטשט פון גאָט.
און מעג דיין ברכה נאָכגיין מיר אין וועג ווי אַ געזאַנג אין וואַלד.
מיין לעבן זאָל ווי די לבנה, אין אַ ברונעם שיינען העל.
איז שווער מיר צו פאַרמעקן צער וואָס האַלט זיך אויף נאָר אין מיין זעל.

.1950

לוי גאָלדבערגס לידער

כ׳האָב שוין אַמאָל, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, געזאָגט, אַז יעדער גוטער שרייבער פֿאַרוואַנדלט סוף כל סוף זיינע חסרונות אין מעלות. דער אמתער שרייבער איז שפּירעוודיקער צו זיינע אייגענע זאַכן, ווי דער שאַרפסטער קריטיקער. קוים דערפֿילט ער זיינע אייגענע חסרונות, קומט ער צו זיי קריק אַבעראַמאָל און נאָכאַמאָל, ער האַלט אין איין איבערשרייבן זיינע פֿעלערן, ביז ער מאַכט פֿון זיי אַ לייט. ער פֿאַלירט זיינע חסרונות, ער פֿאַרדעקט זיי מיט טאַלאַנט, ביז זיי ווערן זיינע בעסטע מעלות, און ער קען זיי פֿירן אין גאַס אַריין מיט שטאָלץ. ס׳איז ווי צוגעטראָפֿענער פּסיכאָאַנאַליז. ער היילט אויס זיין טאַלאַנט דורך דערגרונטעווען זיך צו זיין שוואַכקייט. קוים דערזעט ער זיין שוואַכקייט פּנים אל פּנים, באַשליסט ער אַז ער מוז לעבן דערמיט און ער געפֿינט אַן אופֿן ווי אַזוי עס צו באַצווינגען. און נאָך איידער דער האַרבסטער קריטיקער דעקט אויף דעם שרייבערס באַהאַלטענע שוואַכקייטן, טראָגט דער גוטער שרייבער זיין פֿעלער, ווי אַ פֿאָן, מיט שטאָלץ, ווייל ער האָט עפּעס דערפֿון געמאַכט, ער האָט זיינע ערגסטע חסרונות געמאַכט פֿאַר זיינע בעסטע מעלות.

לוי גאָלדבערג האָט גאָר פֿרי „פּסיכאָאַנאַליזירט" זיין אייגן ליד און געקומען צום אויספֿיר, אַז

> מיינע לידער זענען שפּייז צום זעטן —
> און פֿאַר דעם איז גאָט צו דאַנקען.

זעטיקייט איז אפשר דער היפּוך פֿון ליד, וואָס דאַרף אַרויסרופֿן נישט־געשטילטן הונגער. נאָך עפּעס — גוטע לידער ווערן געוויינלעך נישט געשאַפֿן פֿון דעם גאָט־צו־דאַנקען שטאָף, ווייל דער דיכטער איז בטבע נישט אונטערגעבעריש. נאָר אַן אומרויִקער, אַ רעבעלירנדיקער גייסט, וואָס קען זיך נישט אַריינבעטנטשן אין זיין סביבה. אָבער לוי גאָלדבערג האָט פֿאַר זיך געשאַפֿן אַ זינגענדיקן דלת־אמות פֿון בירגערלעכער געטריישטקייט. רייזען האָט אַזאַ ליד, ווי ער שטייט פֿאַר די פֿענצטער פֿון אַ בירגערלעך הויז, זעט די פֿרייד וואָס שטראַלט אַרויס פֿון דער רויִקער היים און ער, דער באַהעם, איז מקנא די ארומגעצייכנטע קליינע רו.

לוי גאָלדבערג האָט אויך פֿאַרוואַנדלט זיין ליד אין אַזאַ קוואַל פֿון קנאה פֿאַר אַ סך פֿאַרבייגייער. פֿון לוי גאָלדבערגס הויז זינגט אַרויס פּשוטע און

אַרומגעצוימטע פרייד, וואָס אין דיין צעשטראָלטער אומרויִקייט ביסטו מקנא די קלוג־פאַרקנאַפּטע שלימות.

ווערמענס לידער זענען פּאָרעם־רונדיק
מיט גלאַנץ אויף הויט, ווי אָפּגעלאַקערט.
מיינע, ווי קאַרטאָפל זענען שטויביק —
די הויט מיט ערד, פון פעלד צעאַקערט.

אַזוי זינגט לוי גאָלדבערג אין דעם זעלביקן ליד, וואָס דינט אים ווי אַן אַריינפיר צו זיין בוך — „ניגון אין ווינט". דער אמת איז, אַז לוי גאָלדבערג איז אויך גאַנץ „פּאָרעם־רונדיק". אָט האָט ער אין דעם זעלביקן בוך אַ גאַנצן סאָנעטן־קראַנץ מיט אַלע קליפּערלעך. אָבער קיינער האָט אַזוי נישט כאַראַקטעריזירט גאָלדבערגס לידער, ווי ער אַליין מיט זיין אַדיעקטיוו — „שטויביק".

אמת איז, אַז ער האָט די שטויביקייט (אָדער — קלייענדיקייט), פאַרענדערט און פון איר געמאַכט גוטע קאַרטאָפל און שפּייז צום זעטן. קאַרטאָפל זענען טאַקע פּראָלעטאַרישע שפּייז צו זעטיקן הונגער. ס׳איז די שפּייז וואָס זעטיקט און גיט דעם אָרעמאַן דעם כוח אויסצודריקן זיין אומצופרידנקייט מיט דער אָרעמאַנסקער דיעטע. פאַראַן אין לוי גאָלדבערגס לידער אַ פיזישע זעטיקייט, ווייל ער רעדוצירט, קודם כל, דאָס לעבן צו עטלעכע קלייניקייטן און קליינאומגליקן און ס׳ווערט זעטיק־קלאָר.

געוויינלעך איז עס אַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט צו האַלטן דעם דיכטער ביים וואָרט, ווייל וואָס ער זאָגט, איז אָפטמאָל דאָס וואָרט פון מאָמענט. יעדער דיכטער דעקט זיך אויף געוויינלעך איינמאָל, כדי זיך צו פאַרשלייערן צווייטמאָל. פאַראַן ביי פּאָעטן דאָס געפיל פאַר געהיימקייט, אָבער לוי גאָלדבערג האָט נישט קיין מורא פאַר זיין אויפגעקלאָרטער פשטות, ווייל ער ווייסט דאָך, אַז „שטויביקע", נישט גענוג געריייניקטע פשטות איז זיין חסרון, וואָס ער מוז פאַרוואַנדלען, נישט נאָר אין איין מעלה, נאָר אין אַ סך פאַרשיידענע מעלות טובות, וואָס באַלייכטן די פשוטקייט פון זיין ליד. ווי ראַלניק איז לוי גאָלדבערג שטאַרק פאַראינטערעסירט אין לידער אַרום לידער. ער וויל כאַפּן דעם כישוף פון ליד, כדי ער זאָל דערקענען זיין אייגן אָרט, צווישן די פאַרשיידענע לידער־זינגער, אַז ער זאָל כאַפּן דעם שעת הכושר, ווען עס עפנט זיך אַ טויער און ער קען אַריינקומען מיט זיין אייגן וואָרט.

אין לוי גאָלדבערגס פאָטער, דערציילט אונדז דער דיכטער, האָט שעמעוודיק געדרימלט משניות־לומדות, אָבער ער איז ביי זיך אַליין בטל געוואָרן פאַר דעם למדן ר׳ יצחק דאָרסקי.

שעה פאַר מנוחה, פולע פורכטבאַרקייט שפּראָצט פון יצחק דאָרסקין,
שפּע, אין די בייטן פון זיין שטערן, אין די ווינקלען פון די ברעמען.

און אָט ווי אַ באַרג אַ פּילפּול, אין שטאַמל וויל עס קלאָר מאַכן מיין טאַטע,
פאַרפּלאָנטערט זיך זיין וויסן, ייִדן שמייכלען, און ער נעמט זיך שעמען.
אויך איך בעל פּה: דער זין פון מיינס אַ וואָרט נעמט טונקל ווערן,
און ווי מיין טאַטע אָפּט פאַרשעם איך זיך, מיין אייגן קול צו הערן.

די ירושה פון שעמעוודיקייט און פאַרשטיקטן געפּרעפּל פון לומדות האָט דער דיכטער לוי גאָלדבערג אַ צייט לאַנג איינגעשוויגן אין זיך, ביז ס'האָט פון דער עניוות אַליין אַרויסגעשפּראָצט אַן אייגן וואָרט — אָפּט פּראָסט און פאַרשטויבט פון וועג און פון פּראָצע, אָבער אַ וואָרט, וואָס איז קלאָר און צוגעפּאַסט צום שטויביקן גליק פון אייגן הויז און הויזגעזינד, — אַ וואָרט וואָס איז משניותדיק קלוג, ערב דעם מאָמענט, ווען ס'הייבט אָן ווערן פאַר־גמראט און פאַרפּילפּולט.

לוי גאָלדבערג איז אַ פיינער געדענקער. ער געדענקט גוט זיין קינד־הייט און די ערשטע טריט זיינע, ער ווייסט ווי פאַרהויקערט עס זענען גע־וואָרן זיינע יאָרן מיט די ערשטע לאַסטן פון ירושהדיקער ברויט. ער גייט מיטן טאַטן צום בייזן פעטער מאָנען דעם זיידנס ירושה־געלט, וואָס דער פעטער, דער דרייקאָפּ, האָט אויסגעשווינדלט, אָבער דער זון מוז אויפהייבן דעם טאַטן און אים פירן ווי אַ „געפאַלענעם קעמפער" פון שלאַכטפעלד.

לוי גאָלדבערג האָט זיין אייגענע פשוטקייט פאַרוואַנדלט אין זיין טאַטנס „אַפּיר", וואָס ער שרייבט פאַר אַ קינד. יעדער שורה וואָס גאָלדבערג שרייבט איז אויך אַרומגערינגלט מיט דער קלאָרקייט, וואָס פאַלט ווי אַ גוטער נאַכמי־טיקדיקער באַשייד פאַר קליינע קינדער און זייערע מאַמעס,

מיט אַ געגזענער פּענע, אין ליבשאַפט פאַרטיפט —
שרייבט מיין טאַטע אַן אַפּיר, מיט געצירקלטער שריפט,
פאַר אַ קינד וואָס שטייט מיט זיין מאַמען פאַרשעמט,
זי זאַפּט איין דעם ציטער, וואָס זיין הערצל באַנעמט.
ס'איז אָוונט. און אַ לאָמפּ אויף אַ טישעלע, פלאַך
שפּרייט גאָלד אויף געווירעטע אותיות אַ סך,
געצערטלט געניט פון זיין רוזיקער האַנט,
אַן אלף, אַ בית, און אַזוי נאָכאַנאַנד.

ס'איז געווירעט — אַלץ איז אויסגעגלייכט קלאָר און ס'איז אַ וווּנדער, ווי אויף דער דאָזיקער געווירעטקייט, אויף דעם דאָזיקן „אַפּיר" ווערט פון־דעסטוועגן אויסגעשפּרייט אַ שיין פון גאָלד. אומבאַמערקט באַווייזט לוי גאָלדבערג אַריינצוציטערן דעם אָטעם פון פּאָעזיע אין זיין ערלעך און געווי־רעט וואָרט.

ווייסט דערפאַר גאָלדבערג מיט אַ רייזענשער תמימות איבערצוגעבן, אַז —

מיין וואָרט איז שטיל ווי טרויער,
מיין פאַרב, איז ווייס און שוואַרץ,
עס הילכט נישט הויך צום אויער
נאָר שטיל עס רעדט צום האַרץ.

און הגם דער דיכטער האָט פרי פסיכאָאַנאַליזירט זיין ליד און דערגאַנגען צו דער ירושהדיקער, שעמעוודיקער פשטות, טראָגט ער די פשטות ווי אַן עול און אין זעלטענע מינוטן דערשפּירט ער, אַז זי קלעטערט נישט הויך גענוג מיט אים.

אַפילו נישט אין פולן ליד איז דאָ אַלצדינג
וואָס כ'האָב פאַרטראַכט אין שטילער שעה צו זאָגן.
מיין פשוט וואָרט, וואָס איך געפין אים גרינג
איז אָפט אַ משא — נישט אַרויפצוטראָגן
צו יענער הייך ווו עס ציִען זיך טרעפּ,
פון אויסגעחלומטע געשטאַלטן.
טרעפּט: עס ווערט מיין קלאָרער זין פון אַ געוועב
אין אַ פאַרצאַמטער טונקלקייט פאַרהאַלטן.

אָבער אַז לוי גאָלדבערגן איז נישט באַשערט צו קלעטערן, ווייסט ער אָבער ווי צו שפּאַנען פּאַמעלעך און ווי צו באַזינגען זיין אינטימסטן שפּאַן, אַז עס זאָל אונדז אויך ווערן וואַרעם. דאָס איז נישט קיין לייכטער ענין. שרייבן לידער צום אייגענעם ווייב, פון אייגענער זיידישקייט, פון אייגענע קינדער און דאָך איינלאַדן נישט־באַליידיקטע אויערן אויף דער פריוואַטער שמחה — אַזאַ זאַך דאַרף מען קענען.

אויף מיינע הענט ביסטו איצט אַלט געוואָרן מיט די שיינע פופציק יאָרן דיינע,
מיט וואָס קען איך דיר אָפּצאָלן דערפאַר, שותפטע, דו מיינע, זאָג!
אַז נישטאָ גאָר איז ביי מיר אַזאַ מטבע, און ביי דער וועלט אַזאַ מין וואָג;
און נישטאָ איז אויך דער שאַצער דעם ווערט צו וועגן, פאַר דיר, באַשערטע מיינע!

ביי דער גאַנצער שווייגנדיקער עניוות, קען ער אויף אַ דערהויבענעם אופן אַרויסטראָגן אַן אינטים געפיל און אַפילו ווערן רייזעניסטיש, קלוג־עפּיגראַמיש. אויך ביי זיין גאַנצן געצאַמטן טראָט קען ער שרייבן אַ ברייטע בהרחבהדיקע שורה, וואָס זאָל זיך גוט האַלטן צוזאַמען און נישט ווערן לעכערדיק.

גאָלדבערג קען אויך אויף זיין שטייגער דורכנעמען און באַלייכטן אונדזער צושטאַנד פון פרעמדקייט, אונדזער נישט־צוגעפּאַסטקייט צו דער פרעמדער שטאָט, וואָס איז „אַ דורכפאַר־וועג פאַר אונדזערע לוויות". ער קען

אויך שטעלן דעם טראָפּ אויף אונדזער געמיט־איינזאַמקייט און אַנווייזן מיט אַ זיכערן פינגער אויף אונדזער „פענצטער״. אין זיין ליד „אין פענצטער פון אַ ספרים־קראָם״ שפּיגלען זיך אָפּ אפשר הונדערט פּובליציסטישע אַרטיקלען.

אַ מענטעלע הענגט אויסגעפּוצט אַליין, נישטאָ פּאַר איר די ספר תורה.
די גמרא טוליעט זיך צו אַ תנ״ך, דער ווילנער גאון צו אַ מנורה.
ביי אַן אלף־בית, געהויקערט, ליגט אַ דריידל. נישטאָ ווער עס זאָל אים שפּילן.
אַן ארבע־כנפות פרום קושט די רציעות פון אַן אַלטן פּאָר תפילין.
אויפן בילד דער „וויכוח״, ווו איין ייִד איז אַלץ נאָך איינגעקשנט.
צי ווייסט ער, אַז זיין מחזור, און זיין סידור, ליגן דאָ פאַרמשכנט?
אויך זיין עין יעקב, און זיין משניות, נעבן אַ פאַרשטויבטן חיבור,
„די שיינע העלענאַ״ — אין לעדער־באַנד — מיט אַלץ אַרום, קאָקעטיש
קוקט זיך איבער.
אַ ספרים־קראָם! וואָלקן איצט פאַרדעקט דיין הייליקייט, דיין שימער,
און ס׳ווייַנט אין מיר דאָס כזית ייִדישקייט אויף דיינע הייליקטימער.

אגב, ברענגענדיק דאָס ליד, מוז איך מאַכן אַ פאָרוווּרף דעם קאָרעקטאָר, וואָס ער האָט אין דעם קליינעם ליד אַדורכגעלאָזט נישט ווייניקער פון זעקס גרייזן אין די העברעיִשע ווערטער. דאָס איז אַ צו־גרויסע פּראָפּאָרציע און עס מינערט בפּירוש דאָס פאַרגעניגן, וואָס מ׳האָט לייענענדיק דאָס ליד.

גאָלדבערג פאַרמאָגט אַ שטילן, נישט אַרויפצווינגענדיקן הומאָר. די שיינע העלענע „אין לעדערנעם באַנד״ ווינקט זיך איבער קאָקעטיש. אָט דער נישט־שרייענדיקער הומאָר גיט דעם פּאָעט די מעגלעכקייט אָנצושרייבן טייערע קינדער־לינדער, וואָס מעגן פאַרנעמען אַן אָרט אין אונדזערע בעסטע כרעסטאָמאַטיעס.

כ׳ברענג דאָ זיין ליד „צווילינגלעך״, וואָס איז איינגעטיילט אין „מיידלעך״ און „ייִנגלעך״ און פאַרמאָגט אַ סך חנעוודיקע שורות:

מיידעלעך

צוויי מיידעלעך, די זעלבע הייך,
דאָס זעלבע, אויך די פּנימער.
עס הערט די גאַס אין זייער גאַנג:
אַז אַ צווילינג זענען מיר.

די מאַנטעלעך פון איין פאַסאָן,
דאָס זעלבע אויך די קליידעלעך.
און ווו זיי גייען, קוקן ליב,
מענטשן אויף די מיידעלעך.

אין תוך גענומען

דער זעלבער טראָט, דער זעלבער שטעל,
דער זעלבער שיין אין די אייגעלעך.
און לאַכן זיי, דאַן דוכט זיך אויס,
עס טרעלן יונגע פייגעלעך.

צוויי שירעמלעך פון זעלבן זייד,
פאַרשטעלט פון זון די קעפּעלעך.
און גייען זיי, אין גאַנג צום טאַקט,
טאַנצן צוויי פּאָר צעפּעלעך.

יִנגעלעך

די אַנצוגלעך פון זעלבן שניט,
ווען שטאַטנעביידע גייען זיי.
אַ שכן גריסט זיי אָפט פאַרקערט,
וועמען ער מיינט, פאַרשטייען זיי.

אַז ווער איז ווער קומט פאָר אַמאָל
אין שול אויך אַ וועטעניש.
דער צווילינג האָט אויך שפּאַס פון דעם,
בי'ס ס'לייזט זיך אויף דאָס רעטעניש.

עס טרעפט, דער טאַטע, ווען ער דאַרף
באַשטראָפן ווען אַ ביסעלע,
ווערט באַשטראָפט גאָר יאַנקעלע,
ווען קריגן שטראָף דאַרף ניסעלע.

די מאַמע בלויז פאַרבייט זיי נישט.
זי רופט זיי: מיינע בערעלעך.
צוויי יִנגעלעך די זעלבע הייך.
די זעלבע קודרע הערעלעך.

די גוטע לידער, וואָס לוי גאָלדבערג האָט אָנגעשריבן, זענען געבענטשט מיט דעם, וואָס אַלע זיינע חסרונות זענען אַרויסגעשטעלט אָפן און מוטיק, ווייל זיי זענען באַמייסטערט און ס'איז זיך נישטאָ מיט זיי וואָס צו שעמען. די חסרונות זענען שוין זיינע מעלות. פאַראַן אין בוך — „ניגון אין ווינט" אויך אַ סך נישט געראָטענע לידער, ווו די חסרונות זענען נאָך נאַקעט און אָרעם, ווי, אַ שטייגער, אין אַזאַ סאָציאַלן באַטראַכט:

און דאָ אין רייכן לאַנד איז אַלץ פאַרקערט.
צום אָרעמאַן אין קעשענע, קריכט גאָר דער מאַגנאַט,
און געזעץ באַשיצט אים, פון זיין גנבה־טאַט,
און נישט די תפיסה־צאַם איז אים דערפאַר באַשערט.

אָבער דאָרט, ווו די חסרונות גאָלדבערגס זענען געוואָרן זיינע מעלות, פאַרמאָגן די לידער אויך די מעלה, וואָס מ׳קען זיי לייענען מיט אַ געפיל, אַז מ׳מעג צו זיי נאָך אַמאָל צוריקקומען. אפשר איז זיי באַשערט די אומשטערבלעכקייט, וואָס דער פּאָעט וויל פאַר זיך אויסבעטן:

פאַראַנען לידער וואָס גייען אויף אין אונדזער לעבן —
גורל וויינענדיק, קוים הערבאַר
ווי נזירים אין פּאַנטאָפל.
איז וויל זיי טראָגן אין זיך, די שיינקייט פון יסורים,
קענען זיי אומגעשטערט, דורך שטורעם
וואַנדערן,
פון איין דור צו דעם אַנדערן.

אונדזערע צוקונפטיקע דורות — ווער קען פאָרויסזאָגן זייערע געשמאַקן? אָבער מיר אַליין קענען לייענען לוי גאָלדבערגס געראָטענע לידער מער ווי איינמאָל און האָבן פון זיי גרויס הנאה.

.1949

ד״ר א. מוקדוני

אַ קריטיקער וואָלט געמעגט גאַנץ אָפט אַרויסגעבן זיינע אייגענע ביכער, ווי אַ יום־טוב פאַר זיינע אומצאָליקע קרבנות. אָט — זאָלן זיי דינען ווי אַ שנאה־אָפּלייטער פאַר די אַלע אָנגעזאַמלטע קריוודעס, וואָס די קריטיקירטע האָבן צום קריטיקער. ווי גוט די ביכער פון קריטיקער זאָלן נישט זיין, וועט דער קריטיקירטער שטענדיק געפינען אין זיי עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים פאַרגיטיקן פאַר זיינע פאַרוווּנדעטע געפילן. דאָס איז הומאַניטאַר און קריטיקער מעגן געדענקען דעם דאָזיקן מענטשלעכן אַקט פון איינזעעניש מיט באַרעכטיקטע מערדער וואָס לויערן אויף אים און ווילן אים כאַפּן.

ד״ר מוקדוני האָט דאָ נישט לאַנג צוריק אַרויסגעוויזן זיין ברייטהאַרציקייט דערמיט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן גאַנצע צוויי ביכער מיטאַמאָל. זאָלן די קריטיקירטע האָבן אַן אמתן פּיקניק. זאָלן זיי בודק זיין די ביכער און אויב מ׳וועט נישט געפינען קיין חסרונות אין איין בוך, וועט מען זיכער געפינען עפּעס אַזוינס אין דעם צווייטן, וואָס זאָל קענען געבן דעם נחת־רוח פון ווערן קוויט מיט אַ שופט, וואָס זיצט אויבנאָן און זאָגט יענעם אַריין מבינות.

אַזאַ קריטיקער, וואָס באַפּרידיקט אַזוי זיינע היימישע קרבנות, איז באמת אַ גאָלדענער און גוטהאַרציקער מענטש. ער וואַרפט זיי די ביכער, ווי אין אַ שטייג פון נקמה־הונגעריקע. ער זאָגט זיי — זעט, ווי איך אַליין בלאָנדזשע אויך און ווי שווער ס׳איז צו האַלטן אַ פעדער אין דער האַנט. אָט גיב איך עס צו מיט מיינע אייגענע ביכער, לייענט זיי מיט אייער געזונטן כעס און זאָל אייך זיין צו געזונט.

ווי אַ מענטש, וואָס איז זייער גוט באַהאַנדלט געוואָרן — שוין אַביסל צו גוט — פון דעם קריטיקער ד״ר מוקדוני, האָב איך ביים לייענען זיינע צוויי ביכער געמוזט אַ היפּש ביסל אונטערהאַרעווען. כ׳האָב זיך געוואָלט אָנשטרענגען זיך אַריינצולעבן אין דער ראָלע פון זיינע שאַרף־קריטיקירטע, וואָס קומען קיינמאָל נישט צום אויסדרוק און קענען נישט אויסלאָדן זייערע געפילן. כ׳האָב אין זייער נאָמען באַדאַרפט לייענען די צוויי מעמואַרן־ביכער, וואָס מיט זיי האָט מוקדוני באַרייכערט די יִדישע ליטעראַטור און כ׳האָב געמוזט זוכן און געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל די אַרמיי פון קריטיקירטע באַרויִקן, כדי די שרייבער זאָלן קענען מיט באַרויִקטע נערוון ווייטער שרייבן

און װײַטער גראַציעז און דערשראָקן לײגן די קעפּ אױף דער באַרמהאַרציקער גילאָטינע פֿון ד״ר מוקדוניס קריטישן טאַלאַנט.

ד״ר מוקדוני איז אײגנטלעך אױף די עלטערע יאָרן געװאָרן אַ שלום־מאַכער מיט דער ליטעראַטור. ער האָט אױסגעזוכט עטלעכע בײזע פּונקטן און אױף זײ שיסט ער און קאָנצענטרירט זיך אײנגאַנצן. דאָס איבעריקע איז בײ אים רײנער גאָלד. אױב שרײבער האָבן נאָך אַלץ פּאַראיבל אױף אים, איז עס פּשוט דערפֿאַר, װאָס מען קען אָט די אַפּעטיט־צערײצטע מענטשן קײן־מאָל נישט באַפֿרידיקן. די צרה מיט אַ קריטיקער װאָס ברענגט אַרײן אַ שטיקל אינפֿלאַציע אין זײַנע לױבגעזאַנגען איז װאָס ער שאַפֿט אַ באַזונדערן געניאַליטעט־סטאַנדאַרט װאָס װאַלגערט זיך אױפֿן נידעריקסטן שטאַפּל. יע־דער שרײבער װיל זײן — אױב נישט נאָך העכער, און דער גוטער קריטיקער געפֿינט גאַנץ אָפּט אױס, אַז ער האָט טיף באַלײדיקט אַ זײער סענסיטיװן שרײבער דערמיט, װאָס ער האָט זײַנעם אַ חבר אױך געלױבט צװײ הונדערט פּראָצענט. נישט נאָר אַ הױקער, נאָר אַריבערגעכאַפּטע לױב דערזעט מען אױך ערשט אױף יענעם.

אָבער צוריק צום פֿרײלעכן, צװײ־ביכערדיקן יום־טובֿ פֿון ד״ר מוקדוני און צוריק צו דער ראָלע פֿון אַ שרײבער, װאָס לײענט זײ אין נאָמען פֿון אַזױפֿיל דערנידעריקטע און באַלײדיקטע.

אין זײַן בוך „באַגעגענישן״, װאָס איז אײגנטלעך אַן אײגנאַרטיקער פּרוּװ אױף אַן אױטאָביאָגראַפֿיע, װי אױך אין זײַן בוך „יצחק לײבוש פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער״, װאָס איז אױך װײַטערדיקער אױטאָביאָגראַפֿי־שער מאַטעריאַל, װאַרפֿט זיך אין די אױגן אַ מערקװירדיקער פֿאַקט. נישטאָ אין בײדע ביכער קײן סימן פֿון טעאַטראַלישקײט — נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן.

אױב מ׳געדענקט אַז ד״ר מוקדוני האָט אַ גרױסן טײל פֿון זײַן לעבן געװידמעט דעם טעאַטער און איז דורך דעם שטענדיק געװען אַן אָנגעצונ־דענער, אַן אױפֿגעראַמטער, אַ דראַמאַטישער, אַזעלכער, װאָס האָט געזוכט זײַנע קאָנפֿליקטן און זײ אַלעמאָל, ברוך השם, געפֿונען — װעט מען זײַן איבעראַשט װאָס מ׳װעט אין די צװײ ביכער נישט געפֿינען קײן שפּור פֿון יענער דערהױבענער, אָדער פֿײערלעכער אָנגעצונדנקײט. פֿאַראַן אין בײדע ביכער — אַפֿילו װען ס׳װערן כּלומרשט איבערגעגעבן דראַמאַטישע געשעע־נישן און צוזאַמענשטױסן — אַן אָנגעשטרענגטער פּאַרזוך צו זײַן ביז גאָר פּשוטדיק, נישט צו דראַמאַטיזירן און נישט צו נוצן קײן טעאַטער־עפֿעקטן. די ביכער זענען אױף אַ האָר נישט דעקאָרירט. אױב זײ װערן ערגעץ

יאַ געשפּילט, ווערן זיי געשפּילט פאַר נאַקעטע ברעטער, אָן אַ סימן פון דעקאָראַציע.

ווען מ'האָט אין זינען דעם פּינקלדיקן, נערוועזן, אימפּולסיוון סטיל פון דעם פּובליציסט, שאַרפן מוכיח און אומקאָמפּראָמיסלעכן ד״ר מוקדוני, וועט מען ווערן איבעראַשט איבער דער רויִקייט פון די ביידע ביכער. הגם דער מחבר רעדט זייער אַ סך אין זיינע ווערק און שטעלט זיך איין פאַר זאַכן, טוט ער עס אויף אַ שטילן, עלעגאַנטן אופן. ווי אַזוי האָט ד״ר מוקדוני באַזיגט זיין אייגענעם אימפּעט? מ'קען די פראַגע, פאַרשטייט זיך, שטעלן אויך אַנדערש: איז טאַקע נייטיק געווען אַז מוקדוני זאָל באַזיגן זיין אייגענעם קאַכעדיקן און דראַמאַטישן סטיל, זיין התלהבות, זיין טעאַטראַלישע שנאה און ליבשאַפט צו מענטשן און זאַכן?

דער פּובליציסט ד״ר מוקדוני האָט אויף אַ קונציקן אופן זיך באַזייטיקט פון זיינע „באַגעגענישן״, וואָס איז פּאַקטיש אַ צוזאַמענשטעל פון קורצע דערציילונגען. אָבער אַ גרעסערע איבעראַשונג איז, וואָס ער האָט אויך באַזייטיקט זיין קאָכיקן סטיל פון זיין בוך איבער פּרצן און דעם יידישן טעאַטער. אויך דאָס בוך איז נישט טעאַטראַליש, נאָר ביז גאָר זאַכלעך און אינפאָרמאַטיוו.

פאַראַן אין ביידע ביכער אַ טרעטן מיט שטילע טריט. אַפילו ווען ער דאַרף אויסרעכענען חסרונות, טוט ער עס שטיל, אָן איינרייסונגען. נאָר די מיינונגען זענען דורכגעטראַכטע און אָפּגעקילטע.

אויטאָביאָגראַפישער מאַטעריאַל איז שטענדיק אַ פּראָבלעם פאַר דעם מחבר וואָס דערמאָנט זיך. ער ווייסט נישט ווי אַזוי ער זאָל זיך דערמאָנען, ווי אַ מענטש וואָס טראַכט אויף צוריק מיט מיטלען, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן, אָדער ווי איינער וואָס שטרענגט זיך אָן צו טראַכטן לויט די יאָרן, ווען זיי, די אַלע איינדרוקן, זענען צו אים געקומען.

ס'איז תמיד שווער צו געפינען די גלייכוואָג. אין דעם בוך — „מיינע באַגעגענישן״ גיט אונדז מוקדוני אַ גאַלעריע פון מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, ביז ער איז אַלט געוואָרן 22 יאָר און זיך געקליבן אָפּצופאָרן אין דער שווייץ שטודירן. אין צווייטן בוך, וועגן פּרצן, איז ער אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק און ס'פעלן אונדז אינגאַנצן אַכט יאָר. אין די אַכט יאָר איז ד״ר מוקדוני אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ טעאַטער־אויטאָריטעט. נישט נאָר איז ער געווען אַן אַריינגייער אין פּרצעס הויז, נאָר דער דרייסיק־יאָריקער יונגערמאַן איז געוואָרן פּרצס דרייסטער חבר. פּרץ האָט זיך צוגעהערט צו מוקדוניס מיינונגען און זיך גערעכנט מיט זיי. אין יידישן טעאַטער האָט מען ד״ר מוקדוניס וואָרט געשאַצט און געאַכט.

וואָס אַזוינס איז מיט ד״ר מוקדונין געשען אין די קאַרגע אַכט יאָר? אין זיין קליינער פּאַרעדע זאָגט אונדז דער מחבר צו נאָך בענדער. אָבער ער וועט מוזן זיין אַ סך רירעוודיקער און אימפּולסיווער און אַפילו טעאַטראַ־לישער, כדי פּאַר אונדז אויפצושפּילן די דאָזיקע אַכט אויפבויערישע יאָרן, אין לעבן פון אַ קליינשטעטלדיקן יונגנמאַן, וואָס גיט נישט קיין סך אָנצו־הערעניש אויף זיין צוקונפטיקער, פאַרביקער קאַריערע, פון דעם ד״ר סעמועל דזשאָנסאָן פון יידישן טעאַטער, פון דעם קריטיקער, וואָס אַקטיאָרן און אַק־טריסעס האָבן געציטערט פאַר זיין נאָז־קרום און פּען־קריץ.

פאַראַן אין די ביכער פון דעם שאַרפן און שטאָלצן ד״ר מוקדוני אַן עניוותדיקער טאָן, נישט אַזוי אין די מיינונגען, נאָר אין דעם אופן פון שטילן שרייבן, דער סגנון איז ווי פון איבערגעשראָקענער אויטאָרשאַפט.

נישטאָ אין זיי דער ריס, דער פּלי, דער כאַפּ, דער קלעטער, דער אימ־פּולסיווער, הייסער באַפעלערישער זאָג פון זיין פּובליציסטיק, ווו אַלץ ווערט דעקלאַרירט און פאַנטיפיצירט. דאָ האָבן מיר אַ באַשיידענעם אויטאָר, וואָס קומט אין קאָרידאָר, שטעלט זיך אַוועק זאָגן אָמן מיט קהל.

די אָפּוועזנהייט פון אויטאָריטעטישער אויטאָרשאַפט, פון אַ חזקהדיק וואָרט איז דאָס וואָס וואַרפט זיך צום שטאַרקסטן אין די אויגן, ווען מען לייענט איבער ביידע ביכער. דער בעלעטריסט און האַלבער בעלעטריסט מוק־דוני האָט אַריינגעדרייט אין זיך אַלע טעאַטער־לעמפּלעך און געקומען מיט אַ שטילקייט און אומרירעוודיקייט, וואָס איז באמת איבעראַשנדיק.

די שטילקייט און אינטימיטעט ליגט זיכער אויפן דנאָ פון ד״ר מוק־דוניס אימפּעט. דער דיקטאַטאָר פון טעאַטער און פייערלעכער פּראָקלאַמי־רער אין דער ליטעראַטור פאַרמאָגט אַן אינערלעכן דרך־ארץ פאַר שרייבן, און ווען ס׳איז געקומען צו געבן דאָס אינטימע וואָרט, דאָס איבערגעלעבטע און צוריקגעטראַכטע, האָט ער אונדז געגעבן דאָס באַשיידענע און ערלעך־אָפּגע־שפּאַרטע און נישט דאָס דעקאָראַטיוו־געצונדענע.

מוקדוניס „מיינע באַגעגענישן״ איז דאָס פּופּציקסטע בוך אין דער אַר־געגנטינער סעריע פון דאָקומענטן פון פּוילישן יידנטום. ס׳איז זיכער אַ ביי־טראָג צו דער אינטערעסאַנטער, הגם נישט־אָפּגעקליבענע סעריע. אין דעם יובל־בוך געפינען מיר אַן אַ צאָל געשטאַלטן, וואָס גיבן אונדז ווי עדגאַר לי מאַסטערס די אַלע וואָס שלאָפן, שלאָפן אויפן בערגל, די אַלע גע־שטאַלטן וואָס האָבן זוכה געווען איינצושלאָפן און וואָס האָבן נישט דער־לעבט דעם חורבן. אויף אַזויפיל זענען די געשילדערטע געשטאַלטן פון קצבים, מלמדים, איבערשרייבערס, קליינשטעטלדיקע מחברים, משומדים — טיפּן פון אונדזער פאַרגעסענער שטעטלדיקער רו.

מוקדוני באַגלייט שטיל זיינע געשטאַלטן און האָט זיך מורא אַרויסצו־כאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט. ער האָט מורא, אַז דאָס וועט נישט פּאַסן דעם יינגל, וואָס גייט־נאָך זיינע דערוואַקסענע מענטשן ווי אַ שאָטן. באַקומט זיך אַ צו־רויק בוך. צענדליקער בלעטער זענען אומאינטערעסאַנט — הפּנים לי־טעראַטור, אַפילו אויטאָביאָגראַפישע ליטעראַטור, גייטיקט זיך אויך אין אַביסל פּאַליטור.

קריטיקער זענען די איינזאַמסטע מענטשן אויף דער וועלט. זיי האָבן נישט קיין פריינט, זיי הערן קיינמאָל נישט דעם אמת. זיי הערן אָדער זיסע חניפה, אָדער גאָר בייזע זידלערייען. אַז ער וויל הערן פון עמעצן אַן אמת אויפריכטיק וואָרט, מוז ער עס הערן פון זיך אַליין אין די זעלטענע מאָמענטן, וואָס באַפאַלן אַ מענטשן. דערפאַר אַז אַ קריטיקער גיט אַרויס אַ בוך, האָט ער נישט קיינעם מיט וועמען זיך אַן עצה האַלטן.

ס'איז נישטאָ אַזאַ באַשעפעניש ווי אַ דערפאַרענער שרייבער. אַ גוטער שרייבער הייבט אַלעמאָל אָן און ער איז אַלעמאָל הילפלאָז, און ער אַנטדעקט אַלעמאָל ווי אַזוי צו באַמייסטערן זיין הילפלאָזיקייט. דער בעסטער און גע־ניטסטער שרייבער מעג האָבן אַ פריינטלעכן רעדאַקטאָר. אין ד״ר מוקדוניס צוויי ביכער זענען פאַראַן אַ סך זייטן, וואָס האָבן געקענט ווערן אויפגע־לעבט, ווען דער מחבר וואָלט געקראָגן פריינטלעכע קריטיק, איידער ער איז מיט זיינע ביכער אַריין אין דרוק. אָבער ווי קען אַ קריטיקער קריגן אַ חברשן קריטיקער, אין זיין גרויסער, אַלימפּישער איינזאַמקייט?

מיר וואָלט גאָרנישט אויסגעמאַכט ווען דאָס וואַקסנדיקע יינגל סענדער, פון מוקדוניס אַמאָליקער וועלט, וואָלט זיך יאָ צייטנווייז אַרויסגעכאַפּט מיט אייגנאַרטיקע און גייסטרייכע באַמערקונגען, אַפילו ווען די אַלע אַרויסגע־כאַפּטע רייד וואָלטן איבערגעפירט די אַטמאָספערע פון אומרייפקייט און וואָלטן געמוזט פאַרצייכנט ווערן אויפן חשבון פון דעם הייגטיקן ד״ר מוקדוני.

אָט שרייבט דאָך מוקדוני אויף די סאַמע ערשטע בלעטלעך פון זיין בוך וועגן דער מאַמע פון זיין יוגנט־חבר מיטן לשון פון אַ דערוואַקסענעם. „זי האָט קאָנטראָלירט זיין לעבן ביז דאָס סאַמע אינטימסטע״. „אונטער דעם טעראָר פון זיין מוטערס משוגענער ליבע״. ס'יי דער „קאָנטראָל״ און סיי דער „טעראָר״ זענען שפּעטערדיקע באַגריפן, וואָס דער מחבר האָט צוגע־טראַכט פאַר זיינע יוגנט־באַטראַכטונגען און דערפאַר וואָלט גאָרנישט גע־שאַדט, ווען ער וואָלט זיי אַרויסגעפירט פון דער צוויי־דימענסיאָנעלקייט. צוויי־דימענסיאָנעלקייט איז אינטערעסאַנט, ווען זי ווערט קינסטלעריש באַ־לויכטן. אין דעם בוך „מיינע באַגעגענישן״ ווערט אַלץ רויק און שטיל גע־

שילדערט, אַפילו טראַגעדיעס און קאָמעדיעס ווערן געגעבן בחפזון, נישט וואַרטנדיק אויפן עפעקט, אויף דער געהעריקער פויזע.

„און פון די חלומות וועגן גליקלעכע חתנים האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ קליינעם סוחרל און געשטאָרבן פון דעם ערשטן קימפעט."

דאָס איז אַ קיילעכדיקע טראַגעדיע פון אַן אָפּגעכאַפּט לעבן און אַן אָפּ־געכאַפּטן טויט, דערציילט בחפזונדיק, אַז ס'פּאַפּיר גיט אַפילו נישט קיין זיפץ. די קליינע טראַגעדיעס און קליינע קאָמעדיעס, ווי דאָס אַנקומען פון משומד אין יידישן שטעטל, ווערן צעריבן, ווייל דווקא דאָ האָט דער אויטאָר נישט דערלויבט קיין צייכן פון זיין אַנגעזאַמלטער טעאַטער־דערפאַרונג אין קונסט פון פויזע.

אין דעם פּרץ־בוך זענען פאַראַן זייער אַ סך ניצלעכע שילדערונגען פון דער פּרץ־פּערזענלעכקייט, אָבער ווידעראַמאָל — פון דער איבערגעטריבע־נער פּשטות קומט דעם בוך קיין געזונט נישט צו. מוקדוני באַקלאָגט זיך, אַז וועגן פּרצן זענען געשריבן געוואָרן פוסטע מליצות. אָבער די פּערזענלעכ־קייט פון פּרצן פאַרטראָגט נישט אַז ס'זאָל אים אַנרירן אַ קאַרגע פען, אַן מליצות. ער אַליין איז געווען אַ שפּרודלדיקער, אַן איבערשוימענדיקער און מוקדוני איז עס אויך אין זיין אַלגעמיינער פּובליציסטיק. אָבער גראָד ווען ער איז צוגעקומען צום פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז אים באַפאַלן דער חשק צו אַנטדראַמאַטיזירן די גרויסע דראַמאַטישע פּער־זענלעכקייט.

דערביי קומען אויך די יידישע טעאַטער־פּראָבלעמען פון יענער צייט אַרויס אַנטדראַמאַטיזירט. נאָך אַלעמען האָט דאָך מוקדוני צוגעלייגט אַ האַנט צום בעסערן יידישן טעאַטער, נאָר אין דעם בוך ווייסט מען אָפּט נישט אי־בער וואָס מ'האָט זיך געשלאָגן, וואָס זענען געווען די גרויסע אידייען הינטער דעם קאַמף פאַר דער בעסערער יידישער בינע.

מיר איז נישט באַקאַנט ווען ד"ר מוקדוני האָט די ביכער געשריבן, נאָר זיי מאַכן אַ מידן איינדרוק, אָדער גאָר אַן איינדרוק פון אַן איבערגעשראָקע־נעם פּובליציסט, וואָס האָט דערפילט, אַז ער דאַרף זיך אַנטאָן אַ פּראַק און שרייבן שטיל און סאָליד פאַר דער אייביקייט.

מיר פעלט בפירוש דער טעגלעכער מוקדוני אין זיינע צוויי ביכער, דער שרייער, דער רעדער, דער אַריינזאָגער, דער מאָנער.

כ'ווייס נישט צי מיר איז געלונגען צו פאַרטרעטן די קליינטעלע פון דעם קריטיקערס קרבנות, וואָס רייסן זיך צום וואָרט. וויל איך בלויז צוגעבן

אין מיין אייגענעם נאָמען, אַז אין די צוויי ביכער געפינען מיר ווערטפולע אויטאָביאָגראַפישע סקיצן. מיר פעלן אָבער אין זיי די גייסטיקע עטאַפּן פון אַ דענקענדיקן שרייבער, וואָס וואָלטן געקענט לייכטן דורך מוקדונים אָנגעצונדענע טעאַטער־לעמפּלעך.

אַ בוך וואָס נעמט דריי שעה איבערצולייענען דאַרף אויך זיין אַ גוטע פאָרשטעלונג, וואָס זאָל פאַרמאָגן אין זיך אַלע קונצן און קונסטן פון אַן אויפגעשפּילט לעבן.

.1949

משה יונה חאַימאָוויטש

אַ ביטערע קראַנקייט וואָס איז מבזה דעם מענטשלעכן גוף, דרייט אים אויס, דרייט אים איין און נעמט ביי אים צו יעדער קאָנטראָל, האָט דעם עלעגאַנטן און פראַנטישן מ. י. חאַימאָוויטשן באַזייטיקט פון לעבן, פופצן יאָר פריִער, איידער ער איז אַוועק אויף אייביק. געווען איז ער נאָך אין די ערשטע זעכציקער, ווען מיר אַלע פלעגן קענען זיין באַרימערישן האַנטדרוק, זיין פעסטן גאַנג, זיין שלאַנקן אויסזען, זיין אויסערגעוויינלעכע אויפמערקזאַמקייט צו די צוגעקליבענע שניפּסן, טייערע העמדער און פּאָרזיכטיק געפּרעסטע הויזן מיטן ריכטיקן קנייטש. זיין פּנים איז נישט געווען דאָס פּנים פון אַן אינטעלעקטואַל. ער האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוט־אַמעריקאַניזירטן געשעפטסמאַן, אָדער פון אַ גרויסן פאַרדינער, אַן עלעגאַנטן בעל־מלאכה ביי איינס פון די בעסערע פאַכן.

כאָטש ס'איז אין קאַפע נישט געווען, אין יענער צייט, אין די אָנהייב צוואַנציקער, קיין באַשטימטער שרייבערישער טיפּ, האָט חאַימאָוויטש זיך באַמיט אויסצוזען אַזוי נישט־שרייבעריש ווי מעגלעך, און ס'האָט זיך אים איינגעגעבן. ער האָט אָבער נישט געקענט צאַמען דעם יצר־הרע צום קאַפע, צו די קאַפע־טישלעך, צו די חברים, צום ליטעראַרישן שמועס און צו ליטעראַרישע רכילות. ער האָט געהאַט שאַרפע אָפּגעמאַכטע מיינונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ סך אויטאָריטעט, כאָטש ער האָט שוין דעמאָלט, ווען איך האָב אים דערקענט און זיך נאָענט מיט אים באַפריינדעט, געהאַט פאַרלוירן די פּאָזיציע פון אַ ליטעראַרישן פירער, וואָס ער האָט פאַרנומען דורך די ערשטע יאָרן, ווען די „יונגע" און „ערב־יונגע" האָבן אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט, אונטער דער השפּעה פון יואל ענטין. דאָס זאַמלבוך „ליטעראַטור" האָט חאַימאָוויטש רעדאַקטירט, צוזאַמען מיט יואל ענטינען און יואל סלאָנימען. דאָס איז געווען דער אָנזאָג אַז יונגע כוחות טרייסלען זיך אָפּ פון דער מורא, וואָס די עלטערע טאַלאַנטן אין אַמעריקע האָבן געשפּרייט אַרום זיך.

חאַימאָוויטש האָט דעמאָלט געשפּילט די ראָלע פון דעם עסטעטישן מדריך. ענטין איז געווען דער אינעוויינִיקסטער קריטיקער־מבין און חאַימאָוויטש איז געווען דער וואָס האָט זיך דורכגעפריינדלט מיט די קריטישע קאַטעגאָריעס פון דער דרויסנדיקער וועלט. אויב ענטין איז געקומען מיט פעסט־

איינגעפונדעוועטע סלאַווישע מאָסן, האָט חאַימאָוויטש געחלומט פון דער פראַנ־צויזישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געקענט פון רוסישע איבערזעצונגען, אָבער וואָס האָט אים שטאַרק צוגעטראָפן. אַפילו אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער זיך שטילערהייט באַטראַכט פאַר דעם „פראַנצויז" אין דער ייִדישער לי־טעראַטור. ער האָט ליב געהאַט צו גלאַנצן מיט אַ סך מער ערודיציע, ווי ער האָט פאַרמאָגט, און מיט סטיליסטישן גלאַנץ, וואָס האָט געשאַפן אַרום זיין שרייבן אַ הויך פון פרעמדקייט.

ווען עמעצער זאָל ברענגען אין אָרדענונג זיינע הונדערטער דערציילונ־גען, ליטעראַרישע עסייען און די לענגערע ראָמאַנען — דער עיקר די אַזוי־גערופענע היסטאָרישע, אַרום די געשטאַלטן פון יעזוס און שבתי צבי, וואָלט מען מסתמא געהאַט פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע רעטעניש פון אַ ייִדישן שרייבער, וואָס האָט זייער שטאַרק געוואָלט מער, ווי ער האָט גע־קענט דערגרייכן, אָבער אין דעם וועלן אַליין איז פאַראַן גאָר אַ סך טאַלאַנט. פריִער האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט שטאַרק געוואָלט ווייזן פראַנצויזישע עלעגאַנץ, אָבער ס'וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן, אַז ער האָט בכלל גע־שפּילט דעם אייראָפּייער, אייראָפּייִער אין זין וואָס האָט אויסגעשלאָסן דעם מזרח־אייראָפּייער, דעם רוס אָדער פּאָליאַק. ער האָט געוואָלט זיין אַ געמיש פון שניצלערן און אַנאַטאָל פראַנס, מיט אַ צומיש פון דער איראָניע פון אַזאַ אַמעריקאַנער שרייבער, ווי קאַבעל, וואָס האָט געשריבן לאַנגע, עלעגאַנטע, קלוגערישע און צווייִדייטיקע זאַצן. יאָ, חאַימאָוויטש האָט זיך אויך גיך אַמע־ריקאַניזירט און זיך בכלל אויבנאויפיק פאַרוועלטלעכט — און דאָס האָט אים, דעם מירער יונגערמאַן, נישט ווייניק געשאַדט, ווייל דאָס עכט־ייִדישע אין אים איז געוואָרן צוגעדעקט. ער האָט זיך צו־פרי סטיליזירט, ער איז אינ־גאַנצן געוואָרן אַ סטיליזאַציע פון וועלט־שרייבער, וואָס האָט דער ייִדישער ליטעראַטור צוגעגעבן אַ חן־גריבעלע, אָבער אים אַליין האָט עס צו־שטאַרק אויסגעפרעסט, ווי געפרעסט עס זענען געווען די הויזן זיינע.

ער איז געווען אַ גוטער חבר און ער האָט ליב געהאַט יונגע טאַלאַנטן. כאָטש ער איז כסדר געווען באַוווּסטזיניק ביי זיך, אַז ער איז שוין אַ זייל אין דער ליטעראַטור, איז ער געזעסן מיט די ייִנגערע און ניי־געקומענע ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. ער איז אפשר געווען טיף אין זיך אַ פאַרביטערטער מענטש, וואָס די אַמאָליקע חברים זיינע האָבן אים איבערגעיאָגט אין פּאָפּו־לאַריטעט, אָבער די ביטערקייט האָט אים נישט פאַרסמט און ער האָט זי טיף באַגראָבן אין זיך און אַפילו מבטל געווען. ער האָט ליב געהאַט יונגשאַפט און גבורה. ער איז געווען באַהאַוונט אין דער פויסטן־ און ראַנגל־קונסט און ער האָט האַלט געהאַט אַרויסצווייזן גרויס בקיאות אין די דאָזיקע ספּאָרטן.

דאָס איז אַלץ געווען אַ טייל פון זיין יונגשאַפט. ער האָט גענומען זיין אָנגע־העריקייט צו די „יונגע" בוכשטעבלעך, און בעת זיינע חברים, די יונגע, פון וועמען ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער, האָבן זיך געעלטערט, האָט ער זיך כסדר געיונגט און ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן צו ווייזן, אַז ער גיט זיך נישט אונטער.

כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געזען עסן קיין מאָלצייט אין קאַפע און זייער זעלטן אַפילו צובייס צו דער קאַווע, וואָס ער האָט געטרונקען. שוין יאָרן נאָכדעם, ווי כ׳האָב אים גוט געקענט, האָב איך ערשט איינגעזען, ווי גרויזאַם־אָפּגעפרעמדט מיר זענען צווישן זיך, ווי מיר באַגנוגענען זיך מייסטנס מיט דעם ביסל קאַפע־קאַנטשאַפט. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו זיצן מיט אים און מיט זיין פרוי, וואָס איז שוין אויך נישטאָ, אין יידישן טעאַטער. מיין בענקל איז געווען לעבן אירס און כ׳האָב בפירוש געזען, אַז חאַימאָוויטש איז נישט געווען צו־גליקלעך דערפון. ער האָט מורא געהאַט אַז זי וועט זיך אַרויסכאַפּן מיט רייד, וואָס וועלן אים שטעלן אין פאַרלעגנהייט און ער האָט כסדר געשמייכלט מיט אַ פאַרלוירן שמייכעלע, וואָס ער האָט אַפילו אָנגע־האַלטן, ווען זיין ווייב איז טאַקע אַרויסגעקומען מיט לשון און מיט טענות, ווי לאַנג איז דער שיעור, אַז ער זאָל זיך אַרומדרייען ליידיק און זיך באַגנור־גענען מיט איר שווערער אַרבעט; פאַרוואָס האָבן חברים נישט קיין איינפלוס אויף אים אַז ער זאָל עפּעס טאָן; פאַרוואָס שאַפט מען נישט פאַר אים קיין מעמד. חאַימאָוויטש האָט נישט געענטפערט, נאָר אַלץ געשמייכלט, אָבער ס׳איז געווען קענטיק, אַז אים האָט וויי געטאָן, וואָס זיין ווייב האָט מיך באַ־קאַנט געמאַכט מיט אַ סיטואַציע, וואָס ער האָט נישט געוואָלט, אַז די יינגע־רע חברים זאָלן וויסן דערפון.

אין זיינע ערשטע יאָרן איז ער געווען אַ שניידער, און כאָטש ער איז ווייט געווען פון דעם אָנגענומענעם טיפּ באַהעם, האָט דער שרייבער אין אים קיינמאָל נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט צופאַסיקייט צו אַן עול־פּרנסה. אַ אַ צייט האָט ער אַפילו געאַרבעט ווי אַ צושטעלער פון דערציילונגען אין „טאָג", אָבער ער איז אַוועק דערפון, ס׳איז אים נישט געווען באַקוועם צו מאַכן אַ לעבן ווי אַ צושטעלער פון וועכנטלעכן קינסטלערישן קיי־און־שפּיי; אָדער בכלל צו זיין צוגעבונדן צו אַ געזעצטער וועכנטלעכער שטעלע. ער האָט זיכער געליטן נויט, און נישט געקוקט אויף דער אויסערלעכער עלעגאַנץ, האָט ער אַ גאַנצן טאָג אין קאַפע נישט געגעסן און מסתמא גוט געהיט די מטבע, וואָס האָט אים באַדאַרפט שפּעט ביינאַכט צוריקפירן אַהיים, צו ווייב און קינד, צו אַ שטוב מיט הצטרכותן, וואָס ער האָט נישט געהאָלפן טראָגן אויף די פּלייצעס.

אַ גאַנצן טאָג און דורך די אָוונטן האָט ער געטראָגן די מאַסקע פון דעם צופרידענעם עסטעט. ער האָט זיך געלאָזט דערקענען צו אונדז זייער נאָענט, אָבער ליטעראַריש.

איך האָב זיך קיינמאָל מער נישט געקענט באַפרייען פון זיין ווייבס טענות צו אים און צו אונדז אַלעמען, ווי מיר וואָלטן אַלע שולדיק געווען, וואָס מיר נעמען אים נישט אין די הענט אַריין, וואָס מען פאַרזאָרגט אים נישט און מען שפּאַנט אים נישט איין אין פּרנסה־וואָגן. איך האָב אים געזען דורך דער שפּאַלט־טיר, וואָס זיין ווייב האָט קעגן זיין ווילן געעפנט צו זיין אומליטעראַרישער היים, וואָס איז מסתמא ווייט נישט געווען אַזוי סטיליזירט, ווי דער שרייבער, ווי ער האָט זיך אונדז געוויזן אין קאַפע, מיט זיין פולער פאַרשלונגענקייט אין בוך און וואָרט און אין מיינונגען — מיינסטנס שאַרפע, אָבער עלעגאַנט אַרויסגעזאָגטע — וועגן חברים.

אין 1947 זענען דערשינען צוויי ביכער פון משה יונה חאַימאָוויטש: „קאַרוסעל", אַ זאַמלונג דערציילונגען, און „יאָר 1666", דער ראָמאַן וועגן שבתי צבי. זיין ראָמאַן „אַרום דעם מאַן פון נצרת" איז דערשינען אַ סך פריִער, אין 1924. ס'איז אינטערעסאַנט וואָס אין דעם הייסן וויכוח אַרום אַשס יעזוס־ראָמאַנען, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אַשס צוגאַנג פון איבערגעטריבענער פאַרהערלעכונג און חאַימאָוויטשעס ליטווישער, טרוקענער לאָגיק. שלום אַש האָט אויך געשריבן וועגן דער שבתי צבי־עפּאָכע — פּעט און מעלאָדראַמאַטיש, ווי ער האָט געשריבן זיין יעזוסיאַדע.

חאַימאָוויטש האָט בכלל נישט ליב געהאַט קיין צענטראַלע העלדן און ער האָט זיי „דעצענטראַליזירט". ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין גדלות. זיין אייגענע מאַסקע פון דעם איראָפּעיִשן עסטעט און סטיליסט האָט אים נישט געמאַכט פאַר קיין גרויסהאַלטער. זיין יעזוס איז נישט קיין געטלעכער און זיין שבתי צבי איז ווייט פון אַ לעגענדאַרישן העלד, אַפילו נישט קיין פּ אַ ל־ ש ע ר משיח, ווייל ווי חאַימאָוויטש ווייזט אים, איז זיין פאַלשקייט געווען אַ לעכערלעכע, וואָס האָט געהאַט אַן השפּעה אויף קליינע מענטשעלעך און וואָס די „אַפּאָסטאָלן" זיינע זענען געווען כיטרע חברהלייט.

חאַימאָוויטש האָט באַטראַכט ליטעראַטור פאַר דעם טרוקענעם אמת. זיין גאַנצע פאַנטאַזיע האָט ער אַריינגעלייגט בלויז אין דעם שניצן פון זאַצן, אין דעם ריטם פון דער דערציילונג, אָבער די העלדן אַליין האָט ער נישט געלאָזט אַריבערוואַקסן די דורכשניטלעכע לאָגיק און ער האָט נישט דערלויבט אַז שבתי צבי אָדער יעזוס זאָלן פאַרדרייען דעם קאָפּ פון אַ ניכטער־ראַציאָנאַלן מענטשן.

חאַימאָוויטש איז געווען מער שמועסער ווי דערציילער, אפשר גאָר און הויפּטזעכטלעך — אַן עסייאיסט. ער איז געווען אָרעם אין שטימונג און אים איז געגאַנגען גיכער אין שיינע, קלוגע און געמאָסטענע רייד.

זיין שרייבן איז נישט געקומען פון אַן אינעווייניקסטן שפּרודל און ער האָט זיך נישט געקענט פאַרגעסן, אַז ער שרייבט. ער איז תמיד געווען דער אינטעלעקטואַל, וואָס אַנאַליזירט זיינע העלדן און ער האָט זיי בשום אופן נישט געלאָזט זיך דערציילן, נאָר ער האָט זיי קאָרעגירט אויף שריט און טריט און איבערדערציילט.

אויב מען וויל איז חאַימאָוויטש זיין גאַנץ לעבן געווען אין קריג קעגן אַשס ראָמאַנטיק. זיינע אַלע קינסטלערישע פּאַרזוכן זענען געווען עסייען וועגן אַשס מעלאָדראַמאַטישקייט. ער האָט אַפילו, ווי מיר זעען, פּאַראויסגעזאָגט, אין 1924, אַשס צוגעזאָטנקייט צו דער יעזוס־טעמע און ער האָט זי פּאַר־ליטווישט און ראַציאָנאַליזירט.

חאַימאָוויטשעס טאַלאַנט ווייזט זיך צום בעסטן גראָד אין זיין ראָמאַן וועגן שבתי צבי — „יאָר 1666", ווייל די טעמע האָט אַביסל באַזיגט חאַימאָ־וויטשעס ניכטערע באַריידעוודיקייט און דעם סטיליזירטן אָנשטעל פון אַן אַנאַטאָל פראַנס, אָדער אַ דזשאָרדזש מור, וועמען ער האָט גוט געקענט. אין דעם שבתי צבי־ראָמאַן איז חאַימאָוויטש געצוווּנגען געווען צו זיין דורכאויס ייִדיש און דאָס לשון פון דער צייט האָט אים געהאַלטן אין צוים. ער, וואָס האָט תמיד ליב געהאַט אַ שווער וואָרט, כדי אַרויסצווייזן די ערודיציע, וואָס איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור, כ׳מיין דער כסדרדיקער ווילן עס צו באַווייזן — האָט אין דעם ראָמאַן „יאָר 1666" געניצט היימישע, איינגעפונדעוועטע ייִדישע ווערטער און טייערע העברעיִזמען, שטאָט די לאַטיניזמען און די פרעמ־דע שפּיץ־מעסער בוך־ציטאַטן, וואָס מיט זיי האָט ער געוואָלט פּלעפן די ייִדישע ליטעראַטור.

חאַימאָוויטש האָט זיכער באַרייכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט אַ סך נייע מאָטיוון און זיינע גרעסערע ווערק וועגן יעזוסן, שבתי צבי און זיין יוגנט־נאָוועלע „אויפן וועג" וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1914, פּאַר־מאָגן אַ סך גוטע זייטן, וואָס ווייזן אונדז די עכטע בלאַנדזשענישן פון אַ באַדייטנדיקן ייִדישן בעלעטריסט. אָבער דער חסרון חאַימאָוויטשעס איז באַ־שטאַנען אין זיין טרוקנקייט, ניכטערקייט און אין זיין ווערן ביסלעכווייז דאָס וואָס ער האָט נישט געטאָרט זיין, לויט זיין דערציִונג און סביבה. ער איז אַוועק אויף גאַנצע טעג פון זיין שטוב און זיך אויסגעטאָן פון אַלע טענות צו אים, אָבער זיין היים, די ליטווישע מ י ר, פון וואַנען ער איז געקומען, איז אויך, מיט אירע טענות, פאַרבלאָסט געוואָרן אין אים ווי אַ געזונטער

ייִדישער איינפלוס. האַימאָוויטש וועט דערמאָנט ווערן ווי איינער פון די בויערס פון דער אַמעריקאַנער קינסטלערישער פּראָזע. ער איז צו־פרי פאַר־געסן געוואָרן, שוין צוליב זיין ביטערער קראַנקייט וואָס האָט אים איזאָלירט פון די לעבעדיקע. זיינע צוויי לעצט־דערשינענע ביכער „קאַרוסעל" און „יאָר 1666" זענען אַרויס, ווען ער איז שוין געווען אַן אינוואַליד.

די ייִדישע ליטעראַטור איז אים בפירוש שולדיק אַ חוב און עס וואָלט כדאַי געווען אַרויסצוגעבן אַ געקליבענע זאַמלונג פון זיינע בעסערע ווערק, וואָס וואָלטן אונדז געוויזן דעם דראַנג פון אַ פּיאָנער אין דער ייִדישער קינסט־לערישער פּראָזע, צו וואַרפן בריקן צווישן ייִדישן וואָרט און דער וועלט־ליטעראַטור.

1958.

אַ ליטעראַרישע סענסאַציע

דער שטילער יידישער ביכער־וועלט איז באַשערט געווען אַ ליטעראַרישע סענסאַציע. ס׳האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ בוך פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע מעלות, אַז ס׳רופט אַרויס פאַרדרוס, הלמאַי ער האָט זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן. אַזאַ שרייבער איז עלול אַרויסצורופן אַ גרויסן באַדויערן פאַר די יאָרן וואָס ער האָט נישט געשריבן, ווייל ער האָט דער יידישער ליטעראַטור געקענט פאַרשאַפן גאָר אַ סך נחת.

דער שרייבער הייסט ד״ר ניסן ברוסילאָוו. ער איז שוין פיל יאָרן אַ פראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר, שוין נישט קיין יינגעלע, הייסט עס, נישט אין דער עלטער, ווען מען קומט אַרויס מיט אַן ערשט ווערק. אָבער אָט איז עס — דאָס ערשטע ווערק. אַ בוך פון 322 זייטן, וואָס הייסט „ביי די טייכן פון פּאַלעסיע״, דערשינען אין „פאַרלאַג בידערמאַן״.

דאָס בוך ווערט פון מחבר באַצייכנט ווי אַ „ראָמאַן פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט״ און איז דער ערשטער אַרויסשיק צו דער וועלט, „פון דער סעריע וואַנדערער נאָך ליכט״, וואָס איז אויסגערעכנט אויף אַ גאַנג פון עטלעכע ביכער. דער שרייבער, וואָס הייבט ערשט אָן, זאָגט אונדז, אַז די אַנדערע ביכער פון דער סעריע האָבן זיך שוין ביי אים „אויסקריסטאַליזירט״ און אין זיי לאָזט ער „שפּילן דאָס יידישע לעבן אין פילזייטיקע פּאַלצעטן״.

דערווייל האָבן מיר פאַר זיך דאָס ערשטע בוך פון דער סעריע. ווו וואָלט ד״ר ניסן ברוסילאָוו שוין אָנגעשפּאַרט היינט, ווען ער וואָלט געווען אָנגעהויבן אין דער רעכטער אָנהייבערישער צייט. האָט ער עפּעס פאַרשפּעטיקט? רעדט נישט דאָס בוך פאַר זיך אַליין און איז עס נישט פאַר זיך אַליין אַ דערגרייכונג?

אַוודאי איז דאָס בוך אַ גרויסע דערגרייכונג און ס׳איז זיכער אַ צושטייער צו אונדזער פּראָזע־קונסט, אָבער ס׳האָט אויך גרויסע איינגעגלידערטע חסרונות. און אָט די חסרונות רופן אַרויסן די פאַרדראָסן אויף דעם מחבר, וואָס ער האָט מיט אַזאַ שרייב־כוח געוואַרט אַזוי לאַנג, אים געפּעבעטעט און נישט געלאָזט אַרויס אויף דער וועלט. דער מחבר איז דאָך אַ דאָקטאָר, האָט ער באַדאַרפט וויסן אַז אַזאַ כוח מוז מען געבן באַוועגונג, אים לאָזן אַרויס אויף פרישער לופט און אים געבן אַ געלעגנהייט זיך אָנצושעפּן מיט זויערשטאָף.

אָבער דאָס הייסט שוין זיך גריבלען אין יענעמס ביאָגראַפיע. ווער ווייס ווי אַזוי און ביי וואָסערע אומשטענדן דער מחבר האָט נישט געשריבן און ווער קען וויסן וויפל צער דאָס האָט אים פאַרשאַפט. ווי עס זאָל נישט זיין איז דער „ראָמאַן פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט" נישט קיין שפּילעוודיקע שרייבעריי, צייט־פאַרטרייב, דאָס וואָס מען רופט אַ „האָבי". אַזאַ האָבי אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן.

זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז דאָס ערשטע בוך איז נישט קיין ראָמאַן. דער שרייבער איז אַ הויך־אינטעליגענטער מענטש, און איך וועל זיך נישט אַוועקזעצן קנעלן מיט אים וואָס אַזוינס איז אַ ראָמאַן. ער ווייס עס גאַנץ גוט, ווי ער ווייסט אַ ים אַנדערע זאַכן, וואָס ווערן אַנטפּלעקט אין דעם גבורהדיקן בוך. אַלץ איז אויפן אָרט און קען נישט אָפּגעפרעגט ווערן. דער וואַלד, דאָס פעלד, די צמחים, די פייגעלעך, די רמשים, די לופט, די געשיכטע, דער טראַכט, די אַמאָליקע קליידער, דער דיבור, דער הילוך, — וועגן מעדיצין איז שוין אָפּגערעדט, די צונעמענישן און ווירקונגען פון די אַמאָליקע חולאתן, און זייער צוזאַמענשפּיל מיט די פּאָלעסיער בלאָטעס. ס'איז דערפאַר נישט שייך צו קנעלן מיט אַזאַ מחבר און אים זאָגן, אַז ער האָט נישט אָנגעשריבן קיין „ראָמאַן", מיט אַ צענטראַלן העלד, מיט זיינע ליידן און פריידן.

אָבער דאָס בוך איז אַזאַ גראַנדיעזער אויפוויקל פון שרייב־מעלות, אַז אויב דער מחבר וועט דווקא באַשטיין, אַז ער האָט אָנגעשריבן, אָדער אַז ער שרייבט ערשט אַ ראָמאַן, וועל איך זיך מיט אים נישט שפּאַרן. איך וועל זיך לאָזן פון אים איבעררײדן אַז אַזוי איז עס טאַקע, ווייל מען מעג אַזאַ שרייבער אַ סך נאָכגעבן.

דאָס אָרט פאַר זיין סיפּור המעשה נעמט ד"ר ניסן ברוסילאָוו די פּאָלעסיער געגנט „נאָענט צום פּריפּעט און וואָלין" און די אַקציע פון ערשטן בוך שפּילט זיך אָפּ אין משך פון איין יאָר, 1879־1880. געווידמעט איז דאָס בוך אַ „גרויסן פּאָלעסיער ייִדן — פּראָפעסאָר חיים וויצמאַנען". די ווידמונג איז נישט גלאַט אַזוי אַ צופאַל, אָדער אַ קאַפּריז. דער מחבר איז נישט באַר אַ הייסער, נאָר אַ מיסטישער ציוניסט. אין זיין אַריינפיר צום לייענער זאָגט ער, אַז „דער מעכטיקער כוח המושך פון דער ייִדישער נשמה האָט זיך שטענדיק גוואַלדיק געצויגן צו איר נאַטירלעכן אַלטן צענטער: צו דעם שמאָלן באַרויִקטן ערד־בריקל צווישן אַזיע און אַפריקע, צו דעם זאַמדיקן זוניקן פּאַס לאַנד ביים ברעג פון דעם בלויען מיטללענדישן ים, דאָס וויגעלע פון די עלטסטע מענטשלעכע ציוויליזאַציעס. אָט די דאָזיקע צענטראַלע ייִדישע וועלט איז כמעט אַ נאַטור־פענאָמען: זי איז דער אמתער שווערפּונקט פון דעם ייִדישן

וועזן. אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט ערגעץ אַ ייִדישע מאַסע אויף דער ערד, אַזוי לאַנג וועט אויך אָנהאַלטן איר גראַוויטאַציע צום ייִדישן צענטער — צום לאַנד ישראל".

ביי די טייכן פון פּאַלעסיע איז אַ בוך „פון היים־בענקשאַפט". ס'איז אין אַנדערע ווערטער, חורבן־ליטעראַטור, אָבער פון דעם רעסטאַווירנדיקן שטייגער. ס'איז אַן אויפגעבויטער קינסטלערישער בנין פון אַן אַרכיטעקט.

פאַר דעם ווערק האָט זיך דער מחבר באַנוצט מיט אַ סך אויסטערלישן מאַטעריאַל, „מיט לעגענדעס, אגדתות, חדר־מעשות, גלייבעכצן, פּויערישע «דומקעס», ...אוקראַיִניש־ווייסרוסישן פאָלקלאָר". אַלץ איז אַריינגעקנאָטן אין ווערק און נישט אַלץ ווערט אין בוך פאַרדייעט. אָבער אַפילו די „איבער־ריקייטן" וואָס שטעקן אַרויס פון ווערק, זענען אינטערעסאַנט און ממש פאַר־כאַפּנדיק. דער מחבר פאַרגינט זיך אָפּצושטעלן זיין מעשה און דערציילן אַ בתוך מעשה, וואָס קייטלט זיך אַליין פון זיך, און וואָס האָט אַלע חנען.

ד"ר ניסן ברוסילאָוו קען פאַרגליכן ווערן צו מענדעלע מוכר ספרים. כ'ווייס נישט צי ער האָט אַ סך געלייענט מענדעלען, אָבער ער פאַרמאָגט מער ווי אַ ניצוץ פון זיידן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער יאָגט זיך נישט. ער דערציילט באריכות, פּאַוואָליע, נישט געכאַפּט. ער פאַרמאָגט קרעפטיק לשון און ער פאַרגינט זיך אַפילו „מענדעליזמען", ווען ער זעט דעם ייִדישן דלות, דעם קויט, די „פּערכעלעך", ווי ער רופט עס פאַרצויגן, פון ייִדישע חדר־ייִנגלעך.

אָבער ער זינגט און באַזינגט דאָס וואָס קען באַזונגען ווערן. בין איך נישט זיכער צי דאָס בוך איז אַ ראָמאַן, אָבער אַ גרויסע פּאָעמע איז עס, מיט אַ פּראָלאָג און אַכט רייכע קאַפּיטלעך וועגן דעם לאַנד פון די זומפּן און וועגן דעם שטעטל־כאַפּון, וואָס ליגט דאָרט איינגעזונקען און פאַרבלאָטיקט.

דער אָנהייב פון ווערק איז עפּיש:

„מיט טויזנט יאָר צוריק איז פּאָלעסיע געווען אַן אורלאַנד, מיט די רויע צעריסענע קאָנטורן, וואָס דער גרויסער לאַנד־אייז פון דער לעצטער אייז־פּע־ריאָדע האָט אויסגעפורעמט אין אים אין גרויען פאַרהיסטאָרישן באַגינען'.

צום לאַנד קומט דער נאָמאַד, און דער זומפּ־מענטש. ס'קומט דער מאָנ־גאָלישער רייטער, דער סקיף, דער כאַזאַר, ביז ס'טראָגט אָן פון ערגעץ „נישט רייטנדיק אויף פערד און נישט באַוואָפנט מיט כלי־זיין, נאָר אין לייווענטע־נע בוידן געשלעפּט פון אָקסן און אָנגעלאָדן מיט ווייבער און קינדער און מיט היימישער באַלעבאַטישקייט" דער שטאַם פון „זשיד".

מאַכט נישט קיין טעות. מיר האָבן פאַר זיך אַ שרייבער, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון איר־

לשון, וואָס אויב ער האָט די גאַנצע צייט נישט געשריבן, איז ער אָבער אַליין נישט קיין אָנגעקומענער פון ווייטנס, נישט קיין אורח, וואָס מען דאַרף אים האַלטן אין איין מוחל זיין זייגע שרייב־מאַניערן. שוין דאָס ערשטע קאַפּיטל, דער שמועס צווישן פישער־ייִד, דעם שבת־גוי גאַוורילע, דעם טאָרף־ייִד, אַ נסתר, פון די „אויפגעוועקטע“, וואָס שמעקט בשמים ביים וואָכעדיקן דאַווע־נען — שוין דער ערשטער אַרויספאַר צו כאַפּן פיש אויף יום־טוב פאַרן גאַנצן שטעטל איז אַן עפּאָפּייע.

„די כאַפּונער בלאָטעס זענען פאַרשאָלטענע, האָט גאַוורילאָ אַ זאָג גע־טאָן אין אַן ערנסטן טאָן, נישט מען קען דאָ אַקערן און נישט מען קען זייען. אַפילו די גראָזן און קרייטעכצער וואָס וואַקסן דאָ זענען אומריינע. זיי טויגן נישט פאַר פאַשע. עסן דאָס די פערד, ווערן ביי זיי די בייכער געשוואָלן; ביי די ציגן הייבן אָן פוילן די קאָפּיטעס; ביי די בהמות ווערן די אייטער אויסגעדאַרט און זיי הערן זיך אויף מעלקן.“

אָט זענען די פלאַנצן וואָס וואַקסן אין די זומפּן: מיסט־גראָז און אומ־קרויט, מייזן־קאָרן, שלאַנגען־גראָז, קריך־ווייץ, חזירשע ריבעלעך; בערן־לאַ־פעס, הינטישע פעטרישקע, ברעך־וואָרצל, קינס גראָז, שגעון־קרויט.

אין צווייטן קאַפּיטל ווען ייִדן זענען אין שול צו כל נדרי, קומט אָנצו־כאָרן אַ פויערשע חתונה און דער ייִדישער מחבר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַלעסיער גאַגאָל. דאָס ייִדישע לשון ווערט אָנגעגליט, הייס, תאווהדיק און קריגט אינגאַנצן אַ ווייסרוסישן אַקצענט. די גויִשע ווערטלעך הייבן אָן קריכן איבערן גאַנצן מענטשלעכן גוף און אים אויפקיצלען מיט דער גאַנצער טייוול־שער יוכע. דער ניכטערער שבת־גוי גאַוורילע נעמט אויך ריידן פּאַגראָמישע רייד און די גאַנצע באַנדע, וואָס ליידיקט אויס אַ ייִדישן וויין־ און שנאַפּס־קעלער און פרעסט אויף דעם גאַנצן צוגעגרייטן נאָכן־תענית־, הוליעט אין שאָטן פון דעם פייערלעכן און פאַרכטיקן יום־כיפורדיקן דאַווענען.

„טאַטע און טאָכטער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט איינער אַנטקעגן דער אַנדערער מיט די הענט אין די באָקעס און זיך אָנגעקוקט אַזוי ווי אַ האָן מיט אַ הון. דער אַלטער האָט זיך געגומען רוקן נענטער צו דער ווייבל מיט דריבנע טריטעלעך, זינגענדיק דערביי אין אַ הויכן פאַלצעט:

ביי מיר אין גאָרטן, ביי מיר אין סאָד\
וואַקסט אַ זיסע ציבעלע.\
קום צו מיר, מיין טייבעלע,\
קום צו מיר אין שטיבעלע.“

די גוואַלטיקע קאַנווע וויקלט זיך און וויקלט זיך. דער יום־כיפור, די הייליקע און לעכט־טריפנדיקע קריסטלעכע חגאות, די לעגענדעס, די עפּישע

געזאַנגען וועגן פייגל און וואַלד, די נשמה־ציטערנישן פון גאַורילען, דער גוי מיט דער ייִדישער נשמה, וואָס ראַנגלט זיך מיט אַלקאָהאָל און מיט ווייב.

אין דעם לעצטן קאַפּיטל ווערט געשילדערט דער טויט פון אַ קליין ייִדיש ייִנגעלע, וואָס ווערט איינגעזונקען אין בלאָטיקן טאָרף. דאָס איז דער קרבן, דאָס קינד הייסט טאַקע איציקל. די מאַמע באַקלאָגט אים ווי פון אַ תחינה, און דער טאַטע זאָגט תהילים אַ גאַנצע נאַכט, ביז מען שלעפּט אַרויס דעם דערטרונקענעם און דער טאַטע, דער נסתר, וואָס איז געקומען זוכן אַן אוצר, באַקלאָגט אים. ס'איז כדאַי צו געבן די לעצטע עטלעכע פּאַראַגראַפן פון דעם גראַנדיעזן בוך:

„איציקל, איציקל, מיין קדישל... — האָט חיים געמורמלט — מיין שעיר־לעזאזל, מיין קרבנדל צו סיטרא־אחרא... מיין קליין ציגן־בעקעלע מיטן רויטן בענדעלע... פאַרפירט האָט מען דיך אין אַ וויסט פאַרשניטן אָרט... צעבראָכן האָט מען דיין קעפּעלע אַזוי ווי אַ ליימענעם שאַרבן...“

דער שבת־גוי האָט אָנגערירט מיט אַ פינגער דעם ייִנגלס פאַרשטאַרטע אויגן, מיושבדיק האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מעסערל און איינגעשניטן אַן אָדערל אויף דער רעכטער האַנט פון דעם דערטרונקענעם. דאָס בלוט האָט נישט אַרויסגעשטראָמט, נאָר עטלעכע טראָפּנדלעך זענען שוואַך אַרויסגערונען.

אַ פלאַטערל האָט אָנגעהויבן אַרומשוועבן אַרום דעם טויטן קערפּערל. — אַ, „נאַכט־פּאַווע“ מיט רויטלעכע פליגעלעך, מיט פיר גילדענע טונקל־בלויע אויגן. גאַורילאַ האָט זיך איבערגעצלמט פייערלעך, „האָב אַן אייביקע רו, ייִנגעלע! די אומריינע קראַפט האָט געפּטרט דיין נשמהלע“.

דער טאָרף־ייִד האָט געגלאָצט מיט די פאַרגלעזערטע אויגן אויף זיין טויטן ייִנגל. „איציקל, מיין אוצרל... יצחק האָבן מיר דיר אַ נאָמען געגעבן... כל־השומע יצחק־לי, איטלעכער וואָס הערט דאָס וועט לאַכן פון מיר... די סיטרא־אחרא וועט זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער... אַן אוצר האָב איך געוואָלט ביי איר אַוועקנעמען און זי האָט מיין אייגן אוצרל אַוועקגענומען...“

די פענצטערלעך פון הייזל האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ געלער שיין. חיי־מיכע איז געשטאַנען ביי די שבת־ליכט אין אַ ווייסער פאַטשיילע מיט צוגע־דעקטע אויגן: די ציטערדיקע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און דיקע טרערן האָבן זיך געקייקלט צווישן די פינגער.“

פאַרשרייבט זיך: אַ נייער וויכטיקער ייִדישער שרייבער. זיין נאָמען — (פאַרגעסט דעם דאָקטאָר!) ניסן ברוסילאָוו. אַ גרויס ייִדיש בוך — „ביי די טייכן פון פּאָלעסיע“.

1953.

נ. ב. מינקאָוו

ס׳איז מיר שווער אין דעם מאָמענט צו שרייבן אַ קריטישן סך־הכל איבער דער שפע פון אַרבעט וואָס נחום ברוך מינקאָוו האָט באַוויזן אָפּצוטאָן. אין די פינף לידער־ביכער זיינע, פון דער ערשטער באַשיידענער לידער־ זאַמלונג, אין דער אָנהייב אינזיך־פּעריאָדע, ביז זיין לעצטן בוך לידער „אַ שטערן בליט״, האָט ער נישט אויפגעגעבן זיין וועלט פון חזיונות. ער האָט געהערט זיינע אייגענע לידער מיט אַ מוזיקאַליש אויער און זיי געהערט מיט אויגן איינגעליכטיקטע אין נישט־ערדישע זעונגען. אין די גאָר אַלטע צייטן וואָלט מען אין זיינע שורות אַריינגעטייטשט אַלערליי פאַראויסזאָגונגען און פאַר־אויסזעונגען. זיינע זאָגעוודיקע שורות פאַרמאָגן אַ וויזיאָנערישן פּאַטאָס און זיי לייגן זיך גוט אויף דער צונג, אַפילו ווען זיי טייטשן זיך נישט. די פאַר־הוילענע בילדלעכקייט פון זיינע לידער, די מיראַזש־ און שוידער־אָנונגען זענען אי פּערזענלעכע, אי כּללישע, און דערפאַר באַוועגן זיי זיך גוט און זיי זאָגן זיך מיט אַ זעלטענעם ניגון.

אין איצטיקן מאָמענט קען איך זיך בלויז אָפּשטעלן אויף איין אַספּעקט, וואָס האָט מיך תמיד געוווּנדערט: ווי אַזוי דער מאָדערנער פּאָעט נ. ב. מינ־קאָוו, דער מיין־פאַרהוילענער און דער זוכער פון אַן אייגענעם מוזיקאַלישן רעטשיטאַטיוו אין זיין ליד, האָט באַוויזן ביי זיך אויסצובעטן און אָפּשפּאָרן אַזויפיל צייט, פאַר די פּיאָנערן פון יידישן ליד אין אַמעריקע, וואָס טייל פון זיי, די איינגעגראָבענע און אויף פאַרשערישע טעלערלעך צעלייגטע, וואָלטן אַפילו נישט פאַרשטאַנען אין וואָס זייער פּיאָנערשאַפט באַשטייט, אָבער זיי וואָלטן זיכער געלערנט פון נ. ב. מינקאָווס אַרבעטן, צו קוקן אויף זיך מיט אויגן פון אַ נייער חשיבות.

אמת, ווען איך האָב נחום ברוך מינקאָוו אָנגעהויבן קענען, מיט פערציק יאָר צוריק, זיצנדיק מיט אים, זייט ביי זייט, אין איין אוניווערזיטעט, שפּאַ־צירנדיק אויף די גאַסן, זיך איינהערנדיק אין זיין מוזיקאַלישן פּוילישן יידיש, וואָס איז געווען באַחנט מיט אַן אייגנאַרטיקן ליטווישן טראַף, האָט ער שוין פאַר מיר דעמאָלט אַנטוויקלט זיין טיפּן אָביעקטיוו־אידעאַליסטישן אינטע־רעס אין דער יידישער פּאָעזיע. דער אינטערעס זיינער האָט אין מיר אויפ־געוועקט אַן אייגענע נייגעריקייט, און כ׳האָב אים טאַקע אַמאָל איבעראַשט מיט גאַנצע דריי לידער, וואָס איך האָב אָנגעשריבן זיצנדיק אין דער גרוי־

סער שטאָטישער ביבליאָטעק, ווו מינקאָוו איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט. די לידער זענען געווען „1919", „טירטל־טויבן" און „רויך", וואָס זענען שפּע־טער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל „פּאָעזיע", דערשינען אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1919, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם פּאָעט ה. גודעלמאַן.

די דאָזיקע לידער זענען געווען פריי־פערזיקע און אין אַ נייעם אַטעם, און מינקאָוו האָט זיי אויפגענומען מיט דעם ענטוזיאַזם פון אַ גרויסן וויסנ־שאַפטסמאַן, וואָס האָט נאָר־וואָס דורכגעפירט אַ געלונגענעם עקספּערימענט און פּראָדוצירט אַן אייעלע, וואָס איז אויסגעבריט געוואָרן פון זיינע הסברה־דיקע שמועסן. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מסביר און אַ פּעדאַגאָג. די מיי־נונגען וואָס ער האָט געהאַט זענען נישט געווען גלאַט אַרויסגעזאָגטע מיי־נונגען, נאָר זיי זענען געקומען אין אַ באַשטימטער אָרדענונג, וואָס האָט מיך תמיד איבעראַשט.

אַפילו ווען ער האָט שפּעטער געביטן זיין מיינונג, איז די געביטענע מיי־נונג אויך געווען גוט באַגרינדעט און אַרומגעבויט מיט סברות, אילוזיעס און אַנווייזונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ פּעדאַגאָגישן סדר. די פּעדאַגאָגיק איז גע־ווען ספּעציפיש באַטעמט מיט אַן אייגענער, פלעגמאַטיש־אויסגעצויגענער מוזיקאַלישקייט, וואָס האָבן געגעבן ווילקלאַנג צו זיינע מיינונגען.

ער אַליין, נ. ב. מינקאָוו, איז שוין געווען אַ „געדרוקטער" פּאָעט. ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אַ ליד אין „טאָג", וואָס א. גלאַנץ־לעיע־לעס האָט געהאָלפן קומען צו דער עפנטלעכקייט. דאָס ליד איז געווען גע־דרוקט אין פּעטיט, מיט גאָר־דראָבנע אותיות. אין יענער צייט, ווי היינט, האָט מען אין דער טעגלעכער צייטונג געדרוקט לידער מיט אַ יום־טובדיקן פּעטן שריפט, אַז די דערוואַרטע גראַמען זענען צוגעפאַלן איינער צום אַנ־דערן ווי שווער־לייביקע ברידער, וואָס האָבן זיך צעקושט ביי יעדער באַגע־געניש, ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג נישט געזען. מינקאָווס ליד, וואָס האָט געהייסן „דער נביא", וואָס איבער זיין קאָפּ האָט זיך געטראָגן „אַ סטאַיע פייגל", און וואָס איז זיכער אין יענער צייט געווען אַן עקזאַלטירטער גייס־טיקער אויטאָ־פּאָרטרעט, האָט נישט געקראָגן די פולע חתימה פון דער צײַ־טונג, אַז ס'איז שוין טאָקע אַ ליד ווי אַלע יוסטע לידער. ס'איז בלויז אַריינ־געגאָסן געוואָרן אין דער צייטונג, מיט דינעם בליי — אָט זאָל מען זען אַז אויך אַזעלכע שורות קענען געמאָלט זיין פאַר די וואָס האָבן חשק אָנצוטאָן ברילן.

דאָס ליד איז געווען אַ ניי ליד, און ס'איז זיכער דאָ אַ גרויסע שייכות צווישן דעם ערשטן ליד „דער נביא" און די שפּעטערדיקע זעונגען פון מינ־

קאָווס לידער. הגם מינקאָוו האָט צו מיר דעמאָלט גערעדט פון פושקינס „פראָ־ראָק" (נביא), איז אָבער אין זיין ערשט ליד געווען אַ סך מער יהואש, ווען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און געהאַלטן אין איין ציטירן צענדליקער אויס־געזונגענע שורות פון אויסנווייניק.

אָבער מיין צוטרוי האָט נ. ב. מינקאָוו ווי אַ שוין־געדרוקטער פּאָעט זי־כער געוווּנען. די פּאָעטישע שורות פון זיין ערשט ליד האָב איך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק, זיי אייגעחזרט אַ סך מאָל, געקוקט אויף מינקאָווס יונג־פאַרוואָלקנטן פּנים און בפירוש געזען די באַגלייטנדיקע „סטאַיע פּייגל" אי־בער זיין קאָפּ.

וואָס מיך האָט דעמאָלט שטאַרק איבעראַשט איז געווען ווען מינקאָוו האָט מיך גערופן צו זיך אַהיים, און מיר געוויזן אַ פּאַרטיקע אַנטאָלאָגיע פון יידישן ליד אין אַמעריקע — אַ גרויסע אָפּגעקליבענע זאַמלונג, וואָס איז גע־וואָרן מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער היגער יידישער פּאָעזיע. מיך האָט איבעראַשט און געוווּנדערט, וואָס דער פּאָעט פון „נביא" און דער עקס־פּערימענטישער אַרויסקריגער פון מיינע אייגענע לידער, האָט פאַרמאָגט אַזויפיל ברייטהאַרציק געדולד פאַר צענדליקער פּאָרגייערס, פאַרעלטערטע און לייכט־געגראַמטע פּאָעטן.

אַוודאי האָב איך „פאַרגונען" רייזענען, יהואשן די וואָרע וואָס דער יונגער אַנטאָלאָגיסט האָט פאַר זיי געמאַכט. איך האָב שוין אויך דערשפּירט דעם כּוח פון מאַני לייבן, זישא לאַנדוין, מ. ל. האַלפּערנען, ה. לייוויקן, אברהם משה דילאַנען, ראובן אייזלאַנדן, וועמענס נעמען איך האָב צום ערשטן מאָל אַנטדעקט אין מינקאָווס היימישער אַנטאָלאָגיע, מיט אויסגעקלעפּטע לידער, אין פּעטן שריפט. אָבער אין דער אַנטאָלאָגיע זענען אויך געווען נעמען פון אַנדערע פּאָעטן, וואָס האָבן געקראָגן אַ סך ברייטהאַרציקע אָנערקענונג, מיט גאַנצע שטרעקעס, פון זייט נאָך זייט, וואָס דער אָפּקלייבער האָט זיי נישט געזשאַלעוועט. ער האָט זיי געגעבן אַזאַ רחבות, וואָס זיי האָבן קיינמאָל זיך נישט דערוואָרבן אין דעם אַלגעמיינעם וויינגאָרטן פון דער יידישער פּאָעזיע.

ווען איך טראַכט פון זיין פאַרעקשנטן קאַמף פאַר מיכל ליכטן, פון איין זייט, און פון זיין דריי־בענדיק ווערק — „פּיאָנערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע", דערמאָן איך זיך אין דער ערשטער איבעראַשונג, וואָס מינ־קאָווס אַנטאָלאָגיע האָט ביי מיר אַרויסגערופן, ווען איך בין געווען אַ 22־יאָ־ריקער בחור.

כ'האָב אים לעצטנס אַ סך מאָל געפרעגט, ווי קומט ער אָפּצוגעבן אַזוי־פיל צייט אויף פּאָעטישער אַרכעאָלאָגיע, און ער האָט מיר געגעבן פאַרשיי־דענע תּירוצים, צופרידנשטעלנדיקע און נישט שטאַרק צופרידנשטעלנדיקע.

ער האָט מיר, למשל, געזאָגט אַז פּונקט ווי אין יעדער איינעם פון אונדז, שפּע־טערדיקע פּאָעטן, איז דאָ אַ שטיק ראַזענפעלד, לעבן אויך אין אונדז אומבאַ־וווּסט שורות פון קלענערע יידישע פּאָעטן, וואָס זענען אומדירעקט דערגאַנ־גען צו אונדז. אַז עדעלשטאַט האָט אויף אונדז געהאַט אַ גרויסע השפּעה וועלן מיר, האָט ער געטענהט, זיכער נישט דערוועגן זיך צו לייקענען, אָבער די אַנדערע, ווייניקער באַוווּסטע פּאָעטן, וואָס האָבן געזונגען מיט עדעל־שטאַטן אין איין צייט, פאַרדינען אויך פאַראייביקט צו ווערן, ווייל אָן זיי קען מען נישט דערזען דאָס גאַנצע פּנים פון דער עפּאָכע און דעם ריזן־שפּרונג פון דער יידישער פּאָעזיע.

אַזוי האָט ער אַרגומענטירט און איך האָב געהאַט פאַר זיך אַן אַנדער תּירוץ, דעם תּירוץ פון דער ערשטער ברייטהאַרציקער אַנטאָלאָגיע זיינער און דעם ביישפּיל פון זיין בפירושער „אַפּאָסטאָלישקייט״ פאַר מיינע ערשטע לי־דער, וואָס זענען תּמיד געלעגן ביי אים אין קעשענע, און וואָס ער האָט זיי געהאַלטן אין איין פאַרלייענען פאַר די פּאָעטן, אין בראָנקסער קראָטאָנאַ פּאַרק, וועמען ער האָט שוין געקענט און וואָס זענען פאַר מיר נאָך געווען לע־גענדעס, נישט מער ווי גייסטיקע געשטאַלטן.

ער איז געווען אַ טיף־עטישער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט יידיש מיט אַן עטישער ליבע. יעדער וואָס האָט געשריבן יידיש, איז פאַר אים גע־ווען אַ חתן, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ חופּה און זיך פאַרקנסט צו יידיש. די פּאָעטן וואָס האָבן ווייניק־וואָס אַרויסגענומען פון דעם אומשטערבלעכקייט משא־ומתן, האָבן ערשט ביי אים אַרויסגערופן טיפן מיטגעפיל. כ׳וועל קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט אויפגעבויט פאַר מיר דאָס געשטאַלט פון אברהם משה דילאָנען, איידער איך האָב אים געקענט און געזען. און מינקאָוו האָט געקענט אויפבויען אַ געשטאַלט, ביז ס׳האָט גענומען קרייזן איבערן קאָפּ אַ „סטאַיע פייגל״.

ער איז געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט יידיש מיט אַ רירנדיקער גוטהאַרציקייט. יידיש איז אים אָנגעקומען שווער. ער האָט אין דער יוגנט פון זיין ליד און פון זיין פּראָזע געשוויצט אויף יעדער שורה, אָבער דער איינגעבוירענער לערנער איז געוואָרן דער בעסטער לערנער פאַר זיך אַליין און ער האָט זיך אויסגעלערנט נישט נאָר גוט שרייבן, מוזי־קאַליש לייענען, ווונדערלעך ריידן (אָנגעהויבן האָט ער מיט נישט קענען עפּע־נען דאָס מויל פאַר מער ווי צוויי מענטשן), נאָר אויך פאָרשן יידיש און דער־גראָבן זיך צו וואָרצלען און פּרי־ע אָנהייבן.

צייט־ליד פּיאָנערן וואָס האָבן אים שפּעטער פאַראינטערעסירט, זענען געווען אָפּשפּיגלונגען פון זיין אייגענעם מאָטער־וועג. זיי האָבן אָנגעהויבן,

אַריינגעשריבן בלעטער, געצערטלט שורות און ער האָט זיך געוואָלט נאָענט באַקענען מיט זיי און זיי געבן אַ פּריינטשאַפּטלעכן שלום־עליכם, זיי אַריינ־נעמען אין דער כנופיא אויף אַ געהויבענעם שטייגער; זיי אָפּגעבן אַ שבת־דיקן שלום־עליכם, ווי ס׳פּאַסט פאַר מלאכי השרת, וואָס האָבן געוואָלט ווערן, זיין און דינען דער יידישער ליטעראַטור.

אַ סך פון זיי האָבן געהאַט שווערע לעבנס און זענען פרי געגאַנגען פון דער וועלט. דאָס איז אויך געווען גענוג, אַז ס׳זאָלריידן צו מינקאָווס האַרץ.

אַליין האָט ער גלייך אָנגעהויבן מיט אַ וויזיאָנעריש ליד און ביי מיר זענען אונטער זיין השפעה אויסגעפורעמט געוואָרן אַנדערשדיקע לידער, אָבער פונקט ווי ער איז צוגעפאַלן צו מיינע אָנהייבערישע לידער, מיט אַ גרויסער עטישער פרייד, אַזוי האָט ער פאַר זיך געשאַפן די פרייד פון אַן אייגענעם פּאָעטישן הכנסת אורחים, פאַר זייטיקע וואַנדערערס, וואָס האָבן ביי אים געקראָגן נאַכטלעגער און עסן, און ער האָט זיי נאָך אַרומגעקראַצט מיט אַ טערמינאָלאָגישער וואָרהאַפטיקייט, זיי געוואַשן די מידע פיס און זיי געהאָלפן זיך אַוועקשטעלן אויף זיי.

ער האָט אין זיינע אייגענע וויזיעס געהאַט אָרט פאַר אַן אַנאָנימער וועלט, וואָס ער האָט באַלעבט און געשטאַלטיקט.

וועט מיר, פאַרשטייט זיך, נאָך אויסקומען צו שרייבן וועגן נחום ברוך מינקאָוון, סיי זכרונות, סיי אָפּשאַצונגען, אָבער אין דעם ווייטיקדיקן מאָ־מענט פון אַן אָקאַרשט־צוגעדעקטער ערד, אויף דעם שלאָפנדיקן פנים פון אַ חבר וואָס איך האָב דערקענט מיט פערציק יאָר צוריק, האָב איך בלויז גע־וואָלט פאַרצייכענען דעם עטישן וועג פון אַן אייגנאַרטיקן יידישן פּאָעט, וואָס האָט געשאַפן אַ באַזאָרגטע און וואַרעמע היים פאַר פּיאָנערן פון דער היגער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט באַ־רעכטיקט, און פאַר אַ טייל פון זיי אפשר אויך פאַרפעסטיקט און פאַראייי־ביקט די אָנערקענונג, וואָס ער האָט זיי געגעבן מיט דער ברייטער האַנט.

.1958

נ. ב. מינקאָוו — צו זיין ערשטן יאָרצייט

דעם צווייטן מערץ איז געוואָרן אַ יאָר זינט נחום ברוך מינקאָוו איז אַזוי אומגעריכט אַוועקגעריסן געוואָרן. כ׳פּאַרצייכן עס מיט טיפן טרויער און מיט אַ געפיל, אַז וויפל מאָל כ׳האָב שוין נישט געשריבן וועגן מינקאָוון, איז מיר אַלץ געבליבן אַ נישט־אויפגעראָלטע זוניקע דערמאָנונג פון די יונגע יאָרן, ווען מיר האָבן צוזאַמען געשפּאַנט אויף די ניו־יאָרקער גאַסן און געחלומט חלומות פון אַ באַנייטער ייִדישער פּאָעזיע.

אָט די דערמאָנונג פון יענע יאָרן וואָרט, אַז מען זאָל זי אויפוויקלען און זיך גוט אָנשפּיגלען אין איר. איז עס אָבער נישט בלויז אַ דערמאָנונג פון צוויי נאָענטע חברים, וואָס האָבן זייער אָפּט נישט דערעסן און זיך גע־קוויקט מיט טאָמעיטאָס און ברויט, געשלאָפן צוזאַמען אין אַן ענג אייזערן בעטל, געזעסן אין איין אוניווערזיטעט און זיך דורכגעשריבן בעת די יורידי־שע לעקציעס מיט שאַרפע מיינונגען וועגן פּאָעזיע — ס׳איז אַ חברשאַפט וואָס דאַרף פולער אַרויסגעבראַכט ווערן, אין ראַם פון דער צייט, פון סוף ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך־מלחמה יאָרן, אויפבלי פון דער אינזיך־באַוועגונג דורכגעקרייצטע מאָמענטן מיט דער באַנייטער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, גריניטש ווילעדזש, שיידוועגן, פּרויען־געשטאַלטן, באַזונדער־דורכגעגאַנגענע אַלייען, פּריינטשאַפטלעכע קריגשאַפטן, גרויסע, ליכטיקע האָפענונגען.

אַלץ וואָס נחום ברוך מינקאָוו האָט געוואָלט איז ער געוואָרן, און אַלץ וואָס ער איז געוואָרן, האָט ער בפירוש געוואָלט. ער איז געוואָרן אַ פּאָעט, אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער, אַ קריטיקער, אַ לערער און אַ רעדנער. יאָ, איך געדענק ווען ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז כאָטש ער קען נישט עפענען דאָס מויל פאַר מענטשן, וועט ער ווערן אַ פּרעכטיקער לעקטאָר. ער האָט פאַרמאָגט אַ געבענטשטע, געדולדיקע עקשנות. ער האָט פון זיינע צוזאַמענגעפלאָטערטע רייד אַרויסגעשלאָגן חיונהדיקן אינהאַלט און טיפן, עכטן מוזיקאַלישן טרויער. ער, דער לערער, האָט אַ סך געלערנט פון זיך, לערנענדיק זיך טריט ביי טריט. אַפילו ייִדיש האָט ער זיך אַליין געלערנט און געוואָרן איינער פון זיינע בעסטע קענערס.

ער האָט געהאַט אַ פּאַמעלעכדיקן אויפכאַפּ, אָבער ווי אין פּרק שטייט,

אויסגעלערנט — איז עס ביי אים געבליבן אויף תמיד, נישט צו פאַרלירן אַ טראָפּן.

ער איז געווען דער ערנסטער סטודענט פון זיינע אייגענע מעגלעכקייטן און ער האָט געשעפּט פון זיינע אָנקוואַלנדיקע כוחות. זיין אומגעריכטער טויט איז אַ גרויסע אבידה פאַר דער יידישער קולטור, ווייל מינקאָוו איז געווען איינער פון אירע סאַמע ניצלעכסטע און פעיִקסטע דינערס, אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

איך וויל פאַרענדיקן מיט עטלעכע אָפּשאַץ־ווערטער פון א. לעיעלעס, וואָס האָט נאָך מיט פופצן יאָר צוריק אַזוי געשריבן וועגן מינקאָווס פּאָע־מישן בייטראָג:

„מינקאָווס ווערק איז דער בולטער סימן נישט בלויז פון אַ פירנדיקן מאָדערנעם יידישן פּאָעט, נאָר אויך פון דעם ווייטן מהלך, וואָס די גאַנצע יידישע פּאָעזיע איז אַוועק. דער מהלך איז — פון געסל און שטעטל צום וועג פון דיכטערישן אוניווערסאַליזם.״

אָט דער פירנדיקער מאָדערנער יידישער פּאָעט האָט מער ווי אַ סך אַנ־דערע פאַרשטאַנען און טיף און וואַרעם אָפּגעשאַצט די קלאַסיקערס און אַפילו די נישט־דערגאַנגענע פּאָעטן פון פאַרגאַנגענע דורות. די וואַרעמקייט און פאַרשטאַנדיקייט האָט ער פאַרמאָגט אין זיין וואָרט און אין זיין לעבן.

1959,

ש. מיללער

ש. מיללערס טויט איז אַ קלאַפּ פאַר אַלעמען, ווייל מ'האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער שרייט זיך אַליין אָפּ און שרייבט דורך — נישט לעבט דורך — דעם טאָג, אַז ווען ער האָט אויסגעהויכט דאָס ביסל קינסטלעכן אָטעם איז מען געבליבן שטיין פאַר דעם ביטערן פאַקט, אַז ש. מיללער איז אויף אַן אמת אַוועק פון אונדז.

מיט אַ צוועלף יאָר צוריק, ווען מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין לאָס אַנדזשעלעס, איז ער נאָך געווען מער־ווייניקער אַ שטיקל אַרויסגייער פון אייגענעם הויז, און ער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער מיר געגעבן די שליסלען פון שטאָט, מיט דער קילער, אומסענטימענטאַלער חברשאַפט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים און אַפילו פאַר זיין שרייבן, פאַר דער באַציִונג צו זיינע אַלע העלדן, וואָס ער האָט אויפגעבויט, די נעגאַטיווע ווי די פּאָזיטיווע.

ער איז געווען אַן אָפּגעציטערטער אין שטאָט, ביי אַלע בעסטע לייענערס, וואָס האָבן אים באַשיצט און נישט געלאָזט, אַז ס'זאָל אים צוגערייט ווערן דער מינדסטער עגמת נפש, און ווען איך בין געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, גראָד נאָך אַן אַרטיקל וואָס איך האָב געשריבן וועגן זיין ראָמאַן „דור הפלגה", האָבן זיינע נאָענטע, מיט דער איבערטרייבונג און סענסיטיווקייט פון אמתע קרובים, געמיינט אַז געוויסע אויסזעצונגען, אין ראַם פון אמתן ליוב, האָבן אים פּוגע בכבוד געווען, און מען האָט מיך געוואָרנט, אַז ער וועט אַרויסווייזן כעס און פאַרדרוס.

אָבער מיט אמתן אַריסטאָקראַטיזם, נישט קיין געמאַכטן, פון אַן איך־זיך־זיכערן שרייבער, האָט ער מיך אויפגענומען, מיט דער גאַנצער קלוגשאַפט וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אין ריידן ווי אין לעבן. ער איז אַרויס מפתח ביתו און אַפילו גערעדט עפנטלעך ביי אַן אָוונט לכבוד מיר. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זיין אַ מיטבאַטייליקטער אין דעם אויפנעם פאַר מיר און קיינמאָל נישט פאַרלוירן אַ וואָרט וועגן די קליינע שרייבערישע קריוודעס צו מיר אָדער צו אַנדערע חברים.

דעמאָלט האָט נאָך אין שטאָט געלעבט און זיך געמוטשעט, אַנדערש פון מיללערן זיך געמוטשעט, זיין עלטערער חבר און רבי לאַמעד שאַפּיראָ; ס'האָט נאָך געלעבט פּרץ הירשביין, אין תחום פון אַ חולאת, וואָס האָט שוין דעם

גבר הירשביין, באַזיגט און געוואָרגן. ס׳האָט נאָך געלעבט דער טייערער און פריינטלעכער זקן מיט די צענדליקער לאַכנדיקע און קלוגע קנייטשן אין פּנים — ה. רויזנבלאַט. אויף לאָס אַנדזשעלעס האָט גערוט די שכינה פון יידישער קלאַסישער שעפערישקייט, אַפילו ווען די גרויסע דריי זענען שוין געווען פאַר־זיש געניטגט צו שקיעה. דער קראַנקסטער פון אַלע איז געווען דער יינגסטער ש. מיללער.

אַלע האָבן געוווסט, אַז ער קען אַזוי אויסגיין אונטער די הענט, אָבער גראָד דערפאַר וואָס מ׳איז צו אים געווען אַזוי צוגעוווינט, צו זיינע 80 פונט, צו אַ מענטשן וואָס האָט אין רוחניות פון זיין דערשטיקטן אָטעם, אַריינ־געבלאָזן אַביסל פיזישקייט, אַ קאַפּיטשקע גשמיות, האָט מען דעם כראָנישן נוטה־למות אָנגעצייכנט — צום לאַנגן לעבן. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַז ער וועט פאַרט אַוועקגעריסן ווערן, אין עלטער פון 62 יאָר, וואָס איז פאַר זיין גוף געווען זאַטע איבערגעזעטיקטע עלטער, אָבער נישט פאַר דעם ליכט אין אים, וואָס האָט געברענט מיט אַן אינערלעך לעבן, געשפּרודלט מיט שעפערישקייט און מיט אימפּעט. אמת, דער אימפּעט איז געווען אַ כסדר־דיקער וועט־לויף מיטן טויט, וואָס מען דאַרף אים איבערקליגן און אויסנאַרן ביי אים נאָך אַביסל צייט, כדי אַרויסצושרייבן פון זיך אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט דערציילן.

און מחמת דעם האָט ער זיך געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן „בקיצור״, כדי ער זאָל אין איין דערציילונג אַריינקוועטשן אַ סך לעבן און אַ סך געזאָגטע און אַריינגעזאָגטע לעבנס־דערפאַרונג. אים איז געגאַנגען אין אויפבויען אַ וועלט מיט אַמעריקאַנער יידן, מיט זייערע השגות, דאגות, האָווענישן, זייער בחיפזון און ווייניק גייסטיקע הצטרכותן. אים איז געגאַנגען אין קינסטלערישן אַנאַ־ליז: וואָס האָבן מיר פאַראיבעריקט, וואָס מיר האָבן אָנגעווירן און ווי ווייניק פאַרזאָרגט מיר האָבן די צוקונפטיקע דורות, און אויף וויפל מיר האָבן זיך גייסטיק „אַריינגעצויגן אין אונדזערע קינדער, אין די גוטע ווי אין די שלעכ־טע, די פון אונדז אַוועקגעצויגענע און אַנטלאָפענע״.

ס׳הענגט איבער דער שפע פון זיינע הונדערטער קלענערע און גרעסע־רע דערציילונגען — זיין ראָמאַן „דור הפלגה״ איז אויך אַן אויפגעשטעלטער פון אַ סך עפּיזאָדישע ווינקלען — אַ גרויסער קוהלתדיקער זיפץ, אַז דער גאַנצער יידישער אימפּעט איז אַ הבל הבלימדיקער, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין האַפט פון אַריינבויען זיך, פון אויפשטעלן יידישע הויזגעזינטער. די יידישע עשירות איז אויך אָן חשיבות, ווייל זי פאַרמאָגט נישט — מיט זעל־טענע אויסנאַמען — קיין יידישן חן, קיין ספּעציפיש יידישע כדאַייִקייט, נאָר ס׳ווערט אָדער צעריבן אָדער אָפּגעפרעמדט. נישט נאָר אַסימילירט זיך דער

ייִד אויף אַן אומהיימלעכן אופן, נאָר זיין פאַרמעגן, זיין געשעפטלעכקייט, האָט נישט קיין ייִדישע שטאַמיקייט.

ש. מיללער איז געווען אַ מוזיקער אין זיין שרייבן. ער האָט געהאַלטן אַ קאַמערטאָן און געשאַפן מוזיקאַלישע עברי, אויך אַן שום סענטימענטאַלי־טעט. ער איז געווען אַ מאָדערנער מוזיקער אין זיין פּראָזע, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט צעוויינט אָדער צעזיפצט. ער האָט געבויט זיין דיאַלאָג, מיטן זייגער אין האַנט, אַז ס׳זאָל נישט אַריבערמאָנאָלאָגירן, מיט אַ שמיצל. זיי־נע מאָנאָטאָנע העלדן האָט ער געגעבן אַ מאָנאָטאָן לשון, וואָס זאָל פון דעסט־וועגן נישט לאַנגווייליקן.

ער איז אויך געווען פאַרנומען מיט אַריינבלאָזן אין זיין שמועס די טערפקייט פון אַמעריקאַנער גאַסן־ריטם. אין דעם איז ער געווען אַ מייסטער. פון דער גאַנצער צעפרעמדקייט פון ייִדישן לשון, וואָס איז אָפט באַרבאַ־ריזירט געוואָרן (אין רעטאָרישן זין פון וואָרט) האָט ער געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע מעלאָדיק, אין דעם אופן ווי ער פינקלט דורך זיינע דערציי־לונגען, מיט דער אָנגענומענער פרעמדקייט, איז פאַראַן אַ סך הומאָר און דער שמועס פון די העלדן, מיט דעם אַריינשמועס פון מחבר, ווערט אָנגענעם פאַרן אויער און פאַרן לייענערישן אויג.

דער אַמעריקאַנער פייזאַזש באַהויכט די בלעטער פּראָזע, וואָס ער האָט אויסגעמייסטערט און דער ייִדיש ווערט דורכגעקנאָטן מיט אונדזער גאַנצער היימישער פרעמדקייט. ער גיט אונדז דאָס ייִדישע לשון, אין פּראָצעס פון ווערן זיך אַנטקעגן אָנפאַל, און אַפילו מיטן ביסל אונטערגעבן זיך, זיגט ביי אים דאָס ייִדישע לשון, מיט אַן אייגנאַרטיקן טריומף.

ש. מיללער איז נישט קיין יום־טובדיקער שרייבער. ער זעט אַפילו יום־טוב מיט וואָכעדיקע אויגן, אָבער ער איז אויך ווייט פון אַ טרוקענעם פאַר־צייכענער, וואָס רעקאָרדירט דאָס געזעענע. ער פאַרמאָגט אַן אייגענע גייס־טיקע וועלט, וואָס אין איר שפּאַצירן אַרום זיינע צדיקים מיט די רשעים. די גייסטיקע וועלט איז דורכאויס דעם מחברס, זיין מאָס, זיין קריטיק, אָבער אַלץ ווערט געשאַצט מיט שרייבערישן טאַקט.

מיללער האָט פון זיין אומפּאָפּולערן, אָדער בעסער געזאָגט, צו פּאָפּו־לערן נאָמען, אַרום זיך געשאַפן אַ גרויסע לייענערשאַפט. זיינע טעמעס זע־נען אַוודאי געווען אומפּאָפּולער — די ייִדישע אַמעריקע, אַן אַ סימן פון די ערשטע קאָברין און ליבין טריט אין דער היגער סענטימענטאַל־נאָסטאַלגישער פּראָזע. ער האָט זיך געשאַפן אַן אייגענעם דרך, וואָס איז געווען דער אַמע־ריקאַנער אָטעם, די אַמעריקאַנער רחבות. די אַמעריקאַנער פּראָזע־קינסטלערס האָט ער גוט געקענט און זיי גרינטלעך שטודירט. ער איז נישט געגאַנגען

אין חדר צו זיי, אָבער ער האָט זיך געלאָזט פון זיי משפיע זיין — ביז אַ מאָס, ביז ס׳האָט גענומען אָנרירן זיין אָריגינאַליטעט, וואָס איז אים נייטיק געווען פאַר די אייגענע העלדן.

מיט זיין גאַנצער יושב־אוהלדיקייט איז מיללער געווען אַזאַ לעבן־באַ־האָוונטער, אַז ס׳איז ממש צו באַוווּנדערן. מ׳זעט אַז ער האָט געהאַט אַ לע־בעדיקן אינטערעס פאַר אַזויפיל זאַכן, וויסנדיק אַז אַלץ וועט אים צונוץ קו־מען. ער האָט פון זיינע מענטשן, די לעבעדיקע, מיט וועמען ער האָט פאַר־בראַכט, געקענט אַרויסשמועסן אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט כסדר שטודירט מיט אַלע זיינע חושים, דער עיקר מיטן אויער. ער האָט געהאַט אַ טיפן זין פאַר שרייבערישן פּראַפּעסיאָנאַליזם. מען האָט אין זיינס אַ דערציי־לונג נישט געפונען קיין פּגם פון מיסאינפאָרמאַציע. איידער ער האָט זיך גע־זעצט שרייבן, איז ער געווען ביי זיך זיכער, אַז דער פּלאַן, דער בלוי־שריפט, וועט זיין אַ ריכטיקער, און דאָס ביסל אינפאָרמאַציע — אויטענטיש. ער איז אין דעם פּרט געווען גרויסצוגיק, ווי אַלע גרויסע שרייבערס, וואָס האָבן זיך קודם־כל אַליין גוט אינפאָרמירט, כדי צו קענען באַווייזן דאָס דערציילטע, אין אַן אַטמאָספערע פון באַגלייבטקייט, אַפילו ווען דער מחבר האָט די דער־פאַרונג איבערטאַשירט אין די פאַרשיידנסטע וואַריאַציעס.

מיללער האָט דערפאַר תמיד אַרויסגעוויזן אין זיינע דערציילונגען אַ פּראָפעסיאָנאַליזירטע היימישקייט. האָט ער גערעדט וועגן מלאכות, האָט ער זיי גרינטלעך געקענט, פיזיש זיי טועם געווען; האָט ער גערעדט וועגן גע־שעפט, וועגן ספּעקולאַציעס, וועגן יוגנטלעכע פאַרוויילונגען, וועגן צייטונג־לעבן, וועגן געריכטלעכע פּראָצעדורעס, פאַר אַלץ האָט ער געהאַט אַן אומ־געזעטיקטע דורכדרינגלעכע נייגעריקייט, וואָס איז אים גוט צונוץ געקומען. ער איז געווען דער סטודענט וואָס האָט תמיד שטודירט און אויסגעבריי־טערט זיין וויסן טאָג־טעגלעך. ווען מען גיט אַ טראַכט, ווי ווייניק פיזישן כוח ער האָט פאַרמאָגט, גייענדיק כסדר אויף אַ געפערלעכער גליטש, מיט אומזיכערע פיס און מיט ממש אַ טוץ ערנסטע חולאתן, איז צו באַוווּנדערן מיללערס סטודענטישע איינגעוווּנטקייט און זיינע רוטיניזירטע שרייבערי־שע טעג און נעכט, וואָס אויף זיי זענען עדות אַלע זיינע געמייסטערטע דער־ציילונגען.

ס׳איז אומזיסט צו ספּעקולירן וואָס ש. מיללער וואָלט אונדז געגעבן, ווען ער וואָלט געווען אַ געזונטער מענטש. מעגלעך אַז זיין געזונט וואָלט אים אַזוי לעבעדיק אַריינגעצויגן אין לעבן, אַז ער וואָלט אונדז געגעבן אַ סך ווייניקער, ווי ער האָט אונדז געשאָנקען, ווען ער האָט אויף אַ פּרוסטישן אופן, באַשריבן דאָס לעבן מתמידיש — פון זיין קראַנקן־צימער. אָבער ס׳איז

אויך מעגלעך, אַז ער וואָלט פּאַר אונדז אַביסל מער דערהויבן זיין קינסטלע־רישע לאַבאָראַטאָריע. ס׳קען זיין אַז ביי זיין גאַנצער קילער און זייטיקער באַטראַכטערישקייט, איז ער פּאַרט געווען „ליריש" און דורכגענומען מיט דעם טרויער פון זיין אייגענעם נישט געלעבטן לעבן, וואָס ער האָט די לעצטע יאָרן בלויז אויסגעלעבט אין קלוגן שמועס מיט נאָענטע פריינט. מיללער איז געווען שאַרף, קלוג, אויסערגעוויינלעך עטיש, נישט־גאַוהדיק, גערעכט, אָבער ס׳איז אים זעלטן געלונגען צו באַהויכן זיינע העלדן מיט זיינע אייגענע מעלות. ער האָט נישט דערהויבן זיין יידישע וועלט, מיט דער מעטאַפיזיק פון אונדזער אומעטיקן זיין. ער איז דורכאויס גערעכט, ווי אַ מענטש וואָס זעט קלאָר, אָבער ער איז נישט געווען דער ז ע ע ר פון תוכיקייטן. ער האָט מייַנסטנס עקספּערימענטירט זיין קלוגשאַפט און קינסטלערישקייט אויף נישט צו־אינטערעסאַנטע יידן. ער האָט אינטערעסאַנטע יידן אפשר געזען אין לעבן, אָבער ער האָט זיי נישט געקענט אַריינקנעטן אין זיין קינסטלערישער וועלט.

ס׳קען זיין, אַז מען דאַרף פּאָזיטיווע שיינקייט און שעפערישע גוטס־קייט אין יידישן לעבן אויך אויספאַנטאַזירן, אפשר וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן — אַרומפאַנטאַזירן, און מיללער איז נישט געווען קיין פאַנטאַזיסט. און דאָך — אַרום אים האָבן אין זיין אייגענער שטאָט געלעבט שיינע, וואַ־רעמע יידן, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט אין אים, געגאַנגען צו אים ווי צו אַ רבין און אים טייער געהאַלטן.

ווען ס׳איז אָבער געקומען צו זיין קינסטלערישער וועלט, האָט אונדז מיללער געגעבן קאַלטע יידן, אויסזיכטלאָזע, האָפענונגסלאָזע וואָס זייער עק־זיסטענץ איז נישט דערקלערט און נישט אויפגעקלערט.

דער קינסטלער איז געווען גערעכט, די העלדן זענען גערעכט, דער משפּט אַ גערעכטער, אָבער די נייטיקע, אויב איר ווילט, די נייטיק־צוגעטראַכטע באַרעכטיקונג אונדזערע, פעלט, אין לעצטן סך־הכל אין מיללערס אַרכיטעק־טיש־אויפגעבויטער יידישער אַמעריקע.

יעדע דערציילונג זיינע פאַרמאָגט, אין מיניאַטור, דעם גאַנצן מיללער, מיט זיין גרויסער קענערישקייט און מיט זיין פאַרשלאָפטער קוהלתדיקייט, מיט זיין בליק אויף דער אומזיסטקייט פון לעבן, אויף דעם געצווונגענעם קאַ־רוזעל, וואָס אימפּעטיקט אונדז נענטער צום סוף, און אפילו ווען מען שטעלט זיך שוין אָפּ אַ ווײַלע און מען אַנאַליזירט עס, מען וויל זיך ראַטעווען, שטייט שוין דער מלאך המות הינטער די פּלייצעס.

אַזאַ איז מיללערס לעצט־פאַרעפנטלעכטע דערציילונג „אַלטער נאַר" אין די „גאָלדענע קייט". דער געשעפטסמאַן רובינשטיין קריגט אַ האַרץ־אַטאַקע

און ער זעט זיך, ווען ער ווערט שוין געזונט און ציילט די טריט זיינע, אין שפּיגל פון אַ מענטשן וואָס פּאַרט אים שיער נישט איבער, יאָגנדיק זיך מיט כעס, נאָכן אייגענעם מלאך המות. רובינשטיין כאַפּט אַריין בגנבה אַ שאָך־שפּיל מיט זיין חבר, ווען ס׳ווייב איז נישטאָ אין דער היים, און שטאַרבט פאַרטאָג, ווען אים דאַכט זיך, אַז ער אַליין ווייסט שוין דעם סוד פון לעבן, אַ פאַרפּאַמעלעכט, אַריינגעדרייט לעבן.

די דערציילונג פירט... צום טויט און איז אין כאַראַקטער פון מיללערס אַ לעצטער ירושה. זי פאַרמאָגט אַלע מיללערס מעלות, פון פיינעם אויפבוי, גוט לשון, אין זיין אייגנאַרטיקן נוסח, פון גוט־אָרקעסטרירטן היגן יידיש־אַמעריקאַנישן שמועס, אָן אַ שמץ פון וווּלגאַריטעט, אַפילו פאַר די גרעסטע שפּראַך־פּוריסטן. זי פאַרמאָגט אויך אַ זעלטענע עפּישקייט. דורך דעם גאַנצן מיללערישן „בקיצור" און אינהאַלטלעך יאָגן זיך צום טויט, ווערט די דער־ציילונג געבויט מיט פּלאַסטישער רויִקייט, ווי דער מחבר אַליין וואָלט גע־האַט אַ סך צייט. בלויז די אינערלעכע לאַקאָנישקייט זאָגט אויס, אַז דער קינסטלער־בעלעטריסט, האָט זי אַרויסגעפּלאַטערט פון אייגענעם געמיט, פון ציילן די טעג און נעכט, אין טערמינען פון שעפערישקייט, פון ווילן זיך אי־בערלאָזן אָטעם אויף נאָך און נאָך.

דאָס וואָס ש. מיללער האָט באַוויזן אויפצוטאָן, אין געראַנגל מיט זיין געצאַפּלט לעבן, איז אַ גרויסע און ווערטפולע ירושה און אַ וויכטיקער טייל פון אונדזער יינגערער יידישער שעפערישקייט, אויפן אַמעריקאַנער באָדן. מען וועט צו מיללערס דערציילונגען צוריקקומען זייער אָפט און אין זיי געפינען אַלץ מער קינסטלערישע איבעראַשונגען, וואָס וועלן זיין נאָך איבעראַשנדי־קער דערפאַר, ווייל מיר וועלן זיי זוכן צו פאַרטייטשן אָדער קאָנטראַסטירן, מיט דעם גוסס־צימער, וואָס אין אים האָט ש. מיללער געטאָן זיין אַרבעט.

1958.

אלף כּצם — „שפּיל אין לידער“

אלף כּצס בוך לידער „חלום עליכם“ באַשטייט פון — „שפּיל און לידער“. אַזאַ אונטערקעפּל געפינען מיר אויפן שער־בלאַט, אָבער ס׳וואָלט אפשר געווען פּינקטלעכער, ווען ס׳וואָלט זיך געלייענט — „שפּיל אין לידער“, ווייל אין יעדער ליד וואָס אלף כּץ שרייבט איז פאַראַן דער עלעמענט פון שפּיל. אַפילו דאָס ערנסטע ליד זיינס דערשפּילט זיך צו ערנסט. ער מוז איז ליד פריִער דערזען די שפּיל־מעגלעכקייטן, אין אַ גראַם, אין אַ צענומען וואָרט, אין אַ וואָרט וואָס ער נעמט אַריין אין די הענט און געפינט שוין אין דעם אַ פריילעכן, בעסער געזאָגט, אַ שפּילעוודיקן פּונקט, וואָס זאָל אים באַחנען די שורה.

שוין דער נאָמען פון בוך — „חלום עליכם“ זאָגט אָן, אַז כּץ האָט ליב צו ווייזן אַז אין געוויינלעכן איז תמיד פאַרבאָרגן די איבעראַשונג. כּץ איז דערפאַר איינער פון אונדזערע צוגענגלעכסטע דיכטער, וואָס ווייזט אונדז לכתחילה, אַז זיין ליד באַשטייט פון אַ סך צוגרייטונג. אָבער היות ער אַרבעט כּסדר מיט — איבערראַשונג, קומט מייסטנס דער בליץ פון זיין שורה, אָדער וואָרט, ווי אַן אָקאָרשטיקער איינפאַל.

אלף כּץ איז פאַרליבט אין ייִדיש, אָבער זיין ליבע איז נישט בלינד. ער באַווייזט אונדז כּסדר פאַרוואָס ער איז אַזוי שטאַרק איינגעליבט; זיינע לידער זענען לעקציעס אין ייִדיש־פאַרליבטשאַפט. אַפילו אין זיינע טרויעריקסטע לידער — און ער האָט אַזעלכע אויך — קען מען שטענדיק אַנטפּלעקן דעם באַגייסטערטן אָנווייזער, וואָס זאָגט אונדז, אָט איז אַ געפינסל, אָט איז אַחוץ ליד אין זיין גאַנצקייט, אויך ליד אין אַ באַזונדער אויסגעזוכט וואָרט. זאָגט ער דאָך שוין גלייך אין זיין אַריינפיר־ליד —

ייִדיש ליד,
זיד!
שריי — נישט ווער אַנטשוויגן
זינג מיט יעדן אות און גליד,
וויין — און זינג דיין ניגון.

ער באַפעלט דעם ייִדישן ליד צו זינגען „מיט יעדן אות און גליד“. פאַר כּצן איז עס אַ בוכשטעבלעכקייט, ער צעזינגט אָפטמאָל דאָס ליד גלידערווייז און ער זוכט אויס און געפינט דעם שפּיל פון יעדער אות. איך וואָלט גע־

זאָגט אַז די ערשטע אינספּיראַציע ביי כצן איז אַ דערזעונג פון אַ יידיש וואָרט און וואָס מען קען מיט דעם אויפטאָן און צעטאָן.

אַזאַ מעטאָד פון שרייבן סוגעסטירט צופיל — מלאכה, אָבער כאָטש כץ, ווי יעדער מאָדערנער דיכטער, שעמט זיך נישט אַז מען כאַפּט אים ביי מלאכה, איז אָבער זיין מלאכה אַזוי אַריינגעוועבט, אין דעם בעסערן ליד זיינס, אַז פון יעדער „אות און גליד" ווערט אַ גאַנצקייט. אין דעם שוין דער־מאָנטן ערשטן ליד רופט ער אויס צום יידישן ליד —

גיב די קולות — ווערטער, גופן.

פון דער צעגלידערונג ביי אים ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער גאַנצער גוף פון ליד. אָבער די אינספּיראַציע ביי אים איז „צעפּראַל פון אַ טויער", דער סורפּריז, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין צווייט ליד אין בוך. דער טויער עפנט זיך נישט, נאָר ער ווערט צעפּראַלט און מען דערזעט אַז דאָס „ערשטע וואָרט", ווי ס'הייסט ביי אים דאָס ליד, איז שוין „דער פּרוזדור פון פרייד, און דער אָנהייב פון טרויער".

דאָס זענען די עלעמענטן פון וואָרט און ליד אין דער לאַבאָראַטאָריע פון אלף כצס שאַפן, ס'מוז קודם־כל ווערן אַ פּרוזדור פון פרייד, אַפילו ווען ס'ווייזט אונדז שוין דעם „אָנהייב פון טרויער".

ביידע עלעמענטן זענען ביים דיכטער פאַראַן אין צוגאַנג צום יידישן וואָרט. דאָס וואָרט דאַרף שרייען, אָבער עס מוז אויך פינקלען מיט פרייד. ווענדט זיך עס אין כצן אַליין, ווי אַזוי ער באַלאַנסירט די דאָזיקע צוויי עלע־מענטן, ווי אַזוי זיי ווערן ביי אים אַריינגעגאַנצט אין ליד. כצס ערשט בוך לידער — „אַ מעשה פון ים" איז דערשינען מיט אַ 35 יאָר צוריק. ער איז געווען צווישן די אָנהייבערס פון מאָדערנעם יידישן ליד, איז מיר תמיד אַ שאַד וואָס ער האָט כמעט אויפגעגעבן דעם פרייען פערז און זיך גענומען צום געמאָסטענעם פערז, ווייל, מיר דאַכט זיך, אַז מיט זיין מעטאָד פון געפּינבע־רישקייט, וואָלט ער פאַר אונדז אַנטדעקט אַ סך מער שיינקייטן „אויף דער פריי", ווי אין זיין בהדרגהדיקער אַרומצאַמונג. געקומען איז ער צום געמאָס־טענעם ליד ביסלעכווייז, אַזוי אַז ביים היינטיקן טאָג איז ער כמעט אינגאַנצן אַריבער צו דער מעטרישער מאָס. כץ ווייסט גוט וואָס ליד איז, ער ווייסט, למשל, אַז ווען „דער גאַסט" קומט צו אים און שטימט אים אָן צום ליד, טרויט אים אָן אַ וואָרט־שליחות, מוז דאָס ליד האָבן אַ „וווּנדער־זין".

עס טאָר קיינמאָל דערפון נישט אויסגעוועפּט ווערן דער וווּנדער, אַפילו ווען דאָס ליד קריגט שוין זין און טייטש. גייט עס אין דער דאָזיקער וווּנדער־

מלאכה צו געבן דעם ליד גוף און טייטש און דאָך זאָל אין דעם פלאַטערן וווּנדער, דער טייטש זאָל נישט זיין בלויז פירוש המלות.

נאָר וויסן ווייס איך קיינמאָל נישט
צי האָט דאָס ליד, וואָס איך געפין,
דעם אָנפאַרטרויטן וווּנדער־זין.

ס'איז אומעלעגאַנט צו שטראָפן אַ דיכטער מיט שורות, וואָס מיט זיי שטראָפט ער זיך אַליין. כ'האָב שוין לאַנג, זייער לאַנג צוריק געלייענט ל. טאָלסטאָיס „וואָסקרעסעניע", דערמאָנט זיך מיר, ווי דער העלד קניִט און איז זיך מתודה, אָבער אַ פּאָליציאַנט שטייט דערביי. שרייט עמעצער אָן אויפן פּאָליציאַנט: „אַ מענטש איז זיך מתודה און איר, „בלויע קנעפּ", וואָס ווילט איר דאָ?" איך ציטיר פון אַ פאַרנעפּלטן זכרון.

דער פּאָליציאַנט, דער קריטיקער, מיט זיינע „בלויע קנעפּ" מעג אויך אָפּקערן דעם קאָפּ, ווען דער דיכטער דערגייט זיך אַליין די יאָרן און נישט בוצן דעם דיכטערס ווידוי פאַר לייכט געוווער קעגן דעם שאַפער גופא. אַזאַ טבע האָבן אָבער די „בלויע קנעפּ". זיי רייסן זיך אַריין אין די חדרי־חדרים פון שרייבערס מיטזיך און זיי כאַפּן פון דאָרט אַרויס אַ געציטערטן קרעכץ און ציטירן אים.

דאָס ליד „דער גאַסט" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאָעזיע בכלל, פאַר דער אינספּיראַציע פון ערשטן וואָרט, פון דעם ערשטן ווונק, פון דער פירנ־דיקער שורה, פון די „גרינע רייד", ווען די ליפּן ווערן באַרירט; און אויך פאַר דעם ביטערן אָפּזאָג וואָס יעדער אָנגעשריבן ליד לאָזט איבער, אַז ס'איז אפשר דערפון אויסגעזונגען געוואָרן, אין פּראָצעס פון שרייבן, דער וווּנדער־זין. אָבער דאָס ליד „דער גאַסט" איז צום כאַראַקטעריסטישסטן פאַר כצן אַליין. זיין שטייגער אַרבעט איז אַזאַ, אַז בויענדיק מיט דעם אָנטפּלעק פון וואָרט און קלאַנג, אין זיינע פּאָעטישע אַרבעט־קליידער, מוז ער זיך כסדר וווּנדערן, צי האָט ער דערגרייכט דעם „וווּנדער־זין" פון ליד, אָדער אַלץ איז געבליבן אויף דער דלאָניע, מיט בליציקער קלאָרקייט און אויפגעטייטשטער באַווי־זענער איבערצייגונג.

זענען דאָס די סכנות־סיגנאַלן פאַר כצס ליד, און ער אַליין איז אַ מבין אויף די דאָזיקע סכנות; און אַז ס'געלינגט אים אין ליד זיי אויסצומיידן, טריִומפירט ער.

טאַקע אין זעלביקן ליד „דער גאַסט", וואָס איז באמת אַ פירוש און אַ משל אויף אַלע דיכטערישע נמשלס, האָט דער דיכטער געגרייזט מיט זיינע צוויי שורהדיקע גראַמען, וואָס לייענען זיך צו גלאַט און קלאָר —

נאָר ווען ער גייט אַוועק, פאַרשווינדט,
ער לאָזט מיך איבער נאַקעט, בלינד,
אין חושך פון אַ הייל צו גיין
מיט הונגער אין מיין גאַנצן געביין
נאָך יענעם אויסטערלישן שיר,
וואָס ער האָט אויפגעוועקט אין מיר.
איך גיי מיט ציטערדיקן טראָט
און זוך דעם זינגענדיקן סוד —
דעם משל פון אַ ווייטער וועלט —
וואָס ער, דער גאַסט, האָט מיר באַהעלט
און אַנגעטרויט אים מיר איך זאָל
פאַנאַנדערזינגען מיט מיין קול.

פון די דאָזיקע קלינגענדיקע שורות איז אַביסל שווערלעך צו שאַפן „ווונדער־זין" און דער פּאָעט ווייסט עס, אָבער דער כישוף פון וואָרט, קלאַנג און גראַם נעמט אַמאָל אַרויס דעם שליסל פון דיכטערס הענט און פירט אים אַ געפּענטעטן איבער די געגראַמטע סטעזשקעס.

מיר געפעלן אָבער אלף כצס ערשטע אַריינפיר־לידער — וועגן לידער, ווי „ניגון", „ווונדער־וואָרט", „די זוכער פון שיינקייט", און אַנדערע; מיר געפעלט זייער טעאָרעטיש פּאָזיטיווער איינשטעל, אָבער נישט אַלע שורות זייערע זינגען מיר, גראָד דערפאַר ווייל זיי זינגען צו־הויך און צו־שטאַרק —

צו וויסן דעם האַרצווייִ פון זוכן די ווערטער,
וואָס שוועבן אַרום אין אַ וועלט אַ באַשערטער,
די שמחה פון שרייבן די ווערטער אויף בלעטלעך
צום ניגון געבראַכטע פון היימישע שטעטלעך.

כץ איז דערפינדעריש, ניי אין זיין ווענד און קער, אָבער זייער אָפט איז ער מקריב די נייקייט אויפן מזבח פון אַ צו אויסגעגלייכטער שורה פון פאַרקלאָרטע ווערטער —

די שמחה פון וואָרט האָט די הערצער געוואַרעמט
מיט שטראַליקער שטילקייט ווען אַלץ האָט געליאַרעמט

אָדער

און חוזק געמאַכט פון די יונגע נאַראָנים,
וואָס גייען אַרום אָן אַן עול, ווי בטלנים.

אַ באַנייער און באַלייכטער פון יידישע ווערטער און אייגענע רייד, פאַלט ער דאָ אַריין אין אַ פּאַסטקע פון אַלעמענס רייד. אָבער אין די לידער ווו ער איז דער געוועלטיקער און ער לאָזט זיך נישט אַרויסרייסן דעם שליסל פון די הענט — צו זיין אויפגעפּראַלטן טויער, געלינגט כצן צו ווייזן אַלע

זיינע געפינסן. דעמאָלט ליגן זיי אין זיינע אייגענע שאָכטעלעך, נישט אין צוגעגרייטע. אין דעם ליד „אויפדעקונג" איז אָרקעסטירט אַלץ וואָס דער דיכטער האָט אויסגעפונען אין יידישן וואָרט און אין יידישן ליד, און אַלץ איז פאַרטרויעריקט, אַפילו די פרייד פון דערגרייכונג, שוין גלייך מיטן אָנהייב, מיט די ערשטע צוויי שורות —

עס וויינט די משפּחה און קוקט אויף די שטיינער —
אַ שטיינערנע מאַמע, אַ שטיינערנער טאַטע.

פאַראַן ביי כצן לידער, ווו דער שפּיל נעמט די אייבערהאַנט, ווי „איך פּרדס פון שטויב", ווו אותיות פליִען אַרויס און אַריין, ווערטער פלאַטערן. דאָס וואָרט „שטויב" ווערט געגומען „אין דער אַרבעט" און ס'ווערט דערפון אויסגעשלאָגן אַ סך שפּיל און הנאה. כצן מאַכט נישט קיין סוד דערפון, אַז ער האָט ליב צו דערציילן אַ מעשה אין אַ ליד. ער נעמט אָן אַז מיר האָבן אַלע ליב צו הערן אַ מעשה און ער קען דערציילן, פאַרסימבאָליזירן, פאַרשלייערן. ער האָט געשריבן אַ גרויסע צאָל לידער פאַר יידישע שולעס און ער ווייסט ווי צו „איבערזעצן" זיין קינדער־ליד אויף דעם לשון פון דערוואַקסענע. אין אַזאַ ליד, ווי אין זיין „פּישקע דער שטומער", זענען פאַראַן עטלעכע טרעפּ, פון קינדער־טרעפּ, ביז אַרויף צו דערוואַקסענע, פון געאַנטקייט, ביז פאַרשטאַנענקייט. דאָס ליד איז געשריבן אין אַ סך סטילן, אויסנוצנדיק די עשירות פון יידישן וואָרט. דער דיאַלאָג צווישן דיכטער און פּישל איז שפּילעוודיק און גראַציעז.

הערט דאָס פּישקע און ער מאַכט:
דו וואָס האָסט מיך אויסגעטראַכט
און מיט ווערטער מיך באַשאַפן,
לאָזט זיך פון דעם גראַם פאַרשקלאַפן.

כצן פאַרלירט אויף קיין רגע נישט דעם פאָדעם פון זיין פּאָעטישן וויכוח מיט זיך, פּישקע שטראָפט דעם דיכטער און פרעגט אים —

איך פאַרשטיי דאָס נישט, באמת!
ווער איז ווער און ווער איז וועמעס
באַלעבאָס אין דער־אָ זאַך —
גראַם צי שטראַם, צי נס פון שפּראַך?

דער פּאָעט ענטפערט אָבער און באַווייזט וואָס דער גראַם איז —

אָפט גיט ער אַזאַ מין בליץ
און די שורה אַ פאַרשניץ,
אַז עס נעמען וואַקסן פליגל

בײַ דעם דיכטער, און אַ שפּיגל
װי אַ גלײַענדיקער ים,
טוט אים װײַזן זינען, זונען,
װאָס אַן כּישוף פֿון דעם גראַם
װאָלט ער קײנמאָל נישט געפֿונען.

אַז כּך פֿאַרבעט צו זיך אין לאַנד פֿון שפּיל און כּישוף, לעבט מען זיך אַרײַן אין דעם מעשׂהלע־װעלט פֿון זײַנע פּערסאָנאַזשן — װי „פּישקע דער שטומער״, „איציקל ציק״, „דער שפּילפֿויגל״, „דאָס פּיסטערן לאָשיקל״, און אין אַזאַ אָפּענעם װאָרט־שפּיל װי „אַ מעשׂה מיט אַ נון״, װאָס פֿאַרמאָגט אַפֿילו אַ פּאָעטישן „פּאָסט־סקריפּטום״.

די לעצטע פּאָעמע „חלום עליכם״, װאָס דער מחבר האָט געשריבן װי מאַטעריאַל פֿאַר אַ באַלעט, איז אַן אָפּענער שפּיל אין סטילן, װאָס איז װי אַ קינסטלערישע רעװי, פֿון בדחנות ביז די סאַמע מאָדערנסטע מעגלעכקײטן פֿון יידישן ליד. די פּאָעמע װאָס איז אַ פֿאַרהױל פֿון מײנען בתוך מײנען און טײַטשן בתוך טײַטשן פֿאַרענדיגט דער פּאָעט מיט די שורות —

דער מײַן פֿון אַ װערק ליגט אין יעדן באַזונדער,
און דאָס איז דער װונדער! און דאָס איז דער װונדער!

צום סוף פֿון בוך אַנטדעקט דער פּאָעט דעם „װונדער־זײַן״, װאָס יעדער דיכטער זוכט אַז זײַן ליד זאָל פֿאַרבאָרגן — אַנטפּלעקנדיק, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז נאָכדעם װי אלף כּך האָט אַזױ גרינטלעך אויסגעפּאָרשט פֿאַר זיך די מעגלעכקײטן פֿון יידישן װאָרט, האָט ער מיט אַ צאָל אינטערעסאַנטע לידער, װאָס ער האָט שױן פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרשײדענע זשורנאַלן נאָך זײַן בוך „חלום עליכם״, געװוּנען אין װאָגיקײט. דער שפּיל פֿון װאָרט איז גאָלדיקער און שװערער און, כ׳װאָלט געזאָגט, דיכטעריש־טאַקטישער; די מאַגיק שפּרינגט נישט פֿון אַלע קעשענעס. דער עלעמענט פֿון פֿרײד װערט „האַמאָגעניזירט״ מיטן טרויער, װאָס דער דיכטער פֿאַרמאָגט און דער „אָנפֿאַרטרויטער װונדער־זײַן״ װערט טונקעלער, אָבער דערפֿאַר װערט קלאָרער דער גאַנג פֿון פּאָעט און דאָס אָנגעזעענע אָרט װאָס עס קומט אים אין דער יידישער פּאָעזיע.

1959.

אליעזר בלום־אַלקוויטס דערציילונגען

דער פּאָעט ב. אַלקוויט, וועמענס בוך דערציילונגען „אויפן וועג צום פּרץ־סקווער", איז דערשינען מיט זיין משפּחה־נאָמען — אליעזר בלום, קלערט אונדז אויף אין אַ קורצן אַריינפיר, „אַז יעדער שרייבער קומט סוף־כל־סוף צוריק צו זיין משפּחה־נאָמען". אָט דער כמעט אַקסיאָמאַטישער זאָג ווערט אַרומגעשאָטנט מיט אַ סך סימבאָליק. מ׳קען אין דעם אַריינטייטשן גאָר אַ סך זאַכן, אָבער מיר קלינגט דער דאָזיקער צוריקקום צום משפּחה־נאָמען, ווי אַן אָפּצאָל פון אַ חוב, אַ געפיל פון קינסטלערישער ערלעכקייט; אַז דער פּאָע־טישער פּסעוודאָנים, מיט וועמען ער האָט זיך איינגעלעבט, האָט כסדר גע־בענקט נאָך דעם דאָזיקן פּשוטן ביאָגראַפישן פאַקט, אַז ב. אַלקוויט איז שולדיק אַ חוב פאַר אַלץ וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן — זיין משפּחה־נאָמען, זיין אינטימקייט, זיין אָפּשטאַם, זיינע טאַטע־מאַמע, וואָס זענען אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט און אים איבערגעלאָזט, אָבער קיינמאָל נישט פאַרלאָזט, ווייל ער האָט זיי קיינמאָל נישט פאַרלאָזט.

דער כעלעמער בחור, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַן אייגענעם „אויפשטאַנד פון אַ לערן־יינגל", ווי אין זיין מאָנומענטאַלער דערציילונג, איז תמיד גע־בליבן געטריי דער פאַריתומטער וועלט, וואָס פון איר איז ער בלויז אַוועק אין פאָרם, מיט די קורצע שורות, וואָס האָבן כסדר געזוכט און געפונען אַ סינטעז צווישן דער נייקייט און דערפרישונג פון יידישן וואָרט, און דער געדענק־באַטעמטקייט פון דער אייביגער מוזיק פון יידישן טאַטע־מאַמע לשון.

יעדער דיכטער וואָס שרייבט פּראָזע, מוז גענומען ווערן צוזאַמען מיט זיין ליד; אליעזר בלום־אַלקוויט אַוודאי. אים איז געלונגען אויפצווייזן זיינע דערציילונגען מיט דעם זעלביקן זין פאַר דער שורה און פאַרן פּרעציזן סימ־באָלישן וואָרט, ווי אין זיינע לידער, וואָס האָבן זיך תמיד געריסן צו אַ פאַר־טיפטער, געצאַמטער און בילדלעכער דערציילערישקייט. מען וואָלט געקענט דערמאָנען אַ צאָל אַלקוויטס לידער, וואָס זענען געווען קליינע דערציילונגען און אויטאָ־ביאָגראַפישע בענקשאַפטן, וואָס זענען אויסגעברייטערט געוואָרן, ווען אליעזר בלום האָט זיי צוריקגענומען אין די הענט אַריין. מיט אַלקוויט־בלומען איז געשען פאַרקערט, ווי מיט שרייבערס וואָס האָבן געפונען זיך און

זייער קינסטלערישער פרייהייט — אין פסעוודאָנימען. ב. אַלקוויט האָט די גאַנצע צייט פון זיין שרייבן לידער נישט פאַרגעסן און נישט געפעלשט אין זיין אמתן נאָמען.

אויב מיט ב. אַלקוויט האָט ער באַצאָלט דעם צינז צו דעם וואָס ער האָט זיך אַליין דערוואָרבן און געגומען ביי דער וועלט, איז ער מיט דעם משפחה־נאָמען געקומען אַהיים, פאַר גרעסערער אידענטיפיקאַציע. ער האָט טאַקע געדרוקט זיינע דערציילונגען אונטערן נאָמען ב. אַלקוויט, אָבער זיי האָבן שוין מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פולע רעוויזיע, וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט קינסטלערישער תמימות. ס׳איז ווי ער וואָלט געזאָגט: לאָמיר זיך נישט נאַרן, אָט דאָס וואָס איז אין תוך מיינס, איז משפחהדיק און מוז דערקענט ווערן. דאָס באַציט זיך אויף אַלע זיינע דערציילונגען אין זיין בוך — „אויפן וועג צום פרק־סקווער״, נישט נאָר אויף די דערציילונגען, וואָס זענען פאַקטיש אויטאָביאָגראַפיש, ווי אין זיין ערשטער אָפּטיילונג „שיר — אַ געזאַנג״.

די 32 דערציילונגען וואָס זענען געטיילט אין דריי אָפּטיילונגען זענען ביי בלום־אַלקוויטן אָפּגעקליבן געוואָרן פאַר זיין בוך, פון עטלעכע הונדערט דערציילונגען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט במשך פון העכער דרייסיק יאָר. ווי אַזוי ער האָט געמאַכט דעם אָפּקלייב פון צענדליקער גוטע דערציילונגען, איז שווער צו זאָגן; יעדער שרייבער וואָס קומט זיך אויפזאַמלען, האָט זיינע אייגענע מעטאָדן. אָבער וואָס אליעזר בלומס מעטאָדן זענען נישט געווען, איז אים געלונגען צו מאַכן אַן אייגענעם אויסוואַל פון דערציילונגען, וואָס זענען קאָנצענטרירט אויף אַזעלכע טעמעס וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. די טע־מעס זענען — דראַמעס, קאָנפליקטן, ראַנגלענישן, וואָס גיבן דעם קינסטלער־דערציילער אַ גוטע געלעגנהייט צו שאַפן אַ גאַנצקייט, וואָס קען מער נישט צוגעשאַפן ווערן, נישט מיט קיין ווערטער און נישט מיט קיין רייד, אָבער דעם לייענער גיבן זיי די פליגל פון אַ מיטשאַפער.

אין וואָס באַשטייט דער כוח פון אַ גוטער קורצער דערציילונג? נישט נאָר אין דעם וואָס זי געדענקט זיך טעמאַטיש, אָדער אין גוטע באַזונדערע געדאַנקלעכע באַמערקונגען, נאָר דערפאַר, וואָס זי קען ווי אַ גאַנצע זאַך נישט אַרויס פון זכרון. דער לייענער דערמאָנט די דערציילונג ווי עפּעס אין וואָס ער אַליין האָט אויך אַ חלק. ער האָט זי מיטגעשאַפן און זי אַרומגעפלאַטערט מיט ווערטן, מיט מיינען, וואָס ער האָט געפונען אין זיך אַליין. די דערציילונג האָט אים רייכער געמאַכט מיט עפּעס, וואָס ער האָט תמיד פאַרמאָגט אין זיך און איז קיינמאָל דערמיט נישט געקומען צום וואָרט.

מיינט דאָס אַז די אמת־קינסטלערישע דערציילונג איז געשריבן אַזוי, אַז אין איר ווערן אַריינגעשריבן, פון פאַרשיידענע ווינקלען, מיט גרויס קענט־

שאַפט, אַזעלכע מיינען, וואָס באַטייטן פאַרשיידענע זאַכן אויף פאַרשיידענע שטאַפּלען; און אויף וואָס פאַר אַ שטאַפּל דער לייענער זאָל די דערציילונג נישט אויפנעמען, וועט זי ריידן צו אים און זיך פאַרטייטשן — פון דעם סאַמע ערשטן שטאַפּל, פון פּשוטער פאַרווײלונג, וואָס אַ קונסט־ווערק מוז פאַרמאָגן, ביז דעם העכסטן שטאַפּל פון אַ סימבאָלישן מיין, וואָס גיט דער דערציילונג איר דויערנדיקן ווערט. דאָס איז חל אַפילו אויף די סאַמע עקזאָטישע דערציילונגען פון לענדער און סיטואַציעס, וואָס מעגן אין תוך דעם לייענער זיין פרעמד, אָבער דער קינסטלער־דערציילער נעמט־מיט דעם לייענער, און אויך אין אַזעלכע דערציילונגען גיט ער אים אַ געלעגנהייט צו אַנטפּלעקן זיך און ווערן אַ מיטשאַפער.

די דערציילונגען אין אליעזר בלומס בוך זענען אַלע פון אַזאַ פולער גאַנצקייט, אַז יעדער דערציילונג פאַרמאָגט אין זיך פול לעבן, מיט אַ פולן אינהאַלט, וואָס איז צוגעפּאַסט צום מאָמענט, וואָס די דערציילונג פאַראייביקט. מיר איז שוין אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו שרייבן וועגן אַלקוויטס פּראָזע און יעדעס מאָל ווען איך קום צו זיינע דערציילונגען פאַרפעל איך נישט צו זען די מוזיקאַלישע שפּאַנונג פון זיינע שורות, וואָס זענען פולשטענדיק איינגעגלידערט אין דער גאַנצער פּראָזאַישער אינהאַלטלעכקייט. נאָך קלאָרער: כ׳מיין דערמיט צו זאָגן, אַז ווי געשניצט ס׳איז ביי אים יעדער שורה באַזונדער, מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו דער קינסטלערישער גע־דענקלעכקייט פון ייִדישן וואָרט — נישט נאָר צו דער רייכקייט פון אַ ווערטער־אָפּשפּאָר אין זכרון — ווערט פון דער אָפּגעוואָרנטער פאָרזיכט געשאַפן גאַנצקייט. דאָס דערקלערט זיך מיט די סודות וואָס ב. אַלקוויט האָט אויסגעפונען און אַנטפּלעקט פאַר אליעזר בלומען. ער האָט אים געשענקט דעם סוד פון דיכטערישן צימצום און דעם סוד פון דער באַזונדערער שורה, וואָס מוז ווערן איינגעהיימישט אין גאַנצן ליד, אויב די שורה וויל נישט מסרן אַז צוליב איר איז דאָס גאַנצע ליד געשריבן געוואָרן. אַ שורה מעג טאַקע זיין און איז טאַקע די אינספּיראַציע פאַר אַ גאַנץ ליד, אָבער זי טאָר נישט אויסגעשטעלט ווערן אין שוי־פענצטער.

אויב דאָס אַלץ קלינגט אַביסל צו לאַבאַראַטאָריש, וועל איך עס אפשר מאַכן נאָך קלאָרער און זאָגן, אַז אַזאַ פּראָזאַישן דיאַלאָג, אַזאַ ראַזעווע־ברויט־דיאַלאָג, ווי מען געפינט אין בלומס דערציילונגען, איז שווער צו געפינען, ווייל מיט דער גאַנצער נאַטוראַליסטישער פולבלוטיקייט פון דעם הין־און־קריק אין דעם שמועס פון זיינע העלדן, איז פאַראַן דאָס וואָס ער רופט — „שיר — אַ געזאַנג". ס׳איז געמאָסטן און געוויגן, נישט צוגעקאַרגט, נאָר

אַפּגעוואויגן אַקוראַט. אַ שמועס קלאַפּט און גיט־צו מוזיק דער דערציילונג, גיט איר לעבעדיקן אָטעם.

ס׳איז שווער אַרויסצורייסן און ציטירן שטיקער פון דערציילונגען, אַזעלכע ציטאַטן זעען אויס ווי גרויסע לאַטעס, אָבער ס׳וואָלט זיך בפירוש געוואָלט ציטירן שמועסן, שילדערונגען, זייטיקע באַמערקונגען, כדי דער לייענער זאָל דערזען די פיל־שטאַפּלדיקייט פון יעדער פון די 32 דערציילונגען, אויפן שטאַפּל פון איראָניע, הומאָר, גלייכוועטלדיקייט און טראַגיק.

יאָ, ס׳איז פאַראַן אַ סך טראַגיק אין דער תמימותדיק־געשילדערטער אָרעמקייט פון די קינדהייט־העלדן, ווי ס׳איז פאַראַן טראַגיק אין די תמימות־דיקע העלדן פון דער גרויסשטאָט. פאַראַן אין בוך אַ פּרעכטיקע דערציילונג — „מאַסקע מיט אַ טרומייטער״, איז דער נאָמען סימבאָליש פאַר אַלקוויטס געזעמל פון מענטשן, וואָס ער רופט צוזאַמען אין דער גרויסשטאָט. יעדער איינער טראָגט אַ מאַסקע און טרומייטערט אַביסל פון זיך. אַלקוויט רייסט נישט קיין מאַסקעס. ער לאָזט זיי איבער, ער פאַרמענטשלעכט די מאַסקעס און ער פאַרמוזיקאַלישט דעם טרומייטער פון די קליינע איכלעך: דעם ייִד וואָס לעבט „אין זכות פון מאָריס ראָזענפעלד״, דעם שערער אויף דער על־טער, די ייִדן אַרום דעם מת וואָס ווערט באַגראָבן אין אַ היץ פון „99 מיט עפּעס אין שאָטן״ און אַנדערע העלדן וואָס אליעזר בלום האָט דורכגעטראַכט פאַר זיי די מאָמענטן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער „מאַסקע און טרומייטער״ פון יעדערנס לעבן, פאַר דעם געזעענעם וואָס באַהאַלט זיך פון לעבן און וויל פאָרט כאָטש אַביסל געזען ווערן.

— וועל איך נישט איבערדערציילן דעם אינהאַלט פון די דערציילונגען — אַלע דערציילונגען האָבן קערנדיקן אינהאַלט, איך וויל זיי נישט פאַרפראַס־טעווען און געבן די שאָלעכץ, וואָס וואָלט געווען נישט מער ווי מיסרעפּרע־זענטאַציע. דער לייענער פון בלום־אַלקוויטס דערציילונגען וועט מיט מיר מסכים זיין, אַז ווען ער וועט איבערלייענען אַזעלכע דערציילונגען, ווי „אויפ־שטאַנד פון די לערן־ייִנגלעך״, „לאַטעס״, אַזאַ שיר־השירים ווי „דעם בעקערס טאָכטער״, „גאָגאָלס רינג״, „רעיטשל, מוטער רעיטשל״, וועט ער איינזען, אַז מען טאָר די דערציילונגען נישט דערציילן, נאָר מען מוז זיי לייענען און אַריינגעמען אין זיך.

מ׳קען נישט איינטיילן אליעזר בלומען אין אַן אַלט־היים־דערציילער און אין אַ שרייבער פון אַמעריקאַניש ייִדישן שטייגער, כאָטש ער איז ביידע. ער לעבט אין דער גרויסשטאָט מיט זיינע קיינמאָל נישט־אויסגעגעפּלטע זכרונות פון דער אַלטער היים. אין דער פאַרנעפּלונג ליגט דער חן און דער דיכטערי־שער גראָטעסק פון אַלע זיינע מעשות. זיי זענען אַלע רעאַליסטישע לעגענדעס

— זאָל מען מיר מוחל זיין דעם פּאַראַדאָקס. אַלץ דערציילט זיך מעשהלע־מעסיק, אַפילו פון אַ רעאַליסטישן איסט־סייד גענגסטער. מאָרד ווערט — אַ מעשהלע. דער מחבר פירט זיין יעדער מעשהלע ביי די הענט, ווי ער פירט עס אין זיין „גזלן אין כעלעמער וואַלד", און פון צייט צו צייט דערציילט ער דעם מעשהלע אַ מעשה בתוך מעשה, ער שמועסט זיך דורך מיט זיינע מעשה־לעך און ער באַרייכערט זיי מיט זיין דערפאַרונג.

אַוודאי איז דאָ אין אליעזר בלומס דערציילונגען זשאַנער. מיליע, אַפילו קינסטלערישע געשיכטע און סאָציאָלאָגיע, ווי אין „אַטאַ באַקאַרטאָנו", „דער קאָמעט און דאָס איי", „רעיטשעל, מוטער רעיטשעל", „אויפן וועג צום פּרץ־סקווער" און אַנדערע, אָבער דער עיקר איז די אייגנאַרטיקע פּאַרוועבונג מיטן אייגענעם געמיט, און די דורכקריסטאַליזירונג פון קינסטלערישער אָבסער־וואַציע, וואָס קאָמענטירט דערציילנדיק, אָבער שטערט קיינמאָל נישט דעם גאַנג פון מעשהלע, ווי עס זינגט פאַר אונדז אויס דער דיכטער ב. אַלקוויט, אין זיין צוריקקום צום אייגענעם משפּחה־נאָמען — אליעזר בלום.

אויפן שער־בלאַט שפּיגלט אַרונטער דער משפּחה־נאָמען פון מחבר אליעזר בלום און אונטער אים דער נאָמען פון בוך —

אויפן וועג
צום
פּרץ־סקווער

אויסגעשטעלט אין דריי שורות. מיר האָט זיך עס געלייענט צום גראַם — אליעזר בלום, אויפן וועג צום. אליעזר בלום שילדערט פאַר אונדז די פּאַטע־טישקייט פון אַ פאַרזשאַווערט בלעכל וואָס שילדלט אונדזער קולטור־פאַר־שעקטקייט און איזאָלאַציע, אין דער גרויסער שטאָט, אָבער בלום־אַלקוויט שטעלט זיך נישט אָפּ אויפן סקווער מיט אַ פאַרגליווערטן און פאַראַליזירנ־דיקן געוויין. מיט זיינע דערציילונגען שפּאַנט ער ווייט און ווייטער, אויף אַן אייגענעם קינסטלערישן וועג —

אליעזר בלום, אויפן וועג צום —.

1959.

46 יידישע לידער אויף ענגליש

אַן אָריגינעלע און זעלטן־שיין־אַרויסגעגעבענע זאַמלונג פון ייִדישע לידער אויף ענגליש איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אונטער דעם האַרבן פריילעכן נאָמען פון — „אָניאָנס, קיוקאָמבערס ענד פלאָמס״ (ציבעלעס, אוגערקעס און פלוימען), באַקרוינט מיט דער אויטאָריטעט פון איינעם פון די גרעסטע אוניווערזיטעטן אין לאַנד, „וועין סטייט יוניווירסיטי״, אין דעטראָיט. דערמיט איז מקוים געוואָרן אַ חלום פון אַן אַמעריקאַנער געבוירן מיידל, אַ דעטראָיטערין, וואָס האָט נאָך מיט אַ צוועלף יאָר צוריק געקראָגן איר „מאַסטערס״ דיפּלאָם פאַר אַ שטודיע פון אַ צאָל ייִדישע לידער, זייערע טעקסטן און איבערזעצונגען. די זאַמלונג האָט זיך דערוואַרט, אין אַ גאַנץ־רעווידירטער פאָרעם, אַז זי זאָל דערזען די ליכטיקע שיין, אַדאַנק דער פינאַנציעלער הילף פון דעם „מאָריס און עמאַ שיווער פובליקאַציע־פאָנד״, וואָס האָט אין דער לוקסוס־אויסגאַבע אַריינגעלייגט אַ מטמון מיט געלט.

דאָס אַמעריקאַנער מיידל, סערע צווייג, האָט שוין היינט אַ פאַרהייראַטן צוגאָב צו איר מיידל־נאָמען און איר פולער נאָמען איז סערע צווייג־בעטסקי. זי איז אַ העכסט־געבילדעטע דאַמע; זי האָט געלערנט אין וועין סטייט אוניווערזיטעט, אין קעמברידזש אוניווערזיטעט, אין ענגלאַנד, געקראָגן איר פילאָזאָפיע־דאָקטאָראַט אין „ניו יאָרק יוניווירסיטי״, און ביים היינטיקן טאָג איז זי אַ גוט־באַקאַנטע קונסט־לערערין אין מאָנטאַנאַ שטאַט־אוניווערזיטעט.

צו די אַלע ביאָגראַפישע איינצלהייטן מעג מען נאָך צוגעבן, אַז זי אַליין איז אַ מאָלערין און אַ דיכטערין. די אַלע פרטים זענען אינטערעסאַנט, ווייל זיי ווייזן אַז זי האָט פון אַלערליי חכמות און קונסטן געגאָסן, געטרונקען און געגעסן און, פאַראַפראַזירנדיק אַ פאָלקס־ליד — אין ייִדיש אַלץ נישט פאַרגעסן.

איר אַריינפיר צו דער זאַמלונג גיט דעם שליסל צו איר אויסגעהאַלטענעם אינטערעס אין די ייִדישע לידער. קודם־כל דערציילט זי אַז אירע עלטערן, וועמען אַגב דאָס בוך איז נישט נאָר געווידמעט, נאָר זיי ווערן צוגעצויגן ווי גייסטיקע שותפים, האָבן זי געשיקט אין אַן אַרבעטער רינג־שול און זי דערמאָנט מיט דאַנק דעם פאַרשטאָרבענעם לערער חיים ראַדין, וואָס האָט אין איר געהאָלפן איינפלאַנצן אַן אינטערעס אין דער ייִדישער פאָעזיע. דאָס איז שוין אינטערעסאַנט דערפאַר, ווייל לערערס ביי אַלע פעלקער זענען נישט

קיין גרויסע ליבהאָבערס פון פּאָעזיע — און ייִדישע לערערס זענען זיכער נישט קיין יוצא מן הכלל — דערגרייכן זיי געוויינלעך דאָס פאַרקערטע; זיי שטויסן אָפּ דאָס קינד פון פּאָעזיע און זיי באַוואָרענען עס אויף אייביק, אַז ס'זאָל ווען עס איז חלילה נישט אַנטוויקלען אַן אייגענעם געשמאַק אין פּאָע־זיע. דאָס געשעט דערפאַר, ווייל לערערס האָבן אַ ספּעציפיש־לערערישן און איינגעלערנטן געשמאַק, וואָס באַשטייט פון אַ פּעדאַגאָגישן גליווער.

אָבער דער אמתער שליסל צו דער דורכגעפירטער אויסגעהאַלטנקייט, וואָס האָט סוף־כל־סוף דערגרייכט אַזאַ בוך זאָל דערשיינען, איז, משמעות, אַ פרי־אַריינגעוואָרצלטער רחמנות אויף דעם יתום — ייִדיש. איר הקדמה הייבט סערע צווייג־בעטסקי אָן מיט דער באַקאַנטער פראַזע פון שלום־עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס. „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום!" דער ייִדישער פּאָעט איז אַ מאָטל דער יתום, זאָגט סערע צווייג, ווייל זיין לשון איז אַ יתום. די הקדמה איז געשריבן אין שליסל פון אָט דעם רחמנות צו ייִדיש און אויפן ייִדישן פּאָעט און, ווייזט אויס, אַז דער רחמנות האָט פרי געפּאַנ־גען דאָס יונגע אַמעריקאַניש־ייִדישע מיידל און זי נישט אָפּגעלאָזט. אפשר איז עס געווען רחמנות אויף אירע עלטערן, וואָס האָבן פּערזאָניפיצירט דעם עלנט פון ייִדיש און דאָס באַשטיין אויף אַ לשון, וואָס האָט איר נאָכגעווייַנט ווען זי איז שוין געווען אין אוניווערזיטעט.

איבעריק צו זאָגן אַז אַ ייִדישער פּאָעט, אַ פּאָעט וואָס איז ווערט דעם נאָמען, באַטראַכט זיך נישט פאַר קיין יתום און ער איז גוואַלדיק צופרידן מיט דער קוואַליקער און לעבעדיקער שפּרודלדיקייט פון ייִדיש. ס'איז אויך איבעריק צוצוגעבן, אַז אין דעם זין, ווי סערע צווייג־בעטסקי נעמט עס אויף, איז יעדער פּאָעט אַ יתום, ס'איז אים אומגעהויער שווער צוצוקומען צו דער עפנטלעכקייט. ס'איז אים כמעט אוממעגלעך איבערצוזעצן און אַפילו מיט זיין אָריגינאַל איז אים פּאַקטיש אוממעגלעך צו דערגרייכן אַ ברייטע אוידי־טאָריע. וויפל סקאַנדינאַווישע פּאָעטן, וויפל טערקישע און אַראַבישע פּאָעטן, וויפל אינדישע פּאָעטן פון אונדזער צייט זענען באַקאַנט און באַרימט? אויך זיי זענען נעבעך יתומים, אָבער ס'איז אויף זיי אַלעמען נישט קיין גאָטס רחמנות און זיי בעטלען נישט קיין רחמנות, אַפילו אין איבערזעצונג.

אָבער דער דאָזיקער דרייפאַכער פּאַדעם, טאַטע־מאַמע, לערער און רחמנות אויף ייִדיש, האָבן געהאָלפן אַרויסברענגען די אייגנאַרטיקע זאַמלונג — 46 ייִדישע לידער פון 17 פּאָעטן, מיט די אָריגינאַלן פון די לידער אין ייִדיש, אַ טראַנסקריפּציע פון די אָריגינאַלן מיט לאַטייַנישע בוכשטאַבן און כללים וואָס האָט סוף־כל־סוף דערגרייכט אַז אַזאַ בוך זאָל דערשיינען, איז, משמעות, ווי זיי צו לייענען און אַ כמעט ווערטלעכע איבערזעצונג פון די לידער אויף ענגליש.

כ׳האָב די גאַנצע צייט גערופן דאָס בוך „ציבעלעס, אוגערקעס און פלוי־מען״ אַ זאַמלונג און נישט קיין אַנטאָלאָגיע, ווייל ס׳פעלן אין איר אַ צאָל וויכטיקע ייִדישע פּאָעטן. די זאַמלערין און איבערזעצערין האָט זיך באַוואָרנט און אָוועקגעשטעלט מיט פּעטן שריפט, אַז דאָס זענען 46 ייִדישע לידער, ס׳הייסט — גייט און לאָדט מיך, דאָס זענען די 46 לידער וואָס איך האָב אויסגעקליבן און איבערגעזעצט. לויט איר הקדמה האָט זי געמאַכט נאָך עט־לעכע אַנדערע באַוואָרענישן און, פאַרפאַלן, מען מוז דערפאַר די זאַמלונג באַ־טראַכטן, אין די ראַמען פון איר אויפגעכאַפּטן און נישט צו־געראָטענעם אויס־וואַל, פון פּאָעטן און לידער (מיינע אַריינגערעכנט).

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער אויסוואַל איז ווייט נישט לויט מיין געשמאַק און אַז בכלל פאַרמאָגט די זאַמלונג, וואָס האָט מסתמא אַן אייגענע בוצלעכקייט, וואָס איז מיר דערוויל נישט קלאָר, אַ קאַרדינאַלן חסרון. דער חסרון באַשטייט אין נישט קענען באַלאַנסירן די „ייִדישקייט״ פון די לידער מיט דער פּאָעטישקייט. דער צוגאַנג איז, ווי איך זע עס, לכתחילה געווען אַ פעלערהאַפטיקער און דערפון שטאַמען די חסרונות פון דער פּריוואַט־געקלי־בענער זאַמלונג.

כ׳מוז פאַרלויפן דעם וועג און דערציילן, אַז די זאַמלערין האָט זיך גע־ווענדט צו מיר עטלעכע מאָל און געזוכט מיין עצה, געוואָלט מיר צושיקן די מאַנוסקריפּטן, אָבער איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, ווייל — און דאָס האָב איך דער זאַמלערין פון די לידער געשריבן — מער פעלט מיר נישט, ווי האָבן אַ האַנט אין דעם צונויפשטעל פון אַזאַ בוך, צו עצהן וועמען צו וואַרפן און וועמען אַריינצונעמען, אָדער בכלל צו טראָגן כאָטש די מיני־מאַלסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ צוזאַמענשטעלונג, וואָס שמעקט מיט ענגלישער אומשטערבלעכקייט, מ׳שטיינס געזאָגט. וואָלט איך, מסתמא, עטיש, באַדאַרפט שווייגן און נישט זוכן קיין חסרונות. אָבער ווי קען מען פאַרט פאַרשווייגן אַזאַ בוך, נישט אַלע מאַנטיק און דאַנערשטיק דערשיינט דאָך אַזאַ זאַמלונג אויף ענגליש.

אהרן צייטלין האָט שוין אָנגעוויזן אויף עטלעכע חסרונות אין אַן איבער־זעצונג פון מיינס אַ ליד און אין זיינע לידער. אין זיינס אַ ליד האָט זי איבער־געזעצט אַ דרוק־פעלער — וו י נ ט, ווען ס׳האָט באַדאַרפט זיין — וו יי נ ט. אַן ערגערן טעות האָט זי געמאַכט אין מיינס אַ ליד, ווען איך ווענד זיך צום ייִדישן פּאָעט און זאָג אים, אַז ער איז „מוציא מיט געזאַנג״ און די איבער־זעצערין האָט געמיינט אַז מוציא איז אַ שטיק ברויט. אַרויסגעקומען אין דער איבערזעצונג איז — „אַ שטיק ברויט באַשמירט מיט געזאַנג״ („סמיערס אַ סלייס אָוו ברעד וויט סאָנג״).

איך בין זיך משער, אַז מען קען נאָך געפינען עטלעכע אַזעלכע טעותן אין דעם גאַנצן בוך. אָבער פאָרט גייט נישט אין די דאָזיקע קלענערע חסרונות. ס׳האַנדלט זיך, לויט מיין מיינונג, אין דעם גאַנצן צוגאַנג. מייסטע לידער זענען איבערגעזעצט ווערטערלעך און בלויז מיט אַ קלענער צאָל האָט זיך סערע צווייג גענומען די מי און די לידער געגעבן אַ שטיקל פּאָעטישן לבוש. פאַראַן אַ סך וואָס האַלטן אַז דער איינציקער אופן, ווי איבערצוגיסן אַ ליד אין אַ פרעמד לשון איז דווקא צו געבן דעם רויען ווערטערלעכן אָריגינאַל, ווייל יעדער באַשיינונג איז אַ פאַרמינערונג און דערפאַר זייער אָפּט אַ פעלשונג. אָבער נישט דאָס איז דער אמתער צוגאַנג צו דער איבערזעץ־מעגלעכקייט פון אַ פרעמד לשון, ווען מען וויל אַז די איבערגעזעצטע לידער זאָלן האָבן אַ קולטור־ווערט. מען מוז לכתחילה אָננעמען, אַז היות ס׳איז בכלל שווער איבערצוזעצן לידער, מוז מען אויסקלייבן בלויז אַזעלכע לידער, וואָס אינהאַלטלעך זענען זיי כאָטש אַזוי שטאַרק, אַז וויפל ס׳זאָל נישט פאַרלוירן גיין, וועט זיך פאָרט עפּעס דורכליכטיקן, און אַפילו אין אַ רויער פאַרעם וועט דער פרעמדער לייענער דערשפּירן, אויב נישט דעם טעם פון דעם אָריגינעלן ליד, איז, לכל הפּחות, די פּערזענלעכקייט, דעם שטויס און דראַנג פון פּאָעט.

ווען מען זעצט איבער אַ באַזונדערן פּאָעט און מען גיט אַרויס אַ בוך פון זיינע לידער, האָט מען נישט אַזאַ שווערע אחריות, ווי ווען מען גיט אַ זאַמלונג פון 17 פּאָעטן און מען וויל זיי — יאָ אַנטאָלאָגיע, אָדער נישט אַנטאָלאָגיע — פּרעזענטירן ווי די זינגערס פון אַ פאָלק. מען מוז פריִער פאַרמאָגן אַ גוט־אַנטוויקלטן פּאָעטישן געשמאַק און דערצו אַן אָריענטאַציע אין דער פּאָעזיע פון דעם לשון, וואָס אויף אים זעצט מען איבער די לידער. נישט צו נעמען אין באַטראַכט אַז דער אָריגינאַל גיסט זיך אַריין אין אַ נייעם שטראָם, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענעם נוסח און סטאַנדאַרט, מיינט אָפּט פאַרשעמען אַ נאַציאָנאַלע פּאָעזיע.

ס׳קען זיין, אַז איך האָב אַ טעות, אָבער מיר וועט זיין זייער אינטערעסאַנט צו לייענען אַן אָפּהאַנדלונג פון אַן ענגלישן פּאָעט וועגן די „ציבעלעס, אוגערקעס און פלוימען״, אַן אָן־רחמנותדיקע אָפּהאַנדלונג, כ׳מיין אַ קינסטלערישע אָפּשאַצונג, וואָס זאָל נישט רחמנות האָבן אויף דער ייִדישער יתום־פּאָעזיע, ווי סערע צווייג האָט געהאַט. כ׳וואָלט געוואָלט זען וואָס פאַר אַ הנאה ער וועט האָבן פון אַזאַ זאַמלונג און וואָס פאַר אַן איינדרוק ער וועט זיך שאַפן פון דער ייִדישער פּאָעזיע, געבויט אויף די 46 איבערגעזעצטע לידער. זיין איינדרוק, דאַכט זיך מיר, וועט זיין אַן אָרעמער, און דאָס זאָג איך טראָץ דער חשובער חתימה פון אַ בכבודיקן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט און

די עצות פון אַ פּראָפעסאָר, וואָס האַלטן נאָך אַלץ אַז יידיש באַטייט — עק־זאָטיש און דערפאַר אַ שטאָפּל נידעריקער ווי אַלע אַנדערע ציוויליזירטע לשונות.

קאָנקרעט קומט מיר אויס, אַז מאַני לייבן, למשל, מוז מען זייער גוט און פּאָרזיכטיק איבערזעצן, כדי צו קריגן דעם טעם פון זיינס אַ ליד. דאָס זעלביקע קען מען זאָגן וועגן מאַנגערן. מאַנגערן דאַרף מען נישט נאָר גוט איבערזעצן, נאָר ס׳וואָלט אפשר נייטיק געווען צו געבן די זייער גוט־צוגע־פּאַסטע מעלאָדיעס צו זיינע לידער, וואָס האָבן זיך פאַרקנסט, פאַרשטעלט און באַשיצט די ווערטער. ווען מען שטעלט אָבער אַוועק אַ רויע איבערזעצונג פון זיינס אַ ליד —

קיינער ווייסט נישט, וואָס איך זאָג
קיינער ווייסט נישט וואָס איך וויל —
צוויי שיכורים מיט אַ פלאַש
שלאָפן אויפן דיל.

און מען זעצט עס איבער —

No one knows what it is I say
No one knows what I wish for—
Two drunkards with a flask
Are sleeping on the floor
Two drunkards with a flask
Make, I think, three.
Does it pay to be fourth
In this game—not for me.

אַזאַ איבערגעזעצט ליד מוז אַרויסרופן אַ הילפלאָזן שמייכל ביי אַ פרעמדן לייענער, און ווי גנאָדיק ער זאָל זיך נישט באַציִען צו ייִדן, וועט ער מוזן באַשליסן אַז זייער פּאָעזיע איז קינדיש־אומבאַהאָלפן.

רויע, ווערטערלעכע איבערזעצונגען קען מען מאַכן בלויז פון לידער, וואָס זייער אינהאַלט ראַטעוועט זיי און מ׳קען דערפאַר מקריב זיין די פאָרעם פון ליד. ווען אָבער דער אינהאַלט איז אַ פרימיטיווער און בכלל נישט אַריינ־געפּאַסט אין דעם גאַנצן פּאָעטישן דראַנג פון אונדזער דור, מוז מען ערשט אַזאַ ליד גוט איבערזעצן און מ׳קען עס נישט אַרויסלאָזן אויף דער ליכטיקער שיין אין הוילן העמדל פון אַ ווערטערלעכער איבערזעצונג.

קען מען דערפאַר זאָגן, אַז אַ דריטל פון דער זאַמלונג פאַרמאָגט יאָ לי־דער, וואָס אינהאַלטלעך זענען זיי כמעט איבערצייגנדיק און זיי קענען ביים פרעמדן לייענער אַרויסרופן אַ שטיקל אינטערעס אין דער יידישער פּאָעזיע. אָבער די אַנדערע צוויי דריטל זענען עלול צו שאַפן ביים פרעמדן לייענער אַ

רחמנות־געפיל צו דער יידישער פּאָעזיע, אָבער נישט דעם מוטערלעכן רחמנות. וואָס האָט באַוויזן סערע צווייג צונויפצושטעלן און אַרויסצוגעבן איר זאַמלונג.

דער נאָמען פון בוך — „ציבעלעס, אוגערקעס און פלוימען" איז אַ שורה פון מ. ל. האַלפּערנס אַ ליד, דאָס איינציקע ליד זיינס, וואָס ווערט געגעבן אין דער זאַמלונג. איז עס גראָד איינס פון האַלפּערנס שוואַכסטע און רויסטע לידער —

מען דאַרף אפשר נישט רייסן זיך אַזוי און קלאָגן,
מען קען דאָך רויק שטופן זיך אַרום אַ וואָגן,
מיט ציבעלעס, אוגערקעס און פלוימען.
נאָר אַז ס׳קען די בייטש אַפילו קיינעם נישט פאַריאָגן,
ווייל דער טיראַן פון דעם באַשעפעניש אויף דר׳ערד, דער מאָגן,
וויל אַזוי — באַדאַרף מען שוין אַ רשע זיין, צו זאָגן
אַז ס׳איז נישט שיין צו שטופן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס און פלוימען.

דאָס ליד באַשטייט פון דריי פערזן און עס רירט זיך נישט פון אָרט און ס׳איז האַלפּערנס אַ נישט־געלונגענער וויץ. פאַרוואָס דאָס איז געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער זאַמלונג פון יידישע לידער אויף ענגליש, הייב איך נישט אָן צו וויסן.

די איבערזעצונג פון ליד איז נאָך רויער פון אָריגינאַל און האָט, גלויבט מיר, גיכער אַ שייכות מיט רוסישן באָרשט, ווי מיט פּאָעזיע, זיכער נישט מיט יידישער פּאָעזיע.

וויל איך האָפן, אַז דאָס גוטע דריטל פון בוך, וואָס איז אינהאַלטלעך פעסט און היינטצייטיק, וועט כאָטש אויסקעמפן אַ זכות פאַר דער גאַנצער זאַמלונג. איין זאַך האָט שוין די זאַמלונג פון די 46 יידישע לידער אויפגעטאָן. ס׳האָט נאָך מער באַוויזן די נויטווענדיקייט פאַר אַ גוטער אַנטאָלאָגיע פון געקליבענעם יידישן ליד אויף ענגליש.

.1958

שעקספּירס סאָנעטן

שעקספּירס סאָנעטן, 154 אין צאָל, זענען נאָך אַלץ אומפאַרשטענדלעכע לידער. נישט געקוקט אויף די הונדערטער אויפקלערונגען, וואָס זענען וועגן זיי געשריבן געוואָרן, ווייסט מען נאָך אַלץ נישט אַקוראַט זייער שורש. מען ווייסט אָבער באַשטימט, אַז זיי זענען קינדער פון זייער צייט, הן אין דיכטערס לשון הן אין זיין געמיט. איז דאָס אפשר דער שליסל צו אומפאַרשטענדלעכע לידער, אַז זיי מוזן קודם־כל זיין אויסדרוקן פון זייער צייט. מיט די צוויי קאַרדינאַלע באַדינגונגען — דעם דיכטערס געמיט און לשון פון דער צייט, וואָס מיט זיי זענען די לידער געשריבן געוואָרן.

נאָך עפּעס וועגן דעם ענין אומפאַרשטענדלעכקייט: די אַזוי־גערופענע אומקלאָרע סאָנעטן זענען נישט קיין אומכבוד פאַר דעם דראַמאַטורג, און די דראַמעס זענען נישט קיין ווייטע קרובים פון די סאָנעטן. אין אַנדערע ווערטער, אַפילו ווען ס׳זאָל אמת זיין, אַז אַ סך סאָנעטן שעקספּירס פאַרבלייבן פאַרטונקלט און פאַרשלאָסן, ווייס מען אָבער אַז מ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף דעם שרייבער, אַז ער מעג טראָגן זיין אומפאַרשטענדלעכקייט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, ווייל דאָס פאַרשטענדלעכע פון אים ווייזט אונדז, אַז מען מוז צוגיין אויך צו זיין אומפאַרשטענדלעכקייט מיט אָפּשיי.

מען האָט קודם־כל געזוכט דעם שליסל צו די סאָנעטן אין ריין־ביאָגראַפישן זין. מען האָט געוואָלט וויסן, ווער ס׳איז געווען דער יונגער פריינד, וואָס צו אים האָט שעקספּיר געווענדעט די גרעסטע צאָל פון זיינע סאָנעטן; ווער די פאַלשע פרוי וואָס צו איר האָט ער געשריבן זיינע לעצטע עטלעכע און צוואַנציק פון די סאָנעטן. מען האָט דאָ אויך אַריינגעטייטשט האָמאָסעקסואַליזם, מחמת דעם אויבנאויף־פלאַמיקן טאָן צום יונגן פריינד, וואָס קלינגט אונדז היינט אַביסל אומהיימלעך. ס׳איז אָבער מעגלעכער פון אַלץ אַז שעקספּיר האָט געשריבן סאָנעטן, ווייל אין זיין צייט האָט יעדער פּאָעט געוואָלט ווייזן זיין כוח אין דער פאָרם, און דער גרויסער גאון האָט אַפילו אין דער מאָדע אַריינגעבראַכט זיינע אינאָוואַציעס. וואָלט מען נישט געזוכט קיין טייטש־שליסל צו זיי, וואָס שייך ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, וואָס איז סיי ווי דאָס טונקלסטע אַרום שעקספּירן, וואָלט עס אונדז פונקט אַזוי נישט געשטערט הנאה צו האָבן פון זיינע סאָנעטן, ווי די אַלע טראַגי־קאָמישע סברות און נאַרישקייטן, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אויף זיין געהיים לעבן, שטערן אונדז נישט הנאה צו האָבן פון זיינע דראַמעס און קאָמעדיעס.

דער דיכטערישער מענטש הינטער יעדער שורה איז וויכטיק. דער דיכטער און זיין באַציִונג צו לשון; און צו דעם וואָס מען קען מיט לשון אויס־דריקן, און ווי מען קען אויף לשון אַרויפֿלייגן אַן אייגענעם חותם. ווען מען גייט צו צו שעקספּירס סאָנעטן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער פּיזישער הנאה, וואָס מען האָט פֿון לשון און פֿון שורות נאָך איידער זיי הייבן זיך אָן טייטשן, מוז מען באַוווּנדערן די גרעסטע צאָל פֿון זיי, ווייל מען זעט אַז ס׳רעדט צו אונדז אַ גרויסער מייסטער, וואָס האָט אין פּערצנשוריקע לידער אַריינ־געגאָסן דעם גאַנצן געזאַמלטן קוהלת פֿון זיין לעבן. אַפֿילו ווען ס׳דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער סאָנעט איז נאָך פֿאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, פֿינקלען אָבער שורות מיט זייער חן און טיפֿקייט, דורך דעם געהיים פֿון די לידער.

ב. לאַפּין האָט אונדז איבערגעלאָזט די פֿולע איבערזעצונג פֿון אַלע שעקספּירס סאָנעטן. פֿאַר מיר איז לאַפּינס צוגעצויגנקייט צו שעקספּירן און צו זיינע סאָנעטן צייטנווייז געווען פּונקט אַזאַ רעטעניש, ווי ס׳זענען נאָך אַ סך שורות פֿון שעקספּירס 154 לידער. ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט קומען צו מיר און מיר ווייזן זיינע איבערזעצונגען און מיך צווינגען אויפֿצומישן דעם אָרי־גינאַל, כדי צו פֿאַרגלייכן שורה מיט שורה. דער ענטוזיאַזם לאַפּינס איז געווען אין לשער, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן אי־בערצוגיסן דעם ענגלישן סאָנעט אין אַ יידישער כּלי, און די איבערזעצונג, האָט דערפֿון נישט פֿאַרלוירן קיין טראָפּן. ב. לאַפּינס באַגאַזש פֿון ענגלישן לשון איז געווען אַן אָרעמער, אָבער ער האָט זיך מערקווירדיק געגראָבן און אַ סך מאָל דערגראָבן צו שעקספּירס לשון, ווי ענגליש וואָלט געווען בלויז שעקספּיר־לשון.

לאַפּין האָט זיך מיט מיר אַ סך מאָל געעצהט וועגן באַזונדערע שורות און אויסדרוקן און יעדער מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען אים צו טרעפֿן, אָדער ווען ער האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט צו מיר אויף אַ פּריינטשאַפֿטלעכן באַ־זוך, האָט ער תּמיד געהאַט כּיבוד מיט זיך — עטלעכע סאָנעטן, וואָס ער האָט זיי איינגענומען, ווי זיי וואָלטן געווען דיכטערישע פֿעסטונגען.

פֿאַרוואָס האָט זיך לאַפּין אַזוי „פֿאַרלייגט” אויף שעקספּירס סאָנעטן? דער דיכטער לאַפּין האָט זיך מיט מיר אויך מיישב געווען וועגן איבערדרוקן אַ גוטע פּאַרטיקע אויפֿקלערונג פֿון שעקספּירס סאָנעטן, וואָס זאָל קומען ווי אַ צוגאָב צו זיינס אַ קליינער זאַכלעכער הקדמה וועגן דער פּאַרענדיקטער אַרבעט.

אָבער אים איז נישט באַשערט געווען צו שרייבן זיין הקדמה. אָט דער פֿיינלעך־חשובער חוב איז געפֿאַלן אויף זיין יונגן זון שמואל, וואָס האָט אויס־

געצייכנט מוציא געווען דעם טאַטן און אָנגעשריבן אַ גוטן אַריינפיר צום בוך „שעקספּירס סאָנעטן״, וואָס דער בלאָך־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן — דעם יידישן טעקסט פון צוויי סאָנעטן אויף אַ זייט, אַנטקעגן דעם טעקסט פון צוויי סאָנעטן אין אָריגינאַל. אין זיין קורצן אָבער זאַכלעכן אַריינפיר זאָגט אונדז שמואל לאַפּין, אַז דער טאַטע האָט זיך גענומען צו שעקספּירן קודם־כל, ווייל ער האָט ליב געהאַט איבערזעצן פּאָעזיע. נאָך אין 1919 איז דער־שינען זיין בוך „רוסישע ליריק״ און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער איבערגעזעצט אַ צאָל ענגלישע און אַמעריקאַנישע לידער. אָבער דער עיקר, זאָגט אונדז שמואל, ווייל — „ער האָט געפילט אַז איבערזעצן העלפט אים אין זיינע אייגענע לידער, אַז דאָס העלפט אים צאַמען זיך און צו געפינען נייע אופנים פון אויסדרוק. בכלל האָט דער טאַטע זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט צו צמצום, סיי אין זיין דיכטונג און סיי אין זיין פּערזענלעכן לעבן, האָט ער שטענדיק געזוכט זיך צו צאַמען, זיך צו מאַכן שווערער דעם וועג. ער האָט געהאַלטן, אַז דער דיכטער ווי דער מענטש מוז שטייגן מיטן עול אויף די פּלייצעס, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך אַרויפגעלייגט. בלויז דעמאָלט איז דאָס שטייגן עפּעס ווערט״.

און דאָס איז נישט גלאַט גערעדט, ווייל ווער ס׳האָט געלייענט לאַפּינס לידער, דער עיקר פון די לעצטע יאָרן, האָט קלאָר געזען, אַז ערשטנס האָט לאַפּינען געוואַלטיק געצויגן צום טונקעלן שיין פון אומקלאָרקייט, און צווייטנס זענען לידער ביי אים געווען אַן איינגעשפּאַנטע עבודה, אַן אָפּריכטונג און אַן אויפריכטונג. ביי אים איז די אַרבעט פון פּאָעט געווען נישט אַ באַזונ־דערער חדר אין לעבן, נאָר אַ טייל פון לעבן, נישט אַזוי אַ דערגאַנצונג, ווי אַן איבערזינג פון לעבן פון שטרויכל און דערהויב.

ובכן קלינגט זייער ריכטיק שמואלס אויפקלערונג, אַז ווען דער טאַטע זיינער „האָט זיך אונטערגענומען איבערזעצן שעקספּירס סאָנעטן, האָט ער טאַקע אויף זיך אָנגעלאָדן זייער אַ שווערע משא״. ער האָט געמאַכט שעקס־פּירס סאָנעטן פאַר אַ טייל פון זיין אייגענעם לעבנס־וועג. ער האָט באַשווערט זיינע נעכט, נאָכן אַהיימקומען פון פאַרמאַטערנדיקער אַרבעט, מיט אַן איבער־זעצונג פון שעקספּירס אַ סאָנעט, מיט דעם שווערן אַרויספאָדער, און מיט דעם טריומף פון איינבייסן די ווערטער און זיי געבן דעם אָפּגלאַנץ פון אָרי־גינאַל.

ווי אַזוי האָט לאַפּין געטראָגן זיין „שווערע משא״, ווי אַזוי האָט ער זי אָנגעלאָדן און אָפּגעלאָדן פון זיך? דער אָריגינאַל אַנטקעגן דער איבערזעצונג, וואָס מיר געפינען אין בוך, לויט דעם אויסדריקלעכן ווילן פון דעם פּאָעט־איבערזעצער, ווייזט אונדז, אַז לאַפּינען איז קודם־כל געגאַנגען אין דיכטע־

רישער געטריישאַפט צום אָריגינאַל, צום פּאָעטישן פּירוש המילות און נישט בלויז צום טייטש, צום אומקלאָרן פּירוש, וואָס טונקלט אין אָריגינאַל אַליין.

שעקספּירס וואָרט איז געוואַלטיק פריש און קוואַליק, ביזן היינטיקן טאָג. אַפילו ווען טייל ווערטער זיינע האָבן אַמאָל געהאַט אַן אַנדער מיין, זענען זיי נאָך אַלץ גוטע קרובים פון די מייסטע היינטצייטיקע ווערטער. ס׳איז דער־פאַר נישט נייטיק צו זוכן ביי שעקספּירן דעם סטיל פון זיין צייט און פּרווון עס איבערגעבן אין דער איבערזעצונג. שעקספּיר, אין זיין גרויסער וואָרט־עשירות און וואָרט־גאונות, האָט אונדז געגעבן אַ סינטעז פונעם ענגליש פון זיין דור צוזאַמען מיט דער דיסטילירונג וואָס זאָל זיין גילטיק פאַר אַלע צייטן. ס׳איז דערפאַר נישט נייטיק צו זיין געוואַלטיק צוגעבונדן צו אַ ספּע־ציעלן אַנטיקן יידיש, ווי בעת מען וויל איבערגעבן דעם אַראָמאַט פון אַן אַנדער אַלט ווערק. ווען מען זעצט איבער שעקספּירס סאָנעטן האָט מען ווייניקער סטיליסטישע צרות, ווי ווען מען זעצט איבער זיינע פּאָעטישע דראַ־מעס, כ׳רעד נישט וועגן פאַרנעם אַליין, נאָר ס׳רעדט זיך דאָ וועגן לשון און וועגן ספּעציפישן צייט־טעם פון לשון.

לאַפּין האָט דערפאַר נישט געקענט צופיל זינדיקן קעגן „צייט־גייסט" פון לשון. אויב אים איז נאָר געלונגען איינצונעמען און דיכטעריש צו באַ־נעמען אַ שורה, האָט ער זי געקענט איבערגעבן אויף אַ פרישן, היינטצייטיקן יידיש, און ס׳זאָל נישט זיין קיין סטיליסטישער חטא.

די איבערגעזעצטע חטאים — לאָמיר פריערריידן פון זיי — זענען גיכער אין לאַפּינס אייגענעם, אָפּטמאָל נישט־געזויבערטן יידיש, און אין זיין נישט דערקענען דעם באַזונדערן טעם פון שעקספּירס אַן אויסדרוק. דער ערשטער סאָנעט איז אפשר דער אומגעראָטנסטער אין דער איבערזעצונג. פאַראַן אין אים אינווערזיעס, ווי — „גרויל דו ווייזט", „אייגן אַנדענק זיין", און צופיל האַרטע ווערטער. שעקספּיר אַליין האָט ליב געהאַט האַרט־טריטיקע ווערטער, אָבער אין זיין צייט זענען זיי נאָך נישט געווען אַזוי איינגעהאַר־טעוועט, ווי זיי זענען היינט. מען דאַרף פאַר אַזעלכע ווערטער דערפאַר קריגן אַנדערע טייטשן וואָס זאָלן אונדז נישט געבן דאָס געפיל פון געוואַלטיקער שפּראַך־נאַקעטקייט. ווען לאַפּין זאָגט אונדז —

דיין גוטס אין קאַרגשאַפט, ווילער יונג, צעגייט

איז עס אַ ווייטער עכאָ פון אָריגינאַל, ווייל „טענדער טשורל", מיינט בשום אופן נישט ווילער יונג, ווילער יונג אין יידיש האָט אַזויפיל פאַרשיידענע ניואַנסן, אַז ס׳איז נישט קיין איבערזעצונג פון „טשורל", וואָס האָט גע־מיינט — אי אַ פּויערן־יונג, אַן אומגעהובלטער בחור, ווי ס׳האָט געמיינט אַ

קמצן. ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז אין דעם פאַל האָט שעקספּיר געמיינט דעם „טשוירל״, אין באַגריף פון קאַרגשאַפט, ווייל ער רעדט פּאַראַדאָקסאַל וועגן דעם „איידעלן קמצן״, וואָס בעת ער מיינט אַז ער איז איינגעהאַלטן און שפּאָרזאַם, פאַרשווענדט ער זיך דערמיט, וואָס ער לאָזט נישט איבער קיין יורש.

דערפאַר הייבן זיך אָן זייער שיין די צוויי באַרימטע שורות פון צווייטן סאָנעט —

וועץ פּערציק ווינטערס לעגערן דיין שטערן
און גראָבן גריבער אין דיין שיינקייט־פעלד.

פאַראַן נאָך אַ שוועריקייט ביים איבערזעצן שעקספּירס סאָנעטן. די געהיימקייט פון אַ סך שורות, נישט אומפאַרשטענדלעכקייט נאָר דיכטערישע פאַרטונקלונג דאַרף אין איבערזעצונג אויך רייצן מיט סוד. ווען מען „דעקט״ עס אויף מיט קלאָרקייט באַקומט זיך אַן אומצניעותדיקע נאַקעטקייט פון לשון און טייטש. ס׳איז אָפטמאָל בעסער, אַז אַ שעקספּירישער סאָנעט זאָל בלייבן אין זיין אָריגינעלער, רייצנדיקער אומקלאָרקייט, ווי ער זאָל אַרויסקומען אַ פאַרטייטשטער. ווייל אין פאַרטייטשונג קען שעקספּיר אויך קלינגען באַנאַל, דער עיקר ווען מען פאַרגעסט, אַז שעקספּירס טייטשן האָבן שוין געהאַט גענוג צייט באַנאַליזירט צו ווערן.

לאַפּינען איז אין אַ סך סאָנעטן געלונגען אָפּצוהיטן דעם דיכטערס סוד פון מיין, אין סוד פון איבערגעזעצטן און נישט פון איבערגעטייטשטן וואָרט.

דאָס ווערט נישט געזאָגט, כדי צו געבן דעם איינדרוק, אַז פון לאַפּינס פולער איבערזעצונג פון די 154 סאָנעטן, קען מען נישט קריגן קיין גוטן באַגריף וועגן דער פּאָעטישער אינהאַלטלעכקייט פון די פערצן־שורהדיקע לידער, און אַפילו וועגן זייער קלאַסישן צויבער.

זייער גוט איז די איבערזעצונג פון זיבעטן סאָנעט, אַחוץ איין שורה וואָס צעדרייט שעקספּירס מיין און זיין בילדלעכקייט. שעקספּיר וויל אונדז זאָגן, אַז ווען די זון קלעטערט אַרויף הויך, איז זי שוין געגליכן צו מיטליערקייט, אָבער אַ מיטליעריקייט וואָס פאַרמאָגט נאָך גבורה פון שטאַרקער יוגנטלעכקייט, אָדער פון אַ שטאַרקן יונגנמאַן. ביי לאַפּינען קום עס אַרויס פאַרקערט —

ווי מיטליער קוקט שטאַרקע יוגנט אויס.

זאָל זיך קיינער נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזים, אַז ס׳איז לייכט איבערצוזעצן שעקספּירס סאָנעטן. א. אייסען, וואָס האָט אויך איבערגעזעצט שעקספּירס סאָנעטן, ווייס זיכער ווי שווער ס׳איז, הגם אייסען האָט, ווער־

ליק זיינע איבערזעצונגען, זיך נישט געשטעלט אַזעלכע שווערע פּאָדערונגען ווי לאַפּין, וואָס האָט די סאָנעטן באַגריפן דיכטעריש, און נישט בלויז פּירוש המילותדיק. דערפאַר מעג קלאָר געזאָגט ווערן, אַז לאַפּינס פולע און גאַנצע אַרבעט איז אַ באַרייכערונג פון אונדזער ליטעראַטור און אפשר אַן אויפסגייי־איקער אַרויספאָדער צו אַנדערע קומענדיקע איבערזעצערס. אָבער זיי, די נאָך־בעסערע איבערזעצערס, וועלן לאַפּינס אַרבעט באַטראַכטן פאַר אַ דערגרייי־כונג און פאַר אַ גרויסן קולטור־אויפטו. זיי וועלן אין זיינע טריט און אין זיין פאַרשטענדיקער איבערגעבנקייט צום אָריגינאַל ערשט אָפּשאַצן די שווע־רע אַרבעט. ווייל די איבערזעצונג פון שעקספּירס סאָנעטן איז אַ מאָנומענ־טאַלער צוגאָב צו לאַפּינס אייגענע ווערק, ווי ס׳זאָגט אונדז דער 55סטער סאָנעט:

נישט מאַרמאָר, נישט באַגילדטער מאָנומענט
פון פּרינץ, לעבט לענגער ווי דאָס מעכטיק ליד,
נאָר דו אין אים וועסט שיינען מער צעבלענדט,
ווי שטויבער שטיין, וואָס שטויבע צייט פאַרשיט.

און, ווי געזאָגט, אויב אַפילו די איבערזעצונג פון שעקספּירס סאָנעטן וועט אַמאָל איבערגעשריבן ווערן אין קוואַליטעט, קען מען אויף לאַפּינס אי־בערזעצונג זאָגן ווידער שורות פון שעקספּירס 32סטן סאָנעט —

נאָר זינט זיין טויט אים שטייגן דיכטער איבער —
אין זיי איך זוך דעם כּטיל, אין אים — די ליבע.

.1955

קאַלעוואַלאַ אויף ייִדיש

הערש ראָזענפעלד האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אויף זיין ייִדישער ווערסיע פון דער קאַלעוואַלאַ און פון צייט צו צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ רונע, אָדער אַ געזאַנג. אין מערצאָל הייסן זיי רונעס, אָדער ר ו נ אָ ט, און זאָל מיר דערלויבט זיין אַ פילאָלאָגישע השערה, אַז ס'איז שטאַרק ענלעך צום העברעיִשן רון־נרננה, געזאַנג, און דער לשון רבים האָט גאָר אַ ספּעציפישן העברעיִשן קלאַנג. זאָל זיין אַז אָט די „העברעיִשקייט" פון די רונעס האָט צוגעצויגן שאול טשערניכאָווסקין און שפּעטער אויך דעם ייִדיש־איבערזעצער הערש ראָזענפעלד.

דער פינלענדישער עפּאָס וואָס באַשטייט אין לעצטן צוזאַמענשטעל פון פופציק רונעס, אָדער רונאָט (רונות), פאַרמאָגט גאַנצע 23 טויזנט פערזן. הערש ראָזענפעלד האָט דערווייל פאַרעפנטלעכט די ערשטע אַכצן רונעס אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע, וואָס איז באַצירט געוואָרן פון קינסטלער און אַפילו פון אַ קינסטלער־דרוקער. צוזאַמען איז אַרויסגעקומען אַ צאַצקע, אָדער אפשר איז דאָס נישט דער ריכטיקער אויסדרוק, גיכער — אַ פיינער אַלבום, וואָס האָט באַוויזן צו שאַפן שיינקייט פון ענגשאַפט. דער טעקסט איז געדרוקט צוויי־שפּאַלטיק, אָבער די דאָזיקע שפּאָרעניש איז פאַרקינסטלערט געוואָרן מיט באַצירונגען פון חיים גראָס, לעאָ מיכעלסאָן, י. שלאָס, אַלעקס לאָנדאָן, און אָרנאַמענטן פון אַן אַלטער פינישער אויסגאַבע. אַפילו דער דרוקער ישראל לאָנדאָן, ווערט דערמאָנט פאַר דעם סדר פון זאַץ, פאַר דעם איינבונד, און ער פאַרדינט די אויסצייכענונג, ווייל פאַרן אויג איז די ייִדישע איבערזעצונג פון קאַלעוואַלאַ, מיט די אָנהייב־אותיות פאַר יעדער געזאַנג — אַ גלעטונג און אַ מחיה. דאָס בוך וואָס האַלט איבער 180 זייטן איז אויך פאַרזען מיט גאַנצע צוויי פאָררעדעס, פון מחבר און פון ד"ר יעקב שאַצקי, וואָס ווייזט אָן מיט רעכט, אַז אַ ליטעראַטור ווערט געמאָסטן לויט אירע איבערזעצונגען. די איבערזעצונג פון קאַלעוואַלאַ איז ספּעציעל אַ גוטער סימן, ווייל אונדזער איבערזעצונג־ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט ביי אונדז אַ קורצע גאָלדענע עפּאָכע, איז לעצטנס פאַקטיש איינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דער אַמעריקאַנער ענגלישער לייענער האָט זיך צוגעוווינט צו דעם מאָנאָטאָנעם ריטם פון דער קאַלעוואַלאַ, אַדאַנק זיין באַקאַנטשאַפט מיט לאָנגפעלאָוס הייאַוואַטאַ, וואָס איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פינישע פאָלקס־

געזאַנגען. שוין איבער הונדערט יאָר, ווי די דאָזיקע פּאָעטישע אגדתאס פון פינישן פאָלק זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן. אָט די צוזאַמענשטעלונג פון ד״ר עליִאַס לענראָט ווערט באַטראַכט ווי די פאַרענדיקטע, ביז אים האָט מען פאַרעפנטלעכט געציילטע רונעס, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן דירעקט פון פאָלקס־מויל און פאָלק־געדעכעניש. די קאַלעוואַלאַ איז אין רעזולטאַט אַ ריזיקע פאָלקלאָרישע דערגרייכונג. צענדליקער, אפשר הונדערטער הענט האָבן געאַרבעט דערויף, ביז ד״ר לענראָט האָט געמאַכט אַ מין סיום־הספר פון די פּופּציק געזאַנגען.

ס׳איז מיר נישט באַקאַנט צי ד״ר לענראָט האָט די קאַלעוואַלאַ בלויז צונויפגעשטעלט, אָדער ער האָט זי אַרומגעפּוצט, פאַרליטעראַרישט, נאָך מער — צונויפגעזונגען. אפשר איז ער געווען מער ווי אַ זאַמלער. מעגלעך אַז ער האָט אַריינגעבלאָזן אין די רויע פאָלק־שאַפונגען אַ לעבעדיקן פּאָעטישן אָטעם. האָט ער אפשר בנוגע דער קאַלעוואַלאַ געשפּילט די ראָלע פון אַ פּיצדזשע־ראַלד, לגבי אָמאַר קאַיאַמס פּערסישע געזאַנגען. הגם אין דעם פאַל האָט ד״ר לענראָט געאַרבעט אין אַ לשון וואָס איז אים געווען נאָענט. די פּראָטאָ־קאַ־לעוואַלאַ, אָדער די אור־אויסגאַבע איז באַשטאַנען בלויז פון 16 רונעס און 5052 פערזן, שפּעטער איז געקומען די אַלטע קאַלעוואַלאַ, פון 1836, וואָס האָט שוין געהאַלטן 12078 פערזן און 32 קאַנטאָס (רונעס). די פאַרענדיקטע קאַלעוואַלאַ איז דערשינען אין 1849, אָדער מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, און דאָס דערשיינען פון הערש ראָזענפעלדס איבערזעצונג קען דערפאַר מיט רעכט באַטראַכט ווערן, ווי אַן אַביסל־פאַרשפּעטיקטע יובל־אויסגאַבע צום הונדערטסטן יאָר, זייט דאָס פינישע פאָלק האָט געמאַכט אַ סיום אויף זיין עפּאָס פון דעם ציקל פאָלק־לידער, וואָס זענען געשפונען געוואָרן אין מזרח־קאַרעליאַ.

פינף העלדן פאַרמאָגט די קאַלעוואַלאַ: אַ זינגער, אַ שמיד, אַן אומרוי־קער זוכער פון אַוואַנטורעס, אַ יעגער און אַ שקלאַף. די פּאָעמע ווי אַ גאַנצ־קייט האָט אויך אַ פּרימיטיוו־פּאָליטישן הינטערגרונט, די מלחמות צווישן פינלאַנד און לאַפּלאַנד. די געזאַנגען פאַרנעמען זיך אויך מיט אַן אייגענער מעשה־בראשית, אָדער קאָסמאָגאָניע, און מיט דער אַנטשטייונג פון געטער און געטינס. דער העלד ליגט גאַנצע ניין הונדערט יאָר אין דער מאַמעס־בויך, ביז ער דערזעט די ליכטיקע שיין.

הערש ראָזענפעלד, וואָס האָט די געזאַנגען איבערגעזעצט פון רוסיש און דייטש און עס אַפילו פאַרגליכן מיטן אָריגינאַל, ווי עס זאָגט עדות ד״ר שאַצ־קי אין זיין הקדמה, גיט אונדז אַ זייער באַלערנדיקן אַריינפיר. ראָזענפעלד ווייזט אָן אַז די פינישע עפּישע לידער געהערן צו דער געצנדינערישער פאַר־

קריסטלעכער צייט און אַז זיי באַזינגען דעם געראַנגל, פון מענטש מיט דער נאַטור. געזאַנג פאַר זיך אַליין איז ביי די אַלטע פינען דער שפרוך, וואָס מיט אים קען מען אויפטאָן וווּנדער, מען קען באַזיגן און פאַרטומלען דעם שונא, מען קען אויפרודערן די וועלט —

זינגט דער אַלטער וואַנאַמאַינען
און די לידער זיינע קלינגען,
אַז דער ים ווערט אויפגעשוואָלן,
און די ערד הייבט אָן זיך שאָקלען,
און די קופּער־בערג זיך טרייסלען,
און עס פּלאַצן האַרטע פעלדזן,
שטיינער פליען זיך פאַנאַנדער.

פאַראַן אין דער פּאָעמע אַ סך תפילות, מאַגיק און אָפּשפּרעכעכצער. די גאַנצע אַקציע קומט פאַר אַרום אַ טאַמפּאַ, אַ כישוף־קעסטעלע, וואָס מען קען דערמיט אויסרייסן בערג און איבערקערן וועלטן. די אוואַנטורעס אַרום דער זוכעניש פון דער סאַמפּאַ און דאָס שדכנען זיך צו דער יונגער שיינהייט פון לאַפּלאַנד, אין צפון, זענען דער סיפּור־המעשה פון דעם ציקל לידער.

דער דאָזיקער געצנדינערישער פאָלקלאָר אָטעמט מיט אַ פּרימיטיוון כוח, וואָס פירט אונדז אַריין אין אַ נייעם פּאָעטישן קלימאַט. פאַראַן וווּנדערלעכע שטעלן אין דער קאַלעוואַלאַ. אמת, די לידער קען מען נישט לייענען אין איין אָטעם. דער ריטם עסט זיך צו און די איינטאָניקייט איז אַן איינשלעפערנדי־קע. אָבער אויב מען זופט עס ביסלעכווייז, קען מען דערפון שטאַרק הנאה האָבן און מען ווערט באַלוינט מיט פיינע שטעלן.

דער איבערזעצער האָט אָפּגעהיט דעם אייגנאַרטיקן ריטם פון די אַכט־זילביקע, נישט־געגראַמטע שורות, וואָס ווערט אַ ביסל איבערגעפירט דורך דער מאָדערנער אויסלייגעכץ אונדזערער, ווען אַן אַרויסגעפאַלענער „ע" מיינט אָפּט אַן אויסגעפאַלענע זילבע. אָבער בדרך־כלל קלינגט די איבערזעצונג ווי אַן אָריגינאַל. דער יידיש איז דער אָפּגעהיטער יידיש פון דורות און דער גע־צערטלטער פון אונדזער דור.

אין דער דריטער רונע איז אַפילו פאַראַן אַ געזאַנג וועגן קנאת־סופרים, די קנאה פון אַ יונגן זינגער צו אַן אַלטן משורר און חכם. —

זינגט דער יונגער יאָוקאַהייגען:
גוט אַוודאי ווייסט מיין טאַטע,
און נאָך בעסער ווייסט מיין מאַמע,
אָבער איך ווייס מער פוןביידן.
צום געוועט וועל איך אים רופן,
און אַנטקעגן אים זיך שטעלן,

מיט מיין ליד אים שטאַרק פאַרשעמען,
מיט געזאַנג אים כישוף אָפּטאָן,
זינגען ביז דער בעסטער זינגער
וועט דער קלענסטער, ערגסטער ווערן,
כ׳וועל אים שטיינער־שטיוול אָנטאָן,
און זיין לייב מיט האָלץ באַדעקן,
בערג אים לייגן אויף די אַקסלען,
אויפן האַרצן — שווערע פעלדזן,
אָנטאָן הענטשקעס אים פון שטיינער.
אויפן קאָפּ — פון שטיין אַ היטל.
און ער גייט אַרום פאַרעקשנט
און ער נעמט פון שטאָל דעם אָגער,
זעצט פון מויל אים אַזש אַ פייער,
פונקען פליִען פון די קלויען...

וואַינאַמאָינען, דער אַלטער זינגער, פאָדערט דרך־ארץ ביים יונגן שנעק. ער פאַרלאַנגט אַז דער יונגער צוציק זאָל אים אָפּטרעטן דעם וועג, אָבער דער יונגער חצוף, יאָוקאַהיינען ענטפערט:

וואָס מיר יִנגער, ווער מיר עלטער!
ווּעמען גייען אָן די יאָרן!
ווער עס שטייט אין וויסן העכער,
ווער עס האָט אין זיך מער חכמה —
דער וועט איצט דעם וועג פאַרנעמען.

דער יונגער חוצפהניק פּאָעט נעמט פּלאַפּלען פּלאַכע, „ווייבערישע״ חכמות און קינדערשע לידער, דעם אַלטן שטייט אַפילו נישט אָן זיך צו פאַר־מעסטן מיט דעם אויפגעקומענעם זינגער און עזות־פּנים. צום סוף נעמט ער אים באַשטראָפן מיט שיינע העלדן־לידער און וואָס מער ער זינגט, אַלץ מער זינקט דער יונגער עזותניק טיפער און טיפער אין זאַמד, „ביזן גאַרטל, ביז די אַקסלען״. דער יונגער זינגער לייזט זיך אויס פון זיין צרה ערשט ווען ער זאָגט־צו דעם אַלטן אויסגעפרווטן זינגער זיין יונגע שוועסטער פאַר אַ ווייב. ווען די שוועסטער געפינט אויס אַז זי איז פאַרקנסט, באַוויינט זי אירע יונגע יאָרן, כמעט ווי אין אַ ייִדיש פאָלקס־ליד:

מאַמע טייערע און ליבע.
אָי, האָב איך אַצינדערט זאָרגן!
מיינע צעפּ באַוויין איך איצטער,
פון מיין יונגן קאָפּ די קרויזן.
מיינע האָר, די גלאַנציק־ווייכע;
וועל איך מוזן איצט פאַרדעקן;
אין די יונגע יאָרן פאַרדעקן;

אין די לידער איז פֿאַראַן הומאָר און דער עיקר פּרימיטיווע קראַפֿט. אָבער ווער ס׳וועט אין זיי זוכן גייסטיקע דערהייבונג, ווי אין אונדזערע אייגענע אגדתאס, וועט ווערן ביטער אַנטוישט. די ייִדישע איבערזעצונגען פֿון דער קאַלעוואַלאַ זענען דער רעזולטאַט פֿון הערש ראָזענפֿעלדס לאַנגיאָריקער עקשנות און פֿאַרליבטקייט אין דעם קאַלטן פֿייער פֿון פֿינישן ריטם. ביי אונדזערע איצטיקע ליטעראַרישע אומשטענדן איז עס אַ לוקסוס, וואָס רופֿט אַרויס אַ סך געמישטע רעיונות, טרויעריקע און פֿריילעכע. ד״ר יעקב שאַצקי איז אונדז מבטיח, אַז אויב די דאָזיקע איבערזעצונג „וועט נושא־חן זיין ביים ייִדישן לייענער“, וועט הערש ראָזענפֿעלד „אונדז מזכה זיין מיט אַ פֿולער איבערזעצונג פֿון אַלע ביז־איצט־געפֿונענע רונעס“.

די איבערזעצונג האָט ביי דעם לייענער וואָס שרייבט די שורות שטאַרק נושא־חן געווען. כ׳האָף אָבער אַז פֿינלאַנד וועט אויף מיר קיין פֿאַראיבל נישט האָבן, ווען איך וועל דערקלערן, אין מיין אייגענעם נאָמען, נישט חלילה אין נאָמען פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור, אַז איך וועל זיך פֿולשטענדיק צופֿרידנשטעלן מיט די אַכצן רונעס, ווייל כ׳גלייב אַז דערמיט האָט די ייִדישע ליטעראַטור ליקווידירט איר חוב צו דער קאַלעוואַלאַ. כ׳געדענק נישט אַקוראַט מיט וויפֿל רונעס טשערניכאָווסקי האָט מזכה געווען די העברעיִשע ליטעראַטור. אָבער פֿאַר דער ייִדישער זענען אַכצן קאַלעוואַלאַ־געזאַנגען — די והותר.

1954.

יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ נס

די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אַ נס, אָבער פונקט ווי אַ נס האָט אויך אונדזער ליטעראַטור גאָרנישט צו טאָן מיט נאַטור־געזעצן. נסים האָבן אַ טבע אַז זיי דונערן און בליצן זיך אויס. די ייִדן זענען אַרויס פון מצרים נישט אויף קיין נאַטירלעכן, באַפרייערישן אופן, נאָר דורך אַ ריי נסים און דערפאַר האָט דער גאַנצער דור המדבר געמוזט אויסשטאַרבן. ער איז געווען געקנאָטן פון נסים־מאַטעריאַל און ער האָט נישט אַנטוויקלט די נאַטירלעכע פעיִקייטן צו בענקען נאָך אַ נאַטירלעך לעבן. ער האָט געוואָגלט אין אַ מדבר פון געדאַנקען און אָט האָט ער זיך דערהויבן צום באַרג סיני און אָט איז ער געפאַלן צו זנות און געצנדינערײ. ער איז געווען אַ דור פון נסים און אַפילו זיינע יסורים זענען געווען זיגזאַגישע און נישט די נאַטירלעכע יסורים וואָס לייטערן.

ווען מען זאָל מעסטן אונדזער ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע מיט נאַטירלעכע עוואָלוציאָנערע געזעצן, וואָלט מען געבליבן גאַנץ שטאַרק געפּלעפט, אָבער געפּלעפטערהייט וואָלט מען פון דעסטוועגן אַריינפאַלן אין אַ צושטאַנד פון פאַרוווּנדערונג. עטלעכע מאָל זענען ייִדן צוגעשוווּמען צום אַמעריקאַנער ברעג, אָבער די אַלע אימיגראַציעס וואָס זענען געקומען אַהער, זענען געקומען מיט פאַרשיידענע נעמערישע און באַזונדערע געבערישע פעיִקייטן. ווי פרעמד דאָס נייע לאַנד איז נישט געווען, ווי שווער די נייע באַדינגונגען, און ווי הויך די אַריינגעקומענע האָבן נישט געשאָלטן קאָלאָמבוסן, האָבן זיי אַלע גלייך אָפּגעשאַצט די גרויסע מאָס פרייהייט וואָס דאָ האָט געהערשט. די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן האָבן געזען, אַז זייערע אוטאָפּיעס זענען דאָ מקוים געוואָרן, און זיי האָבן געריסן די קעפּ צו די מקוים געוואָרענע אידעאַלן ווי צו די וואָלקן־קראַצערס. און ווי אַבסטראַקט די דאָזיקע אידעאַלן זענען נישט געווען, און ווי ווייט דער אימיגראַנט איז נישט געשטאַנען פון די בירגערלעכע פרייהייטן, וואָס אין זיי האָט ער זיך ס׳רוב אַפילו נישט באַטייליקט, האָט ער געפילט אַז די אַמעריקאַנער פרייהייט איז אַ יש. די בענקשאַפט צו דער אַמעריקאַנער פרייהייט וואָס דער אימיגראַנט האָט אויסגעכאָוועט, נאָך איידער ער האָט דערזען די סטאַטוע פון פרייהייט, האָט געהאָלפן שאַפן אַן אַמעריקע וואָס איז אָפטמאָל געווען נישט אַן ערך גרעסער אין חלום, ווי אין דערווירקלעכקייט. דער אימיגראַנט וואָס איז געקומען

אַהער איז געקומען מיט זיין אידעאַל־אַמעריקע וואָס ער האָט געבראַכט פון יענער זייט. אַמעריקע איז געוואַקסן אויף דער אָרעמער ערד אין פוילן און אין ליטע און דער באַזונדער אידעאַליסטישער מענטש האָט עס באַוואָסערט, טייער געהאַלטן און מיטגעבראַכט אַהער.

אַמעריקע האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם אימיגראַנטישן חלום וואָס האָט איר געגעבן פליגל. דאָס וואָס מיר רופן אַמעריקע, איז נישט נאָר אַ שמעלץ־טאָפּ נאָר אַ קאָמפּאָזיטער חלום פון פרייהייט, וואָס אַ סך פרייהייט־הונגעריקע מענטשן האָבן מיט גרויס בענקשאַפט פאַרשלעפּט אַהער. שווער איז דאָס לעבן דאָ געווען — דער אַרבעטער האָט געדאַרפט זיין גאָר אַ גרויסער פּאָעט און גאָר אַ גרויסער בעל־חלומות אַז ער זאָל קענען דורך זיינע פינצטערע סוועטשאָפּ שעהן דערפילן דעם עונג פרייהייט אין אַמעריקע. מיט דעם קעפּל פון ניי־מאַשין אויף די אַקסלען, אויפן וועג צו דער אַרבעט האָט מען באַדאַרפט זיין אַ גאָר גרויסער פרייהייט־מענטש צו דערפילן די לופט פון פרייהייט אין אַמעריקע. די היימישע, שטעטלשע אידיליע פון רו, וואָס איז דאָ ממש משוגע געוואָרן אין דעם הוזשען און אין דעם רוישן פון די מאַשינען, האָט דעם חלום פון פרייהייט נישט פאַרטויבט. ערשט שפּעטער, אַז מען האָט זיך גוט אַקלימאַטיזירט, האָט מען אָנגעהויבן דערפילן, אַז אַמעריקע איז נישט אַ פאַרגליווערטע און פאַרטיקע אַמעריקע, נאָר אַז זי איז בייגזאַם און נאָכגעביק און מ׳דאַרף זי ערשט קנעטן מיט די אימיגראַנטישע הענט און מאַכן פון איר די אַמעריקע, וואָס אַ פאַרחושכטע און גערודפטע איירָאָפּע האָט אין איר אַריינגעחלומט.

אָבער אַחוץ דעם חלום פון פרייהייט האָט דער יידישער אימיגראַנט נישט מיטגעבראַכט קיין אייגענע פעק, וואָס מיט זיי זאָל ער זיך קענען איבערנעמען. ער האָט, פאַרקערט, געוואָרפן אין ים אַלע זיינע יידישע פעקלעך, און אין חלום פון פרייהייט האָט ער זיך געוואָלט באַפרייען פון זיך אַליין און פון אַלע זיינע עולן. דער ייִד איז נישט געווען קיין פּילגרים, וואָס איז געקומען אַהער זוכן רעליגיע־פרייהייט. די יידישע אמונה איז אויף יענער זייט דווקא נישט שטאַרק גערודפט געוואָרן. דער ייד איז נישט געקומען אַהער מיט אַ פלאַמיקן און הייליקן פאַרלאַנג צו דינען זיין גאָט. אויב ער האָט אויך מיטגענומען גאָט פון יענער זייט, איז דער גאָט פון זיינע אבות געלעגן געדולדיק אין תפילין־זעקל און זיך אונטערגעגעבן דעם האַרי־אָפּ פון היגן לעבן. די יידישע אמונה איז דאָ נישט פאַרטיפט געוואָרן און די יידישע אָרטאָדאָקסיע האָט דאָ נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע אָריגינעלע דענקער, זיי האָבן מיד געשטופּט דעם וואָגן פון דער אַלטער היים און נישט געפרעגט קיין צופיל קשיות, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר גרונטאָוונע תירוצים.

דווקא לעצטנס האָבן אַזוי גערופענע קאָנסערוואַטיווע רבנים, רעפאָרמירער, רעליגיע־רעוויזיאָניסטן און רעקאָנסטרוקציאָניסטן זיך גענומען אָפּגעבן מיט יידיש־רעליגיעזע פּראָבלעמען, און זיי האָבן אָנגעהויבן דעפינירן דעם גאַנצן ענין יידישקייט, פון אַן עטיש־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, זוכנדיק צו סינטע־טיזירן דאָס פאַרבליבענע בראָכוואַרג.

וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע? גאָר אַ סך. אין דעם גאַנצן געטומל פון אַלע אימיגראַציעס פון די אַכ־ציקער יאָרן, פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פון דער רוסיש־רעוואָ־לוציאָנערער אַנטוישונג נאָך 1905, האָט זיך קיינמאָל נישט געמערקט קיין טיפער באַוווסטזיין פאַר דעם יידישן לשון. די אַלע פרייהייטן האָבן נישט איינגעשלאָסן די פרייהייט צו וועלן פאַרזעצן דאָס יידישע לשון. ביז ד״ר זשיטלאָווסקין איז קיינער אַהער נישט געקומען מיט דעם געפיל, אַז מ׳וויל דאָ אין אַמעריקע פאַרזעצן די גרויסע טראַדיציע פון דער יידישער ליטעראַ־טור, וואָס האָט אָנגעהויבן איר גלאָרייכן באַרג־אַרויף מיט אייזיק מאיר דיקן, מענדעלען, פרוגן, שלום־עליכמען, פרצן — אויף יענער זייט ים. ווען מען וואָלט דעמאָלט געוווען אָפּגעשטעלט גלאַט אַ יידן און אים געפרעגט, אויב ער איז געקומען אַהער ריידן יידיש, אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן, צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינד, וואָלט ער דעם אָפּשטעלער אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. ער האָט נישט געהאַט קיין באַוווסטזיין פאַר דער יידישער שפּראַך, ער האָט אַפילו נישט מיטגעבראַכט קיין באַוואָרענישן אַז זיין יידיש זאָל זיך האַלטן. ער האָט גלייך גענומען פּעלשן אין מאַמע־לשון מיט אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט, אַז ס׳איז באמת געווען אַ רחמנות אויף דער מאַמען אין דער היים. אין צוויי דריי יאָר האָט ער זיך שוין געמוזט ברעכן די צונג און ברעכן די פעדער צו שרייבן אַ טעיבל־טשער בריוול צו איר אַהיים קיין יוראָפּ. ס׳האָט גלייך גע־פעלט דער וויכטיקסטער באָדן פאַר דער ליטעראַטור. קיינער האָט נישט גע־טראַכט וועגן לשון. ס׳לשון איז נישט געקומען מאַנען קיין אייביקייט, פאַר־קערט, מ׳האָט אים גלייך געגעבן קבורת חמור. און מ׳האָט עס באַהאַנדלט אַזוי גראָב, אַז קיין שפּראַך־אַסימילאַציע האָט נאָך קיינמאָל נישט באַהאַנדלט אַזוי איר לשון. אַוודאי האָבן דאָ אַהער איינגעוואַנדערט אַ סך מענטשן פון פרעמדע פעלקער, וואָס זענען לכתחילה אַהער געקומען זיך אָפּצופרעמדן פון זייערע היימען און פון זייערע לשונות. די אַלע אימיגראַנטן האָבן אָבער גע־האַט אַ גרויס הינטערלאַנד, און זיי האָבן געוווסט, אַז זייערע אייגענע גרויסע קולטורן וועלן זייער שטעטל קענען גאַנץ גוט באַשטיין. פראַנקרייך וועט בלייבן פראַנקרייך, דייטשלאַנד וועט בלייבן דייטשלאַנד, ענגלאַנד וועט בלייבן ענגלאַנד און איטאַליע וועט בלייבן איטאַליע. זיי זענען געקומען אַהער־

אָן התחייבותן פון פאַרזעצלעכקייט, זיי האָבן געוווּסט אַז מיט דער אָפּפרעמ־דונג ענדיקט זיך נישט זייער נאַציאָנאַל לעבן. זיי האָבן דערפאַר דורכגעמאַכט אַ לייכטערע און מער פאַרדיילעכע אַסימילאַציע, ווייל זיי האָבן פּאַקטיש גלייך איבערגעריסן מיט זייערע לשונות און מיט זייערע קולטורן. אמת, דאָ האָט זיך געהאַלטן אַן איטאַליענישע פּרעסע, אַ דייטשע פּרעסע און אפילו אַן אונגאַרישע פּרעסע, אָבער מער ווי אַ פּרעסע איז עס נישט געווען. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע ליטעראַטור און זיי האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין אייגענע גרויסע שרייבער. די דייטשע שפּראַך האָט דאָ אַביסל משפּיע געווען אויף עטלעכע בורלעסקישע פּערזן־מאַכערס און זיי האָבן געשאַפן שפּאַ־סיקע ענגלישע לידער, מיט דייטשע ווערטער. איטאַליענישע ספּאַגעטי־ווער־טער האָבן זיך אַריינגעגנבעט מיט חוזק אין דער אַמעריקאַנער שפּראַך, אָבער זיי האָבן דאָ נישט איינגעשטעלט קיין אייגענע גרויסע באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן בלויז געגעבן איבעריקע אַרבעט צו מענקענען, וואָס האָט געפּאַרשט פּרעמדע טענדענצן אין דעם גרויסן אַמעריקאַנער לשון.

אונדזער אימיגראַנטישע פּרעסע האָט אָבער יאָ גענומען איינשטעלן אַן אייגענע מלוכה, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער־שאַפט, עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, אַ גרויסע יידישע פּרעסע — פּאַקטיש אַ גאַנצע יידישע טעריטאָריע. לאָמיר זיך ניט שעמען פאַר דעם און זאָגן אַז דער יידישער אַסימילאַציע איז ניט אָנגע־קומען אַזוי לייכט ווי די קינדער פון אַנדערע פעלקער. מ׳האָט געפּילט, אַז טראָץ די אַלע פּעקלעך וואָס מ׳האָט געוואָרפן אין ים אַריין קומענדיק אַהער, האָט מען דאָך מיטגעבראַכט אַ שטיקל אחריות זיך צו האַלטן אין אַ צוזאַמענ־בונד. די מיסטיק און די נסימדיקייט פון יידישער עקזיסטענץ איז נישט צו פאַרשטיין. פּאַראַלעל מיט דעם גאַנצן אויפגעבן איז אויך געגאַנגען דער כוח פון אָנהאַלטעוודיקייט און אויך צוזאַמענהאַלטעוודיקייט. אָבער מערקווערדיק, די זעלביקע אימיגראַנטישע פּרעסע האָט גלייך ביי איר סאַמע אָנהייב אָנ־געקינדיקט דעם סוף פון יידיש אין אַמעריקע. און צוזאַמען מיט דעם געפּיל אַז מען מענטשלט אויס דעם יידישן אימיגראַנט און מען גרייט אים צו פאַר זיין ביי לעבן אין נייעם לאַנד, איז אויך געקומען די נבואה, אַז אויך שפּראַכ־לעך וועט זיך ד י ז ע ר אימיגראַנט אויסמענטשלען, ווייל יידיש איז אַ צייטווייליקע זאַך און בלויז אַ צווישן־בריק צווישן דעם אַלטן דור און דעם נייעם, וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן, אָדער דאָ געבוירן געוואָרן.

און אין מדבר פון דער דאָזיקער שפּראַכלעכער צייטווייליקייט האָבן גע־בלאָנדזשעט גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן און האָבן געשאַפן זייער ווערק אויף היינט־יידיש, איצט־יידיש. דאָס איז דער גרעסטער נס פון דער

היגער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס כאָטש זי האָט געשריבן אין דער שפּראַך פון פאַרגענגלעכקייט, האָט זי אָבער געשאַפן גרויסע ווערטן. וויפל אייגענע אילוזאָרישקייט האָט אַזאַ ליטעראַטור געדאַרפט באַשאַפן, כדי אויף דעם לשון פון צייטווייליקייט צו שאַפן אַ ווונדערלעכן שפּראַך־אינסטרומענט? אַפילו זיי, די ייִדישע קינסטלער, זענען מסתמא זיכער געווען, אַז זיי פאַרשרייבן זייערע נעמען אויף זאַמד, בעת אַ געהיימער כוח האָט זיי געטריבן צו שרייבן.

און נאָך עפּעס — טאָמער איז ווייניק געווען וואָס דער היגער ייִד האָט דעם ייִדישן שרייבער נישט געגעבן קיין שום באָדן פאַר זיין שפּראַך; און אַפילו נישט די טרייסט פון דויערהאַפטיקייט, האָט ער ביי אים בפירוש צו־גענומען די קינדער. די קינדער האָט ער צוגענומען מיט אַזאַ גרינטלעכקייט, מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז דער ייִדישער שרייבער האָט זיך אַפילו נישט דערוועגט צו האָפן אַז ער רעדט אויך צום יונגן דור. ס׳האָט זיך אים נישט געחלומט אַז דער יונגער דור וועט ווען עס איז טועם זיין זיינע רייד. אַזוי, אַז נישט נאָר איז צייטווייליק געווען דאָס וואָרט אויף די ליפּן, נאָר דעם שרייבערס וואָרט איז בכלל געווען געבויט אויף האָפענונגסלאָזי־קייט. דאָ איז געשאַפן געוואָרן דער אויסדרוק פון אויסלעבן זיך, וואָס האָט באַטייט, היות שרייבער און לייענער קומען פון דער זעלבער סביבה און אַזוי ווי ס׳שלעפּן זיך נאָך זיי נאָך צוויטן פון אַ פרעמד לעבן, פון וואָס מען קען דערווייל נישט פּטור ווערן, וועלן שרייבער און לייענער געהערן צו איין קאַטעגאָריע פון פאַרגענגלעכקייט און זיך דערווייל אויסלעבן צוזאַמען אין ייִדישער ליטעראַטור. איבערגעזעצט אויף פּראָסט ייִדיש האָט דאָס געמיינט, אַז שרייבער און לייענער וועלן נישט אויסלעבן נאָר אויסשטאַרבן צוזאַמען און דערנאָך וועט זיך אָנהייבן דער גליקלעכער און זאָרגלאָזער מילעניום פון ענגליש פאַר דעם נייעם ייִדישן דור.

ס׳איז דאָס גרעסטע ווונדער וואָס ביי אַזעלכע באַדנלאָזע באַדינגונגען האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַ גרויסאַרטיקע ליטעראַטור מיט אַזעלכע ריי־זיקע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן. גוואַלד, פון וואַנען האָט זיך גענומען דער כוח צו שפּינען דאָס ייִדישע קינסטלערישע וואָרט אויף אַזאַ אדמת נכר? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער כוח צו שרייבן ייִדיש, ווי דאָס וואָלט געווען די שפּראַך פון דער אייביקייט? ווי קומט עס וואָס די ייִדישע שריפטשטעלער האָבן נישט אַנטוויקלט קיין שפלות־קאָמפּלעקסן, וואָס זאָל זיי אַראָנטערדריקן צו דער נידעריקער מדרגה? פאַרקערט, ס׳איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור רייף געוואָרן דער געדאַנק אַז דאָס ייִדישע וואָרט האָט נאָך אַ מיסיע, דער ייִדישער שרייבער איז אַוועק צום צווייטן עקסטרעם, און דער וואָס האָט געהאַלטן ווירדיק און טייער זיין וואָרט, האָט בשום אופן נישט געוואָלט נאָכ־

געבן דעם לייענערישן אַפּעטיט צו געבן גלאַט־ליטעראַטור, וואָס איז בלויז אַ מיטל צו שלאָפלאָזיקייט. די היגע יידישע שריפטשטעלער האָבן אַרויפגעטריבן דאָס יידישע וואָרט צו די העכסטע הויכן, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט שיצן קעגן פאַרפלאַכונג, און ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַנטלויפן פון דעם כסדרדיקן לוויהדיקן עכאָ פון אונטערגאַנג.

דאָס איז געווען דער נס פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. צענדליקער טויזנטער לייענער האָבן לכתחילה געלייענט אַ שפּראַך מיט דעם געדאַנק, אַז זיי דאַרפן זיך פון איר אויסגרינען. אָפטמאָל איז עס געווען אַ פראַגע פון אַ גאַנצער געגנט ווו עס איז אויסגעקומען צו וווינען, אָדער פון אַ נייער בעסערער געגנט, ווו דער סימן מובהק פון דערהייבונג איז געווען די בהדרגהדיקע אָפּפרעמדונג פון יידיש. דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער פּראָצעס פון אינטער־אימיגראַציע, וואָלט איך עס גערופן, אַן אימיגראַציע צווישן זיך אַליין, ווו געוויסע געגנטן האָבן גלייך אויפגעהאַנגען די פאָן פון יידיש־ריין. דער יידישער שרייבער האָט צוגעקוקט מיט גרויס דערשטוינונג ווי זיין לייענער אַנטלויפט פון אים, מופּט פון אים אַוועק, צו נוצן אַ באַקאַנט וואָרט, און ווו דאָס יידישע וואָרט בלייבט הינטערשטעליק און קען אים נישט אָניאָגן. אין דער נייער געגנט האָבן טאַטע און קינד געמאַכט דעם פולשטענדיקן ויברח פון יידיש. אין די עלטערע געגנטן, וואָס האָט נאָך געקאָכט מיט יידיש לעבן, האָט דער טאַטע גנעדיק געשענקט יידיש זיינע אייגענע עטלעכע יאָר אויף אויסצולעבן, אָבער זיין קינד האָט ער באַשיצט קעגן זיך אַליין און קעגן זיין וואָרט אין מויל.

ס׳וועט אַמאָל פאַרשריבן ווערן, אַז ווען יידיש האָט דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונג, האָבן צענדליקער טויזנטער יידן זיך געגומען אָפּטרייסלען דערפון. דאָס איז געווען נאַציאָנאַלע בגידה. קיין פאָלק האָט אַזוי נישט פאַרטאַכלעוועט זיינע נאַציאָנאַלע אוצרות ווי יידן האָבן עס געטאָן דורך אָפּזאָגן זיך פון יידיש. יידיש האָט אַ צייט לאַנג אין יידישן לעבן פאַרנומען דאָס פלאַץ פון אַ גייסטיקער טעריטאָריע, איבערהויפּט פאַר די אַזוי גערופענע וועלטלעכע יידן. אַזאַ כוח האָט יידיש געהאַט ווען מען איז אַוועק דערפון, איז מען אַוועק פון מער ווי פון אַ שפּראַך, מ׳איז אַוועק פון אַ גרויסער גייסטיקער צוזאַמענהאַלטונג. כ׳האָב ביי אַן אַנדער געלעגנהייט ערגעץ דערקלערט, אַז יידיש איז די גרעסטע נקמה אין דייטש. דאָס זאָג איך אָן הלצה און אָן דעם בייגעשמאַק פון זיך־באַליידיקונג. דייטש איז פאַרזומפּיקט געוואָרן און אַחוץ נייע טעכנישע טערמינען האָט די שפּראַך זיך נישט דערוואָרבן קיין נייע דערפינדערישע אויסדרוקן. אָבער דאָס ביסעלע דייטש וואָס מיר יידן האָבן געגומען אין יידישן מויל אַריין איז זיך צעוואָקסן אין אַ לעבעדיק

לשון וואָס בליט נאָךביים היינטיקן טאָג, אין סאַמע האַרץ פון אונטערגאַנג. יעדער איינער וואָס האָט אויגן און אויערן קען זען און הערן אין יידיש די גאַנצע גאונות און פּיקחות פון יידישן פאָלק. אונדזער פאָלק האָט געשאַפן העברעיש פון ווילדע סעמיטישע קלאַנגען און פון ערשטע רודימענטאַרע אָנ־דייטונגען אויף אָרדענונג און גראַמאַטיק. אַז מען לייענט אַ קאַפּיטל ישעיה אָדער איוב און מען לייענט עס בלויז אין דער דימענסיע פון שפּראַך, זעט מען שוין אין דעם אַליין די גאַנצע יידישע חכמה, ווי זי האָט זיך אויסגע־דריקט אין וואָרט און אין שפּראַך־שאַפונג. מ׳הערט די מוזיק פון יידישן טראַכטן און פון יידישן זיך מיישב זיין.

די זעלביקע גאונות זעט מען אויך אין יידיש. פון דעם מאָמענט ווען יידן האָבן געזוכט אַ תיקון פאַר דייטש און זיי האָבן גענומען באַפּעפערן יידיש מיט העברעיש און סלאַוויש, האָט מען געזען באַשיינפּערלעך, ווי די יידישע געניאַליטעט האָט אָנגעהויבן בויען אַ שכלדיקע שפּראַך, מיט די טיפזיניקסטע מעטאָדן, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז אָנגעווענדט. ס׳איז זיך נישט ביי־טיק איינצוריידן אַז יידיש איז מי יודע ווי אַלט. יידישע טעקסטן מיט 250 יאָר צוריק זענען אייגנטלעך נאָך דייטש. אָבער שוין דאָרט זעט מען די ער־שטע קלוגע טריט פון דעם נייעם לשון. יידיש אַנטלויפט פון איר טעמפּן שורש און דאָס יידישע פאָלקס־לשון שפּילט אויף פאַר אונדזערע אויגן פילאָ־לאָגישע מעשה בראשית.

דאָס וואָס אַ פאָלק האָט אויפגעטאָן אין טויזנט יאָר, האָבן יידן באַוויזן אויפצוטאָן מיט זייער שפּראַך־שאַפונג אין משך פון 150 יאָר. דאָס איז מאָ־דערנער שפּראַך־ווונדער און אַוועקצוואַרפן אַזאַ לשון איז נאַציאָנאַלע שטות און נאַציאָנאַלע פאַרשווענדעריי.

דאָס גרעסטע ווונדער איז וואָס דער גאָלדענער פאָדעם פון יידישער שפּראַך־שאַפונג איז דאָ אין אַמעריקע נישט איבערגעריסן געוואָרן. פון איין זייט האָט מען געהאַלטן אין איין שרעקן די שאַפערס פון יידיש אַז זייער לשון גייט אונטער, און פון דער אַנדער זייט האָט מען געזען, אַז מ׳האָט דאָ ממש געשמידט דאָס יידישע וואָרט ווי מ׳וואָלט זיך דאָ געקליבן לעבן און לעבן אויף יידיש. און דאָס איז דער נס פון דער היגער יידישער ליטעראַטור וואָס זי האָט פון שפּראַך־גלייכגילטיקייט געשאַפן דעם שענסטן שפּראַך־באַ־וווסטזיין, וואָס זי האָט פאַר אַן אונטערגייענדיקן דור געשפּילט אויף אַ לע־בעדיקן אינסטרומענט. ס׳איז אַ נס וואָס דער שרייבער האָט נישט אַרונטער־געגלידערט צום פּשוטן צייט־פאַרטרייבער, נאָר ער האָט אין די יידיש־כלים אויפגעהיט די טראַדיציע פון אַ גרויסן ערנסט, און פון יידישע אידעאַלן, אַזוי

אַז זיי קייטלען זיך צוזאַמען מיט אונדזער גאַנצער אַלטער ליטעראַטור אין אַ גאָלדענעם המשך.

נעמט טעקסטן פון היגע ייִדישע שרייבער און פאַרגלייכט זיי מיט ייִדישע שרייבער מעבר לים, ווו אונדזערע מיליאָנען ברידער האָבן נאָר־וואָס גערעדט אַ לעבעדיקן ייִדיש, און זעט ווי דאָס היגע ייִדישע קינסטלערישע וואָרט שטייט נישט אָפּ, ניין, לויפט פאָראויס, טאַנצט פאָראויס מיט אַ זעלטענער פרייד פון אַנטוויקלונג און וווּקס. מיטן כוח פון וואָס פאַר אַ גלויבן איז דאָס געשען? דאָס איז דער נס פון דער היגער ייִדישער ליטעראַטור.

אָבער אויב עס איז מיט דער היגער ייִדישער ליטעראַטור געשען אַ נס, מוז מען צוגעבן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע ליידט טאַקע פון דער איבערנאַטירלעכקייט פון דעם גליקלעכן צופאַל, פון איר נס מן השמים. אין אַ נאַטירלעכער פּראָדוקטיווער ליטעראַטור ווו שפּראַך איז נאַטירלעך, און ווו די קינדער וואַקסן אויף מיט דעם געפיל אַז דאָס מוז ווערן אַ טייל פון זייער תרבות־באַגאַזש, איז פאַראַן אַ מין אויבער־סנהדרין, וואָס אויב אַפילו מען זעט אים נישט און מען הערט נישט זיין פּסק־דין, זעען מיר אָבער די רעזולטאַטן. איין אידייע באַזעלט אַ ליטעראַטור, אויב נישט אַלעמאָל, איז לכל הפּחות דעקאַדנווייז. דאָ איז נישט ס׳פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף די דאָזיקע ליטעראַרישע מיילשטיינער, וואָס ווייזן אויף דער גרויסער משפּחה־שאַפט פון אַ גאַנצער ליטעראַטור. מענטשן וואָס וווינען אין איין לאַנד, ווויענען צוזאַמען אין אַ געוויסער איינגעגליווערטקייט, זיי געפינען זיך נישט אין אַ כסדרדיקן פּראָצעס פון נערוועז ווערן. זיי נעמען רויִק אויף די אַלע ענדערונגען וואָס זענען באַשערט אונדזער דור און ענדערן זיך שטיל לויט די דאָזיקע געזעצן. אָט די איינגעפונדעוועטקייט איז גוטער באַדן פאַר ליטעראַטור. אָבער אונדזערע אימיגראַנטן האָבן נישט געלעבט, נאָר זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין צופּאַסן צום לעבן. זייער צופּאַסיקייט האָט זיי געגעבן די שטענדיקע נערוועזיטעט פון געסט, וואָס האָבן מורא אַז מ׳פאַרדעכטיקט זיי אין נישט קענען זיך איינהיימישן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

אונדזער ייִדישער שרייבער, וואָס איז אויף דער היגער ערד געווען אַ נס, האָט גראָד צוליב זיין איבערנאַטירלעכקייט נישט געקענט נאָכלויפן דעם דאָזיקן דור פון צופּאַסערס און אַנטלויפערס. ער האָט אים נישט געקענט כאַפּן ווי געהעריק, אים אָפּשטעלן און געשטאַלטן. אָפטמאָל האָט ער אים פאַרגראָטעסקעוועט, אָבער ער האָט אים נישט געזען אין זיין טראַגיזם, אין זיין הונגער נאָך באָדן אונטער די פיס, געדענקענדיק די גאַנצע צייט מיט שרעק דעם טראַדיציאָנעלן לך לך פון אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געפונען קיין רו פאַר די מידע פיס.

ער, דער יידישער קינסטלער, האָט דעם דור פון דאָהי קינסטלעריש נישט געקענט געבן, און נישט קענענדיק שילדערן דעם דאָ איז ער כסדר אַוועק, אָדער צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער גאָר צו זיך אין די טונקלסטע אויס־טראַכטענישן. אַ געזונטער לייענער איז אַ טייל פון דעם אויבער־סנהדרין פון אַ ליטעראַטור. מעג ער שווייגן, אָבער ער מאָנט מיט די אויגן. ער זוכט זיך אין דער ליטעראַטור און ער מוז זיך געפינען. ער מוז געפינען אַ פּירוש אויף אַלע זיינע בענקשאַפטן און די בענקשאַפטן פון זיין גאַנצן דור. דער אחריות־דיקער שרייבער קען נישט זיין היפּער־סוביעקטיוו, ווייל ער קען נישט אַנט־לויפן צופיל צו זיך. ער האָט פליכטן, ער האָט אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. אין דער אַטמאָספער פון קעגנזייטיקע פאַרדאַכטן און קעגנזייטיקער אָפּפרעמדונג, איז דער יידישער לייענער נישט צוגעגאַנגען נאָענט צו זיין ליטעראַטור, איז דער יידישער שרייבער נישט געקומען נאָענט צו זיין לייע־נער. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן נישט געטרויט. דער שרייבער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען אָפּצוגעבן קיין דין וחשבון, איז ער אָפטמאָל געטריבן געוואָרן צו אומגעזונטער אינדיווידואַליטעט. ער האָט געשריבן לויט זיין אייגענער אינספּיראַציע און נישט לויט דער אינספּיראַציע פון אַ גאַנץ פאָלק. וואָס איז געוואָרן דערפון? דער רעזולטאַט איז געווען אַז אונדזער ליטעראַ־טור פון גרויסן נס, אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, איז געוואָרן אַ ליטעראַטור פון גרויסע יחידים, אָבער נישט פון און פאַר אַ גרויסן כלל.

מיר האָבן דאָ געהאַט און מיר האָבן דאָ גרויסע קינסטלערישע פּערזענ־לעכקייטן, אָבער זיי זענען צווישן זיך אַליין נישט פאַרבונדן. יאָ, ס'זענען פאַראַן קינסטלערישע פאַרבינדונגען, שם הכוללס, ווי די „יונגע", „אינזי־כיסטן" און אַנדערע גרופּירונגען, אָבער די גרופּירונגען זענען מערסטנס גע־ווען זשורנאַל־ און זאַמלביכער־גרופּירונגען. צווישן די שרייבערס גופא און צווישן זייערע ווערק איז נישטאָ דער צוזאַמענבונד פון אַ גרויסער נאַציאָנאַ־לער אידייע. דער באַדנלאָזער וווקס פון דער היגער יידישער ליטעראַטור האָט קודם־כל גורם געווען אַז מיר זאָלן די היגע ערד פאַקטיש אינגאַנצן נישט אָפּשפּיגלען. כ'רעד דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט פון קיין צופעליקע און קנאַפּע אויסנאַמעס. דערנאָך האָט דער איבער־נאַטירלעכער צושטאַנד פון אונדזער ליטעראַטור, דער צושטאַנד פון נס אויך גורם געווען, אַז אונדזער היגע ליטע־ראַטור ווי אַ גאַנצע זאָל נישט האָבן קיין נאַציאָנאַלע אידייען. אַז מ'זאָל נע־מען אַן אינוועטאַר פון אונדזער גייסטיקער רייכקייט, וועט מען זען ווונדער־לעכע צוואַרפענע גיטער, אָבער ס'איז שווער אויפצושטעלן איין גרויסן בנין. די שענסטע אינספּיראַציעס פון שרייבער, אויב זיי וואַקסן נאָר אַרויס פון פאָלק, און פון אַ גרויסער פאָלקישער מאַנערישקייט, זענען נישט קיין צו־

פאַלן, נאָר פלאַנירטע אינספּיראַציעס. מיר קענען זיך למשל אָנשטויסן, פאַר וואָס און ווי אַזוי געוויסע שרייבער זענען געקומען צו זייערע טעמעס, אָבער מיר זעען אין דעם נישט קיין קאָלעקטיוון אָנרעג, קיין נאַציאָנאַלן שטויס און נאַציאָנאַלן אָנשפּאַר.

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר זענען געקומען „פּייער־לעשער״ אין אונדזער יִדישן דערציִונגס־לעבן, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו לעשן אַ גרויס פייער, וואָס האָט אונדז פאַרברענט אונדזער גאַנצן נאָכוווקס פון קינדער און קינדס־קינדער. ערנסטע דערציִער קומען צום אויספיר אַז מען מוז אָנערקענען דעם יִדיש־העברעיִש־ענגליש פון אונדזער ניי־רענעסאַנס, סיי אויפן רעליגיעזן און סיי אויפן וועלטלעכן געביט. ערגעצוו צווישן די צוויי שפּראַכן ענגליש און העברעיִש קען נאָך יִדיש קריגן גאָר אַ סך חשיבות. אָט די חשיבות קען אַ סך אויפטאָן פאַר אונדזער לשון און עס קען נאָך אפשר געמאָלט זיין אַז מיר זאָלן געפינען אַ נייעם דור און אַ נייעם לייענער. אויף דעם יונגן, ערנסטן יִדישן אוניווערזיטעט־לייענער וואָלט זיך געמעגט אָריענטירן די יִדישע ליטעראַטור. געווען אַמאָל אַ צייט ווען יִדישע שרייבער זענען געפאָרן איבער אַמעריקע און די קינדער האָבן דעם שרייבער גלייך באַטראַכט פאַר דעם טאַטנס גאַסט, פאַר אַזאַ מין פאַמיליע־אָנשיקעניש, אומגעפער ווי אַן אומגעוווּנטשענער פעטער אָדער אַ מומע אַ קליפּה. ס׳באַמערקט זיך לעצטנס אַ שטיקל אינטערעס פון יִנגערן דור צום יִדישן שרייבער.

דער הייַנטיקער יִדישער שרייבער דאַרף זיך באַטראַכטן נישט נאָר ווי אַ נס נאָר ווי אַ פילפאַכן נס. אויב ער איז נאָך אין יאָר 1948 געבליבן לעבן, נאָך אַזוי פיל נביאות פון אונטערגאַנג; אויב ער האָט דורך דער צייט אַזוי אויפגעשפּילט אונדזער לשון, אַז מ׳קען אין אים זען די אַנטוויקלונגען נישט נאָר פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, נאָר פון יאָרהונדערטער; אויב צו אונדזער גרויסן אומגליק איז אים נאָך באַשערט געווען צו באַקלאָגן אַ גאַנץ פאָלק אויף דער שפּראַך, וואָס האָט צו אונדזער אומגליק איבערגעלעבט דאָס פאָלק, כאָטש מיר האָבן זיך געשראָקן אַז דאָס לשון וועט פריִער אָפּשטאַרבן — דאַרף אַזאַ מין שריפטשטעלער אַנטוויקלען אין זיך אַ העכערע און געוואַגטערע האָפענונג, אַז ער וועט אפשר אויך קריגן די שול־יוגנט.

אין דער גרעסטער און שאַרפסטער אַסימילאַציע האָט פרץ געוואַגט צו חלומען פון אַ יִדישער שול־יוגנט פאַר יִדיש, און ער האָט זי געקראָגן. מיר מוזן אויך אַזוי טראַכטן און זיך אָריענטירן אויף דער יוגנט און וויסן אַז זי האָט אַ פּאַספּאָרט, אַז זי קומט פון ערגעץ, אַז זי קומט פון אַ גרויסער קינסט־לערישער וועלט. אויב אונדזער יוגנט וועט אַמאָל טרעפן דעם וועג צו אונדז, דאַרף זי אונדז אויך טרעפן קינסטלעריש אין יענער גרויסער וועלט.

דאָס יידישע אומגליק האָט אונדז אַלעמען געמאַכט פאַר באַקלאָגערס, אָבער מיר מוזן דער יוגנט צוליב געדענקען אַז אין באַקלאָגן גייט אויך אַריין אויפלעבן און אויפהאַלטן די ירושה, די גרויסע טראַדיציע. אין באַקלאָגן ווערט אויך איינגעשלאָסן גייסטיקער אינוונטאַר, אָריענטאַציע — מוטיקע אָריענטאַציע. מיר דאַרפן כאַטש גייסטיק צוריקבויען אונדזער חורבן. מיר האָבן געמיינט אַז אונדזער אונטערגאַנג איז אַ בהדרגהדיקער, אַ נאַטירלעכער און מיר זענען געווען צו גלייכגילטיק צו דעם. איצט זעען מיר אַז מיר וועלן מוזן אויפלעבן דעם חורבן, כדי ער זאָל טאַקע בלייבן לעבן אין דער וועלט פון גייסט.

פון פאָלק מוזן מיר קודם־כל צוריקקריגן די ליבשאַפט צום יידישן לשון, די איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט, וואָס יידיש פאַרדינט ביים היינטיקן טאָג. דאָס וועט ווערן דער באָדן, וואָס מיר, די היגע יידישע ליטעראַטור, האָבן אין איר סאַמע אָנהייב נישט געקראָגן. אַזאַ ליבשאַפט וועט ווערן נאַטירלעכע, פרוכטבאַרע טעריטאָריע און נישט אילוזיע. דער יידישער שרייבער וועט נישט דאַרפן אויסטראַכטן אַזאַ איבערגעגעבנקייט כדי צו קענען שרייבן. אַזאַ ליבשאַפט וועט אויך צאָלן דיווידענדן. דער לייענער וועט קריגן שטים־רעכט, מ'וועט הערן זיינע פאָדערונגען און מ'וועט אים אָפּשפּיגלען אין דער ליטעראַטור.

אָט איז נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען אַזאַ וווּנדערלעכע אויפלעבונג אין יידישן לעבן ווי די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. דאָס וואָס איז איצט צייטונג־באַריכט, כראָניק וועגן עקזאָדוס און קאַמף און דראַנג פון „אומלעגאַלער" אימיגראַציע, דורכרייסן פון בלאָקאַדעס, איבערמענטשלעכע העלדישקייט — דאָס אַלץ וועט אַמאָל ווערן אונדזער ניי־תנ"ך, און אַפילו גויים וועלן עס לייענען אין זייערע קירכעס.

יידיש ווי אַ כוח קען אָפּשפּיגלען דעם יידישן כוח צו לעבן און קען אויך געפינען אַ וועג צו דער יוגנט וואָס וויל לעבן ווי יידן, נאָר זי זוכט זיך דערווייל אין די „נאַזאַרינס", אין די רעפאָרמיסטישע דרשות און די פאַרשיידענע איזמען, וואָס ראַטעווען אַלע שאַנג קאַי שעקס פון דער וועלט און קענען נישט טרעפן דעם וועג צום אייגענעם ווייַנגאָרטן.

אַזאַ צוגאַנג וואָלט פאַרוואַנדלט די היגע יידישע ליטעראַטור אין אַ נס פון נאַטירלעכקייט, דאָס וואָלט געווען דער צווייטער נס. מיט דער הילף פון אַ גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכער איבערגעגעבענער יידישער לייענערשאַפט קען אַזאַ צווייטער נס געשען. די יידישע ליטעראַטור קען ווערן אַ נאַטירלעכע ליטעראַטור, וואָס זאָל אויך ווערן דער שטאָלצער וועגווייזער פאַר אַ שטאָל־

צער ייִדישער יוגנט, וואָס מעג זיך גרויסן מיט איר ייִדישער ליטעראַטור, וווּ ס׳זענען דאָ ייִדישע פּרוסטס, דזשאָיסעס, העמינגוועיס, עליאָטס, סאַרטערס, קאָמינגסעס, און וואָס זענען דערצו נאָך יורשים פון נביאים, תנאים, אמוראים, גאונים, פּייטנים פון אונדזער גרויסער און ליכטיקער געשיכטע און וואָס זע־נען פאַרבונדן מיט די האָפענונגען פון ייִדישן לעבן איבער גאָר דער וועלט.

.1948

אינהאַלט

I

ליטעראַרישע און עקאָנאָמישע געזעצן 9
די נייע ייִדישע פּערזענלעכקייט 13
ליב זענען מיר ייִדישע שרייבערס 18
אַ מאָנאָלאָג פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל 25
די ענגליש־ייִדישע ענציקלאָפּעדישע האַנט־ביכער 31
די ייִדישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור 37
די ייִדישע ענציקלאָפּעדיע 40
מיין באַרעכטיקטע מורא 46
קאַמינגס און פעלדמאַן 52
טאַינביס נייע ייִדישע אָריענטאַציע 57
באַמערקונגען 63
דער טראָפּ איז אויף מענטש 67
אַ ווערק וועגן קאַרל מאַרקס 74
ווען פאַרגעבונג איז נישט קיין צידקות 80
באַוווּנדערונג און ביטול 86
פּאַבלאָ פּיקאַסאָס וועלט 91
מוזיק, וואָרט און מעשים 97
„ייִדן צום געדענקען" פון פּנחס שטיינוואַקס 101
לעאָ קעניגס לעסטערונגען 105
קריטיק 112
גערעדטע און אויסגעשוויגענע ווערטער 119

II

ליטע — אַ מאָנומענט 125
יצחק בערלינער 131
„אוישוויץ" פון יוסף ראַגאַל 136
לייזער וואָלף 143
דער קדוש — זישע באַגיש 147
אַנטאָלאָגיע פון רעליגיעזע לידער און דערציילונגען 154
דער טראַגישער פּאָעט 161
„מיט ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד" (דאָס נייע בוך פון יצחק יאַנאַסאָוויטש) 170
זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערן 177
מיין שטאָט לובלין 184

„מיין לעקסיקאָן“ פון מלך ראַוויטש — — — — — — — — 193
דריי נאַציאָנאַלע פּאָעמעס פון נ. י. גאָטליב — — — — — 198
„דער שול־הויף“ פון חיים גראַדע — — — — — — — — 203
יעקב פּאַט — „שמועסן מיט יידישע שרייבער“ — — — — 209
יוסף ראָלניקס „זכרונות“ — — — — — — — — — — 215
„איינדזלען אויף דער ערד“ פון מרדכי שטריגלער — — — — 221
נח גאָלדבערגס „זן ליכט גייט אויף“ — — — — — — — 229
זוכנדיק קינסטלערישע פרייד אין תוהו — — — — — — — 234
מאַרק שוויידס „אַלע לידער און פּאָעמעס“ — — — — — — 240
אהרן ניסענזאָנס „אין צדיקס טריט“ — — — — — — — 247
„דיכטער און דיכטונג“ פון א. טאַבאַטשניק — — — — — 253
מלכה חפץ־טוזמאַן — — — — — — — — — — — — — 259
א. לוצקי — — — — — — — — — — — — — — — — 265
מאיר שטיקערס לידער — — — — — — — — — — — — 273
אין מילוואָקי לעבט אַ יידישער פּאָעט — — — — — — — 280
„כתבים“ פון חיים קרול — — — — — — — — — — — 286
י. ל. קאַלושינער — — — — — — — — — — — — — — 292
לוי גאָלדבערגס לידער — — — — — — — — — — — — 296
ד״ר א. מוקדוני — — — — — — — — — — — — — — 303
משה יונה חאַימאָוויטש — — — — — — — — — — — 310
אַ ליטעראַרישע סענסאַציע — — — — — — — — — — — 316
נ. ב. מינקאָוו — — — — — — — — — — — — — — 321
נ. ב. מינקאָוו צו זיין ערשטן יאָרצייט — — — — — — — 326
ש. מיללער — — — — — — — — — — — — — — — — 328
אלף כצס „שפּיל אין לידער“ — — — — — — — — — 334
אליעזר בלום־אַלקוויטס דערציילונגען — — — — — — — 340
46 יידישע לידער אויף ענגליש — — — — — — — — — 345
שעקספּירס סאָנעטן — — — — — — — — — — — — — 351
קאַלעוואַלאַ אויף יידיש — — — — — — — — — — — — 357
יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ נס — — — — — 362

ביכער פון זעלביקן מחבר

ל י ד ע ר

יעקב גלאַטשטיין
פרייע פערזן
קרעדאָס
ייִדישטייטשן
געדענקלידער
שטראַלנדיקע ייִדן
דעם טאַטנס שאָטן
פון מיין גאַנצער מי

בעלעטריסטיק

ווען יאַש איז געפאָרן
ווען יאַש איז געקומען
עמיל און קאַרל

ע ס יי ע ן

אין תוך גענומען, באַנד איינס
אין תוך גענומען, באַנד צוויי

קיום
פאַרלאַג
פועלי ציון־התאחדות

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פּאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלם לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן

21־20. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel

אין גיכן דערשיינט:

שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן
זלמן שזר — ליכטיקע פּערזענלעכקייטן
בנימין וועסט — ציוניזם אונטער די סאָוועטן

Este libro se terminó de
imprimir en el mes de
junio de 1960, en
los Talleres Gráficos de
JULIO KAUFMAN, S.R.L.,
Avenida Corrientes 1976,
Bs. Aires, Rep. Argentina

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

SUM AND SUBSTANCE
Copyright by
JACOB GLATSTEIN
New York

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

JACOB GLATSTEIN

EN ESENCIA

TOMO II

BUENOS AIRES
1960